STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09953

FELDER, FABRIKEN UN VERKSHEPER

Petr Alekseevich Kropotkin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פעלדער, פאבריקען און ווערקשעפער

אָדער

אינדוסטריע פערבונדען מיט אַגריקולטור
און גייסטיגע אַרבייט מיט האַנד־אַרבייט.

פון

פּעטער קראָפּאָטקין

איבערזעצט נאָך דער לעצטער פערבעסערטער אויסגאַבע
פון דר. י. א. מעריסאָן.

ארויסגעגעבען פון דער
„קראָפּאָטקין ליטעראַטור געזעלשאַפט“,
ניו יאָרק, 1914.

פינסקי־מזל פרעס, 84 בויערי, ניו יארק.

פון די אַרויסגעבער

דאָס ציעל צו שאַפען אַ סאָציאַל־וויסענשאַפטליכע ליטעראַטור אין אידיש ווערט ביסלעכווייז פערווירקליכט. צו די פאָריגע צוויי ווערק, „די מעמוארען פון אַ רעוואָלוציאָנער“ און „די געגענזייטיגע הילף“ קומט איצט צו אַ דריטעס ווערק, וואָס מוז לויט זיין אינהאַלט זיכער פעררעכענט ווערען אַלס אַ גרויס געווינס פאַר דער אידישער ליטעראַטור און אַלס אַ ווערק פון גרויסע נוצען פאַר דער אויפקלערונג פון דעם אידישען אַרבייטער.

די ערשטע יוגענד־פעריאָדע פון דער סאָציאַליסטישער בעוועגונג צווישען די אידישע מאַסען מיט איהר בראַשורען־ליטעראַטור האָט דערגרייכט איהר ענד. די אידישע סאָציאַליסטישע בעוועגונג טרעט שוין אַריין אין די דערוואַקסענע יאָהרען, ווען אַ רייכערע און מעהר אומפאַסענדע גייסטיגע נאַהרונג איז אַ דרינגענדע נויטווענדיגקייט פאַר איהר רייפערער ענטוויקלונג. עס איז דעריבער געקומען די צייט צו בויען אַ אידיש־סאָציאַליסטישע ביכער־ליטעראַטור, און דער פונדאַמענט פון דעם בנין מוזען נאַטירליך זיין אונזערע סאָציאַליסטישע קלאַסיקער. עס מוזען אַריינגעפיהרט ווערען אין אידיש די ווערק פון פרודאָן און שטירנער, פון לאַסאַל און מאַרקס, פון פוריע און גאָדווין, און פון אונזערע איבעריגע גרויסע לעהרער. די אידישע מאַסען מוזען האָבען די מעגליכקייט צו שעפען זייער וויסען דירעקט פון די טיעפע קוואַלען, אַנשטאַט צו זיין אָנגעוויעזען אויף די דינע טרייבלעך, דורך וועלכע די אַזוי גערופענע פאָפולאַריזאַטאָרס ברייטען־צו פאַר זיי אַ געשמאַקלאָזע, איבערגעגאָסענע פליסיגקייט.

בויענדיג אויף דער סימפּאַטיע און דעם צוטרויען פון די אַרבייטער מאַסען — און דערביי דריקען מיר אויס אונזער דאַנקבאַרקייט די אַלע אַרבייטער־אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבען געהאָלפען אונזער אַרבייט מיט זייער פינאַנציעלער שטיצע — און געזיכערט פון דעם ערפאָלג, וואָס מיר האָבען געהאַט ביז איצטער, נעהמען מיר זיך פאַר דער ערפילונג פון דער דאָזיגער אויפגאַבע מיט אַ פרישען מוטה, און הויבען שוין אָן די פאַרברייטונג פון אונזער נעקסטען בוך — שטירנער׳ס „דער איינציגער און זיין איינענטום“.

ניו יאָרק, 1914.

די קראָפּאָטקין ליטעראַטור־געזעלשאַפט.

א בעמערקונג פון דעם איבערזעצער.

דאָס בוך וואָס דער לעזער געפינט דאָ איבערזעצט אין אידיש, בעהאנדעלט דעם איצטיגען צושטאַנד און די מעגליכע פערבעסערונגען פון דער אגריקולטור אָדער לאַנדווירטשאַפט, די ענטוויקלונג פון דער גרויס־אינדוסטריע אָדער פאַבריק־ארבייט און די לעבענס־פעהיגקייט פון דער קליין־אינדוסטריע אָדער די האַנד־ארבייט. לויט'ן אינהאלט האָט דעריבער דער נאָמען פון בוך געדאַרפט איבערזעצט ווערען: „לאַנדווירטשאַפט, אינדוסטריע און האַנדווערק", ווי דאָס האָט געטאָן דער דייטשער איבערזעצער. דאָך האָב איך פאַרגעצויגען די ווערטליכע איבערזעצונג פון דעם אָריגינעלען ענגלישען נאָמען „פיעלדס, פעקטאָריעס ענד וואָרקשאָפּס" — „פעלדער, פאַבריקען און ווערקשעפּער" — מחמת דעמזעלביגען טעם, ווי מיר דוכט, פאַרוואָס דער פערפאַסער האָט אויסגעקליבען די דאָזיגע ווערטער: פאַר זייער איינפאַכקייט און מעהר פּאָפּולערען קלאַנג. די ווערטער: „לאַנדווירטשאַפט", „אינדוסטריע" און „האַנדווערק" זיינען אבסטראַקטע נעמען פון זאכען, בעת „פעלדער", „פאַבריקען" און „ווערקשעפּער" זיינען בעצייכנונגען פון די קאָנקרעטע זאכען גופא, וועלכע מען דאַרף פאַר'ן ארבייטער ניט פערטייטשען.

אין אַלעם איבעריגען וויל איך פערזיכערן די קריטישע לעזער, וועלכע קענען וועלען געברויכען די דאַטען און ציפער פון דעם ווערק פאַר וויסענשאַפטליכע בעהאַנדלונגען, אז זיי מעגען זיך פערלאָזען אויף דער אידישער איבערזעצונג אין פּרט פון פּינקטליכקייט אקוראַט ווי אויפ'ן ענגלישען אָריגינאַל אליין.

איך נעהם דאָ די געלעגענהייט צו בעדאַנקען חבר א. גלאַנץ פאַר זיין מיטאַרבייטערשאַפט אין דער איבערזעצונג פון די צוויי קאַפּיטלען: „די קליינע אינדוסטריען און אינדוסטריעלע דערפער".

דר. י. א. מעריסאָן.

ניו יאָרק, דעצעמבער, 1914.

אינהאַלט

זייטען

פון די אַרויסגעבער.............................. 3

פון דעם איבערזעצער........................... 4

פאָררעדע פון דעם פּערפאַסער...................9—12

פאָררעדע צו דער ערשטער אויסגאַבע...........13—16

קאַפּיטעל I

די דעצענטראַליזאַציע פון די אינדוסטריען............17—44

די צוטיילונג פון דער אַרבייט און די פעראייניגונג. — די פער־שפּרייטונג פון אינדוסטריעלער טעכניק. — יעדעס פאָלק דער פּראָדוציר פון זיינע אייגענע פאַבריצירטע אַרטיקלען. — גרויס־בריטאַניען. — פראַנקרייך. — דייטשלאַנד. — רוס־לאַנד. — „דייטשע קאָנקורענץ".

קאַפּיטעל II

די דעצענטראַליזאַציע פון די אינדוסטריען (פאָרטגעזעצט)..45—69

איטאַליע און שפּאַניען. — אינדיע. — יאַפּאַן. — די פעראיי־ניגטע שטאַאַטען. — באַוועל־ וואָלענס־ און זייד־אינדוסטריען. — די וואַקסענדע נויט פון יעדען לאַנד זיך צו שטיצען דערהויפּט אויף די היימישע פערברויכער.

קאַפּיטעל III

די מעגליכקייטען פון אַגריקולטור................70—138

די ענטוויקלונג פון אַגריקולטור. — דער פאָראורטייל פון איבער־בעפעלקערונג. — קען דער באָדען פון גרויס־בריטאַניען דער־נעהרען זיינע איינוואוינער? — בריטישע אַגריקולטור — פערגליכען מיט דער אַגריקולטור פון פראַנקרייך, בעלגיען און דענעמאַרק. — האַנדעל־גערטנעריי: איהרע אויפטהאונגען. — קען זעען ווייץ אין גרויס־בריטאַניען ברייננגען פּראָפיטען? — אַמעריקאַנער אַגריקולטור: אינטענסיווע ווירטשאַפט אין די פעראייניגטע שטאַאַטען.

קאַפּיטעל IV

די מעגליכקייטען פון אַגריקולטור (פאָרטגעזעצט)......139—166

מאַלטהוס'עס לעהרע. — פאָרטשריט אין פּראָדוצירען ווייץ. — מזרח־פלאַנדערן. — קאַנאַל־אינזלען. — קאַרטאָפעל גערעטעני־שען.—פריהער און איצטער.—בעוועסערונג.—מאַיאָר האַללעט'ס עקספּערימענטען. געפלאַנצטער ווייץ.

זייטען

קאַפּיטעל V

די מעגליכקייטען פון אַגריקולטור (פאָרטגעזעצט)......167—208

די אויסשפּרייטונג פון האַנדעלס־גערטנעריי און פרוכט קולטי־ווירונג: אין פראַנקרייך; אין די פעראייניגטע שטאַאטען. — קולטיווירונג אונטער גלאָז. — קולטיווירונג אין געוואָרעמטע הייזער: אין גערנסעי, אין דזשערסיע; אין בעלגיען.—שלוס.

קאַפּיטעל VI

קליינע אינדוסטריען און אינדוסטריעלע דערפער......209—274

אינדוסטריע און אַגריקולטור. — די קליינע אינדוסטריען. — פערשיידענע טיפּען. — קליינע מלאכות אין ענגלאַנד: שעפפיעלד, לידז, לייק דיסטריקט, בירמינגהאַם. — סטאַטיסטישע דאַטען. — קליינע מלאכות אין פראַנקרייך: וועבעריי און פערשיידענע אַנדערע אַרבייטען. — דער ליאָנער ראַיאָן. — פּאַריז אַ גרויסער צענטער פון קליינע מלאכות. — די רעזולטאַטען פון דעם צענזוס פון יאָהר 1896.

קאַפּיטעל VII

קליינע אינדוסטריען און אינדוסטריעלע דערפער......275—304

(פאָרטגעזעצט)

קליינע מלאכות אין דייטשלאַנד: דיסקוסיאָנען איבער דעם געגענשטאַנד און די שלוסען צו וועלכע מען איז געקומען. — רעזולטאַטען פון דעם צענזוס, וואָס איז געמאַכט געוואָרען אין 1882, 1895 און 1907. — קליינע מלאכות אין רוסלאַנד. — שלוסען.

קאַפּיטעל VIII

גייסטיגע אַרבייט און האַנד־אַרבייט...............305—343

די צושיידונג צווישען וויסענשאַפט און האַנדווערק. — טעכנישע ערציהונג. — אַ פאַלשטענדיגע ערציהונג. — דער מאָסקווער סיסטעם: אָנגעווענדעט אין שיקאַגאָ, באָסטאָן, אַבערדין. — קאָנקרעטער אונטערריכט. — די איצטיגע צייט־פערשווענדונג. — וויסענשאַפט און טעכניק. — די נוצען וואָס די וויסענשאַפט קען ציהען פון דער פערבינדונג פון גייסטיגער אַרבייט מיט האַנד־אַרבייט.

קאַפּיטעל IX

שלוס...............................344—352

אַנהאַנג...............................533—410

פעלדער, פאבריקען און ווערקשעפער

פאָררעדע.

פערצעהן יאָהר זיינען פאַראיבער זינט די ערשטע אויסגאַבע פון דעם בוך איז געדרוקט געוואָרען, און איבערקוקענדיג דאָס ווערק פאַר אַט דער נייער אויסגאַבע, האָב איך געפונען צום האַנד אַן אונגעהייערע מאַסע נייע מאַטעריאַלען, אַי סטאַטיסטישע, אַי בעשרייבענדע, ווי אויך אַ גרויסע צאָהל נייע ווערק, וואָס האָבען צו טהאָן מיט די פערשיידענע ענינים, וועלכע ווערען בעהאַנדעלט אין דעם בוך. איך האָב אויף דעם אופן געהאַט אַן אויסגעצייכענטע געלעגענהייט צו בעשטעטיגען, אויף וויפיעל עס זיינען מקוים געוואָרען, דורך די שפּעטערע עקאָנאָמישע ענטוויקלונג פון די פערשיידענע פעלקער, די פאָראויסזעהונגען, וועלכע איך האָב פאָרמולירט שרייבענדיג דאָס ערשטע מאָל.

אָט די בעשטעטיגונג ערלויבט מיר צו בעהויפּטען, אַז די עקאָנאָמישע טענדענצען, וועלכע איך האָב דאַמאָלסט געוואַגט אַנצודייטען אין פאָראויס, זיינען פון דאַן אַן געוואָרען אַלץ מעהר און מעהר קלאָר אויסגעשפּראָכען. אומעטום זעהען מיר ווי עס געהטראַן דיזעלביגע דעצענטראַליזאַציע פון די אינדוסטריען; ווי נייע פעלקער טרעטען נאָכאַנאַנד אַריין אין די רייהען פון די, וואָס פאַבריצירען פאַר'ן וועלט־מאַרק. יעדערער פון די דאָזיגע ניי־געקומענע סטאַרטעט זיך צו ענטוויקלען, און עס געלינגט איהם צו ענטוויקלען, די הויפּט־אינדוסטריען אויף זיין איינענער טעריטאָריע, און בעפרייט זיך אויף דעם אופן פון צו ווערען עקספּלואַטירט דורך אַנדערע פעלקער, וועלכע זיינען מעהר פאָרטגעשריטען אין זייער טעכנישער ענטוויקלונג. אַלע פעלקער האָבען געמאַכט אַ מערקווירדיגען פאָרטשריט אין אָט דער ריכטונג, ווי מען וועט עס קענען זעהן פון די נייע פאַקטען, וועלכע ווערען געגעבען אין אָט דעם בוך.

פון דער אַנדער זייט זעהט מען, אַז עס וואַקסט ביי אַלע גרויסע אינדוסטריעלע פעלקער די טענדענץ און די נויט צו ענט־וויקלען ביי זיך אין דער היים אַן אינטענסיווערע אַגריקולטור־פּראָדוקטיוויטעט, — סיי פערבעסערענדיג די איצטיגע מעטאָדען

פון עקסטענסיווער אגריקולטור מיט דער הילף פון קליינע ווירט־שאַפטען, „אינערליכער קאָלאָניזאַציע", אגריקולטורעלער בילדונג און קאָאָפעראַטיווער ארבייט, סיי דורך דער אריינפיהרונג פון פער־שיידענע נייע צווייגען פון אינטענסיווער אגריקולטור. ספּעציעל גיט אונז ענגלאַנד ביי דעם איצטיגען מאָמענט אַ העכסט בעלעה־רענדען ביישפּיעל פון אַ בעוועגונג אין דער דערמאָנטער ריכטונג. און אַט די בעוועגונג וועט זיכער בריינגען ניט נאָר אַ שטאַרק־נויטיגע פערמעהרונג פון דעם פאָלק'ס פּראָדוקטיווע קרעפטען, וועלכע וועט איהם העלפען זיך צו בעפרייען פון די אינטערנאַציאָ־נאַלע ספּעקולאַנטען אין שפּייז־פּראָדוקטען, נאָר זי וועט אויך דער־וועקען אין פאָלק אַ פולערע אָבשאַצונג פון דעם אונגעהייערען ווערטה פון זיין באָדען, און דעם פערלאַנג צו פערריכטען דעם פעהלער וואָס איז בעגאַנגען געוואָרען דערמיט, וואָס ער האָט געלאָזען דעם באָדען אין דעם רשות פון די גרויסע לאַנד־איינענ־טימער און פון די, פאר וועמען עס לוינט זיך איצטער בעסער צו פערדינגען דאָס לאַנד אויף געיעג־פּלעצער. די פערשיידענע שריט, וואָס ווערען איצט געמאַכט אויפצוהויבען די ענגלישע אגריקולטור און צו בעקומען פון לאַנד אַ פיעל גרעסערע סומע פּראָדוקטען, ווערען אין קורצען אָנגעוויזען אין קאַפּיטעל 5.

דערהויפּט האָב איך געפונען פאר נויטיג אריינצובריינגען די רעזולטאַטען פון אַ גרויסער צאָהל נייע פאָרשונגען, ביים איבער־קוקען די קאַפּיטלען, וואָס בעהאַנדלען די קליינע אינדוסטריען. בעת מעשה האָב איך געהאַט די געלעגענהייט צו בעווייזען, אַז דער וואוקס פון אַן אונענדליכער פערשיידענהייט פון קליינע אונטער־נעהמונגען ביי דער זייט פון די זעהר גרויסע צענטראַליזירטע געשעפטען, צייגט ניט ארויס קיינע צייכענס פון אָבשוואַכונג. אין גענענטייל, די פערטיילונג פון עלעקטרישער בעוועגונג־קראַפט האָט זיי נאָר געגעבען אַ נייעם שטויס. אין יענע פּלעצער וואו די וואַסער־קראַפט איז בענוצט געוואָרען צו פערטיילען עלעק־טרישע קראַפט אין די דערפער, און אין יענע שטעדט וואו די מאַשינעריע אויף צו פּראָדוצירען עלעקטרישע בעלייכטונג ביי־נאַכט איז בענוצט געוואָרען צוזושטעלען בעוועג־קראַפט בייטאָג, הויבען די קליינע אינדוסטריען גאָר אָן אַ נייע ענטוויקלונג.

אויף דעם געביט בין איך אימשטאַנד צוצוגעבען צו דער

איצטיגער אויפלאגע די אינטערעסאנטע רעזולטאטען פון אן ארבייט וועגען די קליינע אינדוסטריען אין דער פעראייניגטער ענגלישער מלוכה, וואס איך האב געמאכט אין יאהר 1900. אזא ארבייט איז געווארען מעגליך נאר נאכדעם ווי די בריטישע פאבריק־אינספעקטארען האבען פערעפענטליכט (אין קראפט פון דעם פאבריק־געזעץ פון 1895) זייערע ערשטע ראפארטען, פון וועלכע איך האב געקענט פעסטשטעלען די ביז אהער אונבעקאנטע צאהל־פראפארציע צווישען די גרויסע און קליינע אינדוסטריען אין דער פעראייניגטער ענגלישער מלוכה.

ביז דאן זיינען ניט געווען בנמצא קיינע שום ציפער בנוגע דער פערטיילונג פון ארבייטער אין די גרויסע און קליינע פאבריקען און ווערקשעפער פון גרויס־בריטאניען; אזוי אז ווען עקאנאמיסטען האבען געערדט וועגען דעם „אונפערמיידליכען" טויט פון די קליינע אינדוסטריען, האבען זיי בלויז אויסגעדריקט השערות, וואס זיינען געווען געבויט אויף א בעגרענצטער צאהל בעאבאכטונגען, וועלכע זיינען געמאכט געווארען הויפטזעכליך איבער א טייל פון דער טעקסטיל־אינדוסטריע און מעטאלורגיע. ערשט נאכדעם ווי מר. וווהייטלעגג האט פערעפענטליכט די ערשטע ציפער, פון וועלכע מען קען ציהען ראיעלע שלוסען, האט מען געקענט זעהן, ווי ווייט די דאזיגע ברייטע שלוסען זיינען בעשטעטיגט געווארען פון די ווירקליכע פאקטען. דא אין ענגלאנד, ווי איבעראל, עקזיסטירען די קליינע אינדוסטריען נאך אלץ, און אין א סך וויכטיגע צווייגען פון דער נאציאנאלער פראדוקציאן קומען אפילו צו נייע, ווי א נויטיגער געוויקס, ביים זייט פון די זעהר גרויסע פאבריקען און אונגעהייערע צענטראליזירטע ווערקשאפטען. איך לעג דעריבער צו צו דעם קאפיטעל וועגען די קליינע אינדוסטריען א רעזומע פון דער ארבייט, וואס איך האב פערעפענטליכט איבער דעם ענין אין דער „ניינטינטה סענטיורי".

בנוגע פראנקרייך גיבען די העכסט־אינטערעסאנטע בעאבאכטונגען, וואס ארדוען דימאזע האט געמאכט אין פערלויף פון זיינע פיעל־יעהריגע רייזען איבער'ן גאנצען לאנד, מיר די מעגליכקייט צו בעווייזען די מערקווירדיגע ענטוויקלונג פון די דארף־אינדוסטריען, און די נוצען וואס מען האט פון זיי געצויגען פאר די נייעסטע ענטוויקלונגען אין אגריקולטור און הארטיקולטור,

אויסער דעם, די פערעפענטליכונג פון די סטאַטיסטישע רעזולטאַ־טען פון דעם פראַנצויזישען אינדוסטריעלען צענזוס, פון יאָהר 1896, ערלויבט מיר איצטער צו געבען פאר פראַנקרייך די ציפער־פאַקטען, וואָס בעווייזען די ווירקליכע פערהעלטניסמעסיגע בעדיי־טונג פון די גרויסע און קליינע אינדוסטריען.

און ענדליך, די נייע פערעפענטליכונג פון די רעזולטאַטען פון דעם דריטען אינדוסטריעלען צענזוס, וואָס איז געמאַכט געוואָ־רען אין דייטשלאַנד אין 1907, גיט מיר די פאַקטען אויף צו בעווייזען, ווי די דייטשע קליינע אינדוסטריען האַלטען־אָן זייערע פאָזיציעס פאר די לעצטע 25 יאָהר — א געגענשטאַנד וועלכען איך האָב בלויז געקענט בעריהרען אויף אַן אַלגעמיינעם אופן אין די ערשטע אויסגאַבען. די רעזולטאַטען פון דעם דאָזיגען צענזוס, אין פערגלייך מיט די פריהערדיגע צוויי צענזוסען, ווי אויך געוויסע שלוסען, צו וועלכע קאָמפעטענטע דייטשע שריפטשטעלער זיינען געקומען, ווערען אָנגעגעבען אין דעם אָנהאַנג. אזוי אויך די רעזול־טאַטען, צו וועלכע מען איז לעצטענס געקומען אין דער שווייץ, בנוגע איהרע היימישע אינדוסטריען.

וואָס איז שייך דער נויט, וועלכע פיהלט זיך ביי דעם מאָמענט אומעטום, פון אַן ערציהונג וואָס זאָל פעראייניגען א ברייטען וויסענשאַפטליכען אונטערריכט מיט א ריכטיגער קענטעניש פון האַנד־ארבייט — א פראַגע, וועלכע איך בעהאַנדעל אין לעצטען קאַפיטעל — קען מען זאָגען, אז דער קאַמפף איז אין ענגלאַנד שוין געוואונען געוואָרען פאר די לעצטע צוואַנציג יאָהר. דער פ ר י נ צ י פ ווערט שוין אַנערקענט ביי דער צייט אומעטום, אָבוואויל די מעהרסטע פעלקער, מחמת זיי זיינען פעראָרעמט דורך זייערע בעוואָפענונגען, ווענדען אָן דעם פרינציפ אין לעבען זעהר און זעהר לאַנגזאַם.

ברייטאָן, אָקטאָבער, 1912.

פ. קראָפּאָטקין.

פאָרעדע צו דער ערשטער אויסגאבע

די נאַציאָנאַל־עקאָנאָמען האָבען אונטער די נעמען פּראָפיט, רענטע, קאַפּיטאַל־צינזען, מעהרווערטה און דערגלייכען, שטאַרק דיסקוטירט די נוצען, וואָס די אייגענטימער פון לאַנד אָדער קאַפּיטאַל, אָדער די געוויסע פּריווילעגירטע פעלקער, קענען ציהען ענטוועדער פון דעם ניט־דערצאָהלטען ארבייטס־לוין, אָדער פון דעם נידעריגען שטאַנד, אין וועלכען איין געזעלשאַפט־קלאַס געפינט זיך לגבי אַן אנדער קלאַס, אָדער פון דער נידעריגערער עקאָנאָמישער ענטוויקלונג, אין וועלכער איין פאָלק געפינט זיך לגבי אַן אַנדער פאָלק. אזוי ווי די דאָזיגע פּראָפיטען ווערען פערטיילט אין אַ זעהר ניט־גלייכער פּראָפּאָרציע צווישען די פערשיידענע מענשען, קלאַסען און פעלקער, וואָס בעטייליגען זיך אין דער פּראָדוקציאָן, האָט מען זיך גענומען פיעל מיה אויסצופאָרשען די היינטיגע איינטיילונג פון די איינקונפטען און איהרע עקאָנאָמישע און מאָראַלע פאָלגען, ווי אויך די ענדערונגען, וואָס קענען איינגעפיהרט ווערען אין דער היינטיגער עקאָנאָמישער אָרגאַניזאַציע פון דער געזעלשאַפט, כדי צו מיטברייננגען אַ מעהר גערעכטע פערטיילונג פון די שנעל־וואַקסענדע רייכטימער. און גראָד וועגען די פראַגען, וואָס זיינען שייך צו דעם רעכט אויף דעם דאָזיגען צו־וואוקס פון רייכטום, ווערען איצט אויסגעפאָכטען די הייסעסטע קאַמפען צווישען די עקאָנאָמיסטען פון פערשיידענע שולען.

דערווייל איז די גרויסע פראַגע: „וואָס זאָלען מיר פּראָדוצירען און ווי אזוי זאָלען מיר פּראָדוצירען?“ נויטיגערווייז געבליבען אין הינטערגרונד. די פּאָליטישע עקאָנאָמיע, ארויסקריכענדיג ביסלעכווייז פון איהר האַלב־וויסענשאַפטליכער שטופע, איז אַלץ מעהר און מעהר גענויגט צו ווערען אַ וויסענשאַפט, וואָס גיט זיך אָב מיט דער פאָרשונג פון די מענשליכע בעדערפעניסען און ווי אזוי מען קען זיי בעפריעדיגען מיט דער מעגליכסט קלענסטער פערשווענדונג פון ענערגיע — דאָס הייסט, צו ווערען אַ מין **פיזיאָלאָגיע פון דער געזעלשאַפט**. ביז אהער אָבער האָבען בלויז װעניגע עקאָנאָמיסטען אָנערקענט, אַז

דאָס איז דאָס ריכטיגע געביט פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע, און פּרובירט צו בעהאַנדלען זייער וויסענשאַפט פון אָט דעם שטאַנדפּונקט. דער הויפּט געגענשטאַנד פון געזעלשאַפטליכער עקאָנאָמיע — ד. ה. די עקאָנאָמיע פון די כחות, וואָס פאָדערען זיך צו בעפריעדיגען די מענשליכע בעדערפענישען — איז דעריבער אַן ענין, וואָס מען קען קוים דערוואַרטען ער זאָל ווערען בעהאַנדעלט אין אַ קאָנקרעטער פאָרם אין עקאָנאָמישע ווערק.

די ווייטערדיגע זייטען זיינען אַ בייטראַג צו אַ טייל פון אָט דעם ברייטען ענין. זיי ענטהאַלטען אַן אונטערזוכונג וועגען די נוצען, וואָס ציוויליזירטע געזעלשאַפטען קענען ציהען פון אַ פעראייניגונג פון אינדוסטריעלע טהעטיגקייטען מיט אינטענסיווער אַגריקולטור, און פון קאָפּ־אַרבייט מיט האַנד־אַרבייט.

די וויכטיגקייט פון אַזאַ פעראייניגונג האָט ניט פערפעהלט צו ציהען די אויפמערקזאַמקייט פון אייניגע תלמידי חכמים פון סאָציאַלער וויסענשאַפט. די פראַגע איז שטאַרק דיסקוטירט געוואָרען מיט אַ פופציג יאָהר צוריק אונטער די נעמען „האַרמאָנישע אַרבייט", „אינטעגראַלע בילדונג" און אַזוי ווייטער. עס איז דאַמאָלסט אויפגעצייגט געוואָרען, אַז די גרעסטע סומע וואוילשטאַנד קען דערגרייכט ווערען, ווען אין אַ געמיינשאַפט זיינען פעראייניגט אַלערליי אַגריקולטורעלע, אינדוסטריעלע און גייסטיגע טהעטיגקייטען צוזאַמען; און אַז אַ מענש גיט אַרויס זיין בעסטעס, ווען ער איז אימשטאַנד אַנצו־ווענדען זיינע געוועהנליך פערשיידענע פעהיגקייטען אויף מעהרערע טהעטיגקייטען — אין דער פאַרם, אין ווערקשאַפּ, אין פאַבריק, אין שטודיר־צימער אָדער אַטעליער, — אַנשטאַט צו זיין געשמידט זיין גאַנצען לעבען לאַנג צו בלויז איינער פון אָט די טהעטיגקייטען.

פיעל נעהנטער צו אונזער צייט, אין די זיעבעציגער יאָהרען, האָט הערבערט ספּענסער'ס טעאָריע פון עוואָלוציע אַרויסגערופען דאָס ערשיינען אין רוסלאַנד פון אַ מערקווירדיגען ווערק, „די טעאָריע פון פּראָגרעס", פון נ. ק. מיכאַילאָווסקי. דער רוסישער פערפאַסער האָט טיעפזיניג אונטערזוכט דעם טייל אין פּראָגרעסיווער עוואָלוציע, וואָס געהערט צו דיפערענציאַציע און דעם אַנדער טייל, וואָס געהערט צו אינטעגראַציע פון די

פעהיגקייטען און טהעטיגקייטען, און האָט אין דעם זין פערפאָל־קאָמט ספענסער׳ס פאָרמולע פון דיפערענצירונג.

און ענדליך, אויסלאָזענדיג אַ צאָהל קלענערע מאָנאָגראַפיען, מוז איך דערמאָנען אַ געדאַנקען־רייכען קליין ביכעל פון דזש. ד. דאָדזש, דעם סטאַטיסטיקער פון די פעראייניגטע שטאַאטען („פאַרם און פאַבריק: די הילף וואָס די אַגריקולטור ציהט פון די אינדוסטריען“, ניו יאָרק, 1886). ער דיסקוטירט די אייגענע פראַגע פון אַ פּראַקטישען אַמעריקאַנער שטאַנדפּונקט.

מיט אַ האַלבען יאָהרהונדערט צוריק האָט די האַרמאָנישע פעראייניגונג צווישען אַגריקולטורעלע און אינדוסטריעלע טהעטיג־קייטען, ווי אויך צווישען קאָפּ־אַרבייט און האַנד־אַרבייט, נאָר געקענט זיין אַ גאַנץ ווייטער וואונש. די בעדינגונגען, אונטער וועלכע דער פאַבריק־סיסטעם האָט געאַרבייט, ווי אויך די פערעל־טערטע פאָרמען פון אַגריקולטור, וואָס האָבען געהערשט אין יענער צייט, האָבען ניט דערלאָזען, אַז אַזאַ פעראייניגונג זאָל זיין פּראַק־טיש מעגליך. אַ סינטעטישע פּראָדוקציאָן איז געווען אונמעגליך. דערווייל אָבער האָט די וואונדערבאַרע פעראיינפאַכונג פון די טעכנישע פּראָצעסען סיי אין דער אינדוסטריע, סיי אין דער אַגרי־קולטור, וואָס האָט טיילווייז צו פערדאַנקען די אַלץ־גרעסערע צור־טיילונג פון דער אַרבייט — אויפ׳ן זעלביגען משקל ווי מיר זעהען עס אין דער ביאָלאָגיע — געמאַכט אַז דער דאָזיגער סינטעז זאָל ווערען מעגליך; און איצטער צייגט זיך שוין אַרוים אין דער מאָדערנער עקאָנאָמישער ענטוויקלונג אַ קלאָר־אויסגעשפּראָכענע טענדענץ, וואָס פיהרט צו אַ סינטעז פון די מענשליכע טהעטיג־קייטען. אָט די טענדענץ ווערט פונאַנדערגעגליעדערט אין די ווייטערדיגע קאַפּיטלען — דערביי ווערט געלעגט אַ בעזונדער געוויכט אויף די היינטיגע מעגליכקייטען פון דער אַגריקולטור, וועלכע ווערען בעלויכטען דורך אַ צאָהל ביישפּיעלען גענומען פון פערשיידענע לענדער, און אויך אויף די קליינע אינדוסטריען, וואָס האָבען בעקומען אַ נייעם שטויס דורך די נייע מעטאָדען ווי צו איבערליפערען בעוועג־קראַפט.

דער עצם פון אָט די אָבהאַנדלונגען איז געווען געדרוקט, אין די יאָהרען 1888—90, אין די „ניינטינטה סענטיורי“ און איינע פון זיי איז געווען געדרוקט אין די „פאָרום“. די טענדענצען אָבער,

וואָס זיינען דאָרט אָנגעצייגט געוואָרען, זיינען אין די לעצטע צעהן יאָהר בעשטעטיגט געוואָרען דורך אַזאַ גרויסער מאַסע בעווייזען, אַז איך האָב געמוזט אַריינברייגנען א זעהר היבשע סומע נייע מאַטעריאַלען, און די קאַפּיטלען איבער אַגריקולטור און די קליינע מלאכות האָבען געמוזט איבערגעשריבען ווערען פון דאָס ניי.

איך בענוץ די געלעגענהייט צו בעדאַנקען די רעדאַקטערע פון די „ניינטינטה סענטיורי" און די „פאָרום" פאַר זייער געפעליגע ערלויבניש איבערצודרוקען אַט די אָבהאַנדלונגען אין א נייער פאָרם, ווי אויך אַלע פריינד און קאָרעספאָנדענטען, וועלכע האָבען מיר געהאָלפען צונויפצוקלייבען אויסקונפטען וועגען אַגריקולטור און די קליינע מלאכות.

בראָמלעי, קענט, 1898.

פּ. קראָפּאָטקין.

קאַפּיטעל I.

די דעצענטראַליזאַציע פון די אינדוסטריע.

די צוטיילונג פון דער אַרבייט און די פעראייניגונג. — די פערשפּרייטונג פון אינדוסטריעלער טעכניק. — יעדעס פאָלק דער פּראָדוצירער פון זיינע אייגענע פאַבריצירטע אַרטיקלען. — גרויס־בריטאַניען. — פראַנקרייך. — דייטשלאַנד. — רוסלאַנד. — „דייטשע קאָנקורענץ".

ווער געדענקט ניט דעם בעריהמטען קאַפּיטעל, מיט וועלכען אַדאַם סמיטה פאַנגט אָן זיין אונטערזוכונג וועגען דעם כאַראַקטער און די אורזאַכען פון דעם רייכטום פון די נאַציאָנען? אפילו אַזוינע היינטיגע עקאָנאָמען, וואָס ווענדען זיך זעלטען־ווען צו די ווערק פון דעם פאָטער פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע, און פערגעסען אָפט די אידעען, וועלכע האָבען יענע ווערק בעגייסטערט, קענען אויך יענעם קאַפּיטעל כמעט אויף אויסווענדיג — אַזויפיעל מאָל איז ער זייט דאַן איבערגעשריבען און איבערגעדרוקט געוואָרען. ער איז געוואָרען אַ מין „אני מאמין", און די עקאָנאָמישע געשיכטע פון דעם יאָהרהונדערט, וואָס איז אַוועקגעגאַנגען זינט אַדאַם סמיטה האָט געשריבען, איז געוואָרען אַזוי צו זאָגען אַ פּאַקטישער פּרוש אויף דעם דאָזיגען אַרטיקעל.

„צוטיילונג דער אַרבייט" איז געוועזן זיין צייכען־וואָרט. און די טיילונג און ווייטערטיילונג — די פעסטע צוטיילונג — פון טהעטיגקייטען איז אַזוי ווייט געטריבען געוואָרען, אַז עס האָט צוטיילט די מענשהייט אין קאַסטעס, וועלכע זיינען כמעט אַזוי פעסט אָבגעזונדערט, ווי די קאַסטעס פון אַלטען אינדיען. ערשטענס האָבען מיר די ברייטע איינטיילונג אין פּראָדוצירער און פערברויכער: ווייניג־פערברויכענדע פּראָדוצירער פון איין זייט און קנאַפּ־וואָס־פּראָדוצירענדע פערברויכער פון דער אַנדער זייט. דאַן קומט נאָך אַ רייה איינטיילונגען צווישען די פּראָדוצירער: האַנד־אַרבייטער און גייסטיגע אַרבייטער, וועלכע זיינען שאַרף אָבגעטיילט איינע פון די אַנדערע צו זייער ביידענס שאָדען; אַגריקולטור־אַרבייטער און

פאַבריק־אַרבײטער; און צװישען די לעצטע, װידער אײנטײלונגען אָהן אַ צאָהל. און דאָס װערט געטריבען אַזױ װײט, אַז עס קומט אױס װי דער הײנטיגער אידעאַל װאָס אַן אַרבײטער דאַרף זײן, װאָלט געװען — אַ מאַן אָדער אַ פרױ, אָדער אַפילו אַ מײדעל אָדער אַ אינגעל, אָהן אַ ברעקל ידיעה פון אַ װאָסער עס איז האַנדװערק, אָהן אַ שום בעגריף פון דער אַרבײט, בײ װעלכער ער אָדער זי איז בעשעפטיגט; אַ מענש װאָס קען נאָר מאַכען דעם גאַנצען טאָג און זײן גאַנצען לעבען לאַנג אײן אײנציג טײלכעל פון עפּעס אַ זאַך: װעלכער פון דעם עלטער פון דרײצעהן ביז זעכציג יאָהר שטופּט נאָר דאָס קױהלען־װעגעלע אױף אַ געװיסען פּלאַץ אין דער מינע, אָדער מאַכט נאָר די פּרוזשינקע פון אַ פּען־מעסערל, אָדער „דעם 18טען טײל פון אַ שפּילקע“. פּשוט׳ע משרתים פון אַ געװיסער מאַשין; בלױז פלײש־ און בײנער־טײלען פון עפּעס אַן אונגעהױערן מעכאַניזם; ניט האָבענדיג די מינדסטע אידעע, װי אַזױ און פאַר װאָס די מאַשין מאַכט איהרע ריטמישע בעװעגונגען.

נעלערענטע האַנדװערקעריי װערט אָבגעשאַפט, װי עפּעס אַן איבערגעבליבענע זאַך פון דער פערגאַנגענהײט, װאָס איז פעראור־טײלט צו פערשװינדען. אָנשטאָט דעם קינסטלער, װאָס האָט פריי־הער געהאַט אַן עסטעטישען גענוס אין דעם װערק פון זײנע הענד, איז אײנגעפיהרט געװאָרען דער מענשליכער שקלאַף פון אַן אײזער־נעם שקלאַף. נאָך מעהר, אַפילו דער לאַנדאַרבײטער, װעלכער פלעגט פריהער געפינען אַן אָברוה פון זײן שװערען לעבען אין דער הײם פון זײנע אורעלטערן — די צוקינפטיגע הײם פון זײנע קינ־דער —; װעלכער פלעגט געפינען אַ טרײסט אין זײן ליעבשאַפט צו די פעלדער און אין זײן מונטערן פערקעהר מיט דער נאַטור — אַפילו ער איז פעראורטײלט געװאָרען צו פערשװינדען צוליעב דער צוטײלונג פון דער אַרבײט. מען דערצעהלט אונז, אַז ער איז „אַ מעות אין צײט“; אַז מען מוז איהם פערבײטען, אין אַ באָנאַנזאַ־פאַרם, אױף אַ צופעליגען אַרבײטער, װעלכען מען דינגט איבערן זומער און מען הײסט געהן װען דער הערבסט קומט אָן — אַ טרעמפּ, װעלכער װעט מעהר קײנמאָל ניט זעהן דאָס פעלד, װאָס ער האָט אַמאָל אין זײן לעבען בעאַרבײט. „עס איז אַ מעשה פון עטליכע יאָהר“, זאָגען אונז די עקאָנאָמיסטען, „װאָס דאַרף דױערן צו רע־פאָרמירען די לאַנדװירטשאַפט אין אײנקלאַנג מיט די ריכטיגע

פּרינציפּען פון דער צוטיילונג פון דער ארבייט און דער מאָדערנער אינדוסטריעלער אָרגאַניזאַציע".

געבלענדעט פון די רעזולטאַטען, וואָס מען האָט בעקומען אין אונזער יאָהרהונדערט פון וואונדערבארע ערפינדונגען, דערהויפּט אין ענגלאַנד, זיינען אונזערע נאַציאָנאַל־עקאָנאָמען און פּאָליטיקער נאָך ווייטער געגאַנגען אין זייערע טרוימען וועגען דער צוטיילונג פון דער ארבייט. זיי האָבען פּראָקלאַמירט די נויטווענדיגקייט צו צעטיילען די גאַנצע מענשהייט אויף נאַציאָנאַלע ווערקשעפּער, וואָס זאָלען האָבען, יעדערער בעזונדער, זיין אייגענע ספּעציאַליטעט. מען האָט אונז געלערענט, צ. ב. ש., אַז אונגאַרן און רוסלאַנד זיינען פּאָראויס בעשטימט געוואָרען פון דער נאַטור ארויסצוגעבען תבואה, כדי צו שפּייזען די אינדוסטריעלע לענדער; אַז ענגלאַנד דאַרף בעזאָרגען דעם וועלט־מאַרק מיט באַוועל־וואַרע, אייזען־פּראָדוקטען און קויהלען; בעלגיען — מיט וואָלציייג, און אַזוי ווייטער. יאָ, אפילו יעדער געגענד, אין יעדען לאַנד, מוז אויך האָבען זיין אייגענע ספּעציאַליטעט. אַזוי איז עס אַ געוויסע צייט געוועזען, און אַזוי מוז עס אויך בלייבען ווייטער. פערמעגענס זיינען אויף דעם שטייגער געמאַכט געוואָרען, און וועלען אויף דעמזעלביגען שטייגער ווייטער געמאַכט ווערען. אַזוי ווי עס איז פּראָקלאַמירט געוואָרען, אַז דער רייכטום פון די פעלקער מעסט זיך לויט דער סומע פּראָפיטען, וואָס די וועניגע האָבען געמאַכט, און אַז די גרעסטע פּראָפיטען ווערען געמאַכט דורך דער ספּעציאַליזאַציע פון ארבייט, האָט מען גאָר ניט בעגריפען, אַז עס איז נאָך אַ פראַגע, צי לעבעדיגע מענשען וועלען תמיד זיך *לאָזען* אַזוי ספּעציאַליזירען, צי פעלקער *קענען* ווערען ספּעציאַליזירט אַזוי ווי פעראיינצעלטע ארבייטער. די טעאָריע איז געוועזען גוט פאַר היינטיגען טאָג — וואָס זאָל אונז אַהרען פאַר מאָרגען? דער מאָרגענדיגער טאָג קען שאַפען זיין אייגענע טעאָריע!

און דאָס האָט ער טאַקע געטהאָן. עס האָט זיך ארויסגעשטעלט, אַז דער שמאָלער בעגריף פון לעבען, וועלכער איז בעשטאַנען פון דער מיינונג, אַז *פּראָפּיטען* זיינען דער איינציגער הויפּט־מאָטיוו פון דער מענשליכער געזעלשאַפט, און דער עקשנ'דיגער בליק, וואָס מיינט, אַז דאָס וואָס האָט נעכטען עקזיסטירט, וועט אַלע מאָל עקזיסטירען, שטימען ניט מיט די טענדענצען פון

מענשליכען לעבען; און דאָס לעבען איז אוועקגעגאַנגען אין אַן אַנדער ריכטונג. קיינער וועט ניט אַבלייקענען, אַז דורך ספּעציאַליזאַציע קען מען דערגרייכען אַ הויכע שטופע פון פּראָדוקציאָן. אָבער פּונקט אין דעם ערך אויף וויפיעל עס ווערט איינפאַכער און גרינ־גער זיך אויסצולערנען די אַרבייט, וואָס פאָדערט זיך פון דעם איינ־צעלנעם אין דער מאָדערנער פּראָדוקציאָן, און וועלכע ווערט דערוי־בער אויך מעהר מאָנאָטאָן און ערמיעדענד — פּונקט אַזוי פיעל ווערען די פאָדערונגען פון דעם איינצעלנעם צו בייטען זיין אַרבייט, צו אויסאיבען אַ ל ע זיינע פעהיגקייטען, אַלץ מעהר און מעהר דרינגענד. די מענשהייט זעהט איין, אַז עס איז ניט קיין טובה פאַר דער געמיינשאַפט, וואָס מען שמידט צו אַ מענשען זיין גאַנצען לעבען לאַנג צו אַ בעשטימטען ווינקעל אין אַ ווערקשאַפּ אָדער אַ מינע; אַז זי געווינט גאָרנישט פון דעם, וואָס זי לאָזט איהם ניט צו צו אַזוינע אַרבייט, וואָס וואָלט איהם געבראַכט אין אַ פרייען פערקעהר מיט דער נאַטור, וואָס וואָלט איהם געמאַכט פאַר אַ בעוואוסטזיניגען טייל פון דער גרויסער אַלגעמיינהייט, פאַר אַ שותף אין די העכסטע גענוסען פון וויסענשאַפט און קונסט, פון פרייען ווירקען און שאַפען.

אויך די פעלקער ווילען זיך ניט לאָזען ספּעציאַליזירען. יעדעס פאָלק איז אַ געמישטער קבוץ פון אַלערליי געשמאַקען און נייגונגען, פון בעדערפנישען און מעגליכקייטען, פון פעהיגקייטען און ערפינ־דערישע קרעפטען. די טעריטאָריע, וואָס יעדעס פאָלק בעוואוינט, איז ווידער אַ העכסט־פערשיידענער צונויפשטעל פון באָדענס און קלימאַטען, פון בערג און טהאָלען, פון משופּע׳דיגע פלאַכען, וועלכע פיהרען צו נאָך־גרעסערע פערשיידענהייטען פון טעריטאָריען און ראַסען. פערשיידענאַרטיגקייט איז דער כאַראַקטער־צייכען אי פון דער טעריטאָריע, אי פון איהרע איינוואוינער; און אָט די פער־שיידענאַרטיגקייט מיינט פערשיידענע בעשעפטיגונגען. לאַנד־ווירטשאַפט רופט אַרויס אין לעבען די אינדוסטריען און די אינדו־סטריען האַלטען אויף די לאַנדווירטשאַפט. זיי ביידע לאָזען זיך ניט אָבזונדערן, און די פערבינדונג, די פעראייניגונג (אינטעגראַציע) פון ביידען, ברענגט אַרויס די גרויסאַרטיגסטע רעזולטאַטען. אין דעם ערך, וואָס דאָס טעכנישע וויסען ווערט יעדען איינעמס מעג־ליכער געבוט; אין דעם ערך אויף וויפיעל עס ווערט אינטערנאַ־

ציאָנאַל און קען ניט געהאַלטען ווערען פון קיינעם בסוד, אויף אַזוי־פיעל קריגט יעדעס פאָלק די מעגליכקייט צו פּערוועדען אַלע זיינע פערשיידענע כחות אויף אַלע פערשיידענע אינדוסטריעלע און לאַנד־ווירטשאַפטליכע בעשעפטיגונגען. דאַס וויסען איגנאָרירט די קינסטליך־געמאַכטע פּאָליטישע גרעניצען. די אינדוסטריען ווייסען אויך ניט פון אַזוינע גרעניצען; און די היינטיגע טענדענץ פון דער מענשהייט איז צו האָבען אין יעדען לאַנד, אין יעדען בעזונדער געגענד, די מעגליך־גרעסטע פערשיידענהייט פון אינדוסטריען צוזאַמען מיט לאַנדווירטשאַפט. די בעדערפעניסען פון די מענשליכע געמיינשאַפטען איז אויף דעם אופן גלייך צו די בעדערפעניסען פון דעם איינצעלנעם מענשען: בעת אַ צייטווייליגע צו־טיילונג פון אויפגאַבען בלייבט אַלץ די זיכערסטע גאַראַנטיע פאַר ערפאָלג אין יעדער בעזונדער אונטערנעהמונג, איז די בעשטענדיגע צוטיילונג פעראורטיילט צו פערשווינדען און פערביטען ווערען אויף אַ פערשיידענאַרטיגקייט פון בעשעפטיגונגען — גייסטיגע, אינדוסטריעלע און לאַנדווירטשאַפטליכע — אין איינקלאַנג מיט די פערשיידענע פעהיגקייטען, וואָס געפינען זיך אין יעדען מענשליכען קבוץ.

ווען מיר קעהרען זיך אָב פון די פּלפּולים פון אונזערע טעקסט־ביכער און אונטערזוכען דאַס מענשליכע לעבען אַלס גאַנצעס, געפי־נען מיר באַלד אויס, אַז אין דערזועלביגער צייט וואָס מען מוז אויפהאַלטען אַלע נוצען פון דער צייטווייליגער צוטיילונג פון אַרבייט, איז אָבער שוין אויך לאַנג צייט צו פאָדערען די נוצען פון דער פעראייניגונג פון אַרבייט. די פּאָליטישע עקאָנאָמיע האָט ביז איצטער דורכאויס נאָר גע'טענה'ט פאַר צו־טיילונג. מיר פּראָקלאַמירען פעראייניגונג; און מיר בעהויפּטען, אַז דער אידעאַל פון דער געזעלשאַפט — ד. ה. פון דעם צושטאַנד, צו וועלכען די געזעלשאַפט מאַרשירט שוין — איז אַ געזעלשאַפט פון אינטעגרירטער, פעראייניגטער אַרבייט. אַ געזעלשאַפט, וואו יעדער איינצעלנער שאַפט אי האַנד־אַרבייט, אי גייסטיגע אַרבייט; וואו יעדער קערפּערליך־געזונדער מענש איז אַן אַרבייטער, און וואו יעדער אַרבייטער אַרבייט אי אויפ'ן פעלד, אי אין אַן אינדוסטריעלען ווערקשאַפּ; וואו יעדער קבוץ פון איינ־צעלנע — אַ פאָלק, אָדער ריכטיגער אַ געגענד — וואָס איז גענוג

גרוים צו קענען פערברויכען אַ געוויסע פערשיידענאַרטיגקייט פון נאַטירליכע מיטלען, פּראָדוצירט און פערברויכט אַליין דעם גרעסטען טייל פון זיינע לאַנדווירטשאַפטליכע און פאַבריצירטע פּראָדוקטען.

עס פערשטעהט זיך, כל זמן די געזעלשאַפט בלייבט אַזוי אָרגאַניזירט, אַז זי ערלויבט די גרונדבעזיצער און די קאַפּיטאַליסטען אָוועקצונעהמען פאַר זיך, אונטער דעם שוץ פונ'ם שטאַאט און די אַלטע רעכטען, דעם יעהרליכען עודף (מעהרווערטה) פון דער מענשליכער פּראָדוקציאָן, קען אַזאַ מין ענדערונג ניט דורכגעפיהרט ווערען גרינדליך. דער היינטיגער אינדוסטריעלער סיסטעם אָבער, וועלכער איז געבויט אויף דער בעשטענדיגער ספּעציאַליזאַציע פון אויפגאַבען, טראָגט שוין אין זיך די שפּראָצען פון זיין אייגענעם ריכטיגען אונטערגאַנג. די אינדוסטריעלע קריזיסען, וועלכע ווערען וואָס ווייטער אַלץ שאַרפער און מעהר פערלענגערט, און נאָך ערגער און שאַרפער צוליעב די בעוואַפענונגען און מלחמות, וואָס ווערען אַרויסגערופען פון דעם היינטיגען סיסטעם, מאַכען זיין קיום אַלץ שווערער און שווערער. אחוץ דעם צייגען די אַרבייטער קלאָר אַרוים זייער אָבזיכט מעהר ניט צו פערטראָגען געדולדיג דעם עלענד, וואָס יעדער קריזיס ברענגט מיט זיך מיט. און יעדער קריזיס ברענגט נעהנטער דעם טאָג, ווען די היינטיגע אינסטיטוציעס פון פּריוואַט־איינענטום און פּראָדוקציאָן וועלען אויפגעטרייסעלט ווערען ביז אין זייער פונדאַמענט פון אַזוינע אינערליכע קאַמפען, וועלכע וועלען, אין פּרט פון זייער שרעקליכקייט, אָבהענגען פון דעם בעסערן אָדער ערגערן פערשטאַנד פון די, וואָס זיינען איצטער די פּריווילעגירטע קלאַסען.

מיר בעהויפּטען אָבער אויך, אַז יעדע סאָציאַליסטישע פּראָבע איבערצומאַכען די היינטיגע בעציהונגען צווישען קאַפּיטאַל און אַרבייט וועט זיין אַ דורכפאַל, אויב זי וועט ניט נעהמען אין בעטראַכט די פריהער־דערמאָנטע טענדענצען צו אַרבייט־פעראייניגונג. די דאָזיגע טענדענצען האָבען לויט אונזער מיינונג נאָך ניט געצויגען אויף זיך די געהעריגע אויפמערקזאַמקייט פון די פערשיידענע סאָציאַליסטישע שולען — עס וועט אָבער מוזען קומען דערצו. אַן איבערגעבויטע געזעלשאַפט וועט מוזען אָוועקוואַרפען דעם טעות'־דיגען גאַנג, לויט וועלכען די פעלקער ווערען ספּעציאַליזירט צו פּראָדוצירען ענטוועדער לאַנדווירטשאַפטליכע אָדער מאַנופאַקטור־

פּראָדוקטען. זי וועט זיך מוזען פערלאָזען אויף זיך אַליין צו פּראָ־דוצירען איהרע נאַהרונגסמיטלען און פיעלע, אויב ניט די מעהרסטע רויה־מאַטעריאַלען. זי וועט מוזען געפינען די בעסטע וועגען ווי צו פעראייניגען לאַנדווירטשאַפט מיט מאַנופאַקטור — די ארבייט אויף די פעלדער מיט אַ דעצענטראַליזירטער אינדוסטריע — און זי וועט מוזען זאָרגען פאר אַ „אינטעגראַלע ערציהונג“, די איינציגע ערציהונג, וועלכע קען געבען דער געזעלשאַפט, לערנענדיג פון די ערשטע קינדער־יאָהרען אָן אי וויסענשאַפט, אי האַנדווערק, די מענער און פרויען, וועלכע זי האָט ווירקליך נויטיג.

יערעס פאָלק אַליין אַן ערד־בעאַרבייטער און אַ פאַבריקאַנט; יערער איינצעלנער אַן ארבייטער אי אויפ'ן פעלד, אי אין אַ וועלכער עס איז האַנדווערקעריי; יעדער איינצעלנער אַ מענש, וואָס פער־אייניגט וויסענשאַפטליכע קענטניש מיט האַנדווערק־קענטניש — אָט דאָס, בעהויפּטען מיר, איז די היינטיגע טענדענץ פון די ציוויליזירטע פעלקער.

דער אונגעהייער גרויסער וואוקס פון אינדוסטריען אין גרויס־בריטאַניען, און די גלייכצייטיגע ענטוויקלונג פון דעם אינטערנאַ־ציאָנאַלען פערקעהר, וועלכער מאַכט איצט מעגליך צו טראַנספּאָר־טירען רויה־מאַטעריאַלען און שפּייז־ארטיקלען אויף אַ גיגאַנטישען מאַסשטאַב, האָבען געשאַפען דעם איינדרוק, אַז אויף עטליכע פעל־קער פון מערב־אייראָפּאַ איז געפאַלען דער גורל צו ווערען די פאַב־ריקאַנטען פאר דער גאַנצער וועלט. זיי דאַרפען נאָר — האָט מען בעהויפּטעט — בעזאָרגען דעם וועלט־מאַרק מיט פאַבריצירטע ארטיקלען, און דערפאַר וועלען זיי ציהען פון דער גאַנצער אויבער־פלעך פון דער ערד די נאַהרונגסמיטלען, וועלכע זיי קענען ניט אַליין מאַכען וואַקסען, ווי אויך די רויהע מאַטעריאַלען, וואָס זיי האָבען נויטיג פאר זייער פאַבריקאַציע. די שטענדיג וואַקסענדע שנעלקייט פון קאָמוניקאַציע איבער די ימים און די אַלץ גרעסער־וואַקסענדע פערלייכטערונג פון טראַנספּאָרט האָבען ביינעטראָגען אַלץ מעהר צו פערשטאַרקען דעם דאָזיגען איינדרוק. ווען מען לעזט די ענטו־זיאַסטישע בילדער פון אינטערנאַציאָנאַלען פערקעהר, וואָס זיינען אַזוי מייסטערהאַפט געמאָלען פון נעאומאַן ספּאַללאַרט — דעם סטאַטיסטיקער און שיער־ניט פּאָעט פון וועלט־האַנדעל — קען מען

באמת נתפעל ווערען פון די רעזולטאטען, וואס זיינען דערגרייכט געוואָרען. צו וואס זאָלען מיר זעען תבואה, האָדעוועז אָקסען און שאָף, און קולטיווירען פרוכט־גערטנער — צו וואָס דורכמאכען די מיהזאמע ארבייט פונ׳ם פויער און פארם־ארבייטער, און מיט אנגסטען קוקען אויפ׳ן הימעל, מורא האָבענדיג טאָמער וועט ניט זיין קיין גערעטעניש, אז מיר קענען קריגען מיט אזוי פיעל ווענינער מיה גאנצע בערג תבואה פון אינדיען, אמעריקא, אונגאַרן אָדער רוסלאנד, פלייש פון ניי־זעעלאנד, גרינסען פון די אזאָרען, עפעל פון קאנאדא, וויינטרויבען פון מאלאגא, א. אז. וו.?" אזוי שרייען אוים די מערב־אייראָפּעער. „שוין איצטער", זאָגען זיי, „בעשטעהט אונזער נאהרונג, אפילו אין די בעשיידענע הויזווירטשאפטען, פון פראָרוקטען, וואס זיינען צונויפגעבראכט געוואָרען פון גאנצען ערד־קוגעל. אונזערע קליידער ווערען געמאכט פון באוועל, וואס איז געוואקסען, און פון וואל וואס מען האט געשאָרען, אין אלע טיילען פון דער וועלט. די פּרעירים פון אמעריקא און אויסטראליע, די בערג און סטעפּעס פון אזיע, די פערפראָרענע ווילדערניש פון די ארקטישע געגענדען, די מדבריות פון אפריקא און די טיעפענישען פון די ימים, די טראָפּישע פאסען און די לענדער פון דער מיטעלנאכט־זון — זיינען אלע אונזערע צינזען־צאָהלער. אלע מענשען־ראסען טראָגען ביי זייער חלק צו בעזאָרגען אונז מיט אלטעגליכע שפּייזען און לוקסוס־זאכען, מיט איינפאכע קליידער און מאָדנע קאָסטיומען, בעת מיר שיקען זיי דערפאר די פּראָדוקטען פון אונזער העכערער אינטעליגענץ, פון אונזערע טעכנישע קענטעגישען, אונזערע מעכ־טיגע אינדוסטריעלע און קאָמערציעלע אָרגאניזאציאָנספעהיגקיי־טען! איז עס ניט א גרויסארטיג בילד אָט דער פּערהאַוועטער און פּערצווייגטער פראָדוקטען־אויסטויש איבער דער גאנצער ערד, וואָס איז פּלוצלונג אויסגעוואקסען אין משך פון עטליכע יאָהר?"

גרויסארטיג קען עס טאקע זיין, אָבער צי איז עס ניט בלויז א בייזער חלום? איז עס נויטיג? אום וועלכען פּרייז האָט מען דאָס בעקומען, און ווי לאנג וועט עס דויערן?

לאָמיר זיך אומקעהרען הונדערט יאָהר צוריק. פראנקרייך איז געלעגען א צובלוטיגטע ביים סוף פון די נאפאָלעאָנישע מלחמות. איהר יונגע אינדוסטריע, וואס האט אָנגעהויבען צו וואקסען ביים סוף פון אכצעהנטען י. ה., איז רואינירט געוואָרען. דייטשלאנד און

איטאַליען זיינען אויפ'ן אינדוסטריעלען געביט געווען מאַכטלאָז. די אַרמעען פון דער גרויסער רעפובליק האָבען געגעבען אַ טויט־קלאַפּ די לייבאייגענשאַפט, וואָס האָט עקזיסטירט אויפ'ן קאָנטינענט; אָבער ווי נאָר די רעאַקציע האָט זיך צוריקגעקעהרט, זיינען געמאַכט געוואָרען אָנשטרענגונגען אויפצולעבען די אָבשטאַרבענדע אינסטיטוציע פון דאָס ניי, און אונטער לייבאייגענשאַפט איז וועגען אַן אינדוסטריע ניטאָ וואָס צו רעדען. די שרעקליכע מלחמות צווישען פראַנקרייך און ענגלאַנד, וועלכע ווערען אָפט דערקלערט בלויז דורך פּאָליטישע אורזאַכען, האָבען געהאַט אַ פיעל טיעפערע בעדייטונג — אַן עקאָנאָמישע בעדייטונג. זיי זיינען געווען מלחמות פאַר דער בעהערשונג פון וועלט־מאַרק, געגען דער פראַנצויזישער קאָמערציע און אינדוסטריע: און ענגלאַנד האָט געוואונען די שלאַכט. זי איז געוואָרען די הערשערין איבער די ימים. באָרדאָ איז שוין מעהר ניט געווען לאָנדאָן'ס קאָנקורענט, און עס האָט אויסגעזעהן, אַז די פראַנצויזישע אינדוסטריען זיינען דערשטיקט געוואָרען איידער זיי האָבען נאָך אָנגעהויבען צו בליהען. ניט טרעפענדיג קיין ערנסטע קאָנקורענטען אין אייראָפּאַ, האָט ענגלאַנד שנעל אָנגעפאַנגען צו ענטוויקלען איהרע מאַנופאַקטורען; און דערצו איז איהר בייגעשטאַנען דער מעכטיגער אָנשטויס, וואָס די גרויסע עפּאָכע פון ערפינדונגען האָט געגעבען די נאַטורוויסענשאַפטען און דער טעכנאָלאָגיע. פּראָדוצירען אויף אַ גרויסען מאַסשטאַב און אין אונגעהויערע קוואַנטיטעטען איז געוואָרען דאָס צייכען־וואָרט. די נויטיגע מענשליכע קרעפטען זיינען געווען גרייט צום האַנד אין דעם פויערים־קלאַס, וועלכער איז טיילווייז אַוועקגעטריבען געוואָרען פון לאַנד איבערגעוואַלט, און טיילווייז צוגעצויגען געוואָרען אין די שטעדט דורך הויכע שכירות. די נויטיגע מאַשינעריע איז געשאַפען געוואָרען, און די ענגלישע פּראָדוקציאָן פון פאַבריצירטע אַרטיקלען איז אַוועק מיט גיגאַנטישע טריט. אין אַ משך פון וועניגער ווי 70 יאָהר — פון יאָהר 1810 ביז 1878 — איז די סומע אויסגעגראָבענע קויהלען געוואַקסען פון 10 טאָן אויף 133 מיליאָן טאָן; דער אַריינפיהר פון רויהע מאַטעריאַלען איז געשטיגען פון 30 טאָן אויף 380 מיליאָן טאָן, און דער אַרויספיהר פון פאַבריצירטע אַרטיקלען — פון 46 פונט אויף 200 מיליאָן פונט.

די האַנדעלס־פּלאַטע איז כמעט פערדרייפאַכט געוואָרען. פופצעהן טויזענד מיילען אייזענבאַהנען זיינען אויסגעבויט געוואָרען.

עס איז איבעריג איצט צו ווידערהאָלען אום וועלכען פּרייז די דערמאָנטע רעזולטאַטען זיינען דערגרייכט געוואָרען. די שרעק־ליכע ענטפּלעקונגען פון די פּאַרלאַמענטאַרע קאָמיסיעס פון די יאָהרען 1840־42 בנוגע צו דער אַבשייליכער לאַגע פון די ארבייטער־קלאַסען, די געשיכטעס פון די „פּויערים־גרושים“ און די גערויבטע קינדער זיינען נאָך פריש אין זכרון. זיי וועלען בלייבען אייביגע מאָנומענטען צו ציינען דורך וועלכע מיטלען ענגלאַנד׳ס גרויסע אינדוסטריע איז אויפגעבויט געוואָרען. אָבער די אָנזאַמלונג פון רייכטום אין די הענד פון די פּריווילעגירטע קלאַסען איז געוואַקסען מיט אַ שנעלקייט, וואָס האָט זיך קיינמאָל פריהער קיינעם ניט געקענט חלום׳ען. די אונגלויבליכע רייכטימער פון די ענגלישע פּריוואַטהייזער, וואָס ערשטוינען איצטער די אויסלענדער, זיינען אָנגעקליבען געוואָרען אין פערלויף פון יענער פּעריאָדע; דער זעהר רייכער לעבענספיהר, לגבי וועלכען אַ מענש, וואָס רעכענט זיך פאַר אַ גביר אויפ׳ן קאָנטינענט, הייסט אַ געמיינער בעל־הבית אין ענגלאַנד, איז איינגעפיהרט געוואָרען אין יענער צייט. דאָס שטייער־שולדיגע איינענטום אליין איז אין די לעצטע דרייסיג יאָהר פון יענער פּעריאָדע פערדאָפּעלט געוואָרען, בעת אין משך פון דיזעלבע יאָהרען (1810 ביז 1878) האָבען די ענגלישע קאַפּיטאַליס־טען אריינגעלעגט אין אויסלענדישע אינדוסטריען אָדער הלוואות ניט ווייניגער ווי אַ ביליאָן מיט הונדערט צוועלף מיליאָן פונט סטערלינג. (איצט גרייכט עס שוין די סומע פון באַלד צוויי ביליאָן). *

די מאָנאָפּאָל אָבער פון אינדוסטריעלער פּראָדוקציאָן האָט ניט געקענט בלייבען ביי ענגלאַנד אויף אייביג. ניט די אינדוסטריעלע קענטעניסען און ניט דער אונטערנעהמער־גייסט האָט געקענט אייביג בלייבען די פּריווילעגיע פון די בריטישע אינזלען. על פּי נוים, ווי אַ בעשערטע זאַך, האָבען זיי געמוזט אריבערשפּרייזען דעם קאַנאַל און זיך פערשפּרייטען איבער׳ן קאָנטינענט. די גרויסע רעוואָלוציע האָט געהאַט געשאַפען אין פראַנקרייך אַ צאָהלרייכען

---

* זעה אָנהאַנג א.

קלאַס פון בויערן־אייגענטימער, וועלכע האָבען געלעבט כמעט אַ האַלבען יאָהרהונדערט אין פערהעלטניסמעסיגען וואוילשטאַנד, אָדער לכל הפחות זיינען געווען געזיכערט מיט אַרבייט. די רייהען פון די היימלאָזע שטאָדטישע אַרבייטער זיינען געוואַקסען לאַנג־זאַם. אָבער די בורזשואַזע רעוואָלוציע פון די יאָהרען 1789—1793 האָט שוין געהאַט געמאַכט אַ חלוק צווישען די פּויערימשע בעלי־בתים און די דאָרפישע פּראָלעטאַריער, און דורך דעם וואָס זי האָט בעגינסטיגט די ערשטע אויפ׳ן חשבון פון די צווייטע, האָט זי געצוואונגען די אַרבייטער, וועלכע האָבען ניט געהאַט קיין הויז־ווירטשאַפט און קיין לאַנד, צו פערלאָזען זייערע דערפער און אויף דעם אופן צו שאַפען די ערשטע התחלה פון אַרבייטער־קלאַסען, וואָס האָבען געמוזט אָבהענגען פון דעם חסד פון די פאַבריקאַנטען. דערצו נאָך האָבען די בויערן־אייגענטימער אַליין, נאָכדעם ווי זיי האָבען גענאָסען אַ פעריאָדע פון אַ גאַנץ בעשטימטען וואוילשטאַנד, אָנגעהויבען פיהלען דעם דרוק פון שלעכטע צייטען און זיינען געווען געצוואונגען צו זוכען אַרבייט אין די פאַבריקען. מלחמות און רעוואָלוציעס האָבען געשטערט דעם וואוקס פון דער אינדוס־טריע; זי האָט אָבער אָנגעהויבען ווידער צו וואַקסען אין דער צווייטער העלפט פון 19טען י. ה. זי האָט זיך ענטוויקעלט און האָט זיך פערבעסערט, און איצטער איז פראַנקרייך, ניט קוקענדיג וואָס זי האָט פערלאָרען עלזאַס, שוין ניט מעהר די צינזען־צאָהלערקע צו ענגלאַנד פאַר פאַבריצירטע אַרטיקלען, וואָס זי איז געווען מיט זעכציג יאָהר צוריק. היינטיגען טאָג ווערען איהרע עקספּאָרטען פון פאַבריצירטע פּראָדוקטען געשאַצט אין דעם ווערטה פון כמעט אַ העלפט ווי די עקספּאָרטען פון גרויס־בריטאַניען, און צוויי דריטעל פון זיי זיינען געוועבטע וואַארע; בעת איהר אימ־פּאָרט פון אַזוינע וואַארע בעשטעהט דערהויפּט פון די פיינערע סאָרטען באַוועל און וואָל־פעדים — וועלכע זי עקספּאָרטירט טייל־ווייז ווידער אַלס געוועבטע שטאָפען — און פון אַ קלענער צאָהל וואָלענע וואַארע. וואָס געהערט איהר אייגענעם געברויך, צייגט פראַנקרייך אַרויס אַ גאַנץ בעשטימטע טענדענץ צו ווערען אַ זעלבסטשטענדיג לאַנד, און בנוגע דעם פערקויף פון איהרע פאַב־ריצירטע וואַארע, שטרעבט זי ניט צו פערלאָזען זיך אויף איהרע

קאלאניעס, נאר דערהויפט אויף איהר אייגענעם רייכען היימישען מארק. *

דייטשלאנד געהט אויף דעמזעלביגען וועג. אין די לעצטע 50 יאהר, און דערהויפט זינט איהר לעצטען קריעג, איז איהר אינ־דוסטריע אינגאנצען רעארגאניזירט געווארען. אזוי ווי איהר בעפעלקערונג האט זיך שנעל פערמעהרט פון 40 אויף 60 מיליאן, איז דער צו־וואוקס אינגאנצען אוועק צו פערגרעסערען די שטאד־טישע בעפעלקערונג, ניט אבנעהמענדיג קיין ארבייטער־הענד פון דער לאנדווירטשאפט, און אין די שטעדט האט עס פערגרעסערט די בעפעלקערונג, וואס איז געווען בעשעפטיגט אין דער אינדוסטריע. איהר מאשינעריע איז גרינדליך אויסגעבעסערט געווארען און איהרע ניי־געבוירענע פאבריקען זיינען אויסגעשטאטעט מיט מאשי־נען, וועלכע שטעלען דאס רוב פאר דאס לעצטע ווארט פון טעכ־נישען פראגרעס. זי האט איבערגענוג ארבייטער און טעכנאלאגען, וועלכע בעזיצען א זעהר הויכע טעכנישע און וויסענשאפטליכע בילדונג, און איהר אינדוסטריע קריגט א זעהר מעכטיגע און אינ־טעליגענטע הילף פון א גאנצער ארמעע געלערענטע כעמיקער, פיזי־קער און אינזשענערען. דייטשלאנד שטעלט אין אלגעמיין מיט זיך איצט פאר א בילד פון א פאלק אין דער פעריאדע פון אן „אויפ־שוואונג“, מיט אלע קרעפטען וואס אזא אויפשוואונג ברענגט מיט אויף אלע געביטען פון לעבען. פופציג יאהר צוריק איז זי געווען ענגלאנד׳ס א קונד; איצטער איז זי שוין א קאנקורענט אין די מערק פון דרום־ און מזרח־לענדער, און לויט דעם איצטיגען ערך פון דעם וואקסען פון איהרע אינדוסטריען, וועט איהר קאנקורענץ באלד ווערען נאך שארפער ווי עס איז.

די כוואליע פון דער אינדוסטריעלער פראדוקציאן, וועלכע האט זיך אנגעהויבען אין צפון־מערב פון איירא פא, שפרייט זיך אויס אין דערזעלביגער צייט צו מזרח און דרום־מזרח, און דעקט וואס ווייטער אלץ א ברייטערן קרייז. און וואס מעהר זי ציהט זיך צו מזרח־צו און דרינגט אריין אין די אינגערע לענדער, אלץ מעהר פערפלאנצט זי דארטן אלע פערבעסערונגען, וואס האבען צו פער־דאנקען א יאהרהונדערט פון טעכנישע און כעמישע ערפינדונגען.

* זעה אנהאנג ב.

זי בארגט פון דער וויסענשאפט די גאנצע הילף, וואס די וויסענשאפט קען געבען דער אינדוסטריע, און זי געפינט פעלקערשאפטען, וועלכע זיינען זעהן גערן אויפצוכאפען די לעצטע רעזולטאטען פון דער מאדערנער פארשונג. דייטשלאנד'ס נייע אינדוסטריען פאנגען אן פון דעם פונקט, וואס מאנטשעסטער האט געגרייכט נאך א גאנצען יאהרהונדערט פון עקספערימענטען און זוכענישען; און רוסלאנד הויבט אן פון וואנען מאנטשעסטער און זאקסען האלטען איצטער. רוסלאנד פון איהר זייט זוכט זיך צו בעפרייען פון איהר אבהענגיגקייט פון מערב־איירָאפּאַ און הויבט שנעל אן אליין צו פאבריצירען אלע ארטיקלען, וועלכע זי פלעגט פריהער אימפארטירען פון ענגלאנד אדער פון דייטשלאנד.

שוץ־טאריפען קענען אפשר אמאל העלפען דאס ענטשטעהן פון נייע אינדוסטריען: שטענדיג אויפ'ן חשבון פון אנדערע וואקסענדע אינדוסטריען און שטערענדיג אלעמאל די פערבעסערונגען פון די וואס עקזיסטירען שוין; די דעצענטראליזאציע אבער פון די אינדוסטריען געהט אן סיי מיט די שוץ־טאריפען, סיי אהן זיי — איך וואלט אפילו געזאגט, טראץ די שוץ־טאריפען. עסטרייך, אונגארן און איטאליע געהען אויף דעמזעלביגען וועג — זיי ענטוויקלען זייערע היימישע אינדוסטריען — און אפילו שפאניען און סערביען הויבען אן זיך אנצושליסען אן דער פאמיליע פון אינדוסטריע־פעלקער. יא, אפילו אינדיע, אפילו בראזיליע און מעקסיקא, געשטיצט פון ענגלישען און דייטשען קאפיטאל און טעכנישען וויסען, הויבען אן איינצופיהרען אייגענע אינדוסטריען אין זייערע לענדער. ענדליך איז די לעצטע צייט אויפגעשטאנען גאר א געפעהרליכער קאנקורענט פאר אלע איירָאפּעאישע אינדוסטריע־לענדער — די *פעראייניגטע שטאאטען*. וואס מעהר די טעכנישע בילדונג ווערט פערשפרייט, אלץ מעהר *מוז* די אינדוסטריע וואקסען אין די שטאאטען; און זי וואקסט טאקע מיט אזא געשווינדקייט — אן אמעריקאנישע געשווינדקייט — אז אין קנאפע עטליכע יאהר וועלען די איצטיגע נייטראלע מערק פערוואָרפען ווערען מיט אמעריקאנער פראדוקטען.

די מאנאפאל פון די ערשטע ארויסטרעטער אויפ'ן אינדוסטריעלען געביעט האט אויפגעהערט צו עקזיסטירען. און עס וועט שוין מעהר ניט עקזיסטירען, טראץ אלע קראמפהאפטיגע אנשטרענ־

גונגען, וואָס ווערען געמאַכט זיך אומצוקעהרען צו אַ צושטאַנד, וועלכער געהערט שוין צום געביט פון געשיכטע. נייע וועגען, נייע אויסגאַנגספּונקטען מוז מען זוכען: די פערגאַנגענהייט האָט געלעבט און מעהר וועט זי ניט לעבען.

איידער מיר געהען ווייטער, לאָמיך אילוסטרירען דעם גאַנג פון די אינדוסטריען צו מזרח־צו מיט איינינע ציפער. און פאַר אַן אָנהויב לאָמיך נעהמען דעם ביישפּיעל פון רוסלאַנד. ניט דערפאַר, וואָס איך קען רוסלאַנד בעסער, נאָר דערפאַר ווייל זי איז דער לעצטער אַרויסטרעטער אויפ'ן אינדוסטריעלען געביט. פופציג יאָהר צוריק האָט מען איהר געהאַלטען פאַר דעם אידעאַל פון אַן אַגריקולטור־פאָלק, וואָס איז פעראורטיילט פון דער נאַטור אליין צו בעזאָרגען אַנדערע פעלקער מיט ברויט און צו בעציהען איהרע פאַבריצירטע וואַרע פון מערב. אַזוי איז עס טאַקע ווירקליך געוועזען — אָבער עס איז שוין אַזוי ניט מעהר.

אין יאָהר 1861 — דעם יאָהר פון דער בעפרייאונג פון די לייבאייגענע — האָבען רוסלאַנד און פּוילען געהאַט בלויז פערצעהן טויזענד מיט 60 פאַבריקען, וועלכע האָבען פּראָדוצירט יעדעס יאָהר דעם ווערטה פון 296 מיליאָן רובל. צוואַנציג יאָהר שפּעטער איז די צאָהל פאַבריקען געשטיגען אויף 35,160 און זייער יעהרליכע פּראָדוקציאָן האָט בעטראָפען כמעט פיער מאָל אַזוי פיעל ווי פריהער, ד. ה. אַ ביליאָן מיט 305 מיליאָן רובל; און אין יאָהר 1894, אָבוואוהל דער צענזוס האָט ניט אריינגערעכענט די קלענערע פאַבריקלעך און אַלע אינדוסטריען, וואָס צאָהלען אַקציז (צוקער, בראַנפען און שוועבעלעך), האָט דער סך הכל פון דער פּראָדוקציאָן אין דער אימפּעריע שוין געגרייכט די סומע פון 1 ביליאָן, 759 מיליאָן רובל. אַ בעמערקענסווערטהער שטריך פון דעם דאָזיגען אינדוסטריעלען וואוקס איז דער פאַקט, אַז בעת די צאָהל אַרבייטער, וואָס זיינען געווען בעשעפטיגט אין די פאַבריקען, איז זינט דעם יאָהר 1861 אפילו ניט פערדאָפּעלט געוואָרען (אין 1894 האָט זייער צאָהל געגרייכט 1 מיליאָן מיט 555 טויזענד און אין 1910 — 1,902,750), האָט זיך אָבער די פּראָדוקציאָן פער אַרבייטער מעהר ווי פערדרייפאַכט אין די הויפּט אינדוסטריען. אין 1861 איז דער דורכשניט געווען אַרום זיעבען הונדערט רובל אַ יאָהר, איצט גרייכט

ער אַרום איין און צוואַנציג הונדערט רובל אַ יאָהר. דער וואוקס פון דער פּראָדוקציאָן האָט אויף דעם אופן דערהויפּט צו פערדאַנקען די פערבעסערונגען פון דער מאַשינעריע. *

ווען מיר נעהמען אָבער בעזונדערע צווייגען, און ספּעציעל די טעקסטיל (וועבעריי)־אינדוסטריען און די מאַשין־פאַבריקען, איז דער פּראָגרעס נאָך מעהר אויפפאַלענד. אזוי געפינען מיר, ווען מיר בעטראַכטען די 18 יאָהר ביז 1879, (דעם יאָהר ווען די אָבצאָהלונגען אויף אימפּאָרטירטע סחורה איז פערגרעסערט געוואָרען אויף כמעט 30 פּראָצענט און עס איז איינגעפיהרט געוואָרען אַ פעסטע שוץ־טאַריף פּאָליטיק), אַז אפילו אָהן דעם שוץ־טאַריף האָט זיך די פּראָדוקציאָנס־סומע פון באַוועל־וואַארע פערגרעסערט דריי מאָל אזוי פיעל, בעת די צאָהל אַרבייטער פון דער דאָזיגער אינדוסטריע איז בלויז געשטיגען אויף 25 פּראָצענט. די יעהרליכע פּראָדוקציאָן פון יעדען אַרבייטער איז אויף דעם אופן געוואַקסען פון 45 פונט סטערלינג אויף 117 פונט. אין די וויטערדיגע 9 יאָהר (1880—89) איז דער יעהרליכער אומזאַץ מעהר ווי פערדאָפּעלט געוואָרען און האָט געגרייכט די רעספּעקטאַבעלע סומע פון 49 מיליאָן פונט, רעכע־נענדיג אין געלד, און 13½ מיליאָן פוד אין וואָג. זינט יענער צייט, פון יאָהר 1890 ביז 1900, האָט ער זיך נאָך אַמאָל פערדאָפּעלט, און די סומע פון רויהע באַוועל, וואָס איז אויסגעאַרבייט געוואָרען אין די רוסישע פאַבריקען, האָט זיך פערגרעסערט פון 255 טויזענד צענטנער אויף 520,700 צענטנער, און די צאָהל שפּינדלען איז

* די יעהרליכע אַריינפיהרונג פון רויהע באַוועל גרייכט ביז 17 מיליאָן פוד; דערפון קומען 1 מיליאָן, 300 טויזענד פוד פון צענטראַל־אַזיע און טראַנסקאַווקאַז. דער באַוועל־אַריינפיהר פון אָט די ערטער איז ערשט ניט לאַנג געוואָרען; די רוסען האָבען איינגעפיהרט די ערשטע פּלאַנטאַציעס פון אַמעריקאַנער באַוועל אין טורקעסטאַן, ווי אויך די ערשטע פאַבריק אויף סאָרטירען און פּרעסען. די פערהעלטניסמעסיגע ביליגקייט פון איינפאַכע באַוועלציוג אין רוסלאַנד און די גוטע קוואַלי־טעט פון געדרוקטע באַוועלציוג האָבען געצויגען די אויפמערקזאַמקייט פון דעם בריטישען קאָמיסאַר אויף דער ניזשני נאָווגאָראָד־אויסשטעלונג פון יאָהר 1897, און זיי ווערען אויספיהרליך בעשפּראָכען אין זיין ראַפּאָרט.

געוואַקסען פון 3 מיליאָן, 457 טויזענד אויף 6 מיליאָן, 646 טויזענד אין יאָהר 1900 און אויף 8 מיליאָן, 306 טויזענד אין יאָהר 1910. דערצו מוז מען בעמערקען, אַז ביי אַ בעפעלקערונג פון 165 מיליאָן איינוואוינער איז דער היימישער מאַרק כמעט אונבעגרעניצט; און איינעגע באַוועלנע אַרטיקלען ווערען אויך עקספּאָרטירט קיין פּערסיען און צענטראַל־אַזיע. *

עס איז אמת, אַז די פיינסטע סאָרטען שפּין־פעדים, ווי אויך נעה־פאָדים, מוזען נאָך אַלץ אימפּאָרטירט ווערען. אָבער די לאַנקאַשייר פאַבריקאַנטען וועלען דאָס באַלד אויך פּערזאָרגען; זיי הויבען שוין אָן בויען זייערע שפּינערייען אין רוסלאַנד. צוויי גרויסע פאַבריקען אויף צו שפּינען די פיינסטע סאָרטען באַוועלפעדים האָבען זיך געעפענט אין רוסלאַנד אין יאָהר 1897 מיט דער הילף פון ענגלישען קאַפּיטאַל און ענגלישע אינזשענערען, און אַ פאַבריק אויף צו מאַכען דראָט צו קראַצען דעם באַוועל האָט ניט לאַנג צוריק געעפענט אין מאָסקווע אַ גוטבעקאַנטער פאַבריקאַנט פון מאַנטשעסטער. זינט יענער צייט האָבען נאָך איינעגע געטהאָן דאָס זעלבע. דער קאַפּיטאַל איז אינטערנאַציאָנאַל, און צי יאָ שוץ־טאַריף, צי ניט שוץ־טאַריף, ער שפּרייזט אַריבער די גרעניצען.

דאָס איינענע איז ריכטיג וועגען וואָל־שטאָפען. רוסלאַנד איז פאַר אַ געוויסער צייט געווען לפי ערך צוריקגעשטאַנען אין דעם צווייג. דאָך אָבער ווערען פאַבריקען פון וואָל־בערשטען, שפּינען און וועבען, וואָס זיינען בעזאָרגט מיט די בעסטע מאָדערנע איינ־

---

* די לעצטע עטליכע יאָהר, זינט די יאפּאַנישע מלחמה, זיינען די ציפער ניט געווען זיכער. אין יאָהר 1910 אָבער האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז אין דער גאַנצער אימפּעריע זיינען געווען, אַריינרעכענענדיג אויך די אינדוסטריען וואָס צאָהלען אַקציז, 19,983 פאַבריקען, וואָס האָבען בעשעפטיגט 2,253,790 פּערזאָנען, און האָבען געשאַפען פּראָדוקטען אין דעם ווערטה פון 4 ביליאָן, 565 מיליאָן, 400 טויזענד רובל. 15,270 פון די דאָזיגע פאַבריקען, וואָס זיינען געשטאַנען אונטער דער רעגיערונגאינספּעקציע, האָבען זיך געפונען אין אייראָפּעאישען רוסלאַנד, אין פּוילען און אין די 4 צפון־פּראָווינצען פון קאַווקאַז, און האָבען בעשעפטיגט 1,951,955 אַרבייטער, פון וועלכע 1,227,360 זיינען געווען מענער, 521,236 פרויען און 293,359 קינדער.

דיכטונגען, געבויט יעדען יאָהר אין רוסלאַנד און פּוילען דורך ענג־לישע, דייטשע און בעלגישע פאַבריקאַנטען. אזוי אז איצטער ווערען פיער־פינפטעל פון די געוועהנליכע וואָלענס, און אַלע בעססערע סאָרטען, וואָס מען קען קריגען אין רוסלאַנד, געבאַרשט און געשפּונען אין דער היים — בלויז איין־פינפטעל פון יעדען סאָרט ווערט ארויסגעשיקט אין אויסלאַנד. די צייטען, ווען רוסלאַנד איז געווען בעקאַנט אַלס אַן עקספּאָרטער פון רויהע וואָל, זיינען, הייסט עס, אוועק זיך מעהר ניט אומצוקעהרען.*

בנוגע מאַשינען־פאַבריקען קען מען אפילו גאָר קיין פערגלייך ניט מאַכען צווישען היינטיגע צייטען און דעם יאָהר 1861 אָדער אפילו 1870. אַ דאַנק די ענגלישע און פראַנצויזישע אינזשענערען אין אָנהויב, און דערנאָך דעם טעכנישען פּראָגרעס אין דעם לאַנד גופא, האָט רוסלאַנד שוין מעהר ניט נויטיג צו אימפּאָרטירען קיין טייל פון איהר אייזענבאַהן־מעכאַניזם. און וואָס איז שייך צו לאַנד־ווירטשאַפטליכע מאַשינען, ווייסען מיר פון מעהרערע ענגלישע קאָנסולאַט־בעריכטען, אַז די רוסישע שנייד־מאַשינען און אַקער־אייזענס קאָנקורירען ערפאָלגרייך מיט דיזעלבע ווערקציינג, וואָס ווערען פאַבריצירט אין אַמעריקא און ענגלאַנד. אין די יאָהרען 1880 ביז 1890 האָט אָט דער אינדוסטריע־צווייג זיך שטאַרק ענט־וויקעלט אין דעם דרום־אוראַל געביט (אַלס אַ דאָרף־אינדוסטריע, וואָס איז ארויסגערופען געוואָרען אין לעבען פון דער קראַסנאָ אופימסקער טעכנישער שוהלע פון דער זעמסטוואָ), און דערהויפּט אויף די פּליינען, וואָס ציהען זיך צו דעם אזאָווישען ים. וועגען אָט דער לעצטער געגענד האָט דער וויצע־קאָנסול גרין בעריכטעט אין יאָהר 1894 ווי פאָלגט: „אחוץ די 8 אָדער 10 וויכטיגע פאַב־ריקען, איז דער גאַנצער קאָנסולאַר־קרייז איצטער אָנגעזעצט מיט קליינע מאַשינען־ווערקשטאַטען, וועלכע זיינען דערהויפּט בעשעפ־טיגט מיט דער פאַבריקאַציע פון לאַנדווירטשאַפטליכע מאַשינען און ווערקציינג. און דאָס רוב פון זיי האָבען זייערע אייגענע גיסערייען....

* די יעהרליכע פּראָדוקציאָן פון די 1037 וואָל־פאַבריקען פון רוסלאַנד און פּוילען (מיט 149,850 אַרבייטער) איז אין יאָהר 1910 געשאַצט געוועזן אויף אַרום 25 מיליאָן פונט סטערלינג, אנטקעגען 12 מיליאָן אין יאָהר 1894.

די שטאָדט בערדיאַנסק קען זיך איצט בערי‍המען מיט דער גרעסטער שנייד־מאַשין פאַבריק פון גאַנץ אייראָפּא, וועלכע איז אימשטאַנד ארויסצוגעבען דריי טויזענד מאַשינען יעהרליך“. *

לאָמיך נאָך צולעגען, אַז די אויבענדערמאָנטע ציפער, וועלכע נעהמען אריין נאָר אַזעלכע פאַבריקען, וואָס צייגען אַ יעהרליכען אומזאַץ פון מעהר ווי צוויי טויזענד רובל, שליסען ניט איין די אונגעהייערע צאָהל פערשיידענע הויזליכע מלאכות, וועלכע זיינען די לעצטע צייט אויף היבשלעך געוואַקסען זייט ביי זייט מיט די פאַבריקען. די הויזליכע אינדוסטריען — אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר רוסלאַנד און אַזוי נויטווענדיג אונטער די אומשטענדען פון איהר קלימאַט — בעשעפטיגען איצטער מעהר ווי זיעבען און אַ האַלב מיליאָן פויערים, און דער סך הכל פון זייער פּראָדוקציאָן איז געשאַצט געוואָרען מיט עטליכע יאָהר צוריק אויף מעהר איידער די גאַנצע פּראָדוקציאָן פון אַלע פאַבריקען. עס האָט אַריבערגעשטיגען די סומע פון 180 מיליאָן פונט סטערלינג יעהרליך. שפּעטער וועל איך נאָך האָבען די געלעגענהייט זיך אומצוקעהרען צו דעם ענין.

---

* ראַפּאָרט פון וויצע־קאָנסול גרין, „דהי עקאָנאָמיסט“, 9טער יוני, 1894. „ספּעציעלע שנייד־מאַשינען, וועלכע ווערען פערקויפט פאַר 15 ביז 17 פונט סטערלינג זיינען דויערהאַפטיג און גיבען אַרויס מעהר אַרבייט איידער די ענגלישע אָדער אַמעריקאַנישע שנייד־מאַשינען“. אין יאָהר 1893 זיינען פערקויפט געוואָרען 20 טויזענד שנייד־מאַשינען, 50 טויזענד אַקעראייזענס א. אַז. וו. אין יענעם בעצירק אַליין, וואָס האָט בעטראָפען דעם ווערטה פון 822 טויזענד פונט סטערלינג. ווען ניט דער אָבצאָהל אויף אויסלענדישע רויה־אייזען, וואָס האָט פשוט געהינדערט יעדען אַריינפיהר (צוויי און אַ האַלב מאָל אַזוי פיעל ווי דער מאַרק־פּרייז אין לאָנדאָן), וואָלט די דאָזיגע אינדוסטריע זיך פיעל מעהר ענטוויקעלט. כדי אָבער צו בעשיצען די היימישע אייזען־אינדוסטריע — וועלכע האַלט זיך דעריבער אין דעם אוראַל־געגענד נאָך אַלץ אָן די פערעלטערטע פאָר־מען — ווערט אַרויפגעלעגט אַן אָבצאָהל פון 61 שילינג אויף אַ טאָן אומ־פאָרטירטען רויה־אייזען. די פאָלגען פון דער פּאָליטיק פאַר רוסישער אַגריקולטור, אייזענבאַהנען און דעם שטאַאַט־בודזשעט, איז אויספיהרליך בעהאַנדעלט געוואָרען אין אַ ווערק פון א. א. ראַדציג: „די אייזען־אינדוסטריע פון דער וועלט“ (רוסיש), פעטערבורג, 1896.

און וועל דעריבער אויסלאָזען ווייטערע ציפער און בלויז זאָגען, אַז אפילו אין די הויפּט פאַבריק־פּראָווינצען פון רוסלאַנד, אַרום מאָסקווע, צייגען די הויזליכע וועבערייען — פאַר'ן האַנדעל — אַ יעהרליכען אומזאַץ פון 4 און אַ האַלב מיליאָן פונט סטערלינג; און אפילו אין צפון־קאַווקאַז, וואו די קליינע געווערבען זיינען ערשט ניט לאַנג ענטשטאַנען, געפינען זיך אין די פּויערימשע הייזער ביי 45 טויזענד שפּינדלען, וואָס גיבען אַ יעהרליכע פּראָדוקציאָן פון אַרום 2 מיליאָן רובל.

וואָס געהערט די מינעראַינדוסטריע, האָט טראָץ דעם צו־גרויסען שוץ־טאַריף סיסטעם און דער קאָנקורענץ פון ברען־האָלץ און נאַפט * די פּראָדוקציאָן פון די קויהלען־מינען אין דאָנער געגענד זיך פערדאָפּעלט אין די יאָהרען פון 1896 ביז 1904, און אין פּוילען האָט זי זיך פערגרעסערט אויף פיער מאָל אזוי פיעל. ** כמעט דאָס גאַנצע שטאָהל, דריי־פערטעל פון דעם אייזען און צוויי־דריטעל פון דעם רויה־אייזען, וואָס ווערט פערברויכט אין רוסלאַנד, זיינען היימישע פּראָדוקטען, און די 8 רוסישע פאַבריקען פון שטאָה־לענע שינען זיינען שטאַרק גענוג צו וואַרפען אויפ'ן מאַרק 19 מיליאָן פּוד שינען יערען יאָהר (10,068,000 צענטנער אין יאָהר 1910). ***

עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט, וואָס דער אריינפיהר פון פאַרטיגע סחורות אין רוסלאַנד איז אַזוי אונבעדייטענד, און וואָס זינט דעם יאָהר 1870 — ד. ה. 9 יאָהר איידער די אַלגעמיינע פער־גרעסערונג פון טאַריף־אָבצאָהל — איז די פּראָפּאָרציע פון פאַרטיגע סחורות לגבי דער גאַנצער סומע פון אימפּאָרטאַציעס שטענדיג גע־וואָרען קלענער. פאַבריצירטע וואַארען מאַכען איצט אויס נאָר איין

* פון די 1246 דאַמפּערס, וואָס געהען אויף די רוסישע טייכען, ווערען אַ פערטער טייל געהייצט מיט נאַפט און אַ העלפט מיט האָלץ. האָלץ איז אויך דער הויפּט ברען־מאַטעריאַל אויף די אייזענבאַהנען און אין די אייזענפאַבריקען פון אוראַל.

** אין 1910 זיינען אויסגעגראָבען געוואָרען 24 מיליאָן, 146 טויזענד טאָן אין אייראָפּעאישען רוסלאַנד, און אַ מיליאָן מיט 65 טויזענד טאָן אין סיביר.

*** זעה אַנהאַנג ג.

פינפטעל פון דעם גאַנצען אריינפיהר און נאָר זעלטען שטייגען זיי ביז אַ דריטעל, ווי עס איז געווען דער פאַל אין 1910 — אַ יאָהר פון דעם העכסטען אימפּאָרט. אויסערדעם, בעת אין יאָהר 1872 האָבען אַלע אימפּאָרטאַציעס פון ענגלאַנד און רוסלאַנד געהאַט דעם ווערטה פון 16 מיליאָן דריי הונדערט טויזענד פונט סטערלינג, האָבען זיי אין יאָהר 1894 בעטראָפען ניט מעהר ווי 6,884,500 פונט סטערלינג (11,320,000 פונט אין יאָהר 1909). דערפון האָבען די פאַבריצירטע סחורות געהאַט דעם ווערטה פון עפּעס מעהר ווי 2 מיליאָן פונט — דאָס איבעריגע איז בעשטאַנען ענטוועדער פון שפּייז־אַרטיקלען, אָדער פון רויהע און האַלב־פאַבריצירטע וואַרע (מעטאַלען, פּאַדים א. ד. ג.). זיי האָבען געגרייכט 15 מיליאָן מיט 300 טויזענד פונט סטערלינג אין יאָהר 1910 — אַ מאַקסימאַלער יאָהר, און זיינען בעשטאַנען דערהויפּט פון מאַשינעריע און קויהלען. פאַקטיש זיינען די אימפּאָרטאַציעס פון בריטישע פּראָדוקטען געפאַלען אין פערלויף פון 10 יאָהר, פון 8 מיליאָן 800 טויזענד פונט סטערלינג אויף 5 מיליאָן פונט. אַזוי אַז עס האָט אַרונטערגעזעצט דעם ווערטה פון בריטישע פאַבריק־סחורה, וואָס זיינען אימפּאָרטירט געוואָרען אין רוסלאַנד, צו די פאָלגענדע קליינליכע סומען: מאַשינעריע 1 מיליאָן, 320 טויזענד פונט סט., כעמישע פּראָדוקטען 476 טויזענד פונט סט., און אַזוי ווייטער. אָבער נאָך מעהר אויפפאַלענד איז דער געפאַלענער פּרייז פון די בריטישע סחורה, וואָס זיינען אימ־פּאָרטירט געוואָרען אין רוסלאַנד. אַזוי צ. ב. ש. האָט רוסלאַנד אימפּאָרטירט אין יאָהר 1876 אַרום 25 מיליאָן פּוד ענגלישע מעטאַ־לען און האָט פאַר זיי בעצאָהלט 60 מיליאָן רובל, אָבער אין יאָהר 1884, אימפּאָרטירענדיג דיזעלבע צאָהל, האָט זי בעצאָהלט נאָר 34 מיליאָן רובל. און דער אייגענער אַרונטערפאַל אין פּרייז בעמערקט זיך אין אַלע אימפּאָרטירטע סחורות, הגם ניט אַלע מאָל אין דעמ־זעלבען ערך.

עס וואָלט געווען אַ גראָבער טעות צו מיינען, אַז די פערקלע־נערונג פון אויסלענדישע אימפּאָרטאַציעס האָט דערהויפּט צו פער־דאַנקען די הויכע טאַריף־אָבצאָהלען. די פערקלענערונג פון אימ־פּאָרטאַציעס לאָזט זיך פיעל בעסער דערקלערען דורך דעם וואוקס פון די היימישע אינדוסטריען. די טאַריף־אָבצאָהלען האָבען בלי ספק בייגעטראָגען (אינאיינעם מיט אַנדערע אורזאַכען) צוצוציהען

דייטשע און ענגלישע פאַבריקאַנטען אין פוילען און רוסלאַנד. לאָדז — די פוילישע מאַנטשעסטער — איז כמעט גאָר אַ דייטשע שטאָדט, און די רוסישע האַנדעלסאַדרעסען־ביכער זיינען פול מיט ענגלישע און דייטשע נעמען. ענגלישע און דייטשע קאַפּיטאַליסטען, ענגלישע אינזשענערען און אַרבייט־אויפזעהער האָבען אַריינגעפיהרט אין רוסלאַנד די פערבעסערטע באַוועל־פאַבריקאַציעס פון זייערע אייגענע לענדער. איצטער זיינען זיי פערנומען מיט פערבעסערען די וואָלענס־אינדוסטריען און די פּראָדוקציאָן פון מאַשינען; די בעלגיער, וויעדער, האָבען שנעל בעשאַפען אַ גרויסע אייזען־אינדוסטריע אין דרום־רוסלאַנד. עס איז איצט ניטאָ דער קלענסטער ספק — און פון דער מיינונג זיינען ניט נאָר די עקאָנאָמיסטען, נאָר אויך מעהרערע רוסישע פאַבריקאַנטען — אַז אַ פרייהאַנדעל פּאָליטיק וואָלט ניט געשטערט דעם וויטערדיגען וואוקס פון די אינדוסטריען אין רוסלאַנד. עס וואָלט נאָר אַרונטערגעזעצט די גרויסע פּראָפיטען פון יענע פאַבריקאַנטען, וואָס פיהרען ניט איין קיינע פערבעסערונגען אין זייערע פאַבריקען און פערלאָזען זיך דערהויפּט אויף דעם ריוח פון ביליגער אַרבייט און לאַנגע שטונדען.

נאָך מעהר, אַזוי באַלד ווי עס וועט רוסלאַנד געלינגען צו קריגען מעהר פרייהייט, וועט גלייך קומען נאָך אַ גרעסערער וואוקס פון איהרע אינדוסטריען. טעכנישע בילדונג — וועלכע, ווי משונה׳דיג דאָס זאָל ניט זיין, איז ביז גאָר ניט לאַנג סיסטעמאַטיש אונטערדריקט געוואָרען פון דער רעגיערונג — וועט שנעל אָנהויבען וואַקסען און זיך פערשפּרייטען; און רוסלאַנד מיט איהרע נאַטירליכע קוועלען און מיט איהר אַרבייטזאַמער יוגענד, וועלכע זוכט אַפילו איצטער צו פעראייניגען האַנדווערקעריי מיט וויסענשאַפט, וואָלט באַלד געזעהן ווי איהרע אינדוסטריעלע כחות פערגרעסערען זיך צעהן מאָל אַזוי פיעל. זי וועט זיך נאָך לאָזען הערען פון זיך אויפ׳ן אינדוסטריעלען פעלד! זי וועט פאַבריצירען אַלץ וואָס זי ברויכט, און וועט דאָך בלייבען אַן אַגריקולטור־פאָלק.

היינטיגען טאָג אַרבייטען, פון אַ בעפעלקערונג פון 112 מיליאָן אין אייראָפּעאישער רוסלאַנד, נאָר עפּעס מעהר ווי איין מיליאָן און אַ האַלב מענער און פרויען אין די פאַבריקען, און 7½ מיליאָן פערבינדען אַגריקולטור מיט אינדוסטריעלער אַרבייט. די ציפער קענען זיך פערדרייפאַכען און רוסלאַנד וועט צוליעב דעם ניט אויפ־

הערען זיין אַן אַגריקולטור־פאָלק; װען עס זאָל זיך אָבער פער־דרייפאַכען, װעט מעהר קיין פּלאַץ ניט זיין פאַר אימפּאָרטירטע פּארטיגע סחורות, װייל אַן אַגריקולטור־לאַנד קען זיי פּראָדוצירען ביליגער איידער די לענדער, װעלכע לעבען אויף אימפּאָרטירטע נאַהרונגס־פּראָדוקטען. לאָמיר ניט פערגעסען, אַז אין דער פער־איינינגטער ענגלישער מלוכה זיינען בעשעפטיגט אַלעס צוזאַמען 1,087,200 פּערזאָנען אין אַ ל ע טעקסטיל־אינדוסטריען פון ענגלאַנד, שאָטלאַנד, אירלאַנד און װעלס, און אַז ב ל ו י ז 300 טויזענד זייערע זיינען מענער העכער 18 יאָהר אַלט (311 טויזענד אין יאָהר 1907); אַז אָט די ארבייטער טרייבען אָן 53 מיליאָן שפּינדלען און מעהר איידער 700 טויזענד װעבשטוהלען אין די באַװעל־פאַבריקען אליין; און אַז די יעהרליכע פּראָדוקציאָן פון געװעבטע שטאָפען אין פער־לויף פון די לעצטע עטליכע יאָהר איז געװען אַזאַ מורא'דיג גרויסע, אַז זי האָט בעטראָפען דעם ערך פון 200 מיליאָן פונט סטערלינג, און דער דורכשניט בעטרעף פון געװעבטע שטאָפען, װאָס זיינען עקספּאָרטירט געװאָרען יעדען יאָהר, האָט געגרייכט 136,257,500 פונט סטערלינג אין די יאָהרען 1905 ביז 1910 — שוין ניט צו רעדען װעגען דעם אויסערגעװעהנליכען יאָהר 1911, װען עס האָט געגרייכט 163,400,000 פונט סטערלינג. *

---

* אָט זיינען די ציפער, װאָס דער אָפיציעלער צענזוס פון 1908 האָט צונויפגעקליבען. אין דער גאַנצער באַװעל־אינדוסטריע זיינען געװען בעשעפטיגט בלויז 220,563 מענער (שוין צוזאַמען מיט אינגלער), 262,245 פרויען און 90,061 מיידלעך אינגער װי 18 יאָהר. זיי האָבען פּראָדוצירט 6 ביליאָן, 417 מיליאָן, 798 טויזענד יאַרד ניט־געבלייכטע גרויע באַװעל־שטאָפען, און 611 מיליאָן, 824 טויזענד יאַרד געבלייכטע װייסע און קאָלירטע קאַטונען — ד. ה. 160 יאַרד פער קאָפּ פון דער בעפעלקערונג — און 1 ביליאָן, 507 מיליאָן, 381 טויזענד פונט שפּינ־פאָדים, װאָס האָט געהאַט דעם װערטה פון 96 מיליאָן פונט סטערלינג. דאָס קומט אויס 12,271 יאַרד קאַטון און 2,631 פונט פאָדים פער יעדער פּערזאָן פון די בעשעפטיגטע אַרבייטער. פאַר װאָלענס און װאָוסטעד זיינען געװען 112,438 מענער און אינגלעך, 111,492 פרויען און 34,087 מיידלעך אונטער 18 יאָהר אַלט. דער בעטרעף (ניט פאָלשטענדיג) פון די געװעבטע שטאָפען איז געװען אַן ערך 40 מיליאָן, 250 טויזענד פונט

דאָס אייגענע איז נאָך ריכטיגער בנוגע צו אַנדערע אייראָפּעאישע פעלקער, וואָס זיינען מעהר פאָרטגעשריטען אין זייער אינדוסטריעלער ענטוויקלונג, און ספּעציעל בנוגע צו דייטשלאַנד. די לעצטע צייט איז אַזוי פיעל געשריבען געוואָרען וועגען דער קאָנקורענץ, וואָס דייטשלאַנד מאַכט דעם בריטישען האַנדעל אַפילו אויף די בריטישע מערק, און מען קען אַזויפיעל דערקונדיגען זיך וועגען דעם, בלויז איבערקוקענדיג די לאָנדאָנער קראָמען, אַז איך האָב ניט נויטיג אַריינצולאָזען זיך אין אויספיהרליכע פּרטים. מעהרערע אַרטיקלען אין די זשורנאַלען, די קאָרעספּאָנדענץ וועגען דעם ענין אין „דיילי טעלעגראַף“, אויגוסט, 1886, צאָהלרייכע ראַפּאָרטען פון די קאָנסולן, וועלכע ווערען רעגעלמעסיג איבערגעגעבען בקיצור אין די וויכטיגערע צייטונגען, און וואָס מאַכען נאָך אַ גרעסערען איינדרוק ווען מען לעזט זיי אין אָריגינאַל, און ענדליך די פּאָליטישע רעדען — די אַלע האָבען גוט בעקאַנט געמאַכט די עפענטליכע מיינונג פון ענגלאַנד מיט דער וויכטיגקייט און שטאַרקייט פון דער דייטשער קאָנקורענץ *. אויסער דעם

סטערלינג, און פון די פעדים אַן ערך פון 21 מיליאָן פונט סטערלינג. אָט די ציפער זיינען העכסט בעלעהרענד דערמיט, וואָס זיי בעווייזען וויפיעל דער מענש קען פּראָדוצירען מיט די היינטיגע מאַשינעריע. צום בעדויערען פערשטעהען נאָך ניט די נאַציאָנאַל־עקאָנאָמען די ווירקליכע פּראָדוקטיוויטעט אין אַ מאָדערנער פאַבריק. אַזוי האָבען מיר געזעהן ווי די רוסישע עקאָנאָמען האָבען דאָ ניט לאַנג זעהר ערנסט בעהויפּטעט, אַז מען מוז „פּראָלעטאַריזירען“ די פּויערים (אַרום אַ הונדערט מיליאָן), כדי צו בעשאַפען אַ גרויסע אינדוסטריע. מיר זעהען איצטער, אַז אויב איין פערטער טייל, אָדער אפילו איין פינפטער טייל פון דעם יעהרליכען צוואוקס פון דער בעפעלקערונג, וואָלט געגאַנגען אין די פאַבריקען (ווי עס האָט פּאַסירט אין דייטשלאַנד), וואָלטען די רוסישע פאַבריקען באַלד פּראָדוצירט אַזוינע סומען פון אַלערליי סאָרטען אַרטיקלען, אַז זיי וואָלטען געקענט מיט זיי פערזאָרגען 400 אָדער 500 מיליאָן מענשען אַחוץ די בעפעלקערונג פון דער רוסישער אימפּעריע.

* אַ סך פאַקטען וואָס געהערען צום פּונקט זיינען ניט לאַנג צוריק צונויפגעזאַמעלט געוואָרען אין אַ קליין ביכעל אונטער'ן נאָמען „מייד אין דזשערמאַניע“ פון ע. ע. וויליאַמס. לוידער ווערען די פאַקטען,

זיינען די קרעפטען, וואס די דייטשע אינדוסטריע שעפט פון דער טעכנישער ערציהונג פון איהרע ארבייטער, אינזשינערען און צאהל־רייכע וויסענשאפטס־מענער, אזוי אפט דיסקוטירט געווארען פון די, וואס זוכען איינצופיהרען טעכנישע בילדונג אין ענגלאנד, אז דער פלוצלונגדיגער וואוקס פון דייטשלאנד אלס אינדוסטריעלע מאכט, קען שוין מעהר ניט פערלייקענט ווערען.

וואו אמאליגע צייטען האט זיך געפאדערט א האלבער יאהר־הונדערט צו ענטוויקלען אן אינדוסטריע, זיינען איצט גענוג עטליכע יאהר. אין יאהר 1864 זיינען אין דייטשלאנד אימפארטירט געווארען בלויז 160 טויזענד צענטנער (א צענטנער איז אן ערך דריי מיט א פערטעל פוד) רויהע באוועל, און נאר 16 טויזענד צענטנער קאטונענע ארטיקלען זיינען עקספארטירט געווארען; די באוועל־שפינעריי און וועבעריי זיינען מייסטענס געווען אונבעדייטענדע היימישע אינדוסטריען. צוואנציג יאהר שפעטער זיינען די אימ־פארטאציעס פון רויהע באוועל שוין געווען 3 מיליאן מיט 600 טויזענד צענטנער, און אין נאך צוואנציג יאהר האבען זיי געשטיגען ביז מעהר ווי 5½ מיליאן צענטנער; בעת די עקספארטען פון קאטונענע שטאפען און פעדים, וואס זיינען געשאצט געווען אויף 3 מיליאן 600 טויזענד פונט סט. אין יאהר 1883 און אויף 7 מיליאן 662 טויזענד פונט סט. אין יאהר 1893, האבען געגרייכט די סומע פון 19 מיליאן פונט סט. אין יאהר 1905. אין ווייניגער ווי 30 יאהר איז אט אזוי געשאפען געווארען א גרויסע אינדוסטריע, וועלכע האלט אין וואקסען ווייטער. די נויטיגע טעכנישע קענטעניש איז ענטוויקעלט געווארען, און היינטיגען טאג איז דייטשלאנד גע־בליבען לאנקאשייר'ס קונד נאר אויף די פיינסטע סארטען שפין־פעדים. עס איז אבער זעהר וואהרשיינליך, אז אפילו אט די אב־הענגיגקייט וועט אויך באלד אבגעשאפט ווערען.* שפינערייען

וואס בעציהען זיך אויף דער נייער אינדוסטריעלער ענטוויקלונג פון דייטשלאנד, אזוי אפט דארטען געברויכט אין א פארטייאישען גייסט, כדי צו העלפען די טאריף־בעוועגונג, אז אפט ווערט זייער ווירקליכע בעדייטונג אינגאנצען פערשטעלט.

* פראנקע, „די נייעסטע ענטוויקלונג דער טעקסטיל־אינדוסטריע אין דייטשלאנד".

פאַר זעהר פיינע פעדים זיינען די לעצטע צייט איינגעריכטעט געוואָרען, און דאָס פריי ווערען פון דער הערשאַפט פון ליווערפול, דורך דער עטאַבלירונג פון אַ באוועל־בערזע אין ברעמען, האָט גוטע אויסזיכטען. *

אין דער וואָל־בראַנזשע זעהען מיר דעמזעלבען שנעלען וואוקס, און אין יאָהר 1910 האָט דער ווערטה פון די עקספּאָרטען פון וואָל־שטאָפען געגרייכט די סומע פון 13 מיליאָן 152 טויזענד מיט 5 הונדערט פונט סט. (אנטקעגען 8,220,300 אין 1894), פון וועלכע אַן ערך פון אַ מיליאָן 799 טויזענד פונט סט. זיינען געשיקט גע־וואָרען אין ענגלאַנד.** די פלאַקס־אינדוסטריע איז געוואַקסען נאָך אין אַ שנעלערען ערך, און אין זיידענס איז דייטשלאַנד די צווייטע נאָר פון פראַנקרייך.

דער פּראָגרעס פון דער דייטשער כעמישער אינדוסטריע איז גוט בעקאַנט און פיהלט זיך שוין זעהר שטאַרק אין שאָטלאַנד און נאָרטהומבערלאַנד; און די בעריכטען וועגען די דייטשע אייזען און שטאָהל־אינדוסטריען, וועלכע מען קען געפינען אין די פּובלי־קאַציעס פון דעם אייזען און שטאָהל־אינסטיטוט, און אין דער פאָר־שונג, וואָס די „בריטיש אייראָן טרייד אַסאָסיאיישאָן" האָט גע־מאַכט, בעווייזען ווי מורא'דיג גרויס די פּראָדוקציאָן פון רויהען און פערטיגען אייזען איז אויסגעוואַקסען אין דייטשלאַנד זינט דעם יאָהר 1871. (זעה אַנהאַנג ד.) קיין וואונדער ניט, וואָס דער אריינפיהר פון אייזען און שטאָהל אין דייטשלאַנד איז געפאַלען אויף אַ העלפט אין צוואַנציג יאָהר, פון 1874 ביז 1894, בעת די עקספּאָרטען זיינען געוואַקסען כמעט פיער מאָל אַזויפיעל. וואָס

---

* פערגלייך שולטצע־גאַווערניטץ, „דער גראָססבעטריעב" א. וו. זעה אַנהאַנגען ד, ה, ו.

** דער אריינפיהר פון דייטשע וואָל־שטאָפען אין ענגלאַנד איז שטענדיג געוואַקסען — פון 607,444 פונט אין יאָהר 1890 ביז אויף 907,569 פונט אין יאָהר 1894 און 1,822,514 פונט סט. אין 1910. די בריטישע עקספּאָרטען אין דייטשלאַנד (פון וואָל־שטאָפען און פעדים) זיינען אויך געוואַקסען, אָבער ניט אין זעלבען ערך. זיי זיינען געשאַצט געוואָרען אין יאָהר 1890 אויף 2,769,392 פונט, אויף 3,017,163 פונט אין יאָהר 1894, און 4,638,000 פונט אין 1910—1906.

געהערט די מאַשינען־פאַבריקען, איז הגם די דייטשען האָבען בע־גאַנגען דעם פעהלער, וואָס זיי האָבען שוין צו־שקלאַוויש קאָפּיערט די ענגלישע מוסטערן, אָנשטאָט צו געהן אויף אַ נייעם וועג און שאַפען נייע מוסטערן ווי די אַמעריקאַנער האָבען געטהאָן, מוזען מיר פון דעסטוועגען דאָך אָנערקענען, אַז זייערע קאָפּיעס זיינען גוטע, און אַז זיי קאָנקורירען אין פּרט פון ביליגקייט גאַנץ ערפאָלג־רייך מיט די געצייג און מאַשינערייען, וואָס ווערען פּראָדוצירט אין ענגלאַנד. (זעה אָנהאַנג ה.) איך דאַרף געוויס ניט דערמאָנען די הויכע קוואַליטעט פון די דייטשע וויסענשאַפטליכע אַפּאַראַטען. דאָס ווייסען גאַנץ גוט אַלע וויסענשאַפטס־מענער, אַפילו אין פראַנקרייך.

מחמת אַט די אַלע פאַקטען איז דער אַריינפיהר פון פאַב־ריצירטע אַרטיקלען אין דייטשלאַנד זעהר אַ קנאַפּער. דער סך הכל פון אימפּאָרטאַציעס פון געוועבטע סחורות (אַריינרעכענענדיג פעדים) שטעהט אַזוי נידעריג, אַז ער קען זיך אויסגלייכען מיט דעם כמעט־גלייכען ווערטה פון די עקספּאָרטען. און עס איז קיין ספק ניט, אַז ניט נאָר וועט דער דייטשער מאַרק פאַר געוועבטע סחורות אינגיכען פערלאָרען געהן פאַר אַנדערע פאַבריצירענדע לענדער, נאָר אַז די דייטשע קאָנקורענץ וועט זיך לאָזען אַלץ שטאַרקער פיהלען אי אין די נייטראַלע מערק, אי אין די מערק פון מערב־אייראָפּאַ. עס איז לייכט צו געווינען אַפּלאָדיסמענטען פון ניט־אינפאָרמירטע צוהערער, ווען מען שרייט אויס מיט מעהר אָדער ווייניגער היטץ, אַז די דייטשע פּראָדוקטען וועלען קיינ־מאָל ניט קענען זיך פערגלייכען מיט די ענגלישע! דער פאַקט איז אָבער, אַז זיי קאָנקורירען יאָ מיט די ענגלישע אין פּרט פון ביליגקייט און, וואו עס איז נויטיג, אָפּטמאָל אויך אין פּרט פון אָנבאָטען פּונקט אַזוינע גוטע אַרבייט; און אָט דער אומשטאַנד נעהמט זיך פון פילע אורזאַכען.

די אורזאַך פון „ביליגע אַרבייט", וועלכע ווערט אַזוי אָפט דערמאָנט אין ויכוחים וועגען דער „דייטשער קאָנקורענץ", וואָס ווערען געפיהרט אין ענגלאַנד און אין פראַנקרייך, מוז שוין ביי דער צייט פערוואָרפען ווערען, וואָרים אַזויפיעל נייע אונטערזוכונגען האָבען ריכטיג בעוויזען, אַז נידעריגע שכירות און לאַנגע שטונדען בעדייטען ניט נויטיגערוויז ביליגע פּראָדוקטען. ביליגע אַרבייט

און שוץ־טאריף בעדייטען בלויז, אז א געוויסע צאהל פאבריקאנטען האבען די מעגליכקייט ווייטער צו ארבייטען מיט פערעלטערטע און שלעכטע מאשינעריע; אבער אין די הויך־ענטוויקעלטע גאנגבארע אינדוסטריען, ווי פון באוועל און אייזען, בעקומט זיך, פערקעהרט, דער ביליגסטער פראדוקט דורך ה ו י כ ע שכירות, ק ו ר צ ע שטונדען און די ב ע ס ט ע מאשינעריע. ווען די צאהל ארבייטער, וואס פאדערט זיך פאר יעדע טויזענד שפינדלען, קען זיך אונטערשיידען פון זיבעצעהן (אין פיעלע רוסישע פאבריקען) ביז דריי (אין ענגלאנד), און ווען איין וועבער קען אויפפאסען ענטוועדער 20 נארטהראפ מאשין־שטוהלען, ווי מיר זעהען עס אין די פעראייניגטע שטאאטען, אדער 2 מאשין־שטוהלען, ווי דער פאל איז אין די אבגעשטאנענע פאבריקען, קען זיך אזא אונגעהויערער חלוק ניט אויסגלייכען דורך א קלענערן לוין. ממילא איז דער ארבייטס־לוין אין די בעסטע דייטשע באוועל־פאבריקען און אייזען־ווערקשטאטען (בנוגע די אייזען־ווערק וייסען מיר עס דירעקט פון דער אויבען־דערמאנטער אונטערזוכונג פון דער „בריטיש אייראן טרייד אסאסיאיישאן“) ניט נידעריגער ווי אין גרויס־בריטאניען. אלץ וואס מען קען זאגען איז, אז אין דייטשלאנד בעקומט דער ארבייטער מעהר פראדוקטען פאר זיינע שכירות, ווי ער קריגט אין ענגלאנד, אין דעם פאראדיז פון די צווישענהענדלער (מידדלמען) — א פאראדיז, וואס וועט אזוי לאנג אנהאלטען, כל זמן ענגלאנד וועט לעבען מעהרסטענטיילס אויף איספארטירטע שפייז־פראדוקטען.

דער הויפט גרונד פון די ערפאלגען, וואס דייטשלאנד האט אויפ׳ן אינדוסטריעלען געביט, איז דערזעלביגער וואס דערקלערט די ערפאלגען פון די פעראייניגטע שטאאטען. דיביידע לענדער האבען ערשט ניט לאנג אריינגעטרעטען אויף דער אינדוסטריעלער שטופע פון זייער ענטוויקלונג, און זיי האבען זיך גענומען פאר דעם מיט דער גאנצער ענערגיע, וואס יוגענד און פרישקייט קען געבען. ביידע לענדער פערמעגען א ווייט־פערשפרייטע וויסענשאפטליך־טעכנישע, אדער וועניגסטענס פראקטיש־וויסענשאפטליכע בילדונג. אין ביידע לענדער ווערען די פאבריקען געבויט לויט די נייעסטע און בעסטע מושטערן, וואס זיינען אויסגעארבייט געווארען אנדערסוואו; און ביידע לענדער געפינען זיך אין אן אויפוואכונגס־פעריאדע אויף אלע געביטען פון טהעטיגקייט —

ליטעראַטור און וויסענשאַפט, אינדוסטריע און האַנדעל. זיי האַלטען איצט אויף דער שטופע, אויף וועלכער ענגלאַנד האָט זיך געפונען אין דער ערשטער העלפט פון 19טען יאָהרהונדערט, ווען די ענגלישע ארבייטער האָבען גענומען אַזאַ גרויסען אַנטייל אין דער ערפינדונג פון די וואונדערבאַרע מאָדערנע מאַשינעריע.

מיר האָבען דאָ פאַר אונז איינפאַך אַ פאַקט פון דער כ ס ד ר׳־דינער ענטוויקלונג פון די פעלקער. און אַנשטאָט צו שרייען אויף דעם, אָדער גאָר שטעלען זיך אַנטקעגען דעם, וואָלט געווען אַ סך בעסער צו זעהן, צי די צוויי פּיאָנערען פון דער גרויסאינדוסטריע — ענגלאַנד און פראַנקרייך — קענען ניט ווידער נעהמען די איניציאַטיווע און ווייטער אויפטאָן עפּעס נייעס. מען דאַרף זעהן, צי מען זאָל ניט זוכען אַן אויסגאַנגס־פּונקט פאַר דעם שאַפענדען גייסט פון אַט די צוויי פעלקער אין אַ נייער ריכטונג, און דאָס איז — צו מאַכען געברויך אי פון לאַנד־ארבייט, אי פון דעם מענשען׳ס אינדוסטריעלע קרעפטען, כדי צו פערזיכערען וואוילזיין פאַר דעם גאַנצען פאָלק, אַנשטאָט נאָר פאַר איינציגע איינצעלנע.

קאפיטעל II.

די דעצענטראַליזאציע פון די אינדוסטריען

(פאָרטגעזעצט).

איטאַליע און שפּאַניען. — אינדיע. — יאַפּאַן. — די פּעראיוניגטע שטאַאַטען. — באַוועל־ וואָלענס און זייד־אינדוסטריען. — די וואַקסענדע נויט פאַר יעדען לאַנד זיך צו שטיצען דערהויפּט אויף די היימישע פערברויבער.

דער שטראָם פון די אינדוסטריעלע ענטוויקלונגען פליעסט יעדענפאַלס ניט נאָר צו מזרח־צו; ער בעוועגט זיך אויך צו דרום־מזרח און דרום־צו. עסטרייך און אונגארן מאכען שנעלע טריט אין דעם געלאַף נאָך אינדוסטריעלער וויכטיגקייט. דער דרייבונד איז שוין געשטעלט געוואָרען אין געפאַהר דורך דער אַלץ־גרעסערער שטרעבונג פון די עסטרייכער פאַבריקאַנטען זיך צו בעשיצען פון דער דייטשער קאָנקורענץ; און אפילו די צוויאיגע מאָנארכיע גופא האָט ניט לאַנג צוריק דערלעבט צו זעהן, ווי איהרע צוויי שוועסטער־פעלקער קריעגען זיך וועגען שוץ־אָבצאָהלונגען. די עסטרייכישע אינדוסטריען זיינען נאָך גאָר יונג, און דאָך גיבען זיי שוין בעשעפטיגונגען פאַר מעהר ווי 4 מיליאָן ארבייטער.* בעהמען איז אין עטליכע צעהנדליג יאָהר געוואָרען אַן אינדוסטריע־לאַנד פון גאַנץ־היבשער בעדייטונג; און די פאָרטרעפליכקייט און אָריגינאַליטעט פון די מאשינעריען, וואָס ווערען געברויכט אין די אונלענגסט־איבערגעבויטע תבואה־מיהלען פון אונגארן, בעווייזען אַז אונגארן׳ס יונגע אינדוסטריע געהט אויפ׳ן ריכטיגען וועג, ניט נאָר

* אין צענזוס יאָהר 1902 זיינען געווען אין עסטרייך 1 מיליאָן מיט 408 טויזענד אינדוסטריעלע אַנשטאַלטען, מיט 1 מיליאָן, 487 טויזענד פערד־קראַפט, וועלכע האָבען בעשעפטיגט 4,049,300 אַרבייטער. אין די אונגאַרישע פאַבריקען זיינען געווען בעשעפטיגט 1 מיליאָן מיט 128 טויזענד אַרבייטער.

צו ווערען איהרע עלטערע שוועסטערס׳ אַ קאָנקורענט, נאָר אויך צוצולעגען איהר חלק צו אונזער וויסען ווי אויסצוניצען די נאַטור־קרעפטען. פערבייגעהענדיג קען איך צולעגען, אַז דאָס אייגענע איז ביז צו אַ געוויסען גראַד ריכטיג אויך בנוגע צו פינלאַנד. עס פעה־לען ציפער וועגען דעם איצטיגען צושטאַנד פון דעם סך־הכל פון עסטרייך־אונגאַרישע אינדוסטריען; אָבער די לפי ערך קליינע אימפּאָרטאַציעס פון פאַבריצירטע סחורות זיינען ווערטה בעמערקט צו ווערען. פאַר בריטישע פאַבריקאַציעס איז עסטרייך־אונגאַרן גאָר אַ קנאַפּער קונד; נאָר אפילו בנוגע צו דייטשלאַנד בעפרייט זי זיך גאַנץ שנעל פון איהר פריהערדיגער אָבהענגיגקייט. (זעה אַנהאַנג ז.)

דערזעלביגער אינדוסטריעלער פּראָגרעס שטרעקט זיך אויס איבער די דרום׳דיגע האַלב־אינזלען. ווער וואָלט געקענט רעדען אין יאָהר 1850 וועגען איטאַליענישע אינדוסטריען? און דאָך — די אויסשטעלונג אין טורין פון יאָהר 1884 האָט עס בעוויזען — ווערט שוין איטאַליע איצט גערעכענט צווישען די אינדוסטריעלע לענדער. „איהר בעמערקט אומעטום גאַנץ היבשע אינדוסטריעלע און קאָ־מערציעלע אָנשטרענגונגען", האָט געשריבען אַ פראַנצויזישער עקאָ־נאָם אין די „טאַן". איטאַליע שטרעבט צו קענען אויסקומען אָהן אויסלענדישע פּראָדוקטען. דער פּאַטריאָטישער פּאַראָל איז: איטאַליע אינגאַנצען פאַר זיך! דאָס בעגייסטערט די גאַנצע מאַסע פּראָדוצירער. עס איז ניטאָ קיין איינציגער פאַבריקאַנט אָדער סוחר, וואָס זוכט ניט מיט אַלע מיטלען, אפילו אין די קלענסטע אומשטענדען, זיך צו בעפרייען פון דער אויסלענדישער אפּוטרופּסות." די בעסטע פראַנצויזישע און ענגלישע מוסטערן ווערען נאָכגעמאַכט און אויסגעבעסערט דורך דער בעריהרונג פון נאַציאָנאַלען גייסט און זיינע אַרטיסטישע טראַדיציעס. עס זיינען ניטאָ קיין פאָלשטענדיגע סטאַטיסטיקס, און דער „אַנואַריאָ" (יאָהרבוך) קען נאָר געבען אינדירעקטע אָנדייטונגען. אָבער די שנעלע פערגרעסערונג פונ׳ם אריינפיהר פון קויהלען (9 מיליאָן, 339 טויזענד טאָן אין יאָהר 1910, אין פערגלייך מיט דריי־פערטעל מיליאָן אין יאָהר 1871); דער וואוקס פון די מינען־אינדוסטריען, וועלכע האָבען פערדרייפאַכט זייער פּראָדוקציאָן אין די 15 יאָהר פון 1870 ביז 1885; די פערגרעסערטע פּראָדוקציאָן פון שטאָהל און

מאַשינעריע (4 מיליאָן, 880 טויזענד פונט סט. אין יאָהר 1900), וועלכע בעוויזט — געברויכענדיג באַוויאָ'ס ווערטער — ווי אַ לאַנד, וואָס האָט ניט קיין אייגענעם הויפּט־מאַטעריאַל און קיין אייגענע מינעראַלען, קען פונדעסטוועגען האָבען אַ גאַנץ היבשע מעטאַל־אינדוסטריע; און ענדליך דער וואוקס פון די טעקסטיל־אינדוסטריען, ווי עס צייגט זיך אַרויס פון דעם נעט אַריינפיהר פון רויהע באַוועל און פון דער צאָהל שפּינדלען * — דאָס אַלעס בעווייזט, אַז די שטרעבונג צו ווערען אַן אינדוסטריע־לאַנד, וואָס זאָל האָבען בכח צו בעפריעדיגען איהרע בעדערפעגישען דורך איהרע אייגענע פּראָדוקציאָנען, איז ניט קיין פּוסטער חלום. וואָס איז שייך די אָנשטרענגונגען, וואָס איטאַליע מאַכט צו נעהמען אַ לעבעדיגען אַנטייל אין דעם וועלט־האַנדעל, — ווער קען ניט די טראַדיציאָנעלע פעהיגקייטען פון די איטאַליענער אין דער בעציהונג?

איך האָב געזאָלט אויך דערמאָנען שפּאַניען, וואו עס קומט פאָר אַ שנעלער וואוקס פון די טעקסטיל־ מינען־ און מעטאַל־אינדוסטריען; נאָר איך איל זיך אַריבערצוגעהן צו יענע לענדער, וועלכע זיינען מיט עטליכע יאָהר צוריק בעטראַכט געוואָרען אַלס אייביגע און געצוואונגענע קונדען פון די אינדוסטריעלע פעלקער פון מערב־אייראָפּאַ. לאָמיר נעהמען צ. ב. ש. בראַזיליען. האָבען ניט די עקאָנאָמיסטען זי פעראורטיילט צו פלאַנצען באַוועל, עקספּאָרטירען עס אין רויהען צושטאַנד און קריגען דערפאַר צוריק

* דער נעט־אימפּאָרט פון רויהע באַוועל האָט געגרייכט 1 מיליאָן, 180 טויזענד צענטנער אין יאָהר 1885 און 4 מיליאָן, 120 טויזענד צענטנער אין יאָהר 1908. די צאָהל שפּינדלען איז געוואַקסען פון 880 טויזענד אין יאָהר 1877 אויף 3 מיליאָן, 800 טויזענד אין 1907. די גאַנצע אינדוסטריע איז אויסגעוואַקסען זינט דעם יאָהר 1859. אין 1910 זיינען פּראָדוצירט געוואָרען אין איטאַליע ניט ווייניגער ווי 358,200 טאָן רויה־אייזען און 671 טויזענד טאָן שטאָהל. די עקספּאָרטען פון וועב־שטאָפען האָבען געגרייכט די פאָלגענדע סומען אין די יאָהרען 1905—1910: זיידענס פון 17 מיליאָן 800 טויזענד פונט סט. אויף 24 מיליאָן, 794 טויזענד; באַוועל־שטאָפען, פון 4 מיליאָן, 430 טויזענד פונט סט. אויף 5 מיליאָן, 40 טויזענד; וואָלענס פון 440 טויזענד פ. סט. אויף 1 מיליאָן, 429 טויזענד פונט סטערלינג.

קאטונענע וואארע? אין יאהר 1870 האבען איהרע 9 ארימינקע פאבריקלעך ניט געקענט אנרעכענען מעהר ווי א סך הכל פון 385 שפינדלען. אבער שוין אין יאהר 1887 זיינען אין בראזיליען געוועזן 46 באוועל־פאבריקען, און פינף זייערע האבען שוין געהאט 40 טויזענד שפינדלען; בעת אלעס צוזאמען האבען זייערע כמעט 10 טויזענד וועבשטוהלען געבראכט אויף די בראזיליער מערק אריבער 33 מיליאן איילען קאטונענע שטאפען.

פינף און צוואנציג יאהר שפעטער, אין 1912, זיינען שוין געוועזן 161 באוועל־פאבריקען מיט א מיליאן און א האלב שפינדלען און 50 טויזענד וועבשטוהלען, וועלכע בעשעפטיגען איבער הונדערט טויזענד ארבייטער („טיימס“, אויגוסט 27, 1912).

אפילו ווערא־קרוז אין מעקסיקא, וואס שטעהט אונטער דעם שוץ פון צאל־וועכטער, האט אנגעהויבען פאבריצירען קאטונען, און האט אין יאהר 1887 זיך געקענט בעריהמען מיט איהרע 40,200 שפינדלען, 287,700 שטיקער באוועל־טוך און 212,000 פונט פאדים. זינט יענעם יאהר האט זי שטענדיג פראגרעסירט, און אין 1894 האט דער וויצע־קאנסול טשאפמאן בעריכטעט, אז אין די אריזאבא־שפינערייען קען מען געפינען די בעסטע מאשינען, בעת „געדרוקטע קאטונען“, האט ער געשריבען, „ווערען איצט פאבריצירט, וועלכע זיינען אזוי גוט, אויב ניט בעסער ווי די אימפארטירטע“.* אין יאהר 1910 זיינען שוין געוועזן בעשעפטיגט 32 טויזענד ארבייטער אין 145 באוועל־פאבריקען, וועלכע האבען געהאט 703 טויזענד שפינדלען און 25 טויזענד קראפט־וועבשטוהלען.**

דעם קלארסטען ווידערשפרוך אבער געגען דער עקספארט־טעאריע האט אונז געגעבען אינדיען. אינדיען איז שטענדיג בע־

---

* „דהי עקאנאמיסט“, 12טען מאי, 1894, ז. 9: „איניגע יאהר צוריק האבען די אריזאבא פאבריקען געברויכט דורכאוים אימפארטירטע רויהע באוועל; איצטער געברויכען זיי היימיש־געוואקסענע און היימיש־געשפונענע באוועל אזויפיעל ווי מעגליך.“

** „אנואריא עסטאדיסטיקא“, 1911. זיי האבען פערברויכט 34,700 טאן רויהע באוועל און האבען פראדוצירט 13 מיליאן, 936 טויזענד, מיט 3 הונדערט שטיקער באוועל־שטאפען און 554 טויזענד צענטנער שפין־פאדים.

טראכט געוואָרען אַלס דער זיבערסטער קונד אויף ענגלישע קאַטונען, און דאָס איז זי טאַקע געווען ביז גאָר ניט לאַנג. פון דער גאַנצער סומע באַוועלנער סחורה, וואָס איז עקספּאָרטירט געוואָרען פון ענגלאַנד, פלעגט אינדיען קויפען מעהר ווי אַ פערטיל, אָפט ביז כמעט אַ דריטעל (פון 17 ביז 22 מיליאָן פונט סט. פון אַ סך הכל פון 75 מיליאָן פונט סט. אין די יאָהרען 1890—1880). אָבער די זאכען האָבען זיך אָנגעהויבען ענדערן, און אין 1904-07 האָבען די עקספּאָרטען בעטראָפען נאָר פון 21 מיליאָן, 680 טויזענד פונט סט. ביז 25 מיליאָן, 680 טויזענד פ. סט. פון אַ סך הכל פון 110 מיליאָן, 440 טויזענד פונט סט. די אינדישע באַוועל־פאַב־ריקען, וועלכע זיינען געווען — צוליעב געוויסע, נאָך ניט אינ־גאַנצען ערקלערטע אורזאכען — אַזוי ניט ערפאָלגרייך אין אָנהויב, האָבען מיט איין מאָל געוואונען אַ פעסטען באָדען.

אין יאָהר 1860 האָבען זיי פערברויכט בלויז 23 מיליאָן פונט רויהע באַוועל, אָבער אין יאָהר 1887 איז די צאָהל שוין געווען כמעט 4 מאָל אַזוי פיעל, און אין די נעקסטע 10 יאָהר איז זי ווידער פערדרייפאַכט געוואָרען: 283 מיליאָן פונט רויהע באַוועל איז פערברויכט געוואָרען אין די יאָהרען 88—1887. די צאָהל באַוועל־פאַבריקען איז אויסגעוואַקסען פון 40 אין יאָהר 1877, ביז 147 אין יאָהר 1895; די צאָהל שפּינדלען איז געשטיגען פון 886,100 ביז 3,844,300 אין דיזעלביגע יאָהרען; און וואו אין יאָהר 1887 זיינען געווען בעשעפטיגט 57,188 אַרבייטער, געפינען מיר 7 יאָהר שפּעטער שוין 146,240 אַרבייטער; און איצטער, אין די יאָהרען 1909-1910 געפינען מיר 237 באַוועל־פאַבריקען אין פולען גאַנג, מיט 6 מיליאָן, 136 טויזענד שפּינדלען, 80 טויזענד וועב־שטוהלען און 231,850 אַרבייטער. וואָס געהערט די קוואַליטע פון די פאַבריקען, געפינען מיר, אַז די „בלויע ביכער" לויבען זיי; די דייטשע האַנ־דעלסקאַמערן בעריכטען, אַז די בעסטע שפּינערייען אין באָמביי „שטעהען איצט ניט פיעל נידעריגער איידער די בעסטע דייטשע שפּינערייען"; און צוויי גרויסע אויטאָריטעטען אין דער באַוועל־אינדוסטריע, מר. דזשיימס פלאַטט און מר. הענרי ליע, שטימען ביידע איין אין דער מיינונג, אַז „אין קיין אַנדער לאַנד אויף דער

וועלט, א חוץ אין לאנקאשייר, האָבען די ארבייטער ניט אזא נאַטירליכע נייגונג צו דער טעקסטיל־אינדוסטריע ווי אין אינדיען. *

די עקספּאָרטען פון געדרעהטע באוועל פון אינדיען האָבען זיך מעהר ווי פערדאָפּעלט אין 5 יאָהר (1882—1887), און שוין אין יאָהר 1887 האָבען מיר געקענט לעזען אין דעם „סטייטמענט" (ז. 62), אז „דאָס ביסעל געדרעהטע באוועל, וואָס איז אימפּאָרטירט געוואָרען, איז בעשטאַנען אַלץ וועניגער און וועניגער פון די גרעבערע אָדער אפילו מיטעל־פּיינערע סאָרטען, וואָס עס בעווייזט, אז די אינדישע שפּינערייען געווינען ביסלעכווייז אַלץ מעהר און מעהר די היימישע מערק." דעריבער זעהען מיר, אז בעת אינדיען האָט נאָך אַלץ אימפּאָרטירט כמעט דיזעלביגע סומע ענגלישע באוועל־פּראָדוקטען און שפּין־פעדים (פון 16 מיליאָן ביז 25 מיליאָן 700 טויזענד פונט סט. אין 1908—1900), האָט זי שוין דאמאָלסט (אין יאָהר 1887) געוואָרפען אויף די אויסלענדישע מערק ניט וועניגער ווי פאַר 3,635,510 פונט סט. איהרע אייגענע קאַטונען, געוועבטע נאָך לאנקאשייר מוסטערן, און האָט עקספּאָרטירט 33 מיליאָן איילען גרויע באוועל־צייג, וואָס זיינען פאַבריצירט געוואָרען אין אינדיען פון אינדישע ארבייטער. און דער עקספּאָרט איז פון דאַן אָן אַלץ געוואקסען, אזוי אז אין די יאָהרען 1911—1910 האָבען די עקספּאָרטען פון אינדיען פון באוועל־שטאָפען און שפּין־פאָדים בעטראָפען די סומע פון 7,943,700 פונט סט.

די וועבערייען אין אינדיען, וואָס ארבייטען אויס דעם דזשוט (אזא האנף אָדער קאַנאָפּליע), זיינען געוואקסען אין נאָך א שנע־לערן ערך. און די אמאָליגע דזשוט־אינדוסטריע פון דונדיע איז אונטערגעגאַנגען, ניט נור צוליעב די הויכע אָבצאָהל־טאריפען פון די אנדערע אייראָפּעאישע רעגירונגען, נאָר אויך דורך דער אינ־דישער קאָנקורענץ. * אפילו פאַבריקען אויסצוארבייטען וואָל־צייג

---

* שולטצע גאוועַרניץ, „דהי קאַטאָן טרייד", וכו', ז. 123.

* אין יאָהר 1882 האָבען זיי געהאַט 5,633 וועב־שטוהלען און 95,937 שפּינדלען. דרייצעהן יאָהר שפּעטער זיינען אָט די ציפערן שוין פערדאָפּעלט געוואָרען — זיי האָבען שוין געהאַט 10,600 וועב־שטוהלען און 216 טויזענד שפּינדלען. איצטער, אָדער ריכטיגער גע־זאָגט, אין 1910—1909, געפינען מיר 60 דזשוט־פאַבריקען מיט 31,420

זיינען די לעצטע צייט געעפענט געווארען; און זינט מען האט אויסגעפונען די מיטלען, נאך א סך עקספערימענטען און דורכפאלען, צו הייצען די שמעלץ־אויוועגס מיט די ארטיגע קויהלען, האט די אייזען־אינדוסטריע אין אינדיען זיך מיט אמאל א הויב געטאן. ספעציאליסטען אין דעם פאך פערזיכערן אונז, אז אין קנאפע עטליכע יאהר וועט אינדיען ליפערן גאר די אייזען, וואס זי בעדארף. נאך מעהר, די ענגלישע פאבריקאנטען ווערען א ביסעל אונרוהיג צוקוקענדיג, ווי עס וואקסט אלץ מעהר דער ארייינפיהר פון אינדישע טעקסטיל־סחורות אין ענגלאנד, בעת אויף די מערק פון ווייטען מזרח און אפריקא ווערט אינדיען אן ערנסטער קאנקורענט פון איהר מוטערלאנד.

און פאר וואס זאל זי דאס ניט ווערען? וואס קען פערהינדערן די ענטוויקלונג פון די אינדישע אינדוסטריען, אפשר דער מאנגעל אין קאפיטאלען? דער קאפיטאל אבער ווייס ניט פון קיין פאטערלאנד; און אויב מען קען ציהען גרויסע פראפיטען פון דער ארבייט פון די אינדישע „קוליעס“, וועלכע קריגען א העלפט אדער נאך ווייניגער איידער דער לוין פון די ענגלישע ארבייטער, וועט דער קאפיטאל עמיגרירען קיין אינדיע, פונקט :ווי ער איז געגאנגען אין רוסלאנד, און עס וועט איהם גאר ניט אהרען, וואס זיין וואנדערונג קען מיטברייינגען הונגערנויט פאר לאנקאשייר און דונדיע. אדער אפשר וועט דער מאנגעל אין קענטעניש זיין א שטערונג? אבער די לענג־און ברייט־גראדען זיינען ניט קיין אבהאלט פאר דער פערשפרייטונג פון קענטעניש: שווער זיינען נאר די ערשטע טריט. וואס איז שייך צו די העכערע ארבייטס־פעהיגקייטען, וועט קיינער, וואס קען דעם הינדו־ארבייטער, ניט צווייפלען וועגען זיינע פעהיגקייטען. זיי שטעהען אודאי ניט נידעריגער פאר די 36,000 קינדער ווייניגער ווי 14 יאהר אלט,

---

וועב־שטוהלען, 645,700 שפינדלען און 204 טויזענד ארבייטער. פון אט די ציפער קען מען אמבעסטען זעהן דעם פארטשריט אין זייער מאשינעריע. די עקספארטען פון דזשוט־שטאפען, וועלכע האבען בעטראפען אריבער א מיליאן און א האלב פונט סט. אין די יאהרען 1884־85, האבען געגרייכט די סומע פון 11 מיליאן, 330 טויזענד פונט סט. אין די יאהרען 1911—1910. זעה אנהאנג ח.)

אָדער פאַר די 238,000 אינגלעך און מיידלעך ווענינער ווי 18 יאָהר אַלט, וואָס ארבייטען אין די ענגלישע טעקסטיל־פאַבריקען.

צוואַנציג יאָהר איז געווים ניט קיין גרויסע פעריאָדע אין׳ם לעבען פון פעלקער. און דאָך אין משך פון די לעצטע צוואַנציג יאָהר איז אויסגעוואַקסען נאָך אַ מעכטיגער קאָנקורענט אין מזרח. איך מיין דאָ יאַפּאַן. אין אָקטאָבער, 1888, האָט דער „טעקסטיל רעקאָרדער" דערמאָנט אין עטליכע שורות, אַז די יעהרליכע פּראָדוקציאָן פון שפּין־פעדים אין די באַוועל־פאַבריקען פון יאַפּאַן האָט נעגרייכט ארום 9½ מיליאָן פונט, און אַז נאָך 15 פאַבריקען, וועלכע קענען האַלטען 156,100 שפּינדלען, האַלטען זיך אין בויען. צוויי יאָהר שפּעטער זיינען אין יאַפּאַן אויסגעשפּונען געוואָרען 2 מיליאָן פונט פאָדים; און בעת זי האָט אין די יאָהרען 1887-88 אימפּאָרטירט פון אויסלאַנד 5 אָדער 6 מאָל אַזויפיעל פאָדים וויפיעל זי האָט געשפּונען אין דערהיים, איז דעם נעקסטען יאָהר אריינגעפיהרט געוואָרען פון אויסלאַנד בלויז צוויי דריטעל פון דעם גאַנצען פערברויך פון לאַנד.*

פון דאַן אָן איז די פּראָדוקציאָן רעגעלמעסיג געוואַקסען. פון זעקס מיליאָן, 435 טויזענד פונט אין יאָהר 1886, האָט עס נעגרייכט באַלד 92 מיליאָן פונט אין יאָהר 1893 און 153½ מיליאָן פונט אין 1895. אין 9 יאָהר האָט די פּראָדוקציאָן זיך פערגרעסערט אויף 24 מאָל. זינט דאַן איז עס געשטיגען ביז 413 מיליאָן, 800 טויזענד פונט אין יאָהר 1909, און מיר דערוויסען זיך פון דעם „פינאַנסיאַל עקאָנאָמיקאַל אַננואַל" פאַר די יאָהרען 1910 און 1911, וואָס ווערט געדרוקט אין טאָקיאָ, אַז עס זיינען געווען אין יאַפּאַן, אין יאָהר 1909, ניט ווענינער איידער 3,756 טעקסטיל־פאַבריקען מיט 1,785,700 שפּינדלען און 51,185 קראַפט־וועבשטוהלען, צו וועלכע מען מוז צולעגען 783,155 האַנד־וועבשטוהלען. יאַפּאַן איז, הייסט עס, שוין אַן ערנסטער קאָנקורענט פאַר די גרויסע איג־

* אין 1886 זיינען אימפּאָרטירט געוואָרען 39 מיליאָן, 200 טויזענד פונט פאָדים אנטקעגען 6 מיליאָן, 435 פונט היימיש־געשפּונענע פאָדים. אין 1889 זיינען די ציפער געווען: 56,633,000 פונט אימפּאָרטירט און 26,809,000 פונט געשפּונען אין דער היים.

דוסטריעלע פעלקער אויף די מערק פון מזרח־אַזיע אין געוועבען בכלל און באַוועל־צייג בפרט; און עס האָט איהר גענומען אינ־גאַנצען נאָר 25 יאָהר צו דערגרייכען איהר פּאָזיציע. דער סך הכל פון דער פּראָדוקציאָן פון געוועבען, וואָס האָט בעטראָפען 1 מיליאָן מיט 200 טויזענד פונט סט. אין יאָהר 1887, איז שנעל געוואַקסען ביז 14 מיליאָן, 270 טויזענד פונט סט. אין 1895, און ביז 22½ מיליאָן פ. סט. אין 1909 — באַוועל־צייג פערנעהמען כמעט 2 פינפטעל פון דער סומע. פאָלגליך זיינען די אימפּאָרטען פון אויס־לענדישע באַוועל־שטאָפען פון אייראָפּא געפאַלען פון 1,640,000 פונט אין יאָהר 1884 אויף 849,600 פונט אין 1895 און אויף 411,600 פונט אין 1910, בעת די עקספּאָרטען פון זייד־שטאָפען זיינען גע־שטיגען אויף כמעט 3 מיליאָן פונט סט. *

וואָס געהערט די קויהלען און אייזען־אינדוסטריען, האָב איך געזאָגט אין דער ערשטער אויסגאַבע פון אָט דעם ווערק פּאַראויס צו זאָגען, אַז די יאַפּאַנעזער וועלען לאַנג ניט בלייבען קיין צינזען־צאָהלער צו אייראָפּא פאַר אייזען־סחורה — אַז זייער אמביציע איז צו האָבען אַפילו זייערע אייגענע שיפבויערייען, און אַז דעם פאַריגען יאָהר זיינען 300 אינזשינערען אוועק פון מר. אַרמסטראָנג׳ס עלזוויק־ווערקשאַפטען, כדי איינצופיהרען שיפבויעריי אין יאַפּאַן. זיי זיינען ענגאַזשירט געוואָרען בלויז אויף 5 יאָהר. די יאַפּאַנעזער ערוואַרטען, אַז אין 5 יאָהר וועלען זיי האָבען זיך גענוג אויסגע־לערנט צו קענען זיין זייערע אייגענע שיפבויער. אָט דער פּאָר־אויסזאָג איז איינגאַנצען מקוים געוואָרען. יאַפּאַן האָט איצטער 1,030 אייזען און מאַשין־פאַבריקען, און זי בויט איצטער איהרע אייגענע קריעג־שיפען. אין פערלויף פון דער לעצטער קריעג האָט זיך דער פּאָרטשריט פון אַלע אינדוסטריען, וואָס זיינען פערבונדען מיט מלחמה, אַרויסגעוויזען זעהר דייטליך. **

---

* אין יאָהר 1910 זיינען די אימפּאָרטען פון באַוועל־צייג און וואָלענס געווען נישט מעהר ווי פאַר 2,650,500 פונט, בעת די עקספּאָרטען פון באַוועל־פּאָדים, שירטינג און זייד־שטאָפען האָבען געגרייכט דעם ווערטה פון 8,164,800 פונט.

** די מינען־אינדוסטריע איז געוואַקסען ווי פאָלגט: — קופּער איז אויסגעגראָבען געוואָרען 2,407 טאָן אין יאָהר 1875; 49,000 טאָן

דאָס אַלעס בעווייזט, אַז דער איבערפלאַל פון מזרח אויף די אייראָפּעאישע מערק, פאַר וועלכען מען שרעקט זיך אַזוי פיעל, מאַכט שנעלען פאָרטשריט. די כינעזער דרעמלען נאָך; איך בין אָבער פעסט איבערצייגט פון דעם, וואָס איך האָב געזעהן אין כינאַ, אַז אין דעם מאָמענט ווען זיי וועלען אָנהויבען, מיט דער הילף פון אייראָפּעאישע מאַשינעריע, צו פאַבריצירען — און די ערשטע טריט זיינען שוין געמאַכט געוואָרען — וועלען זיי עס דורכפיהרען מיט מעהר ערפאָלג, און נויטיגערוויז אויף אַ סך אַ גרעסערן מאַסשטאַב, איידער אפילו די יאַפּאַנעזער.

און וואָס איז מכח די פעראייניגטע שטאַאטען, וועלכע מען קען ניט בעשולדיגען, אַז זיי בעשעפטיגען ביליגע אַרבייט, אָדער אַז זיי שיקען קיין אייראָפּאַ „ביליגע און העסליכע" פּראָדוקטען? זייער גרויסע אינדוסטריע האָט זיך ערשט נעכטען אָנגעהויבען, און דאָך שיקען זיי שוין אין דער אַלטער אייראָפּאַ וואָס ווייטער אַלץ גרעסערע סומען מאַשינעריע. אין יאָהר 1890 האָבען זיי אפילו אָנגעהויבען צו עקספּאָרטירען אייזען, וועלכען זיי בעקומען פאַר אַ גאַנץ ביליגען פּרייז, אַ דאַנק די אויסגעצייכענטע נייע מעטאָדען, וואָס זיי האָבען איינגעפיהרט אין דער מעטאַלורגיע.

אין משך פון צוואַנציג יאָהר (1870—1890) איז די צאָהל מענשען, וואָס זיינען בעשעפטיגט אין די אַמעריקאַנער פאַבריקען מעהר ווי פערדאָפּעלט געוואָרען, און דער בעטרעף פון זייערע פּראָדוקטען איז כמעט פערדרייפאַכט געוואָרען. און אין משך פון די נעקסטע 15 יאָהר האָט זיך די צאָהל מענשען אין די פאַבריקען וויעדער פערגרעסערט אויף כמעט 50 פּראָצענט, בעת דער ווערטה פון די פּראָדוקטען איז כמעט פערדאָפּעלט געוואָרען.* די

אין 1909. קויהלען: 567,200 טאָן אין 1875; 15,535,000 אין 1909. אייזען: 3,447 טאָן אין 1875; 15,268 אין 1887; 65,000 אין 1909. (ק. ראַטהגען, „יאַפּאַן'ס פאָלקווירטשאַפט אונד שטאַאטסהויז־האַלטונג", לייפּציג, 1891; קאָנסולס ראַפּאָרטען.)

* אַרבייטער וואָס זיינען בעשעפטיגט אין די מאַנופאַקטור־אינ־דוסטריען: 2,504,000 אין יאָהר 1870, 4,712,600 אין 1890 און 6,723,900 אין יאָהר 1905 (אַריינרעכענענדיג די בעצאָהלטע בעאַמטע

באוועל־אינדוסטריע, וועלכע איז פערזארגט מיט אויסגעצייכענטע היימישע מאשינעריע, האט זיך שנעל ענטוויקעלט, אזוי אז די יעהרליכע פראדוקציאן פון טעקסטילען האט געגרייכט אין 1905 דעם ווערטה פון צוויי ביליאן, 147 מיליאן, 441 טויזענד און 400 דאלאר, וואס עס איז צוויי מאל אזוי די גרויס ווי די יעהרליכע פראדוקציאן אין דערזעלבער בראנזשע פון דער פעראייניגטער ענגלישער מלוכה (וועלכע איז געווען געשאצט אויף אן ערך פון 200 מיליאן פונט סט.); און די עקספארטען פון באוועל־צייג פון היימישער מאנופאקטור האט געגרייכט אין יאהר 1910 די אנגע־זעהענע סומע פון 8 מיליאן, 600 טויזענד פונט סט.** וואס געהערט די יעהרליכע פראדוקציאן פון רויה־אייזען און שטאהל, שטייגט זי שוין אריבער די יעהרליכע פראדוקציאן פון ענג־לאנד; *** און אפילו די ארגאניזאציע פון דער דאזיגער אינדוסטריע איז א העכערע, ווי מר. בערקלעי האט שוין אנגעצייגט דערויף, אין יאהר 1891, אין זיין רעדע פאר דעם אינסטיטוט פון ציוויל אינזשינערען.****

און די קלערקס). דער ווערטה פון די פראדוקטען: $3,385,861,000 אין יאהר 1870, $9,372,437,280 אין 1890 און $16,866,707,000 אין יאהר 1905. די יעהרליכע פראדוקציאן פער קאפ פון די ארבייטער: $1,648 אין יאהר 1870, $1,989 אין יאהר 1890, און $2,514 אין יאהר 1905.

** וועגען דער באוועל־אינדוסטריע אין די פעראייניגטע שטאא־טען, זעה אפהאנג ט.

*** פון 7,255,076 ביז 9,811,620 טאן פון רויה־אייזען אין די יאהרען 1890-94 און 27,303,600 גרויסע טאן אין 1910 (אין ווערטה פון 85 מיליאן פונט סט.). די גאנצע סומע פון דעם ווערטה פון די פראדוקטען פון די שטאהל־ווערק און אייזען־גיסערייען האט אין יאהר 1909 געגרייכט דעם אונגעהויערן ווערטה פון 197,144,500 פונט. דער לעזער קען געפינען אין דעם „סטייטסמאן'ס יער בוק" פאר די יאהרען 1910—1912 די העכסט אויפפאלענדע ציפער בנוגע דעם שנעלען וואוקס פון דער אייזען און שטאהל־אינדוסטריע אין די שטאאטען. מיר האבען קיין פערגלייך ניט צו דעם אין אייראפא.

**** „די גרעסטע סומע וואס איין צוג־אוויווען אין גרויס־

דאָס אַלעס אָבער איז אויסגעוואַקסען כמעט אינגאַנצען אין משך פון די לעצטע 30 אָדער 40 יאָהר — גאַנצע אינדוסטריען זיינען בעשאַפען געוואָרען ערשט זינט דעם יאָהר 1860. * היינט וואָס וועט די אַמעריקאַנער אינדוסטריע שוין זיין צוואַנציג יאָהר שפּעטער, אונטערשטיצט ווי זי איז פון אַ וואונדערבאַרער טעכניק, פון אויסגעצייכענטע שולען, פון אַ וויסענשאַפטליכער בילדונג, וואָס געהט האַנד אין האַנד מיט אַ טעכנישער בילדונג, און פון אַן אונטערנעהמונגס־גייסט, וואָס האָט קיין גלייכען ניט צו זיך אין אייראָפּאַ?

גאַנצע בענדער זיינען געשריבען געוואָרען וועגען דעם קריזיס פון 1886־87 — אַ קריזיס, וועלכער האָט געדויערט, געברויכענדיג די ווערטער פון דער פּאַרלאַמענט־קאָמיסיע, זינט דעם יאָהר 1875, מיט „בלויז אַ קורצער פּעריאָדע פון וואוילשטאַנד, וואָס אייניגע האַנדעלס־צווייגען האָבען געגאָסען אין די יאָהרען 1880 ביז 1883“; און איך וואָלט נאָך צוגעלעגט: אַ קריזיס, וועלכער האָט זיך אויס־געשפּרייט איבער אַלע אינדוסטריע־לענדער פון דער וועלט. אַלע מעגליכע אורזאַכען פון דעם קריזיס זיינען אונטערזוכט געוואָרען; אָבער נאָך אַלע משונה'דיגע שלוסען, צו וועלכע זיי זיינען געקומען, האָבען אַלע איינשטימיג זיך אָבגעשטעלט אויף איין אורזאַך, וואָס די פּאַרלאַמענט־קאָמיסיע האָט ארויסגעבראַכט, וועלכע קען אין קורצען אויסגעדריקט ווערען ווי פאָלגט: „די אינדוסטריע־לענדער געפינען ניט אַזעלכע קונדען, פון וועלכע זיי זאָלען קענען מאַכען גרויסע פּראָפיטען“. אַזוי ווי פּראָפיט־מאַכעריי איז דער באַזיס

בריטאַניען גיט אַרויס, שטייגט ניט אַריבער 750 טאָן אין אַ וואָך, בעת אין אַמעריקאַ האָט עס געגרייכט 2,000 טאָן“ (נייטשור, נאָוו. 19, 1891, ז. 65). אין 1909 האָבען די בעססעמער שטאָהל־פאַבריקען געהאַט 99 „קאָנווערטערס“; זיי האָבען געהאַט בכח אַרויסצוגעבען טעגליך אייזען־שטאַבעס, אָדער דירעקטע גוסען, „דאָפּעל־ווענדונג“ ביז 45,983 טאָן.

* דזשיי. ר. דאָדזש, „פאַרם ענד פעקטאָרי: איידס טו אַגרי־קולטיור פראָם אָדהער אינדוסטריעס“ ניו יאָרק און לאָנדאָן, 1884, ז. 111. איך קען זעהר שטאַרק ריעקאָמענדירען דאָס דאָזיגע קליין ווערק אַלעמען, וועלכע זיינען פעראינטערעסירט אין דער פראַגע.

פון דער קאַפּיטאַליסטישער אינדוסטריע, דערקלערען די נידעריגע פּראָפיטען אַלע ווייטערדיגע פּאַלגען.

נידעריגע פּראָפיטען ברייננען מיט די ארבייטגעבער צו פערקלענערן די שכירות, אָדער די צאָהל ארבייטער, אָדער די צאָהל ארבייטס־טעג אין וואָך, אָדער גאָר צו נעהמען זיך פאַר דער פאַבריקאַציע פון פּראָסטערע סאָרטען וואַרע, וועלכע צאָהלען בדרך כלל אַ קלענערן לוין ווי פאַר בעסערע סאָרטען. נידעריגע פּראָפיטען, ווי אדאם סמיטה האָט געזאָגט, בעדייטען ענדליך אַ פערקלענערונג פון שכירות, און נידעריגע שכירות בעדייטען אַ קלענערן פערברויך ביי די ארבייטער. נידעריגע פּראָפיטען בעדייטען אויך עטוואָס אַ קלענערען פערברויך אויף דער זייט פון די ארבייטגעבער; און ביידע זאכען צוזאַמען בעדייטען נידעריגערע פּראָפיטען און אַ קלענערן פערברויך ביי דעם אונגעהויער־גרויסען מיטעלקלאַס, וועלכער איז אויסגעוואַקסען אין די אינדוסטריעלענדער, און דאָס בעדייט ווידער נאָך קלענערע פּראָפיטען פאר די ארבייטגעבער.

אַ לאַנד וואָס פאַבריצירט דערהויפּט פאַר'ן עקספּאָרט און לעבט דעריבער צום גרעסטען טייל אויף די פּראָפיטען, וואָס עס ציהט פון זיין האַנדעל מיט אויסלאַנד, געפינט זיך אין גאָר דער אייגענער לאַגע ווי די שווייץ, וועלכע לעבט ביז אַ גרויסען גראַד אויף די פּראָפיטען, וואָס זי ציהט פון די אויסלענדער, וועלכע קומען בעזוכען איהרע אָזערעס און גלעטשערס. אַ גוטער „סעזאָן" מיינט אַ הכנסה פון 5 ביז 10 מיליאָן דאָלאר פון די געלדער, וואָס די טוריסטען אימפּאָרטירען, און אַ שלעכטער „סעזאָן" האָט דיזעלבע ווירקונג, וואָס אַ שלעכט גערעטעניש אין אַן אַגריקולטור־לאַנד: עס קומט אַן אַלגעמיינע פעראָרעמונג. אַזוי איז אויך מיט אַ לאַנד, וואָס פאַבריצירט פאַר'ן עקספּאָרט. אויב דער „סעזאָן" איז אַ שלעכטער און די עקספּאָרטירטע פּראָדוקטען קענען ניט פערקויפט ווערען אין אויסלאַנד פאַר נאָך אַמאָל אַזויפיעל ווי זיי זיינען ווערטה אין דער היים, מוז דאָס לאַנד, וואָס לעבט דערהויפּט פון אַזוינע געשעפטען, ליידען נויט. ווען די בעליאכסניות פון די אַלפּען האָבען נידעריגע פּראָפיטען, מיינט עס אַ לעבען פון דחקות אין גרויסע טיילען פון דער שווייץ; און ווען

לאנקאשייר און די שאָטישע פאַבריקאנטען, און די גרויסע עקס־פּאָרט־הייזער האָבען קליינע פּראָפּיטען, מיינט עס אַ לעבען פון דחקות אין גאַנץ ענגלאנד. די אורזאַך איז דיזעלביגע איןביידע פעלען.

זינט היבשע עטליכע צעהנדליג יאָהר האָבען מיר ניט געהאַט אַזאַ זול אויף ווייץ און אויף פאַבריצירטע סחורות, ווי מיר האָבען עס געזעהן די לעצטע צייט, און דאָך האָט דאָס לאַנד געליטען פון אַ שרעקליכען קריזיס. לייט האָבען געזאָגט, פערשטעהט זיך, אַז די אורזאַך פון דעם קריזיס איז געווען די איבער־פּראָדוקציאָן. אָבער דער אויסדרוק „איבער־פּראָדוקציאָן“, אויב עס מיינט ניט, אַז די מענשען, וואָס נויטיגען זיך אין די אַלע סאָרטען פּראָדוקטען, האָבען ניט די מיטלען זיי צו קויפען מיט די קליינע שכירות וואָס זיי בעקומען, איז אַ וואָרט, וואָס האָט לגמרי קיין שום זין ניט. קיינער וואָלט ניט געוואגט צו בעהויפּטען, אַז עס איז פאַראַן צו־פיעל מעבעל אין די חורבה'דיגע הייזלאך, צופיעל בעטען און בעט־געוואַנט אין די ארבייטער־וואוינונגען; אַז עס ברענען צופיעל לאָמפּען אין די חאַטקעס, און אַז עס טראָגען צופיעל קליידער אויף די שולטערן — מיר'ן שוין ניט זאָגען די וואָס שלאָפען אין טראַפאַל־גאַר־סקווער צווישען צוויי צייטונגען, נאָר אַפילו די מענשען אין אַזוינע פאַמיליען, וואו מען טהוט זיך אָן זונטאָג אין אַ צילינדער־הוט. און קיינער וועט ניט וואגען צו בעהויפּטען, אַז עס איז פאַראַן צופיעל עסענוואַרג אין די הייזער פון יענע ערד־ארבייטער, וועלכע פערדיענען צוועלף שילינג אַ וואָך, אָדער פון יענע פרויען, וואָס פערדיענען פון פינף פּענס ביז סיקס פּענס אַ טאָג ביי קליידער־ארבייט און אַנדערע קליינע אינדוסטריען, וועלכע זיינען פול און פיעל אין די סביבות פון אַלע גרויסע שטעדט. איבער־פּראָדוקציאָן מיינט פּשוט און פּראָסט אַ דוחק אין קויפסמיטלען צווישען די ארבייטער. און אָט אַזאַ דוחק אין די ארבייטער'ס קויפס־מיטלען האָט זיך געשפּירט אומעטום אויפ'ן קאָנטינענט אין די יאָהרען פון 1885-87.

נאָכדעם ווי די שלעכטע יאָהרען זיינען אריבער, איז אָנ־געקומען מיט אַ מאָל אַ שנעלע אויפלעבונג אין אינטערנאַציאָנאַלען האַנדעל; און אַזוי ווי די ענגלישע עקספּאָרטען זיינען אין 4 יאָהר (פון 1886 ביז 1890) געשטיגען אויף כמעט 24 פּראָצענט, האָט

מען אָנגעהויבען זאָגען, אַז עס איז גאָר ניטאָ וואָס צו שרעקען זיך פאַר דער אויסלענדישער קאָנקורענץ; אַז דער ארונטערפאַל פון די עקספּאָרטען אין די יאָהרען 1885-87 איז נאָר געווען אַ צייט־ווייליגער און אַ צרת רבים אין גאַנץ אייראָפּאַ, און אַז ענגלאַנד האַלט נאָך אָן, פונקט ווי אין די אַמאָליגע צייטען, איהר הער־שענדע פּאָזיציע אין דעם אינטערנאַציאָנאַלען האַנדעל. עס איז טאַקע אמת, אַז אויב מען זאָל נאָר דורכאויס קוקען אויף דעם געלד־בעטרעף פון די עקספּאָרטען אין די יאָהרען פון 1876 ביז 1895, זעהט מען ניט קיין בעשטענדיגען ארונטערפאַל, מען בע־מערקט נאָר שוואַנקונגען. די ענגלישע עקספּאָרטען, ווי דער מסחר בכלל, ווייזען אין פלוג אַרויס אַ געוויסע פּעריאָדישע בע־וועגונג. זיי זיינען געפאַלען פון 201 מיליאָן סטערלינג אין יאָהר 1876 ביז 192 מיליאָן סט. אין יאָהר 1879; דאַן זיינען זיי ווידער געשטיגען ביז 241 מילאָן סט. אין יאָהר 1882 און אַרונטערגעפאַלען ביז 213 מיליאָן אין 1886; ווידער געשטיגען ביז 264 מיליאָן אין יאָהר 1890, און ווידער געפאַלען, גרייכענדיג אַ מינימום פון 216 מיליאָן אין 1894, וואָס האָט זיך נאָר עטוואָס אויפגעהויבען אין דעם נעקסטען יאָהר.

אזוי ווי די דאָזיגע פּעריאָדישע בעוועגונג איז אַ ווירקליכע טהאַטזאַך, האָט מר. גיפען געקענט אוועקמאַכען אונטער'ן האַנד די „דייטשע קאָנקורענץ", בעווייזענדיג אַז די עקספּאָרטען פון דער פעראייניגטער ענגלישער מלוכה זיינען ניט פערקלענערט געוואָרען. מען קען אפילו זאָגען, אַז רעכענענדיג פּער קאָפּ פון דער בעפעלקערונג, זיינען די עקספּאָרטען געבליבען דיזעלביגע ווי מיט צוואַנציג יאָהר פריהער, און האָבען נאָר דורכגעמאַכט די געוועהנליכע שוואַנקונגען.* ווען אָבער מיר נעהמען בעטראַכטען

* פּער קאָפּ פון דער בעפעלקערונג, רעכענענדיג אין שילינגס, ציינט זיך אַרויס ווי פאָלגט:

1876—121ש.	1881—134ש.	1886—117ש.	1891—131ש.
1877—119 ״	1882—137 ״	1887—121 ״	1892—119 ״
1878—114 ״	1883—135 ״	1888—127 ״	1893—114 ״
1879—112 ״	1884—130 ״	1889—134 ״	1894—111 ״
1880—129 ״	1885—118 ״	1890—141 ״	1895—112 ״

די סומען וואָס זיינען עקספּאָרטירט געוואָרען און פערגלייכען זיי מיט דעם געלד־בעטרעף פון די עקספּאָרטען, דאַן מוז אפילו מר. גיפּפּען צוגעבען, אַז די פּרייזען פון יאָהר 1883 זיינען געווען אַזוי נידעריג אין פערגלייך מיט די פּרייזען פון יאָהר 1873, אַז כדי צו בעקומען דעמזעלביגען געלד־בעטרעף, וואָלט די פער־איינינגטע ענגלישע מלוכה געדאַרפט עקספּאָרטירען 4 שטיקער קאַטון אַנשטאָט 3, און 8 אָדער 10 טאָן מעטאַל־פּראָדוקטען אַנ־שטאָט 6. „דער סך הכל פון ענגלישען אויסלאַנד־האַנדעל, ווען ער וואָלט געווען געשאצט לויט די פּרייזען פון צעהן יאָהר פריהער, וואָלט בעטראָפען 861 מיליאָן פונט סט. אַנשטאָט 667 מיליאָן" — אַזוי זאָגט אונז ניט קיין קלענערע אויטאָריטעט ווי די „קאָמיסיע וועגען דער ארונטערזעצונג פון האַנדעל".

מען וואָלט אפשר געקענט זאָגען, אַז 1873 איז געווען אַן אויסנאַהמס־יאָהר; צוליעב דער פערגרעסערטער נאָכפראַגע, וואָס איז פּאָרגעקומען גלייך נאָך דער דייטש־פראַנצויזישער קריעג. אָבער דיזעלביגע בעוועגונג אויף ארונטער האָט אַנגעהאַלטען גאַנצע עטליכע יאָהר. דער פאַקט איז, ווען מיר נעהמען די ציפער, וואָס דער לעצטער „סטייטסמאַן'ס ייר בוק" גיט, זעהען מיר, אַז בעת ענגלאַנד האָט אין יאָהר 1883 עקספּאָרטירט 4 ביליאָן, 957 מיליאָן יאַרד שטאָפען (באַוועל, וואָלענס און לייווענט) און 316 מיליאָן פונט פאָדים כדי צו בעקומען דעם עקספּאָרט־ווערטה פון 104 מיליאָן פונט סט., האָט זי אין יאָהר 1895 געמוזט עקספּאָרטירען ניט ווייניגער ווי 5 ביליאָן, 478 מיליאָן יאַרד פון דיזעלביגע שטאָפען און 330 מיליאָן פונט פאָדים, כדי צו בעקומען דערפאַר בלויז 99 מיליאָן מיט 700 טויזענד פונט סט.. און די ציפער וואָלטען זיך ארויסגעצייגט נאָך ווייניגער גינסטיג, ווען מיר וואָל־טען גענומען די באַוועל־שטאָפען אליין. אמת, די אומשטענדען האָבען זיך פערבעסערט אין די לעצטע צעהן יאָהר, אַזוי אַז אין יאָהר 1906 זיינען די עקספּאָרטען געווען דיזעלביגע ווי אין יאָהר

1896—116 ש.	1900—142 ש.	1904—141 ש.	1908—171 ש.
1897—117 „	1901—135 „	1905—153 „	1909—192 „
1898—116 „	1902—135 „	1906—173 „	1910—201 „
1899—130 „	1903—138 „	1907—194 „	

1873, און זיי זיינען געוואָרען נאָך בעסער אין יאָהר 1911, וועלכער איז געווען אַן אויסנאהם־יאָהר אין פּרט פון אויסלענדישען האנדעל — 7 ביליאָן מיט 41 מיליאָן יארד שטאָפּען און 307 מיליאָן פונט פּאָדים זיינען עקספּאָרטירט געוואָרען, וועלכע האָבען בעטראָפען צוזאַמען 163 מיליאָן מיט 400 טויזענד פונט סטערלינג. יעדענ־פאַלס האָט נאָר דער ארטיקעל פעדים אויפגעהאַלטען די הויכע פּרייזען, ווייל עקספּאָרטירט ווערען איצטער נאָר די פיינסטע סאָרטען. די גרויסע פּראָפיטען אָבער פון די יאָהרען 1880—1873 זיינען אוועקגעגאַנגען אויף אייביג.

מיר זעהען, הייסט עס, אַז בעת דער טאָטאַלער ווערטה פון די סחורות, וואָס זיינען עקספּאָרטירט געוואָרען פון דער פּער־אייניגטער ענגלישער מלוכה, איז לפי ערך פון איהר וואקסענדער בעפעלקערונג, בכלל געוואקסען, אומפעראענדערט די לעצטע דרייסיג יאָהר, זיינען אָבער די הויכע פּרייזען, וואָס מען האָט בעקומען פאַר די דאָזיגע עקספּאָרטירטע סחורות, און די גרויסע פּראָפיטען, וואָס זיי האָבען געגעבען, אויף אייביג אוועקגעגאַנגען. און קיינע חשבונות און ציפער וועלען ניט קענען איבערצייגען די ענגלישע פאַבריקאַנטען אַז עס איז ניט אזוי. זיי ווייסען גאַנץ גוט, אַז די היימישע מערק ווערען אַלץ מעהר איבערגעלאָדען מיט וואארע; אַז די בעסטע אויסלענדישע מערק געהען אוועק, און אַז אין די נייטראַלע מערק פערקויפען אנדערע ביליגער ווי זיי. דאָס איז דער אונפערמיידליכער פועל יוצא פון דער ענטוויקלונג פון די אינדוסטריען איבער דער גאַנצער וועלט. (זעה אַנהאַנג י).

גרויסע האָפנונגען האָט מען פריהער געלעגט אויף אויסטראַליען אלס אַ מארק פאַר ענגלישע סחורה; אָבער אויסטראַליע וועט באַלד טהאָן, וואָס קאַנאַדא טהוט שוין. זי וועט נעהמען פאַב־ריצירען. און די קאָלאָניאַלע אויסשטעלונגען, וועלכע צייגען די „קאָלאָניסטען" וואָס זיי קענען טהאָן און ווי זיי זאָלען עס טהאָן, וועלען נאָר שנעלער ברייננגען דעם טאָג, ווען יעדע קאָלאָניע וועט „זיך לאָזען הערן" פאַר זיך. קאַנאַדא און אינדיע לעגען שוין ארויף אַן אָבצאָהל־טאַריף אויף ענגלישע סחורות. וואָס געהערט די פיעל־בעשפּראָכענע מערק פון דער קאָנגאָ און מר. סטאַנליי'ס חשבונות און הבטחות אויף אַ מסחר וואָס וועט בעטרעפען 26 מיליאָן פונט סט. אַ יאָהר, ווען די לאַנקאַשייר פאַבריקען וועלען

צושטעלען לענדערן־טיכער פאַר די אפריקאַנער — זיינען אַזוינע הבטחות פון דעמזעלבען סאָרט חלומות, ווי די בעריהמטע נאַכט־מיצלעך פון די כינעזער, וואָס האָבען געזאָלט רייך מאַכען ענגלאַנד נאָך דער ערשטער כינעזישער קריעג. די כינעזער ווילען בעסער טראָגען זייערע אייגענע היימיש־געמאַכטע נאַכט־מיצלעך; און וואָס געהערט די בעפעלקערונג פון קאָנגאָ, קאָנקורירען שוין ווענינ־סטענס פיער לענדער צוצושטעלען זיי זייערע אָרימע בגדים: ענגלאַנד, דייטשלאַנד, די פעראייניגטע שטאַאַטען און „לאַסט באָט נאָט ליסט“, אינדיען.

עס איז געווען אַ צייט ווען ענגלאַנד האָט כמעט געהאַט אַ מאָנאָפּאָל אין דער באַוועל־אינדוסטריע; אָבער שוין אין דעם יאָהר 1880 האָט זי מעהר ניט געהאַט ווי 55 פּראָצענט פון אַלע שפּינדלען, וואָס האָבען געאַרבייט אין אייראָפּאַ, די פעראייניגטע שטאַאַטען און אינדיען (40 מיליאָן פון 72 מיליאָן) און עפּעס מעהר ווי אַ העלפט פון אַלע וועבשטוהלען (550 טויזענד פון 972 טויזענד). אין 1893 איז די פּראָפּאָרציע ווייטער פערקלענערט געוואָרען ביז 49 פּראָצענט פון אַלע שפּינדלען (45 מיליאָן און 300 טויזענד פון 91 מיליאָן 340 טויזענד), און איצט האָט זי נאָר 41 פּראָצענט פון אַלע שפּינדלען.* זי האָט, הייסט עס, געהאַלטען אין פערלירען דעם באָדען, בעת אַנדערע האָבען געוואונען. און

* „דהי אינטערנאַשיאָנאַל פעדערייישאָן אָוו דהי קאָטטאָן אינ־דוסטריע עמפּלאָיערס“ האָט געגעבען מאַרץ 1, 1909, די פאָלגענדע ציפער פון דער צאָהל שפּינדלען אין די פערשיידענע לענדער פון דער אַלטער און נייער וועלט:

די פעראייניגטע ענגלישע מלוכה	53,472,000	41%
די פעראייניגטע שטאַאַטען	27,846,000	21 "
דייטשלאַנד	9,881,000	8 "
רוסלאַנד	7,829,000	6 "
פראַנקרייך	6,750,000	5 "
בריטישע אינדיע	5,756,000	4 "
אַנדערע פעלקער	19,262,000	15 "
	130,706,000	100%

די זאַך איז גאַנץ נאַטירליך: מען האָט עס געקענט פאָראויסזעהן. עס איז קיין גרונד ניטאָ פאַרוואָס ענגלאַנד זאָל שטענדיג בלייבען די גרויסע באַוועל־פאַבריקאַנטין פון דער וועלט, וויבאַלד אז זי דאַרף אימפּאָרטירען רויהע באַוועל אַזוי גוט ווי די אַנדערע לענדער. עס איז געווען אַ גאַנץ נאַטירליכע זאַך, אז פראַנקרייך, דייטשלאַנד, איטאַליען, רוסלאַנד, אינדיען, יאַפּאַן, די פעראייניגטע שטאַאַטען, און אַפילו מעקסיקאַ און בראַזיליע זאָלען אָנהויבען שפּינען זייערע אייגענע פעדים און וועבען זייערע אייגענע באַוועל־שטאָפען. און ווי נאָר עס בעווייזט זיך אין אַ לאַנד אַ באַוועל־אינדוסטריע, אָדער פאַקטיש וועלכע עס איז טעקסטיל־אינדוסטריע, מוז אונפערמייד־ליך אָנהויבען וואַקסען אַ רייהע אַנדערע אינדוסטריען; כעמישע און מעכאַנישע פאַבריקען, מעטאַל־גיסונג און מינען־ארבייט דער־שפּירען באַלד די טרייב־קראַפט, וואָס אַ נייע בעדערפעניש בריינגט מיט זיך מיט. אַלע היימישע אינדוסטריען, ווי אויך די טעכנישע ערציהונג בכלל מוז זיך פערבעסערן, כדי צו בעפריעדיגען די דאָזיגע בעדערפעניש, אַזוי שנעל ווי זי האָט זיך אָנגעהויבען צו לאָזען פיהלען.

וואָס עס האָט פּאַסירט בנוגע דער באַוועל־אינדוסטריע, קומט אויך פאָר בנוגע צו אַנדערע אינדוסטריען. גרויס־בריטאַניען, וועלכע איז אין יאָהר 1880 געשטאַנען די ערשטע אויפ'ן רייסטער פון די לענדער, וואָס פּראָדוצירען רויה־אייזען, איז אין יאָהר 1904 געקומען די דריטע אויף דעמזעלבען רייסטער, וועלכער האָט זיך אָנגעהויבען מיט די פעראייניגטע שטאַאַטען און דייטשלאַנד; בעת רוסלאַנד, וועלכע האָט פערנומען דעם זיעבענטען אָרט אין יאָהר 1880, קומט איצט די פערטע, נאָך גרויס־בריטאַניען.* ענגלאַנד און בעלגיען האָבען שוין ניט מעהר קיין מאָנאָפּאָל אין דער וואָלענס־אינדוסטריע. ריעזענהאַפטיגע פאַבריקען אין ווערוויער ליעגען שטיל; די בעלגישע וועבער געפינען זיך אין גרעסטען

---

* דזש. סטעפאַן דזשינס, „דהי אייראָן טרייד אָוו גרייט בריטיין" (לאָנדאָן, מעטהועו) 1905, ז. 46. דער לעזער וועט געפינען אין אָט דעם אינטערעסאַנטען קליינעם ווערק ווערטהפולע פאַקטען בנוגע דעם וואוקס און ענטוויקלונג פון דער אייזען־אינדוסטריע אין פערשיעדענע לענדער.

עלענד, בעת דייטשלאנד פערגרעסערט יעדען יאהר איהר פראדוק־
ציאן פון וואל־שטאפען און עקספארטירט 9 מאל אזוי פיעל וואַ־
לענס איידער בעלגיען. עסטרייך האט איהרע אייגענע וואל־
שטאפען און עקספארטירט זיי; ריגע, לאדז און מאסקווע בעזאר־
גען רוסלאנד מיט פיינע וואלענע טוך־געוואנד; און דער וואוקס
פון דער וואל־אינדוסטריע אין יעדען פון אט די לענדער רופט
ארויס אין לעבען הונדערטע פעדוואנדטע בעשעפטיגונגען.

א צייט מיט יאהרען האט פראנקרייך געהאט א מאנאפאל
אויף דער זייד־אינדוסטריע. אזוי ווי די זייד־ווערים קומען פון
דרום־פראנקרייך, וואו זיי ווערען געהאדעוועט, איז געווען גאנץ
נאטירליך, אז ליאן זאל ווערען דער מיטעלפונקט פאר דער פאברי־
קאציע פון זיידענס. שפינערייען, הויז־וועבעריי און פארבערייען
האבען זיך גאנץ שטארק ענטוויקעלט. מיט דער צייט אבער האט זיך
די אינדוסטריע אזוי ענטוויקעלט, אז די היימישע זאפאסען פון
רויהע זייד זיינען ניט געווען גענוג, און מען האט עס גענומען אימ־
פארטירען פון איטאליען, שפאניען און דרום־עסטרייך, פון קליין־
אזיע, קאווקאז און יאפאן, אויף א סומע פון 9 ביז 11 מיליאן פונט
סטערלינג אין די יאהרען 1875 און 1876, בעת פראנקרייך האט
געהאט אייגענע זייד נאר אין דעם ווערטה פון 800 טויזענד פונט
סטערלינג. טויזענדער פויערימשע אינגלעך און מיידלעך זיינען
צוגעצויגען געווארען דורך די הויכע שכירות אין ליאן און דעם ארו־
מיגען געגענד; די אינדוסטריע האט געבליהט.

ביסלעכווייז אבער זיינען אויסגעוואקסען נייע צענטערס פון
זייד־ארבייט אין באזעל און אין די פויערימשע הייזער ארום ציריך.
פראנצויזישע אימיגראנטען האבען דארט אריינגעפיהרט דעם
געווערב און ער האט זיך ענטוויקעלט, דערהויפט נאך דעם בירגער־
קריעג פון 1871. דאן האט די אדמיניסטראציע פון קאווקאז
אראבגעבראכט פראנצויזישע ארבייטער און ארבייטערקעס פון ליאן
און מארסעל אויסצולערנען די גרוזינען און די רוסען די בעסטע
מעטאדען ווי צו האדעווען די זייד־ווערים און אויך דעם גאנצען
זייד־געווערב, און סטאווראפאל איז געווארען א נייער צענטער פון
זייד־וועבעריי. עסטרייך און די פעראייניגטע שטאאטען האבען
געטאן דאס אייגענע; און וואס זיינען איצטער די רעזולטאטען?
אין די יאהרען פון 1872 ביז 1881 האט די שווייץ מעהר ווי

פערדאָפּעלט דעם ערטראַג פון איהר זייד־אינדוסטריע; איטאַליען און דייטשלאַנד האָבען עס פערגרעסערט אויף אַ דריטעל מאָל מעהר; און דער ליאָנער ראַיאָן, וועלכער האָט פריהער פאַבריצירט אויף אַ סומע פון 454 מיליאָן פראַנק אַ יאָהר, האָט אין יאָהר 1887 געקענט אויפווייזען אַן איינגאַהמע פון בלויז 378 מיליאָן פראַנק. די עקספּאָרטען פון ליאָנער זיידענס, וועלכע האָבען געגרייכט אַ דורכשניט פון 425 מיליאָן פראַנק אין די יאָהרען 1855—59 און 460 מיליאָן פראַנק אין די יאָהרען 1870—74 זיינען ארונטערגעפאַלען ביז 233 מיליאָן אין יאָהר 1887. פראַנצויזישע ספּעציאַליסטען בערעכנען, אַז ניט ווייניגער ווי אַ דריטעל פון די זייד־שטאָפען, וואָס ווערען פערברויכט אין פראַנקרייך, ווערען איצטער אימפּאָרטירט פון ציריך, קרעפעלד און בארמען. אפילו איטאַליע, וועלכע האָט איצטער 191 טויזענד מענשען וואָס זיינען בעשעפטיגט אין דער זייד־אינדוסטריע, שיקט איהרע זיידענס אין פראַנקרייך און קאָנקורירט מיט ליאָן.

די פראַנצויזישע פאַבריקאַנטען מעגען שרייען אַזוי הויך ווי זיי ווילען פאַר אַ שוץ־טאַריף, אָדער מעגען זיך נעהמען פּראָדוצירען ביליגערע וואַרע פון אַ נידעריגער קוואַליטעט; זיי מעגען פערקויפען 3¼ מיליאָן קילאָגראַם זייד־שטאָפען פאַר'ן זעלביגען פּרייז, וואָס זיי האָבען פערקויפט 2½ מיליאָן אין די יאָהרען 1855—59 — זיי וועלען אָבער שוין מעהר קיינמאָל ניט צוריקגעווינען די פּאָזיציע, וואָס זיי האָבען פערנומען פריהער. איטאַליע, די שווייץ, דייטשלאַנד, די פעראייניגטע שטאַאטען און רוסלאַנד האָבען זייערע אייגענע זייד־פאַבריקען און ווילען אימפּאָרטירען פון ליאָן בלויז שטאָפען פון העכסטער קוואַליטע. וואָס געהערט די נידעריגערע סאָרטען, טראָגען שוין די פּעטערבורגער דיענסטמיידלעך פולאַרד־זייד אין דער וואָכען, ווייל די צפון־קאַווקאַזישע הויזליכע געווערבען ליפערן אַזוינע סאָרטען פאַר אַזאַ פּרייז, וואָס די ליאָנער וועבער וואָלטען דערביי געמוזט שטאַרבען פון הונגער. די אינדוסטריע איז דעצענטראַליזירט געוואָרען; און הגם ליאָן איז נאָך אַלץ אַ צענטער פאַר די העכערע, ארטיסטישע זייד־שטאָפען, וועט זי שוין אָבער מעהר קיינמאָל ניט זיין דער הויפּט צענטער פון דער זייד־אינדוסטריע, וואָס זי איז געווען מיט דרייסיג יאָהר צוריק.

עהנליכע ביישפּיעלען וואָלט מען געקענט בריינגען דוצענד־

וויין. גרינאָק ליפערט מעהר ניט קיין צוקער אין רוסלאַנד, ווייל רוסלאַנד האָט גענוג אייגענעם צוקער אויפ'ן זעלביגען פּרייז, וואָס ער קאָסט אין ענגלאַנד. זייגער־מאַכעריי איז ניט מעהר קיין ספּעציאַליטעט פון דער שווייץ: זייגערס ווערען איצט געמאַכט אומעטום. אינדיען גראָבט אויס פון איהרע 90 קויהלען־מינען צוויידריטעל פון איהר גאַנצען קויהלען־פערברויך. די בעמישע אינדוסטריע, וועלכע איז אויפגעוואַקסען אויף די ברעגעס פון די טייכען קלייד און טיין, מחמת די ספּעציעלע פאָרטיילען, וואָס די דאָזיגע פּלעצער גיבען ביים אימפּאָרטירען פון שפּאַניען די שוועבעלשטיינער, ווי אויך צוליעב דער גאַנצער זאַמלונג פון פערשיידענע אינדוסטריען, וואָס האָבען זיך אַרומגעקליבען אַרום די צוויי וואַסערן, איז איצט חרוב געוואָרען. שפּאַניען, מיט דער הילף פון ענגלישען קאַפּיטאַל, הויבט אָן צו מאַכען נוצען פון איהרע שוועבעלשטיינער פאַר זיך אַליין; און דייטשלאַנד איז געוואָרען אַ גרויסער צענטער פאַר דער פאַבריקאַציע פון שוועבעל־זייערע און סאָדאַ — יאָ, זי קלאָגט זיך שוין וועגען איבערפּראָדוקציאָן.

אָבער זאָל זיין גענוג! איך האָב פאַר מיר אַזויפיעל ציפער, וועלכע דערצעהלען אַלע דיזעלבע געשיכטע, אַז מען וואָלט געקענט ברייגגען ביישפּיעלען וויפיעל מען וויל. עס איז צייט צו ציהען דעם שלוס, און פאַר יעדען מענשען, וואָס האָט ניט קיין פאָראורטיילען, איז דער שלוס קלאָר פון אויבענאויף. אַלע סאָרטען אינדוסטריען ווערען דעצענטראַליזירט און פערשפּרייט איבער'ן גאַנצען ערד־קוגעל; און עס וואַקסט אומעטום אַ פערשיידענאַרטיגקייט, אַ פעראייניגטע פערשיידענאַרטיגקייט, פון געווערבען, אַנשטאָט אַ ספּעציאַליזאַציע פון געווערבען. אָט דאָס זיינען די קענטיגע שטריכען פון די צייטען, אין וועלכע מיר לעבען. יעדעס פאָלק ווערט אין זיין רייה אַן אינדוסטריע־פאָלק; און די צייט איז ניט ווייט, ווען יעדעס פאָלק פון אייראָפּאַ, ווי אויך די פעראייניגטע שטאַאַטען און אפילו די אָבגעשטאַנענסטע פעלקער פון אַזיע און אַמעריקאַ, וועלען אַליין פאַבריצירען כמעט יעדע זאַך, וואָס זיי האָבען נויטיג. מלחמות און צופעליגע אַנדערע אורזאַכען קענען פאַר אַ געוויסע צייט אָבשטעלען די אויסשפּרייטונג פון אינדוסטריען: זיי וועלען זי אָבער ניט פערניכטען; עס איז אונפערמייד־

ליך. פאר יעדען אנפאנגער זיינען נאר די ערשטע טריט שווער. אזוי באלד אבער ווי א נייע אינדוסטריע האט זיך איינגעווארצעלט, רופט זי גלייך ארויס אין לעבען הונדערטע אנדערע אינדוסטריען; און ווי נאר די ערשטע טריט זיינען געמאכט געווארען און די ערשטע שטערונגען זיינען בייגעקומען געווארען, ווערט די אינדוסטריעלע ענטוויקלונג וואס ווייטער אלץ שטארקער און שטארקער.

אט דעם פונקט פיהלט מען אזוי שטארק, אויב אפילו מען פערשטעהט איהם ניט, אז דאס יאגעניש נאך קאלאניעס איז געווארען דער קענטיגסטער שטריך פון די לעצטע צוואנציג יאהר. יעדעס פאלק וויל האבען זיינע אייגענע קאלאניעס. אבער די קאלאניעס וועלען ניט העלפען. קיין צווייטע אינדיען איז ניטא אויף דער וועלט, און די אלטע צושטאנדען וועלען זיך מעהר ניט ווידערהאלען. יא, איינינע ענגלישע קאלאניעס האלטען שוין ביי ווערען ערנסטע קאנקורענטען פון זייער מוטער־לאנד, און אנדערע, א שטייגער ווי אויסטראליע, וועלען ניט פערפעהלען צו געהן אין דיזעלביגע טריט. וואס געהערט די דערוויילע נאך נייטראלע מערק, איז כינא וועט קיינמאל ניט זיין קיין שטארקער קונד פון אייראפא: זי קען פראדוצירען א סך ביליגער ביי זיך אין דער היים, און ווען זי וועט אנהויבען שפירען א בעדערפעניש נאך סחורה פון אייראפעאישען שניט, וועט זי זיי פראדוצירען אליין. וועה צו אייראפא אויב זי וועט, אין דעם טאג, וואס די דאמף־מאשין וועט אריינדרינגען אין כינא, נאך אלץ זיך פערלאזען אויף אויסלענדישע קונדען! און וואס געהערט די האלב־ווילדע אפריקאנער, איז זייער עלענד ניט קיין גרונדלאגע פאר דעם וואוילשטאנד פון א ציוויליזירטען פאלק.

דעם פארטשריט מוז מען זוכען אין אן אנדער ריכטונג. דאס איז אין דער ריכטונג פון פ ר א ד ו צ י ר ע ן פ א ר ׳ ן ה י י מ י ש ע ן ג ע ב ר ו י ך. די קונדען אויף די לאנקאשייר קאטונען און די שעפפיעלד שנייד־געצייג, אויף די ליאנער זיידענס און די אונגארישע מיהל־פראדוקטען זיינען ניט אין אינדיען און ניט אין אפריקא. די ריכטיגע קונדען אויף די פראדוקטען פון אונזערע פאבריקען, מוזען זיין אונזערע אייגענע בעפעלקערונגען. און זיי קענען עס ווערען, אזוי באלד ווי מיר וועלען ארגאניזירען, **אונזער עקאנאמישען לעבען אויף אן אופן, וואס זאל זיי בעפרייען**

פון זייער איצטיגען עלענד. עס האָט קיין זין ניט צו שיקען שווי־מענדע קראָמען מיט דייטשע אָדער ענגלישע פוטער־זאַכען נאָך גיי־גינעא ווען עס זיינען פאַראַן גענוג מעגליכע קונדען פאַר ענגלישע פוטער־זאַכען אין ענגלאַנד און פאַר דייטשע ארטיקלען אין דייטש־לאַנד. אַנשטאָט צו דרעהען זיך דעם מוח מיט פּלענער ווי אַזוי צו קריגען קונדען אין אויסלאַנד, וואָלט געווען בעסער צו זעהן ענטפערן אויף די פאָלגענדע פראַגען: פאַר וואָס דער ענגלישער ארבייטער, וואָס מען בעריהמט אַזוי זיינע אינדוסטריעלע פעהיגקייטען אין פאָליטישע רעדעס; אָדער דער שאָטישער אַרענדאַטאָר און דער איירישער פּויער, וואָס מען רעדט אָפט אַזוי פיעל וועגען זייער אונ־ערמיעדליכע ארבייט צו בעשאַפען אַ נייעם פּראָדוקטיווען באָדען פון טאָרף־זומפען — פאַר וואָס זיינען זיי ניט קיין קונדען פון די לאַנקאַשייר וועבער, די שעפפיעלד קאַטלערס און פון די מינען־ארבייטער פון נאָרטהומבערלאַנד און וועלש? פאַר וואָס טראָגען די ליאָנער וועבער ניט נאָר אַליין ניט קיין זיידענס, נאָר האָבען אָפטמאָל ניט אפילו קיין שפּייז אין זייערע קאַמערן? פאַר וואָס פערקויפען די רוסישע פּויערים זייערע תבואות, און גאַנצע פּיער, זעקס און אָמאָל אַכט מאָנאַט אין יאָהר זיינען זיי געצוואונגען צו מישען קאָרע און גראָז מיט אַ הויפען מעהל אויף צו באַקען זייער ברויט? פאַר וואָס קומען אַזוי אָפט פאַר הונגערנויטען צווישען די וואָס מאַכען וואַקסען ווייץ און רייז אין אינדיען?

אונטער די היינטיגע אומשטענדען פון אַ צוטיילונג אויף קאַפּיטאַליסטען און ארבייטער, אויף אייגענטום־בעזיצער און מאַסען, וואָס לעבען אויף אונזיכערע שכירות, איז יעדע פערשפּריי־טונג פון אינדוסטריען אין נייע געביטען אומעטום בעגלייט פון דיזעלביגע שוידערליכע פאַקטען פון אונדערבאַרעמליכע אונטער־דריקונגען, קינדער־אויסשלאַכטונגען, פעראָרעמונג און אונזיכער־קייט פון לעבען. די ראַפּאָרטען פון די רוסישע פאַבריק־אינספּעק־טאָרען, די בעריכטען פון דער פּלאָנער האַנדעלסקאַמער, די איטאַ־ליענישע אונטערזוכונגען און די ראַפּאָרטען פון די וואַקסענדע אינ־דוסטריען פון אינדיען און יאַפּאַן, זיינען פול מיט דיזעלביגע אויפ־דעקונגען, ווי די ראַפּאָרטען פון די פּאַרלאַמענט־קאָמיסיעס פון די יאָהרען 1840 און 1842, אָדער ווי די מאָדערנע אויפדעקונגען בנוגע דעם „שוויץ־סיסטעם“ פון ווייטשעפּעל און גלאַזגאָו, דעם פּאָופּעריזם

אין לאָנדאָן און די ארבייטסלאָזיגקייט אין יאָרק. דאָס קאַפּיטאַל- און ארבייט-פּראָבלעם איז אויף דעם אופן געוואָרען אוניווערזאַל, אָבער אין דערזעלבער צייט אויך פעראיינפאַכט. צוריקקעהרען זיך צו אַ צושטאַנד וואו תבואות ווערען פערזעעט און וואַרען ווערען פאַבריצירט פאַר דעם געברויך פון די זעלביגע מענשען, וועלכע זעען און פאַבריצירען זיי — אַט דאָס וועט בלי ספק זיין דאָס פּראָבלעם, וואָס וועט דאַרפען געלעזט ווערען אין די נעקסטע יאָהרען פון דער קומענדער אייראָפּעאישער געשיכטע. יעדער ראַיאָן וועט ווערען זיין אייגענער פּראָדוצירער און זיין אייגענער פערברויכער פון די פאַבריצירטע וואַארע. אָבער דאָס שליסט אונפערמיידליך איין, אַז ער וועט אין דערזעלבער צייט אויך זיין אַליין דער פּראָדוצירער און פערברויכער פון זיינע אַגריקולטור-פּראָדוקטען: און דאָס איז טאַקע, וואָס איך וויל זיך נעהמען גלייך אונטערזוכען.

קאפיטעל III.

די מעגליכקייטען פון אגריקולטור.

די ענטוויקלונג פון אגריקולטור. — דער פאראורטייל פון איבערבעפעל־קערונג. — קען דער באדען פון גרויס־בריטאניען דערנעהרען זיינע איינוואוינער? — ברימישע אגריקולטור — פערגליכען מיט דער אגריקולטור פון פראנקרייך, בעלגיען און דענעמארק. — האנדעל־גערטנעריי: איהרע אויפטואונגען. — קען זעען ווייץ אין גרויס־בריטאניען בריינגען פראפיטען? — אמעריקאנער אגריקולטור: אינטענסיווע ווירטשאפט אין די פעראייניגטע שטאאטען.

די געשיכטע פון דער אינדוסטריע און האנדעל פון דער וועלט, אין פערלויף פון די לעצטע פופציג יאהר, איז געווען א געשיכטע פון דעצענטראליזאציע פון דער אינדוסטריע. דאס איז ניט געווען בלויז א מעשה פון אן איבערגערוקטען האנדעלס־שווערפונקט פון איין לאנד אין אן אנדער לאנד, ווי עס האט אמאל פאסירט אין אייראפא, בעת די קאמערציעלע אויבערהערשאפט האט געוואנדערט פון איטאליע און שפאניען, אין האלאנד, און ענדליך אין ענגלאנד: עס האט געהאט א פיעל־טיפערע בעדייטונג, ווארים עס האט גאר ניט דערלאזען אפילו די מעגליכקייט פון א קאמערציעלע אדער אינדוסטריעלע אויבערהערשאפט. עס זיינען אויסגעוואקסען גאנץ נייע אומשטאנדען, און נייע אומשטאנדען פאדערן נייע צופאסונגען. זוכען אויפצולעבען די פערגאנגענהייט וואלט געווען אומזיסטע ארבייט: ציוויליזירטע פעלקער מוזען איצט מאכען א נייעם אנהויב.

פערשטעהט זיך, עס וועלען זיין געגונג שטימען, וואס וועלען טענה'ן, אז די הערשאפט פון די פיאנערען מוז אויפגעהאלטען ווערען אום יעדען פרייז: אלע פיאנערען האבען די טבע דאס צו זאגען. מען וועט פארלעגען, אז די פיאנערען דארפען זעהן צו ווערען אזויפיעל שטארקער אין זייער ארגאניזאציע און טעכנישע קענטעניסען, אז זיי זאלען זיין בכח גובר צו זיין אלע זייערע איינגערע קאנקורענטען; אז אויב נויטיג, מוז מען צו דעם צוועק אפילו אנווענדען

געוואלט. געוואלט איז אָבער געגענזייטיג; און אויב דער גאָט פון מלחמה איז אַלעמאָל אויף דער זייט פון די שטאַרקע באַטאַליאָנען, דאַרף מען וויסען, אז יענע באַטאַליאָנען זיינען די שטאַרקערע, וועלכע קעמפּפען פאַר נייע רעכט אַנטקעגען פּערעלטערטע פּריווי־לעגיען. וואָס איז שייך דעם עהרליכען פּערלאַנג צו פערשאַפען זיך בעסערע טעכנישע בילדונג — אודאי, לאָמיר אַלע האָבען דערפון וויפיעל עס איז נאָר מעגליך. עס וועט זיין אַ גליק פאַר דער מענש־הייט; פאַר דער מענשהייט, נאַטירליך, ניט פאַר אַן איינ־ציגען פאָלק; וואָרים קענטעניש איז ניט אַ זאַך, וואָס מען קען עס קולטיווירען בלויז פאַר דעם אייגענעם היימישען געברויך אליין. קענטעניש און ערפינדונגען, דרייסטקייט פון געדאַנק און אונטער־נעהמונגען, די זיעגען פון דעם זשעניע און די פערבעסערונגען, וואָס קומען פון געזעלשאַפטליכער אָרגאַניזאַציע, זיינען געוואָרען איינ־טערנאַציאָנאַלע געוויקסען. קיין סאָרט פּראָגרעס — סיי גייסטי־גער, אינדוסטריעלער אָדער געזעלשאַפטליכער — קען ניט איינגע־האַלטען ווערען אינערהאַלב פון פּאָליטישע גרעניצען; ער שווימט אַריבער די ימים, ער דרינגט דורך די בערג; די סטעפּעס זיינען פאַר איהם ניט קיין הינדערניש. קענטעניש און ערפינדערישע קראַפט זיינען איצטער אַזוי פאָלשטענדיג אינטערנאַציאָנאַל, אַז אויב אַ צייטונג זאָל מאָרגען אַנאָנסירען אין איינפאַכע עטליכע שורות, אז דאָס פּראָבלעם פון קראַפט־אָנהויפּונג, אָדער פון דרוקען אָהן טינט, אָדער פון פליהען אין דער לופטען איז פּראַקטיש געלעזט געוואָרען אין אַ וועלכען עס איז לאַנד פון דער וועלט, קענען מיר זיין זיכער, אַז אין עטליכע וואָכען וועט דאָס זעלבע פּראָבלעם ווערען געלעזט, כמעט אויף דעמזעלבען אופן, פון מעהרערע ערפינ־דער, וואָס געהערען צו פערשיידענע נאַציאָנאַליטעטען.* מיר בע־מערקען נאָכאַנאַנד, אַז איין און דיזעלבינע וויסענשאַפטליכע ענט־דעקונג, אָדער טעכנישע ערפינדונג, איז אין עטליכע טעג צייט געמאַכט געוואָרען אין בעזונדערע לענדער וואָס ליעגען טויזענדער מיילען ווייט איינע פון די אַנדערע; אַזוי ווי עס וואָלט עפּעס געוועזען אַזאַ מין אַטמאָספערע, וואָס איז גינסטיג פאַר אַ געוויסער

* איך לאָז בכיון איבער די שורות אָהן ענדערונגען, ווי איך האָב זיי געשריעבען פאַר דער ערשטער אויסגאַבע פון אָט דעם בוך.

אירעט זי זאָל ארויסשפּראָצען אין אַ געוויסען מאָמענט. און אזא אַטמאָספּערע עקזיסטירט טאַקע: די דאַמף־מאַשין, די פּרעסע און דער אַלגעמיינער אוצר פון וויסען האָבען זי בעשאַפען.

די וועלכע חלום׳ען צו קענען מאָנאָפּאָליזירען דעם טעכנישען זשעניע, האָבען פערשפּעטיגט אויף פופציג יאָהר צייט. די וועלט — די וויטע, ווייטע וועלט — איז איצטער דער ריכטיגער געביט, וואו דאָס וויסען האָט זיין שליטה; און אויב יעדעס פאָלק צייגט ארויס אַ געוויסע בעזונדערע פעהיגקייט אין אַ געוויסען ספּעציעלען צווייג, זיינען די פערשיידענע פעהיגקייטען פון די פערשיידענע פעלקער ממלא איינע די אַנדערע, און די נוצען וואָס יעדעס פאָלק וואָלט געקענט ציהען פון זיי פאַר זיך, וואָלטען נאָר אָנגעהאַלטען אַ קליין ווייל. די פיינע ענגלישע געשיקטקייט אין מעכאַנישער קונסט־ארבייט, די אַמעריקאַנער מוטהיגקייט אין גיגאַנטישע אונ־טערנעהמונגען, דער פראַנצויזישער סיסטעמאַטישער גייסט און די ערציהונגס־קונסט פון די דייטשען זיינען געוואָרען אינטערנאַציאָ־נאַלע פעהיגקייטען. סער וויליאַם ארמסטראָנג, אין זיינע איטאַ־ליענישע און יאַפּאַנישע ווערקשעפּער, גיט איבער די איטאַליענער און יאַפּאַנער די פעהיגקייט צו בעארבייטען ריעזענהאַפטיגע אייזענ־מאַסען, וועלכע איז אויסגעבילדעט געוואָרען אויף דעם טיין; דער שטורמישער אַמעריקאַנער אונטערנעהמונגס־גייסט דרינגט־דורך די אַלטע וועלט; דער פראַנצויזישער געשמאַק פאַר האַרמאָניע ווערט דער אייראָפּעאישער געשמאַק, און די דייטשע פּעדאַגאָגיע — איך וואָג צו זאָגען: פערבעסערט — איז געוואָרען היימיש אין רוסלאַנד. אַנשטאָט דעריבער צו סטאַרען זיך איינצוהאַלטען דאָס לעבען אין די אַלטע דרכים, וואָלט געווען בעסער נאָכצוזעהן, וואָס די נייע אומשטאַנדען זיינען און וואָס פאַר אַ פליכטען זיי לעגען ארויף אויף אונזער דור.

דער כאַראַקטער פון די נייע אומשטאַנדען איז גאַנץ דייטליך און זייערע פאָלגען זיינען לייכט צו פערשטעהן. אזוי ווי די איג־דוסטריעלע פעלקער פון מערב־אייראָפּאַ בעגעגענען אַלץ גרעסערע שוועריגקייטען ביים פערקויפען זייערע פאַבריצירטע פּראָדוקטען אין אויסלאַנד און קריגען דערפאַר די נויטיגע שפּייז־ארטיקלען, וועלען זיי זיין געצוואונגען צו פּראָדוצירען זייערע שפּייז־ארטיקלען ביי זיך אין דער היים. זיי וועלען זיין געצוואונגען צו פערלאָזען

זיך אויף היימישע קונדען פאַר זייערע וואַרע און אויף היימישע פּראָדוצירער פאַר זייערע שפּייזען. און וואָס שנעלער זיי וועלען עס טהאָן, אַלץ בעסער וועט זיין.

צוויי גרויסע איינווענדונגען שטעהען על כל פּנים אין וועג און לאָזען ניט, אז די שלוסען זאָלען ווערען אַלגעמיין אָנגענומען. די נאַציאָנאַל־עקאָנאָמען און די פּאָליטיקער האָבען אונז געלערענט, אַז די לענדער פון די מערב־אייראָפּעאישע שטאַאטען זיינען אַזוי גערדיכט בעפעלקערט, אַז זיי קענען ניט פּראָדוצירען גאָר די שפּייז און רויהע שטאָפען, וואָס זיינען נויטיג אויסצוהאַלטען זייערע שטענדיג זיך מעהרענדיגע בעפעלקערונגען. בכן נעהמט זיך דער־פון די נויט צו עקספּאָרטירען פאַבריצירטע סחורה און אימפּאָרטירען שפּייז־זאַכען. און צווייטענס דערצעהלט מען אונז, אַז ווען אפילו עס וואָלט יאָ געווען מעגליך צו פּראָדוצירען אין מערב־אייראָפּאַ גאָר די שפּייז־זאַכען, וואָס זיינען נויטיג פאַר איהרע איינוואוינער, וואָלט עס ערשט גאָר ניט געווען קיין מעלה, אַזוי לאַנג ווי מען קען דיזעלביגע שפּייז־אַרטיקלען קריגען ביליגער פון אויסלאַנד. אָט דאָס זיינען די היינטיגע לעהרען און געדאַנקען, וואָס זיינען גאַנג־באַר אין דער געזעלשאַפט בכלל. פונדעסטוועגען איז לייכט צו בעווייזען, אַז זיי זיינען ביידע פאַלשטענדיג פאַלש: אַז מען קען מאַכען וואַקסען אין די לענדער פון מערב־אייראָפּאַ גענוג שפּייז אפילו פאַר אַ סך מעהר איידער די היינטיגע בעפעלקערונגען; און אַז עס וואָלט דוקא יאָ געווען אַ גרויסע מעלה, ווען מען טהוט דאָס. דאָס זיינען די צוויי פּונקטען, וואָס איך האָב איצט צו בעהאַנדלען.

לאָמיר אָנפאַנגען פון דעם שווערסטען פאַל: איז עס מעגליך אַז דער באָדען פון גרויס־בריטאַניען, וועלכער גיט איצטער אַרויס שפּייז נאָר פאַר אַ דריטעל פון די איינוואוינער, זאָל קענען שאַפען אַלע פערשיידענע נויטיגע שפּייזען פאַר 41 מיליאָן מענשען, ווען דער גאַנצער באָדען — וועלדער און פעלזען־בערג, זומפען און טאָרף־בלאָטעס, שטעדט, אייזענבאַהנען און פעלדער — פערנעהמט אַ שטח פון בלויז 56 מיליאָן אַקער, און דערפון קען מען רעכענען נישט מעהר ווי 33 מיליאָן אַקער, וואָס זיינען פעהיג צו ווערען

בעארבייט?* די אלגעמיינע מיינונג איז, אז עס קען בשום אופן ניט; און אט די מיינונג איז אזוי פעסט איינגעווארצעלט, אז אפילו וויסענשאפטס־מענער, וועלכע פערהאלטען זיך בכלל קריטיש צו אנגענומענע מיינונגען, בעשטעטיגען די דאזיגע מיינונג, ניט נעהמענדיג זיך די מיה צו אונטערזוכען אויב זי איז ריכטיג. מען נעהמט זי אן ווי אן אקסיאמע. און דאך, אזוי שנעל ווי מיר זוכען אויסצוגעפינען עפעס אן ארגומענט, וואס זאל רעדען פאר איהר, געפינען מיר אז זי האט ניט די קלענסטע בעגרינדונג, ניט אויף פאקטען און ניט אויף שלוסען, וואס זיינען געבויט אויף פאקטען.

לאמיר נעהמען צום ביישפיעל דזש. ב. לאעס' אויסרעכענונגען וועגען דעם גערעטעניש פון די תבואות, וואס זיינען יעדען יאהר געדרוקט אין דעם „טיימס". אין זיין אויסרעכענונג פאר דעם יאהר 1887 האט ער געמאכט די בעמערקונג, אז אין פערלויף פון די 8 יאהר, פון 1853 ביז 1860, „זיינען כמעט דריי־פערטעל פון דער גאנצער סומע ווייץ, וואס איז פערברויכט געווארען אין דער פער־איינינטער ענגלישער מלוכה, געוועזן געוואקסען אין דער היים, און בלויז עפעס מעהר ווי איין פערטעל איז אריינגעפיהרט געווארען פון אויסלאנד." אבער פינף און צוואנציג יאהר שפעטער זיינען די דאזיגע ציפער כמעט אומגעדרעהט געווארען, ד. ה. „אין פער־לויף פון די 8 יאהרען 1879—1886, איז עפעס מעהר ווי א דריטעל געשאפען געווארען פון די היימישע פעלדער און כמעט צוויי דריטעל פון אימפארטירטע תבואה." די דאזיגע ענדערונג קען ניט דער־קלערט ווערען, ניט דורך דעם פאקט, וואס די בעפעלקערונג האט זיך פערגרעסערט אויף 8 מיליאן, און ניט דורך דעם וואס דער פערברויך פון ווייצענס האט זיך פערגרעסערט אויף זעקס צעהנטעל בושל פער קאפ. אין די יאהרען 1853—60 האט דער באדען פון ענגלאנד דערנעהרט איין איינוואוינער אויף יעדע צוויי קולטיווירטע

* 23% פון גאנצען באדען פון ענגלאנד, 40% אין וועלש און 75% אין שאטלאנד בעשטעהען איצטער פון וואלד, בערג, וויסטעניש, וואסער א. ד. ג. די איבעריגע, ד. ה. 32,777,513 אקער, וועלכע זיינען געווען קולטיווירט אדער געהאלטען אלס פיטער־פעלדער אין יאהר 1890 (בלויז 32,094,658 אקער אין יאהר 1911), קען מען נעהמען אלס דעם „קולטיווירבארען" שטח פון גרויס־בריטאניען.

אַקער: פאַר וואָס האָט זיך געפאָדערט 3 אַקער צו דערנעהרען דעמ־זעלביגען איינוואוינער אין יאָהר 1887? דער תירוץ איז פשוט: איינפאַך נאָר דערפאַר, ווייל מען האָט אָנגעהויבען צו פערנאַכלעסי־גען די בעאַרבייטונג פון דער ערד.

עס איז אַ פאַקט, אַז דער ווייץ־שטח איז פערקלענערט געוואָ־רען אין די יאָהרען 1853—60 אויף אַ גאַנצען מיליאָן מיט 590 טויזענד אַקער, און דעריבער איז דאָס דורכשניטליכע גערעטעניש פון די יאָהרען 1883—86 געווען מעהר ווי 40 מיליאָן בושעל ווייניגער, איידער דאָס דורכשניטליכע גערעטעניש פון די יאָהרען 1853—60; און דער דעפיציט אַליין שטעלט מיט זיך פאַר די שפייז פון מעהר ווי 7 מיליאָן איינוואוינער. אין דער אייגענער צייט איז דער שטח, אויף וועלכען עס איז געווען פערזעעט גערשטען, האָבער, באָב און אַנדערע זומער־תבואה, אויך פערקלענערט געוואָרען אויף נאָך 560 טויזענד אַקער, וואָס עס וואָלט געגעבען, שוין רעכענענדיג אַ נידע־ריגען דורכשניט פון 30 בושל פער אַקער, די נויטיגע סומע תבואה פאַר דיזעלביגע 7 מיליאָן איינוואוינער. און מען קען דעריבער זאָגען, אַז אויב די פעראייניגטע מלוכה האָט אין יאָהר 1887 אימ־פּאָרטירט תבואה פאַר 17 מיליאָן איינוואוינער, אָנשטאָט בלויז פאַר 10 מיליאָן, ווי זי האָט אימפּאָרטירט אין יאָהר 1860, איז דאָס געווען פשוט דערפאַר, ווייל מעהר ווי 2 מיליאָן אַקער לאַנד האָבען אויפגעהערט קולטיווירט צו ווערען.*

---

* דער דורכשניטליכער שטח, וואָס איז געווען פערזעעט מיט ווייץ, אין די יאָהרען 1853—60, איז געווען 4,092,160 אַקער; דאָס דורכ־שניטליכע גערעטעניש — 14,310,779 קוואָרטערס (אַ קוואָרטער איז 8 בושל). דער דורכשניטליכער ווייץ־שטח איז 1884—87 איז געווען 2,509,055 אַקער; דאָס דורכשניטליכע גערעטעניש (גוטע יאָהרען) 9,198,956 קוואָרטערס. זעה פּראָפ. וו. פרים'ס „ראָטהאַמסטעד עקספּערי־מענטס" (לאָנדאָן 1888), ז. 83. איך נעהם סער דזשאָהן לאָעס' ציפער פון 5,65 בושל פער קאָפּ יעדען יאָהר. עס פערגלייכט זיך זעהר נאָהענט מיט דער יעהרליכער אָבצאָהלונג פון 5,67 בושל פער קאָפּ, וואָס די פראַנ־צויזישע סטאַטיסטיקער רעכענען. די רוסישע סטאַטיסטיקער רעכענען 5,67 בושל פון ווינטער־תבואה (הויפּטזעכליך קאָרן) און 2,5 בושל זומער־תבואה (גריקע, גערשטען א. אַז. וו.).

אָט די פּאַקטען זיינען גוט בעקאַנט, אָבער געוועהנליך פּער־ענטפערט מען זיי מיט דער בעמערקונג, אַז עס האָט זיך נור געענ־דערט דער כאַראַקטער פון דער בעאַרבייטונג פון דער ערד: אַז אַנשטאָט צו זעען ווייץ, האָט מען אין ענגלאַנד זיך גענומען פּראָדו־צירען פלייש און מילך. די ציפער אָבער פון יאָהר 1887 ציינגען ארויס, ווען מען פערגלייכט זיי מיט די ציפער פון יאָהר 1860, אַז די פערמינדערונגס־בעוועגונג איז פאָרגעקומען אויף אונטער דער רובריק פון גרינסען און דערגלייכען. דער שטח פון פערזעצטע קאַרטאָפעל איז פערקלענערט געוואָרען אויף 280 טויזענד אַקער; פון ריבען (ברוקווע) — אויף 180 טויזענד אַקער; און הגם עס איז געווען אַ פערגרעסערונג אין שטח פון מערען א. ד. ג., איז אָבער דער סך הכל פון גאַנצען שטח, וואָס איז געווען פערזעעט מיט גרינסען, צוזאַמען פערקלענערט געוואָרען אויף נאָך 330 טויזענד אַקער. אַ פערגרעסערונג איז נאָר פאָרגעקומען אין דעם שטח פון בעשטענדיגע פיטער־פעלדער (2 מיליאָן מיט 800 טויזענד אַקער) און פון גראָז פערזעעט אין ראָטאַציאָן (1,600,000 אַקער); מיר וועלען אָבער אומזיסט זוכען אַן ענטשפּרעכענדע פערגרעסערונג אין דער צאָהל בהמות. די צאָהל בהמות, וואָס איז צוגעקומען אין די דאָזיגע 27 יאָהר, איז ניט גענוג אפילו צו דעקען דעם שטח, וואָס איז געוואו־נען געוואָרען אונטער דער צייט פון די געוועזענע וויסטענישען.*

זינט דעם יאָהר 1887 איז אָבער די לאַגע געוואָרען אַלץ ערגער און ערגער. ווען מיר נעהמען גרויס־בריטאַניען אַליין, זעהען מיר,

* עס האָט זיך פערגרעסערט די צאָהל בהמות אויף 1,800,000 און זיך פערקלענערט די צאָהל שעפּסען אויף 4½ מיליאָן (ווען מען זאָל פער־גלייכען דעם יאָהר 1886 מיט'ן יאָהר 1868 האָט זיך עס פערקלענערט אויף 6½ מיליאָן, וואָס עס קען הייסען אַ פערגרעסערונג פון אַ מיליאָן מיט אַ פערטעל שטיק פיה, ווייל 8 שעפּסען רעכענען זיך גלייך צו איין שטיק גרויס פיה). זינט דעם יאָהר 1860 האָט מען אָבער געוואונען פינף מיליאָן אַקער פון געוועזענעם וויסטען לאַנד; די דערמאָנטע פערמעהרונג פון דער צאָהל בהמות קען קוים דעקען דעם געוואונענעם שטח, אַזוי אַז 2¼ מיליאָן אַקער לאַנד, וועלכע זיינען מעהר ניט בעאַרבייט געוואָרען, זיינען געבליבען לגמרי ניט געדעקט. זיי זיינען געווען פאַר דעם ענגלישען פאָלק אַ פאָלשטענדיגער פערלוסט.

אז אין 1885 האָט דער שטח, וואָס איז געווען פערזעעט מיט אַלע סאָרטען תבואות, פערנומען 8,392,006 אַקער. דאָס איז אודאי זעהר ווענינ, אין פערגלייך מיט דעם שטח, וואָס וואָלט געקענט בעאַר־בייט ווערען; אָבער אפילו אָט דאָס ביסעל איז אין יאָהר 1895 ווידער ארונטערגעפאַלען ביז צו 7,400,227 אַקער. דער ווייץ־שטח איז געווען 2,478,318 אַקער אין יאָהר 1885 (אנטקעגען 3,630,300 אַקער אין יאָהר 1874); אָבער ער איז איינגעשרומפּט געוואָרען ביז צו 1,417,641 אַקער אין יאָהר 1895, בעת דער שטח פון אַלע אנדערע תבואות האָט זיך נאָר פערגרעסערט אויף אַ קלייניגקייט — פון 5,198,026 אַקער אויף 5,462,184 — אזוי אז דער גאַנצער פערלוסט אויף אַלע סאָרטען תבואות איז געווען כמעט 1 מיליאָן אַקער אין 10 יאָהר! נאָך 5 מיליאָן מענשען זיינען אויף דעם אופן געווען געצוואונגען צו בעקומען זייער שפּייז פון אויסלאַנד.

האָט זיך אפשר דער שטח פון גרינסען פערגרעסערט אין דעם דאָזיגען צעהנדליג יאָהר, ווי עס וואָלט געמוזט זיין דער פאַל, אויב די מעשה וואָלט נאָר געווען אַן ענדערונג אין דעם כאַראַקטער פון דער אַגריקולטור? ניט אויף אַ האָר! דער דאָזיגער שטח איז נאָך ווייטער פערקלענערט געוואָרען אויף כמעט 500 טויזענד אַקער (3,521,602 אין יאָהר 1885, 3,225,762 אין יאָהר 1895 און 3,006,,600 אין 1911—1909). אָדער איז אפשר דער שטח פון פערזעעטען קלעווער און גראָז אין ראָטאַציאָן פערגרעסערט געוואָרען פּראָפּאָר־ציאָנעל צו די דאָזיגע אַלע פערקלענערונגען? ליידער' ניט! דער שטח איז אויך פערקלענערט געוואָרען (4,654,173 אַקער אין יאָהר 1885, 4,729,801 אַקער אין יאָהר 1895 און 4,164,000 אַקער אין 1911—1909). קורץ, ווען מיר נעהמען דאָס גאַנצע לאַנד, וואָס איז בעאַרבייט אין ראָטאַציאָן אַלס פעלדער אָדער לאָנקעס (17,201,490 אַקער אין יאָהר 1885, 16,166,950 אַקער אין יאָהר 1895, בלויז 14,795,570 אין 1905 און 14,682,550 אין 1911—1909), זעהען מיר, אז אין די לעצטע 26 יאָהר זיינען נאָך 2½ מיליאָן אַקער ארויסגע־פאַלען פון קולטיווירונג, פאַר וועלכע עס איז לגמרי גאָרנישט צוגע־קומען. דאָס האָט נאָר פערגרעסערט דעם שוין ביז אהער אונגעהויע־רען שטח פון איבער 17 מיליאָן אַקער ערד (17,460,000 אין 1911—1909) — מעהר ווי אַ העלפט פון דעם גאַנצען

ק ו ל ט י ו ו י ר ט ע ן ש ט ח — וועלכער געהט אונטער'ן נאמען „פערמאנענט פאסטיור" (שטענדיגער פיטערלאנד) און איז קוים גענוג צו דערנעהרען איין קוה אויף יעדע 3 אקער! דארף איך נאך זאגען, אז אין די לעצטע פינף און צוואנציג יאהר איז, גאר אין גאנצען צו דער מעשה, וואס מען דערצעהלט אונז, אז די ענגלישע ערד-ארבייטער זיינען געווארען „פלייש-פראדוצירער" אנשטאט „ווייצען-זעער", קיין לפי ערך'דיגע פערמעהרונג אין דער צאהל פיה ניט פארגעקומען? ניט צו רעדען וועגען פערוועגדען דעם באדען, וואס האט זיך אבגעלעדיגט פון תבואות, אויף צו „פראדוצירען פלייש", האט דאס לאנד נאך ווייטער פערקלענערט זיין לעבעדיגען אינוועגטאר אין די יאהרען 1885—1895, און ערשט נאר אין די לעצטע עטליכע יאהר האט עס אנגעהויבען צו ווייזען א לייכטע פערמעהרונג. אין יאהר 1885 האט ענגלאנד געהאט 6,597,964 שטיק גרוים-פיה, אין יאהר 1895 6,354,336 שטיק און 7,057,520 אין 1909—1911; 26,534'600 שעפסען אין 1885, 25,792,200 אין 1895 און פון 26½ מיליאן ביז 27 מיליאן 610 טויזענד אין 1909—1911. אמת, די צאהל פערד האט זיך פערגרעסערט; יעדער קצב און גרינס-קרעמער טרייבט היינטיגע צייטען א פערד „צו נעהמען בע-שטעלונגען ביי די הערשאפטען" (אגב אורחא, אין שוועדען און דער שווייץ טהוען זיי עס אויפ'ן טעלעפאן). ווען מען זאל אבער רעכענען די צאהל פערד, וואס ווערען געברויכט פאר ערדארבייט, די ווילדע פערד און די וואס ווערען געהאלטען אויף ערצייגונג (פלאדעווען), געפינען מיר נאר קליינע שוואנקונגען צווישען 1,408,790 אין יאהר 1885 און 1,553,000 אין יאהר 1909. אבער א סך פערד ווערען אימפארטירט, ווי אויך די האבער און א גרויסער טייל פון דעם היי, וואס פאדערט זיך זיי אויסצוהאלטען.* און

---

* לויט דעם ראפארט, וואס מר. קראפארד האט געלעזען פאר דער סטאטיסטישער געזעלשאפט אין אקטאבער, 1899, אימפארטירט ענגלאנד יעדען יאהר 4½ מיליאן טאן היי און אנדערע פוטער פאר איהרע בהמות און פערד. אונטער דעם היינטיגען סיסטעם פון ערדארבייט וואלטען 6 מיליאן אקער געקענט פראדוצירען אט די אלע פוטער-שטאפען. ווען נאך 6 מיליאן אקער וואלטען פערזעעט געווארען מיט תבואות, וואלט מען, מיט די היינטיגע מעטאדען פון בעארבייטונג, געקענט פראדוצירען אין דער

אויב דער פערברויך פון פלייש האָט זיך ווירקליך פערגרעסערט אין ענגלאַנד, דאַרף מען עס פערדאַנקען דעם אימפּאָרטירטען ביליגען פלייש, ניט דעם פלייש, וואָס וואָלט געקענט פּראָדוצירט ווערען דאָ אין לאַנד. *

מיט איין וואָרט, די אַגריקולטור האָט ניט געביטען איהר ריכטונג, ווי מען האָט אונז אַזוי אָפט דערצעהלט; זי איז פּשוט געפאַלען אין אַלע ריכטונגען. דער באָדען הערט־אויף צו ווערען בעאַרבייטעט אין אַ געפעהרליכען ערך, בעת די לעצטע פערבעסערונגען אין האַנדעלס־גערטנעריי, פרוכט־פּלאַנצען און עופות־האַלטען זיינען ניט מעהר ווי אַ קינדערשפּיעל אין פערגלייך מיט דעם, וואָס איז אויפגעטאָן געוואָרען אויף דיזעלביגע געביטען אין פראַנקרייך, בעלגיען און אַמעריקאַ.

מען מוז זאָגען, אַז אין די לעצטע עטליכע יאָהר איז פאָרגעקומען אַ קליינע פערבעסערונג. דער שטח פון אַלע פערזעעטע תבואות האָט זיך ביסלעכווייז פערגרעסערט און עס שטעהט איצט אַרום 7 מיליאָן אַקער — דער וואוקס איז ספּעציעל צו בעמערקען אין ווייץ (1 מיליאָן מיט 906 טויזענד אַקער אין 1911 אַנטקעגען 1 מיליאָן, 625 טויזענד מיט 450 אַקער אין 1907), בעת דער שטח פון גערשטען און האָבער איז עפּעס קלענער געוואָרען. אָבער מיט אַלעם דעם איז דער שטח פון פערזעעטע תבואה נאָך אַלץ כמעט אויף אַ מיליאָן און אַ האַלב אַקער ווייניגער איידער אין יאָהר 1885, און אויף כמעט צוויי און אַ

היים גאָר די ווייץ, וואָס די פעראייניגטע ענגלישע מלוכה האָט נויטיג.

* ניט ווייניגער ווי 5,877,000 צענטנער רינד־פלייש און שעפּסען־פלייש, 1,065,470 שעפּסען און לעמער, און 415,565 רינדער זיינען אימפּאָרטירט געוואָרען אין יאָהר 1895. אין יאָהר 1910 זיינען די ערשטע פון אָט די ציפער געשטיגען ביז 13 מיליאָן, 690 טויזענד צענטנער. אַלעס צוזאַמען ווערט גערעכענט („סטייטסמאַן'ס יירבוק“, 1812), אַז אין 1910 איז 21 פונט פון אימפּאָרטירטען רינדפלייש, 13½ פונט פון אימפּאָרטירטען שעפּסען־פלייש, און 7 פונט פון אַנדערע פלייש, פּער קאָפּ פון דער בעפעלקערונג, פערבליבען פאַר'ן היימישען פערברויך; אַחוץ 11 פונט פּוטער, 262 פונט ווייץ, 25 פונט מעהל און 20 פונט רייז און רייז־מעהל, פּער קאָפּ פון דער בעפעלקערונג, וואָס זיינען אימפּאָרטירט געוואָרען.

האלב מיליאן אקער ווענינער איידער אין יאהר 1874. אט דער חלוק — לאמיר עס געדענקען — שטעלט מיט זיך פאר די ברויט־שפייז פון צעהן מיליאן מענשען.

די אורזאך פון דעם דאזיגען אלגעמיינעם אונטערגאנג איז קלאר פון זיך אליין. עס קומט דערפון וואס די ערד איז פער־לאזען און פערוויסט געווארען. יעדער מין אגריקולטור, וואס פאדערט פיעל מענשליכע ארבייט, איז פערקלענערט געווארען אין שטח, און כמעט א העלפט פון די ערד־ארבייטער זיינען אוועק־געשיקט געווארען, זינט דעם יאהר 1861, צו פערגרעסערן די ארמעע פון די ארבייטסלאזע אין די שטעדט*; אזוי אז די פעלדער אין ענגלאנד זיינען ניט נאר ניט איבערפעלקערט, נאר זיי חלש׳ן נאך מענשליכע ארבייט, ווי דזשיימס קיירד פלעגט זאגען. דאס ענגלישע פאלק בעארבייט ניט זיין באדען; מען דער־לאזט איהם דאס ניט טהאן; און די כלומרשט־דיגע נאציאנאל־עקאנאמען בעקלאגען זיך נאך, וואס דער באדען קען ניט דערנעהרען זיינע איינוואוינער!

מיט׳ן רייזע־זעקעל אויפ׳ן פלייצע בין איך מיר איינמאל אוועק פון לאנדאן, וואנדערענדיג צו־פוס דורך סוסעקס. איך האב גע־לעזען לעאנס דע לאווערגן׳ס בוך און האב ערווארטעט צו געפינען א ראשיג־קולטיווירטען באדען; אבער ניט ארום לאנדאן, און נאך ווענינער ווייטער אוועק צו דרום־צו, האב איך ניט געזעהן קיין מענשען אין די פעלדער. אין דעם שטיק לאנד וואס הייסט וועלד, האב איך געקענט אבגעהן צוואנציג מייל, ניט אנטרע־פענדיג קיין אנדער זאך א חוץ וויסטעניש אדער וועלדלעך, וואס זיינען פערדונגען צו די „לאנדאנער העררן", ווי די ארבייטער האבען זיי אנגערופען, אויף צו שיסען פאזאנען. „אן אונדאנקבא־רער באדען" איז געוועזען מיין ערשטער געדאנק; אבער פון צייט צו צייט פלעג איך דאן קומען צו א פארם ביי א קרייץ־וועג און זעהן ווי דערזעלביגער באדען טראגט א רייך גערעטעניש, און

---

* די אגריקולטור־בעפעלקערונג (פארמערס און פארם־ארבייטער) אין ענגלאנד און וועלס: 2,100,000 אין 1861; 1,383,000 אין 1884; 1,311,720 אין 1891; 1,152,500 (אריינרעכענדיג די פישער־בעפעלקע־רונג) אין 1901.

פלעג זיך טראכטען: „וואס פאר א בעל הבית, אזא ערד“, ווי די פראנצויזישע פויערים זאגען. וויימער אוועק האב איך געזעהן די רייכע פעלדער פון די „מידלאנד קאונטיעס“, אבער אפילו דארטען איז מיר געווען א חדוש, וואס איך בעמערק ניט די אייגענע ראשיגע מענשליכע ארבייט, וועלכע איך בין געוועהנט געווען צו בעוואונדערן אויף די בעלגישע און פראנצויזישע פעלדער. איך האב אבער אויפגעהערט צו וואונדערן זיך, ווען איך האב אויסגעפונען, אז אין גאנץ ענגלאנד און וועלס ארבייטען אויף די פעלדער נישט מעהר ווי איין מיליאן מיט 383 טויזענד מענער און פרויען, בעת מעהר ווי 16 מיליאן געהערן צו „די פראפעסיאנעלע, הויזליכע, אונבעשטימטע, און ניט־פראדוקטיווע קלאסען“. ווי די אונבארמהערציגע סטאטיסטיקער זאגען. איין מיליאן מענשען קענען ניט פראדוקטיוו בעארבייטען א שטח פון 33 מיליאן אקער, סיידען זיי זאלען זיך נעהמען פאר די מעטאדען פון באנאנזא־פארם בעארבייטונג.

ווייטער, ווען איך האב גענומען הארראו פאר דעם צענטער פון מיינע עקסקורסיעס, האב איך געקענט אבגעהן פינף מייל צו לאנדאן־צו, אדער פערקעהרט פון לאנדאן, און האב גארנישט געקענט געפינען, סיי אויף מזרח, סיי אויף מערב־זייט, א חוץ לאנקעס, פון וועלכע זיי האבען ניט בעקומען קיין צוויי טאן היי פער אקער — קוים גענוג צו דערהאלטען ביים לעבען איין מילך־קוה אויף יעדע צוויי אקער. קיין מענשען איז אויף די לאנקעס ניט צו זעהן; אין פריהלינג פיהרט ער אריבער איבער זיי א שווערען וואלץ, שפרייט אויס אויף זיי א ביסעל מיסט אלע צוויי, דריי יאהר, דאן פערשווינדט ער ביז עס קומט די צייט צו מאכען היי. און דאס ווערט געטאן אין א געגענד, וואס איז ניט מעהר ווי צעהן מייל פון טשארינג קראס, נאהענט צו א שטאדט פון פינף מיליאן איינוואוינער, וועלכע קריגט צוגעשטעלט קארטאפעל פון פלאנדערן און דזשערסיע, פראנצויזישע סאלאטען און קענעדער עפעל. אין די הענד פון די פאריזער גערטנערס וואלטען יעדע טויזענד אקער, וואס ליעגען אין דיזעלביגע שטרעקע פון שטאדט, בעארבייט געווארען פון וועניגסטענס צוויי טויזענד מענשען, וועלכע וואלטען ארויסגעקריגען גרינסען אין דעם ווערטה פון 50 ביז 300 פונט סט. פער אקער. דא אבער פוסטעווען די פעלדער, וועלכע דארפען

נאָר האָבען מענשליכע הענד, כדי צו װערען אַן אונערשעפּליכער קוואַל פון גאָלדענע תבואות. און זיי זאָגען אונז: „עס איז שװערער ליים!“ זיי װייסען אַפילו ניט, אַז אין דעם מענשען'ס הענד זיינען גאָר ניטאָ קיין אונפּרוכטבאַרע באָדענס; אַז די פרוכטבאַרסטע באָדענס זיינען ניט אין די אַמעריקאַנער פּרעריס אָדער די רוסישע סטעפּעס, זאָנדערן אין די טאָרף-בלאָטעס פון אירלאַנד, אויף די זאַמד-בערג פון צפון'דיגען ים-ברעג פון פראַנקרייך, אויף די פעלזען-בערג פון דעם רהיין, װאו דעם מענשען'ס הענד האָבען זיי געמאַכט פרוכטבאַר.

דער זאָנדערבאַרסטער פאַקט איז אָבער, װאָס אין איינגע בלי ספק-פרוכטבאַרע טיילען פון לאַנד שטעהט די זאַך נאָך אַפילו אין אַן ערגערן צושטאַנד. דאָס האַרץ האָט מיר פּשוט װעה געטאָן, װען איך האָב געזעהן דעם צושטאַנד, אין װעלכען דאָס לאַנד װערט געהאַלטען אין סאָוטה דעװאָן, און װען איך האָב זיך דערװאוסט, װאָס „פּערמאַנענט פּאַסטיור“ בעדייט. פעלדער נאָך פעלדער ציהען זיך פּוסטע, בעדעקט נאָר מיט אַ נידעריגען גראָז, 3 צאָל די הויך, און אַ מאַסע װילדע געװיקסען. פון יעדען שפּיץ-בערגעל קען מען זעהן צװאַנציג, דרייסיג אַזוינע פעלדער מיט איין בליק; און אין אַזאַ צושטאַנד געפינען זיך טויזענדער אַקער. אַבוואויל די זיידעס פון דעם היינטיגען דור האָבען אָװעקגעלעגט מורא-דיג-שװערע אַרבייט אָבצוריינעגען דאָס דאָזיגע לאַנד פון שטיינער, אַרומצוצוימען עס, אָבציהען דאָס װאַסער און דערגלייכען. אויף יעדער זייט האָב איך געזעהן פערלאָזענע הייזלעך און פער-װיסטעטע פּרוכט-גערטנער. אַ גאַנצע בעפעלקערונג איז פער-שװאונדען געװאָרען, און אַפילו איהרע לעצטע שפּורען װעלען מוזען פערשװינדען, אויב עס װעט װייטער אַזוי אָנגעהן װי ביז אַהער. און דאָס קומט פאָר אין אַ טייל פון לאַנד, װאָס בעזיצט אַ העכסט-פרוכטבאַרען באָדען און האָט אַ קלימאַט, װעלכער איז זיכער אַנגענעהמער און פּאַסיגער אין פריהלינג און אָנהויב זומער, איידער דער קלימאַט אין דזשערסיע — אַ לאַנד, אויף װעלכען אַפילו די אָרימסטע בעזיצער קענען אָפּטמאָל בעקומען נייע קאַר-טאָפעל, אַזוי פריה װי די ערשטע װאָכען אין מאַי. װי אַזוי אָבער קען דאָס דאָזיגע לאַנד װערען קולטיװירט, אַז עס איז קיינער ניטאָ, װאָס זאָל עס קולטיװירען? „מיר האָבען פעלדער“, האָט מיר

געזאגט אן אלטער ארבייטער, „אבער די מענשען געהען פערביי, זיי קומען קיינמאל ניט אריין" — און אזוי איז עס טאקע אין דער ווירקליכקייט. *

אט דאס איז געווען דער איינדרוק, וואס די ענגלישע אגרי־קולטור האט געמאכט אויף מיר צוואנציג יאהר צוריק. לײדער איז ווי עס זעהט זיך ארויס, סיי פון די אפיציעלע סטאטיסטישע ציפער, סיי פון דער מאסע פריוואטע ידיעות, וואס זיינען פער־עפענטליכט געווארען פון יענער צייט אן, די אלגעמיינע אומ־שטענדען פון דער אגריקולטור אין ענגלאנד ווינציג־וואס פער־בעסערט געווארען פאר די לעצטע צוואנציג יאהר. איניגע ערפאלגרייכע פראבעס אין פערשיידענע נייע ריכטונגען זיינען גע־מאכט געווארען אין בעזונדערע טיילען פון לאנד, און איך וועל האבען דאס פערגעניגען צו ריידען וועגען זיי א ביסעל שפעטער — דערהויפט נאך דערפאר, ווייל זיי בעווייזען, וואס א גאנץ דורכ־שניטליכער באדען דא אין לאנד קען ארויסגעבען, ווען ער ווערט ריכטיג בעארביים. איבער גרויסע שטרעקען אבער, און ספעציעל

---

* ארום דעם הייזעל, וואו איך בין איינגעשטאנען צוויי זומערן, זיינען געווען: איין פארם פון 370 אקער מיט 4 ארבייטער און צוויי אינגלעך; נאך איינע פון אן ערך 300 אקער מיט צוויי מענשען און צוויי אינגלעך; א דריטע פון 800 אקער מיט בלויז פינף מענשען און עטליכע אינגלעך. דער פאקט איז, אז דאס פראבלעם ווי אזוי צו קול־טיווירען דאס לאנד מיט דער קלענסטער צאהל מענשען, איז אין דעם געגענד געלעזט געווארען גאנץ פשוט — גארניט קולטיווירענדיג אזוי גרוים ווי ⅔ פון דעם לאנד.

זינט אט די שורות זיינען געשריבען געווארען, אין 1890, האט זיך דא אין לאנד אנגעהויבען א בעוועגונג פאר אינטענסיווער האנדעלס־גערטנעריי, און איך האב געלעזען אין נאוועמבער, 1909, אז אויפ'ן קאווענט־גארדען מארק פערקויפט מען אספאראגוס, וואס איז געוואקסען אין סאוטה דעוואן אין נאוועמבער. מען פאנגט אויך אן צו זעצען פריהע קארטאפעל אין קארנוואל און דעוואן. אמאל האט קיינער גאר ניט גע־קלערט צו מאכען נוצען פון דעם דאזיגען רייכען באדען און ווארימען קלימאט צו זעצען פריהע קארטאפעל.

אין די דרום־קאונטיס, זיינען די אַלגעמיינע אומשטענדען נאָך אפילו ערגער ווי זיי זיינען געווען צוואַנציג יאָהר צוריק.

בכלל גערעדט, ווען מען לעזט די מאַסע איבערזיכטען, צייטונגס אַרטיקלען און ביכער וועגען ענגלישער ערד־אַרבייט, וואָס זיינען לעצטענס געדרוקט געוואָרען, איז אונמעגליך ניט איינצוזעהן, אַז די געפאַלענקייט פון דער אַגריקולטור, וואָס האָט זיך אָנגעהויבען אין די „זיבעציגער" און „אַכציגער" יאָהרען פון 19טען י. ה. האָט געהאַט פיעל טיעפערע אורזאַכען איידער דער געפאַלענער פּרייז פון ווייץ צוליב דער אַמעריקאַנער קאָנקורענץ. ווי די מעשה איז, זיך נעהמען דאָ פאַר אַזאַ אונטערזוכונג וואָלט אונז אַוועקגעפיהרט ווייט איבער דעם אומפאַנג פון אָט דעם בוך. איבעריגענס, יעדער איינער וואָס וועט איבערלעזען עטליכע איבערזיכט־אַרטיקלען, וועלכע זיינען געשריבען פון די שטאַנדפּונקטען פון פערשיידענע פּאַרטייען, אָדער אַזוינע ביכער ווי מר. כריסטאָפער טורנאַר'ס, * אָדער וואָס וועט שטודירען די אַנקעטע, וועלכע רידער האַגגאַרד האָט געמאַכט אין 26 ענגלישע קאונטיס ** — שיינקענדיג מעהר אויפמערקזאַמקייט די פאַקטען, וואָס זיינען געזאַמעלט געוואָרען אין דעם ווערק, איידער די אָפּטמאַל־פּאַראָורטייל־האַפטע שלוסען פון דעם פּערפאַסער — וועט באַלד אַליין דערזעהן וועלכע אורזאַכען דאָס זיינען, וואָס הינדערן די ענטוויקלונג פון דער ענגלישער אַגריקולטור.

אין שאָטלאַנד איז די לאַגע פּונקט אַזאַ שלעכטע. די בעפעל־קערונג, וועלכע ווערט בעשריבען אונטער'ן נאָמען „דאָרפישע", ווערט שטענדיג קלענער. אין 1911 איז זי שוין געווען וועניגער איידער 800 טויזענד; און וואָס געהערט די געדונגענע ערד־אַרבייטער, איז אין די צוואַנציג יאָהר, פון 1881 ביז 1901, זייער צאָהל קלענער געוואָרען מיט 42,370 (פון 135,970 אויף 93,690). ד אָ ס לאַנד הערט אויף בעאַרבייט צו ווערען, בעת דער שטח פון „הירשען־וועלדער" — ד. ה. געיעג־שטרעקען איינגעפיהרט פאַר די אַמוזירונגען פון די רייכע אויף אַקער־פעהיגען לאַנד — פערגרעסערט זיך אין אַ שרעקליכען ערך. עס איז ניט

---

* „לאַנד פּראָבלעמס ענד נאַשיאָנאַל וועלפער" לאָנדאָן 1911.

** „רוראַל ענגלאַנד", צוויי גרויסע בענדער, לאָנדאָן 1902.

נויטיג צו דערצעהלען, אַז די שאַטישע בעפעלקערונג וואַנדערט אויס אין משך פון דער צייט, און שאָטלאַנד ווערט געפעהרליך שנעל ענטפעלקערט.

אַזוי ווי מיין הויפּט־צוועק איז דאָ צו צייגען, וויפיעל **מען קען און מען זאָל** אַרויסקריגען פון דער ערד אונטער אַ ריכטיגע און פערשטענדיגע בעאַרבייטונג, וועל איך נאָר אַנצייגען אויף איינעם פון די חסרונות פון די ווירטשאַפט־סיסטעמען, וועלכע ווערען פּראַקטיצירט דאָ אין לאַנד. די לעצטע צייט האָבען אַי די לענדלאָרדס, אַי די פאַרמערס בּיסלעכווייז אַנגעהויבען צו פערפאַלגען אַנדערע צוועקען איידער די אויפגאַבע אַרויסצובעקומען פון דער ערד די גרעסטע סומע פּראָדוקטען, וועלכע מען קען אַרויס־בעקומען; און ווען אַט דאָס פּראָבלעם ווי צו בעקומען די גרעסטע פּראָדוקטיוויטעט פון לאַנד איז אויפגעשטאַנען פאַר די אייראָפּעאישע פעלקער, און אַ פאָלשטענדיגע ענדערונג פון די מעטאָדען פון ווירטשאַפט איז דעריבער געוואָרען אַ דרינגענדע נויטווענדיגקייט, איז דאָ אין לאַנד אַזאַ ענדערונג **ניט** פאָרגעקומען. בעת די אַגריקולטוריסטען אין פראַנקרייך, בעלגיען, דייטשלאַנד און דענמאַרק האָבען געטאָן דאָס בעסטע וואָס זיי האָבען געקענט צו בעוואָרענען זיך אַנטקעגען דער אַמעריקאַנער קאָנקורענץ, איינפיהרענדיג ביי זיך אַ מעהר־אינטענסיווע קולטור אין אַלע ריכטונגען, איז דאָ אין לאַנד נאָך אַלץ פערבליבען די לאַנג־פערעלטערטע מעטאָדע פון פערקלענערן דעם תבואה־שטח און לאָזען ליעגען דאָס לאַנד אויף גראָז; הגם עס האָט געדאַרפט זיין קלאָר, אַז פּשוט׳ע **גראָז־פעלדער** קענען ניט אַריינברייננגען מעהר, נאָר פערקעהרט, אַז אַ געוויסע אָנשטרענגונג אין דער געהעריגער ריכטונג וואָלט פערגרעסערט די הכנסה פון די תבואה־גערעטעניישען, ווי אויך פון די וואָרצלען און פלאַנצען, וואָס מען קען קולטיווירען פאַר אינדוסטריעלע צוועקען. דאָס לאַנד ווערט אַלץ ניט בעאַרבייט, בעת דאָס פּראָבלעם, וואָס שטעהט אויפ׳ן טאָגעס־אָרדנונג, איז איינצופיהרען אַלץ אַ מעהר אינטענסיווע קולטור.

פיעל אורזאַכען האָבען זיך פעראייניגט אַרויסצוברייננגען אַט דעם ניט־געוויגשטען רעזולטאַט. די קאָנצענטראַציע פון לאַנד־אייגענטום אין די הענד פון גרויסע לאַנד־אייגענטימער; די הויכע פּראָפּיטען, וואָס מען פלעגט פריהער בעקומען; די ענטשטעהונג

פון א קלאַס לענדלאָרדס און פּאַרמערס, וועלכע לעבען הויפּטזעכליך אויף אנדערע איינקונפטען איידער אויף די איינקונפטען וואָס זיי ציהען פון זייער לאַנד, און פאַר וועמען די פאַרם-ווירטשאַפט איז דעריבער געוואָרען בלויז אַן אנגענעהמע ביי-זאַך אָדער א ספּאָרט; די שנעלע ענטוויקלונג פון גע׳עג-וועלדער פאַר ספּאָרטסמען, ענג־לישע און אויסלענדער; דער פאַקט וואָס עס פעהלען מענשען מיט איניציאַטיוו, וועלכע וואָלטען געקענט בעווייזען דעם פאָלק די נויטיגקייט פון א נייעם אָנפאַנג; וואָס עס איז ניטאָ דער פערלאַנג צו קריגען די נויטיגע קענטעניש, און וואָס עס פעהלען אינסטיטו־ציעס, וועלכע וואָלטען געקענט אומעטום פערשפּרייטען פּראַקטישע אגריקולטור קענטענישען, און איינפיהרען די בעסטע זריעה און שפּראָצען, ווי די עקספּערימענטאַלע פאַרמס פון די פעראייניגטע שטאַאַטען און קאַנאַדאַ טהוען; וואָס מען האָט דאָ ניט גערן דעם גייסט פון אגריקולטורעלער קאָאָפּעראַציע, וועמען די דענעמאַרקער פאַרמערס האָבען צו פערדאַנקען זייערע ערפאָלגען, און אזוי ווייטער — אַט די אַלע זאַכען שטעהען אין וועג פון די אונפערמיידליכע ענדערונגען אין די מעטאָדען פון פאַרמעריי, און זיי ברייגגען עס די רעזולטאַטען, וועגען וועלכע די ענגלישע שרייבער איבער אגרי־קולטור בעקלאָגען זיך.* עס איז אָבער קלאָר, אַז כדי צו קענען קאָנקורירען מיט לענדער וואו מען געברויכט פיעל מאַשינעריע און מען ווענדעט אָן נייע מעטאָדען פון פאַרמעריי (ווי אויך די אינ־דוסטריעלע בעארבייטונג פון פאַרם-פּראָדוקטען אין צוקער-פאַב־ריקען, קראָכמאַל-פאַבריקען, אויף טריקענען גרינסען א. ד. ג. אין פעראַבינדונג מיט פאַרמעריי), קען מען מיט די אַלטע מעטאָדען גאָר ניט אויפּטאָן; דערהויפּט נאָך ווען דער פאַרמער מוז צאָהלען א רענטע פון צוואַנציג, פערציג, און אמאָל אויך פופציג שילינג פער אַקער פאַר ווייץ-לאַנד.

מען קען אודאי אנטקעגען דעם אויסזעצען און זאָגען, אַז אזא מיינונג געהט משונה׳דיג להיפך צו דער אַלגעמיין-בעקאַנטער געהויבענקייט פון דער ענגלישער אגריקולטור. ווייסען מיר דען ניט, אַז די ענגלישע פעלדער גיבען א דורכשניט פון 28

---

* זעה ה. רידער האגגארד׳ס „רוראַל דענעמאַרק ענד איטס לעסאָנס", לאָנדאָן, 1911, ז. 212—188.

ביז 30 בושל ווייץ פער אקער, בעת אין פראנקרייך גרייכען זיי נאר פון 17 ביז 20 בושל? שטעהט עס דען ניט געשריבען אין אלע אלמאנאכען, אז ענגלאנד קריגט ארויס יעהרליך פון איהרע פעלדער פיה־פראָדוקטען — מילך, קעז, פלייש און וואָל — אין דעם ווערטה פון 200 מיליאָן פונט סטערלינג? דאָס אלעס איז אמת, און עס איז גאָר קיין ספק ניט, אז אין א סך הינזיכטען שטעהט די ענגלישע אגריקולטור פיעל העכער איידער די אגריקולטור פון פיעלע אנדערע פעלקער. בנוגע דעם פונקט פון ארויסקריגען די גרעסטע סומע פראָדוקטען דורך די קלענסטע סומע ארבייט, איז ענגלאנד זיכער געוועזן די ערשטע, ביז אמעריקא האָט איהר אריבערגעיאָגט אין די באנאנזא פארמס (וועלכע זיינען איצטער פערשוואונדען, אָדער האלטען שנעל אין פערשווינדען). ווייטער, וואָס איז שייך די אויסגעצייכענטע סאָרטען פיה, דעם גלענצענדען צושטאנד פון די לאָנקעס און די גרויסע רעזולטאטען, וואָס מען בעקומט אין די איינצעלנע פארמס, איז דאָ פיעל וואָס אָבצולערנען זיך פון גרויס־בריטאניען. ווערט מען אָבער נעהענטער בעקאנט מיט דער בריטישער אגריקולטור אינגאנצען גענומען, געפינט מען א סך שטריכען, וואָס ווייזען ארויס א נידעריגערן צושטאנד.

ווי גלענצענד א לאָנקע זאָל ניט זיין, בלייבט עס אלץ א לאָנקע — א פיעל נידעריגערע זאך אין פראָדוקטיוויטעט איידער א תבואה־פעלד; און וואָס טויגען די שעהנע סאָרטען פיה, וויבאלד אז יעדער אָקס דארף האָבען דריי אקער לאנד זיך צו דערנעהרען? געוויס מעג מען זיך פערגינען צו בעוואונדערען דעם דורכשניט פון 28 אָדער 30 בושל, וואָס וואקסט דאָ אין לאנד; ווען מען הערט אָבער, אז נאָר 1 מיליאָן מיט 600 טויזענד ביז 900 טויזענד אקער פון א קולטיווירבארען שטח פון 33 מיליאָן גיבען אזא גערעטעניש, פיהלט מען זיך גאנץ שטארק ענטוישט. יעדערער וואָלט געקענט בעקומען אזוינע רעזולטאטען, ווען ער וואָלט אריינגעטאָן דאָס גאנצע מיסט אין א צוואנציגסטען טייל פון דעם שטח וואָס ער האָט. הייגט ווידער די 28 ביז 30 בושל הערען אויף צו זיין פאר אונז אזוי צו־פריעדענשטעלענד, ווען מיר דערוויסען זיך, אז אין ראָטהאמסטעד האָבען זיי בעקומען גאָר אָהן בעמיסטיגונג, בלויז דורך גוטער בע־ארבייטונג א דורכשניט פון 14 בושל פער אקער פון דעמזעלביגען

שטיק לאַנד 40 יאָהר נאָכאַנאַנד.* מר. פּראַט, אויף זיין פאַרם נעבען סאָברידזשוואָרטה (הערטס) האָט בעקומען, אויף אַ קאַלטען, שווערען ליים-באָדען, פון 30 ביז 38 בושל ווייץ יאָהר־איין, יאָהר־אויס, זינט 1861, אָהן פאַרם-מיסט, בלויז דורך גוט אַקערן מיט דאַמף-מאַשינען און כעמישען מיסט. (ר. האגגארד I, 528.) אונטער דעם פּאַרצעל־סיסטעם גרייכט די גערעטעניש ביז 40 בושל. אין איינִיגע פאַרמס בעקומען זיי אָפטמאָל אפילו 50 און 57 בושל פּער אַקער.

ווען מיר ווילען האָבען אַ ריכטיגע אָבשאַצונג פון דער בריטי־שער אַגריקולטור, מוזען מיר ניט בויען אויף דעם, וואָס מען בעקומט פון עטליכע געקליבענע און גוט-בעמיסטיגטע ערד־שטיקער; מיר מוזען זיך שטעלען די פראַגע, וואָס מהוט זיך מיט דעם געביט אינ־גאַנצען גענומען.** ס'קומט, הייסט עס, אויס, אז פון יעדערע 1000

---

* די „ראָטהאַמסטעד עקספּערימענטס", 1888, פון פּראָפ. וו. פרים, ז. 35 און ווייטער. עס איז ווערטה צו בעמערקען, אַז מר. האָלל, וועלכער איז געווען אַ סך יאָהרען דער הויפּט-פערוואַלטער פון ראָטהאַמסטעד, האָט אויף'ן גרונד פון זיין ערפאַהרונג בעהויפּטעט, אַז זעען ווייץ אין ענג־לאַנד איז מעהר פּראָפיטאַבעל אוידער האָדעווען בהמות. דיזעלבע מיינונג איז אָפּט אַרויסגעזאָגט געוואָרען פון די עקספּערטען, וועמעס צייגעני־שען רידער האַגגארד בריינגט אין זיין ווערק. אין פיעל ערטער פון זיין בוך „רוראַל ענגלאַנד" קען מען אויך געפינען דערמאָנט וועגען גאָר הויכע ווייץ-גערעטענישען, ביז 65 בושל פּער אַקער, וואָס מען האָט בעקומען אין אַ סך פלעצער דאָ אין לאַנד.

** די ציפער, וועלכע איך נעהם פאו אָט די חשבונות, געפינען זיך אין „אַגריקולטוראַל רעטוירנס אָוו דהי באָארד אָוו אַגריקולטור ענד אַגרי־קולטוראַל סטאַטיסטיקס פאַר 1911", באַנד 46, טייל 1. זיי זיינען ווי פאָלגט פאַר'ן יאָהר 1910:

	אַקער
דער גאַנצער שטח (גרויס-בריטאַניען) — — —	56,803,000
דער ניט־קולטיווירבאַרער שטח — — — —	24,657,070
(אין 1895 —	23,680,000)
דער קולטיווירבאַרער שטח — — — — — — —	32,145,930
דערפון פּעראַקערט — — — — — — — —	14,668,890

אקער פון דעם גאנצען געביט פון ענגלאנד, וועלש און שאָטלאַנד, זיינען 435 אַקער בעדעקט מיט וואלד, בושען־בוימלעך, וויסטע גראָזען, געביידען און אזוי ווייטער. מיר קענען צו קיינעם ניט האָבען פאר אָט דער איינטיילונג, ווייל דאָס הענגט זעהר פיעל אָב פון נאַטירליכע אורזאכען. אין פראנקרייך און בעלגיען רעכענט זיך אויך אַ דריטעל פון געביט אויפ'ן זעלבינגען אופן אלס ניט־קולטי־ווירבאַרעס לאַנד, הגם טיילען דערפון ווערען שטענדיג אַבגעראַ־טעוועט און געמאכט מעגליך צו בעאַרבייטען. אבער שוין לאַזענדיג אַן אַ זייט דעם „אונקולטיווירבארען" טייל, לאָמיר זעהן וואס ווערט

" אַלס „פערמאַנענט פאַסטיור" — — — 17,477,040

(אין די לעצטע צעהן יאָהר, זינט דעם צענזוס פון 1901, איז דער קולטי־ווירבאַרער שטח פערקלענערט געוואָרען אויף 323 טויזענד אַקער, בעת דער שטאָדטישער שטח איז פערגרעסערט געוואָרען אויף 166 טויזענד, 710 אַקער, גרייכענדיג איצטער ביז 4 מיליאָן, 15 טויזענד, 700 אַקער. זינט 1901 האָבען 942 טויזענד אַקער ערד אויפגעהערט בעאַרבייט צו ווערען, 661 טויזענד אַקער אין ענגלאנד, 158 טויזענד אין וועלס און 123 טויזענד אין שאָטלאַנד.)

די פערטיילונג פון דעם שטח, וואָס ווערט פעראַקערט, צווישען די פערשיידענע מינים זריעה, ענדערט זיך אַ רעכט ביסעל יעדען יאָהר. ווען מען זאָל נעהמען דעם יאָהר 1910 (אַ דורכשניט־יאָהר), האָבען מיר די פאָלגענדע: —

	אַקער
תבואות — — — — — — — — — — —	7,045,530
קלעווער און צייטיגע גראָז — — — — — —	4,157,040
גרינסען און גאָרטען זריעה — — — — — —	2,994,890
האָפּען — — — — — — — — — — —	32,890
קליינע פרוכט — — — — — — — — —	84,310
פלאַקס — — — — — — — — — — —	230
לעדיגע רוהענדע ערד ——— — — — — — —	354,000
דער סך הכל פון קולטיווירטען לאַנד (ווי אויך דער טייל פון פערמאַנענט פאַסטיור וואס גיט היי)	14,668,890
(אין 1901 —	15,610,890)
(אין 1895 —	16,166,950)

געטאָן מיט די 565 אַקער פון יעדע טויזענד פון דעם „קולטיוויר־באַרען" טייל (32,145,930 אַקער אין גרויס־בריטאַניען אין יאָהר 1910). ערשטענס איז עס איינגעטיילט אין צוויי טיילען, און איין טייל, דער גרעסערער — 308 אַקער פון יעדע טויזענד — ווערט איבערגעלאָזען אַלס „פּערמאַנענט פּאַסטיור" (פּיטער־פעלדער), ד. ה. מעהרסטענטיילס לגמרי ניט קולטיווירט. מען בעקומט פון דעם זעהר וועניג היי,* און עס פיטערען זיך דאָרטען אייניגע בהמות, מעהר ווי אַ העלפט פון דעם קולטיווירבאַרען שטח ווערט אויף דעם אופן פערלאָזען אָהן בעאַרבייטונג. און דאָס איבעריגע, ד. ה. בלויז 257 אַקער פון יעדע טויזענד, ווערט קולטיווירט. פון אָט דער לעצ־טער צאָהל זיינען 124 אַקער פערזעעט מיט תבואה, 21 אַקער מיט קאַרטאָפעל, 53 אַקער מיט גרינסען און 73 אַקער מיט קלעווער און היי אין ראָטאַציאָן (ד. ה. איין יאָהר ווערט פערזעעט איין סאָרט תבואה, דעם אַנדערען יאָהר אַן אַנדער סאָרט, דאַן היי א. אז. וו.). און ענדליך, פון די 124 אַקער, וואָס ווערען אָבגעגעבען פאַר זעען תבואה, ווערען אויסגעקליבען די בעסטע 33, און אייניגע יאָהר נאָר 25 אַקער, (איין פערציגסטעל פון גאַנצען געביט. איין דריי און צוואַנציגסטעל פון דעם קולטיווירבאַרען שטח) און פערזעעט מיט ווייץ. זיי ווערען גוט בעאַרבייטעט, גוט געמיסטיגט, און פון זיי בעקומט מען אַ דורכשניט פון 28 ביז 30 בושל פּער אַקער; און אויף אָט די 25 אָדער 30 אַקער פון יעדע טויזענד איז דאָס געבויט די

פון די 530, 7,045 אַקער פערזעעט מיט תבואה, זיינען 1,808,850 אַקער געוועזען פערזעעט מיט ווייץ (כמעט 200 טויזענד אַקער וועניגער איידער אין יאָהר 1899 און 100 טויזענד אַקער וועניגער איידער אין 1911); 1,728,680 אַקער פערזעעט מיט גערשטען (בלויז 1,597,930 אין 1911); 3,020,970 אַקער פערזעעט מיט האָבער, אַרום 300 טויזענד אַקער באָב און אַרום 25 טויזענד אַקער מיט קאָרן און גריקע. פון 540 ביז 570 טויזענד אַקער איז געוועזען פערזעעט מיט קאַרטאָפעל. דער שטח פון קלעווער און געזעעטע גראָז ווערט אַלץ קלענער זינט דעם יאָהר 1898, ווען ער איז געוועזען 4,911,000 אַקער.

* פון אָט די 308 אַקער בעקומט מען היי בלויז פון 85 אַקער; די איבעריגע דיענען נאָר אַרויסצוטרייבען אויף זיי די בהמות.

צייכנונג 1. — די פּראָפּאָרציע פון קולטיווירטען שטח, וואָס איז אָב־געגעבען פאַר תבואה בכלל און פאַר ווייץ בפרט, אין גרויס־בריטאַניען און אירלאַנד.

רעפּוטאַציע פון דער בריטישער אַגריקולטור אַלס די בעסטע אין דער וועלט.

דער פּועל יוצא פון דעם אַלעם איז, אַז אויף כמעט 33 מיליאָן אַקער פון קולטיווירבאַרען לאַנד וואַקסט שפּייז בלויז פאַר אַ דריטעל פון דער בעפעלקערונג (צוויי דריטעל פון דער שפּייז, וואָס די בעפעלקערונג פערצעהרט, ווערט אימפּאָרטירט), און מיר מעגען דעריבער זאָגען, אַז אַבוואויל כמעט צוויי דריטעל פון דעם געביט פון לאַנד איז קולטיווירבאַר, בעזאָרגט אָבער די בריטישע אַגריקולטור מיט היימיש־געוואַקסענע שפּייז בלויז 125 אָדער 135 איינוואוינער פער קוואַדראַט־מייל (פון 466). מיט אַנדערע ווערטער, עס פאָדערט זיך כמעט דריי אַקער פון דעם קולטיווירבאַרען שטח אַרויסצוברייננגען שפּייז פאַר איין מענשען. לאָמיר איצטער זעהן, וואָס עס ווערט געטאָן מיט'ן לאַנד אין פראַנקרייך און בעלגיען.

/

געוויס, ווען מיר זאָלען איינפאַך פערגלייכען דעם דורכשניט פון 30 בושל ווייץ פער אַקער אין גרויס־בריטאַניען מיט דעם דורכשניט פון 19 ביז 20 בושל אין פראַנקרייך, איז דער יתרון אינגאַנצען אויף דער זייט פון ענגלאַנד; אַזעלכע דורכשניט־רעכענונגען זיינען אָבער פון אַ גאַנץ קנאַפּען ווערטה, ווייל די צוויי סיסטעמען פון אַגריקולטור זיינען דורך און דורך פערשיידען אין דיביידע לענדער. דער פראַנצויז האָט אויך זיינע אויסגעוועהלטע און שווער־בעמיסטיגטע „25 ביז 30 אַקער" אין צפון־פראַנקרייך און איל־דע־פראַנס, און פון די דאָזיגע אויסגעוועהלטע אַקערס בעקומט ער דורכשניט־גערעטענישען פון 30 ביז 33 בושל.* אויסער דעם, פערזעעט ער

---

* ד. ה. 30 ביז 33 בושל דורכשניטליך; 40 בושל אויף די גוטע פאַרמס און 50 אויף די בעסטע. דער ווייץ־שטח אין 1910 איז געווען 16 מיליאָן, 700 טויזענד אַקער; אַלע הויפּט־תבואות האָבען פערנומען 33 מיליאָן, 947 טויזענד אַקער; דער קולטיווירטער שטח איז 90 מיליאָן 300 טויזענד אַקער, און די גאַנצע אויבערפלעך פון פראַנקרייך איז 130 מיליאָן 800 טויזענד אַקער. זעה די פראַנצויזישע פּערפאַסער וועגען דעם ענין: לעקוטאָ, ריזלער, בואַטע, באָדרילאַר, גראַנדאָ, ליאָנס דע לאַווערען א. אַז. וו. (דער פּערפאַסער ברייננגט אויך די נעמען פון די פראַנצויזישע ווערק, וועלכע דער לעזער קען נאָכזעהן. אַזוי ווי די פראַנצויזישע בע־

מיט ווייץ ניט נאָר די אויסדערוועהלטע בעסטע אַקערס, נור אויך אַזוינע פעלדער אויף דער צענטראַל פּלאַטאָ און אין דרום־פראַנק־רייך, וועלכע גיבען ארוים אָהן בעוועסערונג קוים צעהן, אכט, אָדער אפילו זעקס בושל פער אַקער, און אָט די אָרימע פּלעצער זעצען ארונטער דעם דורכשניט פאר'ן גאַנצען לאַנד.

דער פראַנצויז בעאַרבייט אַ סך ערד וועלכע אין ענגלאַנד ווערט געלאָזען אַלס „פּערמאַנענט פּאַסטיור" (פּיטער־פעלדער) — און דאָס איז וואָס ווערט בעשריבען אַלס זיין „נידעריגע שטעלונג" אין אַגריקולטור. דער פאַקט איז, אז הגם די פּראָפּאָרציע צווישען דאָס, וואָס מיר רופען אָן „דער קולטיווירבאַרער שטח" און דעם גאַנצען געביט פון לאַנד, איז כמעט דיזעלביגע אין פראַנקרייך ווי אין גרויס־בריטאַניען (624 אַקער פון יעדע טויזענד אַקער פון גאַנצען געביט), איז אָבער דער שטח, וואָס איז פערזעעט מיט ווייץ, כמעט ז ע ק ס מ אָ ל גרעסער לפי ערך אין פראַנקרייך, איידער עס איז אין גרויס־בריטאַניען (182 אָנשטאָט 25 אָדער 30 אַקער פון יעדע טויזענד). די פערזעעטע תבואות אינגאַנצען גענומען דעקען אין פראַנקרייך כמעט צוויי פינפטעל פון דעם קולטיווירבאַרען שטח (375 אַקער פון יעדע טויזענד), און אויסער דעם ווערען אָבגעגעבען גרויסע שטרעקען פאר גרינסען, און פּראָדוקטען, וואָס ווערען פערברויכט אין דער אינדוסטריע, ווי אויך פאר וויין, פרוכט און געמיזען.

ווען מען נעהמט דאָס אַלעס אין אָנבעטראַכט קומט אויס, אז הגם די פראַנצויזען האַלטען וועניגער בהמות און פיטערען ספּעציעל וועניגער שעפּסען איידער די בריטאַניער, בעקומען זיי פונדעסט־וועגען פון זייער באָדען כמעט גאָר די שפּייז, וואָס זיי און זייערע בהמות פערצעהרען. זיי אימפּאָרטירען אין אַ דורכשניט־יאָהר בלויז אַ צעהנטעל פון דעם וואָס זיי פערברויכען און עקספּאָרטירען קיין ענגלאַנד היבשע סומען פון שפּייז־פּראָדוקטען (אין דעם ווערטה פון 10 מיליאָן פונט סטערלינג), ניט נאָר פון די דרום־קאַנטען, נאָר אויך, און טאקע ספּעציעל, פון די קאַנאַל־ברעגעס (פּוטער און גרינ־

טיטלונגען פון די ווערק מאַכען נאָר שוועריגקייטען פאר'ן זעצער און קענען זיין פון קנאַפּע נוצען פאר'ן אידישען לעזער. האָב איך בעשלאָסען זיי אויסצולאָזען. — דער איבערזעצער.)

סען פון ברעטאַן, פּרוכט און גרינסען פון די פאָרשטעדט פון פּאַריז און ד. ג.)*

די אונטערסטע שורה איז, אַז דער באָדען פון פראַנקרייך, ניט קוקענדיג וואָס אַ דריטעל פון גאַנצען געביט ווערט דאָרטען אויך איבערגעלאָזען אַלס ניט־קולטיווירבאַר, גיט אַרויס די נויטיגע שפּייז פאַר 170 איינוואוינער פּער קוואַדראַט מייל (אינגאַנצען געפינען זיך 188 איינוואוינער פּער קוואַדראַט מייל); דאָס איז פאַר 40 פּערזאָן פּער קוואַדראַט מייל מעהר איידער אין גרויס־בריטאַניען.**

---

* די עקספּאָרטען פון פראַנקרייך אין יאָהר 1910 (אַ דורכשניט־יאָהר) האָבען געגרייכט: וויין אויף 222,804,000 פראַנק, ספּירט אויף 54 מיליאָן פראַנק, קעז, פּוטער און צוקער אויף 114 מיליאָן פר. קיין ענגלאַנד האָט פראַנקרייך געשיקט דעמזעלביגען יאָהר: וויין אין דעם ווערטה פון 2,163,200 פונט סט., ראַפינירטען צוקער פאַר 1,103,200 פונט סט., פּוטער פאַר 2,116 ,000 פונט סט., אייער פאַר 400,000 פונט סט., אַלץ נאָר פון אייגענע פראַנצויזישע פּראָדוקטען; אחוץ וואָס זיי האָבען אויך געשיקט פאַבריצירטע זיידענס און וואָלענס אין דעם ווערטה פון 12,206 ,700 פונט סט. די עקספּאָרטען פון אַלזשיר געהען ניט אַריין אין די אויבען־געבראַכטע ציפער.

** יעדע טויזענד אַקער פון פראַנצויזישען לאַנד ווערען פערברויכט ווי פאָלגט: 379 אַקער ווערען איבערגעלאָזט אויף וואַלד, דערנער־געוויקסען, קאָמונאַלע פּיטער־פּלעצער, בערג א. ד. ג., און 621 אַקער ווערען גערעכענט אַלס „קולטיווירבאַר". פון יעדע „קולטיווירבאַרע" 621 אַקער ווערען 130 פערזעעט אַלס לאָנקעס (און ווערען איצט אין אַ גרויסער מאָס בעוועסערט), 257 אַקער מיט תבואה (124 מיט ווייץ און 26 מיט ווייץ און קאָרן געמישט), 33 אַקער וויינגערטנער, 83 אַלס גרינס־גערטנער און געוויקסען פאַר אינדוסטריע, און דאָס איבעריגע ווערט געלאָזט אַלס פּיטער־פעלדער, אָדער לעדיגע רוהענדע פעלדער. וואָס געהערט בהמות, געפינען מיר אין גרויס־בריטאַניען, אין יאָהר 1910, וועלכער איז געווען אַ דורכשניטס־יאָהר, 7,037,330 שטיק פיה (אַריינרעכענענדיג אין דער צאָהל 1 מיליאָן, 400 טויזענד קעלבער אינגער ווי אַ יאָהר), וואָס עס מאַכט אויס 22 שטיק פיה פאַר יעדע 100 אַקער פון קולטיווירבאַרען שטח, און 27,103,000 שעפּסען — ד. ה. 84 שעפּסען פאַר יעדע 100 אַקער פון

עס איז אויף דעם אופן קלאר, אז דער פערגלייך מיט פראנקרייך איז גאר ניט אזוי גינסטיג פאר ענגלאנד, ווי דאס ווערט בעהויפטעט; און עס וועט זיך ארויסווייזען נאך וועניגער גינסטיג, ווען מיר וועלען קומען אין דעם נעקסטען קאפיטעל צו דער קולטיווירונג פון פרוכט-גערטנער.

וואס געהערט דעם פערגלייך מיט בעלגיען, איז עס נאך מעהר אויפפאלענד — שוין דערפאר, וואס די סיסטעמען פון קולטיווירונג זיינען עהנליך איןביידע לענדער. ערשטענס, געפינען מיר אין בעלגיען אויך א דורכשניט-גערעטעניש פון איבער 30 בושל ווייץ אויף אן אקער; אבער דער שטח, וואס ווערט אבגעגעבען אויף ווייץ, איז פינף מאל אזוי די גרויס, לפי ערך דעם קולטיווירטען שטח, ווי אין גרויס-בריטאניען, און די איבעריגע תבואות בעדעקען כמעט א העלפט פון דעם דאזיגען שטח.* דאס לאנד איז אזוי גוט קולטיווירט, אז

זעלביגען שטח. אין פראנקרייך געפינען מיר אין דעם זעלביגען יאהר 14,297,570 שטיק פיה (19 שטיק פער יעדע 100 אקער פון קולטיווירבארען שטח, און בלויז 17,357,640 שעפסען (21 שעפסען פער 100 אקער פון דעמזעלביגען שטח). מיט אנדערע ווערטער, די פראפארציע פון גרויסע בהמות איז כמעט דיזעלביגע אין ביידע לענדער, (22 שטיק און 19 שטיק פער 100 אקער), א היבשער אונטערשייד צייגט זיך ארויס צו גונסטען פון גרויס-בריטאניען נאר בנוגע דער צאהל שעפסען (84 אנטקעגען 21). מען דארף אבער ניט פערגעסען די שווערע אימפארטען פון היי, אויל-קוכען, האבער א. ד. ג., וואס ווערען אריינגעפיהרט אין ענגלאנד, ווארום פאר יעדען שטיק פיה, וואס לעבט אויף אימפארטירטע שפייז, קענען זיך פיטערען אויף די פעלדער, אדער קענען אויסגעהאלטען ווערען אויף היימישגעוואקסענע שפייז, 8 שעפסען. בנוגע דער צאהל פערד, שטעהען די ביידע לענדער כמעט גלייך.

* פון יעדע 1000 אקער פון געביט זיינען 673 קולטיווירט און 327 ניט קולטיווירט, און א טייל פון דעם ווערט איצטער בענוצט צו פערפלאנצען וואלד. פון די 673 קולטיווירטע אקער ווערען 273 אבגעגעבען אויף תבואות: 61 פאר ריינע ווייץ, 114 פאר „מעטעיל" (א געמיש פון ⅔ ווייץ און ⅓ קארן) און ריינע קארן, און 98 אקער פאר אנדערע תבואות; 18 אקער פאר קארטאפעל, 45 פאר ווארצלען און פיה-פוטער, און 281 פאר פערשיידענע אינדוסטריעלע געוויקסען (בוראקעס פאר

די דורכשניט־גערעטעגישען פון די יאָהרען 1890—1899 (אויסלאָזענדיג דעם יאָהר 1891, וועלכער איז געווען זעהר אַ שלעכטער יאָהר) זיינען געווען פון 26½ ביז 28½ בושל פער אַקער פאַר ווינטער־ווייץ, און האָבען געגרייכט אַ דורכשניט פון 33½ בושל אין די יאָהרען 1900—1904; איבער 54 בושל פאַר האָבער (35 ביז 41½ אין גרויס־בריטאַניען), און פון 40 ביז 43½ בושל פאַר ווינטער־גערשטען (29 ביז 35 אין גרויס־בריטאַניען); בעת אויף אַ שטח פון ניט װעניגער ווי 475 טויזענד אַקער האָט מען בעקומען שנעלע גערעטענישען פון שוועדישע ברוקווע (3,345,000 טאָן), מערען (155,000 טאָן) און אַריבער אַ האַלבען מיליאָן לוצערן און אַנדערע גראָזען.*

וואָס געהערט אויסערגעוועהנליכע שווערע גערעטענישען, דערמאָנט מר. סעעבאָהם ראָונטרי, צום ביישפּיעל, די ווייץ־גערעטעניש, אין דער געמיינדע אָירבעק, נעבען לואוען, וועלכע האָט געגרייכט אין 1906 אַ דורכשניט פון 57 בושל פער אַקער, בעת דער דורכשניט פאַר'ן גאַנצען לאַנד איז געווען בלויז 34 בושל; אָדער אַ גערעטעניש פון 111½ בושל האָבער אין דער געמיינדע נעיוו ענליז, בעת דער דורכשניט פאַר גאַנץ בעלגיען איז געווען 54 בושל. אַזוי אויך איז דער דורכשניט אין עטליכע געמיינדען פאַר איינינע סאָרטען תבואות געווען אויף 73 פּראָצענט העכער איידער דער דורכשניט פאַר גאַנץ בעלגיען, און פאַר וואָרצלען (ווי קאַרטאָפעל און אַלערליי ריבען) אויף 106 ביז 513 פּראָצענט.**

צוקער, אויל־קערנער א. ד. ג.); 27 פאַר גערטנער, קיך־גערטנער און פאַרקען, 177 פאַר וואַלד און 57 אַקער ווערען קולטיווירט פּעריאָדיש. פון דער אַנדער זייט, גיבען יעדע 65 אַקער פון 1000 שנעלע גערעטענישען פון מעהרען, בוראַקעס א. ד. ג.

* „אננוער סטאַטיסטיק דע לאַ בעלזשיק פור 1910", ברוסעל, 1911. אין מר. סעעבאָהם ראונטרי'ס פּאַרטרעפליכען ווערק: „לאַנד ענד לייבאָר: לעסאָנס פראָם בעלגיום", 1910 (לאָנדאָן), וועט דער לעזער געפינען אַלץ וואָס עס איז נוגע דער בעלגישער אַגריקולטור בעהאַנדעלט בפּרטיות אויפ'ן גרונד פון דעם פּערפאַסער'ס פּערזענליכע גענויע פאָרשונגען אויפ'ן פּלאַץ, ווי אויך אַלע סטאַטיסטישע אינפאָרמאַציאָנען, וואָס מען קען נור געפינען.

** „לאַנד ענד לייבאָר: לעסאָנס פראָם בעלגיום", ז. 178, 179.

אַלעס צוזאַמען, בעקומען זיי אין בעלגיען מעהר ווי 76 מיליאָן בושל תבואה — ד. ה. 15 מיט זיעבען־צעהנטעל בושל פער אַקער פון דעם קולטיווירבאַרען שטח, בעת אין גרויס־בריטאַניען בעקומען זיי נאָר 8½ בושל; און זיי האַלטען כמעט צוויי מאָל אַזוי פיעל בהמות אויף יעדען קולטיווירבאַרען אַקער, ווי אין גרויס־בריטאַניען. *

נאָך מעהר, זיי עקספּאָרטירען זאָגאַר בהמות און פערד. ביז 1890 האָט בעלגיען עקספּאָרטירט פון 36 טויזענד ביז 94 טויזענד שטיק פיה, פון 42 טויזענד ביז 70 טויזענד שעפּסען, און פון 60 טויזענד ביז 108 טויזענד, 600 חזירים. אין 1890 האָבען די עקספּאָרטען פּלוצלינג אויפגעהערט — וואהרשיינליך מחמת אַזוינע אימפּאָרטען זיינען פערבאָטען געוואָרען אין דייטשלאַנד. בלויז פערד ווערען נאָך אַלץ עקספּאָרטירט, אין דעם ערך פון 25 טויזענד פערד און לאָשיקעס יעהרליך.

אחוץ דעם ווערען גרויסע טיילען פון לאַנד אָבגעגעבען פאַר דער קולטיווירונג פון אינדוסטריעלע געוויקסען, ווי קאַרטאָפעל אויף ספּירימ, בוראַקעס אויף צוקער, און אַזוי ווייטער.

מען דאַרף אָבער ניט מיינען, אַז דער בעלגישער באָדען איז מעהר פּרוכטבאַר איידער דער ענגלישער. אין געגענטייל, ווי לאַ־וועלעי זאָגט, „געפינען זיך נאָר אויף אַ העלפט, אָדער אויף נאָך ווייניגער, פון בעלגישען געביט די נאַטירליכע בעדינגונגען, וואָס זיינען גינסטיג פאַר אַגריקולטור"; די אַנדער העלפט בעשטעהט

---

* נעהמענדיג אַלע פערד, בהמות און שעפּסען איןביידע לענדער, און רעכענענדיג 8 שעפּסען גלייך ווי איין שטיק האָרן־פיה, געפינען מיר, אַז בעלגיען האָט 24 שטיק פיה און פערד אויף יעדע 100 אַקער לאַנד לגבי 20 פון דיזעלביגע פיה און פערד אין גרויס־בריטאַניען. ווען מיר נעהמען בהמות אַליין איז דער חלוק אַ פיעל גרעסערער, דען מיר געפינען 36 שטיק אויף יעדער הונדערט אַקער לגבי 19 אין גרויס־בריטאַניען. דער יעהרליכער בעטראַף פון דער פיה־צוכט אין בעלגיען ווערט געשאַצט פון דעם „אַננוער סטאַטיסטיק דע לאַ בעלזשיק" (1910, ז. 302) אין 66,040,000 פונט סט., אַריינרעכענענדיג מילך (4 מיליאָן פונט סטער.), עופות אין דעם ווערטה פון אַריבער אַ מיליאָן און אַ האַלב, און אייער 1 מיליאָן מיט 400 טויזענד פונט סטערלינג.

פון א שטייניגען באָדען, אָדער פון זאַמדען, וואָס „נאָר דורך שווע־רער בעמיסטיגונג האָט מען געקענט בייקומען זייער נאַטירליכע אונפּרוכטבאַרקייט“. דער מענש, ניט די נאַטור האָט דעם בעלגי־שען באָדען געגעבען זיין איצטיגע פּראָדוקטיוויטעט. מיט אזא באָדען און מענשליכער ארבייט קען בעלגיען פּועל זיין צו שאַפען כמעט גאָר די שפּייז פאַר א בעפעלקערונג, וועלכע איז געדיכטער איידער די בעפעלקערונג פון ענגלאַנד און וועלש, און צעהלט 589 איינוואוינער פּער קוואַדראַט מייל.

נעהמט מען אריין אין חשבון וויפיעל בעלגיען עקספּאָרטירט אַגריקולטור־פּראָדוקטען און וויפיעל זי אימפּאָרטירט אַזוינע פּראָ־דוקטען, קען מען זיך פרעגען, צי זיינען ניט לאַוועלעי'ס אויספיה־רונגען נאָך אַלץ ריכטיג, און צי איז עס ניט א פאַקט, אז נאָר איינער פון 10 אָדער 20 פאָדערט אימפּאָרטירטע שפּייז. אין די יאָהרען 1885—1880 האָט דער בעלגישער באָדען בעזאָרגט מיט היימיש־געוואַקסענע שפּייז ניט ווענייגער ווי 490 איינוואוי־נער פּער קוואַדראַט מייל, און עס איז נאָך עפּעס געבליבען פאַר'ן עקספּאָרט אויך — ניט ווענייגער ווי פאַר א סומע פון 1 מיליאָן פונט סטערלינג ווערען אַגריקולטור־פּראָדוקטען עקס־פּאָרטירט יעדען יאָהר קיין גרויס־בריטאַניען. מען קען אָבער ניט זאָגען אויף זיכער צי די לאַגע איז נאָך איצט אויך דיזעלביגע.

זינט דעם יאָהר 1880, ווען די טאַריף־אָבצאָהלונגען אויף אימ־פּאָרטירטע תבואות זיינען אָבגעשאַפט געוואָרען (פריהער איז געווען אַן אָבצאָהל פון זעקס פּענס פאַר יעדע 220 פונט), און מען האָט געקענט אריינפיהרען אַלע תבואות פריי, „זיינען די אימפּאָרטירער מעהר ניט געווען געצוואונגען אָנצוגעבען וויפיעל פון דיזעלביגע װעט ווייעדער עקספּאָרטירט ווערען; האָבען זיי אָנגעגעבען אַלץ וואָס זיי האָבען אימפּאָרטירט אַזוי ווי עס וואָלט איינגאַנצען געווען בעשטימט פאַר'ן היימישען געברויך“.* דער רעזולטאַט איז געווען,

* איך נעהם אָט די שורות פון אַ בריעף, וואָס די אָבטיילונג פאַר דאָרפישע אַנגעלעגענהייטען פון דעם בעלגישען אַגריקולטור מיניסטע־ריום האָט מיר געפעליגסט געשיקט דעם 28טען יאַנואַר, 1910, אַלס ענט־פער אויף איניגע פראַגען, וואָס איך האָב צו איהר אַדרעסירט, כדי צו דערקלערען די זאַנדערבאַרע שוואַנקונקען פון די בעלגישע עקספּאָרטען



צייכנונג 2. — די פּראָפּאָרציע פון קולטיווירטען שטח, וואָס איז אָב־
געגעבען פאר תבואה בכלל און ווייץ בפרט, אין בעלגיען. דאָס
קעסטעל איבער דעם ווייץ שטעלט פאָר דעם שטח פון ווייץ און
געמישטער ווייץ מיט קאָרן.

אַז די אימפּאָרטען פון תבואות ,וועלכע האָבען אין יאָהר 1870 בעטראָפען 154 פונט פּער קאָפּ פון דער בעפעלקערונג, זיינען אין 1880 געשטיגען ביז 286 פונט. קיינער קען אָבער ניט זאָגען וויפיעל פון אָט די 286 פונט איז פערצעהרט געוואָרען אין בעלגיען גופא; און ווען מיר ציהען ארונטער דעם סך הכל פון די אימפּאָרטען די סומען, וואָס זיינען דעמזעלביגען יאָהר ווידער עקספּאָרטירט געוואָרען, בעקומען מיר ציפער אויף וועלכע מען קען זיך ניט פערלאָזען. * עס איז דעריבער זיכערער צו האַלטען די ציפער פון דער יעהרליכער פּראָדוקציאָן פון תבואות אין בעלגיען, אזוי ווי מיר געפינען זיי אין דעם אָפיציעלען „אננוער“.

אין די יאָהרען צווישען 1870 און 1880. אַ בעלגישער פריינד, וועלכער האָט געפעליגסט בעקומען נייע אינפאָרמאַציאָנען פאַר מיר מכח אָט דעם פונקט, האָט געקראָגען דיזעלביגע מיינונג בעשטעטיגט פון אַן אַנדער אָפיציעלער קוועלע.

* ווען מיר נעהמען די ציפער פון די אימפּאָרטען און עקספּאָרטען, וועלכע איך האָב אויך צו פערדאַנקען די בעלגישע אָבטיילונג פאַר דאָרפישע אַנגעלעגענהייטען, געפינען מיר, אַז די נעט אימפּאָרטען פון ווייץ, קאָרן און ווייץ געמישט מיט קאָרן (מעטעיל) האָט געגרייכט 3011 מיליאָן פונט אין יאָהר 1907 (3374 מיליאָן פונט אין 1910), וועלכע מאַכט אוים 429 פונט פּער קאָפּ פאַר אַ בעפעלקערונג פון 7 מיליאָן איינוואוינער. ווען מען לעגט אָבער צו אָט די סומע צו דער היימישער פּראָדוקציאָן פון דיזעלביגע תבואות, וועלכע האָט דעמזעלביגען יאָהר געגרייכט 2426 מיליאָן פונט, בעקומען מיר די ציפער 776 פונט פּער קאָפּ פון דער בעפעלקערונג. אָבער אַזאַ סומע איז ניט אין ערך צו הויך, ווייל דער יעהרליכער פּער קאַפּיטאַ פערברויך פון ווינטער־ און זומער־תבואות ווערט געוועהנליך געשאַצט אויף 502 פונט. עס מוז דעריבער זיין אָדער אַ טעות אין וואָג פון די אימפּאָרטען, וואָס איז ווייטלויפיג, אָדער די ציפער פון די ווידער־עקספּאָרטירטע תבואות זיינען ניט פאָלשטענדיג. לאָמיך צולעגען, אַז אין פראַנקרייך איז דער דורכשניטליכער יעהרליכער פּער קאַפּיטאַ פערברויך פון אַלע תבואות, אַריינגעהמענדיג אויך האָבער, אין פערלויף פון 29 יאָהר (1880—1908) געוועזען 525 פונט, וואָס בעשטעטיגט די פריהער־דערמאָנטע ציפער. און אין פראַנקרייך עסט מען ניט ווייניגער ברויט ווי אין בעלגיען.



צייכנונג 3. — פּראָפּאָרציע צווישען דעם קולטיווירטען און ניט־קול־
טיווירטען שטח אין גרויס־בריטאַניען, בעלגיען און פראנקרייך.
א, ווייץ; ב, ווייץ מיט קאָרן געמישט; ג, אַנדערע תבואות;
ד, גרינס־געוויקסען און פוטער־פעלדער; ה, ניט קולטיווירט.

ווען מיר נעהמען, אלזא, די ציפער וואָס ווערען געגעבען אין דעם „אננוער סטאַטיסטיק בעלזשיק“ פאַר דעם יאָהר 1911, קומען מיר צו די פאָלגענדע רעזולטאַטען. דער יעהרליכער אַגריקולטור־צענזוס, וועלכער ווערט געמאַכט זינט דעם יאָהר 1901, גיט אָן פאַר דעם יאָהר 1909, אַז פון אַלע פאַרמס אין בעלגיען, וואָס זיינען גרעסער איידער צוויי און אַ האַלב אַקער, זיינען בעקומען געוואָרען 2 ביליאָן, 290 מיליאָן, 300 טויזענד פונט ווייץ, קאָרן און ווייץ געמישט מיט קאָרן (אין 1895 2 ביליאָן מיט 2 מיליאָן פונט). אויסער דעם האָבען די פאַרמס געגעבען 219 מיליאָן, 200 טויזענד פונט גערשטען, 1 ביליאָן, 393 מיליאָן פונט האָבער, און אַ היבשע סומע אויל־קערנער.

עס ווערט געוועהנליך אָנגענומען, אַז דער דורכשניט פערברויך פון ווינטער־ און זומער־תבואות גרייכט ביז 502 פונט פער קאָפּ פון דער בעפעלקערונג; און אַזוי ווי די בעפעלקערונג פון בעלגיען איז יאַנואר דעם 1טען, 1907 ,געווען 7 מיליאָן, הייסט עס אַז עס וואָלט זיך געפאָדערט ניט וועניגער ווי 3 ביליאָן, 524 מיליאָן, 400 טויזענד פונט תבואה, כדי צו שאַפען די יעהרליכע שפּייז פון דער בעפעלקערונג. ווען מיר פערגלייכען איצטער אָט די ציפער מיט די ציפער פון דער יעהרליכער פּראָדוקציאָן, וואָס מיר האָבען פריהער געבראַכט, זעהען מיר, אַז הגם דער ווייץ־שטח איז פיעל פערקלענערט געוואָרען זינט עס איז אָבגעשאַפט געוואָרען דער טאַריף־אָבצאָהל אויף אריינגעפיהרטע תבואה, פונדעסטוועגען פּראָדוצירט בעלגיען נאָך אַלץ וועניגסטענס צ ו ו י י ־ ד ר י ט ע ל פון דער תבואה־שפּייז, וואָס פאָדערט זיך פאַר איהר זעהר געדיכטער בעפעלקערונג, וועלכע איז כמעט 600 פערזאָן פער קוואַדראַט־מייל (596 אין 1907).

מען מוז בעמערקען, אַז די ציפער וויפיעל שפּייז־תבואה בעלגיען פּראָדוצירט וואָלט געווען נאָך אַ העכערע, ווען מיר וואָלטען אריינגענומען אין חשבון די אַנדערע תבואות (שוין ניט צו רעדען ווען מען נעהמט אריין אויך די הילזען־געוויקסען, ווי אַרבעס און בעבלעך, און די גרינסען, וואָס וואַקסען און ווערען פערברויכט אין בעלגיען), און נאָך פיעל העכער וואָלט די ציפער געווען, ווען מען נעהמט אריין אין חשבון אַלץ וואָס וואַקסט אויף די קליינע ווירטשאַפטען, וואָס האָבען וועניגער איידער צוויי און אַ האַלב

אקער יעדערע. די צאהל פון אזעלכע קליינעווירטשאפטען איז אין יאהר 1895 געווען 554 טויזענד מיט 41, און די צאהל מענשען, וואס האבען געוואוינט אויף זיי, האט געגרייכט כמעט 2 מיליאן. זיי זיינען ניט איינגעשלאסען אין די אפיציע־לע סטאטיסטיקס, אבער דאך וואקסען אין די מעהרסטע פון זיי וויפיעל־עס־איז תבואות, אחוץ גרינסען און פוטער פאר די פיה.

ווען בעלגיען פראדוצירט אין תבואות די שפייז פאר מעהר ווי צוויי דריטעל פון איהר זעהר געדיכטער בעפעלקערונג, איז שוין דאס אליין א גאנץ אנגעזעהענע ציפער; מען מוז אבער נאך זא־גען, אז זי עקספארטירט יעדען יאהר גאנץ היבשע סומען פון די פראדוקטען פון באדען. אזוי האט זי אין יאהר 1910 עקספארטירט 254 טויזענד, 730 טאן גרינסען (לגבי 187 טויזענד טאן, וואס זי האט אימפארטירט), 40 טויזענד טאן פרוכטען, 34 טויזענד טאן פלאנצען און בלומען (וואס בעטרעפען צוזאמען כמעט 3 מיליאן פונט סטערלינג), 256 טויזענד טאן אויל־קערנער, 18 טויזענד 500 טאן וואל, כמעט 60 טויזענד טאן פלאקס, א. אז. וו. איך דערמאן ניט די עקספארטען פון פוטער, האזען, פעלכלעך, א זעהר גרויסע סומע צוקער (אן ערך פון 180 טויזענד טאן), פלאנצען־אויל און ספירט, ווייל פאר דעם ווערען אימפארטירט גרויסע סומען בוראקעס און קארטאפעל. אין קורצען, מיר האבען דא אן עקספארט פון אגריקולטור־פראדוקטען, וואס זיינען געוואקסען אין לאנד גופא, וועלכע גרייכט די ציפער 48 שילינג פער קאפ פון דער בעפעלקערונג.

ווען מען נעהמט דאס אלעס אין אנבעטראכט איז גאר ניטא קיין מעגליכקייט צו בעשטרייטען דעם פאקט, אז אויב דער באדען פון גרויס־בריטאניען וואלט לכל הפחות קולטיווירט געווארען ווי דער אונפרוכטבארער באדען פון בעלגיען ווערט קולטיווירט — ניט אכטענדיג אויף די אלע געזעלשאפטליכע שטערונגען, וואס שטע־הען אין וועג פון אן אינטענסיווער קולטור, אין בעלגיען ווי אומע־טום — וואלט דער טייל פון דער בעפעלקערונג פון גרויס־בריטא־ניען, וואס בעקומט זיין שפייז פון דעם באדען פון זיין אייגענעם לאנד, געווען א פיעל גרעסערער ווי ער איז איצטער.*

* זעה אנהאנג כ.

פון דער אנדער זייט דאַרף מען ניט פערגעסען, אז בעלגיען איז אַן אינדוסטריעלעס לאַנד, וואָס עקספּאָרטירט אויסער דעם היימיש־פאַבריצירטע סחורות אין דעם ווערטה פון 198 שילינג פער קאָפּ פון דער בעפעלקערונג און ניט־פאַרטיגע אָדער האלב־פאַבריצירטע ארטיקלען אין דעם ווערטה פון 150 שילינג פער קאָפּ, בעת די גאַנצע סומע עקספּאָרטען פון דער פעראייניגטער ענגלישער מלוכה האָבען נאָר דאָ ניט לאַנג, אין דעם אויסערגעוועהנליכען יאָהר 1911, געגרייכט דעם ווערטה פון 201 שילינג פער יעדען איינוואוינער. וואָס געהערט בעזונדערע טיילען פון בעלגישען געביט, האָט די קליינע, פון דער נאַטור אונפרוכטבאַרע פּראָווינץ, פון מערב־פלאַנדערן ניט נאָר ארויסבעקומען פון איהר באָדען, אין יאָהר 1890, גאָר די שפּייז פאַר איהרע 580 איינוואוינער פון יעדען קוואַדראַטמייל, נאָר זי האָט נאָך עקספּאָרטירט פעלד־פּראָדוקטען אין ווערטה פון 25 שילינג פער קאָפּ פון איהר בעפעלקערונג. און דאָך, ווען מען לעזט לאַוועלעי'ס מייסטערהאַפטען ווערק מוז מען קומען צום שלוס, אז די פלעמישע אגריקולטור וואָלט געקענט בעוויזען נאָך בעסערע רעזולטאַטען, ווען זי וואָלט ניט געהינדערט געוואָרען אין איהר ענטוויקלונג דורך די שטענדיגע און שווערע פערגרעסערונגען פון דער לאַנד־רענטע. זעהענדיג ווי די רענט ווערט פערגרעסערט אַלע 9 יאָהר, האָבען אַ סך פאַרמערס די לעצטע צייט זיך אָבגעהאַלטען איינצופיהרען וויטערדיגע פערבעסערונגען.

נאָך אַ ביישפּיעל, וואָס בעווייזט וויפיעל עס קען אויפגעטאָן ווערען דורך אַן אָנשטרענגונג פון פאָלק מיט דער הילף פון דער אינטעליגענציע, גיט אונז דענעמאַרק. נאָך דער מלחמה פון 1864, וועלכע האָט זיך געענדיגט מיט דעם פערלוסט פון איינע פון זייערע פּראָווינצען, האָבען די דענען געמאַכט אַן אָנשטרענגונג צו פערשפּרייטען בילדונג צווישען זייערע פּויערים און ענטוויקלען אין דערזעלביגער צייט אַן אינטענסיווע בעאַרבייטונג פון דער ערד. די רעזולטאַטען פון די דאָזיגע אָנשטרענגונגען ווייזען זיך איצט גאַנץ קלאָר ארויס. די דאָרפישע בעפעלקערונג פון דענעמאַרק איז געוואַקסען, אָנשטאָט צו פונאַנדערלויפען זיך אין די שטעדט: אין 5 יאָהר, פון 1906 ביז 1911, איז זי געוואַקסען פון 1,565,585 אויף 1,647,350. פון דער גאַנצער בעפעלקערונג, וואָס בעטרעפט

2,775,100, ציהען 990,900 מענשען זייער חיונה פון ערדארבייט, בעשעפטיגונג ביי מילכיגס און וואלד־קולטיווירונג. ביי א זעהר אָרימען באָדען האָבען זיי פונדעסטוועגען א קולטיווירטען שטח פון נאָר עפּעס וועניגער ווי 7 מיליאָן אקער, פון וועלכע 2,773,320 אקער זיינען פערזעעט מיט תבואה. זייער ווייץ־געדעטעניש איז דורכשניטליך 40 מיט זעקס־צעהנטעל בושעל פּער אקער, און דער ווערטה פון די היימיש־געוואקסענע שפּייז־שטאָפען ווערט געשאצט אין 40 מיליאָן פונט סטערלינג, וואָס עס מאַכט אויס עפּעס וועניגער ווי 6 פונט סט. פּער אקער. און וואָס געהערט זייערע עקספּאָרטען פון היימיש־געוואקסענע פּראָדוקטען, שטייגען זיי אריבער די אימ־פּאָרטען אויף 14 מיליאָן מיט 483 טויזענד פונט סט. די הויפּט־אורזאכען פון אָט די ערפאָלגען זיינען: א הויך־ענטוויקעלטע אגרי־קולטורעלע בילדונג, שטעדטישע מערק, וואָס זיינען צוגענגליך פאר אַלע ערדארבייטער, און על כולם, קאָאָפּעראציע, וועלכע איז אויך א רעזולטאט פון דער אָנשטרענגונג, וואָס די אינטעליגענציע האָט געמאַכט נאָך דעם אומגליקליכען קריעג פון יאָהר 1864.

אַלע ווייסען איצטער, אז די דענישע פּוטער שטעלט די פּרייזען אויפ'ן לאָנדאָנער מארק, און אז די דאָזיגע פּוטער איז פון א הויכער קוואליטעט, וועלכע מען קען בעקומען נאָר אין קאָאָפּעראַ־טיווע מילכיגסען, מיט אייז־קאַמערן און בעשטימטע איינהייטליכע מעטאָדען ווי עס צו פּראָדוצירען. ניט אַלע ווייסען אָבער, אז די סיבירישע פּוטער, וועלכער ווערט איצט אימפּאָרטירט אין אונ־געהויער גרויסע סומען אין ענגלאנד, איז אויך א פּראָדוקט פון די דענישע קאָאָפּעראטיווען. ווען די דענען האָבען אָנגעהויבען צו עקספּאָרטירען זייער פּוטער אין גרויסע סומען, פלעגען זיי אימ־פּאָרטירען פּוטער פאָר זייער אייגענעם געברויך פון די דרום־טיילען פון די מערב־סיבירישע פּראָווינצען פון טאָבאָלסק און טאָמסק, וועלכע זיינען בעדעקט מיט פּרעירים גאַנץ דיזעלביגע ווי די וויני־פּעגער פּראָווינץ אין קאנאדא. אין אָנהויב איז די דאָזיגע פּוטער געוועזען פון גאָר א פּראָסטען סאָרט, וואָרים זי פלעגט געמאַכט ווערען אין יעדער פּויערשער ווירטשאפט בעזונדער. די דענען האָבען דעריבער אָנגעהויבען לערנען די רוסישע פּויערים קאָאָפּע־ראציע און די פערשטענדיגע בעפעלקערונג פון אָט דעם פּרוכט־באַרען געגענד האָט גאַנץ שנעל איבערגענומען די לעהרע. די

קאָאָפּעראַטיווע מילכיגסען האָבען זיך גענומען פערשפּרייטען מיט א וואונדערבאַרער שנעלקייט, און אונזערע האָבען א געוויסע צייט גאָר ניט געוואוסט פון וואנען די דאָזיגע אינטערעסאַנטע בעוועגונג איז געקומען. היינטיגע צייט געהט יעדע וואָך אָב א דאַמפּער פון איינעם פון די באַלטישע האפענס אָנגעלאָדען מיט סיבירישער פּוטער און ברייגנט אריין אין לאָנדאָן פיעלע טויזענדער פּעסלעך פון אָט דעם סיבירישען פּראָדוקט. אויב איך האָב ניט קיין טעות נעהמט פינלאַנד אויך די לעצטע צייט א חלק אין דעמזעלביגען עקספּאָרט.

איך וואָלט געקענט, ניט פערקריכענדיג אזוי ווייט ווי ביז כינא, בריינגען נאָך אזוינע ביישפּיעלען פון אַנדערע לענדער, און דערהויפּט פון לאָמבארדיע. אָבער די פריהערדיגע וועט שוין זיין גענוג צו וואָרענען דעם לעזער, ער זאָל זיך ניט איילען ציהען קיין שלוסען וועגען דער אונמעגליכקייט צו שפּייזען 46 מיליאָן מענשען פון 78 מיליאָן אקער לאַנד. זיי גיבען מיר אויך די מעגליכקייט צו ציהען די פאָלגענדע שלוסען: 1) ווען דער באָדען פון דער פעראייניגטער ענגלישער מלוכה וואָלט נאָר קולטיווירט געוואָרען ווי ער איז קולטיווירט געוואָרען פינף און פערציג יאָהר צוריק, וואָלטען 24 מיליאָן מענשען, אָנשטאָט וואָס איצטער נאָר 17 מיליאָן, — געקענט לעבען אויף די היימיש־געוואקסענע שפּייז; און בעת אָט די קולטיווירונג וואָלט געגעבען בעשעפטיגונג פאַר דריי־פערטעל מיליאָן מענשען, וואָלט עס גע־שאַפט כמעט דריי מיליאָן וואוילהאבענדע היימישע קונדען פאַר ענגלישע פאבריקאַציעס. 2) ווען דער קולטיווירבארער שטח פון דער פעראייניגטער מלוכה וואָלט בעאַרבייט געוואָרען ווי דער באָדען ווערט דורכשניטליך בעאַרבייט אין בעלגיען, וואָלט די פעראייניגטע מלוכה געהאַט אייגענע שפּייז וועניגסטענס פאַר 37 מיליאָן איינוואוינער; און זי וואָלט געקענט עקספּאָרטירען אגריקולטור־פּראָדוקטען, ניט אויפהערענדיג צו פאבריצירען די והותר פאַר אַלע בעדערפענישען פון א וואוילהאבענדער בעפעלקע־רונג. און לעצטענס 3) ווען די בעפעלקערונג פון ענגלאַנד זאָל ווען עס איז ווערען פערדאָפּעלט, איז אַלץ וואָס עס וואָלט זיך געפאָ־דערט צו פּראָדוצירען די שפּייז פאַר 90 מיליאָן איינוואוינער, וואָלט

געווען, צו בעאַרבייטען דעם באָדען ווי ער ווערט בעאַרבייט אין די בעסטע פאַרמס אין ענגלאַנד, אין לאָמבאַרדיע און אין פלאַנדערן, און צו מאַכען נוצען פון אייניגע לאַנקעס, וועלכע ליעגען איצטער כמעט פוסטע, אויפ'ן זעלביגען אופן ווי עס ווערען בענוצט די אַרומיגע געגענדען פון די גרויסע שטעדט אין פראַנקרייך פאַר האַנדעלס־גערטנעריי. אַט די אַלע זאַכען זיינען ניט קיין פאַנטאַס־טישע חלומות, נאָר פשוט'עווירקליכקייטען; מעהר גאָרנישט ווי בעשיידענע אויספיהרען פון די פאַקטען, וואָס מיר זעהען רונד און אַרום זיך, אָהן שום אָנדייטונגען אויף דער אַגריקולטור פון דער צוקונפט.

אויב מיר ווילען אָבער וויסען וואָס די אַגריקולטור קען זיין און וויפיעל עס קען וואַקסען אויף אַ בעשטימטען שטיק לאַנד, מוזען מיר זיך ווענדען נאָך אויסקונפט צו אַזעלכע געגענדען ווי דער סאַפּפּעלאַרע־בעצירק אין מזרח־פלאַנדערן, די אינזעל דזשערסיע, אָדער די בעוועסערטע לאַנקעס פון לאָמבאַרדיע, וועלכע ווערען דערמאָנט אין דעם נעקסטען קאַפּיטעל. אָדער אַז ניט, קענען מיר זיך ווענדען צו די האַנדעלסגערטנער דאָ אין ענגלאַנד, אָדער אין די נאָכבאַרשאַפטען פון פּאַריז, אָדער אין האָללאַנד, אָדער צו די „טראָק־פאַרמס“ אין אַמעריקא, א. אז. וו.

אין דער צייט וואָס די וויסענשאַפט גיט אָב איהר הויפּט־אויפמערקזאַמקייט אויף די אינדוסטריעלע בעשעפטיגונגען, האָבען אַ בעשרענקטע צאָהל נאַטור־ליעבהאָבער און אַ מאַסע אַרבייטער, וואָס אפילו זייערע נעמען וועלען בלייבען אונבעקאַנט פאַר די קומענדיגע דורות, געשאַפען דאָ ניט לאַנג גאָר אַ נייע אַגריקולטור, וועלכע שטעהט אַזוי־פיעל העכער איידער די מאָדערנע פאַרמעריי, ווי די מאָדערנע פאַרמעריי שטעהט העכער פאַר דעם אַלטען דריי־פעלדער סיסטעם פון אונזערע זיידעס. זעלטען־ווען האָט די וויסענשאַפט זיי געפיהרט, אָפטמאָל האָט זי זיי זאָגאַר פערפיהרט — ווי עס איז געווען דער פאַל מיט ליעביג'ס טעאָריעס, וואָס זיינען געטריבען געוואָרען פון זיינע נאָכפאָלגער ביז'ן לעצטען פונקט, און האָבען אונז איינגערעדט צו בעהאַנדלען די פלאַנצען ווי זיי וואָלטען געווען גלעזערנע כלים וואו מען טהוט אַריין כעמישע שטאָפען, גאָר פערגעסענדיג, אַז די איינציגע וויסענשאַפט וואָס

קען האָבען צו טהאָן מיט לעבען און וואקסען איז די פיזיאָלאָגיע, ניט די כעמיע. די וויסענשאַפט האָט זיי זעלטען־ווען געפיהרט: זיי זיינען זיך געגאַנגען אויף דעם עמפּירישען וועג; אָבער אַזוי ווי די פיה־צוכטער האָבען געעפענט נייע האָריזאָנטען פאַר דער ביאָלאָגיע, אַזוי האָבען זיי געעפענט אַ ניי פעלד פון עקספּערימענ־טאַלער פאָרשונג פאַר דער פיזיאָלאָגיע פון פלאַנצען. זיי האָבען בעשאַפען איינגאַנצען אַ נייע אַגריקולטור. זיי שמייכלען ווען מיר בעריהמען זיך מיט אונזער ראָטאַציאָן־סיסטעם, וועלכער האָט אונז געגעבען די מעגליכקייט אָראָבצונעהמען פון פעלד אַ גערעטעניש יעדען יאָהר אָדער פיער גערעטענישען אַלע דריי יאָהר — זייער אַמביציע איז אַרויסצובעקומען זעקס און ניין גערעטענישען אין די צוועלף מאָנאַט פון איין און דעמזעלביגען שטיק לאַנד. זיי פערשטעהען ניט וואָס מיר רעדען ווענגען אַ גוטען באָדען און אַ שלעכטען באָדען: זיי מאַכען דעם באָדען אַליין, און זיי מאַכען אַזויפיעל באָדען, אַז זיי זיינען געצוואונגען אויסצופערקויפען אַ טייל פון איהם יעדען יאָהר, וואָרים אַז ניט וואָלט ער אויפגעהויבען די פלעך פון זייערע גערטנער אויף אַ האַלבען צאָל יעדען יאָהר. זייער ציעל איז אַריינצונעהמען ניט פינף אָדער זעקס טאָן גראָז פון אַן אַקער, ווי מיר נעהמען אריין, נאָר פון 50 ביז 100 טאָן פער־שיידענע גרינסען פון דעמזעלביגען אַקער; ניט פאַר 5 פונט סטער־לינג היי, נאָר פאַר 100 פונט סט. גרינסען פון די איינפאַכסטע סאָרטען, ווי קרויט און מעהרען, און אריבער 200 פונט סט. דורך אינטענסיווע גערטנעריי. אָט דאָס איז דער וועג, אויף וועלכען די אַגריקולטור געהט איצטער.

מיר ווייסען, אַז פלייש איז דאָס טייערסטע פון אַלע אונזערע אַלטעגליכע שפּייזען, און די וואָס זיינען ניט קיין וועגעטאַריאַנער אויס איבערצייגונג, אָדער אויס נויט, פערצעהרען דורכשניטליך 225 פונט פלייש אַ יאָהר ד. ה. אומגעפעהר עפּעס ווענינער ווי אַ דריטעל פון אַן אָקס. און מיר האָבען געזעהן, אַז אפילו אין ענגלאַנד און בעלגיען פאָדערן זיך פון צוויי ביז דריי אַקער ערד אויסצוהאַלטען איין שטיק פיה; דאָס מיינט אַז אַ געמיינדע, לאָמיר זאָגען, פון אַ מיליאָן איינוואוינער, וואָלט דאַרפען אָבלעגען וואו עס איז אַרום אַ מיליאָן אַקער לאַנד, כדי זיך צו בעזאָרגען מיט פלייש. ווען מיר געהען אָבער אריבער אויף הערר גאָפּפאַרט׳ס

פארם — ער איז איינער פון די, וואָס האָבען איינגעפיהרט אין פראנקרייך די מעטאָדע צו האַלטען געוויסע פוטער פאַר פיה גרין איבער'ן ווינטער (ענסילאזש) — קענען מיר זעהן ווי ער קריגט ארויס פון א דרענירטען און גוט-בעמיסטיגטען פעלד ניט ווייניגער ווי 120 טויזענד פונט גראָז פון אַן אקער, וועלכע גיט 30 טויזענד פונט טרוקענע היי — דאָס הייסט די גאַנצע שפּייז פאַר א שטיק פיה פון איין אקער. דער ערטראַג איז אויף דעם אופן פערדריי־פאַכט.

וואָס געהערט די ריבען־וואָרצלען, וועלכע ווערען אויך גע־ברויכט צו פיטערן בהמות, האָט מר. טשעמפּיאָן, אין ווהיטבי, אויסגעפיהרט, מיט דער הילף פון אָבצוג־קאַנאַלען, ארויסצובעקומען 100 טויזענד פונט ריבען פון יעדען אקער, און אמאָל אויך 150 און 200 טויזענד פונט. ער האָט אויף דעם אופן געקריגען פון יעדען אקער די שפּייז פאַר וועניגסטענס צוויי אָדער דריי שטיק פיה. און אזוינע גערעטענישען זיינען ניט קיין פעראיינצעלטע פאַקטען: אזוי האָט דעם העררן גראָס, אין אָטון, געלונגען ארויס־צובעקומען 600 טויזענד פונט ריבען און מעהרען פון איין אקער, אויף וועלכע ער וואָלט געקענט אויסהאַלטען 4 גרויסע בהמות. דער פאַקט איז, אז גערעטענישען פון 100 טויזענד פונט ריבען פער אקער קומען פאָר אין א גרויסער צאָהל אין די פראנצויזישע פרייז־קאָנקורסען, און דער ערפאָלג הענגט אינגאַנצען אָב פון א גוטער בעארבייטונג און ריכטיגער בעמיסטיגונג. עס קומט אויף דעם אופן אוים, אז בעת מיר דאַרפען האָבען ביי געוועהנליכער גוטער פאַרמעריי 2 מיליאָן אקער אָדער מעהרער אויסצוהאַלטען א מיליאָן פיה, וואָלט מען מיט די נייע מעטאָדען געקענט האַלטען די דאָפּעלטע צאָהל פיה אויף איין העלפט פון דעם שטח; און ווען די געדיכטקייט פון דער בעפעלקערונג וואָלט עס געפאָדערט, וואָלט מען די צאָהל פיה נאָך אמאָל געקענט פערדאָפּלען און דער שטח אויף אויסצוהאַלטען זיי וואָלט אַלץ געקענט זיין א העלפט, אָדער אפילו נאָר א דריטעל פון זיין איצטיגען פערנעהם.*

---

* אָננעהמענדיג אַז איין שטיק פיה דאַרף האָבען 9 טויזענד פונט טרוקענע היי אַ יאָהר, קענען מיר זעהן פון די פאָלגענדע ציפער (גענומען פון טובאָ'ס „רעפּאַרטיסיאָן מעטריק דע זאומפאַט'ס") וויפיעל מיר בע־

פּ ר אַ נ צ ו י ז י ש ע   ג ע ר ט נ ע ר י י. די אויבען־גע־בראַכטע ביישפּיעלען זיינען מערקווירדיג גענוג, און דאָך גיט אונז די קולטיווירונג פון די האַנדעלסגערטנעריי נאָך מעהר מערקוויר־דיגע ביישפּיעלען. איך מיין די קולטיווירונג, וואָס ווערט בע־טריעבען אין דער סביבה פון די גרויסע שטעדט, און דערהויפּט די „קולטור מאַרעשער" אַרום פּאַריז. אונטער דער דאָזיגער קולטי־ווירונג ווערט יעדע פּלאַנץ בעהאַנדעלט לויט איהר עלטער. די זריעה שפּראָצט און די שפּראָצונגען ענטוויקלען זייערע ערשטע פּיער בלעטלעך אונטער ספּעציעל־גינסטיגע אומשטענדען פון באָדען און טעמפּעראַטור; דאַן ווערען אויסגעקליבען די בעסטע שפּראָ־צונגען און איבערגעפּלאַנצט אין אַ בעעט פון זעהר גוטער ערד, אונטער גלאָז אָדער אין דער פרייער לופט, וואו זיי ענטוויקלען זייערע וואָרצלעך, און זיי בעקומען מעהר ווי די געוועהנליכע פּלעגע אויף דעם בעשרענקטען שטח וואו זיי ווערען געהאַלטען. ערשט נאָך אַט דער אָנפאַנגס־ערציהונג ווערען זיי אַריינגעזעצט אין גאָרטען, וואו זיי וואַקסען ביז זיי ווערען רייף. ביי אַזאַ קולטיווי־רונג האָט דער אורשפּרינגליכער צושטאַנד פון באָדען אַ קנאַפּע בעדייטונג, ווייל די ערד ווערט געמאַכט פון די אַלטע מיסטבעעטען.

קומען איצטער אונטער דער געוועהנליכער און אונטער דער אינטענ־סיווער קולטור: —

	פונט פער אַקער	טרוקענע היי גלייך צו	צאָהל בהמות וואָס קענען אויסגע־האַלטען ווערען פון 100 אַקער
פּיטער־פעלדער		1,200	13
בייט־בעוועסערטע לאָנקעס		2,400	26
קלעווער 2 מאָל געשניטען		4,800	52
שוועדישע ריבען	38,500	10,000	108
קאָרן־גראָז	64,000	18,000	180
ריבען (אינטענסיווע קולטור)	64,000	21,000	210
קוקורוזא (געהאַלטען אין ענסילאַזש)	120,000	30,000	330

די זריעה ווערט פארזיכטיג אויספּרובירט, די פלאנצען קריגען די ריכטיגע פלעגע, און פאר אויסטריקענונג האט מען קיין מורא ניט, ווייל די פלאנצען זיינען פערשיידענארטיג און זיי ווערען גוט בעוועסערט מיט דער הילף פון א דאמף־מאשין, און א זאפּאס פון פלאנצען ווערען שטענדיג געהאלטען גרייט צו פערנעהמען דעם פּלאץ פון די שוואכסטע עקזעמפלארען. כמעט יעדע פלאנץ ווערט בעהאנדעלט אינדיווידועל.

בנוגע דער האנדעלסגערטנעריי עקזיסטירט אגב א מיספער־שטענדנים, וואס איז כדאי אויפצוקלערען. עס ווערט אנגענומען בדרך כלל, אז די הויפטזאך וואס עס ציהט די האנדעלסגערטנעריי צו די גרויסע צענטערס פון בעפעלקערונג, איז דער מארק. אמאל האט דאס טאקע געמוזט זיין די סבה, און אפשר איז עס נאך איצט אויך, אבער נאר ביז א געוויסען גראד. א גרויסע צאהל פון די פאריזער „מארעשערס", אפילו פון די וואס האבען זייערע גערטנער אין די גרעניצען פון שטאדט, און וואס זייער הויפט געשעפט געשעפטעניש בעשטעהט פון סעזאן־גרינסען, עקספּארטירען אלץ וואס זיי נעהמען אראב פון די גערטנער קיין ענגלאנד. די הויפטזאך, וואס עס ציהט דעם גערטנער צו די גרויסע שטעדט, איז די שטאל־מיסט; און ניט צו כדי צו מאכען רייכער דעם באדען איז די דאזיגע מיסט נויטיג — אויף דעם וואלט גענוג געווען א צעהנטער טייל פון דער מיסט, וואס די פראנצויזישע גערטנער פערברויכען — נאר כדי אויפצוהאלטען אין באדען א בעשטימטע טעמפּעראטור. פריהע גרינסען בעצאהלען זיך אמבעסטען, און כדי צו בעקומען פריהע פּראדוקטען מוז ניט נאר די לופט ווערען געווארעמט, נאר אויך דער באדען; זיי פיהרען עס אוים דורכדעם, וואס זיי טהוען אריין אין באדען א גרויסע מאסע ריכטיג־געמישטע מיסט, וועלכע פער־מענטירט (גערט) אין דער ערד און גיט ארוים היטץ. עס איז אבער קלאר, אז ביי דער היינטיגער ענטוויקלונג פון דער טעכניק קען מען ווארעמען דעם באדען מעהר עקאנאמיש און פיעל לייכטער דורך רעהרען פון היים־וואסער. די פראנצויזישע גערטנער הויבען טאקע דעריבער אן צו בענוצען אלץ מעהר און מעהר טראג־בארע רעהרען אדער „טהערמאסיפאנס", וועלכע זיי טהוען אריין פאר א געוויסער צייט אין די קאלטע ערד־קאסטענס. אט די נייע פערבעסערונג געהט שוין אריין אין אלגעמיינעם געברויך, און מיר

קענען מאַכען די בעהויפּטונג, אויף דער אויטאָריטעט פון באַראַל׳ס „דיקסיאָנער ד׳אַגריקילטיר“, אַז זי גיט אויסגעצייכענטע רעזול־טאַטען. אונטער אָט דעם סיסטעם ווערט די שטאָל־מיסט גע־ברויכט הויפּטזעכליך אויף צו מאַכען פעט די ערד.*

וואָס איז שייך די פערשיידענע פּרוכטבאַרקייט־שטופען פון באָדען — דער שטענדיגער שטרויכעל־שטיין פאַר די וואָס שרייבען וועגען אַגריקולטור — איז דער פאַקט, אַז אין האַנדעלס־גערטנעריי ווערט דער באָדען אַלעמאָל געמאַכט, גאַנץ גלייך פון וואָס פאַר אַ סאָרט ער איז פריהער ניט געווען. דעריבער איז עס איצ־טער, ווי פּראָפ. דיבאָוווסקי דערצעהלט—אין דעם אַרטיקעל „מאַרע־שערס“, אין באַראַל׳ס „דיקסיאָנער ד׳אַגריקילטור“ — אַ געוועהנ־ליכער תנאי אין די אַרענדע־קאָנטראַקטען פון די פּאַריזער „מאַרע־שערס“, אַז דער גערטנער מעג אַוועקטראָגען מיט זיך זיין באָדען ביז צו אַ געוויסער טיעפקייט, ווען עס ענדיגט זיך די צייט פון זיין אַרענדע. ער אַליין מאַכט דעם באָדען, און ווען ער ציהט אַריבער אויף אַן אַנדער פּלאַץ, פיהרט ער אַוועק זיין באָדען צוזאַמען מיט זיינע קאַסטענס, וואַסער־רעהרען און אַנדערע כלים.**

---

* איך האָב געזעהן ווי אָט די טהערמאָסיפאָנס ווערען געברויכט פון די האַנדעלס־גערטנער אין וואָרטהינג. זיי האָבען געזאָגט, אַז עס אַרבייט זיך מיט זיי גאַנץ גוט. וואָס געהערט די קאָסטען פון וואַרעמען דעם באָדען, וויל איך דערמאָנען ה. מעהנער׳ס עקספּערימענטען, וואָס זיינען בעשריבען אין „גאַרטענפלאָראַ“, אבשניט 16 און 17 פון דעם יאָהר 1906. ער מיינט, אַז אין פערגלייך מיט דעם פערגרעסערטען ווערטה פון דעם גערעטעניש, זיינען די קאָסטען גאַנץ קליין. רעכענענדיג די הוצאות פון דער איינריכטונג 100 פונט סט. פער מאָרג ערד און 10 פונט סט. אויף הייצען יעדען פריהלינג, שאַצט דער פּערפּאַסער די פער־גרעסערונג אין ווערטה פון דעם גערעטעניש (פריהע גרינסען) אויף 100 פונט יעדען יאָהר. (בעריכט צו דער דייטשער „לאַנדווירטשאַפטס געזעלשאַפט“, 1906.)

** דער „טראָגבאַרער באָדען“ איז ניט דער לעצטער איינפיהר אין אַגריקולטור. דער לעצטער איז די בעוועסערונג פון באָדען מיט ספּע־ציעלע פליסיגקייטען, וואָס ענטהאַלטען ספּעציעלע מיקראָבען. עס איז אַ פאַקט, אַז די בעמישע מיסטען, אָהן אָרגאַנישע מיסט, זיינען נאָר

עס וואָלט געווען אונמעגליך פאר מיר דאָ צו דערצעהלען אַלע וואונדער, וואָס זיינען אויפגעטאָן געוואָרען אין האַנדעלס־גערטנעריי; דעריבער מוז איך אָבשיקען דעם לעזער צו די ווערק — העכסט אינטערעסאַנטע ווערק — וואָס גיבען זיך ספּעציעל אָב מיט דעם געגענשטאַנד, און זיך בענוגענען בלויז מיט אייניגע ביישפּיעלען.* לאָמיר נעהמען, למשל, דעם הערר פּאָנס' גאָרטען,

זעלטען־ווען גוט געבוג. פון דער אַנדער זייט איז דאָ ניט לאנג ענטדעקט געוואָרען, אַז געוויסע מיקראָבען אין באָדען זיינען אַ נויטיגער בעדינג פאַר דעם וואקסען פון פלאנצען. דערפון האָט זיך גענומען דער געדאנק צו „פּערזעען" די ניצליכע מיקראָבען, וועלכע ענטוויקלען זיך שנעל אין דער ערד און מאַכען איהר פרוכטבאַר. מיר וועלען זיכער באַלד הערען מעהרער וועגען אָט דער נייער מעטאָדע, מיט וועלכער מען עקספּערימענטירט אויף אַ גרויסען מאַסשטאַב אין דייטשלאנד, כדי צו פערוואנדלען טאָרף־בלאָטעס און שווערע ערד אין רייכע לאָנקעס און פעלדער.

* די ווערק פון פּאָנס, גרעססענט, קורטואַ־זשעראַר, ל. ג. גיללעקענס, פילמאָרין. דער אַלגעמיינער לעזער, וואָס אינטערעסירט זיך צו וויסען וועגען דער פּראָדוקטיוויטעט פון באָדען, קען געפינען פיעלע ביישפּיעלען, גוט קלאַסיפיצירט, אין א. טובאָ'ס העכסט אינטערעסאַנטען ווערק „לא רעפּארטיסיאָן מעטריק דע זימפּאָט", 2 בענדער, 1880. איך ציטיר ניט פיעלע אויסגעצייכענטע ענגלישע האנדביכער, איך מוז אָבער בעמערקען, אַז די קולטיווירונג פון דער האנדעלס־גערטנעריי האָט אויך דאָ אין ענגלאנד געגרייכט רעזולטאטען, וועלכע ווערען הויך געשאַצט פון די גערטנער אויפ'ן קאָנטינענט, און דעם איינציגען פּאָרוואורף, וואָס מען קען איהר מאַכען, איז פאר וואָס זי איז לפי ערך אַזוי ווייניג פערברייט. זינט די פראַנצ. האנדעלסגערטנעריי איז איינגעפיהרט געוואָרען אין ענגלאנד, זיינען געדרוקט געוואָרען פאר דעם צוועק אייניגע האנדביכער. דאָס קליין ביכעל „פרענטש גאַרדענינג" פון טאָמאַס סמיטה (לאָנדאָן, אוטאָפּיאַ פּרעסס, 1909) פערדיענט ספּעציעל צו דערמאָנט ווערען, ווייל עס ענטהאלט די רעזולטאטען פון אַ יאָהר בעאָבאַכטונגען אויף די אַרבייט פון אַ פראנצ. גערטנער, וועלכער איז ספּעציעל אָבגעאַכטעט געוואָרען אין ענגלאנד דורך יאָזעף פעלז, און גיט (מיט אילוסטראַציעס) אַ מאַסע פראקטישע אָנצייגונגען, ווי אויך ידיעות אין ציפער בנוגע די קאָסטען און דעם ווערטה פון די פּראָדוקטען. אַ שפּעטערע

דעם פערפאסער פון'ם וואויל־בעקאנטען ווערק וועגען דער „קולטור מאַרשערס". זיין גאַרטען האָט פערנומען בלויז צוויי אַקער מיט זיעבען צעהנטעל. דער אויסלאַג פאַר דער גאַנצער איינריכטונג, שוין מיט א דאמף־מאַשין פאַר בעוועסערונג, האָט בעטראָפען 1,136 פונט. 8 פערזאָן, רעכענענדיג אויף דעם הערר פּאָנס, האָבען קולטיווירט דעם גאַרטען און געפיהרט די גרינסען אויפ'ן מאַרק מיט א פערד און וואָגען, וואָס זיי האָבען געהאלטען פאַר דעם צוועק; און צוריקוועגס פון פּאַריז פלעגען זיי ברייננען מיסט, פאַר וועלכע זיי האָבען אויסגעגעבען 100 פונט יעדען יאָהר. נאָך א הונדערט פונט סט. איז אויסגעגעבען געוואָרען פאַר רענטע און שטייער־אָבצאָהל. ווי קען מען אָבער אויסרעכענען אַלץ וואָס זיי האָבען יעדען יאָהר אַראָבגענומען פון אָט דעם וועניגער ווי דריי אקער פּלאַץ, ניט אָנפילענדיג קיין צוויי אָדער דריי זייטען מיט העכסט וואונדערליכע ציפער? מען מוז דאָס אַלץ לעזען אין הערר פּאָנס'עס בוך, נאָר אָט זיינען די הויפּט אָנגאָבען: איבער 20 טויזענד פונט מעהרען; אריבער 20 טויזענד פונט ציבעלע, רעטיכער און אַנדערע גרינסען, וואָס ווערען פערקויפט אויפ'ן וואָג; 6000 קעפּלעך קרויט; 3000 קעפּלעך בלומענקרויט (קאָליפלאָוער); 5000 קערבלעך טאָמאַטאָס; 5000 טוץ בעסטע פרוכטען, און 154 טויזענד קעפּלעך סאַלאַט; קורץ, א סך הכל פון 250 טויזענד פונט גרינסען. דער באָדען איז געמאכט געוואָרען פון מיסטבעעטען אין אַזאַ מאסע, אז זיי האָבען געמוזט יעדען יאָהר פערקויפען 250 קובישע איילען פון דער רייכער ערד. אַזוינע ביישפּיעלען וואָלט מען געקענט ברייננען טוצענווייז, און דער בעסטער בעווייז, אז זיי זיינען ניט מגזם די רעזולטאַטען, איז די זעהר הויכע רענטע, וואָס די גערטנער צאָהלען, וועלכע בעטרעפט אין די פּאָר־שטעדטלעך פון לאָנדאָן פון 10 פונט ביז 15 פונט פער אקער, און אין די פאָרשטעדטלעך פון פּאַריז — ביז 32 פונט פער אקער.

אַרבייט פון דעמזעלבען פערפאַסער, „דהי פּראָפּיטייבל קולטור אָוו וועדזשעטייבלעס פאָר מאַרקעט גאַרדענינג, סמאָלל האָלדערס ענד אָדהערס" (לאָנדאָן, 1911) בעהאנדעלט בפרטיות די געוועהנליכע קולטיווירונג פון גרינסען און די אינטענסיווע קולטיווירונג פון די פראנצויזישע גערטנער.

ניט וועניגער ווי 2,125 אקער ווערען אויף דעם אופן קולטיווירט ארום פאריז פון 5 טויזענד פערזאן, וועלכע בעזארגען מיט גרינסען ניט נאר די צוויי מיליאן פאריזער, נאר דער יתור ווערט נאך אוועק־געשיקט אין לאנדאן.

די דאזיגע רעזולטאטען האט מען בעקומען מיט דער הילף פון ווארעמע קאסטענס, טויזענדער גלאז־דעקען א. אז. וו. אבער אפילו אהן אזוינע קאסטבארע זאכען, נאר מיט 36 איילען קאסטענס פאר די יונגע שפראצען, וועלכע וואקסען אין פרייען לופט, בעקומט מען גרינסען אין ווערטה פון 200 פונט פער אקער.* עס איז יעדענפאלס קלאר, אז דער הויכער פערקויף־פרייז פון די גערטענישען אין אזוינע פעלען נעהמט זיך ניט פון די הויכע פרייזען, וואס מען קריגט פאר פריהע גרינסען אין ווינטער, נאר עס קומט איננאנצען פון דער הויכער גערטעניש פון די איינ־פאכסטע פראדוקטען.

לאמיך אויך צולעגען, אז אט די וואונדערליכע קולטיווירונג האט זיך איננאנצען ענטוויקעלט אין דער אנדער העלפט פון 19טען י. ה. פריהער איז עס געווען גאנץ פרימיטיוו. איצט אבער איז דער פאריזער גערטנער ניט נאר מבטל דעם באדען — ער וואלט געקענט מאכען זיין אייגענעם באדען און ארויסקריגען דיזעלביגע גערטעניש אויף א פלאסטער פון אספאלט — נאר ער איז אויך מבטל דעם קלימאט. זיינע ווענד, וועלכע זיינען אזוי געבויט, זיי זאלען רעפלעקטירען דאס ליכט און בעשיצען די שפאליער־בוימער פון די צפון־ווינטען, זיינע שירעמס פאר אט די בוימער און די גלאז־דעכער, זיינע קאסטענס און „פעפיניערס", האבען פון די פאריזער פארשטעדט געמאכט אווירקליכען גארטען, א רייכען דרום־לענדישען גארטען. ער האט געגעבען דער שטאדט פאריז די „צוויי ברייט־גראדען וועניגער", נאך וועלכע א פראנצויזישער וויסענשאפטליכער שריפטשטעלער האט אזוי געגארט; ער שטעלט צו דער שטאדט בערג מיט וויינטרויבען און פרוכט אין יעדען סעזאן פון יאהר, און אנפאנג פריהלינג פערפלייצט ער זי מיט שמעקעדיגע בלומען. אבער ער זארגט זיך ניט נאר פאר לוקסוס־זאכען. די

---

* „מאנועל פראטעק דע קולטיר מארעשער" פון קורטוא־זשעראר, 4טע אויפלאגע, 1868.

קולטיווירונג אויף א גרויסען מאסשטאב פון איינפאכע גרינסען פערשפרייט זיך אלץ מעהר מיט יעדען יאהר. און די רעזולטאטען זיינען אזוי גוט, אז עס זיינען איצט פאראן פראקטישע „מארע־שערס“, וועלכע וואגען צו מאכען די בעהויפטונג, אז אויב מען וואלט געדארפט ארויסבעקומען אלע נאהרונגס־מיטלען, אנימאלע און פלאנצען־שפייזען, פאר די 4½ מיליאן איינוואוינער פון די סעינע און סעינע־עט־אוא בעצירקען אויף זייער איינענער טעריטאריע, וואלטען זיי עס ארויסגעקראגען ניט אננעהמענדיג קיינע אנדערע מעטאדען פון קולטיווירונג ווי די וואס זיינען שוין איצטער אין געברויך — מעטאדען וואס זיינען שוין פרובירט געווארען אויף א גרויסען מאסשטאב און האבען בעוויזען אז זיי זיינען ערפאלגרייך.

און דאך איז דער פאריזער גערטנער נאך ניט אונזער אידעאל, פון דעם וואס אן אגריקולטוריסט דארף זיין. אין דער פיינליכער ארבייט פון ציוויליזאציע האט ער אונז געוויזען דעם וועג וואו צו געהן; אבער דער אידעאל פון דער מאדערנער ציוויליזאציע ליעגט אנדערסוואו. ער הארעוועט פון דריי בעגינען, מיט בלויז א קורצען איבעררייס, ביז שפעט אין דער נאכט. ער ווייס ניט פון קיין רוה; ער האט קיין צייט ניט צו לעבען ווי א מענש; געמיינשאפטליכע אינטערעסען עקזיסטירען ניט פאר איהם; זיין וועלט איז זיין גארטען, ער איז ביי איהם טהייערער איידער זיין פאמיליע. ער קען ניט זיין אונזער אידעאל; ניט ער און ניט זיין סיסטעם פון אגריקולטור. אונזער אמביציע איז, ער זאל פראדוצירען נאך מעהר וויפיעל ער פראדוצירט איצט מיט ווייניגער מיה, און זאל געניסען אלע פריידען פון א מענשליכען לעבען. און דאס איז פאלשטענדיג מעגליך.

דער אמת איז, ווען מיר לאזען אויס יענע גערטנער, וואס קולטיווירען דערהויפט די אזוי גערופענע „פרימעורס“ — צייטיגע פאזעמקעס אין יאנואר א. ד. ג. — ווען מיר נעהמען בלויז אין בעטראכט די וואס לאזען וואקסען זייערע פלאנצונגען אויפ׳ן פרייען פעלד און מאכען נוצען פון קאסטענס נאר פאר די ערשטע טעג פונ׳ם לעבען פון דער פלאנץ, איז ווען מיר אנאליזירען זייער סיסטעם, געפינען מיר, אז דער עצם דערפון איז ערשטענס, שאפען פאר דער

פלאנץ א נאהרהאפטען און לעבעריגען באָדען, וועלכער ענטהאלט אי די נויטיגע צעפוילטע אָרגאנישע שטאָפען, אי די אונאָרגאנישע צונויפזאצען; און צווייטענס, האלטען דעם דאָזיגען באָדען און די ארומיגע אטמאָספערע אין א העכערען גראד טעמפעראטור און פייכטקייט, איידער די פרייע לופט. אין אָט די עטליכע ווערטער קען מען צוזאמענפאסען דעם גאנצען סיסטעם. ווען דער פראנצויזישער „מארעשער" פערוועגדט מאסען ארבייט, אינטעליגענץ און פאָר־שטעלונגס־קראפט אויף צו קאָמבינירען פערשיידענע סאָרטען מיסט, כדי זיי זאָלען גערן מיט א געוויסער שנעלקייט, האָט ער דערביי קיין אנדער צוועק ניט אחוץ דעם פריהער־דערמאָנטען: א נאהרהאפטען באָדען און א געוויסע גלייכמעסיגע טעמפעראטור און פייכטקייט פון דער לופט און פון דעם באָדען. זיין גאנצע פראקטישע קונסט ווערט פערוועגדט פועל צו זיין אָט דיביידע צוועקען. אָט די ביידע זאכען קענען אָבער אויך פערווירקליכט ווערען אויף אַן אנדער און פיעל גרינגערען אופן. דער באָדען קען פ ע ר ב ע ס ע ר ט ווערען מיט'ן האנד, אָבער ער דארף ניט ג ע מ א כ ט ווערען מיט'ן האנד. יעדער באָדען, פון וועלכער קאָמפּאָזיציע מען וויל, קען געמאכט ווערען מיט מאשינעריע. מיר האָבען שוין פאבריקען, וואָס מאכען מיסט, מיט מאשינען צו פולווערייזירען די פאָספאָר־זאלצען און אפילו די גראניטען פון די פאָסגען, און אזוי שנעל ווי עס וועט זיין א פאָדע־רונג פאר דעם, וועלען מיר אויך האָבען פאבריקען פון ערד.

עס פערשטעהט זיך, אז איצטער, ווען אין דער פאבריקאציע פון געמאכטען מיסט, קומט פאָר אזוי פיעל בעטרוג און פעלשונג, און די מיסט־פאבריקאציע ווערט בעטראכט אלס א כעמישער פראָצעס, אָנשטאָט וואָס עס דארף בעטראכט ווערען ווי א פיזיאָלאָגישער פראָצעס, ציהט דער גערטנער פאָר בעסער צו פערשווענדען אַן אונבעשרייבליכע מאסע ארבייט, איידער צו ריזיקירען מיט זיין גערעטעניש, געברויכענדיג א כעמישען פרעפאראט, וואָס רופט זיך מיט א הויך־קלינגענדען נאָמען אָבער איז גאָרנישט ניט ווערטה. דאָס איז אָבער א סאָציאלע הינדערניש, וואָס הענגט אָב פון אונווי־סענהייט און א שלעכטער סאָציאלער אָרגאניזאציע, ניט פון פיזישע אורזאכען.*

* דאָס דאָזיגע הינדערניש איז שוין טיילווייז אָבגעשאפט אין

גאַנץ געוויס וועט די נויט צו שאַפען אַ וואַרעמען באָדען
און אַטמאָספערע פאַר דעם אָנהויב־לעבען פון דער פלאַנץ אימער
בלייבען; און לעצטנס דע לאַווערן האָט שוין 60 יאָהר צוריק פאָר־
אויסגעזאָגט, אַז דער נעקסטער טריט אין לאַנד־קולטור וועט זיין
צו וואַרעמען דעם באָדען. הייסע רעהרען גיבען אָבער דיזעלבע
רעזולטאַטען ווי די פערמענטירענדע מיסטען, מיט אַ סך וועניגער
פערשווענדונג פון מענשליכער אַרבייט. און אָט דער סיסטעם
ווערט שוין אָנגעווענדעט אויף אַ גרויסען מאָסשטאַב, ווי מיר וועלען
עס זעהן אין דעם נעקסטען קאַפּיטעל. דורך איהם ווערען די פּראָ־
דוקטיווע קרעפטען פון אַ געוויסען שטח פערגרעסערט מעהר ווי
אויף אַ הונדערט מאָל.

עס איז קלאָר ,אַז איצטער בעת דער קאַפּיטאַליסטישער
סיסטעם צווינגט אונז צו צאָהלען פאַר יעדער זאַך דריי אָדער פיער
מאָל אַזוי פיעל ווי עס דאַרף קאָסטען לויט דעם אַרבייטס־ווערטה,
מוזען מיר אויסגעבען אַרום 1 פונט פאַר יעדען קוואַדראַט אייל
פון אַ געוואַרעמטען פלאַנץ־הויז. אָבער וויפיעל צווישענהענדלער
מאַכען פערמעגענס פון די האָלץ־ראַהמען, וואָס ווערען אימפּאָר־
טירט פון דראַנטהיים? ווען מיר וואָלטען נאָר געקענט רעכענען
אונזערע אויסגאַבען אין אַרבייט, וואָלטען מיר איבערראַשט געוואָ־
רען אויסגעפינענדיג, אַז אַ דאַנק דעם געברויך פון מאַשינעריע,

פראַנקרייך און בעלגיען דורך די עפענטליכע לאַבאָראַטאָריען, וואו עס
ווערען געמאַכט פרייע אַנאַליזען פון זריעות און מיסט. די פעלשונגען,
וואָס די דאָזיגע לאַבאָראַטאָריען האָבען אויפגעדעקט, שטייגען אַריבער
יעדע פאָרשטעלונג. מיסטען, וועלכע ענטהאַלטען בלויז אַ פינפטען טייל
פון די נאַהרהאַפטע שטאָפען וויפיעל זיי האָבען אָנגעגעבען, פלעגען פאָר־
קומען אַלס אַ גאַנץ געוועהנליכע זאַך; און ניט זעלטען פלעגען אויך צו־
געשטעלט ווערען פון פירמעס מיט גאַנץ אָנשטענדיגע רעפּוטאַציעס אַזוינע
מיסטען, וואָס האָבען ענטהאַלטען שעדליכע שטאָפען און לגמרי גאָר קיין
נאַהרהאַפטע טיילען ניט. מיט זריעות שטעהט די זאַך נאָך אפילו ערגער.
דורך דער לאַבאָראַטאָריע אין גענט זיינען דורכגעגאַנגען פּראָבען פון גראָז־
זריעה, וועלכע האָבען ענטהאַלטן 20% שעדליכע גראָזען, אָדער 20% זאַמד־
קערנער, צוגעפאַרבט אַזוי אַז דער קונה זאָל ניט זעהן דעם חלוק, אָדער
זאָגאָר 10% טוידטליך־גיפטיגע גראָזען.

קאסט א קוואדראט־אייל פון א פלאנץ־הויז נישט מעהר ווי א האלבען טאג מענשליכע ארבייט; און מיר וועלען גלייך זעהן, אז דער דורכשניט אין דזשערסי און גערנסי, וואס פאדערט זיך צו קולטיווירען אן אקער אונטער גלאז, איז נאר 3 מענשען, ארביי־טענדיג צעהן שטונדען א טאג. דאס פלאנץ־הויז, וואס איז פריהער געווען א לוקסוס־זאך, טרעט שוין דעריבער אריין אין דעם געביט פון אינטענסיווער קולטור. און מיר קענען פאראויסזעהן די צייט, ווען דאס גלאז־בעדעקטע פלאנץ־הויז וועט בעטראכט ווערען ווי א נויטיגער אנהאנג צום פעלד, סיי פאר דעם וואקסען פון אזוינע פרוכטען און גרינסען, וועלכע קענען ניט געדייהען אין דער פרייער לופט, סיי פאר דער ערשטער ערציהונג פון די מעהרסטע קולטי־ווירטע פלאנצען אויף די פריהע שטופען פון זייער לעבען.

היימיש־געוואקסענע פרוכט איז אלעמאל בעסער איידער די האלב־צייטיגע פרי, וואס ווערט אימפארטירט פון אויסלאנד; און די עקסטרא ארבייט, וואס פאדערט זיך אויסצוהאלטען א יונגע פלאנץ אונטער גלאז, בעצאהלט זיך אין א גרויסען טייל דורך דער אונפערגלייכליך־בעסערע קוואליטעט פון דעם פראדוקט. אגב וועגען דער פראגע פון ארבייט: ווען מיר טראכטען איבער מכח דער אונ־גלויבליכער מאסע ארבייט, וואס איז פערשווענדעט געווארען אויפ'ן רהיין און אין דער שווייץ צו בויען די וויינגערטנער מיט זייערע טעראסען און שטיינערנע ווענט, און ארויפטראגען די צוגעריכטע ערד אויף די שטייניגע פעלזען, ווי אויך די סומע ארבייט, וואס ווערט פערווענדעט יעדען יאהר צו קולטיווירען די דאזיגע וויינ־גערטנער און פרוכט סעדער — זיינען מיר גענויגט צו פרעגען: וואס, נאך אלעם דעם, פאדערט וועניגער מענשליכע ארבייט, א וויינטרויב־הויז (איך מיין א קאלט הויז) אין א לאנדאנער פאר־שטעדטעל, אדער א וויינגארטען אויפ'ן רהיין, צי אויף דער אזערע לעמאן? און ווען מיר פערגלייכען די פרייזען וואס עס קריגט דער קולטיווירער פון וויינטרויבען ארום לאנדאן (איך מיין ניט די פרייזען, וואס מען צאהלט אין די וועסט ענד פרוכט־קראמען, נאר וואס דער קולטיווירער קריגט פאר זיינע וויינטרויבען אין סעפ־טעמבער און אקטאבער), מיט די פרייזען וואס מען צאהלט גע־וועהנליך אין דער שווייץ און אויפ'ן רהיין אין דיזעלבינע מאנא־טען, זיינען מיר גענויגט צו בעהויפטען, אז אין ערגעץ ניט אין

איירֶאפּא ווייטער ווי דעם 45טען ברייט־גראַד, ווערען טרויבען ניט קולטיווירט מיט ווניגער פערשווענדונג פון מענשליכער ארבייט, סיי אויף קאַפּיטאַל־אויסלעג, סיי אין יעהרליכע ארבייט, ווי אין די וויינטרויבען־הייזער פון די לאָנדאָנער און בריסעלער פאָרשטעדט.

אַלענפאַלס לאָמיר ניט איבערשאַצען די פּראָדוקטיוויטעט פון די עקספּאָרטירענדע לענדער, און לאָמיר געדענקען, אַז די וויין־גאָרטען־בויער פון דרום־איירֶאפּא טרינקען אליין אַן עקעלהאַפטע משקה וואָס הייסט פּיקעטט; אַז מאַרסעיל מאַכט וויין פאַר'ן היימישען געברויך פון געטריקענטע ראָזינקעס, וואָס מען ברייננגט פון אזיע; און אַז דער נאָרמאַנדישער פּויער, וואָס שיקט זיינע עפּעל צו פערקויפען אין לאָנדאָן, טרינקט אליין אמת'ע עפּעל־וויין נאָר אַמאָל אין אַ גרויסען יום־טוב. אַזאַ צושטאַנד וועט אייביג ניט אָנהאַלטען, און עס איז שוין ניט וויט דער טאָג, ווען מיר וועלען זיין געצוואונגען צו נעהמען זיך פאַר אונזערע אייגענע קוועלען, כדי צו בעזאָרגען אַ סך פון די זאַכען, וואָס מיר אימפּאָר־טירען איצטער. און עס וועט אונז ח"ו ניט זיין ערגער צוליעב דעם. די הילף־קוועלען פון דער וויסענשאַפט, סיי אין פּרט פון פערגרער־סערען דעם קרייז פון אונזער פּראָדוקציאָן, סיי אין פּרט פון נייע ענטדעקונגען, זיינען אונערשעפּליך. און יעדער נייער צווייג פון טהעטיגקייט רופט ארויס אין לעבען אַלץ מעהר און מעהר נייע צווייגען, וועלכע פערגרעסערען שטענדיג דעם מענשענ'ס מאַכט איבער די קרעפטען פון דער נאַטור.

ווען מיר נעהמען אַלעס אין אָנבעטראַכט; ווען מיר שטעלען זיך פאַר דעם פּאָרטשריט, וואָס איז די לעצטע צייט געמאַכט גע־וואָרען אין גאָרטען־קולטיווירונג, און די טענדענץ וואָס פיהרט אָנצוואווענדען דיזעלביגע מעטאָדען אויך אויף די אָפענע פעלדער; ווען מיר גיבען אַכטונג אויף די אַגריקולטורעלע עקספּערימענטען וואָס ווערען איצטער געמאַכט — היינטיגע עקספּערימענטען זיינען מאָרגעדיגע ווירקליכקייטען — און פערטראַכטען זיך וועגען די קוועלען, וואָס די וויסענשאַפט האַלט נאָך אָנגעגרייט פאַר אונז, דאַן מוזען מיר זאָגען, אַז עס איז לחלוטין אונמעג־ליך פאָראויסצוזעהן ביי דעם איצטיגען מאָמענט די גרעניצען צו דער העכסטער צאָהל מענשען, וואָס וועלען קענען צי־

הען זייערע לעבענסמיטלען פון א בעשטימטען שטח לאנד, אדער צו דער פראדוקטענפערשיידענהייט, וואס זיי וועלען קענען מיט נוצען קולטיווירען אין וועלכען עס איז ברייט־גראד פון דער ערד. מיט יעדען טאג ווערען ברייטער די פריהערדיגע גרעניצען און עס עפענען זיך נייע, ברייטע האריזאנטען. אלץ וואס מיר קענען היינטיגען טאג זאגען איז, אז אפילו איצטער קענען 600 מענשען לעבען גאנץ לייכט אויף א קוואדראט מייל; און אז מיט די קולטיווירונגס מעטאדען, וואס ווערען שוין איצט געברויכט אויף א גרויסען מאסשטאב, וואלטען טויזענד מענשען — ניט קיין פוילענצער — לעבענדיג אויף טויזענד אקער לאנד, געקענט לייכט, אהן וועלכער עס איז איבעראַרבייט, בעקומען פון דעם שטח א רייכע נאהרונג פון גרינסען און אנימאלער שפייז, ווי אויך גאר די פלאקס, וואל, זייד און לעדער, וואס זיי האבען נויטיג אויף קליידונג. און וואס איז שייך צו דעם וואס מען וועט קענען בעקומען דורך נאך־פאלקאמענערע מעטאדען — וועלכע זיינען שוין אויך בעקאנט, נאר זיינען נאך ניט פרובירט געווארען אויף א גרויסען מאסשטאב — איז בעסער זיך אבצוהאלטען פון וועלכע עס איז פאראויסזאגונגען: אזוי אונגלויבליך זיינען די נייעסטע אויפטהואונגען פון דער אינטענסיווער קולטור.

מיר זעהען, הייסט עס, אז דער שווינדעל פון איבערבעפעלקערונג האלט ניט אוים אפילו די ערשטע פראבע, ווען מען שטעלט איהם אונטער א גענויע אונטערזוכונג. נאר די קענען בעפאלען ווערען פון א מורא׳דיגען שרעק, ווען זיי זעהען אז די בעפעלקערונג פון ענגלאנד פערגרעסערט זיך אויף איין מענשען אלע טויזענד סעקונדען, וועלכע האלטען יעדען מענשען נאר פאר א פערצעהרער פון די מאטעריעלע רייכטימער פון דער מענשהייט, און פערגעסען אז ער איז אין דערזעלביגער צייט אויך א בייטראגער צו די דאזיגע רייכטימער. מיר אבער, וועלכע זעהען אין יעדען ניי־געבוירענעם קינד א צוקינפטיגען ארבייטער, וועלכער קען פראדוצירען א סך מעהר איידער זיין אייגענעם חלק פון די געמיינשאפטליכע אוצרות — מיר בעגריסען זיין אנקומען.

מיר וויסען, אז א געדיכטע בעפעלקערונג איז א נויטיגער תנאי, וואס גיט דעם מענשען די מעגליכקייט צו פערגרעסערען די

פּראָדוקטיווע קרעפטען פון זיין ארבייט. מיר ווייסען, אז שטארק־פּראָדוקטיווע ארבייט איז אונמעגליך, כל זמן מענשען זיינען צו־שפּרייט אין קליינע צאָהלען איבער ווייטע געביטען און קענען זיך ניט פערייניגען צוזאמען פאר די העכערע ערפאָלגען פון ציוויליזאציע. מיר ווייסען, וואָס פאר א סומע ארבייט עס מוז פערשווענדט ווערען אויפצוקראַצען דעם באָדען מיט א פּרימיטי־ווען אקער, אָדער צו שפּינען און וועבען ביים האנד; און מיר ווייסען אויך וויפיעל וועניגער ארבייט עס קאָסט ארויסצוברייננגען דעמזעלביגען סכום שפּייז און וועבען דיזעלבע טוך־שטאָפען מיט דער הילף פון מאָדערנע מאשינעריע.

מיר זעהען אויך, אז עס איז אונענדליך גרינגער צו מאכען וואַקסען 200 טויזענד פונט שפּייז אויף איין אקער לאנד, איידער צו מאכען דיזעלביגע סומע וואקסען אויף צעהן אקער. עס איז גאנץ שעהן זיך פאָרצושטעלען, אז אויף די רוסישע סטעפּעס וואקסט ווייץ גאָר פון זיך אליין; אָבער די וואָס האָבען געזעהן ווי דער פויער האָרעוועט אין יענעם געגענד פון דעם פרוכטבארען „טשערני זאָם“ (שווארץ־ערד), האָבען נאָר איין וואונש: אז די פערמעהרונג פון דער בעפעלקערונג זאָל מעגליך מאכען דעם גע־ברויך פון דעם דאמפף־אקער און די קולטיווירונג פון גערטנעריי אין די סטעפעס; אז עס זאָל ערלויבען די וואָס זיינען איצטער די לאסט־פיה פון דער מענשהייט, אויסצוגלייכען זייערע רוקענס און ווערען ענדליך מענשען.

מיר מוזען פונדעסטוועגען אנערקענען, אז עס זיינען פאראַן עטליכע עקאָנאָמיסטען, וועלכע זעהען פאָלשטענדיג איין אָט די וואהרהייטען. זיי גיבען גערן צו, אז מערב־אייראָפּא וואָלט גע־קענט מאכען וואקסען א סך מעהר שפּייז ווי איצטער; נאָר זיי זעהען ניט איין די נויטיגקייט און די נוצען דערפון, כל זמן עס זיינען פאראַן פעלקער, וועלכע קענען בעזאָרגען די שפּייז־זאכען, אויסבייטענדיג זיי אויף פאַבריצירטע פּראָדוקטען. לאָמיר דעריבער אונטערזוכען אויף ווי ווייט אָט דער שטאנדפּונקט איז ריכטיג.

עס פערשטעהט זיך, אויב מיר שטעלען זיך צופריעדען מיט דער בלויזער בעהויפּטונג, אז עס איז ביליגער צו ברייננגען ווייץ פון רינגא איידער צו לאָזען עס וואקסען אין לאנקאשייר, איז די גאנצע

פראגע אבגע'פטר'ט אין א מינוט. אבער איז עס אזוי אין דער ווירקליכקייט? איז עס באמת ביליגער צו בעקומען שפייז פון אויסלאנד? און אנגענומען אפילו אז עס איז אזוי, צי זיינען מיר דאך ניט מחויב צו אונטערזוכען וואס דאס איז אזוינס דער פרייז פון א זאך, אנשטאט איהם אנצונעהמען בלינד אלס דעם העכסטען געוועלטיגער איבער אונזערע טהאטען?

מיר ווייסען, צום ביישפיעל, ווי שווער די פראנצויזישע לאנדווירטשאפט איז בעלעסטיגט מיט שטייערן. און דאך, ווען מיר פערגלייכען די פרייזען פון שפייז־ארטיקלען אין פראנקרייך, וועלכע פראדוצירט די מעהרסטע פון זיי אליין, מיט די פרייזען אין ענגלאנד, וועלכע אימפארטירט זיי, געפינען מיר גיט אזא חלוק, וואס זאל זיין צו גונסטען פון דעם לאנד וואס אימפארטירט זיי. אין געגענטייל, דער באלאנס איז גיכער צו גונסטען פון פראנקרייך, און בנוגע ווייץ, איז עס גאנץ ענטשידען אזוי געווען, ביז דער נייער שוץ־טאריף איז איינגעפיהרט געווארען. ווי מען פערלאזט נאר פאריז, געפינט מען גלייך אויס, אז יעדער היימישער פראדוקט איז ביליגער אין פראנקרייך ווי ער איז אין ענגלאנד, און אז וואס ווייטער מען געהט פון ענגלאנד צו מזרח־צו אויפ'ן קאנטינענט, אלץ קלענער ווערען די פרייזען.

נאך א פונקט איז פאראן, וועלכער איז נאך מעהר אונגינסטיג פאר ענגלאנד, און דאס איז, די אונגעהויערע ענטוויקלונג פון דעם קלאס צווישענהענדלער, וועלכער שטעהט צווישען דעם אימפארטער און היימישען פראדוצירער פון איין זייט, און דעם פערברויכער פון דער אנדער זייט. מיר האבען די לעצטע צייט זיך אנגעהערט וועגען דעם ניט־דער־ערך צו גרויסען טייל פון דעם פרייז וואס מיר צאהלען, וועלכער געהט אין דעם צווישענהענדלער'ס קעשענע. מיר האבען אלע געהערט די מעשה וועגען דעם איסט־ענד גלח, וועלכער איז געווארען א קצב, כדי צו בעפרייען זיינע געמיינדע־מיטגליעדער פון דעם בערייסער, דעם צווישענהענדלער. מיר לעזען אין די צייטונגען, אז א סך פארמער פון די מידלאנד קאונטיעס בעקומען ניט מעהר ווי 9 פענס פאר א פונט פוטער, בעת די קונדען צאהלען פון 1 שילינג מיט 6 פענס ביז 1 שילינג מיט 8 פענס א פונט; און אז אלץ וואס די טשעשייר פארמערס קריגען פאר א קווארט מילך איז א פענע און א האלב ביז טופענס, בעת

מיר צאָהלען 4 פּענס פאַר די געפּעלשטע מילך און 5 פּענס פאַר די ניט־געפעלשטע. אַן אונטערזוכונג פון די קאָווענט־גאַרדען פּרייזען אין פערגלייך מיט די ריטייל פּרייזען, וואָס מען געפינט אָפט אין די טעגליכע צייטונגען, בעווייזט אַז דער קונה צאָהלט פאַר גרינסען אין דעם ערך פון 6 פּענס ביז אַ שילינג און אָפטמאָל נאָך מעהר, פאַר יעדער פּעני וואָס דער פאַרמער בעקומט. אָבער אין אַ לאַנד פון אימפּאָרטירטע שפּייזען מוז אזוי זיין: דער פאַרמער וואָס פערקויפט אַליין זיינע אייגענע פּראָדוקטען פערשווינדט פון מארק, און אויף זיין אָרט וואַקסט אויס דער צווישענהענדלער.* ווען מיר נעהמען זיך אָבער צו מזרח־צו און געהען נאָך בעלגיען, דייטש־לאַנד און רוסלאַנד, געפינען מיר אויס, אַז די לעבענסקאָסטען ווערען אַלץ ווייניגער און ווייניגער, ביז מיר זעהען ענדליך, אַז אין רוסלאַנד, וועלכע איז נאָך אַלץ אַן אגריקולטור־לאַנד, קאָסט ווייץ אַ העלפט אָדער צוויי דריטעל פון די לאָנדאָנער פּרייזען, און פלייש ווערט פערקויפט אין אַלע פּראָווינצען מיט אונגעפעהר 10 קאָפּיקעס אַ פונט. מיר מעגען דעריבער האַלטען, אַז עס איז נאָך לגמרי גאָר ניט בעוויזען, אַז עס איז ביליגער צו לעבען אויף אימפּאָר־טירטער שפּייז איידער אַליין צו פּראָדוצירען.

ווען מיר אונטערזוכען אָבער דעם פּרייז און מאַכען אַן אונ־טערשייד צווישען זיינע פערשיידענע עלעמענטען, זעהט זיך דער חסרון אַרויס נאָך קלערער. פערגלייכען מיר צ. ב. ש. די קאָסטען פון פּראָדוצירען ווייץ אין ענגלאַנד און רוסלאַנד, זאָגט מען אונז, אַז אין דער פעראייניגטער מלוכה קען מען ניט פּראָדוצירען אַ צענטנער ווייץ פאַר ווייניגער ווי 8 שילינג מיט 7 פּענס, בעת אין רוסלאַנד שאַצט מען אַז עס קאָסט פון 3 שילינג 6 פּענס ביז 4 שילינג

---

* מיינער אַ פריינד, וואָס האָט געוואוינט אין אַ לאָנדאָנער פאָר־שטעדטעל, פלעגט בעקומען, אין דעם ווינטער פון יאָהר 1890, פּוטער פון בייערן פאַר „פּאַרסעל פּאָסט". עלף פונט פּוטער האָט איהם געקאָסט 10 שילינג, שוין מיט פּאָרטאָ (וואָס האָט בעטראָפען 2 שילינג טופּענס), די געלד־אַנווייזונג האָט איהם געקאָסט 6 פּענס און 2½ פּענס דער בריעף; אינגאַנצען ווייניגער ווי 11 שילינג. אַ סך ערגערע פּוטער (גאָר קיין פער־גלייך ניט) מיט 10 ביז 15 פּראָצענט וואַסער, האָט געקאָסט אין לאָנדאָן אין דער אייגענער צייט 1 שילינג מיט 6 פּענס אַ פונט.

9 פענס.* דער חלוק איז משונה גרויס, און וואלט אלץ געווען צו גרויס אפילו אויב מיר וואלטען צוגעגעבען, אז די ציפער פאר ענגלאנד זיינען איבערטריבען. אבער פון וואנען נעהמט זיך אזא אונטערשייד? קריגען די רוסישע ארבייטער אזוי פיעל ווייניגער בעצאהלט פאר זייער ארבייט? זייער לוין אין געלד איז טאקע גאנץ געוויס א סך א קלענערער, אבער דער חלוק גלייכט זיך אויס ווי נאר מיר רעכענען זייער לוין אין פראדוקטען. די 12 שילינג א וואך פון דעם ענגלישען לאנד־ארבייטער רעפרעזענטירען מיט זיך דיזעלבע סומע ווייץ אין ענגלאנד ווי די 6 שילינג א וואך פון דעם רוסישען לאנדארבייטער רעפרעזענטירען מיט זיך אין רוסלאנד. וואס געהערט דער אנגענומענער וואונדערבארער פרוכטבארקייט פון באדען אין די רוסישע סטעפעס, איז עס אן אבנארעריי. געערע־טענישען פון 16 ביז 23 בושל פער אקער רעכענען זיך אין רוסלאנד פאר גוטע גערעטענישען, און דער דורכשניט גרייכט קוים 13 בושל אפילו אין די תבואה־עקספארטירענדע טיילען פון דער רוסישער אימפעריע. אויסער דעם, די סומע ארבייט, וואס פאדערט זיך צו פראדוצירען ווייץ אין רוסלאנד, וואו דעם אקער שלעפט א שקאפע וואס פערדיענט אסור דעם נאמען פערד, וואו קיין דרעש־מאשינען האבען זיי ניט, קיין וועגען פאר'ן טראנספארט זיינען ניטא, א.

---

* די פאקטען אויף צונויפצורעכענען וואס עס קאסט צו פראדוצי־רען ווייץ אין ענגלאנד זיינען גענומען פון'ם „מארק ליין עקספרעס", און מען קען זיי געפינען לייכט אראנזשירט אין אן ארטיקעל וועגען ווייץ־פראדוקטען אין דעם „קווארטערלי רעוויו" פאר אפריל 1887 און אין וו. ע. ביר'ס בוך „דהי בריטיש פארמער ענד היז קאמפעטיטארס", לאנדאן, 1888. אבוואויל די ציפער זיינען עפעס העכער איידער דער דורכשניט, איז אבער די גערעטעניש, וואס מען האט גענומען פאר די רעכענונגען, אויך געווען העכער פאר'ן דורכשניט. אן עהנליכע אונטערזוכונג איז געמאכט געווארען אויף א גרויסען מאסשטאב פון די רוסישע זעמסטוועס, און דאס גאנצע איז רעזומירט אין א גרויסען ארטיקעל אין „וועסטניק פראמיש־לענאסטי" נומער 49, 1887. אויף צו פערגלייכען קאפיקעס מיט פענס האב איך גענומען דעם רובל אין 63% פון זיין נאמינעלען ווערטה: דאס איז געווען זיין דורכשניט קוראנט אין יאהר 1886. איך האב גענומען 475 ענגלישע פונט פאר א פערטיל ווייץ.

אז. וו., איז געוויס אַ סך גרעסער איידער די סומע ארבייט, וואָס פּאָדערט זיך צו פּראָדוצירען דיזעלבע סומע ווייץ אין מערב־אייראָפּאַ.

ווען עס איז געבראַכט געוואָרען אויפ׳ן לאָנדאָנער מארק, האָט זיך דער רוסישער ווייץ פערקויפט אין יאָהר 1887 מיט 31 שילינג דער פערטעל, בעת לויט די ציפער פון דעמזעלביגען „מארק ליין עקספּרעס“ איז אויסגעקומען, אז אין ענגלאַנד האָט מען ניט געקענט פּראָדוצירען אַ פערטעל ווייץ פאַר ווענינגער ווי 36 שילינג מיט 8 פּענס, אפילו ווען מען זאָל שוין אויך פערקויפען די שטרוי, וואָס ניט אַלע מאָל קען מען דאָס. דער אונטערשייד אָבער פון דער גרונד־רענטע אין ביידע לענדער קען שוין אליין דערקלערען דעם אונטערשייד אין די פּרייזען. אין דעם ווייץ־פּאַס פון רוסלאַנד, וואו די דורכשניט־רענטע איז געשטאַנען ארום אַן ערך פון 12 שילינג פּער אַקער, און די גערעטעניש אין געווען פון 15 ביז 20 בושעל, האָט די רענטע בעטראָפען פון 3 שילינג 6 פּענס ביז 5 שילינג 8 פּענס אין די פּראָדוקציאָנס־קאָסטען פון יעדען פערטעל רוסישען ווייץ; בעת אין ענגלאַנד, וואו די רענטע און שטייערן ווערען געשאַצט (אין די „מארק ליין עקספּרעס“ ציפער) ניט ווייניגער ווי 40 שילינג פּער ווייץ־אַקער און די גערעטעניש רעכענט זיך 30 בושעל, בעטרעפט די רענטע 10 שילינג פון די פּראָדוקציאָנס־קאָסטען פון יעדען פערטעל.* אָבער אפילו ווען מיר רעכענען נאָר 30 שילינג רענטע און שטייערן פּער אַקער, און אַ דורכשניט גערעטעניש פון 28 בושעל, האָבען מיר נאָך אַלץ אַ חשבון פון 8 שילינג 8 פּענס פון דעם פערקויפס־פּרייז פון יעדען פערטעל ווייץ, וואָס געהט פאַר דעם לענדלאָרד און דעם שטאַאַט. אויב דאָ אין ענגלאַנד קאָסט אַזויפיעל מעהר אין געלד צו פּראָדוצירען ווייץ, בעת די סומע ארבייט איז דאָ אַזויפיעל ווענינגער איידער אין רוסלאַנד, קומט עס פון דער זעהר הויכער רענטע, וואָס איז אויסגעוואַקסען

---

* די רענטע איז זינט דעם יאָהר 1887 געפאַלען, אָבער דער פּרייז פון ווייץ איז אַרונטערגעקומען. מען מוז ניט פערגעסען אַז חיות ווי פאַר ווייץ־וואַקסען קלייבט מען אויס די בעסטע פעלדער, דאַרף מען רעכענען די רענטע פון יעדען אַקער, אויף וועלכען מען זעעט ווייץ, העכער איידער די דורכשניט־רענטע פּער אַקער אויף אַ פאַרם פון 2 ביז 3 הונדערט אַקער.

אין משך פון די יאָהרען 1880—1860. אָבער אָט דער וואוקס גופא
איז געקומען פון דעם, וואָס עס זיינען אויסגעוואַקסען מעגליכקיי־
טען צו מאַכען גרויסע פּראָפיטען פון דעם פערקויף פון פאַבּרי־
צירטע אַרטיקלען אין אויסלאַנד. די פאַלשע לאַגע פון דער ברי־
טישער לאַנדווירטשאַפט, ניט די אונפרוכטבאַרקייט פון דעם
באָדען, איז בכן די הויפּט אורזאַך פון דער רוסישער קאָנקורענץ.

פינף־און־צוואַנציג יאָהר זיינען אַוועקגעגאַנגען זינט איך האָב
געשריבען אָט די שורות — דער לאַנדווירטשאַפטליכער קריזיס,
וואָס איז אַרויסגערופען געוואָרען דורך דער קאָנקורענץ פון די
ביליגע אַמעריקאַנער ווייץ, האָט דאַמאָלסט געגרייכט זיין העכסטע
שטופע — און עס טהוט מיר לייד צו זאָגען, אַז איך מוז לאָזען
אָט די שורות אַזוי ווי זיי זיינען דאַן געשריבען געוואָרען. עס
פערשטעהט זיך, איך מיין ניט צו זאָגען דערמיט, אַז עס זאָל גאָר
ניט האָבען פאָרגעקומען קיין צופּאַסען זיך צו די נייע אומשטענדען,
וואָס זיינען געשאַפען געוואָרען דורך דעם געפאַלענעם פּרייז פון
ווייץ אין פערלויף פון לעצטען פערטיל הונדערט יאָהר, אין דעם
זין פון אַ מעהר אינטענסיווער קולטור און אַ בעסערער אויסנוצונג
פון דעם לאַנד. אדרבא, איך דערמאָן אין פערשיידענע טיילען פון
דעם בוך דעם פּאָרטשריט, וואָס איז געמאַכט געוואָרען די לעצטע
צייט אין דער ענטוויקלונג פון בעזונדערע צווייגען פון דער אינ־
טענסיווער קולטור, דהיינו אין פרוכט־קולטיווירונג, האַנדעלס־
גערטנעריי, קולטיווירונג אונטער גלאָז, פראַנצויזישע גערטנעריי און
עופות־פאַרמעריי. איך צייג אויך אָן די פערשיידענע טריט, וואָס
זיינען געמאַכט געוואָרען איינצופיהרען ווייטערע פערבעסערונגען,
ווי בעסערע טראַנספּאָרט־אומשטענדען, קאָאָפּעראַציע צווישען די
פאַרמערס, און דערהויפּט די ענטוויקלונג פון קליינע לאַנדווירט־
שאַפטען.

אָבער אַפילו אַריינגעהמענדיג אין חשבון אָט די אַלע פערבע־
סערונגען, מוז מען דאָך נאָך איינזעהן מיט פערדרוס, אַז דיזעלביגע
ריקווערטס־בעוועגונג אין דער בריטישער אַגריקולטור, וואָס האָט
זיך אָנגעפאַנגען אין די זיעבעציגער יאָהרען, געהט נאָך אַלץ אָן;
און בעת דאָס לאַנד, וואָס איז אַמאָל געוועזען אונטער'ן אַקער, הערט
אַלץ מעהר און מעהר אויף בעאַרבייט צו ווערען, זעהט זיך ניט אָן
קיין ענטשפּרעכענדע פערגרעסערונג אין דער צאָהל געהאַלטענע

בהמות. ווען מיר לייענען די מאסען ביכער און זשורנאל־ארטיקלען, וואס האבען די לעצטע צייט זיך בעשעפטיגט מיט דעם געגענשטאנד, זעהען מיר, אז אלע שרייבער געפינען איין, אז די בריטישע אגריקולטור מוז זיך צופאסען צו די נייע אומשטענדען, גרינדליך רעפארמירענדיג איהר אלגעמיינעם כאראקטער; און דאך זאגען דיזעלבע שרייבער אליין, אז ביז איצטער זיינען גאר ווענינ טריט געמאכט געווארען אין דער געהעריגער ריכטונג, און קיין איינציגער טריט איז ניט געמאכט געווארען מיט גענוג ענערגיע. די געזעלשאפט אין אלגעמיין פערהאלט זיך גלייכגילטיג צו די נויטען פון דער בריטישער אגריקולטור.

מען דארף ניט פערגעסען, אז די קאנקורענץ פון אמעריקאנער ווייץ האט אנגעמאכט דעמזעלבען חורבן אין דער אגריקולטור פון די מעהרסטע אייראפעאישע לענדער — דערהויפט אין פראנקרייך און בעלגיען. אבער אין אט די צוויי לענדער זיינען שוין אין א גרויסען ערך איינגעפיהרט געווארען די צופאסונגען, וועלכע זיינען נויטיג געוועזען צו קעמפפען אנטקעגען די פאלגען פון דער דאזיגער קאנקורענץ. אי אין פראנקרייך, אי אין בעלגיען האבען די אמעריקאנער אימפארטען געגעבען א נייעם שטויס זיך צו נעהמען פאר א מעהר אינטענסיווער־בענוצונג פון באדען — אמשטארקסטען איז דער שטויס געווען אין בעלגיען, וואו מען האט גארנישט פרובירט צו בעשיצען די אגריקולטור דורך א פערגרעסערונג פון די טאריף־אבצאהלונגען, ווי זיי האבען עס געטהאן אין פראנקרייך. פערקעהרט, די אבצאהלונגען אויף אימפארטירטען ווייץ זיינען אבגעשאפט געווארען אין בעלגיען אקוראט אין דער צייט, ווען די אמעריקאנער קאנקורענץ האט אנגעהויבען זיך צו לאזען פיהלען — צווישען די יאהרען 1870 און 1880.

ניט נאר אין ענגלאנד האבען די פארמערס גענומען שטארק פיהלען דעם געפאלענעם פרייז פון ווייץ. אין פראנקרייך איז דער העקטאליטער (גענויע 3 בושל) ווייץ, וואס האט זיך פערקויפט מיט 18 שילינג 10 פענס אין 1871—1875, געפאלען ביז 15 שילינג 5 פענס אין 1881—1885 און ביז 12 שילינג 6 פענס אין 1893; און דאס אייגענע האט געמוזט זיין אין בעלגיען, דערהויפט נאך וויל עס זיינען אבגעשאפט געווארען די שוץ־אבצאהלונגען. אבער אט איז וואס מר. סעעבאהם ראונטרי זאגט וועגען דער ווירקונג פון די

פּרייזען, אין זיין אויסגעצייכענטען בוך וועגען לאַנד און אַרבייט אין בעלגיען: —

„אַ געוויסע צייט האָט דער בעלגישער אַגריקולטוריסט שטאַרק געפיהלט דעם קלאַפּ; ער האָט זיך אָבער ביסלעכוויין צוגעפּאַסט צו די אומשטענדען. זיין קולטיווירונג איז געוואָרען מעהר אינטענסיוו; ער האָט איינגעפיהרט אַלץ מעהר און מעהר קאָאָפּעראַציע אין פערשיידענע ריכטונגען, און האָט זיך אָבגעגעבען מיט נייע צווייגען פון אַגריקולטור, דערהויפּט מיט האָדעווען פיה און קולטיווירען גאָרטען פּראָדוקטען. ער האָט אָנגעהויבען איינזעהן די וויכטיגקייט פון געמאַכטע מיסטען און בכלל, אַז די וויסענשאַפט קען איהם העלפען.“ לאַנד ענד לייבאָר, ז. 147.

די ענדערונג אין דעם אַלגעמיינעם אויסזעהן פון דער בעלגישער אַגריקולטור, ווי עס ווייזט זיך ארויס פון די אָפיציעלע סטאַטיסטישע אָנגאַבען, בעשטעטיגען איינגאַנצען מר. ראָונטרי'ס ווערטער. דאָס אייגענע מוז מען אויך זאָגען וועגען פראַנקרייך. די פריהער־דערמאָנטע געפאַלענע פּרייזען האָבען געטריבען די אַגריקולטוריסטען צו פערשטאַרקען זייערע מעטאָדען פון קולטיווירונג. איך האָב שוין דערמאָנט, אַז אין די לעצטע צוואַנציג יאָהר האָט זיך שנעל פערשפּרייט דער געברויך פון אַגריקולטור־מאַשינעריע ביי די פראַנצויזישע פּויערים; און איך מוז אויך דערמאָנען דעם מערקווירדיגען וואוקס אין די סומען פון כעמישע מיסטען, וואָס זיי געברויכען; די פּלוצלונגדיגע ענטוויקלונג פון אַגריקולטורעלע סינדיקאַטען, זינט דעם יאָהר 1884; די פערשפּרייטונג פון קאָאָפּעראַטיווען; די נייע אָרגאַניזירונג פון דעם טראַנספּאָרט, מיט קאַלטע אָדער הייסע וואַגאָנעס, צו עקספּאָרטירען פּרוכטען און בלומען; די ענטוויקלונג פון ספּעציעל געוויקסען־קולטור פאַר דער אינדוסטריע; און נאָך מעהר, די אונגעהויערע ענטוויקלונג פון גערטנערייי אין דרום־פראַנקרייך און פון האַנדעלס־גערטנערייי אין צפון. אָט די אַלע צופּאַסונגען זיינען איינגעפיהרט געוואָרען אויף אַזאַ גרויסען מאָסשטאַב, אַז מען מוז איינזעהן אין דעם די ווירקונג פון דעם קריזיס, וועלכער האָט געגעבען דער פראַנצויזישער אַגריקולטור בכלל גאָר אַ נייעם אויסזעהן.

בנוגע דער אַמעריקאַנער קאָנקורענץ איז נאָך דאָ אַ סך מעהר וואָס צו זאָגען, און איך מוז דעריבער אָבשיקען דעם לעזער צו

דער מערקווירדיגער סעריע ארטיקלען, וואָס בעהאנדלען דעם גאַנ־צען ענין, וועלכע שעפפלע האָט אין 1886 פערעפענטליכט אין דער „צייטשריפט פיר די געזאמטע שטאאטסוויסענשאפט“, און צו דעם בעסט־בעאַרבייטען ארטיקעל וועגען די קאָסטען פון פּראָדוצירען ווייץ איבער דער גאַנצער וועלט, וואָס איז ערשיענען אין אפּריל, 1887, אין דעם „קוואַרטערלי רעוויו“. די דאָזיגע ארטיקלען זיינען געשריבען געוואָרען אין דער צייט, ווען די אמעריקאנער קאָנקור־רענץ איז נאָך געווען א נייעס און האָט אָנגעמאַכט אזא חורבן אין דער ענגלישער אגריקולטור, אז די רענטע פון לאַנד פאַר אגרי־קולטור־צוועקען איז געפאַלען פון 30 ביז 50 פּראָצענט. אָבער די אויספיהרען פון די דאָזיגע צוויי שרייבער זיינען אינגאַנצען בע־שטעטיגט געוואָרען דורך די יעהרליכע בעריכטען פון דעם אמע־ריקאנער „באָארד אָוו אגריקולטור“, און וואָס שעפפלע האָט פאַר־אויסגעזעהן איז אויך בעשטעטיגט געוואָרען דורך די שפּעטיגערע בעריכטען פון מר. דזש. ר. דאָדזש. פון די דאָזיגע ווערק האָט מען ארויסגעזעהן, אז די פּרוכטבארקייט פון אמעריקאנער באָדען איז שטאַרק איבערטריבען געוואָרען, דען די מאַסען ווייץ, וואָס אמע־ריקא האָט געשיקט קיין איירָאָפּאַ פון איהרע פאַרמס אין צפון־מערב זיינען געוואַקסען אויף א באָדען, וועלכער איז בטבע ניט געווען מעהר פרוכטבאַר, נאָר אָפט אפילו ווייניגער פרוכטבאַר איידער דער דורכשניט פון דעם ניט־בעמיסטיגטען איירָאָפּעאישען באָדען. די קאָססעלטאָן־פאַרם אין דאַקאָטא, מיט איהרע 20 בושעל פער אקער, איז געווען אן אויסנאַהם, בעת דאָס דורכשניט־ערגעטניש פון די הויפּט ווייץ־וואַקסענדע שטאאַטען אין מערב איז בלויז געווען פון 11 ביז 12 בושעל. וויל מען געפינען א פרוכטבארען באָדען אין אמעריקא, און גערעטעניש פון 30 ביז 40 בושעל, מוז מען געהן אין די אַלטע מזרח־שטאאַטען, וואו דער באָדען ווערט געמאַכט פון מענשליכע הענד.*

* ל. ד. לאָווערן האָט אָנגעוויזען נאָך מיט 50 יאָהר צוריק, אז די שטאַאַטען זיינען דאמאַלסט געווען די הויפּט אימפּאָרטירער פון גואַנאָ (די מיסט פון ים־פויגלען, וואָס קומען פון פּערו.) אין יאָהר 1854 האָבען זיי שוין אימפּאָרטירט אַט די נאַטירליכע מיסט כמעט אזויפיעל ווי ענגלאַנד, און זיי האָבען אויסערדעם געהאַט 62 פאַבריקען פון קינסטליכע

דאס אייגענע קען מען זאגען וועגען די טראנספארטען פון אמעריקאנער פלייש. שעפפלע האט אנגעוויזען, אז די גרויסע מאסע פיה, וואס ווערט דערמאנט אין דעם צענזוס פון בהמות אין די פעראייניגטע שטאאטען, זיינען ניט אויסגעהאדעוועט געווארען אין די פרעירים, נאר אין די שטאהלען פון די פארמערס, אויפ'ן זעלבען אופן ווי אין איירָאפא. אין די דאזיגע פרעירים האט ער געפונען בלויז איין עלפטען טייל פון די אמעריקאנער בהמות, איין פינפטעל פון די שעפסען און אן איין־און־צוואנציג־סטעל פון די שוויינען.* אזוי ווי וועגען א נאטירליכער פרוכטבאר־קייט" איז ניטא וואס צו רעדען, מוזען מיר זוכען די געזעלשאפט־ליכע אורזאכען, און מיר געפינען זיי, פאר די מערב־שטאאטען, אין דער ביליגקייט פון לאנד און אין דער געהעריגער ארגאניזירונג פון דער פראדוקציאן, און פאר די מזרח־שטאאטען — אין דעם שנעלען פארטשריט פון דער אינטענסיווער לאנדווירטשאפט.

עס פערשטעהט זיך, אז די קולטור־מעטאדען מוזען זיך אונ־טערשיידען לויט די פערשיידענע אומשטענדען. אין די ברייטע פרעירים פון צפון־אמעריקא, וואו מען האט געקענט קויפען לאנד פאר 8 ביז 40 שילינג דעם אקער, און וואו מען האט געקענט אבגעבען גאנצע שטרעקען פון 100 ביז 150 קוואדראט מייל פאר דער קולטיווירונג פון ווייץ, זיינען אנגעווענדט געווארען בעזונדערע מעטאדען פון קולטיווירונג, און די רעזולטאטען זיינען געווען גלענצענדע. דאס לאנד האט מען געקויפט — ניט געדונגען. אין הערבסט האט מען צונויפגעבראכט גאנצע טאבונעס פערד, און מען האט געאקערט און געזעעט מיט ריעזען־אקערן און זעע־מאשינען. דאן האט מען די פערד אוועקגעטריבען זיך פיטערן

גואנא, וועלכע האבען פראדוצירט 16 מאל אזויפיעל וויפיעל זיי האבען אימפארטירט. זעה אויך ראנא'ס „אגריקולטור אין די פערא. שטאאטען" (פראנצ.), 1881; לעקוטא, „לע בלע"; דזש. ר. דאדזש „יעהרליכען בעריכט פון אמעריקאנער העפארטמענט פון אגריקולטור" (ענגליש) פאר די יאהרען 1885 און 1886. שעפפלע'ס ווערק איז אויך רעזומירט געווארען אין שמאלער'ס „יאהרבוך".

* זעה אויך דזש. ר. דאדזש „פארם ענד פעקטארי", ניו יארק, 1884.

אין די בערג; די מענשען האָט מען אוועקגעשיקט, און אויפ'ן פארם איז נאָר געבליבען איין מענש, אמאָל צוויי אָדער דריי מענשען איבער'ן ווינטער. ווען דער פריהלינג איז אָנגעקומען, האָבען די אַגענטען פון די לאַנד־אייגענטימער זיך אוועקגעלאָזט איבער די שיינקען פון הונדערטע מיילען אַרום און אָנגעדונגען אַרבייטער און טרעמפּס, — וועלכע אייראָפּאַ בעזאָרגט די והותר — פאַר דער גערעטעניש. גאַנצע באַטאַליאָנען מענשען האָט מען אָנגעשלעפּט אין די ווייץ־פעלדער און זיי האָבען דאָרטען געלאָגערט; די פערד האָט מען צוריקגעבראַכט פון די בערג, און אין איינער אָדער צוויי וואָכען האָט מען אָבגעשניטען די תבואה, אויסגעדראָשען, אויסגע־לוסטערט, אָנגעשאָטען אין זעק מיט ספּעציעלע מאַשינען, און אוועקגעשיקט צום נעהנטסטען עלעוואַטאָר, אָדער דירעקט אויף די שיפען, וועלכע האָבען עס אוועקגעשיקט קיין אייראָפּאַ. פאַרטיג געוואָרען, האָט מען די מענשען ווידער משלח געווען, די פערד צוריק אוועקגעטריבען אויף די פיטער־פעלדער אָדער אויספּער־קויפט, און אויפ'ן פארם זיינען ווידער געבליבען נאָר אַ פּאָר מענשען.

די גערעטעניש פון יעדען אַקער איז געווען אַ קליינע, די מאַשינעריע איז געווען אַזוי פערפאָלקאָמט, אַז איין מענשענ'ס 300 טעג אַרבייט האָבען אויף דעם אופן פּראָדוצירט פון 200 ביז 300 פּערטעל ווייץ. מיט אַנדערע ווערטער: יעדער מענש האָט אין איין טאָג — אַזוי ווי דעם שטח פון לאַנד איז ניטאָ וואָס צו רעכע־נען — פּראָדוצירט זיין ברויט־שפּייז פאַר אַ גאַנצען יאָהר (8½ בושל ווייץ). און נעהמענדיג אין בעטראַכט די גאַנצע שפּעטיגערע אַרבייט, איז אויסגערעכענט געוואָרען, אַז די אַרבייט פון 300 מענ־שען אין איין איינציגען טאָג האָט געליפערט די פערברויכער אין שיקאַגאָ גאָר די מעהל, וואָס 250 פּערזאָן דאַרפען האָבען פאַר זייער יעהרליכער שפּייז. עס קומט אויף דעם אופן אויס, אַז אין שיקאַגאָ פאָדערט זיך 12½ שטונדען אַרבייט צו בעזאָרגען איין מענשען מיט זיין יעהרליכען זאַפּאַס פון ווייצען־מעהל.

אונטער די ספּעציעלע אומשטענדען פון ווייטען מערב איז דאָס זיכער געווען אַ פּאַסענדע מעטאָדע ווי צו פערגרעסערען מיט איין מאָל די ווייץ־אוצרות פון דער מענשהייט. די מעטאָדע האָט פערענטפערט די אויפגאַבע בעת עס האָבען זיך געעפענט גרויסע

טעריטאָריעס פון אונבעזועצטען לאַנד פאַר מענשליכער טהעטיג־קייט. אָבער אייביג האָט זי עס ניט געקענט פערענטפערען. אונטער אזא סיסטעם פון בעארבייטונג איז דער באָדען באַלד ערשעפּט געוואָרען, די גערעטעניש איז געפאַלען, און מען האָט באַלד זיך געמוזט נעהמען פאַר אן אינטענסיווער אגריקולטור (וועלכע בעצוועקט ארויסצובעקומען גרויסע גערעטענישען אויף א בעגרענצטען שטח). אזוי האָט פּאַסירט אין אייאָווא אין יאָהר 1878. ביז יענעם יאָהר איז אייאָווא געווען א גרויסער צענטער פון ווייץ־פּראָדוקציאָן לויט דער אָקאָרשט געשילדערטער מעטאָדע. אָבער דער באָדען איז שוין געוואָרען אויסגעשעפּט, און ווען עס איז געקומען א קראַנקהייט, האָבען די ווייץ־פלאַנצען ניט געהאַט קיין קראַפט איהר בייצוקומען. אין עטליכע וואָכען איז די גאַנצע ווייץ־גערעטעניש, וואָס האָט געזאָלט אריבערשטייגען אַלע פריי־הערדיגע ווייץ־גערעטענישען, רואינירט געוואָרען: מעהר ווי 8 ביז 10 בושל שלעכטע ווייץ פער אקער האָט מען ניט געקענט אָבשנייַ־דען. דער פּועל יוצא איז געווען, אז מען האָט געמוזט די „ריעזען־פאַרמס" צוברעקלען אויף קליינע פאַרמס, און די אייאָווא פאַרמערס (נאָך א שרעקליכען קריזיס פון קורצען דויער — אין אמעריקא געהט אַלץ שנעל) האָבען זיך גענומען פאַר אינטענסיווע קולטור. איצטער שטעהען זיי שוין ניט אָב אין ווייץ־קולטור לגבי פראַנק־רייך, דען זיי ברייגען אויך ארויס א דורכשניט פון 16½ בושל פער אקער, אויף א שטח פון מעהר ווי 2 מיליאָן אקער, און זיי וועלען באַלד נאָך שטייגען ווייטער. סיי ווי, מיט דער הילף פון בעמיסטיגונג און פערבעסערטע מעטאָדען פון פאַרמעריי, קאָנקור־רירען זיי אויסגעצייכענט מיט די ריעזען־פאַרמס פון וויטען מערב.

דער פאַקט איז, אז שעפּלע, זעמלער, עטקען און פיעלע אנדערע שרייבער האָבען אָנגעדייטעט פיעלע מאָל, אז דער כח פון דער אמעריקאַנער קאָנקורענץ ליעגט ניט אין איהרע ריעזען־פאַרמס, נאָר אין די אונצעהליגע קליינע פאַרמס, אין וועלכע ווייץ ווערט פּראָדוצירט אויפ'ן זעלביגען אופן ווי אין אייראָפּא — ד. ה. מיט בעמיסטיגונג — נאָר בעסער אָרגאַניזירט, מיט לייכטערע געלעגענהייטען צו פערקויפען, און די פאַרמערס זייגען ניט געצוואונגען אוועקצוגעבען דעם לענדלאָרד א דריטען טייל אָדער נאָך מעהר פון דעם פרייז, וואָס זיי בעקומען פאַר יעדען פערטיל

ווייץ. אבער דעם גאנצען אמת וואס שטעקט אין אט דער מיינונג האב איך ניט איינגעזעהן, ביז וואנען איך האב אליין ניט געמאכט א טור איבער די פּרעיריס פון מאניטאבא, אין יאהר 1897, און פון אהייא אין יאהר 1901. די 15 ביז 20 מילאן בושל ווייץ, וואס ווערען יעהרליך עקספּארטירט פון מאניטאבא, ווערען כמעט אינ־גאנצען פּראדוצירט אין פארמס פון איינע אדער צוויי „קוואָרטער סעקשאנס" —, ד. ה. פון 160 און 320 אקער. געאקערט ווערט אויפ'ן געוועהנליכען אופן און אין די גרעסטע מעהרהייט פעלען קויפען די פארמערס די שנייד־ און בינד־מאשינען זיך פעראייני־גענדיג אין גרופען פון פיער. די דרעשמאשין דינגט דער פארמער אויף א טאג אדער צוויי און פיהרט אב זיין ווייץ צום עלעוואטאר מיט זיינע אייגענע פערד, אדער גלייך צו פערקויפען, אדער צו האלטען עס דארטען פאר א מאנאט אדער לענגער, אויב ער האט ניט נויטיג גלייך דאס געלד און האט אן אויסרעכענונג צו קריגען שפעטער א בעסערען פרייז. קורץ, אין מאניטאבא ווארפט זיך ספּעציעל דער פאקט אין די אויגען, אז אפילו אונטער א סיסטעם פון שארפער קאנקורענץ האט די מיטעלמעסיגע פארם אינגאנצען בעזיעגט די אלטע ריעזען־פארם, און אז עס איז ניט די מעטאדע פון פּראדוצירען ווייץ אויף א גרויסען מאסשטאב, וואס בעצאהלט זיך אמבעסטען. עס איז אויך העכסט אינטערעסאנט צו בעמער־קען, אז טויזענדער און טויזענדער פארמערס פּראדוצירען בערג מיט ווייץ אין די קאנאדער פּראווינץ פון טאראנטא און אין די מזרח־שטאאטען, הגם דאס לאנד איז גאר ניט קיין פּרעירי־לאנד און די פארמס זיינען בדרך כלל גאנץ קליינע.

די קראפט פון דער אמעריקאנער קאנקורענץ ליעגט, הייסט עס, ניט אין דער מעגליכקייט צו האבען הונדערט אקער אין איין שטרעקע פערזייעט מיט ווייץ. איהר כח ליעגט אין דעם, וואס דער פארמער איז דער אייגענטימער פון באדען, אין דעם סיסטעם פון קולטיווירונג, וואס איז צוגעפאסט צום כאראקטער פון לאנד, אין דעם ברייט־ענטוויקעלטען גייסט פון אסאציאציע, און ענד־ליך אין די פיעלע אינסטיטוציעס און מנהגים, וואס האבען דעם צוועק אויפצוהויבען דעם אגריקולטוריסט און זיין פּראפעסיאן אויף א הויכער שטופע, וואס אין איירפא איז דאס ניטא.

אין איירפא האבען מיר לגמרי קיין בעגריף ניט פון דעם

וואָס ווערט געטאָן אין די שטאַאַטען און אין קאַנאַדאַ פאַר די אינטערעסען פון אַגריקולטור. אין יעדען אַמעריקאַנער שטאַאַט און אין יעדען בעזונדערען געגענד פון קאַנאַדאַ געפינט זיך אַן עקספּערימענטאַלע פאַרם, און אַלע ערשטע עקספּערימענטען מיט נייע סאָרטען ווייץ, האָבער, גערשטען, פוטער פאַר פיה און פרוכטען, וועלכע דער פאַרמער אין אייראָפּאַ מוז דאָס רוב מאַכען אַליין, ווערען דאָרט געמאַכט אונטער די בעסטע וויסענשאַפטליכע בעדינגונגען, צוערשט אויף אַ קליינעם מאַסשטאַב און דערנאָך אויף אַ גרויסען. די רעזולטאַטען פון די אַלע אונטערזוכונגען און עקספּערימענטען ווערען ניט נאָר געמאַכט צוגענגליך פאַר דעם פאַרמער, וועלכער וויל פון זיי לערנען, נאָר מען ברייגנגטזיי צו איהם און מען צווינגט איהם, אַזוי צו זאָגען, זיי צו שענקען זיין אויפמערקזאַמקייט מיט אַלע מעגליכע מיטלען. די „בולעטענען" פון די עקספּערימענטאַלע סטאַנציעס ווערען פערטיילט אין הונדערטע טויזענדער עקזעמפּלאַרען; די וויזיטען צו די פאַרמס זיינען אַזוי אָרגאַניזירט, אַז טויזענדער פאַרמערס זאָלען קענען בעזוכען די „סטאַנציעס" יעדען יאָהר און ספּעציאַליסטען זאָלען זיי בעווייזען די רעזולטאַטען, וואָס מען האָט בעקומען סיי מיט נייע סאָרטען פלאַנצען, סיי דורך פערשיידענע נייע מעטאָדען פון בעאַרבייטונג. עס ווערט אָנגעפיהרט אַזאַ גרויסע קאָרעספּאָנדענץ מיט די פאַרמערס, אַז אין אָטטאַוואַ צ. ב. ש. שיקט די עקספּערימענטאַלע פאַרם אַרויס יעדען יאָהר אַ הונדערט טויזענד בריעף און פּאַקעטען. יעדער פאַרמער קען בעקומען פריי פינף פונט זריעה פון יעדען סאָרט תבואה, וועלכע קענען איהם געבען אויפ'ן נעקסטען יאָהר די נויטיגע זריעה צו פערזעען עטליכע אַקער. און ענדליך ווערען אָבגעהאַלטען אין יעדען קליינעם, פערוואָרפענעם דערפעל פאַרמערס' מיטינגען, אויף וועלכע ספּעציעלע לעקטאָרס, וואָס ווערען אַרויסגעשיקט פון די עקספּערימענטאַלע פאַרמס אָדער פון די לאָקאַלע אַגריקולטור־געזעלשאַפטען, רעדען זיך דורך מיט די פאַרמערס פשוט און פּראָסט וועגען די רעזולטאַטען פון די פאַראַ־יאָהריגע עקספּערימענטען און ענטדעקונגען בנוגע צו יעדען צווייג פון אַגריקולטור, גערטנערייַ, בהמות־האָדעווען, מילךווירטשאַפט און אַגריקולטורעלע קאָאָפּעראַטיווען.*

* נאָך אויסקינפטען וועגען דעם ענין קען מען געפינען אין

די אַמעריקאַנער אַגריקולטור מאַכט ווירקליך אַ גרויסאַרטיגען איינדרוק — ניט אין די ווייץ־פעלדער פון ווייטען מערב, וועלכע וועלען באַלד זיין אַ „זאַך פון דער פערגאַנגענהייט", נאָר מיט דער ענטוויקלונג פון אַ ראַציאָנאַלער אַגריקולטור און פון די קרעפטען וואָס העלפען איהר. לעזט די בעשרייבונג פון אַן אַגריקולטור־אויסשטעלונג — „דהי סטייט'ס פעיר" — אין אַ וועלכען עס איז קליינעם שטעדטעל אין אייאָווא, מיט די 70 טויזענד פאַרמערס, וואָס לאַגערען מיט זייערע פאַמיליעס אין געצעלטען די גאַנצע וואָך פון דער אויסשטעלונג, און לערנען, שטודירען, קויפען און פערקויפען, און האָבען הנאה פון לעבען. איהר זעהט אַ נ אַ צ י אָ־נ אַ ל ע ן יום־טוב, און איהר פיהלט, אַז איהר האָט דאָ צו טהאָן מיט אַ פאָלק, ביי וועמען די אַגריקולטור פערנעהמט אַ בכבוד'ע פּאָזיציע. אָדער לעזט די פּובליקאַציעס פון די צעהנדליגע עקספּע־רימענטאַלע סטאַנציעס, וואָס זייערע ראַפּאָרטען ווערען פערטיילט ווייט און ברייט איבער'ן גאַנצען לאַנד און ווערען געלעזען פון די פאַרמערס און דיסקוטירט אויף אונצעהליגע „פאַרמערס' מיטינגען". נעהמט די „פערהאַנדלונגס בעריכטען" און „בולעטענען" פון די אונצעהליגע אַגריקולטורעלע געזעלשאַפטען, ניט קיין „קעניגליכע" נאָר פאָלקסטימליכע; שטודירט די גרויסאַרטיגע אונטערנעהמונגען פאַר בעוועסערונג פון די פעלדער, און איהר וועט פיהלען, אַז די אַמעריקאַנער אַגריקולטור איז אַ וויכטיגע קראַפט, וואָס קאָכט מיט לעבען, וואָס האָט מעהר קיין מורא ניט פאַר די ריעזען־פאַרמס, און

מיינע אַרטיקלען: „סאָם רעסאָרסעס אוו קאַנאַדאַ" און „ריסענט סייענס" אין „ניינטינטה סענטשורי", יאַנואַר 1898 און אָקטאָבער 1897. איך זעה פון די „עקספּערימענטאַל פאַרמס רעפּאָרטס" פאַר 1909, אַז אין דורכשניט ווערען אויף דעם אופן אַרויסגעשיקט צו די פאַרמערס 38 טויזענד פּראָבען פון זריעות יעדען יאָהר. אין 1909 האָבען מעהר ווי 38 טויזענד פאַר־מערס זיך פעראייניגט אין מאַכען עקספּערימענטען בנוגע די לפי ערך־דיגע מעלות פון די פערשיידענע סאָרטען ווייץ, האָבער און גערשטען, וועלכע זיי האָבען פּראָבירט. איך דענק, אַז מיין פריינד, דר. וויליאַם סאָונדערס איז גאַנץ גערעכט אין זיין בעהויפּטונג, אַז דער דאָזיגער סיסטעם פון בעזאָרגען אַ סך פאַרמערס מיט ביסלעך פון די בעסטע זריעות, האָט פיעל בייגעטראָגען צו פערגרעסערן די פּראָדוקציאָן פון תבואה אין קאַנאַדאַ.

דארף ניט ווינען ווי א קינד מען זאל איהר בעשיצען דורך טאריף־אבצאהלונגען.

אינטענסיווע אגריקולטור און גערטנעריי זיינען שוין ביי דער צייט פונקט אזוי פיעל א כאראקטערצייכען פון באדען־בעארבייטונג אין אמעריקא, ווי זיי זיינען אין בעלגיען. אזוי ווייט צוריק ווי אין יאהר 1880 האבען 9 שטאאטען, צווישען וועלכע עס זיינען געווען דזשארדזשיא, ווירדזשיניע און די ביידע קאראליינאס, געקויפט פאר 5⅔ מיליאן פונט סטערלינג פאבריצירטע מיסט; און איצטער הערט מען, אז דער געברויך פון געמאכטע מיסט האט זיך אונגעהייער פיעל פערשפרייט צו מערב־צו. אין אייאווא, וואו ריעזען־פארמס האבען עקזיסטירט מיט 20 יאהר צוריק, ווערט שוין איינגעפיהרט צו פער־זעען גראז, און דאס ווערט שטארק רעקאמענדירט אי פון דעם אייאווא אגריקולטור־אינסטיטוט, אי פון די פיעלע לאקאלע אגרי־קולטורעלע צייטונגען; בעת אויף די אגריקולטור־קאנקורסען ווערען די העכסטע פרייזען געגעבען ניט פאר עקסטענסיווע פארמעריי, נאר פאר גרויסע גערעטעגישען אויף קליינע שטרעקען. אזוי איז דא ניט לאנג, אויף אזא קאנקורס, אין וועלכען הונדערטע פארמערס האבען זיך בעטייליגט, אבגעגעבען געווארען די ערשטע 10 פרייזען צו 10 פארמערס, וועלכע האבען פון 3 אקער ארויסבעקומען פון 262 ביז 346¾ בושל טערקישען ווייץ; ד. ה. פון 87 ביז 115 בושל פער אקער. דאס בעווייזט וואוהין דעם אייאווא פארמער'ס אמביציע טרייבט איהם. אין מינעסאטא האט מען שוין געגעבען פרייזען פאר גערעטעגישען פון דריי הונדערט ביז עלף הונדערט צוואנציג בושל קארטאפעל פער אקער — ד. ה. פון 8¼ ביז 31 טאן פון יעדען אקער — בעת דאס דורכשניט גערעטעניש פון קארטאפעל אין גרויס־בריטאניען איז נישט מעהר ווי 6 טאן.

אין דערזעלבער צייט ווערט די האנדעלסגערטנעריי זעהר פיעל פערשפרייט אין אמעריקא. אין די גערטנערייען פון פלארידא זעהען מיר אזוינע גערעטענישען ווי 445 ביז 600 בושל ציבעלעס פער אקער, 400 בושל טאמאטאס, 700 בושל זיסע קארטאפעל, וואס בעווייזען א הויכע ענטוויקלונג פון באדען־קולטור. וואס געהערט די טראק־פארמס" (האנדעלס־גערטנעריי פאר עקספארט), האבען זיי פערנומען אין יאהר 1892 400 טויזענד אקער; און די פרוכט־פארמס אין די פארשטעדט פון נארפאלק, ווירדזשיניע, האט פראפ.

ש. באלטע* בעשריבען אַלס אמת'ע מושטערן פון אַט דעם סאָרט קולטיווירונג — אַ זעהר הויכער שבח אין מויל פון אַ פראַנצויזישען גערטנער, וועלכער קומט אַליין פון די מושטער־גערטנערייען פון טראָיאַ.

און בעת מענשען אין לאָנדאָן צאָהלען נאָך אַלץ כמעט דעם גאַנצען רונדען יאָהר צוויי פּענס פאַר אַ קעפּעל סאַלאַט (וועלכע זיינען גאַנץ אָפט אימפּאָרטירטע פון פּאַריז), האָבען זיי אין שיקאַגאָ און באָסטאָן אַזוינע אַנשטאַלטען, די איינציגע פון זייער מין אויף דער וועלט, וואו סאַלאַט וואַקסט אין אונגעהייער גרויסע טרייב־הייזער מיט דער הילף פון עלעקטרישען ליכט. און מיר דאַרפען ניט פערגעסען, אַז הגם די ענטדעקונג פון „עלעקטרישען וואַקסען" איז איירָאָפּעאיש (זי שטאַמט פון סיעמענס), איז עס געוועזען די קאָרנעל אוניווערזיטעט, וועלכע האָט בעוויזען דורך אַ רייהע עקס־פּערימענטען, אַז דאָס עלעקטרישע ליכט איז אַ פאָרטרעפליכע הילף צו טרייבען דאָס וואַקסען פון די ג ר י נ ע טיילען פון דער פלאַנץ.

קורץ, אַמעריקאַ, וועלכע איז פריהער געוועזען די פיהרערקע ביים פערפאָלקאָמען די „עקסטענסיווע" אַגריקולטור, איז איצט אויך די פיהרערקע פון „אינטענסיווער" אָדער געטריבענער אַגריקולטור. אין אַט דער פעהיגקייט פון צופּאַסען זיך ליעגט די ווירקליכע קראַפט פון דער אַמעריקאַנער קאָנקורענץ.

---

* „גערטנעריי אין די 5 טיילען פון דער וועלט" (פראַנצ.), פּאַריז, 1895.

קאַפּיטעל IV

די מעגליכקייטען פון אַגריקולטור.

(פאָרטגעזעצט)

מאַלטהוס'עס לעהרע. — פאָרטשריט אין פּראָדוצירען ווייץ. — מזרח־פלאַנדערן. — קאַנאַל־אינזלען. — קאַרטאָפעל־גערטעניישען, פרי־הער און איצטער. — בעוועסערונג. — מאַיאָר האללעט'ס עקספּערי־מענטען. — געפּלאַנצטער ווייץ.

ניט פיעל ביכער האָבען געהאַט אַזאַ פערדערבליכען איינפלוס אויף דער אַלגעמיינער ענטוויקלונג פון עקאָנאָמישען געדאַנק, ווי עס האָט געהאַט מאַלטהוס'עס אָבהאַנדלונג „דער פּרינציפּ פון בעפעלקערונג" דריי דורות נאָכאַנאַנד. ווי אַלע ביכער, וואָס האָבען געהאַט וואָסער עס איז איינפלוס, איז עס ערשיענען גראָד אין דער ריכטיגער צייט און האָט רעזומירט די אידעען, וואָס האָבען זיך ארומגעטראָגען אין די קעפּ פון דער רייכער מינאָריטעט. פּונקט אין דער צייט, ווען די אידעען פון גלייכהייט און פרייהייט, וואָס זיינען אויפגעוועקט געוואָרען פון דער פראַנצויזישער און אַמערי־קאַנער רעוואָלוציעס, האָבען נאָך געהאַט אָנגעפילט דעם גייסט פון די אָרימע, אָבער האָבען שוין דערעסען די רייכע קלאַסען, וועלכע האָבען פריהער זיך ארומגעשפּילט ווי אַמאַטאָרען אויף די דאָזיגע געביטען, איז געקומען מאַלטהוס מיט דער בעהויפּטונג, אַלס ענט־פער אויף גאָדווינ'ען, אַז קיין גלייכהייט איז ניט מעגליך; אַז די געזעלשאַפטליכע אינסטיטוציעס זיינען ניט שולדיג אין די אָרימ־קייט פון די מאַסען, וואָרים די אָרימקייט איז אַ נאַטירליכעס געזעץ. די בעפעלקערונג, האָט ער געשריבען, וואַקסט צו־שנעל און די וואָס קומען שפּעטער געפינען קיין פּלאַץ ניט ביים סעודה־טיש פון דער נאַטור; און דאָס דאָזיגע געזעץ קען ניט איבערגעמאַכט ווערען דורך אַן ענדערונג אין די אינסטיטוציעס. אויף אַזאַ אופן האָט ער געגעבען די רייכע אַ מין וויסענשאַפטליכען ארגומענט אנטקעגען די אידעען פון גלייכהייט; און מיר וויסען, אַז הגם יעדע הערשאַפט איז געבויט אויף מאַכט, הויבט אָבער די מאַכט

גופא אָן צו שאָקלען זיך, אַזוי באַלד ווי זי שטיצט זיך ניט מעהר אויף אַ שטאַרקען גלויבען אין איהר אייגענער גערעכטיגקייט. וואָס בעטרעפט די אָרימערע קלאַסען — וועלכע פיהלען אַלעמאָל דעם איינפלוס פון די געדאַנקען, וואָס געהען אַרום אין אַ געוויסער צייט צווישען די רייכערע קלאַסען — האָט עס פון זיי אָוועקגערויבט די קלענסטע האָפענונג אויף אַ פערבעסערונג. עס האָט זיי געמאַכט צווייפלען אין די הבטחות פון די סאָציאַלע רעפאָרמער; און ביז אויף היינטיגען טאָג האָבען אפילו די העכסטע פאָרטגעשריטענע רעפאָרמער אַליין ספיקות וועגען דער מעגליכקייט צופריעדען־צו־שטעלען אַלעמענס בעדערפענישען, אין פאַל עס זאָל זיין אַ פאָדערונג פאַר זייער בעפריעדיגונג, און אַ צייטווייליגער וואוילשטאַנד פון די אַרבייטער זאָל אַרויסרופען אַ שנעלע פערמעהרונג פון דער בעפעל־קערונג.

די וויסענשאַפט איז עד היום געבליבען אָנגעשטעקט מיט מאַלטהוס'עס לעהרען. די פּאָליטישע עקאָנאָמיע בויט נאָך אַלץ איהרע אַרגומענטען אויף דעם גרונד־געדאַנק, וואָס זי איז מודה בשתיקה, אַז עס איז אונמעגליך שנעל צו פערגרעסערען די פּראָדוק־טיווע קרעפטען פון אַ פאָלק און אויף דעם אופן בעפריעדיגען אַלע בעדערפענישען. אָט דער פּאָסטולאַט (אונבעשטריטענער געדאַנק) שטעהט אַ ניט־אָבגעפרעגטער אין הינטערגרונד פון אַלץ וואָס די פּאָליטישע עקאָנאָמיע, סיי די קלאַסישע, סיי די סאָציאַליסטישע, האָט צו זאָגען וועגען טויש־ווערטה, שכירות, פערקויף פון אַרבייטס־קראַפט, רענטע, אומזאַץ און פערברויך. די פּאָליטישע עקאָנאָמיע הויבט זיך קיינמאָל ניט אויף העכער איידער די השערה אַז *דער זאַפּאַס פון לעבענסמיטלען איז בעשרענקט און ניט־געניגענד*; זי נעהמט עס אָן ווי אַ בעוויזענע זאַך. און אַלע טעאָריעס, וואָס זיינען פערבונדען מיט פּאָליטישער עקאָנאָמיע, האַלטען זיך אָן דעמזעלביגען פאַלשען פּרינציפּ. כמעט אַלע סאָציאַליסטען זיינען אויך מודה אין דעם דאָזיגען פּאָסטולאַט. יאָ, אפילו אין דער ביאָלאָגיע (וועלכע איז איצט אַזוי ענג צונויפגע־וועבט מיט דער סאָציאָלאָגיע) האָבען מיר ניט לאַנג צוריק געזעהן, ווי די טעאָריע פון דער פערענדערליכקייט פון די מינים האָט בעקומען אַ גאַנץ־אונדערוואַרטעטע שטיצע פון דעם, וואָס דאַרווין און וואָלליים האָבען זי פערבונדען מיט מאַלטהוס'עס גרונד־אידעע,

אַז די נאַטירליכע קוואַלען מוזען אונפערמיידליך בלייבען באַנקראָט, ווען עס האַנדעלט זיך וועגען שאַפען די לעבענסמיטלען פאַר די שנעל זיך־פערמעהרענדע בעלי־חיים און פלאַנצען. קורץ, מיר קענען זאָגען, אַז מאַלטהוס'עס טעאָריע איז, דערמיט וואָס זי האָט געגעבען די בעהאַלטענע פערלאַנגען פון די בעזיצענדע קלאַסען אַ כלומרשט־וויסענשאַפטליכע פאָרם, געוואָרען דער פונדאַמענט פון אַ גאַנצען סיסטעם פון אַ פראַקטישער פילאָזאָפיע, וואָס פילט אָן די מוחות פון די געבילדעטע ווי פון די ניט־געבילדעטע, און ווירקט צוריק (ווי יעדע פראַקטישע פילאָזאָפיע ווירקט אַלעמאָל) אויף דער טעאָרעטישער פילאָזאָפיע פון אונזער יאָהרהונדערט.

אמת, דער מורא'דיגער וואוקס פון דעם מענשענ'ס פראָדוקטיווע קרעפטען אויפ'ן אינדוסטריעלען געביט, זינט ער האָט איינגעשפאַנט אין זיין דיענסט דאַמף און עלעקטריציטעט, האָט אַביסעל צוטרייסעלט מאַלטהוס'עס לעהרע. אינדוסטריעלע רייכטימער ז י י נ ע ן געוואַקסען אין אַזאַ ערך, אַז קיין מעגליכע פערמעהרונג פון דער בעפעלקערונג קען זיי ניט דעריאָגען, און זיי ק ע נ ע ן וואַקסען מיט נאָך מעהר שנעלקייט. אָבער די אַגריקולטור ווערט נאָך אַלץ בעטראַכט אַלס די פעסטונג פון דער מאַלטהוזיאַנישער כלומרשט־פילאָזאָפיע. די נייעסטע אויפטואונגען פון דער אַגריקולטור און האָרטיקולטור (גערטנעריי) זיינען ניט גענוג גוט בעקאַנט; און בעת אונזערע גערטנער זיינען מבטל דעם קלימאַט און דעם ברייט־גראַד, אַקלימאַטיזירען סוב־טראָפּישע פלאַנצען, קריגען אַרויס עטליכע גערעטענישען אַ יאָהר אַנשטאָט איינס, און מאַכען אַליין דעם באָדען, וואָס זיי ברויכען פאַר יעדער בעזונדער קולטיווירונג, האַלטען זיך אונזערע עקאָנאָמיסטען נאָך אַלץ ביי זייערס, אַז די אויבערפלעך פון דער ערד איז בעשרענקט, און על אחת כמה וכמה איהרע פראָדוקטיווע קרעפטען. זיי בעהויפּטען נאָך אַלץ, אַז אַ בעפעלקערונג, וואָס זאָל זיך פערדאָפּלען אַלע דרייסיג יאָהר, וואָלט באַלד זיך דאַרפען רעכענען מיט אַ דוחק אין די נויטיגע מיטלען צום לעבען!

אין דעם פאָריגען קאַפּיטעל זיינען שוין אָנגעגעבען געוואָרען איניגע פאַקטען צו בעווייזען, וואָס מען ק ע ן בעקומען פון דעם באָדען. אָבער וואָס טיעפער מען לאָזט זיך אַריין אין דעם ענין,

ענטדעקט מען אַלץ נייערע און מעהר אויפפאַלענדע פאַקטען, און אַלץ מעהר ווייזט זיך אַרויס, אַז די סכנות, פאַר וועלכע מאַלטהוס האָט מורא געהאַט, האָבען ניט קיין ממשות.

מיר וועלען אָנפאַנגען מיט אַ ביישפּיעל פון קולטיווירונג אויפ׳ן פרייען פעלד — מיט דער קולטיווירונג פון ווייץ; און דאָ שטויסען מיר זיך אָן אויף דעם פאָלגענדען אינטערעסאַנטען פאַקט. אין דער־זעלביגער צייט וואָס מיר הערען אַזוי אָפט, אַז די ווייץ־קולטיווירונג בעצאָהלט זיך ניט, און ענגלאַנד פערקלענערט מחמת דעם פון יאָהר צו יאָהר דעם שטח פון איהרע ווייץ־פעלדער, זעהען מיר אַז די פראַנצויזישע פויערים פערגרעסערען נאָכאַנאַנד דעם ווייץ־שטח, און דאָס טהוען אַממעהרסטען יענע פויערשע פאַמיליעס, וועלכע בעאַרבייטען אַליין דאָס לאַנד וואָס געהערט צו זיי. אין פערלויף פון 19טען יאָהרהונדערט האָבען זיי כמעט פערדאָפּעלט דעם שטח פון ווייץ, אַזוי גוט ווי דאָס גערעטעניש פון יעדען אַקער, אַזוי אַז זיי האָבען כמעט פערפיערפאַכט די סומע ווייץ, וואָס איז פּראָדו־צירט געוואָרען אין פראַנקרייך.*

אין דערזעלביגער צייט האָט זיך די בעפעלקערונג פערמעהרט בלויז אויף 41 פּראָצענט. עס קוימט אַלזאָ אויס, אַז דער ערד אין וועלכען דאָס ווייץ־גערעטעניש האָט זיך פערגרעסערט, איז געווען 6 מאָל אַזוי פיעל ווי דער ערד אין וועלכען די בעפעלקערונג האָט זיך פערגרעסערט; אָבוואויל די בעאַרבייטונג פון דער עַרד איז די גאַנצע צייט געהינדערט געוואָרען דורך אַ רייה ערנסטע שטערונגען — שטייערן מיליטער־דיענסט, די אָרימקייט פון די פויערים, און אפילו (ביז דעם יאָהר 1884) אַ שטרענגער פערבאָט אויף אַלערליי

* טיססעראַנ׳ס אונטערזוכונגען קענען רעזומירט ווערען ווי פאָלגט:

אין יאָהרען	בעפעלקערונג אין מיליאָנען	אַקער פערזייעט מיט ווייץ	דורכשניטס גע־וועקסעניש אין בושלם פאַר אַקער	דאָס ווייץ געוועקסעניש אין בושלם
1789	27.0	9,884,000	9	87,980,000
1831-41	33.4		15	194,225,000
1882-88	38.2		18	311,619,000

פעראייניגונגען צווישען די פויערים.* מען מוז אויך בעמערקען, אַז אין משך פון דיזעלביגע הונדערט יאָהר, און אפילו אין די לעצטע 50 יאָהר, האָבען די האַנדעלסגערטנעריי, פרוכט־קולטיווירונג און די קולטיווירונג פאַר אינדוסטריעלע צוועקען זיך זעהר שטאַרק ענטוויקעלט אין פראַנקרייך; אַזוי אַז עס וואָלט גאָר ניט זיין קיין גוזמא צו זאָגען, אַז די פראַנצויזען בעקומען איצטער פון זייער באָדען וועניגסטענס זעקס אָדער זיבען מאָל אַזוי פיעל איידער זיי האָבען בעקומען אַ הונדערט יאָהר צוריק. די „לעבענסמיטלען“, וואָס מען קריגט אַרויס פון דעם באָדען, האָבען אויף דעם אופן זיך פערמעהרט פופצעהן מאָל שנעלער איידער די בעפעלקערונג.

אָבער דעם ערך פון'ם פאָרטשריט אין דער אַגריקולטור קען

---

* אין אַן אונלענגסטיגער ווערטה־אָבשאַצונג קומט הערר אָזשע־לאַריבע („די ענטוויקלונג פון פראַנצויזישער אַגריקולטור“, פאַריז, 1912) צו די פאָלגענדע ציפער: —

יאָהרען	אַקער פערזייעט מיט ווייץ	יאָהרען	אַקער פערזייעט מיט ווייץ
1862	18,430,000	1900	16,960,000
1882	17,740,000	1910	16,190,000
1892	17,690,000	—	———

דאָס דורכשניט גערעטעניש פאַר יעדע 10 יאָהר זינט 1834 ווערען אַנגעגעבען ווי פאָלגט: —

יאָהרען	צאָהל בושלס	יאָהרען	צאָהל בושלס
1834-43	190,800,000	1884-95	294,700,000
1856-65	272,900,000	1896-1905	317,700,000
1876-85	279,800,000	1906-09	333,400,000

דאָס ווייץ־גערעטעניש האָט אויף דעם אופן זיך פערגרעסערט אין 75 יאָהר אויף 74 פראָצענט, בעת די בעפעלקערונג האָט זיך פערגרעסערט בלויז אויף 20 פראָצענט. פאַר קאַרטאָפעל איז דער וואוקס נאָך גרעסער: בעת אין 1882 זיינען געוואַקסען 198 מיליאָן, 800 טויזענד צענטנער, איז אין 1909 דאָס גערעטעניש שוין געווען 328 מיליאָן, 300 טויזענד צענטנער; דער דורכשניט פער אַקער איז געשטיגען פון 148 צענטנער אין 1882 אויף 212 צענטנער אין 1909.

מען נאָך בעסער זעהן דעריין ,וואָס עס איז געשטיגען דער מאָס־שטאַב פון די פאָדערונגען, וועלכע מען שטעלט איצט דער קולטיווי־רונג פון באָדען. א דרייסיג יאָהר צוריק האָבען די פראַנצויזען געהאַלטען א גערעטעניש פאר זעהר א גוטס, ווען עס האָט געגעבען 22 בושל פּער אַקער; די איצטיגע פאָדערונג אָבער פון דעמזעלביגען באָדען איז וועניגסטענס 33 בושל; אויף דעם בעסטען באָדען איז דאָס גערעטעניש א גוטס, ווען עס גיט פון 43 ביז 48 בושל, און אָפּטמאָל בעקומט מען אפילו אַזוי הויך ווי 55 בושל פּער אַקער.* עס זיינען פאראַן גאַנצע לענדער — העססען צ. ב. ש. — וועלכע זיינען צופריעדען נאָר דאַן, ווען דער ד ו ר כ ש נ י ט גרייכט 37 בושל, אָדער דענעמארק, וואו דאָס דורכשניט־גערעטעניש (1910—1908) איז 41 בושל פּער אַקער (44 בושל אין יאָהר 1910).** וואָס געהערט די עקספּערימענטאַלע פאַרמס אין צענטראַל־פראַנקרייך, פּראָדוצירען זיי יאָהר־איין יאָהר־אויס, איבער גרויסע שטרעקען, 41 בושל פּער אַקער; און א צאָהל פאַרמס אין צפון־פראַנקרייך גיבען רעגעלמעסיג פון יאָהר צו יאָהר פון 55 ביז 68 בושל פּער אַקער. אָפּטמאָל האָט מען ארויסבעקומען אפילו אַזוי פיעל ווי 80 בושל אויף בעשרענקטע שטרעקען אונטער ספּעציעלע אויפפּאַסונג.*** אין פאַקט, פּראָפ. גראַנדאָ האַלט עס פאר א בעוויזענע זאַך, אַז ווען מען זאָל קאָמבינירען איינגע מעטאָדען צוזאַמען, ווי בענוצען אויס־געוועהלטע זריעה, זעען אין רייהען און מיסטיגען אויף א געהעריגען אופן, קענען די גערעטענישען פיעל פערגרעסערט ווערען איבער

---

* גראַנדאָ, „אַגראָנאָמישע עטיודען", 2טע סעריע, פּאַריז, 1888.

** אָבוואויל 36 פּראָצענט פון קולטיווירטען שטח איז פערזעעט מיט תבואות, זיינען אין דענעמאַרק געווען אין יאָהר 1910 2,253,980 שטיק פיה, אַנקעגען 1,238,900 אין יאָהר 1871, און 1,470,100 אין יאָהר 1882.

*** ריעזלער, „פיזיאָלאָגיע און קולטור פון תבואה" (פראַנצ.), פּאַריז, 1886. נעהמענדיג דאָס גאַנצע ווייץ־גערעטעניש פון פראַנקרייך זעהען מיר, אַז מען האָט געמאַכט דעם פאָלגענדען פאָרטשריט: אין 81-1872 איז דאָס דורכשניט־גערעטעניש געווען 16½ בושל פּער אַקער. אין 90-1882 האָט עס געגרייכט 17 מיט ניין־צעהנטעל בושל פּער אַקער. א פערמעהרונג פון 14% אין צעהן יאָהר. (פּראָפ. ס. וו. גאַראָלאַ, „די תבואות" (פראַנצ.), ז. 70 און ווייטער.)

דעם בעסטען איצטיגען דורכשניט, און די קאָסטען פון פּראָדוקציאָן קענען אין דערזעלביגער צייט פערקלענערט ווערען אויף 50 פּראָצ. דורך דעם געברויך פון ניט קיין טייערע מאַשינעריע: שוין ניט צו רעדען פון טייערע מאַשינען, ווי דער דאַמף־אַקער אָדער די פּולווע־ריזאַטאָרס, מיט וועלכע מען קען מאַכען יעדען באָדען וואָס מען דאַרף פאַר יעדער בעזונדערער קולטיווירונג. צייטענווייז בענוצט מען זיי שוין איצטער דאָ און דאָרט, און זיי וועלען זיכער אַריינגעהן אין אַלגעמיינעם געברויך, אַזוי שנעל ווי די מענשהייט וועט פיהלען דאָס בעדערפעניש שטאַרק צו פערגרעסערען איהרע אַגריקולטורעלע פּראָדוקטען.

דער פאַקט איז, אַז אַ היבשער פּאָרטשריט איז שוין געמאַכט געוואָרען אין דער פראַנצויזישער אַגריקולטור דורך דעם געברויך פון ארבייט־שפּאָרענדע מאַשינעריע פאַר די לעצטע 25 יאָהר; עס בלייבט נאָך אָבער אַ זעהר גרויס פעלד פאַר וייטערע פערבעסע־רונגען. אַזוי געפינען מיר אַז אין יאָהר 1908 האָט פראַנקרייך שוין געהאַט אין געברויך 25 טויזענד שנייד־מאַשינען און 12 הונדערט בינד־מאַשינען, אנטקעגען בלויז 180 פון די ערשטע און 60 פון די צווייטע, וואָס זיינען געווען געברויכט אין יאָהר 1882. עס ווערט אָבער אויסגערעכענט, אַז עס פאָדערען זיך צו בעפריעדיגען די בעדערפענישען פון דער פראַנצויזישער אַגריקולטור ניט וועניגער ווי נאָך 375 טויזענד שנייד־מאַשינען און 300 טויזענד מאַשינען אויף צו קאָסען היי. דאָס אייגענע מוז מען זאָגען אויך בנוגע דעם געברויך פון געמאַכטע מיסטען, בעוועסערונג, פּומפּ־מאַשינעריען, און אַזוי ווייטער.

ווען מיר האָבען אין זינען די זעהר אונגינסטיגע לאַגע, אין וועלכער די אַגריקולטור געפינט זיך איבער דער גאַנצער וועלט, קענען מיר ניט דערוואַרטען צו זעהן אַ גרויסען פּאָרטשריט דורכ־געפיהרט אין ווייטע ראַיאָנען. מיר מוזען זיך צופריעדענשטעלען נאָטירענדיג די פּאָרטשריטען, וואָס זיינען דורכגעפיהרט געוואָרען אין בעזונדערע, ספּעציעל בעגינסטיגטע פּלעצער, וואו צוליעב אַ וועלכער עס איז אורזאַך איז ניט אַרויפגעלעגט געוואָרען אויפ'ן ערדאַרבייטער אַזאַ שווערער צינז־אָבצאָהל, וואָס וואָלט אָבגעשטעלט יעדע מעגליכקייט פון פּראָגרעס.

איין ביישפּיעל אַזעלכען קען מען זעהן אין דעם דיסטריקט סאַפּפּעלאַר אין מזרח־פלאַנדערן. אויף אַ טעריטאָריע אינגאַנצען פון 37 טויזענד אַקער האָט אַ בעפעלקערונג פון 30 טויזענד איינוואוינער, לויטער פּויערים, נאָך מיט 30 יאָהר צוריק ניט נאָר פּראָדוצירט פאַר זיך נאַהרונג, נאָר האָט אויך אויסערדעם זיך איינגעקערט צו האַלטען ניט וועניגער ווי 10,720 שטיק פיה, 3,800 שעפּסען, 1,815 פערד און 6,550 חזירים, צו פּראָדוצירען פלאַקס און צו עקספּאָרטירען פערשיידענע אַגריקולטור־פּראָדוקטען.* און אין די לעצטע 30 יאָהר האָט זי כסדר אַלץ פערגרעסערט איהרע עקספּאָרטען פון אַגריקולטור־פּראָדוקטען.

נאָך אַ ביישפּיעל פון דעמזעלביגען סאָרט קען מען נעהמען פון די קאַנאַל־אינזלען, וואָס זייערע איינוואוינער האָבען צום גליק ניט געוואוסט פון די מזל־ברכות פון רוימישען געזעצע און גרויס־גרונד־בעזיץ, און לעבען נאָך אַלץ אונטער דעם געמיין־רעכט פון נאָרמאַנדיע. דער קליינער אינזעל דזשערסיע, 8 מייל לאַנג און וועניגער ווי 6 מייל ברייט, איז נאָך אַלץ אַ לאַנד פון אָפּענער פעלד־קולטיווירונג; אָבער אָבוואויל ער נעהמט אַרום אינגאַנצען בלויז אַ שטח פון 28,707 אַקער, מיט די פעלזען מיט אַלעמען, שפּייזט ער אַ בעפעלקערונג פון אַרום צוויי איינוואוינער אויף יעדען אַקער, אָדער דרייצעהן הונדערט איינוואוינער אויף יעדען קוואַדראַט־מייל, און עס איז ניטאָ אַ שרייבער וועגען ערד־אַרבייט, וועלכער האָט בעזוכט דעם דאָזיגען אינזעל, וואָס זאָל ניט לויבען דעם וואוילשטאַנד פון די דזשערסיע־פּויערים און די פאַרטרעפליכע רעזולטאַטען, וואָס זיי בעקומען אויף זייערע קליינע פאַרמס פון 5 ביז 20 אַקער — זעהר אָפט וועניגער ווי 5 אַקער — דורך אַ ראַציאָנאַלער און אינטענסיווער קולטור.

די מעהרסטע פון מיינע לעזער וועלען וואַהרשיינליך ערשטוינט ווערען ווען זיי וועלען דערהערען, אַז דער באָדען פון דזשערסיע, וועלכער בעשטעהט פון צוברעקעלטען גראַניט און ענטהאַלט ניט קיינע אָרגאַנישע שטאָפען, איז כלל גאָר ניט אַזוי שטאַרק פרוכטבאַר, און אַז זיין קלימאַט, וועלכער איז טאַקע אפילו מעהר זוניג

* אָ. דע קערשאָוו דע דענטערגהעז, „די קליינע קולטור פון פלאַנדערן בעלגיען" (פראַנצ.), גאַנד, 1878.

איידער די ענגלישע איזלען, האָט אָבער אַ סך חסרונות, צוליעב דער קליינער סומע זונענהיץ אום זומער און די קאַלטע ווינטען אין פריהלינג. אָבער אַזוי איז עס אין דער ווירקליכקייט, און אין אָנהויב פון 19טען י. ה. האָבען די איינוואוינער פון דזשערסיע געלעבט מעהרסטענטיילס אויף אימפּאָרטירטע שפּייז (זעה אָנהאַנג ל). די ערפאָלגען, וואָס זיינען די לעצטע צייט געמאַכט געוואָרען אין דזשערסיע, דאַרף מען אינגאַנצען פערדאַנקען דעם סכום אַרבייט, וואָס אַ געדיכטע בעפעלקערונג לעגט אריין אין דעם באָדען; דעם סיסטעם פון גרונד־בעזיץ, איבערגעבונג און פער־ערבונג פון לאַנד, וואָס איז גאַנץ פערשיידען פון די סיסטעמען, וועלכע עקזיסטירען אַנדערסוואו; דער בעפרייאונג פון שטאַאַט־שטייערן; און דעם פאַקט, וואָס ביז גאָר ניט לאַנג צוריק האָבען זיך נאָך געהאַלטען קאָמונאַלע אינסטיטוציעס, און אייניגע קאָמו־נאַלע געוועהנהייטען און מנהגים פון געגענזייטיגער שטיצע, וואָס שטאַמען אָב פון זיי, לעבען נאָך ביז אויף היינטיגען טאָג. וואָס געהערט דער פרוכטבאַרקייט פון באָדען, ווערט עס טיילווייז געמאַכט פון די ים־גראָזען, וואָס מען קלייבט צונויף פריי אויפ'ן ברעג פון ים, דערהויפּט אָבער דורך געמאַכטע מיסט, וואָס ווערט פאַבריצירט אין בליידאָן־אָן־טיין פון אַלערליי סאָרטען אָבפאַלען — אפילו פון די ביינער, וואָס מען האָט געבראַכט פון פּלעוונאַ, און פון מומיפיצירטע קעטץ, וואָס מען ברייננגט פון מצרים.

עס איז גוט בעקאַנט, אַז פאַר די לעצטע דרייסיג יאָהר האָבען די דזשערסיע פּויערים און פאַרמערס פּראָדוצירט פריהע קאַרטאָפּעל אויף אַ גרויסען מאַסשטאַב, און אַז זיי האָבען דערגרייכט אויף דעם געביט העכסט צופריעדענשטעלענדע רעזולטאַטען. אַזוי ווי זייער הויפּט־צוועק איז ארויסצובעקומען די קאַרטאָפעל אַזוי פריה ווי מעגליך, ווען זיי קריגען אויפ'ן וואָג־בריק אין דזשערסיע אַזוי הויך ווי 17 און 20 פונט סטערלינג דעם טאָן, פאַנגט זיך אָן דאָס קאַרטאָ־פעל־גראָבען, אין די אמבעסטען בעשיצטע פּלעצער, אַזוי פריה ווי אין די ערשטע טעג פון מאַי, אָדער אפילו סוף אַפּריל. אַ גאַנצער סיסטעם פון קאַרטאָפעל־קולטור, וואָס פאַנגט זיך אָן מיט דעם אויסוואַהל פון די קאַרטאָפעל־זריעה, מיט געוויסע הכנות צו מאַכען זיי זאָלען אָנהויבען שפּראָצען, מיט אויסקלייבען ריכטיג־בעשיצטע און גוט־סיטואירטע ערד־שטיקער, מיט אויסקלייבען די פּאַסיגע

מיסט, און עס ענדיגט זיך מיט די קאָסטענס, אין וועלכע די קאַרטאָפעל לאָזען אַרויס שפּראָצען, און וועלכע האָבען נאָך אַנדערע ניצליכע פערווענדונגען — קורץ, אַ גאַנצער סיסטעם פון קולטור איז אויסגעאַרבייט געוואָרען אין דעם דאָזיגען אינזעל צוליעב אָט דעם צוועק דורך דער קאָלעקטיווער אינטעליגענץ פון די פּויערים.*

אין די לעצטע וואָכען פון מאַי און יוני, ווען דער עקספּאָרט איז אַמשטאַרקסטען, פאָהרט אַרום אַ גאַנצע פלאָט דאַמפּערס צווישען דעם קליינעם אינזעל דזשערסיע און די פערשיידענע פּאָרטען פון ענגלאַנד און שאָטלאַנד. יעדען טאָג קומען אַריין פון 8 ביז 10 דאַמפּערס אין האַפען פון סט. העליער, און אין 24 שטונדען ווערען זיי אָנגעלאָדען מיט קאַרטאָפעל און פאָהרען אָב נאָך לאָנדאָן, סאַוטהאַמפּטאָן, ליווערפּול, ניוקאַסטעל און שאָטלאַנד. פון 50 ביז 60 טויזענד טאָן קאַרטאָפעל, וואָס בעטרעפען פון 260 טויזענד ביז אַ האַלבען מיליאָן פונט סטערלינג, ווי אַ יאָהר, ווערען אויף אַזא אופן עקספּאָרטירט יעדען זומער; און ווען מען זאָל אַריינרעכענען דעם לאָקאַלען פערברויך, האָבען מיר ווענינסטענס אַ סך הכל פון

---

* מען מוז טאַקע אויסדריקליך בעטאָנען דעם קאָלעקטיווען כאַראַקטער פון דער ענטוויקלונג פון דעם דאָזיגען אַגריקולטור צווייג. פריהע קאַרטאָפעל קענען פּראָדוצירט ווערען אין אַ סך פלעצער אויפ'ן דרום-ברעג פון ענגלאַנד — שוין ניט צו רעדען פון קאָרנוואַל און סאַוטה דעוואָן, וואו איינצעלנע אַרבייטער בעקומען פריהע קאַרטאָפעל אין קליינע סומען אַזוי פריה ווי אין דזשערסיע. אָבער כל זמן די דאָזיגע קולטיווירונג פערבלייבט די אַרבייט פון איינצעלנע פּראָדוצירער, מוזען די רעזולטאַטען נויטיגערווייזע זיין נידעריגער ווי די וואָס די דזשערסיע-פּויערים בעקומען דורך זייער קאָלעקטיווער ערפאַהרונג. וועגען די טעכנישע פּרטים בנוגע דער קאַרטאָפעל-קולטיווירונג אין דזשערסיע זעה דעם אַרטיקעל פון אַ דזשערסיע פּראָדוצירער אין דעם „זשורנאַל פון האָרטיקולטור“, דעם 22טען און 29טען מאַי, 1890. די לעצטע צייט איז געמאַכט געוואָרען אַ גרויסער פאָרטשריט אין קאָרנוואַל, ספּעציעל אין דער נאַכבאַרשאַפט פון פּענזאַנס, אין דער ענטוויקלונג פון קאַרטאָפעל-פּראָדוקציאָן און אינטענסיווער האַנדעלס-גערטנעריי, און מען מעג האָפען, אַז די ערפאָלגען פון די דאָזיגע פּראָדוצירער וועלען בעוועגען אַנדערע צו נעהמען פון זיי אַ ביישפּיעל און טהאָן דאָס אייגענע.

60 ביז 70 טויזענד טאָן קאַרטאָפעל, וואָס ווערען בעקומען פון דער ערד, אַבוואויל עס ווערט אָבגעגעבען נישט מעהר ווי פון 6,500 ביז 7,500 אַקער פאַר דער גאַנצער קאַרטאָפעל-גערעטעניש, פאַר די פריהע און די שפּעטע — און די פריהע קאַרטאָפעל, ווי עס איז גוט בעקאַנט, גיבען קיינמאָל ניט אזא שווערע גערעטעניש ווי די שפּעטע. דער דורכשניט איז אַלזאָ פון 10 ביז 11 טאָן פער אַקער, בעת אין ענגלאַנד איז דער דורכשניט נאָר 6 טאָן פער אַקער.

אזוי שנעל ווי די קאַרטאָפּעל זיינען אויסגעגראָבען, ווערט פערזעעט א צווייטעס גערעטעניש פון מאַנגאָלד-ריבען, אָדער פון „דריימאָנאַט-ווייץ“ (א ספּעציעלער סאָרט שנעל-וואַקסענדער ווייץ). קיין איינציגער טאָג ווערט ניט פערלאָרען דערביי. דאָס קאַרטאָפּעל-פעלד מעג בעשטעהן נישט מעהר ווי פון איינעם אָדער צוויי אַקער, איז אזוי שנעל ווי א פערטעל פעלד ווערט אָבגערייניגט פון קאַר-טאָפעל, ווערט עס שוין פערזעעט מיט דעם צווייטען גערעטעניש. מען קען אָט אזוי אמאָל זעהן א קליין פעלד איינגעטיילט אין 4 שטיקער, פון וועלכע 3 טיילען זיינען פערזעעט מיט ווייץ, מיט א הפסקה פון 5 אָדער 6 טעג איינע פון די אַנדערע, בעת אויפ׳ן פערטען שטיק האַלט מען נאָך אין אויסגראָבען די קאַרטאָפּעל.

דער אויסגעצייכענטער צושטאַנד פון די לאָנקעס און די פיטער-פעלדער אויף די קאַנאַל-אינזלען איז אָפט בעשריבען געוואָרען, און הגם דער גאַנצער שטח, וואָס ווערט אָבגעגעבען אין דזשערסיע פאַר גרינס-גערעטענישען, פאַר גראָז אין ראָטאַציאָן און בעשטענ-דיגע פיטער-פעלדער — אי פאַר היי, אי פאַר ארויסטרייבען אויף זיי די בהמות — איז ווענינער איידער 11 טויזענד אַקער, פון דעסטוועגען האַלטען זיי דאָרטען אויס איבער 12,300 שטיק פיה און מעהר ווי 2,300 פערד, וואָס ווערען דורכאויס בענוצט פאַר דער בעאַרבייטונג פון דער ערד און אויף צו האָדעווען.

אחוץ דעם ווערען יעדען יאָהר עקספּאָרטירט ארום 100 בול-אָקסען און 1,600 קיה און טעליצעס.* אזוי אַז ביי היינטיגען טאָג, ווי אַן אמעריקאַנער ציימונג האָט בעמערקט, זיינען פאַראַן מעהר דזשערסיע קיה אין אמעריקא, איידער אויף דעם דזשערסיע אינזעל. דזשערסיער מילך און פּוטער האָבען א גרויסען שם, און אזוי האָבען

* זעה אַנהאַנג ל.

אויך א שם די בארן, וואס וואקסען אויף דער פרייער לופט, אבער זיינען פערדעקט אויפ'ן בוים, יעדע איינע מיט א בעזונדער הייבעל. און נאך מעהרער די פרוכט און גרינסען, וואס וואקסען אין די גרינס-הייזער. מיט איין ווארט, עס איז גענוג נאר צו פערצייכענען, אז אלץ צוזאמען בעקומען זיי אין דזשערסיע אגריקולטור-פראדוקטען אין ווערטה פון 50 פונט סט. פער אקער פון דער גאנצער אויבערפלעך פון אינזעל.

פאר 50 פונט סט. אגריקולטור-פראדוקטען פון יעדען אקער לאנד איז גוט גענוג. אבער וואס מעהר מיר שטודירען די מאדערנע פארטשריטען פון דער אגריקולטור, אלץ מעהר זעהען מיר, אז מען איז נאך ניט דערגאנגען צום גרעניץ פון דער פראדוקטיוויטעט פון באדען אפילו אין דזשערסיע. נייע האריזאנטען ווערען כסדר אויפגעדעקט. אין די לעצטע 50 יאהר האט די וויסענשאפט — דערהויפט די כעמיע — און די טעכניק ברייטער געמאכט און אויסגעשפרייט דעם מענשענ'ס אינדוסטריעלע מאכט איבער דער ארגאנישער און אונארגאנישער טויטער מאטעריע. וואונדער זיינען אין דער דאזיגער ריכטונג אויפגעטאן געווארען. איצט קומט די רייהע פאר עהנליכע אויפטואונגען מיט לעבעדיגע פלאנצען. די מענשליכע טעכניק אין דער בעהאנדלונג פון לעבעדיגע שטאפען און די וויסענשאפט — דער צווייג וואס האט צו טהאן מיט לעבעדיגע ארגאניזמען — טרעטען אויף מיט דער אבזיכט צו טהאן אויפ'ן געביט פון שאפען נאהרונג, וואס די מעכאנישע און כעמישע טעכניק האבען געטאן אויפ'ן געביט פון פארמירען און געשטאלטען מעטאלען, האלץ און די טויטע פעדים פון פלאנצען. כמעט יעדער יאהר ברענגט עפעס א נייע, אפט גאר ניט קיין דערווארטעטע פערבעסערונג אין דער קונסט פון אגריקולטור, וועלכע איז געלעגען און געשלאפען אזויפיעל יאהרהונדערטען.

מיר האבען אקארשט געזעהן, אז בעת דאס דורכשניטס-גערעטעניש פון קארטאפעל אין ענגלאנד איז 6 טאן פער אקער, איז דאס גערעטעניש אין דזשערסיע כמעט צוויי מאל אזוי די גרויס. אבער מר. נייט, וועמעס נאמען איז גוט בעוואוסט צו יעדען הארטיקולטוריסט אין ענגלאנד, האט איינמאל אויסגעגראבען פון זיינע פעלדער ניט ווייניגער ווי 1,284 בושל קארטאפעל, אדער 34 טאן

מיט 9 צענטנער אויפ'ן וואג, פון איין איינציגען אקער; און דא ניט לאנג, אויף א קאנקורס אין מינעסאטא, האט זיך ארויסגעוויזען אז מען האט בעקומען 1,120 בושל אדער 30 טאן פון איין אקער.

די דאזיגע גערטעטענישען זיינען גאנץ געווים אויסערגעוועהנ־ליך, אבער דער פראנצויזישער פראפעסאר איימע זשיראר האט א קורצע צייט צוריק אונטערנומען א רייהע עקספערימענטען אויסצו־געפינען די בעסטע אומשטענדען פאר מאכען וואקסען קארטאפעל אין פראנקרייך.* ער איז ניט אויסען געוועזען צו בעקומען מוסטער־גערטעטענישען דורך פערשווענדערישער בעמיסטיגונג, נאר ער האט גענוי שטודירט אלע בעדינגונגען: די בעסטע סארטען, ווי טיעף צו אקערען און זעען, און ווי ווייט איינע פון די אנדערע. דערנאך האט ער פערפיהרט א קארעספאנדענץ מיט אן ערך 350 קולטיווירער אין פערשיידענע טיילען פון פראנקרייך; ער האט זיי בריעפליך געגעבען עצות און ענדליך ביי זיי פועל געווען זיי זאלען אליין עקספערי־מענטירען. אייניגע פון זיינע קארעספאנדענטען, וועלכע האבען גענוי געפאלגט זיינע אינסטרוקציעס, האבען עקספערימענטירט אויף א קליינעם מאסשטאב און האבען בעקומען — אנשטאט די 3 טאן פון אקער, וואס זיי זיינען געוועהנט געווען צו קריגען — אזוינע גערטעטענישען, וואס וואלטען אויסגעקומען 20 און 36 טאן פער אקער. נאך מעהר, 90 קולטיווירער האבען עקספערימענטירט אויף פיעל גרעסערע שטרעקען — פון 3 ביז 28 אקער. דער רעזול־טאט איז געווען, אז קיינער האט ניט בעקומען וועניגער ווי 12 טאן פון אן אקער, אייניגע האבען בעקומען 20 טאן, און דער דורכשניט פאר די 110 קולטיווירער איז געווען 14½ טאן פער אקער.

די אינדוסטריע אבער פאדערט נאך רייכערע גערטעטענישען. קארטאפעל ווערען זעהר פיעל געברויכט אין דייטשלאנד און בעלגיען פאר די בראנפען־ברייזער; די אייגענטימער פון די ברייזער זוכען דעריבער ארויסצובעקומען די מעגליכסט־גרעסטע סומען קראכמאל* פער אקער. צוליעב דעם צוועק זיינען די לעצטע צייט

---

* זעה די „אגראנאמישע אנאלען" (פראנצ.) פאר 1892 און 1893; אויך דעם „עקאנאמיסטען זשורנאל", פעברואר, 1893, ז. 215.

* קראכמאל איז דער הויפט בעשטאנדטייל פון קארטאפעל; פון דעם

געמאַכט געוואָרען אין דייטשלאַנד ברייטע עקספּערימענטען, און די רעזולטאַטען זיינען געווען: 9 טאָן פּער אַקער פאַר די פּראָסטע סאָרטען, 14 טאָן פאַר די בעסערע, און 32 מיט פיער־צעהנטעל טאָן פאַר די בעסטע סאָרטען קאַרטאָפעל.

די פעסטגעשטעלטע גרעניצען זיינען 3 טאָן פּער אַקער און איבער 30 טאָן פּער אַקער; און עס שטעלט זיך נאַטירליך די פראַגע: וועלכע פון דיביידע פאָדערט **וועניגער ארבייט** אויף אַקערן, זעצען, קולטיווירען און גראָבען, און וועניגער פערברויך פון מיסט — 30 טאָן וואָס וואַקסען אויף 10 אַקער, אָדער דיזעלבע 30 טאָן וואָס וואַקסען אויף איינעם אָדער צוויי אַקער? אויב די ארבייט האָט קיין בעטרעף ניט, בעת יעדע פּעני, וואָס ווערט אויס־געגעבען אויף זריעה און מיסט, האָט דוקא אַ גרויסע בעדייטונג — ווי עס איז ליידער זעהר אָפט דער פאַל ביים פּויער — וועט ער איבערגעוואָלד זיך אויסקלייבען די ערשטע מעטאָדע. צי איז עס אָבער מעהר עקאָנאָמיש?

איך האָב אויך אויבען דערמאָנט, אַז אין דעם סאָפּפּעלאַר דיסטריקט און אין דזשערסיע געלינגט זיי אויסצוהאַלטען איין שטיק פּיה אויף יעדען אַקער גרינס־פּרוכט, לאַנקעס און פּיטער־פּעלר, בעת אַנדערסוואו פאָדערט זיך פאַר איין שטיק פּיה צוויי אָדער דריי אַקער. מען קען אָבער בעקומען נאָך בעסערע רעזולטאַטען דורך בעוועסערונג מיט שמוץ־וואַסער אָדער אפילו מיט ריינעם וואַסער. אין ענגלאַנד זיינען די פאַרמערס צופריעדען מיט איינס און אַ האַלב אָדער צוויי טאָן היי פּער אַקער, און אין יענעם טייל פון פלאַנדערן, וואָס מיר האָבען אָקאָרשט דערמאָנט, ווערען צוויי און אַ האַלב טאָן היי פּער אַקער בעטראַכט אַלס אַ גאַנץ גוט גערעטעניש. אָבער אויף די בעוועסערטע פעלדער פון די וואָסגעס, די וואָקלוז א. ד. ג., אין פראַנקרייך, איז 6 טאָן טרוקענע היי געוואָרען דער רעגעל אפילו אויף אַן אונדאַנקבאַרען באָדען; און דאָס מיינט, אַז אַ היבש ביסעל מעהר איידער די יעהרליכע שפּייז פאַר איין מילך־קוה (מען רעכענט געוועהנליך עפּעס וועניגער ווי 5 טאָן) ווערט

קראָבמאַל ווערט אַלקאָהאָל דורך דעם פּראָצעס פון ברויען. אייניגע סאָר־טען קאַרטאָפעל קענען ענטהאַלטען מעהר קראָכמאַל, אַנדערע וועניגער. (דער איבערזעצער.)

געוואקסען אויף איין אקער. בכלל האבען זיך די רעזולטאטען פון בעוועסערונג ארויסגעוויזען אין פראנקרייך אזוי צופריעדענשטעלענד, אז אין די יאהרען 1882—1862 זיינען בעוועסערט געווארען ניט ווייניגער ווי 1 מיליאן, 355 טויזענד אקער לאנקעס.* דאס מיינט, אז עס איז צוגעגעבען געווארען צו דער יעהרליכער הכנסה פון לאנד די פלייש־שפייז פאר ווייניגסטענס א מיליאן און א האלב, אדער מעהר, דערוואקסענע מענשען; און פראדוצירט אין דער היים, ניט אימפארטירט. און עס איז א פאקט, אז אין דעם טהאל פון דער סעינע איז דער ווערטה פון לאנד פערדאפעלט געווארען דורך די בעוועסערונגען, אין דעם טהאל פון סאאן איז דער ווערטה פערגרעסערט געווארען אויף פינף מאל, און אין געוויסע גראז־שטרעקען פון ברעטאן איז עס פערגרעסערט געווארען צעהן מאל אזוי פיעל.**

דער ביישפיעל פון דעם קאמפין־דיסטריקט אין בעלגיען איז

---

* בארראל אין „זשורנאל פון פראקטישער אגריקולטור" (פראנצ.), 2טען פעברואר, 1889; בואטעל, „גראזען און נאטירליכע פרעירים" (פראנצ.), פאריז, 1887.

** די פערגרעסערונג פון די גערעטעניש, וואס איז געקומען דורך דער בעוועסערונג, איז זעהר בעלעהרענד. אין דער זעהר אונפרוכטבארער געגענד סאלאן האט די בעוועסערונג פערגרעסערט דאס היי־גערעטעניש פון צוויי טאן פער העקטאר (צוויי און א האלב אקער) אויף 8 טאן; אין דער ווענדעע, פון 4 טאן שלעכטע היי אויף 10 טאן אויסגעצייכענטע היי. אין דעם געגענד איין האט הערר פורי אויסגעגעבען 19 טויזענד פראנק אויף צו בעוועסערען 92½ העקטאר (ארום 2 פונט, 10 שילינג פער אקער) און האט בעקומען א צו־וואקס פון 207 טאן אויסגעצייכענטע היי. אין דרום־פראנקרייך בעקומט מען לייכט א נעט צו־וואקס פון אריבער 4 בושל ווייץ פער אקער דורך בעוועסערונג; און פאר האנדעלס־גערטנעריי האט מען אויסגעפונען אז דער צו־וואקס האט בעטראפען פון 30 ביז 40 פונט סט. פער אקער. (זעה ה. סאגניער, „איררוגאסיאן" אין בארראל'ס „דיקסיאנער ד'אגריקילטיר", באנד 3, ז. 339.) עס איז קוים נויטיג צו דערמאנען די אויפפאלענדע רעזולטאטען וואס מען האט די לעצטע צייט בעקומען דורך בעוועסערונג אין עגיפטען און אויף די טרוקענע פלאטאס פון די פעראייניגטע שטאאטען.

שוין געוואָרען קלאסיש. עס איז געוועזן א העכסט אונפּרוכטבארער געביט — פשוט'ער זאמד פון ים, וואָס איז אָנגעבלאָזען געוואָרען אין אונרעגעלמעסיגע בערגלעך, וועלכע האָבען זיך געהאלטען צו־זאמען בלויז דורך די וואָרצלען פון די ווילדע קרייטיכער. אן אקער פון דעם דאָזיגען לאנד פלעגט זיך פערקויפען, ניט פערדינגען, פאר 5 ביז 7 שילינג (פון 15 ביז 20 פראנק פער העקטאר). איצטער, א דאנק דער ארבייט פון די פלעמישע פויערים און דער בעוועסערונג, איז עס אימשטאנד ארויסצוגעבען די שפּייז פאר א מילך־קוה פון יעדען אקער — די מיסט פון דער קוה ווערט בענוצט אויף ווייטערע פערבעסערונג פון דעם באָדען.

די בעוועסערטע לאָנקעס ארום מילאן זיינען נאָך א וואויל־בעקאנטער ביישפּיעל. כמעט 22 טויזענד אקער ווערען דאָרט בעוועסערט מיט דעם וואסער פון די שטאָדטישע שמוץ־קאנאלען, און זיי גיבען מייסטענס גערעטעניש פון 8 ביז 10 טאָן היי פער אקער. אָפטמאָל בעקומט מען פון אייניגע בעזונדערע לאָנקעס די פאבעלהאפטע סומע — פאבעלהאפט פאר היינט, אָבער פאר מאָרגען כלל ניט פאבעלהאפט — פון 18 טאָן היי פער אקער; ד. ה. די שפּייז פאר כמעט 4 קיה פון יעדען אקער, און 9 מאָל אזוי פיעל, וויפיעל גוטע לאָנקעס גיבען דאָ אין ענגלאנד.* די ענגלישע לעזער אָבער דארפען גאָר ניט געהן אזוי ווייט ווי מילאן אויסצוגעפינען די רעזולטאטען פון בעוועסערונג מיט וואסער פון די שמוץ־קאנאלען. זיי האָבען עטליכע אזוינע ביישפּיעלען ביי זיך אין לאנד אין סער דזשאָהן לאָעס' עקספּערימענטען, און דערהויפּט אין קרייגענטיני, נעבען עדינבורג, וואו „דאָס וואקסען פון קאָרן־גראָז — צו געברוי־כען ראָננאָ'ס ווערטער — ווערט דורכדעם אזוי פערשטארקט, אז ער גרייכט זיין פולע ענטוויקלונג אין איין יאָהר, אנשטאָט אין 3 אָדער 4 יאָהר. אז מען פערזעעט איהם אין אויגוסט, קריגט מען דעם ערשטען שניט אין הערבסט, און דערנאָך, פון דעם נעקסטען פריה־לינג אָן, בעקומט מען יעדען מאָנאט א גערעטעניש פון 4 טאָן אויף יעדען אקער; אין 14 מאָנאטען מיינט עס מעהר ווי 56 טאָן (גרינס־פוטער) פער אקער".** אין לאָדזש־פארם בעקומען זיי 40 ביז 52

* „דיקסיאָנער ד'אַגריקולטיר, אין דעמזעלביגען אַרטיקעל. זעה אויך אַנהאַנג מ.

** ראָננאַ „די בעוועסערונגען" (פראַנצ.), ב. 3, ז. 67, פּאַריז, 1890.

טאָן גרינס־פּוטער פּער אַקער, נאָך די תבואות, אָהן נייער בעמיסטיגונג. אין אָלדערשאָט בעקומען זיי אויסגעצייכענטע קאַרטאָפּעל־גערעטענישען, און אין ראָמפּאָרד (אויף ברעטאָנ׳ס פּאַרם) האָט קאָרנעל האָפּ בעקומען אין די יאָהרען 1871—72 גאַנץ אויסערגעוועהנליכע גערעטענישען פון פערשיידענע וואָרצלען און קאַרטאָפּעל. *

מען קען, הייסט עס, זאָגען, אַז בעת וואָס מיר גיבען אָב היינטיגען טאָג צוויי און דריי אַקער אויף אויסצוהאַלטען איין שטיק פיה, און נאָר אין עטליכע פּלעצער ווערט איין שטיק פיה אויסגעהאַלטען אויף יעדען אַקער, וואָס ווערט אָבגעגעבען אויף גרינס־פּוטער, לאָנקעס און פּאַשע, האָבען מיר שוין דורך בעוועסערונג, (וואָס בעצאָהלט זיך גאַנץ שנעל, אויב עס איז ריכטיג איינגעפיהרט) די מעגליכקייט צו האַלטען צוויי מאָל און אפילו דריי מאָל אַזוי פיעל שטיק פיה אויף גאַנצע טיילען פון דעם לאַנד. נאָך מעהר, די זעהר שווערע גערעטענישען פון וואָרצלען, וואָס מען בעקומט איצטער (75 ביז 110טאָן בוראַקס אויף אַן אַקער זיינען ניט קיין זעלטענהייט) גיבען נאָך אַ מעכטיגען מיטעל ווי אַזוי צו פערגרעסערען די צאָהל בהמות, ניט אָבנעהמענדיג דאָס לאַנד, וואָס ווערט איצט אָבגעגעבען פאַר דער בעאַרבייטונג פון תבואות.

דאָ מוז מען דערמאָנען נאָך אַ נייע ריכטונג אין דער אַגריקולטור, וועלכע פערשפּרעכט זעהר פיעל און וועט וואהרשיינליך איבערקעהרען אַ סך היינטיגע מיינונגען. איך האָב אין זין די בעאַרבייטונג פון אונזערע תבואה־גערעטענישען כמעט אויף דעמזעלבען אופן ווי די גאָרטען־פּלאַנצען, וועלכע ווערט ברייטליך

* פּראָפ. ראָננאַ גיט די פאָלגענדע ציפער פון די גערעטענישען פּער אַקער: 28 טאָן קאַרטאָפּעל, 16 טאָן מאַנגאָלד־ריבען, 105 טאָן בוראַקעס, 110 טאָן מעהרען פון 9 ביז 20 טאָן פערשיידענע קרויטען, א. אַז. וו. עס זעהט אויס, אַז מ. גאָפּפּאַר האָט אויך בעקומען העכסט מערקווירדיגע רעזולטאַטען, קולטיווירענדיג גרינס־פּוטער פאַר „ענסילאַזש“. זעה זיין ווערק, „האַנדבוך פאַר דער קולטור פון טערקישען ווייץ און אַנדערע גרינס־פּוטער“ (פראַנצ.), פּאַריז, 1877.

פּראַקטיצירט אין דעם ווייטען מזרח און פאַנגט שוין אָן צו דער־וועקען אונזער אויפמערקזאַמקייט אויך אין מערב־אייראָפּאַ.

אויף דער ערשטער אינטערנאַציאָנאַלער אויסשטעלונג, אין יאָהר 1851, האָט דער מאַיאָר האַללעט פון מאַנאָר הויז, ברייטאָן, געהאַט אַ רייהע זעהר אינטערעסאַנטע אויסשטעלונגען, וועלכע ער האָט בעשריבען אַלס „פּעדיגרי תבואות" (תבואה מיט אַ „יחוס", ד. ה. פון געקליבענער אָבשטאַמונג). אויסקלייבענדיג פון זיינע פעלדער די בעסטע פּלאַנצען און גענוי איבערקלייבענדיג זייערע פּרוכטען פון יאָהר צו יאָהר, איז איהם געלונגען ארויסצובריינגען נייע פּרוכטבאַרע סאָרטען ווייץ און גערשטען. יעדעס קערענדעל פון די דאָזיגע תבואות האָט געגעבען אַנשטאַט דעם געוועהנליכען דורכשניט פון צוויי ביז פיער זאַנגען, פון 10 ביז 25 זאַנגען, און די בעסטע פון זיי האָבען געטראָגען אַנשטאַט פון 60 ביז 68 קערנער, אַ דורכשניט פון כמעט צוויי מאָל אַזוי פיעל קערנער.

כדי צו בעקומען אַזוינע פּרוכטבאַרע סאָרטען, האָט מאַיאָר האַללעט, פערשטעהט זיך, ניט געקענט זעען זיינע געקליבענע קערנער וואַרפענדיג פון פולען הויפען; ער האָט זיי געפּלאַנצט, יעדען בעזונדער, אין ציילען, אויף אַ שטרעקע פון 10 ביז 20 צאָל איינע פון די אַנדערע. אויף דעם אופן האָט ער אויסגעפונען, אַז יעדעס קערענדעל, האָבענדיג גענוג פרייען רוים פאַר דאָס וואָס הייסט „בעשטאָקונג" („טיללערינג" אין ענגליש, „טאַלאַזש" אין פראַנצויזיש*), פּלעגט ארויסבריינגען, ווי וועלכע צעהן, פופצעהן,

---

* „באַלד ווי די פּלאַנץ שפּראָצט ארויס פון דער ערד, הויבט זי אָן ארויסגעבען נייע, בעזונדערע שטענגלעך, און עס בילדעט זיך גלייך אַ וואָרצעלע פאַר יעדען שטענגעל, וואָס האַלט איהם אונטער. און בעת די נייע שטענגלעך וואַקסען אויס פלאַך איבער דער אויבערפלעך פון באָדען, ענטוויקלען זיך די בעטרעפענדע וואָרצלען פונקט אַזוי אונטער דער ערד. אָט דער פּראָצעס, וואָס הייסט „בעשטאָקונג" (דאָס וואַקסען פון די שטעקלעך אָדער שטיינגלעך) געהט אָן אַזוי לאַנג ביז עס קומט די צייט, ווען די שטיינגלעך הויבען אָן צו וואַקסען אַרויף אין דער הויך." וואָס ווייניגער די וואָרצלען זיינען געשטערט געוואָרען אין זייער וואַקסען דורך ענגקייט, אַלץ בעסער וועלען אַרויסקומען די זאַנגען. (מאַיאָר האַללעט „שיטערע זייהונג", (ענגליש).

פינף און צוואנציג און אפילו אזוי הויך ווי 90 און הונדערט זאנגען; און אזוי ווי יעדער זאנג פלעגט ענטהאלטען פון 60 ביז 120 קערנער, האט זיך געקענט בעקומען גערעטעניש פון 500 ביז 2,500, אדער נאך מעהר, פון יעדען בעזונדער פערפלאנצטען קערענדעל. אויף דער פערזאמלונג פון דער „בריטיש אסאסיאיישאן" אין עקזעטער האט ער זאגאר בעוויזען דריי פלאנצען פון ווייץ, גערשטען און האבער, וואס האבען געהאט די פאלגענדע צאהלען שטענגלעך: ווייץ, 94 שטענגלעך; גערשטען, 110 שטענגלעך; האבער, 87 שטענגלעך.* די גערשטען-פלאנץ, וואס האט געהאט 110 שטענגלעך, האט געגעבען אויף דעם אופן אן ערך פון פינף ביז זעקס טויזענד קערנער פון איינאיינציגען קערנדעל. האללעטט'ס טאכטער האט געמאכט א גענויע צייכענונג פון דעם דאזיגען וואונדערבארען געוויקס און האט עס צירקולירט צוזאמען מיט זיינע פאמפלעטען.** ווייטער, אין יאהר 1876, איז אויסגעשטעלט געווארען אין דעם „מיידסטאן פארמערס קלוב", א ווייץ-פלאנץ מיט 105 זאנגען-קעפלעך, וואס זיינען געוואקסען פון איין ווארצעל, און האבען געהאט אריבער 8,000 קערנער.***

אין האללעט'ס עקספערימענטען זיינען, הייסט עס, געווען פערבונדען צוויי בעזונדערע עקספערימענטען: א פראצעס פון אויסוואהל, כדי צו שאפען נייע סארטען תבואה, אויף'ן זעלביגען שטייגער ווי מען האדעוועט אויס נייע סארטען פיה; און א מעטאדע אויסערגעוועהנליך צו פערגרעסערן דאס גערעטעניש פון יעדען קערנדעל, און פון א בעשטימטען שטח, פלאנצענדיג יעדען

---

* פארלעזונג וועגען „שיטער זעען און זריעה-אויסוואהל", געלעזען פאר דעם „מידלאנד פארמער'ס קלוב", 4טן יוני, 1874.

** „פעדיגרי סערעאלס", 1889. פארלעזונג וועגען „שיטער זעען" וכו' אויסצוגען פון די „טיימז", 1862. אויסער דעם האט מאיאר האללעט געשריבען איניגע ארטיקלען אין דעם „דזשורנאל אוו דהי ראיאל אגריקולטוראל סאסייעטי" און איין ארטיקעל אין די „ניינטינטה סענטיורי".

*** „אגריקולטוראל גאזעט", 3טען יאנואר, 1876. 90 זאנגען, פון וועלכע איניגע האבען ענטהאלטען ביז 132 קערנער אין א זאנג, האט מען בעקומען אויך אין ניי זעעלאנד.

זריעה־קערנדעל בעזונדער און װײט אײנע פון די אנדערע, אַזױ אַז די יונגע פּלאַנץ זאָל האָבען פרײען רױם זיך פאָלשטענדיג צו ענטװיקלען, אַנשטאָט װאָס געװעהנליך װערט זי דערשטיקט פון איהרע שכנים אין אונזערע פעלדער.*

דער דאָפּעלטער כאַראַקטער פון מאַיאָר האַללעט׳ס מעטאָדע — דאָס אויסהאָדעװען נײע פּרוכטבאַרע סאָרטען, און די מעטאָדע פון קולטיװירען, פּלאַנצענדיג די זריעה װײט אײנע פון די אנדערע — דוכט מיר, אױף װי װײט איך בין בערעכטיגט צו אורטײלען, איז אינגאַנצען פערזעהן געװאָרען ביז דאָ גאָר ניט לאַנג. די מעטאָדע איז דאָס רוב בעאורטײלט געװאָרען לױט איהרע רעזולטאַטען; און װען אַ פּאַרמער האָט עקספּערימענטירט מיט „האַללעט׳ס װײץ" און האָט אױסגעפונען, אַז אין זײן געגענד איז דער װײץ צו־שפּעט צײטיג געװאָרען, אָדער אַז עס האָט געגעבען ניט אַזױנע פאָלקאָמענע קערנער װי אַ װעלכער עס איז אנדער סאָרט, האָט ער גלײך אװעקגעװאָרפען די מעטאָדע.** אָבער דער פּונקט, צי מאַיאָר האַללעט האָט געהאַט אַן ערפאָלג אָדער אַ דורכפאַל, האָדעװענדיג די סאָרטען אָדער יענע סאָרטען, איז אַ גאַנץ בעזונדער זאַך, און האָט גאָרניט צו טהאָן מיט דער פראַגע, אױף װיפיעל די מעטאָדע אַלײן פון

---

* עס צײגט זיך אַרױס פון פיעלע פערשײדענע עקספּערימענטען (װאָס װערען דערמאָנט אין פּראָפ. גאַראָלאַ׳ס אויסגעצײכענטען װערק „די תבואות", פּאַריז, 1892), אַז װען מען זעעט אויספּרובירטע זריעה פון פולען הויפען (פון װעלכע עס געהען לאיבוד זעענדיג נישט מעהר װי 6%) אין דעם ערך פון 500 קערנער פער קװאַדראַט מעטער (עפּעס מעהר װי אַ קװאַדראַט יאַרד), גיבען נאָר 148 קערנער אַרױס פּלאַנצען. יעדע פּלאַנץ גיט אין אַזאַ פאַל פון צװײ ביז פיער שטענגלעך און פון צװײ ביז פיער זאַנגען, אָבער כמעט 360 קערנער געהען אינגאַנצען לאיבוד. װען מען זעעט זײ אין שורות, איז דער פערלוסט ניט אַזױ גרױס, אָבער אַלץ אַ גאַנץ היבשער.

** זעה פּראָפ. גאַראָלאַ׳ס בעמערקונגען װעגען „האַללעט׳ס װײץ", װעלכע אגב אורחא בעמערקט, איז װי עס זעהט אױס, גאַנץ גוט בעקאַנט בײ די פּאַרמערס אין פראַנקרײך און דײטשלאַנד („די תבואות", (פראַנצ.), ז. 337).



צייכנונג 4. — גערשטען־פלאַנץ מיט 110 שטענגלעך, וואָס מאַיאָר האַללעט האָט בעקומען פון אַן איינציגען געפלאַנצטען קערענדעל.

זריעה־אויסוואהל, אָדער די מעטאָדע פון פלאַנצען ווייץ־זריעה ווייט איינע פון די אַנדערע, איז אַ וויכטיגע זאַך. די סאָרטען, וואָס זיינען אויסגעהאָדעוועט געוואָרען און וועלכע איך האָב געזעהן וואקסען נאָך איצטער אין דער מאַנאָר פאַרם, אויף די ווינדיגע פעלדער פון ברייטאָן, קענען יאָ זיין אָדער ניט זיין פאַסיג פאַר דער געגענד אָדער פאַר אַנאַנדער געגענד. די לעצטע פיזיאָלאָגישע אונטערזוכונגען שרייבען צו אַזאַ גרויסע וויכטיגקייט צו דער עוואַפּאָראַציאָן (אָבציהונג פון פייכטקייט) פאַר דעם צייטיג־ווערען פון תבואות, אַז דאָרט וואו די פייכטקייט ווערט ניט אַזוי שנעל

אַבגעצװיגען װי אויף די װינדיגע ברייטאַן־פעלדער, מוז מען זיך נעהמען פאַר אַנדערע סאָרטען און זיי האָדעװען צװעקמעסיג.* איך װאָלט אויך געראַטהען, אַז כדי צו בעקומען פּרוכטבאַרע סאָרטען, זאָל מען עקספּערימענטירען מיט גאַנץ אַנדערע װייצען איידער די ענגלישע, דהינו מיט די שנעל־װאַקסענדע נאָרװעגישע װייץ, די דזשערסיע „דריי מאָנאַט־װייץ", אָדער אפילו מיט יאַקוטסקער גערשטען, װעלכע װערען צייטיג װאונדערבאַר שנעל. און איצטער, אַז האָרטיקולטריסטען (גאָרטען־קולטיװירער), װעלכע זיינען אַזױ ערפאַהרען אין „האָדעװען" און מרכיב זיין איין מין מיט דעם אַנדערען װי װילמאָרין, קאַרטער, שעריף, וו. סאַנדערס אין קאַנאַדא, און פיעלע אַנדערע, האָבען גענומען די זאַך אין זייערע הענד, קענען מיר זיין זיכער, אַז עס װעלען שוין געמאַכט װערען צוקינפטיגע פאָרטשריטען. אָבער האָדעװען איז איין זאַך, און פלאַנצען די זריעה פון דעם ריכטיגען סאָרט װייץ װייט איינע פון די אַנדערע, איז װיעדער אַנאַנדער זאַך.

מיט אַ דער לעצטער מעטאָדע האָבען ניט לאַנג צוריק עקספּערימענטירט הערר גראַנדאָ, דער דירעקטאָר פון דער „סטאַסיאָן אַגראָנאָמיק דע ליעסט", און פלאָרימאָן דעספּרע, אין דער עקספּערימענטאַלער סטאַנציע פון קאַפּעלל; און איןביידע פעלען האָט מען בעקומען העכסט מערקװירדיגע רעזולטאַטען. אין דער קאַפּעללער סטאַנציע איז אַנגעװענדעט געװאָרען אַ מעטאָדע, װעלכע װערט געברויכט אין פראַנקרייך פאַר דעם אויסװאהל פון זריעה. שוין איצטער נעהמען אייניגע פראַנצויזישע פאַרמערס און געהען דורך זייערע װייץ־פעלדער איידער דער שניט פאַנגט זיך אָן, קלייבען אויס די געזינדסטע פלאַנצען, װעלכע טראָגען צװיי אָדער דריי גלייך־שטאַרקע שטענגלעך מיט לאַנגע זאַנגען, װאָס זיינען געדיכט אָנגעפילט מיט קערנער, און שטעלען זיך אָב אויף די זאַנגען. דאַן שניידען זיי אָב מיט אַ שעהר דעם אויבען און אונטען

* אויסערדעם מוז מען האַללעטט'ס װייץ זעען ניט שפּעטער װי די ערשטע װאָך אין סעפּטעמבער. די, װעלכע װילען פּרובירען עקספּערימענטען מיט געפלאַנצטע װייץ, מוזען זעהר פּאַרזיכטיג זיין צו מאַכען די עקספּערימענטען אויף אַ פרייען פעלד, ניט אין אַ הינטערשטען גאָרטען, און זיי מוזען זעען פריה.

פון יעדען זאנג און בעהאלטען נאר דעם מיטעלסטען טייל, וואס ענטהאלט די גרעסטע קערנער. פון א טוצען קווארט געקליבענע קערנער בעקומען זיי דעם נעקסטען יאהר די נויטיגע סומע זריעה פון דער העכסטער קוואליטע. *

דאס איינענע האט געטאן הערר דעסספרע. דאן האט ער יעדען קערנדעל געפלאנצט בעזונדער, 8 צאל איינעם פון דעם אנדערן אין א צייל, מיט א ספעציעל געמאכטען אינסטרומענט, וואס איז ענהליך צו דעם „ראיאננעור", וואס מען געברויכט צו זעצען קארטאפעל; און די ציילען, אויך אבגעטיילט אויף 8 צאל איינע פון די אנדערע, זיינען אבגעגעבען געווארען איינס אום איינס פאר די גרעסערע און קלענערע זריעה קערנער. פון א פערטעל אקער, וואס איז אויף דעם אופן פערפלאנצט געווארען מיט זריעה, וואס מען האט בעקומען פון פריהע און שפעטע זאנגען, האט מען געקריגען גערעטעניש, וואס זיינען אויסגעקומען לפי ערך פון 83 מיט אכט צעהנטעל בושעל פער אקער פאר דער ערשטער רייה, און 90 מיט פיער צעהנטעל בושעל פער אקער פאר דער צווייטער רייה; אפילו די קליינע קערנער האבען אין דעם עקספערימענט געגעבען אזוי הויך ווי 70 מיט צוויי צעהנטעל און 62 בושעל פער אקער, לויט דער רייה. **

דאס גערעטעניש איז אויף אזא אופן מעהר ווי פערדאפעלט געווארען דורך דער מעטאדע פון אויסוועהלען די זריעה און פלאנצענדיג זיי בעזונדער 8 צאל ווייט איינע פון די אנדערע. עס איז אויסגעקומען אין דעססרע'ס עקספערימענטען אן ערך פון 600 קערנער דורכשניטליך פאר יעדען פערזעטען קערנדעל; און א צעהנטעל אדער אן עלפטעל

* וועגען אט דער מעטאדע פון וועהלען די זריעה געהען זיך די אגריקולטוריסטען פונאנדער אין זייערע מיינונגען.

** די שטרוי איז אין ערשטען פאל געוועזן 83 און 77 צענטנער פער אקער, 59 און 49 צענטנער אין צווייטען פאל (גאראלא „די תבואות" (פראנצ.) אין זיין פריהער דערמאנטען פארטראג וועגען „שיטער זעען" ברייננט מאיאר האללעטט א פאקט פון א גערעטעניש, וואס האט געגרייכט לפי ערך פון 108 בושעל פער אקער, וואס מען האט בעקומען פלאנצענדיג 9 צאל ווייט איינע פון די אנדערע.

אַקער איז אין דעם פאַל געווען גענוג צו בעקומען די 8½ בושעל ווייץ, וואָס פאָדערן זיך דורכשניטליך פאַר דער יעהרליכער ברויט־שפּייז פעדער קאָפּ פון א בעפעלקערונג, וואָס לעבט דערהויפּט אויף ברויט.

פּראָפ. גראַנדאָ, דער דירעקטאָר פון דער פראַנצויזישער „סטאַ־סיאָן אַגראָנאָמיק דע ל'עסט" האָט אויך געמאַכט עקספּעריסמענטען לויט מאַיאָר האַללעטט'ס מעטאָדע, זינט דעם יאָהר 1886, און האָט בעקומען עהנליכע רעזולטאַטען. „אין א ריכטיגען באָדען", האָט



ב א

ציכנונג 5. — ווייץ־פלאַנצען. א, האָט געגעבען 17 זאַנגען פון יעדען געפּלאַנצטען קערנדעל. דער באָדען איז געווען בעמיסטיגט בלויז מיט כעמישע מיסט. ב, האָט געגעבען 25 זאַנגען פון יעדען גע־פּלאַנצטען קערנדעל. דער באָדען איז געווען בעמיסטיגט מיט שטאַל־מיסט און כעמישע מיסט.

ער געשריבען, „קען אַן איינאיינציגער ווייץ־קערנדעל געבען אַזוי פיעל ווי 50 שטענגלעך (און זאַנגען) אָדער נאָך מעהר, און פער־נעהמען א קרייז פון 13 צאָל אין דיאַמעטער." * אָבער אַזוי ווי ער וויים הפּנים, ווי שווער עס איז אָפטמאָל צו איבערצייגען מענשען

* ל. גראַנדאָ, „אַגראָנאָמישע שטודיען" (פראַנצ.), 3טע סעריע, 1887-88, ז. 43. די סעריע האלט נאָך אָן, געבענדיג איין באַנד יעדען יאָהר.

אפילו די איינפאכסטע פאקטען, האט ער אבגעדרוקט פאטאגראפיעס פון די בעזונדערע ווייץ־פלאנצען, וואס זיינען געוואקסען אויף פער־שיידענע באדענס מיט פערשיידענע בעמיסטונגען, ווי אויך אויף א באדען, וואס איז בעשטאנען פון ריינע טייך־זאמד נאר רייכער געמאכט דורך מיסט.* ער איז געקומען צום שלוס, אז אונטער א ריכטיגער בעהאנדלונג וואלט מען געקענט בעקומען צוויי טויזענד אדער אפילו פיער טויזענד קערנער פון יעדען פערפלאנצטען קערנ־דעל. די שפראצען וואס וואקסען פון די קערנער, וועלכע זיינען געפלאנצט געווארען 10 צאל ווייט איינע פון די אנדערע, פערדעקען דעם גאנצען רוים און דאס עקספערימענטאלע פעלד זעהט אויס ווי א זעהר געראטען תבואה־פעלד, ווי מען קען עס זעהן פון א פאטאגראפיע, וואס גראנדא האט געגעבען אין זיינע „אגראנאמישע שטודיען.“ **

עס איז א פאקט, אז די 8½ בושעל וואס א מענש דארף האבען פאר זיין יעהרליכע שפייז זיינען בפועל ממש געוואקסען אין די טאמבליין סטאנציע אויף אן אויבערפלעך פון 2,250 קוואד־

---

* מען קען זעהן אויף איינער פון אט די פאטאגראפיעס, אז אויף א באדען, וואס איז בעמיסטיגט געווארען בלויז מיט כעמישע מיסט, האט מען בעקומען 17 שטענגלעך פון יעדען קערנדעל; ווען מען האט צוגעלעגט ארגאנישע מיסט צו דער כעמישער, האט מען בעקומען 25 שטענגלעך.

** העכסט אינטערעסאנטע עקספערימענטען ווערען איצט געמאכט אין קעמברידזש אוניווערזיטעט ווי צו בעקומען נייע סארטען ווייץ, וואס זאלען פעראייניגען די מעלות פון קאנאדער ווייץ מיט די מעלות פון די בעסטע ענגלישע סארטען. עהנליכע עקספערימענטען ווערען געמאכט אין דייטשלאנד פון פ. פאן לאכאוו אין פעטקנא, כדי ארויסצו־ברייגגען נייע קארן־ראסען, וואס זאלען זיין רייך אין גלוטען און זאלען זיין פרוכטבאר. אט די לעצטע עקספערימענטען זיינען געמאכט געווארען לויט מר. האללעטט׳ס מעטאדע און די רעזולטאטען זיינען געוועזען צו־פריעדענשטעלענד, ווי עס זעהט אויס פון א בעריכט, וואס איז געדרוקט געווארען אין פיהלינגס „לאנדווירטשאפטליכע צייטונג“, ליופציג, יאנואר און פעברואר, 1900 ז. 29 און 45.



ג ב א

ציינונג 6. — סקווערען אין פּראָפ. גראַנדאָ׳ס עקספּערימענטאַלער סטאַנציע, פערפּלאַנצט מיט ווייץ־קערנער און דריי פערשיידענע באָדענס. א און ב בעמיסטיגט אַקערבאַר לאַנד, ג ריינער זאַמד; יעדעס קערנדעל געזעצט 12 צאָל איינס פון אַנדערן.

ראַט פוס, אָדער אויף אַ קוואַדראַט פון 47 פוס — דאָס איז, אויף ניט פיעל מעהר ווי איין צוואַנציגסטעל פון אַן אַקער.

מיר קענען אַלזאָ זאָגען נאָך אַ מאָל, אַז אויף דעם אָרט וואו עס פאָדערען זיך היינטיגען טאָג דריי אַקער, וואָלט איין אַקער זיין גענוג צו בעקומען די זעלביגע סומע שפּייז, ווען מען זאָל אָננעהמען די מעטאָדע פון פּלאַנצען די זריעה ווייט אָבגעטיילט. און עס איז זיכער ניטאָ מעהר וואָס איינצו־ווענדען אנטקעגען פּלאַנצען דעם ווייץ, ווי אנטקעגען די מעטאָדע צו זעען איהם אין צייל׳ען, וואָס אַלע געברויכען איצטער, אָבוואויל בעת דער סיסטעם צו זעען אין צייל׳ען איז איינגעפיהרט געוואָרען אָנשטאָט דעם פריהערדיגען אופן צו זעען פון פולען הויפען, איז ער טאַקע בעגעגענט געוואָרען מיט אַ שטאַרקען אונצופרידען. בעת די כינעזער און יאַפּאַנעזער פּלעגען פאַר הונדערטע יאָהרען זעען ווייץ אין צייל׳ען מיט אַ באַמ־

בו־ראָהה, וואָס איז צוגעפּאַסט געוואָרען צום אַקער־אייזען, האָבען, פערשטעהט זיך, די אייראָפּעאישע שריפטשטעלער אויסגעזעצט אַנטקעגען דער מעטאָדע מיט דעם אויסרייד, אַז עס וועט אַוועקנעהמען צופיעל ארבייט. עס איז דיזעלביגע זאַך איצטער, ווען עס האַנדעלט זיך וועגען פלאַנצען יעדען זריעה־קערנדעל בעזונדער. די פאַך־שרייבער לאַכען דערפון, אָבוואויל גאָר די רייז, וואָס וואַקסט אין יאַפּאַן, ווערט געפּלאַנצט און א פ י ל ו א י ב ע ר ג ע פּ ל א נ צ ט. יעדער איינער אָבער, וואָס וועט איבערטראַכטען וויפיעל ארבייט עס מוז אַוועקגעהן אויף אַקערן, בראָנעווען, ארומצוימען און אויסרייניגען פון ווילדע גראָזען דריי אַקער ערד אָנשטאָט איין אַקער, און וואָס וועט אויך אויסרעכענען דעם חלוק אין די הוצאות אויף בעמיסטיגונג, וועט געוויס מודה זיין, אַז אַלע חשבונות רעדען צו גונסטען פון בעארבייטען איין אַקער אָנשטאָט דריי — שוין ניט צו רעדען פון די מעגליכקייטען וואָס מען קען פועל זיין דורך בעוועסערונג, אָדער דורך א פלאַנץ־מאַשין, וואָס וועט ערפונדען ווערען, אזוי גיך ווי עס וועט זיין א פאָדערונג פאר דעם.*

נאָך מעהר ווי דאָס: עס איז פאראַן גענוג גרונד צו גלויבען, אַז אפילו אַט די מעטאָדע קען נאָך ווייטער פערבעסערט ווערען מיט דער הילף פון א י ב ע ר פ ל א נ צ ו נ ג. תבואות וואָלטען אין אַזוינע פעלען בעהאַנדעלט געוואָרען ווי גרינסען ווערען בעהאַנדעלט אין האָרטיקולטור (גערטנעריי). דאָס איז וועניגסטענס די אידעע, וואָס האָט אָנגעהויבען ארויסשפּראָצען, זינט די מעטאָדען פון תבואה־קולטור, וואָס ווערען אָנגעווענדעט אין כינאַ און יאַפּאַן, זיינען בעסער בעקאַנט געוואָרען אין אייראָפּאַ. (זעה אָנהאַנג ס.)

די צוקונפט — די נ אָ ה ע נ ט ע צוקונפט, האָף איך — וועט בעווייזען, וואָס פאר א פּראַקטישע בעדייטונג אַזאַ מעטאָדע פון קולטיווירען תבואות קען האָבען. מיר דארפען אָבער גאָר ניט ספּעקולירען וועגען דער דאָזיגער צוקונפט. מיר האָבען שוין איצטער, אין די פאַקטען וואָס זיינען געבראַכט געוואָרען אין דעם קאַפּיטעל, אַן עקספּערימענטאַלען באַזיס פאר א היבשער צאָהל מיטלען ווי אזוי צו פערבעסערן אונזערע היינטיגע מעטאָדען פון

---

* זעה אָנהאַנג נ.

קולטיווירונג און ווי אזוי פיעל צו פערגרעסערן די גערעטענישען. עס פערשטעהט זיך, אַז אַלץ וואָס איך קען געבען אין אַ בוך, וואָס איז ניט געמיינט צו זיין אַ האַנד־בוך פון אַגריקולטור, איז נאָר עטליכע אָנדייטונגען, וואָס זאָלען מאַכען דעם לעזער אַליין נאָכדענקען וועגען דעם ענין. דאָס ביסעל אָבער, וואָס איז דאָ געזאָגט געוואָרען, איז גענוג צו בעווייזען, אַז מיר האָבען קיין רעכט ניט צו בעקלאָגען זיך אויף אַן איבערבעפעלקערונג, און קיין גרונד ניט מורא צו האָבען דערפאר אין דער צוקונפט. אונזערע מיטלען אויף צו בעקומען פון דער ערד אַלץ וואָס מיר בדויכען, אונטער י ע ד ע ן קלימאַט און אויף י ע ד ע ן באָדען, זיינען די לעצטע צייט פערבעסערט געוואָרען אין אַזאַ מאָס, אַז מיר קענען נאָך ניט פאָראויסזעהן וואו צו שטעלען דעם גרעניץ צו דער פּראָדוקטיוויטעט פון עטליכע אַקער לאַנד. דער גרעניץ פערשווינדט אַלץ מעהר, וואָס בעסער מיר שטודירען דעם געגענשטאַנד, און יעדעס יאָהר מאַכט, אַז ער זאָל אַלץ ווייטער און ווייטער פערשווינדען פון אונזער בליק.

קאַפּיטעל V.

די מעגליכקייטען פון אַגריקולטור.

(פאָרטגעזעצט)

די אויסשפּרייטונג פון האַנדעלס-גערטנעריי און פרוכט-קולטיווירונג: אין פראַנקרייך; אין די פעראייניגטע שטאַאַטען. — קולטיווירונג אונטער גלאָז. — געמיזען-גערטנער אונטער גלאָז. — קולטיווירונג אין געוואָרעמטע הייזער: אין גערנסעי און דזשערסיע; אין בעלגיען. — שלוס.

איינער פון די אינטערעסאַנטסטע שטריכען פון דער היינטיגער ענטוויקלונג פון אַגריקולטור איז די לעצטענס פאָרגעקומענע פערשפּרייטונג פון אינטענסיווער האַנדעלס-גערטנעריי פון דעם אייגענעם סאָרט, וואָס איז בעשריבען געוואָרען אין דריטען קאַפּיטעל. דאָס וואָס איז פריהער געווען בעשרענקט אויף עטליכע הונדערט קליינע גאָרטענס, שפּרייט זיך איצטער אויס מיט אַ וואונדערבאַרער שנעלקייט. אין ענגלאַנד האָט דער שטח פון האַנדעלס-גאָרטענס זיך מעהר ווי פערדאָפּעלט אין די יאָהרען פון 1879 ביז 1894, ווען ער האָט געגרייכט 88,210 אַקער, און ווערט שטענדיג אַלץ גרעסער.* הויפּטזעכליך אָבער האָט זיך אָט דער קולטור-צווייג שטאַרק ענטוויקעלט אין פראַנקרייך, בעלגיען און אַמעריקאַ. (זעה אַנהאַנג ע.)

ביי היינטיגען טאָג גיט זיך אָב אין פראַנקרייך ניט ווייניגער ווי 1 מיליאָן מיט 75 טויזענד אַקער אויף האַנדעלס-גערטנעריי און אינטענסיווער פרוכט-קולטור, און עס איז אויסגערעכענט געוואָרען מיט עטליכע יאָהר צוריק, אַז דער דורכשניט הכנסה פון יעדען אַקער, וואָס ווערט אָבגעגעבען אויף די דאָזיגע קולטורען, בעטרעפט 33 פונט מיט 10 שילינג.** דער כאַראַקטער פון די דאָזיגע קול־

---

* טשאַרלז ווהייטהעד „פונקטען וועגען גרינס-און פרוכט-פאַרמעריי" (ענג.), לאָנדאָן, 1890; „דהי גאַרדנער'ס כראָניקל" 20טען אַפּריל, 1895.

** שאַרל באַלטע „די האָרטיקולטור אין די 5 וועלט-טיילען" (פראַנצ.), פּאַריז, 1895.

טורען, ווי אויך די קענטעניש וואָס ווערט דערביי ארויסגעוויזען און די ארבייט וואָס ווערט אָבגעגעבען אויף דעם, וועלען זיך אָמבעסטען ארויסצייגען דורך די פאָלגענדע ביישפּיעלען.

ארום ראָסקאָף, וואָס איז אַ גרויסער צענטער אין ברעטאַן פאַר עקספּאָרט קיין ענגלאַנד פון אַזוינע קארטאָפעל, וועלכע האַלטען זיך ביז שפּעט אין זומער, ווי אויך פון אַלע סאָרטען גרינסען, ווערט אָבגעגעבען אַ טעריטאָריע פון 26 מייל אין דיאַמעטער איינגאַנצען פאַר אַזוינע קולטיווירונגען, און די רענטע גרייכט ביז 5 פונט סט. פער אַקער און נאָך מעהר. ארום 300 דאַמפּער קומען אָן אין ראָסקאָף אוועקצופיהרען קארטאָפעל, ציבעלעס און אַנדערע גרינסען קיין לאָנדאָן און אַנדערע ענגלישע האַפענס, אַזוי ווייט צו צפון ווי ניו־קאַסעל. אויסערדעם ווערען ביז 4000 טאָן גרינסען יעדען יאָהר אוועקגעשיקט קיין פּאַריז.* און אָבוואוויל די ראָסקאָף־האַלבאינזעל האָט אַ ספּעציעל ווארעמען קלימאַט, פון דעסטוועגען זיינען אומעטום אויפגעבויט קליינע שטיינערנע ווענט און מען לאָזט וואקסען אויף זיי ראָהר־געוויקסען, כדי די גרינסען זאָלען האָבען מעהר בעשיצונג און ווארעמקייט.** דער קלימאַט ווערט פערבעסערט, אַזוי גוט ווי דער באָדען.

אין דער נאָכבארשאַפט פון שערבורג ווערען די בעסטע גרינסען פּראָדוצירט אויף אַ שטיק לאַנד, וואָס מען האָט אָבגענומען פון ים — אריבער 800 אַקער פון דעם לאַנד ווערען אָבגעגעבען אויף קארטאָפעל, וואָס מען עקספּאָרטירט קיין לאָנדאָן; נאָך 500 אַקער ווערען אָבגעגעבען אויף בלומען־קרויט; 125 אַקער אויף רויזען־קרויט א. אז. וו. קארטאָפעל וואָס וואקסען אונטער גלאָז ווערען אויך געשיקט אין לאָנדאָן אויפ'ן מארק פון מיטען אַפּריל אָן, און דער סך הכל פון די גרינס־עקספּאָרטען פון שערבורג קיין ענגלאַנד דערגרייכען 300 טויזענד צענטנער, און פון דעם קליינעם האַפען בארפלעור ווערען נאָך אַ 100 טויזענד צענטנער אוועקגעשיקט קיין ענגלאַנד און אַן ערך פון 60 טויזענד צענטנער קיין פּאַריז. יאָ, אַ גאָר קליינע געמיינדע, סירטענוויל, נעבען שערבורג, מאַכט 2,800

* שאַרל באַלטע, דאָרט גופא.

** אַרדואין דומאַזע, „אַ רייזע דורך פראַנקרייך" (פראַנצ.), באַנד 5, ז. 10.

פונט סט. פון גארטענס וואס פערנעהמען 180 אקער. זיי נעהמען אראב דריי גערעטעניש‍ען יעדען יאהר: קרויט אין פעברואר, דערנאך פריהע קארטאפעל און פערשיידענע גערעטענישען אין הערבסט — שוין ניט צו רעדען פון די „אראבגעבאפטע" שנעל־געוויקסען (קעטש־קראפס).

ווען איהר געפינט זיך אין פלוסטאגעל קענט איהר קוים גלויבען, אז איהר זייט אין א געגענד פון ברעטאן. קאוואנעס פלעגען אין דעם דאזיגען פלאץ נאך פון אלטע יאהרען וואקסען אויף די אפענע פעלדער אונטער גלעזערנע קאסטענס צו בעשיצען זיי פון די פריהלינג־פרעסטלעך, און גרינע ארבעס פלעגען וואקסען אונטער דער בעשיצונג פון צייל‍ען דערנער, וועלכע האבען זיי בעשירעמט פון די צפון־ווינטען. איצטער זיינען גאנצע פעלדער בעדעקט מיט פאזעמקעס, רויזען, פיילכען, קארשען און פלוימען, ארונטער ביז צום סאמע ברעג פון ים.* אפילו די „לאנדעס" (זומפיגע גראז־פלעצער) ווערען בעארבייט, און מען פערזיכערט אונז, אז אין וועלכע עס איז 5 יאהר וועלען גאר מעהר קיין „לאנדעס" ניט זיין אין יענער געגענד. אפילו די בלאטעס פון דאל — „די ברעטאנער האללאנד" — וועלכע זיינען בעשיצט פון ים דורך א דאם, זיינען פערוואנדעלט געווארען אין האנדעל־גארטענס, וואס זיינען בעדעקט מיט בלומען־קרויט, ציבעלעס, רעטעך, בעבלעך א. ד. ג. און אן אקער פון דעם דאזיגען לאנד בריינגט איין א רענטע פון 2 פונט 10 שילינג ביז 4 פונט סט.

מען קען אויך דערמאנען די נאכבארשאפט ארום נאנטעס. גרינע ארבעס ווערען דארט קולטיווירט אויף א זעהר גרויסען מאסשטאב. א גאנצע ארמעע ארבייטער, דערהויפט פרויען און קינדער, קלייבען די ארבעס אין די מאנאטען מאי און יוני. די וועגען וואס פיהרען צו די גרויסע איינגעמאכטס־פאבריקען זיינען אין געוויסע שטונדען בעדעקט מיט גאנצע צייל‍ען וואגענס, איין צייל פיהרט די ארבעס און די ציבעלעס אין פאבריק, און אנאנדער צייל פיהרט צוריק די ליידיגע סטרוטשעס, וועלכע מען געברויכט אויף בעמיסטיגונג. צוויי מאנאט נאכאנאנד געהען די קינדער ניט אין די שולען; און ווען אין די פויערימשע פאמיליען פון דער נאכ־

---

* ארדואין דומאזע, „א רייזע דורך פראנקרייך", ב. 5, ז. 200.

בארשאפט קומט פאר א פראגע וועגן מאכען עפעס א הוצאה, איז דער געוועהנליכער ענטפער: „ווארט ביז דער סעזאן פון די גרינע ארבעס וועט אנקומען".

ארום פאריז ווערען אבגעגעבען ניט ווייניגער ווי 50 טויזענד אקער פאר דער פעלד־קולטיווירונג פון גרינסען און 25 טויזענד אקער פאר דער אינטענסיווער קולטור פון דיזעלביגע גרינסען. 60 יאהר צוריק האט שוין די יעהרליכע רענטע, וואס די האנדעלס־גערטנער האבען געצאהלט, געגרייכט אזוי הויך ווי 18 און 24 פונט סט. פער אקער, און דאך איז זי נאך געשטיגען, אזוי גוט ווי עס איז געשטיגען די ברוטא־איינגאהמע, וועלכע איז געשאצט גע־ווארען פון קורטוא זשערארד אויף 240 פונט סט. פער אקער פון די גרעסערע גארטענס, און צוויי מאל אזויפיעל פון די קלענערע, אין וועלכע פריהע גרינסען וואקסען אין קאסטענס.

די פרוכט־קולטור אין די פאריזער נאכבארשאפטען איז פונקט אזוי וואונדערבאר. אין מאנטרעיל, צ. ב. ש., זיינען 750 אקער, וואס געהערען צו 400 גערטנער, בוכשטעבליך בעדעקט מיט שטיי־נערנע ווענט, ספעציעל געבויט פאר דער קולטיווירונג פון די פרוכטען, און מאכען אוים צוזאמען די לענג פון 400 מייל. אויף אט די ווענט שפרייטען זיך אוים פערסיקעס־בוימער, בארנבוימער און וויינשטאקען, און זיי קלייבען אראב יעדען יאהר אן ערך פון 12 מיליאן פערסיקעס, ווי אויך א היבשע סומע פון די בעסטע בארען און טרויבען. יעדער אקער אין דעם צושטאנד ברייננגט אריין 56 פונט סט. אט אזוי האט מען געמאכט א „ווארעמען קלימאט", אין דער צייט בעת די גלאז־בעדעקטע קאסטענס זיינען נאך געווען א צו־טייערע לוקסוס־זאך. אלע צוזאמען זיינען 1,250 אקער נאהענט ארום פאריז פערנומען מיט פערסיקעס־בוימער (און גיבען ארוים 25 מיליאן פערסיקעס א יאהר). אקער נאך אקער זיינען אויך בעדעקט מיט בארנבוימער, וועלכע גיבען פון 3 ביז 5 טאן פרוכט פער אקער, און אזא גערטנעניש ברייננגט אריין פון 50 ביז 60 פונט סט. נאך מעהר, אין אנזשער, אויפ'ן לואר, וואו די בארען ווערען צייטיג מיט 8 טעג פריהער איידער אין די פארשטעדט פון פאריז, דער־צעהלט באלטע פון א סאד, 5 אקער די גרוים, פון בארען (פיראמידען־בוימער), וועלכער ברייננגט אריין 400 פונט סט. יעדען יאהר; און איין בארען־פלאנטאציע, 33 מייל ווייט פון

פאריז, ברייננט אריין 24 פונט סט. פער אקער — שוין אראב־רעכענענדיג די הוצאות פון פאקען, טראנספארטירען און פער־קויפען. דאס גלייכען גיבען די פלוימען־פלאנטאציעס — 80 טוי־זענד צענטנער פלוימען ווערען פערברויכט יעדען יאהר אין פאריז אליין — א יעהרליכע הכנסה פון 29 ביז 48 פונט סט. פער אקער; און דאך קריגט מען אין פאריז פרישע, זאפטיגע בארען, פלוימען און קארשען אזוי ביליג, אז די ארימע קענען אויך עסען פרישע, היימיש־געוואקסענע פרוכטען.

אין דער פראווינץ אנזשו קען מען זעהן, ווי א שווערער ליים־באדען, וועלכער איז אויסגעבעסערט געווארען מיט זאמד פון דער לואר און מיט מיסט, איז אין דער נאכבארשאפט פון אנזשער, און ספעציעל אין סאן־לא, פערוואנדעלט געווארען אין א באדען, וואס ברייננט איין א רענטע פון 2 פונט צעהן שילינג ביז 5 פונט דעם אקער, און אויף אט דעם באדען ווערען קולטיווירט פרוכטען, וועלכע זיינען פאר עטליכע יאהר עקספארטירט געווארען קיין אמעריקא.* אין בענעקור, א קליין דערפיל פון 850 איינוואוינער, קען מען זעהן וואס דער מענש קען מאכען פון א העכסט־אונפרוכט־בארען באדען. גאר ניט לאנג צוריק זיינען די משופע'דיגע אב־האנגען פון זיינע בערגלעך געוועזן מעהר גארנישט ווי שטיין־ברוכען, פון וועלכע מען האט אויסגעהאקט די שטיינער פאר די פאריזער ברוקען. היינט זיינען די דאזיגע אבהאנגען אינגאנצען בעדעקט מיט אפריקאזען־און קארשען־בוימער, מיט שווארצע יאגדעס־שטרוי־כען און אספאראגוס־פלאנצונגען, מיט גרינע ארבעס און דערגליי־כען. אין יאהר 1881 האט מען פון דעם דערפיל פערקויפט אפרי־קאזען אליין פאר 5,600 פונט סט.. און מען דארף ניט פערגעסען, אז אין די נאכבארשאפטען פון פאריז איז די קאנקורענץ אזוי שארף, אז פערשפעטיגען אויף 24 שטונדען ארויסצושיקען די אפ־ריקאזען אויפ'ן מארק מיינט א פערלוסט פון 8 שילינג, אדער א זיעבעטיל פון פערקויף־פרייז אויף יעדען צענטנער.**

---

* באדרילאר, „די אגריקולטור־בעפעלקערונג פון פראנקרייך": אנזשו, ז. 70 און 71.

** די גאנצע פראדוקציאן פון דעזערט־פרוכט, ווי אויך פון גע־טריקענטע און מארינירטע פרוכטען, אין פראנקרייך, איז אין יאהר

אין פערפינאַן קולטיווירט מען גרינע אַרטישאָקען — אַ ליעב־לינגס־געמיזע אין פראַנקרייך — פון אָקטאָבער ביז יוני, אויף אַ שטח וואָס פערדעקט 2,500 אַקער, און די נעטאָ־הכנסה ווערט גע־שאַצט אין 32 פונט סט. פער אַקער. אין צענטראַל־פראַנקרייך ווערען די אַרטישאָקען קולטיווירט אַפילו אויף די פרייע פעלדער, און פונדעסטוועגען ווערען די גערעטענישען געשאַצט (לויט באַלטע) אין דעם ווערטה פון 48 ביז 100 פונט סט. פער אַקער. אין לוארע בעקומען 1,500 גערטנער, וועלכע בעשעפטיגען אָפּטמאָל 5000 אַר־בייטער, גרינסען אין דעם ווערטה פון 400 טויזענד ביז 480 טויזענד פונט סט., און זייערע יעהרליכע אויסגאַבען אויף מיסט איז 60 טויזענד פונט סט. אַט די ציפער אַליין איז דער בעסטער ענטפער פאַר די, וואָס האָבען ליעב צו רעדען וועגען דער אויסערגעוועהנ־ליכער פרוכטבאַרקייט פון באָדען, יעדען מאָל וואָס זיי הערען וועגען אַ געוויסען ערפאָלג אין אַגריקולטור. אין ליאָן ווערט אַ בעפעל־קערונג פון 430 טויזענד איינוואוינער אינגאַנצען בעזאָרגט מיט גרינסען דורך די אַרומיגע גערטנער. דאָס אייגענע אויך אין אַמיען, וועלכע איז אַנאַנדער גרויסע אינדוסטריעלע שטאָדט. די בעצירקען אַרום אָרלעאַן בילדען נאָך אַ גרויסען מיטעלפונקט פאַר האַנדעלס־גערטנעריי, און עס איז בעזונדער ווערטה צו בעמערקען, אַז די אָרלעאַנער קוסטאַרניקעס בעזאָרגען אַפילו אַמעריקאַ מיט גרויסע צאָהלען יונגע ביימער.*

עס וואָלט פערנומען אַ גאַנצען בוך צו בעשרייבען די הויפּט־צענטערס פון האַנדעלס־גערטנעריי און פרוכט־קולטיווירונג אין פראַנקרייך; איך וועל דעריבער דערמאָנען בלויז נאָך איין ראַיאָן, וואו גרינסען־און פרוכט־קולטיווירונג געהען האַנד אין האַנד. דער ראַיאָן ליעגט ביי די ברעגעס פון דעם רהאָן, אַרום וויאַן, אַ שמאָלער פאַס לאַנד, וואָס בעשטעהט טיילוויז פון גראַנאַט־שטיינער, וועל־כער איז איצטער געוואָרען אַ גאָרטען פון אַן אונגלויבליכער רייכ־

1876 געשאַצט געוואָרען אין 84 טויזענד טאָן, וואָס האָט בעטראָפען אַן ערך פון 3 ביליאָן פראַנק — מעהר ווי אַ העלפט פון דער קריעג־קאָנ־טריבוציע, וואָס דייטשלאַנד האָט ארויפגעלעגט. זינט דעם יאָהר 1876 האָט די פּראָדוקציאָן נאָך געמוזט זיך פיעל פערגרעסערן.

* אַרדואַין דומאַזע, באַנד 1, ז, 204.

קייט. דער אורשפרונג פון דעם דאזיגען רייכטום, דערצעהלט אונז ארדואין דומאזע, שטאמט פון א צייט, עטליכע און דרייסיג יאהר צוריק, ווען די וויינגערטנער, וואס זיינען חרוב געווארען דורך די פיללאקסעראַ (אזוינע פלאנץ־לייז), האבען געמוזט צערשטערט ווערען און מען האט געמוזט זיך נעהמען פאר אנאנדער סארט קולטיווירונג. אין יענער צייט האט דאס דערפיל אמפואי געקריגען א שם פאר זיינע אפריקאזען. איצטער איז דער גאנצער געגענד, פולע 100 מייל פאזשע דעם רהאן און אין די זייטיגע טהאלען פון דעם ארדעש און דעם דראם, איין פראכטפולער סאד, פון וועלכען עס ווערען עקספארטירט פרוכטען אין ווערטה פון מיליאנען, און דאס לאנד האט דערגרייכט א פערקויף־פרייז פון 325 ביז 400 פונט סט. אן אקער. קליינע שטיקער לאנד ווערען נאכאנאנד געוואונען פאר קולטיווירונג אויף יעדען שפיץ פעלז. אויף ביידע זייטען פון די וועגען זעהט מען פלאנטאציעס פון אפריקאזען־און קארשען־בוימער, און צווישען די ראנדען בוימער וואקסען פריהע בעבלעך און ארבעס, פאזעמקעס, און אלערליי סארטען פריהע גרינסען. אין פריהלינג פילט אן דער איידעלער פערפיום פון די בליהענדע אפריקאזען־בוימער דעם גאנצען טהאל־געגענד. פאזעמקעס, קארשען, אפריקאזען, פערסיקעס און וויינטרויבען קומען כסדר שנעל איינע נאך די אנדערע, און אין דערזעלביגער צייט ווערען ארויסגעשיקט אנגעלאדענע וואגענס מיט פראנצויזישע בעבלעך, סאלאטען, קרויטען, פאררע און קארטאפעל אין די אינדוסטריעלע שטעדט פון דעם ראיאן. עס איז אונמעגליך אבצושאצען די צאהל און דעם ווערטה פון אלץ וואס עס וואקסט אין דער דאזיגער געגענד. עס איז גענוג צו זאגען, אז א גאנץ קליינינקע געמיינדע, סאן דעזירא, האט אין דער צייט פון ארדואין דומאזע׳ס בעזוך עקספארטירט ארום 200 צענטנער קארשען יעדען טאג. *

די רעזולטאטען פון דער דאזיגער ענטוויקלונג זיינען איינפאך ערשטוינענד. עס האט זיך ארויסגעשטעלט פון אן אונטערזוכונג, וואס די פראנצויזישע פראפעסארען פון אגריקולטור האבען געמאכט

---

* ארדואין דומאזע, באנד 7, ז. 124 און 125.

אין יאהר 1906, אז דער יעהרליכער עקספארט פון פרישע בלומען פון דעם דעפארטאמענט פון די אלפען מאריטים גרייכט אזוי הויך ווי 400 טויזענד פונט סט., און אז דער ארויספיהר פון בלומען אויף פערפיום גיט אויסער דעם א סומע פון 280 טויזענד ביז 320 טויזענד פונט סט. א יאהר.* פון דעם דעפארטאמענט וואר זיינען 3,475 טאן בלומען, וואס האבען בעטראפען פון 160 טויזענד ביז 200 טויזענד פונט סט., עקספארטירט געווארען אין יאהר 1902.

די לעזער, וועלכע ווילען מעהר וויסען וועגען דער פערברייטונג פון האנדעלס-גערטנעריי אין פערשיידענע לענדער, מוז איך אבשיקען צו שארל באלטע׳ס ווערק, און איך וועל דא בלויז דערמאנען בעלגיען און אמעריקא.

די גרינס-עקספארטען פון בעלגיען האבען זיך פערדאפעלט אין די לעצטע צוואנציג יאהר פון פאריגען יאהרהונדערט, און גאנצע ראיאנען, ווי פלאנדערן, מיינען אז זיי מעגען זיך רופען די האנדעל-גארטענס פון ענגלאנד; איין הארטיקולטורעלע געזעלשאפט האט זיך גענומען אפילו צו פערטיילען אומזיסט די זריעה פון די גרינסען, וואס ווערען פיעל געברויכט אין ענגלאנד, כדי צו פערגרעסערען דעם עקספארט. ניט נאר די בעסטע שטיקער לאנד ווערען אבגעגעבען פאר דעם צוועק, נאר אפילו די זאמד-וויסטעניש פון די ארדענען און די טארף-בלאטעס ווערען פערוואנדעלט אין רייכע האנדעל-גארטענס, און גרויסע פלאנצען (צ. ב. ש. אין האערען) ווערען בעוועסערט פאר דעמזעלביגען צוועק. צעהנדליגע שולען, עקספעטימענטאלע פארמס און קליינע עקספערימענטאלע סטאנציעס, אבענד-לעקציעס א. ד. ג. ווערען געעפענט פון די געמיינדען, פריוואטע געזעלשאפטען און דעם שטאאט, כדי צו הויבען די אגריקולטור, און הונדערטע אקער לאנד זיינען בעדעקט מיט טויזענדער גלאז-הייזער.

דא זעהען מיר איין קליינע געמיינדע עקספארטירט 5,500 טאן קארטאפעל און פאר 4000 פונט סט. בארען נאך סטראטפארד און שאטלאנד, און האלט אן צוליב דעם צוועק אן אייגענע דאמפערליניע. אנאנדער געמיינדע פערזארגט צפון-פראנקרייך און די

---

* אזשע-לאריבע „די ענטוויקלונג פון אגריקולטורעלען פראנקרייך“ (פראנצ.) פאריז.

רהיין־פּראָווינצען מיט פּאַזומקעס, און אַ ביסעל שיקט זי אַפּטמאַל אויך אין קאָווענט־גאַרדען. אנדערסוואו גיבען די פריהע מעהרען, וועלכע וואַקסען אינמיטען פון פלאַקס, גערשטען און ווייסע מאָהן, אַ גאַנץ היבשען צוגאָב צו דעם פּאַרמער'ס הכנסה. אין אַנאַנדער פּלאַץ דערוויסען מיר זיך, אַז לאַנד ווערט פּערדונגען מיט 24 און 27 פונט סט. דעם אַקער, ניט אויף צו קולטיווירען דאָרטען וויינ־טרויבען אָדער קאַוואָנעס, נאָר פּשוט אויף צו זעען ציבעלעס; אָדער אַז די גערטנער האָבען גאָר אינגאַנצען אויפגעהערט זיך צו פּאַטש־קען מיט אַזאַ „אַנשיקעניש" ווי דער נאַטירליכער באָדען פאַר זייערע קאַסטענס, און ציהען בעסער פאָר אַליין צו מאַכען זייער „שוואַרץ־ערד" פון פּאַלאָווינקעס, אַבפּאַלען פון גאַרבאַרנעס און האָנף־שטויב „אַנימאַליזירט" דורך פערשיידענע מיסטיגונגען.*

אין קורצען, בעלגיען, וועלכע איז איינע פון די הויפּט אינ־דוסטריע־לענדער פון אייראָפּא, ווערט איצט אויך איינע פון די הויפּט צענטערס פון גאָרטען־קולטיווירונג. (זעה אַנהאַנג פּ.)

דאָס אַנדער לאַנד, וועלכען די האָרטיקולטוריסטען מוזען ספּעציעל שיינקען זייער אויפמערקזאַמקייט, איז אַמעריקאַ. ווען מיר זעהען די בערג פּרוכטען, וואָס ווערען אימפּאָרטירט פון אַמעריקאַ, זיינען מיר גענויגט צו דענקען, אַז אין אַמעריקאַ וואַקסען די פרוכטען גאָר אַליין. אַ „פּראַכטפּולער קלימאַט", אַ „יונגפרוי־ליכער באָדען", „אונענדליכע רוימען" — דאָס זיינען די ווערטער, וואָס די צייטונגען בענוצען נאָכאַנאַנד וועגען אַמעריקאַ. דער אמת איז אָבער, אַז די האָרטיקולטור — אי האַנדעל־גערטנעריי, אי פרוכט־קולטיווירונג — איז אין אַמעריקאַ געבראַכט געוואָרען ביז צו אַ הויכען גראַד פון פּאַלקאָמענהייט. פּראָפּ. באַלטע, אַליין אַ פּראַקטישער גערטנער, וואָס קומט פון די קלאַסישע האַנדעלס־גאָר־טענס פון טרואַיע, בעשרייבט די „טראַק־פּאַרמס" פון נאָרפּאָלק, ווירדזשיניע, אַלס ווירקליכע „מוסטער־פּאַרמס". דאָס איז אַ הויכער קאָמפּלימענט פון מויל פון אַ פּראַקטישען „מאַרעשער", וועלכער האָט געלערנט פון קינדוויז אָן, אַז נאָר אין צויבערלאַנד וואַקסען די גאָלדענע עפּעל דורך אַ מאַך מיט'ן מכשף'ס צויבער־שטעקעל.

* שאַרל באַלטע, „די האָרטיקולטור א. אַז. וו." (פראַנצ.)

וואָס געהערט דער פאָלקאָמענהייט, צו וועלכער די עפּעל־קולטיווי־רונג איז געבראַכט געוואָרען אין קאַנאַדאַ; דער הילף, וואָס די עפּעל־קולטיווירער בעקומען פון די קאַנאַדער עקספּערימענטאַלע פאַרמס, און די מיטלען, וואָס מען נעהמט אָן, אויף אָן עכט אַמע־ריקאַנעם שטייגער, צו פערשפּרייטען אויסקונפטען צווישען די פאַר־מערס און פערזאָרגען זיי מיט נייע סאָרטען פרוכט־בוימער — דאָס אַלץ האָט מען בעסער דאָ אין ענגלאַנד געדאַרפט גענוי שטודירען, אַנשטאָט זיך אַליין איינצורעדען, אַז די אַמעריקאַנער העכערקייט קומט אַרויס פון דער מכשפה'ס גאָלדענע הענד. ווען מען וואָלט געטאָן אין ענגלאַנד אַ צעהנטען טייל פון דאָס וואָס ווערט געטאָן אין די שטאַאַטען און אין קאַנאַדאַ לטובת דער אַגריקולטור און האָרטיקולטור, וואָלטען די ענגלישע פרוכטען ניט פערטריבען גע־וואָרען אַזוי מיאוס פון מאַרק, ווי דאָס האָט פּאַסירט עטליכע יאָהר צוריק.

דער ערך, אויף וויפיעל די גאָרטען־קולטיווירונג איז פער־שפּרייט אין אַמעריקאַ, איז אונגעהייער. די „טראָק־פאַרמס" אַליין — דאָס הייסט, די פאַרמס, וועלכע אַרבייטען פאַר'ן עקספּאָרט פער אייזענבאהן אָדער שיפען — האָבען אין די שטאַאַטען, אין יאָהר 1892, פערנומען ניט וועניגער ווי 400 טויזענד אַקער. ביי די סאַמע טיערען פון שיקאַגאָ געפינט זיך איין פאַרם פון האַנדעלס־גערטנעריי, וואָס פערנעהמט 500 אַקער, פון וועלכע 150 אַקער ווערען אָבגעגעבען פאַר אוגערקעס, 50 אַקער פאַר פריהע אַרבעס, א. אַז. וו. בעת דער שיקאַגאָער אויסשטעלונג האָט אַ ספּעציעלער „סטראָבערים צוג" (אַ צוג וואָס האָט געפיהרט פּאַזעמקעס), צו־נויפגעשטעלט פון 30 וואַגאָנעס, אַריינגעפיהרט יעדען טאָג 324 טויזענד קוואָרט פון די דאָזיגע פריש־געקליבענע פרוכט; און עס גיבען טעג, ווען אַריבער צעהן טויזענד בושעל פּאַזעמקעס ווערען אימפּאָרטירט אין ניו יאָרק — דריי פערטעל פון דער דאָזיגער סומע קומט פון „טראָק־פאַרמס" פון ווירדזשיניע אויף דאַמפּערס.*

אָט דאָס קען אויפגעטאָן ווערען דורך אַ פערשטענדיגער פער־אייניגונג פון אַגריקולטור מיט אינדוסטריע, און עס איז קיין ספק ניט, אַז אין דער צוקונפט וועט עס דורכגעפיהרט ווערען נאָך אויף אַ גרעסערן מאַסשטאַב.

* שאַרל באַלטע, „די האָרטיקולטור, א. אַז. וו."

דערוויילע ווערט שוין געמאכט נאך א טריט פאָרווערטס, כדי צו בעפרייען די האָרטיקולטור פון דעם קלימאט. איך מיין די קולטיווירונג פון פרוכטען און גרינסען אין גלאָז־הייזער.

פריהער איז דאָס גלאָז־הויז געווען דער לוקסוס פון דעם רייכען פּאַלאַץ. מען האָט עס געהאַלטען אויף א הויכע טעמפּע־ראטור און עס האָט געדיענט צו מאכען דאָרט וואקסען אונטער אונזער קאַלטען הימעל די גאָלדענע פרוכטען און די בעצויבערענדע בלומען פון די דרום־לענדער. איצטער, דערהויפּט זינט דער פּאָרט־שריט פון דער טעכניק גיט די מעגליכקייט צו מאכען ביליגען גלאָז און פּראָדוצירען דאָס האָלצווערק, די ראַמען און שטאַנגען, דורך מאַשינעריע, ווערט דאָס גלאָז־הויז דער ריכטיגער פּלאַץ צו מאכען וואקסען פרוכט פאר די מיליאָנען און צו קולטיווירען די איינפאכע גרינסען. דאָס אריסטאָקראַטישע ווארעם־הויז, וואָס איז אָנגעפילט מיט די זעלטענסטע פרוכט־בוימער און בלומער, בלייבט; יא, עס פערשפּרייט זיך אפּילו אַלץ מעהר און מעהר פאר דער קולטיווירונג פון לוקסוס־זאכען, וועלכע ווערען אַלץ מעהר צוגענגליך פאר א גרעסערער צאָהל. אָבער נעבען איהם האָבען מיר דאָס פלעבעאישע גלאָז־הויז, וואָס ווערט געוואַרעמט נאָר א פּאָר מאָנאַט אין ווינטער, און נאָך א מעהר־עקאָנאָמיש געבויטען סאָרט, דאָס „קאַלטע גלאָז־הויז", וואָס איז אַן איינפאכער גלאָז־דאַך, — א גרויסער קאַלטער קאסטען, — און ער איז אָנגעפּאַקט מיט די בראָסטע גרינסען פון קיך־גאָרטען: די קאַרטאָפּעל, די מעהרען, די פראַנצויזישע בעבלעך, די אַרבעס א. ד. ג. די היטץ פון דער זון, וואָס געהט דורך דורכ'ן גלאָז, אָבער, קען ניט דורכ'ן זעלבען גלאָז פערלאָרען ווער־ען דורך אויסשטראהלונג, איז גענוג צו האַלטען עס אויף א זעהר הויכער טעמפּעראַטור אין פריהלינג און די ערשטע צייט פון זומער. א נייער סיסטעם פון האָרטיקולטור — דער האנדעלס־גאָרטען אונטער גלאָז — פערשטאַרקט זיך אויף דעם אופן גאַנץ שנעל.

דאָס גלאָז־הויז פאר קאָמערציעלע צוועקען איז אין גרונד גע־נומען פון בריטישער אָדער אפשר שאָטישער אָבשטאַמונג. שוין אין יאָהר 1851 האָט מר. טה. ריוועס פערעפענטליכט א בוך אונטערן נאָמען, „די גאָרטען־הייזער און די קולטיווירונג פון פרוכט־בוימער אונטער גלאָז"; און מר. ד. טאָמסאָן דער־צעהלט אונז אין דעם

„דזשורנאַל אָוו האָרטיקאַלטיור" (דעם 31טען יאנואר, 1889), אז ארום 50 יאָהר צוריק האָט א פלאַנצער אין צפון ענגלאַנד פערקויפט ווײַן־טרויבען אין פעברואר פאַר 25 שילינג א פונט, און אז דער קויפער האָט א טייל פון דעם געשיקט אין פּאַריז פאַר נאַפּאָלעאָן דעם דריטענס טיש, פאַר דעם פרייז פון 50 שילינג א פונט. „איצ־טער — האָט מר. טאָמסאָן צוגעלעגט — ווערען זיי פערקויפט פאַר א צעהנטיל אָדער א צוואַנציגסטיל פון די פריהערדיגע פרייזען. ביליגע קויהלען — ביליגע ווײַנטרויבען; דאָס איז דער גאַנצער סעקרעט."

גרויסע ווײַנטרויבען־הייזער און אונגעהייערע פלעצער צו מאַכען וואַקסען בלומען אונטער גלאָז זיינען איינגעפיהרט אין ענגלאַנד פון לאַנג אָן, און נייע הייזער ווערען נאָכאַנאַנד געבוים אויף א גרויסען מאַסשטאַב. גאַנצע פעלדער זיינען בעדעקט מיט גלאָז אין טשעשונט, אין בראַקסבורן (50 אַקער), אין פינטשלעי, אין בעקסלעי, אין סוואַנלעי, אין וועסטמאָן און אזוי ווייטער, שוין ניט צו רעדען פון שאָטלאַנד. וואָרטהינג איז אויך א גוט־בעקאַנטער צענטער פאַר פּראָדוצירען ווײַנטרויבען און טאָמאַטאָס; און די גלאָז־הייזער, וואָס זיינען אָבגעגעבען פאַר בלומען און פאַרנס אין אַפּער־עדמאָנטאָן, אין טשעלסי, אין אָרפינגטאָן און אז. וו. האָבען א רעפּוטאַציע איבער דער גאַנצער וועלט. און די טענדענץ איז, פון איין זייט, צו ברייננען די טרויבען־קולטור צו דעם העכ־סטען גראַד פון פאָלקאָמענהייט, און פון דער אַנדער זייט, צו בעדעקען אַקער נאָך אַקער מיט גלאָז אויף צו מאַכען וואַקסען טאָמאַטאָס, פראַנצויזישע באָב און ארבעס, און דערנאָך וועט אָהן צווייפעל קומען די קולטיווירונג פון נאָך פּראָסטערע גרינסען. די דאָזיגע בעוועגונג, ווי מיר וועלען זעהן ווייטער, איז זיך שטענדיג געוואַקסען די לעצטע צוואַנציג יאָהר.

דאָך אָבער, די פיהרערשאַפט אין דער ענטוויקלונג פון גלאָז־הויז־קולטיווירונג געהערט נאָך אַלץ צו די קאַנאַל־אינזלען און צו בעלגיען. דער שטאָלץ פון דזשערסיע איז, פערשטעהט זיך, מר. באשפּאָרד'ס פּלאַץ. ווען איך האָב איהם בעזוכט אין יאָהר 1890, האָט ער געהאַט 490 טויזענד קוואַדראַט־פוס אונטער גלאָז — דאָס איז כמעט 13 אַקער — אָבער פון יענער צייט זיינען צוגעקומען נאָך 7 אַקער אונטער גלאָז. א לאַנגע רייה גלאָז־הייזער, צווישען

וועלכע עס וואַרפען זיך דורך הויכע קוימענס, בערעקט דאָס לאַנד — דאָס גרעסטע פון די הייזער איז 900 פוס לאַנג און 46 פוס ברייט; דאָס מיינט, אַז כמעט איין אַקער לאַנד איז בעדעקט מיט גלאָז אין איין שטיק. דאָס גאַנצע איז זעהר סאָליד געבויט: גראַניט־שטיינערנע ווענט, זעהר הויך, דיק, „27 אונציגער גלאָז“ (דריי פּעננים דיק *) ווענטילאַטאָרס, וואָס עפענען זיך אויף אַ לענג פון 200 ביז 300 פוס אַ רוק מהווענדיג איין הענטעל, א. אַז. וו. און דאָך, ווי די אייגענטימער האָבען געזאָגט, האָט אפילו דאָס טייערסטע הויז געקאָסט וועניגער ווי אַ שילינג פּער קוואַדראַט פוס גלאָז (13 פּעננים קאָסט אַ קוואַדראַט פוס לאַנד), און די אַנדערע הייזער האָבען געקאָסט נאָך פיעל וועניגער ווי דאָס. דער געוועהנליכער קאָסט פון אַ קוואַדראַט־פוס גלאָז, ** אָהן דעם הייצאַפּאַראַט, איז פון 5 ביז 9 פּענס — 6 פּענס איז דער געוועהנליכער פּרייז פאַר די איינפאַכע גלאָז־הייזער.

עס איז אָבער קוים מעגליך צו געבען אַ בעגריף פון אַלץ וואָס עס וואַקסט אין די דאָזיגע גלאָז־הייזער, ניט צייגענדיג קיין פאָטאָגראַפיעס פון זייער אינעווענינגסטען אויסזעהן. אין יאָהר 1890 האָט מען אין מר. באַשפאָרד'ס וויינטרויבען־הייזער אָנגעהויבען שניידען פּאַרטרעפליכע טרויבען דעם 3טען מאַי, און דאָס גערעטעניש האָט אָנגעהאַלטען ביז אָקטאָבער. אין אַנדערע הייזער האָט מען שוין געהאַט אָבגעקליבען גאַנצע וואָגענס מיט אַרבעס, און מען האָט זיך געגרייט צו פערזעצען טאָמאַטאָס גלייך ווי דאָס הויז וועט ווערען גרינדליך אויסגערייניגט. די 20 טויזענד טאָמאַטאָ־פּלאַנצען, וואָס מען האָט זיך געגרייט צו פערזעצען, האָבען געדאַרפט געבען ניט וועניגער ווי 80 טאָן אויסגעצייכענטע פּרוכט (פון 8 ביז 10 פונט פון יעדער פּלאַנץ). אין אַנדערע הייזער זיינען געוואַקסען קאַוואָנעס אנשטאָט די טאָמאַטאָס. 30 טאָן פריהע קאַרטאָפעל, 6 טאָן פריהע אַרבעס און 2 טאָן פריהע פראַנצויזישע בעבלעך, זיינען שוין אַרויסגעשיקט געוואָרען אין אַפּריל. וואָס

* אין די ביליגערע גלאָז־הייזער ווערט געברויכט אַ 21 אונציגער גלאָז, אָדער אפילו אַ 15 אונציגער.

** עס רעכענט זיך מעסטענדיג די הויך פון די פאָדערשטע און הינטערשטע ווענט און די לענג פון די צוויי אָבהאַנגען פון דאַך.

געהערט די װײַנטרױבען־הײַזער, האָבען זײ געגעבען ניט װעניגער װי 25 טאָן װײַנטרױבען יעדען יאָהר. א חוץ דעם זײַנען זעהר פיעל אַנדערע זאַכען געװאַקסען אױפ׳ן פרײַען פעלד, אָדער אַלס „אָרבּגעבאַפּטע" געװיקסען, און אַט די גאַנצע סומע פּרוכטען און גרינסען איז געװען דער רעזולטאַט פון דער אַרבײַט פון בלױז 36 מענער און אינגלעך, אונטער דער אױפזיכט פון אַן אײנציגען גערטנער — דעם אײגענטימער אַלײן, הגם דער אמת איז, אַז אין דזשערסיע און ספּעציעל אין גערנסעי, איז יעדער אײנער אַ גערט־נער. אַרום 1000 טאָן קאָק־קױהלען איז אַװעקגעגאַנגען צו בע־הײצען די דאָזיגע הײַזער. מר. װ. בער, װעלכער האָט בעזוכט דעמזעלביגען פּלאַץ אין יאָהר 1886, איז געװען גאַנץ גערעכט, װען ער האָט געזאָגט, אַז זײ האָבען בעקומען פון די דאָזיגע 13 אַקער דיזעלביגע געלד־הכנסה װיפיעל אַ פאַרמער װאָלט בעקומען פון 1300 אַקער לאַנד.

עס איז כמעט איבעריג צו זאָגען, אַז מר. רידער האַגגאַרד, װעלכער האָט בעזוכט דזשערסיע און גערנסעי אין יאָהר 1901, האָט װעגען די צװײ אינזלען געגעבען די אײגענע ענטוזיאַסטישע בע־שרײַבונג, װי זײַנע פאָרגענגער. „איך קען נאָר זאָגען צום שלוס — האָט ער געשריבען — אַז װאָס געהערט צו מיר, בין איך דאָ (אין דזשערסיע), װי אין גערנסעי, פּשוט געװען איבערראַשט פון דעם װאױלשטאַנד, װאָס איך האָב דאָ געפונען. אַז אַזאַ קלײנער שטח לאַנד זאָל אַרױסגעבען אַזױפיעל רײַכקײט, איז אײנפאַך צום ערשטױנען. עס איז אמת, װי איך האָב בעװיזען, אַז דער װאָס פרעגט זיך נאָך, הערט װי אײניגע קלאָגען זיך און שרעקען זיך אַ ביסעל פאַר דער צוקונפט; אָבער װען ער זעהט איבער אַלעם דעם אַ קלײן שטיק לאַנד פון 23⅓ אַקער, װי דעם װאָס איך האָב גע־בראַכט אַלס בײַשפּיעל, און ער הערט אַז גאָר ניט לאַנג צוריק איז עס פערקױפט געװאָרען אױף אַ ליציטאַציע פאַר 5,760 פונט סט., ניט צום צװעק פון בױען אױף דעם הײַזער, נאָר צו קולטיװירען אױף דעם קאַרטאָפעל — מעג ער, דאַכט מיר, ציהען זײַנע אײגענע שלוסען װעגען דער לאַגע". עס איז ניט נױטיג צוצולעגען, אַז מר. האַגגאַרד, װי אַלע פריהערדיגע פאָרשער, פּטור׳ט אַװעק די לעגענדע פון אױסערגעװעהנליכער נאַטירליכער פּרוכטבאַרקײט

פונ׳ם באָדען, און צייגט, וויפיעל עס קאָסט אָב צו בעקומען די שווערע גערעטענישען פון קארטאָפעל. *

יעדענפאלס, די שענסטע רעזולטאַטען, אפשר, קען מען גאָר זעהן אין די קליינע „וויינטרויבען־הייזער". ווען איך בין דורכ־געגאנגען אזוינע גלאָז־בעדעקטע קיך־גערטנער, האָב איך נאָר גע־מוזט בעוואונדערן אָט דעם נייעם נצחון פון מענשען. איך האָב געזעהן, צ. ב. ש., דריי פערטיל אקער, וואָס זיינען געוואָרעמט געוואָרען די ערשטע דריי מאָנאט פון יאָהר, פון וועלכע מען האָט אראָבגענומען ארום 8 טאָן טאָמאַטאָס און ארום 200 פונט פראנ־צויזישע בעבלעך דאָס ערשטע גערעטעניש אין אפריל, און שפעטער נאָך צוויי גערעטענישען. אין די דאָזיגע הייזער האָט געאַרבייט איין גערטנער מיט צוויי געהילפען; ניט פיעל קאָוק־קויהלען איז פערברויכט געוואָרען, און עס איז געווען א גאַז־מאַשין פאר בע־וועסערונג, וואָס האָט פערברויכט בלויז פאר 13 שילינג גאַז דעם גאַנצען פערטיל יאָהר. איך האָב אויך געזעהן אין קאַלטע גרינס־הייזער — איינפאַכע ביידלעך פון ברעטער און גלאָז — ווי ארבעס־פלאַנצען האָבען בעדעקט די ווענט א פערטיל מייל אין דער לענג, וועלכע האָבען שוין אין סוף אפריל געהאַט געגעבען 3,200 פונט טייערע ארבעס און זיינען נאָך געווען אזוי פול מיט סטרוטשעס, אזוי ווי מען וואָלט פון זיי קיין איינציגע נאָך ניט אָבגעריסען.

איך האָב געזעהן קארטאָפעל, וואָס מען האָט אויסגעגראָבען פון באָדען אין א קאַלטען גרינס־הויז אין אפריל, אין דעם ערך פון 5 בושעל אויף 21 פוס אין קוואַדראַט. און ווען דער צופאַל האָט מיך געבראַכט צוזאַמען מיט אַן אָרטיגען גערטנער אין א קליינטשיג, אָבגעלעגטען „טרויבען־הייזעל" פון אַן אלטען פלאַנצער, האָב איך דאָרטען געקענט זעהן און בעוואונדערן, וואָס א גאָרטען־ליעבהאָבער קען ארויסבעקומען פון אזא קליינעם שטח ווי צוויי־דריטעל פון אַן אקער. צוויי קליינע הייזלעך, ארום 40 פוס לאַנג און 12 פוס ברייט, און א דריט הייזעל — א געוועזענער חזיר־שטעלכעל, צוואַנציג פוס ביי צוועלף — האָבען ענטהאַלטען וויינ־שטאָקען, וועלכע א פראָפעסיאָנעלער גערטנער וואָלט זיך געפרעהט אזוי־וואָס צו זעהן, בעזונדערס דעם אמאָליגען חזיר־שטאַל, וואָס

* „רוראַל ענגלאַנד", ב. 1, ז. 103.

איז געווען פערזעצט מיט מוסקאַטען-טרויבען! אייניגע טרויבען (אין יוני) זיינען שוין געווען אין פולער פּראַכט. און מען קען זיך פאָרשטעלען, אַז דער אייגענטימער האָט, אין יאָהר 1895, בעקומען פון אַ דאָרטיגען הענדלער 4 פונט סטערלינג פאַר דריי הענגעל טרויבען (איין הענגעל איז געווען אַ „קאָלמאַר“, וואָס האָט געוואויגען 13¾ פונט). די טאָמאַטאָס און פּאָזעמקעס, געוואַקסען אין פרייען לופט, ווי אויף די פרוכט-בוימער, אַלע אויף ברעקלעך פּלעצער, זיינען געווען אַזוי געראָטען ווי די ווייַנטרויבען; און ווען מען בעווייזט אונז אויף וואָס פאַר אַ פּלאַץ מען קען אָראָבקלייבען אַ האַלבען טאָן פּאָזעמקעס דורך אַ ריכטיגער קולטיווירונג, קען מען עס קוים גלויבען.

בעזונדערס מוז מען שטודירען די פּעראייַנפאַכונג פון די גרינסהייזער אין גערנסעי. יעדעס הויז אין די פאָרשטעדטלעך פון סאַן פּעטער האָט אַ וועלכען עס איז סאָרט גרינסהויז, גרויס אָדער קליין. אומעטום איבער׳ן אינזעל, בעזונדערס אין צפון-זייט, געפינט איהר גרינס-הייזער וואו איהר גיט נאָר אַ קוק. זיי שטייגען אויף צווישען די פעלדער און הינטער די בוימער; זיי זיינען אָנגעוואָרפען איינע אויף די אַנדערע אויף די משופּע׳דיגע פעלזען, וואָס קוקען ארויס אויפ׳ן האַפען פון סאַן פּעטער; און אין איינעם מיט זיי איז אויסגעוואַקסען אַ גאַנצער דור פון פּראַקטישע גערטנער. יעדער פאַרמער איז דאָ אַ גאַנצער גערטנער און ער לאָזט פריי פונאַנדערשפּיעלען זיינע ערפינדערישע קרעפטען אויף אויסצוקלערען עפּעס אַ נייעם ביליגען סאָרט גרינס-הויז. אייניגע זייערע האָבען כמעט גאָר ניט קיין פאָדערשטע און הינטערשטע ווענט — די גלעזערנע דעכער קומען ארונטער גאָר נידעריג, און די צוויי אָדער דריי פוס גלאָז פון פאָרענט, גרייכען פשוט ביז דער ערד. אין אַנדערע הייזער קומען די אונטערשטע גלאָז-שויבען פשוט אריינגעשטעלט אין הילצערנע קאָרעטעס, וואָס שטעהען אויף דער ערד און זיינען אָנגעפילט מיט זאַמד. אַנדערע הייזער האָבען נאָר צוויי אָדער דריי ברעטער, אויסגעלעגט האָריזאָנטאַל, אַנשטאַט די געוועהנליכע שטיינערנע וואַנט, וואָס קומט פון פאָרענט פון גרינס-הויז.

די גרויסע הייזער, וואָס געהערען צו איין גרויסער געזעלשאַפט, זיינען געבויט האַרט איינע נעבען די אַנדערע און האָבען גאָרניט

קיין צווישען־ווענט. מען קען אבער אט דעם סיסטעם ניט רעקא־מענדירען. ווען איך האב נאך אמאל בעזוכט גערנסעי אין יאהר 1903, האב איך געזעהן בכלל, אז דער הערשענדער סיסטעם פון גרינסהייזער איז געווען — לאנגע צוויי־דאכיגע גלאז „ביידלעך“, וואס שטעהען א זייט אן א זייט, נאר אבגעזונדערט איינע פון די אנדערע דורך צווישען־ווענט, כדי ניט צו לאזען די לופט צירקולירען איבער דעם גאנצען קווארטאל. וואס געהערט די אויסגעשפרייטע קאלטע גרינסהייזער אויף דער גרענד מייסאן־נחלה, וואס זיינען געבויט פון א געזעלשאפט און אבגעגעבען אין ארענדע צו גערטנער פאר א געוויסער סומע פער הונדערט פוס, זיינען זיי פשוט גע־מאכט פון דינע ברעטער און גלאז. זיי זיינען געבויט לויט דעם „צו־שפאר“־אדער „איין־דאך“־סיסטעם, און די הינטערשטע וואנט, וואס איז 10 פוס הויך, און די צוויי זייט־ווענט זיינען געבויט פון איינפאכע צוגעפאסטע ברעטער שטעהענדיג אין דער הויך. דאס גאנצע האלט זיך געשטיצט דורך סלופעס, וואס זיינען אריינגע־שטעלט אין צעמענט־שטיינער. מען זאגט, אז זיי קאסטען ניט מעהר ווי 5 פענס פער קוואדראט פוס פון דעם גלאז־בעדעקטען באדען. און דאך גיבען אפילו אזוינע איינפאכע און ביליגע הייזער אויסגעצייכענטע רעזולטאטען. דאס קארטאפעל־גערעטעניש, וואס איז געוואקסען אין איינעם פון די הייזער, איז געווען גרויסארטיג, און אזוי אויך די גרינע ארבעס.*

אין דזשערסיע האב איך זאגאר געזעהן א רייה פון פינף הייזער, וואס זייערע ווענט זיינען געווען געמאכט פון געקנייטשטען אייזען־בלעך צוליעב ביליגקייט. עס פערשטעהט זיך, דער אייגענ־

* עס זעהט אבער אויס, אז מאכען וואקסען ארבעס לענג־אויס פון וואנט איז א שלעכטער סיסטעם. עס פאדערט זיך צופיעל ארבייט אנצוהענגען די פלאנצען צום וואנט. אט דער סיסטעם, ווי גוט ער זאל ניט זיין אלס א פארלויפיגער אנהויב פאר גערטנער, וועלכע האבען ניט ארייננצולעגען פיעל קאפיטאל, איז ער אבער סוף כל סוף ניט איינ־טרעגליך. די גערטנער מיט וועמען איך האב גערעדט אין יאהר 1903, באקלאגטען זיך, אז זיי ... [see below]

טימער אַליין איז ניט געווען צו־ענטוזיאַסטיש איבער זיינע הייזער: „זיי זיינען צו־קאַלט אין ווינטער און צו־הייס אין זומער". אָבער הגם די פינף הייזער האָבען פּערדעקט וועניגער ווי אַ פינפטעל אַקער, האָט מען פערקויפט פון זיי אַלס דאָס ערשטע גערעטעניש 2000 פונט גרינע ארבעס, און די ערשטע טעג אין יוני האָט שוין די צווייטע פלאַנצונג (ארום 1500 טאָמאַטאָ פלאַנצען) געמאַכט גוטען פאַרטשריט.

עס איז נאַטירליך אַלעמאָל שווער צו וויסען וואָס פאַר אַ געלד־הכנסה די פלאַנצער בעקומען; ערשטענס, ווייל אפילו די בעסטע גערטנערייען, ווי טהאָראָלד ראַדזשערס האָט זיך געקלאָגט אויף די מאָדערנע פאַרמערס, פיהרען ניט קיין בוכהאַלטעריע; און צווייטענס, ווען איך וויס אַפילו די הכנסות אין אַלע פּרטים, וואַלט ניט געווען רעכט פון מיין זייט זיי צו פערעפענטליכען. „איבער־צייגט ניט צופיעל; היט זיך פאַר'ן לענדלאָרד!" האָט מיר אַ פּראַקטישער גערטנער איינמאָל געשריבען. בכלל גערעדט, קען איך נאָר בעשטעטיגען מר. בער'ס אָבשאַצונג, אַז אונטער אַ ריכטיגער פיהרונג קען אַפילו אַ קאַלט גרינסהויז, וואָס בעדעקט 4,050 קוואַד־ראַט פוס, געבען אַ ברוטאָ הכנסה פון 180 פונט סט.

בדרך כלל האָבען די גערנסעי־און דזשערסעי־פלאַנצער בלויז דריי גערעטענישען אַ יאָהר פון זייער גרינס־הייזער. זיי הויבען אָן, צום ביישפּיעל, מיט קאַרטאָפעל אין דעצעמבער. דאָס הויז ווערט נאַטירליך ניט געהייצט, נאָר מען מאַכט פייער ווען מען דער־וואַרט אַ שאַרפען פראָסט ביי נאַכט; און דאָס קאַרטאָפעל־גערע־טעניש (פון 8 ביז 10 טאָן פער אַקער) ווערט פאַרטיג אין אַפּריל אָדער מאי איידער די פרייע לופט־קאַרטאָפעל הויבען אָן אויס־געגראָבען צו ווערען. גלייך נאָכדעם פלאַנצט מען טאָמאַטאָס, וועלכע ווערען פאַרטיג סוף זומער. פערשיידענע שנעל־גערעטעני־שען פון אַרבעס, רעטיך, סאַלאַט און אַנדערע קלענערע זאַכען ווערט אַראָבגענומען אין צווישען צייט. אָדער מען הויבט אָן אין נאָוועמ־בער מיט קאַוואָנעס, וועלכע ווערען פאַרטיג אין אַפּריל. נאָך זיי קומען טאָמאַטאָס, ענטוועדער געזעצט אין טעפּ, אָדער געצויגען ווי ווייַנשטאָקען, און דאָס לעצטע גערעטעניש פון טאָמאַטאָס ווערט פאַרטיג אין אָקטאָבער. דערנאָך קענען קומען באָב און זיין פאַרטיג צו ווייהנאַכט (קריסטמעס). עס איז ניט נויטיג צו דערצעהלען,

אז יעדער פלאנצער האט זיך זיין געוועהלטע מעטאדע ווי אויס־צונוצען זיינע הייזער, און עס הענגט איננאנצען אב פון זיין פעהיגקייט און אויפפאסונג וויפיעל קליינע שנעל־גערטענישען ער קען בעקומען. אט די שנעל־גערטענישען הויבען אן צו קריגען אלץ מעהר בעדייטונג, און מען קען שוין פאראויסזעהן, אז די גרינס־הייזער־גערטנער וועלען זיין געצוואונגען אנצונעהמען די מעטאדען פון די פראנצויזישע „מארעשערס", כדי צו קענען בעקומען פינף אדער זעקס גערטענישען א יאהר — אזוי ווייט ווי דאס קען גע־שעהן ניט פערדארבענדיג די איצטיגע הויכע קוואליטע פון די פראדוקטען.

אט די גאנצע אינדוסטריע איז לפי ערך נאך גאר יונג. מען קען זעהן ווי זי ארבייט ערשט נאך אוים איהרע מעטאדען. און דאך וויי‏זען שוין אויף די עקספארטען פון גערנסעי אליין גאנץ אויסערגעוועהנליכע ציפער. מיט עטליכע יאהר צוריק איז אויס־גערעכענט געווארען ווי פאלגט: וויינטרויבען 502 טאן, ווערטה 37,500 פונט סט., לויט דעם דורכשניט פרייז פון 9 פענס א פונט; טאמאטאס 1000 טאן, ארום 30,000 פונט סט.; פריהע קארטאפעל (דערהויפט פון די פעלדער) 20,000 פונט סט. רעטיכער און בראק־קאלי 9,250 פונט סט.; שניט־בלומען 3,000 פונט סט.; שוועמלעך 200 פונט סט.: סך הכל — 99,950 פונט סט. און דערצו מוז מען צולעגען וואס עס ווערט פערברויכט אין די הייזער און האטעלען, וועלכע דערנעהרען כמעט 30 טויזענד טוריסטען. זינט דאן זיינען די ציפער גאנץ היבש אויסגעוואקסען. אין יוני, 1896, האב איך געזעהן ווי די דאמפער פון סאוטהאמפטאן האבען אוועקגעפיהרט יעדען טאג פון 9 ביז 12 טויזענד, און אפטמאל נאך מעהר, קערב פרוכטען (וויינטרויבען, טאמאטאס, פראנצויזישע בעבלעך און ארבעס), און יעדער קארב האט געהאלטען פון 12 ביז 14 פונט פרוכט. ווען מיר נעהמען אין בעטראכט וואס עס איז ארויסגע־שיקט געווארען אויך דורך אנדערע וועגען, קען מען זאגען, אז יעדע וואך אין יוני איז עקספארטירט געווארען פון פיער ביז פינף הונ־דערט טאן טאמאטאס, וויינטרויבען, בעבלעך און ארבעס, וואס זיינען ווערטה געוועזן פון 20 ביז 25 טויזענד פונט סט.

ווען איך בין ווידער געקומען אין גערנסעי, אין יאהר 1903, האב איך געפונען, אז די אינדוסטריע פון פרוכט־פלאנצען אונטער

גלאָז איז שטאַרק אויסגעוואַקסען זינט דעם יאָהר 1896, אזוי אז דער גאַנצער עקספּאָרט־סיסטעם האָט געמוזט רעאָרגאַניזירט ווערען. אין 1896 האָט מען טראַנספּאָרטירט די פּרוכט און גרינסען קיין סאוטהאמפּטאָן אויף די טוריסטען־שיפען, און די גערטנער האָבען געצאָהלט א שילינג פאר יעדען קאָרב, וואָס איז אָבגעליפערט געוואָרען אין קאָווענט־גאַרדען מאַרק. אין 1903 איז שוין געווען א „גערנסעי פלאַנצער'ס געזעלשאַפט", וועלכע האָט געהאַט איהרע אייגענע שיפען, וואָס זיינען דורכ'ן זומער געגאַנגען יעדען טאָג דירעקט פון גערנסעי אין לאָנדאָן. די געזעלשאַפט האָט אויך געהאַט איהרע אייגענע סקלאַדען ביים האַפען און איהרע אייגענע הויב־מאַשינען, וועלכע האָבען אויפגעהויבען אונגעהייערע קאַסטענס, וואָס האָבען ענטהאַלטען אויף פּאַליצעס פון 20 ביז 100 קערב, און האָבען זיי אַרויפגעטראָגען אויף די שיפען. די קאָסטען פון טראַנס־פּאָרט איז אויף דעם אופן רעדוצירט געוואָרען ביז 4 פּענס א קאָרב. דאָס דאָזיגע גאַנצע גערעטעניש ווערט יעדען מאָרגען פערקויפט אין קאָווענט־גאַרדען צו די לאָנדאָנער הענדלער און גרינס־קרעמער. מען קען זעהן ווי וויכטיג דער עקספּאָרט איז פון דעם, וואָס א ספּעציעלער דאַמפּער מוז אָבגעהן יעדען פריהמאָרגען מיט א לאָדונג פון פּרוכט און גרינסען פון גערנסעי. וואָס געהערט דעם סך הכל פון די עקספּאָרטען פון פרישע בלומען, פּלאַנצען און שטרויכען, פערשיידענע פּרוכטען און גרינסען (ווי אויך קאַרטאָפעל אין ווערטה פון 555,275 פונט סט.), האָבען זיי אין יאָהר 1910 געגרייכט די סומע פון א מיליאָן, 115 טויזענד, 650 פונט סטערלינג.

אָט דאָס אַלץ קריגט מען אַרויס פון א אינזעל, וואָס זיין גאַנצער שטח, די פעלזען מיט די נאַקעטע באַרג־שפּיצען צוזאַמענ־גערעכענט, איז ניט מעהר ווי 16 טויזענד אַקער, און פון די ווערען בלויז 9,884 אַקער בעאַרבייט און 189 אַקער ווערען אָבגעגעבען אויף גרינסען און לאָנקעס. א אינזעל, וואָס א חוץ דעם האַלט אוים 1480 פערד, 7260 בהמות און 900 שעפּסען. וויפיעל מענ־שענס שפּייז וואַקסט אַלזאָ אויף אָט די צעהן טויזענד אַקער?

אין די לעצטע עטליכע יאָהר האָט אויך בעלגיען געמאַכט אַן אונגעהייערן פאָרטשריט אין דערזעלבער ריכטונג. בעת מיט דרייסיג יאָהר צוריק זיינען אַלץ צוזאַמען נישט מעהר ווי א 250 אַקער

געוועזען בעדעקט מיט גלאז, זיינען ביי דער צייט מעהר ווי 800 אקער אונטער גלאז.* אין דעם דארף העילערט, וואס זיצט אויף א שטיינערנעם בארג, זיינען כמעט 200 אקער אונטער גלאז און פער־נומען מיט קולטיווירונג פון וויינטרויבען. איין איינציגע ווירט־שאפט, אזוי שרייבט באלטע, האט צוויי הונדערט גרינס־הייזער און פערברויכט פונפצעהן הונדערט טאן קויהלען פאר די וויינ־גערטנער.** „ביליגע קויהלען — ביליגע וויינטרויבען", ווי דער רעדאקטאר פון „דזשורנאל אוו הארטיקולטיור" האט געשריבען. טרויבען זיינען זיכער ניט טייערער אין בריסעל אנהויב זומער ווי אין דער שווייץ אין אקטאבער. אפילו אין מערץ זיינען בעל־גישע טרויבען פערקויפט געווארען אין קאווענט גארדען פאר 4 ביז 6 פענס א פונט.*** אט דער פרייז אליין צייגט גענוג, ווי וועניג ארבייט עס פאדערט זיך צו פראדוצירען וויינטרויבען אין אונזער־ע ברייט־גראדען מיט דער הילף פון גלאז. עס קאסט זיכער וועניגער מיה צו קולטיווירען טרויבען אין בעלגיען איידער אויף די ברעגעס פון דער זשענעווער אזערע.****

איך וויל ניט שליסען דעם קאפיטעל ניט געבענדיג א בליק אויף דעם פאדטשריט, וואס איז געמאכט געווארען אין ענגלאנד, זינט עס איז געדרוקט געווארען די ערשטע אויסגאבע פון דעם בוך, אין 1898, אין דער פרוכט־און בלומען־פארמעריי. ווי אויך אין דער

---

* איך נעהם די ציפער פון די נאטיצען, וועלכע א בעלגישער פראפעסאר פון אגריקולטור האט מיר געפעליגסט צוגעשיקט. די בעל־גישע גרינסהייזער זיינען מעהרסטענטיילס געבויט פון אייזערנע ראהמען.

** א פריינד וואס האט שטודירט פראקטישע הארטיקולטור אין די קאנאל־אינזלען, שרייבט מיר וועגען די וויינגערטנער ארום בריסעל: „איהר האט קיין בעגריף ניט ווי פערשפרייט דער בעטריעב איז דא. באשפארד איז גאר גישט אנטקעגען דעם."

*** א פרייז־רשימה, וואס איך האב ארויסגענומען נים איבער־קלייבענדיג פון א לאנדאנער טעגליכער צייטונג, האט געלויטעט: „קאנ־וועגט גארדען, 19טער מערץ, 1895. פרייזען: בעלגישע טרויבען 4 פענס ביז 6 פענס; דיטא דזשערסעי, 6 פענס ביז 10 פענס"; א. אז. וו.

**** זעה אנהאנג צ.

קולטיווירונג אונטער גלאָז. מיר וועלען אויך זעהן די פּראָבעס וואָס זיינען אונלעגנגסט געמאַכט געוואָרען איינצופיהרען אין פערשיידענע טיילען פון ענגלאַנד די „פראַנצויזישע גערטנעריי", ד. ה. די „קולטור מאַרעשער" פון די פראַנצויזישע גערטנער.

עס איז קיין שום ספק ניט, אַז פרוכט-פּלאַנצונג האָט זיך אַ היבש ביסעל פערגרעסערט — דער שטח פון פרוכט-גערטנער איז אין גרויסבריטאַניען געוואַקסען פון 200 טויזענד אַקער אין יאָהר 1888 אויף 250 טויזענד אַקער אין יאָהר 1908; בעת דער שטח פון קליינע פרוכטען (אַגרעסען, וויינפּערלעך, פּאַזעמקעס) איז געוואַקסען פון 75 טויזענד אַקער אין 1901 אויף 85 טויזענד אַקער אין יאָהר 1908.* דער פאַקט איז, אַז אין איינינע „קאָונטיעס" האָט זיך דער אַקער-שטח אפילו פערדרייפאַכט.** גרויסע פרוכט-פּלאַנטאַציעס זיינען די לעצטע צייט אויסגעוואַקסען אַרום לאָנדאָן און אַלע גרויסע שטעדט, און די „קאָונטיעס" קענט, דעוואָן, הערעפאָרד, סאָמערסעט, וואָוסטער און גלוסטער האָבען איצט יעדערע מעהר ווי 20 טויזענד אַקער פערנומען מיט פרוכט גערטנער — אַ גרויסער טייל פון וועלכע איז ערשט ניט לאַנג אויפגעוואַקסען. ניט נאָר איז דער שטח פון פרוכט-קולטור פיעל פערגרעסערט געוואָרען, נאָר עס זיינען אויך איינגעפיהרט געוואָרען נייע סאָרטען, אַ דאַנק די עקספּערימענטען, וואָס זיינען אָנגעפיהרט געוואָרען זינט דעם יאָהר 1894 אין דער וואָבורן עקספּערימענטאַלער פאַרם, וואו עס ווערען געמאַכט פּראָבעס מיט פערשיידענע סאָרטען פרוכטבוימער און קליינע פרוכטען. און עס פערשפּרייט זיך דער סיסטעם צו קולטיווירען פרוכטבוימער פון דער „פּיראַמידען" אָדער „שטרויך"-פאָרם (אנשטאַט די פּאַרצייטיגע פּאָרמען) — דאָס איז אַ נייער שריט, וואָס איך האָב געהאַט די מעגליכקייט ריכטיג אָבצושאַצען זיינע מעלות אין דער אַגאַססיז עקספּערימענטאַלער פאַרם אין בריטיש קאָלומביא.

* פון דער צאָהל זיינען 27 טויזענד אַקער קולטיווירט אין סעדער צווישען די עפּעל און קאַרשען-בוימער, אַזוי אַז דער גאַנצער שטח פון פרוכט-גערטנער און קליינע פרוכטען האָט זיך גערעכענט אין דעם ערד פון 308 טויזענד אַקער אין יאָהר 1908.

** „פרוט ענד פלאַוער פאַרמינג" אין „ענציקלאָפּעדיע בריטאַניקאַ", 11טע אויסגאַבע, אַרטיקעל פון דזש. וועטהערס.

אין דערזעלביגער צייט האט זיך אונגעהייער גרויס ענטוויקעלט די קולטיווירונג פון קליינע פרוכטען — אגרעסען, מאלינעס, וויינפערלעך און דערהויפט פאזעמקעס. אונגעהויערע סומען פאזעמקעס וואקסען איצטער אין מיטען און דרום-קענט, וואו די קולטיווירונג פון פרוכטען איז פערבונדען מיט גרויסע איינגעמאכטס-פאבריקען. איינע פון אזעלכע פאבריקען איז פערבונדען מיט גרויסע פרוכט-פארמס, וואס פערנעהמען 2000 אקער אין סוואנלעי, און איהר יעהרליכע פראדוקציאן גרייכט 3500 טאן איינגעמאכטס, 850 טאן פערצוקערטע שאלעכץ און מעהר ווי 100 טויזענד פלעשער קאנסערווירטע פרוכטען. א ברייטע הארטיקולטור האט זיך אויך ענטוויקעלט דא ניט לאנג אין קאמברידזששייר, פון וואנען א טייל פרישע פרוכטען ווערט געשיקט קיין לאנדאן און מאנטשעסטער, און א טייל ווערט אויסגעארבייט גלייך אויפ'ן ארט אין דער איינגעמאכטס-פאבריק אין היסטאן. אין דער צייט פון ריידער האגגארד'ס בעזוך, אין 1900, זיינען געווען בעשעפטיגט אין דער דאזיגער פאבריק ניט ווייניגער ווי 250 ארבייטער, און עס איז עקספארטירט געווארען ניט ווייניגער ווי 7,600 טאן. דער העכסט אינטערעסאנטער רעזולטאט פון אט דער אינדוסטריע, וואס איז פערבונדען מיט אגריקולטור, איז, וואס א היבשע צאהל קליינע פארמערס, וועלכע האלטען אין ארענדע פון דריי ביז צוואנציג אקער יעדערער, זיינען אויסגעוואקסען ארום דער איינגעמאכטס-פאבריק. „אין אלגעמיין", האט מר. האגגארד געשריבען, „האט זיך די פרוכט-און בלומען-קולטור אונגעהייער פערגרעסערט; אזוי אז אין יאהר 1901 זיינען אין דער נאכבארשאפט פון וויסבעטש אבגעגעבען געווארען פון 4 ביז 5 טויזענד אקער פאר אט דעם בעטריעב. פלוימען, עפעל, בארען, קליינע פרוכט, ווי אויך בלומען-קרויט, אספאראגוס, רהובארב, נארציסען, „שטיפמוטערלעך" און אנדערע בלומען זיינען דא געוואקסען אויף א גרויסארטיגען מאסשטאב; אויך אזויפיעל ווי 130 ביז 140 טאן אגרעסען און פון 60 ביז 70 טאן פאזעמקעס זיינען ארויסגעשיקט געווארען פון וויסבעטש אין איין איינציגען טאג." „דער רעזולטאט פון דער דאזיגער אינדוסטריע איז געווען, לעגט צו מר. האגגארד, אז די בעפעלקערונג פון וויסבעטש און די צאהל הייזער אין אט דעם קליינעם שטעדטעל האט זיך שנעל פערגרעסערט; דאס לאנד איז

די לעצטע צוואַנציג יאָהר שטאַרק געוואַקסען אין ווערטה, און מען האָט געגעבען אַזוי הויך ווי 200 פונט סט. אַן אַקער פאַר בעסטע לאַנד־שטיקער, וואָס זיינען גוט אויף קולטיווירען פּרוכטען." („רוראַל ענגלאַנד", באַנד 2, ז. 52, 54 און 55.) מיט אַנדערע ווערטער, דער פּועל יוצא פון דער אַרבייט פון די פאַרמער און פון דער גייסטיגער אונטערנעהמונג פון די אינדוסטריעלע אַרבייטער איז געווען, דאָ ווי איבעראַל, וואָס עס האָט אונגעהייער פערגרעסערט דעם ווערטה פון לאַנד צו די נוצען פון די לאַנד־אייגענטימער. מר. האַגגאַרד'ס אויספיהר איז ווערטה צו דערמאָנען, דען ער שרייבט ווי פאָלגט: „בכלל אָבער קען איך זאָגען, אַז וואו די פאַרמס זיינען גרויסע און עס ווערט דערהויפּט קולטיווירט תבואה, דאָרט איז זעהר ווינציג אָדער גאָר ניטאָ קיין מזל ברכה; דאַגעגען וואו די פאַרמס זיינען קליינע און זיי ווערען געשטיצט דורך פיה־צוכט אָדער פּרוכט־קולטיווירונג, געהט עס אי די אייגענטימער, אי די אַרענדאַטאָרס גאַנץ גוט."* דאָס איז אַן אָנערקענונג, וואָס איז גאַנץ ווערטה צו דערמאָנען, אַזוי ווי עס קומט פון אַ פאַרשער וועלכער האָט אין אָנפאַנג פון זיין אונטערזוכונג געהאַט אַ העכסט־פּעסימיסטישען בליק וועגען דער אַגריקולטור, וואָס איז ניט בעשיצט דורך טאַריף־אָבצאָהלען.

איך מוז אויך דערמאָנען עסטעקס, וואו עס איז די לעצטע צייט פאָרגעקומען אַ מערקליכע ענטוויקלונג פון פּרוכט־קולטיווירונג; און אויך האַמפּשייר, וואו די צאָהל אַקער וואָס זיינען פערפלאַנצט מיט פּרוכטען, זיינען פערדרייפאַכט געוואָרען זינט דעם יאָהר 1880, לויט דער בעהויפּטונג פון דעם פּערפאַסער פון דעם שוין דערמאָנטען אַרטיקעל אין דער ענציקלאָפּעדיע בריטאַניקאַ. דאָס אייגענע מוז מען זאָגען וועגען וואוסטער־שייר און דערהויפּט וועגען דעם עוועשאַם־בעצירק. אָט דער לעצטער איז אַ זעהר לעהררייכער ראַיאָן. צו פערדאַנקען געוויסע אייגענשאַפטען פון זיין באָדען, צוליעב וועלכע עס איז זעהר איינטרעגליך צו קולטיווירען אויף איהם אַספּאַראַגוס און פלוימען־בוימער, און טיילווייז אויך צו פערדאַנקען דעם אַלטען „עוועשאַם מנהג", וואָס האַלט זיך נאָך אין דעם דאָזיגען ראַיאָן (לויט וועלכען עס פיהרט זיך פון

* „רוראַל ענגלאַנד", 2 בענדער, לאָנדאָן, 1902, 2טער באַנד, ז. 57.

אוראַלטע צייטען, אַז דער נייער אַרענדאַטאָר וואָס קומט אַריין, דאַרף בעצאָהלען פאַר די אַגריקולטורעלע פערבעסערונגען ניט דעם לאַנד־אייגענטימער, נאָר דעם אַלטען אַרענדאַטאָר, וואָס געהט אַרויס) — אַ מנהג, וואָס איז געבליבען ביז אויף היינטיגען טאָג * — האָט זיך דער סיסטעם פון קליינע ווירטשאַפטען און די קולטיווירונג פון גרינסען און פרוכט זיך ענטוויקעלט ביז צו אַ מערקווירדיגען ערך. דער רעזולטאַט איז, אַז פון אַ לאַנד־שטח פון צעהן טויזענד אַקער זיינען זיעבען טויזענד שוין פערנומען געוואָרען מיט קליינע ווירטשאַפטען פון ווייניגער ווי 50 אַקער יעדערע, און די פאָדערונג פאַר אַזוינע ווירטשאַפטען איז נאָך ניט איינגעשטילט, נאָר אדרבה זי ווערט אַלץ גרעסער, אַזוי אַז אין יאָהר 1911 זיינען נאָך געווען כמעט פיער הונדערט פאַרמערס, וועלכע האָבען געוואַרט אויף צוויי טויזענד אַקער לאַנד. אַ נייע שטאָדט איז אויסגעוואַקסען אין עוועשאַם, און איהר בעפעלקערונג פון 8,340 פערזאָן בעשטעהט כמעט אינגאַנצען פון גערטנער און גערטנער'ס פּיעלים; איהרע מערק, וואָס ווערען געהאַלטען צוויי מאָל אַ וואָך, דערמאָנען די מערק פון דרום־פראַנקרייך; און דער עקספּאָרט־פערקעהר אויף די אייזענבאַהנען וואָס לויפען אין פערשיידענע ריכטונגען פון אָט דעם קליין שטעדטיל, איז אַזאַ לעבעדיגער, פונקט ווי עס וואָלט געווען אַ קאָכיגער אינדוסטריעלער פּלאַץ.

ווען איהר לעזט די זייטלעך, וואָס ריידער האַגגארד גיט אָב פאַר די ביודלעי־און עוועשאַם־בעצירקען, איז אונמעגליך איהר זאָלט ניט אַרויסטראָגען אַ שטאַרקען איינדרוק וועגען דאָס, וואָס מען קען אַרויסבעקומען פון דעם באָדען אין ענגלאַנד, און וואָס דאָס פאָלק און אַלע וועלכע זאָרגען פאַר זיין וואוילשטאַנד, דאַרפען טהאָן, כדי אַרויסצובעקומען פון באָדען אַלץ וואָס ער איז גרייט צו געבען, ווען מען זאָל נאָר צולעגען צו איהם אַרבייט.

* פ. ע. גרין „די ערוואַכונג פון ענגלאַנד“ (ענג.) לאָנדאָן, 1911, ז. 49 און 50. רעדענדיג וועגען אַ געוויסען פאַרמער, זאָגט מר. גרין: ווען איך האָב איהם בעזוכט אין הערבסט פון יאָהר 1910, האָט מען איהם געבאָטען הונדערט פונט סט. אַן אַקער פאַר דעם גערעטעניש וואָס איז געשטאַנען אויפ'ן פעלד, און הונדערט פונט סט. פאַר זיין אַרענדערעכט. ער האָט דעם אָנבאָט ענטזאגט. ער צאָהלט נאָך אַלץ אַ רענטע פון 2 פונט סט. אַן אַקער.

אין דעם ביודלעי־בעצירק זעהען מיר גאַנץ גוט, ווי די בע־מיהונגען פון דער „געזעלשאַפט פון קליינע ווירטשאַפטען" גיבען פיעל קליינע פאַרמערס די געלעגענהייט צו פערוואַנדלען אַ גלייכ־גילטיג און אָפּטמאָל זעהר אָרים און שטייניג לאַנד אין אַ פּרוכט־באַרען באָדען, וואָס גיט אַרויס רייכע פּרוכט־גערעטענישען, און אויף וועלכען דאָס האַלטען מילך־קיה ווערט קאָמבינירט מיט קול־טיווירען פּרוכטען. מיר זעהען אויך, ווי די פּרוכט־קולטיווירונג, אין די גרויסע פאַרמס, אַזוי גוט ווי אין די קליינע, ווערט אָנגע־פיהרט מיט קענטעניש און זאָרג — און ממילא מיט אַ סאָלידען פּראָפיט אי פאַר דער געמיינדע, אי פאַר די פאַרמערס — וואָס עס מאַכט דעם פּערפאַסער אויסצורופען: „ווי אַנדערש די זאַך שטעהט אין די מעהרסטע קאַונטיעס! אין נאָרפאָלק, צ. ב. ש. (און איך קען צולעגען אין דעוואַנשייר) איז דער געוועהנליכער פאַרם־סאַד בדרך כלל פול מיט בוימער, וואָס זייערע אויבערשטע צווייגען זיינען בינטלעך דערנער, און ווערען אַרומגעשניטען נאָר פון ווינד. אפילו דאָס טויטע האָלץ ווערט איבערגעלאָזט ניט אָבגעשניטען; און די פאַרמערס קלאָגען זיך נאָך, אַז די פּרוכט איז ניט קיין גוטע, און אַז עס בעצאָהלט זיך ניט צו קולטיווירען". (ערשטער באַנד, ז. 338).

רעדענדיג וועגען קעטשיל, גיט מר. האַגגאַרד דערביי אַן אינ־טערעסאַנטען פאַל פון אַ קאָלאָניע נעגעל־מאַכער. די דאָזיגע מענשען האָבען פריהער געלעבט פון מאַכען נעגעל ביים האַנד, נאָר ווי עס זיינען איינגעפיהרט געוואָרען מאַשין־נעגעל, האָבען זיי געמוזט אויפגעבען זייער מלאכה; זיי האָבען זיך גענומען פאַר אַגריקולטור און געמאַכט דערפון אַן ערפאָלג. קלוגע מענשען האָבען געקויפט אַ פאַרם פון 140 אַקער לאַנד, האָבען עס צוטיילט אויף קליינע פאַרמס, פון 2½ ביז 8 אַקער יעדערע, און אָנגעבאָטען אָט די קליינע ווירטשאַפטען צו די נעגעל־מאַכער; און בעת מר. האַגגאַרד האָט זיי בעזוכט „איז יעדע ראַטע שוין געוועזען אָבגע־צאָהלט". קיין איינציגער פון זיי, וואָס איז נאָר געוועזען קערפּערליך געזונד, איז ניט אָנגעקומען צו קצבה.

אָבער דער טהאָל פון עוועשאַם איז נאָך מעהר אינטערעסאַנט. עס איז גענוג צו בעמערקען, אַז אין דער צייט וואָס אין די מעהרסטע דאָרף־געמיינדען ווערט די בעפעלקערונג אַלץ קלענער, איז זי אין

די 6 געמיינדען פון דער „וועשאם־יוניאָן“ געשטיגען פון 7,327 אויף 9,012 אין די 10 יאָהר פון 1891 ביז 1901.

הגם דער באָדען אין דעם בעצירק האָט ניט קיינע אויסער־געוועהנליכע מעלות, און די אומשטענדען פון'ם פערקויף זיינען אַזוי שלעכט ווי אין יעדען אַנדער פּלאַץ, אַ דאנק דער וויכטיגער פּאָזיציע, וואָס די צווישענהענדלער פערנעהמען, פונדעסטוועגען האָט זיך דאָ ענטוויקעלט אַ העכסט בעדייטענדע אינדוסטריע פון פרוכט־קולטיווירונג. איהר בעדייטונג קען מען זעהן פון דעם, וואָס אין דעם יאָהר 1900 זיינען ארויסגעשיקט געוואָרען ארום 20 טויזענד טאָן פרוכט און גרינסען דורך די וועשאַם באַהן־סטאַנציעס, אויסער די גרויסע סומען, וואָס זיינען דורכגעגאַנגען די קליינע סטאַנציעס אין אַ קרייז פון צעהן מייל ארום וועשאַם. עס פערשטעהט זיך, זיי פערבעסערן שטענדיג דעם באָדען; זיי גראָבען אין איהם אריין זעהר פיעל פון אַלערליי סאָרטען מיסט — סאַזשע, פּיש, גואַנאָ, לעדער־שטויב פאַר קרויט־געוויקסען (זעמס־לעדער שטויב איז די בעסטע) אַ. אַז. וו. — און זיי פּרובירען נאָכאַנאַנד אויסצוגעפינען די העכסט־איינטרעגליכע סאָרטען פרוכטבוימער און גרינסען. דאָס אַלץ איז, זעלבסטפערשטענדליך, ניט די ארבייט פון אַ וועלכען עס איז וויסענשאַפטס־מאַן, אָדער איבערהויפּט פון אַן איינציגען מענשען, נאָר עס איז די שאַפונג פון דער קאָלעקטיווער ערפאַהרונג פון דעם גאַנצען בעצירק.

מען מוז אָבער ניט מיינען, אַז עס קומט פאָר צופיעל פרוכט־קולטיווירונג. פערקעהרט, דער אריינפיהר פון פרוכט אין דער פעראייניגטער מלוכה, סיי פאַר שפּייז, סיי אויף איינגעמאַכטס, איז נאָך אַלץ אונגעהייער גרויס, און ווערט וואָס אַ יאָהר אַלץ גרעסער. עס איז גענוג צו זאָגען, אַז ענגלאַנד אימפּאָרטירט יעדען יאָהר פאַר ארום 1 מיליאָן פונט סט. טאָמאַטאָס און פאַר 2 מיליאָן פונט סט. עפּעל, פאַר אַ האַלבען מיליאָן בארען, און אומגעפעהר פאַר ¾ מיליאָן וויינטרויבען — אַ סך הכל פון ארום 4¼ מיליאָן פונט סט. פאַר די פערשיידענע פרוכטען. אין דערזעלבער צייט זעהען מיר, אַז אונגעהייערע שטרעקען לאַנד הערען אויף צו ווערען בעארבייט יעדען יאָהר, כדי צו פערוואַנדלען זיי אין גֿעיעג־פּלעצער פאַר רייכע ענגלענדער און אויסלענדער.

צום סוף מוז איך אויך דערמאָנען די נייע ענטוויקלונג פון

פּרוכט־קולטיווירונג אַרום די בראָודס פון נאָרפאָלק, און דערהויפּט אין איירלאַנד; אָבער די ביישפּיעלען, וואָס איך האָב אַקאָרשט געבראַכט, וועלען זיין גענוג צו בעווייזען, וואָס מען קריגט אַרויס פון באָדען אין ענגלאַנד, וואו עס ווערען ניט געשטעלט קיין שטע־רונגען דער ענטוויקלונג פון האָרטיקולטור, און וועלכע סומען שפּייז מען קען אַרויסבעקומען אין דעם קלימאַט און פון דעם באָדען פון ענגלאַנד, ווען מען בעאַרבייט איהם ווי געהעריג איז. לאָמיך נאָר צולעגען, אַז אַ עהנליכע ענטוויקלונג פון פּרוכט־קולטיווירונג איז פאָרגעקומען די לעצטע 30 יאָהר אין אַלע ציוויליזירטע לענדער; און אַז אין פראַנקרייך, בעלגיען און דייטשלאַנד איז די פערשפּריי־טונג פון האָרטיקולטור אין די לעצטע 20 אָדער 30 יאָהר געוועזען פיעל אַ גרעסערע איידער דאָ אין ענגלאַנד.*

וואָס געהערט דער האַנדעלס־גערטנעריי, האָט זי בלי ספק די לעצטע יאָהרען געמאַכט אַ מערקווירדיגען פאָרטשריט אין דער פעראייניגטער מלוכה. עס פעהלען אָבער גענויע ציפער, און די וואָס האָבען אַרומגערייזט דאָס לאַנד מיט'ן ספּעציעלען צוועק צו שטודירען זיין אַגריקולטור, האָבען נאָך ניט געשענקט גענוג אויפ־מערקזאַמקייט אויף די לעצטע ענטוויקלונגען פון האַנדעלס־גערט־נעריי. דאָך איז עס גאַנץ זיכער, אַז אין די לעצטע 25 יאָהר האָט זי זיך זעהר ענטוויקעלט, דערהויפּט אין אירלאַנד, אָבער אויך אין פערשיידענע טיילען פון ענגלאַנד, שאָטלאַנד און וועלס. אַזוינע טיילען זיינען, צ. ב. ש., די נאַכבאַרשאַפטען פון פּענזאַנס אין קאָרנ־וואָל, פון סט. נעאָטס אין הונטינגדאָנשייר, סקאָטער אין לינקאָלנ־שייר, וואו די געפאַלענקייט אין אַגריקולטור — ווי מר. רידער האַגגאַרד דערצעהלט אונז — האָט זיך ניט געפיהלט אַזוי שלעכט ווי אַנדערסוואו צוליעב דער האַנדעלס־גערטנעריי; בענינגטאָן, אין דער זעלבער קאָונטי, וואו דער באָדען איז אַ רייכער ליים מיט אַ שליימיגען אבזאַץ, און וואו עס וואַקסען אויף אַ גרויסען מאַסשטאַב אַלערליי סאָרטען גרינס, קאַרטאָפעל און בלומען־וואָרצלען אינ־

* לויט די אונטערזוכונגען פון דעם פראַנצויזישען אַגריקולטור־דעפּאַרטאַמענט גרייכט די יעהרליכע פּראָדוקציאָן פון די פראַנצויזישע האָרטיקולטוריסטען ביז דעם ווערטה פון 16 מיליאָן פונט סטערלינג.

איינעם מיט ווייץ.* אַרפינגטאָן איז אַ גוט-בעקאַנטער צענטער פאַר האַנדעלס-גערטנעריי, ווי אויך פאַר פרוכט-קולטיווירונג, און לעצ־טענס האָט זיך אין דעם בעצירק עטוואָס פערשפרייט אויך די קול־טיווירונג אונטער גלאָז.

עס זיינען פאַראַן אַ סך אַנדערע אינטערעסאַנטע צענטערס פון האַנדעלס-גערטנעריי, דערהויפט אין די סביבות פון אַלע גרויסע שטעדט, איך וויל אָבער דערמאָנען בלויז נאָך איינעם, און דאָס איז — פּאַטטאָן אין הונטינגדאָנשייר. מר. האַגגאַרד דערצעהלט אונז, אַז דער פּלאַץ איז „אַ פעסטונגס-פּלאַץ פון קליינע קולטיווי־רער, וועלכע פּלאַנצען גרינסען אויף לאַנד-ווירטשאַפטען, וואָס זיינען די גרויס פון איין אַקער ביז צוואַנציג אָדער מעהר אַקער“. ער איז אויף דעם אופן געוואָרען אַ וויכטיגער צענטער פאַר האַנ־דעלס-גערטנעריי. „120 וואַגענס פּראָדוקטען געהען אָב טעגליך פון פּאַטטאָן נאָך לאָנדאָן אין סעזאָן, אחוץ 50 וואַגענס, וואָס געהען איבער דער „גרייט נאָרטהערן“ ליניע פון דער סאַנדי סטאַנ־ציע צוזאַמען מיט נאָך פיעל מעהר פון די זייטיגע און אַנדערע סטאַנציעס“. דאָס איז נאָך מעהר אינטערעסאַנט דערמיט, וואָס אַ קורצע שטרעקע פון אָט דעם לעבהאַפטיגען צענטער „ליעגען טויזענדער אַקער לאַנד איינגאַנצען אָדער כמעט פּוסט, און די פאַרמ־הייזער, געביידען און שטיבלעך פוילען ביסלעכווייז אוועק.“ דאָס ערגסטע איז, וואָס „דאָס דאָזיגע גאַנצע לאַנד איז געווען קולטיווירט און האָט געבראַכט גערעטעניסען ביז די 80יגער יאָהרען.“ **

* „רוראל ענגלאנד“, ב. 2, ז. 76 און 212. ספּאַלדינג, אויך אין לינקאָלנשייר, איז נאָך אַ צענטער פאַר האַנדעל אין פריהלינג-בלומען, ווי אויך פאַר אינטענסיווער פאַרמעריי — קאָאָפּעראַטיווע קליינווירטשאַפטען זיינען דאָרט איינגעפיהרט געוואָרען דורך דעם „פּראָווידענט ענד סמאָלל האָלדינגס קלוב“ (דאָרט גופא, 2טער באַנד, ז. 240—238). מעהר ווי אַ טויזענד אקער ווערט דאָרט איצט אָבגעגעבען פאַר דער קולטיווירונג פון בלומען, אַ אינדוסטריע וואָס איז איינגעפיהרט געוואָרען ערשט 15 יאָהר צוריק, ווען עס איז געקומען פון האָללאַנד. אויף זייט 242 פון דעמזעלבען בוך וועט דער לעזער געפינען אייניגע אינטערעסאַנטע אויס־קונפטען וועגען אַ נייער „מוטואַליסטישער“ אונטערנעהמונג, וועלכע הייסט „די לינקאָלן עקוויטאַבל קאָאָפּעראַטיוו געזעלשאַפט“.

** „רוראל ענגלאנד“, ב. 2, ז. 59.

נאָך אַ אָאזיס פון האנדעלס־גערטנעריי שטעלט מיט זיך פאָר די קאַונטי בעדפאָרדשייר. „אַזוי ווי עס איז אַ קאַונטי פון נאַטיר־ליכע קליינע ווירטשאַפטען, אויסגעטיילט איידער דאָס געזעץ פון 1907 איז דורכגעגאַנגען", ווערט זי גאַנץ שנעל, ווי מר. פּ. ע. גרין דערצעהלט אונז, „אַ קאַונטי פון האנדעל־גאָרטענס". די פּרוכט־באַרקייט פון איהר באָדען, דער אומשטאַנד וואָס מען קען איהם לייכט בעאַרבייטען אין יעדער צייט פון יאָהר, און וואָס דאָרט האָט זיך ענטוויקעלט שוין פון לאַנגע יאָהרען אַ דור פון פעהיגע גערטנער, האָט בייגעטראָגען צו דער דאָזיגער ענטוויקלונג; אָבער, ווי געוועהנליך, ווערט די גאַנצע זאַך געהינדערט דורך די שווערע רענטען, וועלכע זיינען אויסגעוואַקסען ביז 4 פונט סט. אַן אַקער פאַר די פלעצער נעבען סטאַנציע, וואו עס קומען אַן גרויסע קוואַנ־טיטעטען מיסט פון לאָנדאָן.* צום גליק איז דער בעדפאָרדשייר קאַונטי־ראַטה געווען זעהר גערן צו קריגען לאַנד פאַר קליינע ווירט־שאַפטען, און נאָכדעם ווי ער האָט אויסגעגעבען 40 טויזענד פונט סט. אויף איינצוקויפען לאַנד, האָט ער ביז דעם 30טען יוני, 1911, בעזאָרגט אַ דריטעל פון די אַפּליקאַנטען מיט 2,759 אַקער — די גאַנצע פאָדערונג, פון אַ טויזענד אַפּליקאַנטען, האָט שוין געגרייכט אויף אַ סומע פון 12,350 אַקער.

און דאָך איז אָט דער גאַנצער פאָרטשריט אַלץ אונבעדייטענד לגבי דער פאָדערונג פאַר גרינסען, וועלכע ווערט גרעסער מיט יעדען יאָהר (און מוז נויטיגערווייז ווערען גרעסער, ווי מען קען עס זעהן פערגלייכענדיג דעם נידעריגען פערברויך פון גרינסען אין ענגלאַנד מיט דעם פערברויך פון היימיש־געוואַקסענע גרינסען אין בעלגיען, וואָס מר. ראַונטריע האָט אָנגעצייגט אין זיין בוך „לעסאָנס פראָם בעלגיום"). דער רעזולטאַט איז, אַז די אימפּאָרטאַציע פון גרינסען אין ענגלאַנד וואַקסט אַלץ גרעסער, און האָט שוין איצט געגרייכט די סומע פון מעהר ווי 8 מיליאָן פונט סט.**

---

* פּ. ע. גרין, „ענגלאַנדס ערוואַכען" (ענגליש), ז. 116 און 117.

** די אימפּאָרטאַציעס פון פּרוכט און גרינסען, פרישע און קאָנ־זערווירטע, האָבען בעטראָפען 12 מיליאָן מיט 900 טויזענד פונט סט. אין יאָהר 1909, און 14 מיליאָן, 193 טויזענד פונט סט. אין יאָהר 1911, פון וועלכע פּרוכטען אַליין האָבען געמוזט בעטרעפען ווענינסטענס 4

א צווייג פון האַרטיקולטור, וועלכער האָט זיך אונגעהייער פער־גרעסערט פאַר דער צייט זינט די ערשטע אויפלאַגע פון אָט דעם בוך איז געדרוקט געוואָרען, איז די קולטיווירונג פון פרוכט און גרינסען אין גרינסהייזער, אויפ׳ן זעלביגען אופן ווי דאָס ווערט געטהאָן אין די קאַנאַל־אינזלען. אומעטום ארום לאָנדאָן — דערצעהלט אונז מר. דזשאהן וועטהערס אין דער לעצטער אויסגאבע פון דער „ענציקלאָפעדיא בריטאַניקא" — האָט זיך די קולטיווירונג אין געוואַרעמטע הייזער גענומען שטאַרק ענטוויקלען, און פאַקטיש זיינען די גלאָז־הייזער שוין גע־וואָרען א בעקאַנטער שטריך פון די לאַנדשאַפטען ביי די זייטען פון די אייזענבאהנען, וואָס לויפען פון לאָנדאָן אין אַלע ריכטונגען. אונגעהויערע סומען ווייַנטרויבען, טאָמאַטאָס, פייגען און אַלערליי סאָרטען גרינסען ווערען קולטיווירט אין וואָרטהינג, וואו 82 אקער זיינען שוין איצט בעדעקט מיט גלאָז־הייזער, און אזוי אויך אין דער געמיינדע טשעשענט, אין הערטס, וואו דער שטח פון גרינס־הייזער גרייכט שוין אויף 130 אקער; בעת א פאָרזיכטיגע שאצונג אין 1908 רעכענט, אז די איינצעלנע גרינסהייזער אין ענגלאַנד פער־נעהמען א שטח פון ארום 1200 אקער (ענציקלאָפעדיא בריטאַניקא, ב. 11 ז. 266). אזוי ווי די עלעמענטען פון דער דאָזיגער קולטיווי־

מיליאָן פונט סט. קאַרטאָפעל אַליין, אימפּאָרטירטע פאַר׳ן היימישען פערברויך אין דער פעראייניגטער מלוכה, בעטרעפען 6,908,550 פונט סט. אין יאָהר 1908 און 3,314,200 פונט סט. אין יאָהר 1910. די אינדוסטריע פון געטריקענטע פרוכט, און דערהויפּט פון געטריקענטע גרינסען, האָט זיך דאָ אין ענגלאַנד נאָך ניט ענטוויקעלט; דערפאַר איז אויסגעקומען, אַז אין דער צייט פון דער מלחמה מיט די בורען האָט ענגלאַנד געצאָהלט אַ וועכענטליכען צינז צו דייטשלאַנד פאַר געטריקענטע גרינסען, וועלכער האָט בעטראָפען פיעלע טויזענדער פונטען סטערלינג יעדע וואָך. אַ פאַלק, וואָס לאָזט זיין לאנד פערוואַנדעלט ווערען אין גרייזג־פלעצער, אין דעם ערד ווי דאָס קומט פאַר אין ענגלאַנד, קען בע־סערס ניט דערוואַרטען, ווי צו זיין געצוואונגען אַוועקצושיקען דעם בעסטען און העכסט אונטערנעהמערישען טייל פון זיין בעפעלקערונג מעבר לים, און צו מוזען אָבהענגען פאַר זיין טעגליכע שפּייז פון זיינע שכנים און קאָמערציעלע קאָנקורענטען.

רונג האָבען זיך ענטװיקעלט דורך דער ערפאַהרונג פון די קולטי־װירער אויף די קאַנאַל־אינזלען און דורך דער ברייטער אויספּריי־טונג פון װאַרעם־הייזער פאַר בלומען־פלאַנצונג, װאָס איז פאָרגע־קומען אין ענגלאַנד מיט לאַנגע יאָהרען צוריק, קען מען בעשליסען לויט די פערשיידענע בעװייזען װאָס מיר האָבען פאַר די אויגען, אז אָט דער סאָרט קולטיװירונג הויבט זיך בכלל אָן צו בעצאָהלען און איז שוין איצטער פעסט עטאַבעלירט.

דאָס אייגענע קען מען אָבער נאָך ניט זאָגען װעגען דער „קול־טור־מאַרעשער“ פון די פראַנצויזישע האַנדעלס־גערטנער, װעלכע װערט איצט איינגעפיהרט אין ענגלאַנד. פיעל פּראָבען אין אָט דער ריכטונג זיינען געמאַכט געװאָרען אין פערשיידענע טיילען פון לאַנד מיט מעהר אָדער װעניגער ערפאָלג; װעגען די רעזולטאַטען אָבער װייס מען גאַנץ װיניציג אָדער גאָרניט. װי בעקאַנט, האָבען איינינע עװעשאַם גערטנער געמאַכט איין פּראָבע אויף א גרויסען מאַסשטאַב. אזוי װי זיי האָבען געלעזען װעגען אָט דעם סאָרט קולטיװירונג אין פראַנקרייך און װעגען די װאונדערבאַרע רעזול־טאַטען, װאָס מען בעקומט דורך דעם, זיינען איינינע עװעשאַם־גערטנער אריבערגעפאָהרען אין פּאַריז מיט דער כונה צו שטודירען די דאָזיגע קולטיװירונג ביי די פּאַריזער „מאַרעשערס“. איינזע־הענדיג, אז דאָס איז אונמעגליך, האָבען זיי איינגעלאַדען א פראַנ־צויזישען גערטנער צו קומען אין עװעשאַם, האָבען איהם געגעבען ¾ אַקער לאַנד און ער האָט אָנגעהויבען, מיט זיינע גלעזערנע גלאָ־קען, קאַסטענס און ליכט, װאָס ער האָט געבראַכט פון זיין פּאַריזער „מאַרע“, און מעהר װי אַלץ מיט זיינע קענטעניששען, צו בעטרייבען די גערטנעריי פאַר די אויגען פון זיינע עװעשאַמער קאָלעגען. „עס איז נאָך א גליק“, האָט ער געזאָגט צו אַן אינטערװיאוער, „װאָס איך רעד ניט קיין ענגליש, אַ'ניט װאָלט איך געמוזט האַלטען די גאַנצע צייט אין רעדען און געבען זיי ערקלערונגען, אנשטאָט צו ארבייטען. אזוי צייג איך זיי מיינע שװאַרצע הויזען און זאָג זיי אין צייכענשפּראַך: קודם מאַכט נאָר דעם באָדען אזוי שװאַרץ װי אָט די הויזען, דערנאָך װעט שוין אַלץ זיין גוט“. עס פערשטעהט זיך, אויב מען װיל עס זאָל זיין איינטרעגליך, מוז מען בענוצען גרויסע מאַסען שטאַל־מיסט, װי אויך זעהר פיעל גלעזערנע גלאָקען און גלעזערנע קאַסטענס, אויף װעלכע מען דאַרף אויסלעגען א סך

געלד; עס פאָדערט זיך אויך אַ סך בעוועסערונג, שוין ניט צו רעדען וועגען די בעאָבאַכטונגס־קרעפטען וואָס מען מוז האָבען צו קענען ענטוויקלען אַ נייעם צווייג פון גערטנעריי אונטער נייע אומשטענדען.

וואָס פאַר׳ע רעזולטאַטען זיי האָבען בעקומען אין עוועשאַם איז שווער צו זאָגען; איבערהויפּט ווייל די געלד־רעזולטאַטען וואָס זיי האָבען בעקומען, לויט ווי די צייטונגען האָבען געשריבען, דעם ערשטען יאָהר (אַ ברוטאָ־הכנסת פון 750 פונט סט. פון ¾ אַקער לאַנד) האָבען אויסגעוויזען ווי אַ גוזמא פאַר אַן ערשטען יאָהר גערעטעניש, און דאָס האָט אויף אַזאַ אופן אַרויסגערופען אַ סקעפּ־טיציזם בנוגע צו אַזאַ סאָרט קולטיווירונג גאָר אינגאַנצען.

נאָך אַן עקספּערימענט אין דער אייגענער ריכטונג איז געמאַכט געוואָרען אויף מיילאַנד׳ס נחלה אין עסעקס, וואָס מר. דזשאָזעף פעלז האָט אָבגעקויפט, כדי צו העלפען קליינע פאַרמעריי אין ענג־לאַנד. מען מוז זאָגען די ריכטיגקייט, אַז אַ חוץ וואָס אַט דער טייל פון ענגלאַנד האָט אַ קאַלטען און פייכטען קלימאַט, איז דער שווערער ליימיגער באָדען פון עסעקס גאָר ניט קיין פּאַסיגער באָדען פאַר קולטיווירען מיט׳ן רידעל. אַט דער סאָרט קולטיווירונג האָט זיך ענטוויקעלט אין ענגלאַנד ווי איבעראַל אויסגערעכענטערהייט בעסער אויף אַ לייכטען ליים, אָדער אין אַזעלכע פּלעצער ווי דזשערסיע, וואו דער מאָגערער גראַנאַט־באָדען קען לייכט בעמיס־טיגט ווערען — אין דעם ספּעציעלען פאַל מיט ים־גראָזען.

פונדעסטוועגען, אַזוי ווי מר. פעלז׳ס צוועק איז געווען הויפּט־זעכליך אַן ערציהערישער, איז דער ציעל גאַנץ זיכער ערפילט גע־וואָרען, וואָרים מיר האָבען איצטער אין די דריי ווערק פון מר. טאָמאַס סמיטה, דעם אויפזעהער פון פאַרם, פּראַקטישע האַנד־ביכער, וואָס לערנען די גרונד־עלעמענטען פון פראַנצויזישער גערט־נעריי.* מען האָט אַראָבגעבראַכט אַ פראַנצויזישען מאַרעשער און געקויפט פאַר אַ היבשע סומע געלד 2,500 גלעזערנע גלאָקען, 1000

---

* טאָמאַס סמיטה „פרענטש גאַרדענינג“, לאָנדאָן (אוטאָפּיאַ פּרעס) 1909, 128 זייטען; „דהי פּראָפיטייבל קולטיור אָוו ווענדזשעטייבלס פאָר מאַרקעט־גאַרדנערס, סמאָלל האָלדערס ענד אדהערס“, לאָנדאָן, 1911, 452 זייטען; און אַ קורצע רעזומע פון דעם ערשטען ווערק.

ליכט פאר די קאסטענס, א ווינדמיל פאמפע א. אז. וו. און דער אויפזועהער פון פארם, מר. ט. סמיטה, האט גענוי נאכגעפאלגט די ארבייט פון דעם גערטנער פון טאג צו טאג, כדי דערנאך דאס צו בעשרייבען און אילוסטרירען דורך פאטאגראפיעס, פאר די וואס וואלטען וועלען פרובירען טהאן דיזעלביגע ארבייט.

די מעהרסטע פון מיינע לעזער וועלען אודאי די ערשטע זאך פרעגען: וואס פאר'ע געלד־רעזולטאטען האט די דאזיגע אונטערנעהמונג געבראכט? עס וואלט אבער געווען נאריש צו דערווארטען, אז אין אט דעם ערשטען עקספערימענט זאל יעדע זאך געהן אזוי גלאטליך, ווי א שטייגער, לאמיר זאגען, אויף די קאנאל־אינזלען, וואו די פיעל־יעהריגע פראקטיקע פון א גאנצער בעפעלקערונג האט אויסגעארבייט די בעסטע מעטאדען פון קולטיווירונג. אט אזוי האט פאסירט, אז די קאסטענס זיינען ניט געווען פארטיג אין צייט צו געבען א פריהע גערעטעניש פון קאוואנעס; און הגם די קאוואנעס, וואס זיינען געוואקסען אין מיילאנד, זיינען געווען אויסגעצייכענטע און האבען דאס ערשטע יאהר געגעבען א הכנסה פון 188 פונט סט., וואלטען זיי אבער געקענט איינברייגגען א סך מעהר, ווען זיי וואלטען געווען פארטיג אין מיטען יוני, וואס עס וואלט מעגליך געווען, ווען די קאסטענס און די ליכט וואלטען געווען אנגעקומען אין צייט.

טראץ אלעם דעם זיינען די רעזולטאטען, וואס מען האט בעקומען דאס ערשטע יאהר, ווירקליך געווען אונגעוועהנליכע. רעכענענדיג אלץ צוזאמען, בעווייזט מר. סמיטה, אז ווען דער גערטנער האט אן איין אקער־גארטען און גיט אויס 494 פונט סט. (זאגט, 550 פונט סט.) אויף 1000 גלעזערנע גלאקען, 300 ליכט, 100 קאסטענס, 500 מאטען (אזוינע ראגאזשעס); אויף וואסער־איינריכטונג, א פאק־שטאל, צוימען, א וואגען, א פערד מיט א געשפאן; און 413 פונט סט. (זאגט, 450 פונט סט.) פאר 500 טאן מיסט, פאר רענט, שטייערן און וואסער, פאר ארבייטס־לוין און שכירות — קענען די ברוטא־הכנסות דערגרייכען 300 פונט סט. (שוין לאזענדיג גענוג אויף איינפאל מחמת „אונערפארענקייט אין דער דאזיגער ס פ ע צ י ע ל ע ר ארבייט"). דעם צווייטען יאהר וואלט עס איינגעבראכט פון 4 ביז 5 הונדערט פונט סט., ווארים נאכדעם ווי די ערד איז שוין ג ע מ א כ ט געווארען דורך דער שווערער בעמיסטיגונג

און דער גערטנער האָט געקריגען פּערזענליכע ערפאַהרונג און איז בעקאַנט געוואָרען מיט דער געגענד, ווערט די פּראָדוקטיוויטעט גרעסער און די אויסגאַבען קלענער.

ווען מען זאָל נעהמען אַן איין אַקער־פאַרם, פון וועלכער נאָר אַ דריטעל ווערט געברויכט אַלס אַ פראַנצויזישער גאָרטען, וואָלטען די הוצאות פון ערשטען יאָהר אויף גלאָקען, ליכט, צוימען, פערד־מיסט, וואַסער, רענטע און שטייערן, געווען עפּעס וועניגער ווי 300 פונט סט. און די הכנסה ביים סוף ערשטען יאָהר וואָלט געווען אַרום 150 פונט סט. „דערנאָך דאַרף די הכנסה גרייכען פון 200 פונט סט. יעדען יאָהר", שרייבט מר. סמיטה.

אַלץ וואָס מען דאַרף צולעגען צו אַט די ווערטער איז, אַז מר. סמיטה איז אויסערסט פאָרזיכטיג אין זיינע שאַצונגען, און אַז, זעהענדיג די גרויסע גערטענישען, וואָס מען בעקומט אין מיילאַנד, און וואָס זיינען אויספיהרליך בעהאַנדעלט אין מר. סמיטה'ס ווערק, איז מען בערעכטיגט צו דערוואַרטען אפילו נאָך בעסערע געלד־רעזולטאַטען.

אונגליקליכערווייזע האָט דער ערפאַהרענער פראַנצויזישער גערטנער, נאָכדעם ווי ער האָט אָבגעאַרבייט אויף'ן פאַרם איין יאָהר און בעקומען די אויבען־דערמאָנטע רעזולטאַטען, פערלאָזען מיילאַנד. אַנשטאָט איהם האָט מען איינגעלאַדען צוויי יונגע פראַנצויזישע גערטנער, און זיי האָבען אָנגעהויבען צערשטערען וואָס דער פריהערדיגער האָט געטאָן, כדי אָנצופיהרען זייער אַרבייט אויף די דרכים, וואָס זיי האָבען אַליין געלערנט. עס איז דעריבער דערווייל נאָך אונמעגליך צו וויסען וואָסערע רעזולטאַטען די נייע מעטאָדען וועלען געבען.

יעדע פּיאָנערען־אַרבייט האָט איהרע ניט־פאָראויסגעזעהענע שוויריגקייטען. אָבער אויף ווי וויט מען קען אורטיילען פון די פאַקטען וואָס שטעהען מיר צום האַנד, האָבען אַט די צוויי אונטער־נעהמונגען בעוויזען, אַז דער ענגלישער קלימאַט איז ניט קיין שטערונג פאַר דער פראַנצויזישער גערטנעריי. עס פערשטעהט זיך, דער קליינער סכום זונענשיין איז אַ גרויסע שטערונג צו דעם צייטיג־ווערען פון די פּראָדוקטען אַזוי פריה ווי זיי קענען ווערען צייטיג אין פראַנקרייך, אפילו אין דער סביבה פון פּאַריז. אָבער היימיש־געוואַקסענע פרוכט און גרינסען האָבען אַלעמאָל אַ סך

מעלות לגבי די אימפארטירטע פראדוקטען. נאך א חסרון — דער דוחק אין פערד־מיסט — א חסרון, וואס וועט אלץ ווערען גרעסער, וואס מעהר עס פערשפרייטען זיך די קראפט־וואגענס — פיהלט זיך אין פראנקרייך פונקט אזויפיעל. דאס איז די סבה פארוואס די פראנצויזישע פלאנצער עקספערימענטירען אזוי פלייסיג מיט דער דירעקטער מעטאדע צו ווארעמען דעם באדען דורך „טהערמא־סיפאנען“.

לאמיר אויך צולעגען צו אט די בעמערקונגען, אז עס הויבט זיך שוין אן צו מערקען א גאנץ־בעשטימטע דערוואכונג דא אין לאנד צו נעהמען מאכען א בעסערען געברויך פון דער ערד, ווי עס איז געברויכט געווארען פאר די לעצטע פופציג יאהר. עס זיינען פאראן איינינע קאונטיעס, וואו די קאונטי־ראטהען, און נאך מעהר די געמיינדע־ראטהען, טהוען זייער בעסטעס ענדליך צו צוברעכען די לאנד־מאנאפאל און דערלאזען די קליינע פארמערס, וואס האבען בדעה צו בעארביימען דעם באדען, צו נעהמען און איהם בעאר־בייטען. היע און דא זעהען מיר אויך איינינע ניט־דרייסטע פרא־בעס, וואס ווערען געמאכט כדי מיטצוטיילען די פארמערס און זייערע קינדער עפעס א ידיעה מכח אגריקולטור און הארטיקולטור. אבער דאס אלץ ווערט געטאן אויף א צו־קליינעם מאסשטאב און אהן אן אויפריכטיגען פערלאנג צו לערנען זיך פון אנדערע איירא־פעאישע פעלקער, און דערהויפט פון די פעראייניגטע שטאאטען און קאנאדא, וואס דארטען ווערט געטאן, כדי צו געבען דער אגרי־קולטור דעם נייעם כאראקטער פון אינטענסיווער קולטיווירונג, וואס דער נייעסטער פארטשריט פון ציוויליזאציע צווינגט אויף איהר ארויף.

די פערשיידענע פאקטען, וואס זיינען צונויפגעבראכט גע־ווארען אויף די פאריגע זייטען, מאכען א סוף פון דעם שווינדעל וועגען איבער־בעפעלקערונג. פונקט אין די העכסט־געדיכט בעפעל־קערטע טיילען פון דער וועלט האט די אגריקולטור געמאכט די לעצטע צייט אזוינע שפריינגען, וואס מען וואלט זיך עס קוים געקענט פארשטעלען צוואנציג יאהר צוריק. א געדיכטע בעפעלקערונג, א שטארקע ענטוויקלונג פון אינדוסטריע און א הויכע ענטוויקלונג פון אגריקולטור און הארטיקולטור געהען האנד אין האנד. זיי קענען ניט זיין אבגעזונדערט. וואס איז שייך דער צוקונפט, זיינען

די מעגליכקייטען פון דער אגריקולטור אזוינע, אז, דעם אמת געזאגט, קענען מיר נאך ניט פאראויסזאגען וואו מען וועט דארפען שטעלען א גרעניץ דער בעפעלקערונג וואס וועט געקענט לעבען פון די פראדוקטען פון א געוויסען שטח. דער נייעסטער פארטשריט, וועלכער איז שוין פרובירט געווארען אויף א גרויסען מאסשטאב, האט ברייטער געמאכט די גרעניצען פון דער אגריקולטור־פראדוקציאן אין אזא ערך, וואס מען האט ניט געקענט פאראויסזעהן; און די נייעסטע ענטדעקונגען, וועלכע ווערען איצט פרובירט אויף א קליינעם מאסשטאב, פערשפרעכען נאך ברייטער צו מאכען די דאזיגע גרעניצען ביז א גראד, וואס איז דערווייל נאך גאנץ אונבעקאנט. (זעה אנהאנג ק.)

די איצטיגע טענדענץ פון דער עקאנאמישער ענטוויקלונג אין דער גאנצער וועלט איז, ווי מיר האבען געזעהן, מיטצוברייננגען אלץ מעהר און מעהר יעדען פאלק, אדער בעסער געזאגט יעדען ראיאן, אין זיין געאגראפישען זין, ער זאל זיך פערלאזען דערהויפט אויף א היימישער פראדוקציאן פון די אלע הויפט־בעדערפענישען פון לעבען. איך מיין ניט, אז די טענדענץ איז צו פערקלענערען דעם וועלט־טויש: ער קען נאך אפילו וואקסען אין אומפאנג; עס פיהרט נאר צו בעשרענקען איהם אויף אזוינע פראדוקטען, וואס מוזען ווירקליך אויסגעטוישט ווערען, און צו פערגרעסערן אין דערזעלביגער צייט זעהר פיעל דעם אויסטויש פון נייאיגקייטען, די שאפונג פון לאקאלער אדער נאציאנאלער קונסט, נייע ענטדעקונגען און ערפינדונגען, וויסען און אידעען. אזוי ווי דאס איז די טענדענץ פון דער היינטיגער ענטוויקלונג, איז ניטא דער קלענסטער גרונד צו זיין אונרוהיג וועגען דעם. עס איז ניטא קיין איין פאלק אין דער וועלט, וואס זאל ניט קענען, זיך בעוואפענענדיג מיט די היינטיגע כחות פון אגריקולטור, פראדוצירען אויף זיין קולטיווירבארען שטח גאר די שפייז און די מעהרסטע רויה־מאטעריאלען, וואס שטאמען פון דער אגריקולטור, וועלכע פאדערען זיך פאר זיין בעפעלקערונג, אפילו ווען די פאדערונג פון דער דאזיגער בעפעלקערונג זאלען זיך שנעל פערגרעסערען, ווי זיי דארפען זיך פערגרעסערען. ווען מיר בעטראכטען דעם מענשען'ס מאכט איבער דאס לאנד און די נאטור־קרעפטען — ווי אט די מאכט שטעהט היינטיגען טאג — קענען מיר בעהויפטען,

אז צוויי אדער דריי איינוואוינער אויף יעדען קולטיווירבארען אקער לאנד וואלט נאך ניט געווען צופיעל. אבער ניט דא, אין דעם געדיכט־בעפעלקערטען ענגלאנד, און ניט אין בעלגיען האבען מיר דערווייל נאך ניט געגרייכט אזוינע צאהלען. אין ענגלאנד, רע־בענענדיג בכלל, האבען מיר איין אקער פון קולטיווירבארען שטח פער איינוואוינער.

אננעהמענדיג, אלזא, אז יעדער איינוואוינער פון גרויסבריטאניען וואלט געווען געצוואונגען צו לעבען אויף די פראדוקטען פון זיין אייגען לאנד, איז אלץ וואס ער וואלט געדארפט טהאן ערשטענס, איז צו בעטראכטען די ערד פון אט דעם לאנד ווי א געמיינזאמע ירושה, וועלכע מוז פערברויכט ווערען צו יעדען איינעמס און אלעמענס בעסטע נוצען — דאס איז זעלבסטפערשטענדליך אן אבסאלוט־נויטיגע בעדינגונג. און צווייטענס, וואלט ער געמוזט קולטיווירען זיין באדען, ניט אויף עפעס אן אויסערגעוועהנליכען אופן, נאר ניט בעסער ווי לאנד ווערט שוין איצט קולטיווירט אויף טויזענדער און טויזענדער אקער אין אייראפא און אמעריקא. ער וואלט ניט געווען געצוואונגען צו ערפינדען נייע מעטאדען, נאר ער וואלט געקענט איינפאך אלגעמיינער און ברייטער אנווענדען די זעלבע מעטאדען, וועלכע האבען אויסגעהאלטען די פראבע פון ערפאהרונג. ער האט עס בכח צו טהאן; און ווען ער טהוט עס, קען ער איינשפארען אן אונגעהייערע מאסע ארבייט, וואס ווערט איצט אבגעגעבען אויף צו קויפען זיינע שפייזען אין אויסלאנד, און אויף צו בעצאהלען די אלע צווישענהענדלער, וועלכע לעבען אויף אט דעם האנדעל. די אלע נויטווענדיגע און לוקסוס־זאכען, וועלכע מוזען ארויסגעקריגען ווערען פון באדען, וואלט מען אונטער א ראציאנאלער קולטור אהן צווייפעל געקענט ארויסקריגען מיט א סך ווייניגער ארבייט איידער עס געהט איצטער אוועק אויף איינצוקויפען אט די אלע סחורות. אין אנאנדער ארט (אין דעם בוך „די עראבערונג פון ברויט") האב איך געגעבען אונגעפעהר־אויסרעכענונגען צו בעווייזען די ריכטיגקייט פון אט דער בעהויפטונג; פון די פאקטען אבער, וואס זיינען דא געבראכט געווארען, קען יעדער איינער פאר זיך זעהען ווי ריכטיג דאס איז. אין דער אמת'ן, ווען מיר נעהמען די מאסען פראדוקטען, וואס מען בעקומט דורך א ראציאנאלער קולטור, און מיר פערגלייכען זיי מיט דער

סומע ארבייט, וואס מוז פערבראכט ווערען אויף זיי ארויסצובע־קומען אונטער א ניט־ראציאנאלער קולטור, אויף זיי צונויפצוקליי־בען אין אויסלאנד, און טראנספארטירען זיי, און אויסהאלטען גאנצע ארמעען צווישען־הענדלער — זעהען מיר גלייך איין ווי ווייניג מען וואלט דארפען אבגעבען טעג און שטונדען אונטער א ריכטיגער קולטור, כדי צו פראדוצירען דעם מענשען'ס שפייז.

כדי צו פערבעסערען אין אט דעם ערך אונזערע מעטאדען פון בעארבייטען די ערד, איז זיכער ניט נויטיג צו צוטיילען דאס לאנד אין איין־אקער חלקים און זיך נעהמען פראדוצירען וואס מיר בעדארפען דורך יעדען איינעמס בעזונדערע אינדיווידועלע אנ־שטרענגונגען, אויף יעדען איינעמס בעזונדער חלק, מיט ניט קיין בעסערע געצייג ווי א פשוט'ער רידעל. אונטער אזוינע אומשטענ־דען וואלטען מיר אונבעדינגט געמוזט דורכפאלען. די, וועלכע זיינען אזויפיעל איבערראשט געווארען פון די וואונדערבארע רעזול־טאטען, וואס מען האט בעקומען אין דער „פטי קולטור" (בעאר־בייטונג פון קליינע שטיקער לאנד), אז זיי געהען ארום און רעדען וועגען דער „קליינער קולטור" פון דעם פראנצויזישען פויער, אדער דעם „מארעשער", ווי דאס וואלט געווען דער אידעאל פאר דער מענשהייט, האבען גאנץ זיכער א טעות. זיי זיינען פונקט אזוי־פיעל פעראירט, ווי יענע אנהענגער פון דעם אנדער עקסטרעם, וועלכע וואלטען וועלען פערוואנדלען יעדעס לאנד אין א קליינער צאהל ריעזיגע באנאנזא־פארמס, וואס ווערען בעארבייט פון מילי־טעריש־ארגאניזירטע „ארבייטס־באטאליאנען". אויף די באנאנזא־פארמס איז די מענשליכע ארבייט טאקע פערקלענערט, אבער די גערעטעניישען, וואס מען נעהמט אראב פון באדען, זיינען ווייט צו קליין, און דער גאנצער סיסטעם איז א רויבער־קולטור, וואס קימערט זיך גארניט וועגען דער אויסמאגערונג פון דעם באדען. דאס איז די ערקלערונג פאר וואס די באנאנזא־פארמס זיינען פערשוואונדען געווארען פון זייער אמאליגער היים, דעם שטאאט אהייא; און ווען איך בין דורכגעגאנגען א טייל פון דעם דאזיגען שטאאט, אין יאהר 1901, האב איך געזעהן, אז זיינע פליינען זיינען געדיכט אנ־געפיקעט מיט מיטעלגרויסע פארמס, פון 100 ביז 200 אקער, און מיט ווינדמילען וואס פומפען וואסער פאר די סעדער און די גרינס־גארטענס. פון דער אנדער זייט, אין דער רידעל־בעארבייטונג,

אויף אָבגעזונדערטע קליינע שטיקער, דורך אָבגעזונדערטע מענשען אָדער פאַמיליען, ווערט צופיעל מענשליכע ארבייט פערשווענדעט, ווען אפילו די גערעטענישען זיינען טאקע גאַנץ גוטע. די ווירקליכע עקאָנאָמיע דעריבער — די עקאָנאָמיע אי פון פּלאַץ, אי פון ארבייט — פאָדערט גאָר פערשיידענע מעטאָדען, וועלכע שטעלען פאָר א קאָמבינאַציע פון מאַשין־ארבייט מיט האַנד־ארבייט.

אין דער אַגריקולטור, ווי אין יעדער אַנדער זאַך, איז די פערייניגונג פון דער ארבייט די איינציגע פערנינפטיגע לעזונג פון דער פראַגע. צוויי הונדערט פאַמיליען, צו פינף פערזאָן אין יעדער פאַמיליע, וואו יעדערע בעזיצט פינף אקער לאַנד און זיי האָבען ניט קיינע אַלגעמיינע פערבינדונגען צווישען זיך, נאָר יעדע פאַמיליע איז געצוואונגען צו מאַכען א לעבען אויף איהרע פינף אקער — וואָלט כמעט זיכער געווען אַן עקאָנאָמישער דורכפאַל. אפילו ווען מען זאָל לאָזען אַן א זייט אַלע פּערזענליכע שוועריגקייטען, וואָס נעהמען זיך פון די פערשיידענע ערציהונגען, די פערשיידענע געשמאַקען און פון דעם ניט וויסען וואָס צו טהאָן מיט'ן לאַנד — ווען מיר זאָלען פאַר דערווייליע אָננעהמען, אז אַט די אַלע אורזאַכען זיינען גאָר ניט קיין שטערונג, וואָלט דער עקספּערימענט אַלץ זיך געענדיגט מיט א דורכפאַל, איינפאַך צוליעב עקאָנאָמישע, צוליעב אַגריקולטורעלע סבות. וויפיעל אזא אָרגאַניזאַציע וואָלט ניט געוועזען א פערבעסערונג לגבי די היינטיגע אומשטענדען, וואָלט זי אָבער לאַנג ניט געדויערט; זי וואָלט אָדער מוזען ווייטער געענדערט ווערען, אָדער פערשווינדען.

דיזעלביגע צוויי הונדערט פאַמיליען אָבער, ווען זיי זאָלען זיך בעטראַכטען, לאָמיר זאָגען, ווי אַרענדאַטאָרס ביים פאָלק, און בעהאַנדלען די טויזענד אקער, ווי זיי וואָלטען עס געהאַלטען אין איין אַלגעמיינע ארענדע — מיר וועלען די פּערזענליכע אומשטענדען ווייטער לאָזען אַן א זייט — וואָלטען זיי, עקאָנאָמיש גערעדט, פון דעם שטאַנדפּונקט פון דעם אַגריקולטוריסט, געהאַט אַלע אויסזיכטען אויף ערפאָלג, אויב זיי וויסען נאָר ווי אַמבעסטען צו געברויכען דאָס לאַנד.

אין אזא פאַל, וואָלטען זיי וואהרשיינליך קודם כל זיך פעראייניגט צו פערבעסערען מיט א קיום דעם טייל לאַנד, וואָס מוז גלייך פערבעסערט ווערען, און וואָלטען עס געהאַלטען פאַר נויטיג

יעדען יאָהר צו פערבעסערען א ביסעל פון די איבעריגע טיילען, ביז וואנען זיי וואָלטען דאָס גאנצע לאנד געבראכט אין א פאָלקאָמענעם צושטאנד. אויף א שטח פון 340 אקער וואָלטען זיי געקענט גאָר לייכט פראָדוצירען דאָס גאנצע תבואה — ווייץ, האָבער א. אז. וו. — וואָס פאָדערט זיך אי פאר אלע טויזענד איינוואוינער, אי פאר זייערע בהמות, ניט דארפענדיג אפילו אָנקומען פאר דעם צוועק צו דער מעטאָדע פון איבערפלאנצען אָדער פלאנצען די זריעה. אויף נאָך 400 אקער, ריכטיג קולטיווירט און בעוועסערט, אויב נויטיג און מעגליך, וואָלטען זיי געקענט פראָדוצירען גאָר די גרינסען און פיה־פוטער, וואָס איז נויטיג אויסצוהאַלטען די דרייסיג אָדער פערציג מילך־קיה, וועלכע וואָלטען זיי בעזאָרגט מיט מילך און פוטער און, לאָמיר זאָגען, די 300 שטיק פיה, וואָס זיי דארפען האָבען אויף פלייש. אויף 20 אקער, פון וועלכע צוויי אקער וואָלטען געווען אונטער גלאָז, וואָלטען זיי געמאכט וואקסען מעהר גרינסען, פרוכטען און לוקסוס־זאכען, ווי זיי וואָלטען געקענט פערצעהרען. און אָננעהמענדיג אז א האלב אקער לאנד וואָלט גע־גאנגען מיט יעדען הויז, פערווענדט צו ווערען אויף בעליעבטע זאכען און פערגעניגענס (ווי האלטען עופות, אָדער קולטיווירען שענע געוויקסען, בלומען א. ד. ג.), וואָלטען זיי נאָך אלץ געהאַט ארום 140 אקער פאר אלערליי מיני צוועקען: שפאציער־גאָרטענס, סקווערען, פאבריקען און אזוי ווייטער. די ארבייט וואָס וואָלט זיך געפאָדערט פאר אזא אינטענסיווער קולטור, וואָלט ניט געווען די שווערע ארבייט פון דעם לייבאייגענעם אָדער שקלאף. יעדער איינער וואָלט עס געקענט טהאָן, דער שטארקער אָדער דער שוואַ־כער, דער ערצויגענער אין שטאָדט, אָדער דער געבוירענער אויפ'ן לאנד; די ארבייט וואָלט נאָך אויסער דעם אויך געווען אנציהענד. און די גאנצע סומע ארבייט וואָלט געווען א סך קלענער איידער די סומע ארבייט, וואָס יעדע טויזענד פערזאָנען דאָ אָדער אין יעדער אנדער לאנד מוזען איצטער אָבגעבען, כדי צו בעקומען זייער היינטיגע שפייז, וועלכע איז פיעל ווענינער אין צאָהל און ערגער אין קוואליטעט. איך מיין, פערשטעהט זיך, די טעכניש־נויטיגע ארבייט, גאָר ניט צו רעדען וועגען דער ארבייט, וואָס מיר מוזען איצט אָבגעבען, כדי אויסצוהאלטען אלע אונזערע צוויי־שענהעגדלער, די ארמעען און נאָך אזוינע. די סומע ארבייט, וואָס

פאַדערט זיך צו פּראָדוצירען שפּייז אונטער אַ ראַציאָנאַלער קולטור, איז אַזוי באמת קליין, אַז די דאָזיגע טויזענד אייננוואוינער, וואָס מיר האָבען דאָ גענומען פאַר אַ ביישפּיעל, וואָלטען נויטיגערווייז געמוזט זיך נעהמען אין זייער לעדיגער צייט פאַר אינדוסטריעלע, אַרטיסטישע, וויסענשאַפטליכע און אַנדערע בעשעפטיגונגען.

פון דעם טעכנישען שטאַנדפּונקט איז קיין שום שטער ניטאָ, אַז אַזאַ געזעלשאַפט זאָל זיך אָרגאַניזירען מאָרגען מיט אַ פאָל־שטענדיגען ערפאָלג. די מניעות אנטקעגען דעם ליעגען ניט אין דער אונפאָלקאָמענהייט פון דער אַגריקולטור־טעכניק, אָדער אין דער אונפּרוכטבארקייט פון באָדען, אָדער אין דעם קלימאַט. זיי ליעגען אינגאַנצען אין אונזערע אינסטיטוציעס, אין אונזערע ירושות און טראַדיציעס פון דער פערגאַנגענהייט — אין די „גייסטער" וואָס דריקען אויף אונז ווי אַ שווערע לאַסט. ביז אַ געוויסען גראַד אָבער — נעהמענדיג די געזעלשאַפט בכלל — ליעגען זיי אויך אין אונזער מערקווירדיגער אונוויסענהייט. מיר, ציוויליזירטע מענער און פרויען, ווייסען אַלצדינג, מיר האָבען פעסטע מיינונגען וועגען יעדער זאַך, מיר אינטערעסירען זיך מיט אַלץ. מיר ווייסען נאָר גאָרנישט וועגען דעם פון וואַנען דאָס ברויט קומט, וואָס מיר עסען — הגם מיר פּרעטענדירען אַז מיר ווייסען עפּעס אויך וועגען דעם ענין. מיר ווייסען ניט ווי אַזוי עס ווערט גע־וואַקסען, וויפיעל מיה עס קאָסט די וואָס מאַכען עס וואַקסען, וואָס עס ווערט געטאָן צו פערקלענערען זייער מאַטערניש, וואָס פאַר'ע סאָרטען מענשען זיי זיינען די וואָס שאַפען די שפּייז פאַר אונז, פיינע בריות... מיר זיינען אין דער הינזיכט מעהר אונוויסענד איידער די ווילדע; און מיר שטערען אונזער־ע קינדער צו בעקומען אָט דעם סאָרט וויסען — אפילו יענע קינדער, וואָס וואָלטען בעסער דאָס געוואָלט וויסען, איידער די פּעק אומניצליכען שטאָף, מיט וועלכען מען שטאָפּט אָן זייערע קעפּ אין דער שול.

קאַפּיטעל VI

קליינע אינדוסטריען און אינדוסטריעלע דערפער.

אינדוסטריע און אַגריקולטור. — די קליינע אינדוסטריען. — פערשיידענע טיפּען. — קליינע מלאָכות אין ענגלאַנד: שעפפילד, לידס, לייק דיסטריקט, בירמינגהאם. — סטאַטיסטישע דאַטען. — קליינע מלאָכות אין פראַנקרייך: וועבעריי און פערשיעדענע אַנדערע אַרבייטען. — דער ליאָנער ראַיאָן. — פּאַריז, אַ גרויסער צענטער פון קליינע מלאָכות. — די רעזולטאַטען פון דעם צענזוס פון יאָהר 1896.

די צוויי שוועסטער־בעטריבען, אַגריקולטור און אינדוסטריע, זיינען ניט אַלע מאָל געווען אַזוי פערפרעמדט איינע פון דער אַנדערער, ווי זיי זיינען עס איצטער. עס איז געווען אַ צייט, — און די דאָזיגע צייט איז גאָרניט אַזוי ווייט צוריק, — ווען ביידע זיינען געווען גרינדליך פערבונדען צווישען זיך. די דערפער זיינען יעמאָלט געווען די פּלעצער פון פערשיידענע אינדוסטריען, און די בעלי־מלאָכות אין די שטעדט האָבען נאָך ניט אויפגעגעבען די ערד־אַרבייט. פיעלע שטעדט זיינען אייגענטליך נאָר געווען אינדוסטריעלע דערפער. אויב די מיטעלאַלטערליכע שטאָדט איז געווען דאָס וויעגעל פון יענע אינדוסטריען, וואָס גרעניצען זיך מיט קונסט, און וואָס זיינען אויסען געווען צו בעפריעדיגען די בעדערפנישען פון די רייכערע קלאַסען, איז עס אָבער געווען די דאָרפישע מאַנופאַקטור, וואָס האָט בעפריעדיגט די בעדערפנישען פון די מיליאָנען, ווי ס'איז נאָך עד היום דער פאַל אין רוסלאַנד, און ביז אַ גאָר הויכען גראַד אויך אין דייטשלאַנד און פראַנקרייך. עס זיינען אָבער געקומען די וואַסער־מאָטאָרען, דאַמפּף, די ענטוויקלונג פון דער מאַשינעריע און האָבען צובראָכען דאָס קייטעל, וואָס האָט פריהער פערבונדען די פאָרם מיט דעם ווערקשאַפּ. עס זיינען ענטשטאַנען פאַבריקען, און די אַרבייטער האָבען פערלאָזען דאָס פעלד. זיי האָבען זיך צונויפגעזאַמעלט דאָרט, וואו דער פערקויף

פון זייערע פּראָדוקטען איז געווען אַם לייכטסטען, און וואו מען האָט אַם ביליגסטען געקאָנט קריגען די רויהע מאַטעריאַלען און בעהייצונג. נייע שטעדט זיינען אויפגעקומען און די פעלדער זיינען פערלאָזט געוואָרען. מיליאָנען אַרבייטער, מיט געוואַלט אַוועקגעריסען פון דעם לאַנד, האָבען זיך צונויפגעקליבען אין די שטעדט צו זוכען אַרבייט, און האָבען באַלד פערגעסען די בענדער, וואָס האָבען זיי פריהער געהאַלטען צוגעבונדען צום באָדען. און אין אונזער בעוואונדערונג פון די גרויסע אויפטהואונגען, וואָס דער נייער פאַבריק־סיסטעם האָט מיט זיך געבראַכט, האָבען מיר פערזעהן די מעלות פון דעם אַלטען סיסטעם, אונטער וועלכען דער ערד־אַרבייטער איז צו דער זעלבער צייט אויך געווען אַן אינדוסטריעלער אַרבייטער. מיר האָבען פער׳משפט צום אונטערגאַנג אַלע יענע אינדוסטריע־צווייגען, וועלכע האָבען פריהער געבליהט אין די דערפער; מיר האָבען אין דער אינדוסטריע פעראורטיילט אַלץ, וואָס האָט ניט אויסגעזעהן, ווי אַ גרויסע פאַבריק.

אמת, אין פּרט פון פערגרעסערען די פּראָדוקטיווע כחות פון׳ם מענשען זיינען די רעזולטאַטען געווען גרויסאַרטיג. זיי זיינען אָבער געווען שוידערהאַפטיג, ווען מען נעהמט אין בעטראַכט די מיליאָנען מענשליכע וועזענס, וואָס זיינען פערזונקען געוואָרען אין דחקות און געמוזט זיך פערלאָזען אויף אַן אונזיכערע חיונה אין אונזערע שטעדט. נאָך מעהר, דער סיסטעם אַלס גאַנצעס, האָט מיט זיך געבראַכט יענע אוננאָרמאַלע בעדינגונגען, וואָס איך האָב זיך געמיהט צו שילדערען אין די צוויי ערשטע קאַפּיטלען. מיר זיינען אויף דעם אופן פעריאָגט געוואָרען אין אַ ווינקעל; און בעת אַ גרינדליכע ענדערונג אין די בעציהונגען צווישען אַרבייט און קאַפּיטאַל ווערט אַלץ מעהר אַ דרינגליכע נויטווענדיגקייט, ווערט אַ פאָלשטענדיגע איבעראַנדערשונג פון אונזער גאַנצער אינדוסטריעלער אָרגאַניזאַציע ניט ווענינער אונפערמיידליך. די אינדוסטריעלע פעלקער זיינען געצוואונגען זיך צוריקקעהרען צו דער אַגריקולטור; זיי מוזען אויסגעפינען די בעסטע מיטלען, ווי אַזוי צו פערבינדען זי מיט דער אינדוסטריע, און זיי מוזען עס טהאָן אָהן אַ פערלוסט פון צייט.

אויסצופאָרשען די ספּעציעלע פראַגע וועגען דער מעגליכקייט פון אַזאַ פערבינדונג, איז דער צוועק פון די פאָלגענדע זייטלעך.

איז עס מעגליך פון א טעכנישען שטאנדפונקט? איז עס ווינשענס־ווערטה? זיינען אין אונזער איצטיגען אינדוסטריעלען לעבען פאראן אזוינע שטריכען, וואס ערלויבען אונז אנצונעהמען, אז עס וועלען זיך געפינען די נויטיגע קרעפטען אויסצופיהרען די ענדערונג אין דער אנגעצייכענטער ריכטונג? אט דאס זיינען די פראגען, וואס ענטשטעהען פאר אונז. און כדי זיי צו פערענטפערען איז, שיינט מיר, ניטא קיין בעסערער אופן ווי צו שטודירען יענעם אונגע־הויערען, אבער פערזעהענעם און אונטערגעשעצטען צווייג פון די אינדוסטריען, וועלכע ווערען בעשריבען אונטער די נעמען: לאנד־אינדוסטריען, הויזליכע ארבייטען און קליינע מלאכות. און שטו־דירען דארף מען זיי ניט אין די ווערק פון די עקאנאמיסטען, וואס זיינען צו פיעל נוטה צו קוקען אויף זיי, ווי אויף אבגעשטאנענע אינדוסטריע־טיפען, נאר אין זייער לעבען גופא, אין זייערע קעמ־פפען, אין זייערע מפלות און נצחונות.

די, וואס האבען ניט ספעציעל שטודירט די קליינע אינדוס־טריען, קאנען קוים פערדעכטיגען ווי פערשיעדענארטיג עס זיינען זייערע פארמען פון ארגאניזאציע. ערשטענס, זיינען דא צוויי גרויסע קאטעגאריעס: די אינדוסטריען, וואס ווערען בעטריבען אין די דערפער אין פערבינדונג מיט ערד־ארבייט; און יענע, וועלכע ווערען בעטריבען אין די שטעדטלעך אדער דערפער אהן וועלכער עס איז שייכות מיט'ן לאנד און וואו די ארבייטער ציהען זייער חיונה בלויז פון זייער אינדוסטריעלער טהעטיגקייט.

אין רוסלאנד, אין פראנקרייך, אין דייטשלאנד, אין עסטרייך א. אז. וו. געהערען מיליאנען און מיליאנען ארבייטער צו דער ערשטער קאטעגאריע. זיי בעזיצען אדער האלטען אין ארענדע לאנד, זיי פערמאגען איינע אדער צוויי קיה, זעהר אפט אויך פערד, זיי בעארבייטען זייערע פעלדער אדער סעדער אדער גערטנער, און קוקען אויף זייער אינדוסטריעלער ארבייט ווי אויף א זייטיגער בעשעפטיגונג. אט די פאכען פון קליינע אינדוסטריען איז שטארק פערשפרייט ספעציעל אין יענע געגענדען, וואו דער ווינטער איז לאנג, און אין משך פון פיעלע מאנאטען איז קיין שום ארבייט אויפ'ן לאנד ניט מעגליך. פערקעהרט, אין ענגלאנד געפינען מיר דעם געגענגעזעצטען עקסטרעם. וועניג קליינע אינדוסטריען זיינען אין ענגלאנד געבליבען ביים לעבען אין פערבינדונג מיט לאנד־

ארבייט; אָבער הונדערטע קליינע מלאָכות זיינען פערשפּרייט אין די פאָרשטעדט און אין די אָרימע קוואַרטאַלען פון די גרויסע שטעדט, און גרויסע טיילען פון דער בעפעלקערונג פון מעהרערע שטעדט, ווי למשל שעפילד און בירמינגהאם, מאַכען אַ לעבען ביי פערשיידענע קליינע מלאָכות. צווישען אַט דיביידע עקסטרעמען געפינט זיך וואהרשיינליך אַ מאַסע צווישען-פאָרמען, לויט דער גרעסערער אָדער קלענערער פערבינדונג, וואָס עקזיסטירט נאָך מיט דעם לאַנד. גרויסע דערפער, און אפילו שטעדט, זיינען אויף אַזא אופן בעוואוינט פון ארבייטער, וואָס זיינען בעשעפטיגט ביי קליינע מלאָכות; די מעהרסטע פון זיי אָבער פערמאָגען אַ קליינעם גאָרטען אָדער סאָד אָדער אַ פעלד אָדער האָבען נאָר געוויסע רעכטען צו פּאַשען אַ בהמה אויף דער קהל'שער לאָנקע, און נאָר אַ טייל פון זיי לעבען אויסשליסליך פון זייערע אינדוסטריעלע פערדיענסטען.

וואָס איז שייך דעם פערקויף פון די פּראָדוקטען, ווייזען די קליינע אינדוסטריען ארויס די זעלביגע פערשיידענאַרטיגקייט אין דעם אופן פון זיין אָרגאַניזאַציע. דאָ זיינען אויך פאַראַן צוויי גרויסע אָבטיילונגען. אין איין אָבטיילונג פערקויפט דער ארבייטער זיינע פּראָדוקטען דירעקט דעם גרויס-הענדלער; סטאָליערס, וועבערס און שפּיעלצייג-ארבייטער געהערען צו דער קאַטעגאָריע. אין דער צווייטער גרויסער אָבטיילונג ארבייט דער פועל פאַר אַ „בעל-הבית", וואָס פערקויפט די פּראָדוקטען דעם גרויס-הענדלער, אָדער פיגורירט איינפאַך אַלס פערמיטלער, וועלכער קריגט אַליין די בע-שטעלונגען פון אַ גרויסען געשעפט. דאָס איז, ריכטיג געזאָגט דער „שוויץ-סיסטעם", וואָס אונטער איהם געפינען מיר אַ מאַסע קליינע מלאכות. אַ טייל פון דעם שפּיעלצייג-פאַך, די שניידערס, וואָס ארבייטען פאַר גרויסע קליידער-געשעפטען — זעהר אָפט פאַר די מאַגאַזינען פון דער רעגיערונג —, די פרויען, וואָס נעהען און העפ-טען אויס די „אויבערשטע טיילען" פאַר די שטיוועל- און שיך-פאַבריקען, און וואָס האָבען צו טהאָן פּונקט אזוי אָפט מיט דער פאַבריק ווי מיט דעם פערמיטלערישען „שוויצער" (סוועטער) און אַז. וו. געהערען צו אָט דער צווייטער קאַטעגאָריע. עס איז קלאָר, אַז אַלע מעגליכע גראַדאַציעס פון פּעאָדאַלער און אונטער-פּעאָדאַלער אָבהענגיגקייט פון דער ארבייט געפינען זיך אין אָט דער אָרגאַניזאַ-

ציע פון פראָדוקטען־פערקויף. בעטראַכט מען די אינדוסטריעלע, אָדער ריכטיגער די טעכנישע זייטען פון די קליינע אינדוסטריען, קען מען ווידער אמאָל געפינען דיזעלבע טיפען־פערשיידענארטיג־קייט. דאָ זיינען אויך פאראן צוויי גרויסע אָבטיילונגען: די מלאכות, וועלכע זיינען ריין הויזליכע — ד. ה. אזוינע, וואָס ווערען בעטריבען אין דעם ארבייטער'ס היים מיט דער הילף פון זיין פאמיליע אָדער פון עטליכע לוין־ארבייטער; און די מלאכות, וואָס ווערען בעטריבען אין בעזונדערע שעפער. — די אַלע נאַר־וואָס דער־מאָנטע פערשיידענארטיגקייטען, הן בנוגע דער בעציהונג צום לאַנד, הן בנוגע דעם אופן פון פערקויף, בעגעגענט מען איןביידע אָבטיי־לונגען. אַלע מעגליכע מלאכות — וועבעריי, האָלץ־ארבייט, מעטאַל־ארבייט, ביין־ און גומי־ארבייט א. אז. וו. — קען מען געפי־נען אין דער קאטעגאָריע פון ריין הויזליכע מלאכות, מיט אַלע מעגליכע גראַדאציעס צווישען דער ריינער הויזליכער פראָדוקציאָנס־פאָרם און דער שאָפּ אָדער פאבריק.

אזוי געפינען מיר זייט ביי זייט מיט די מלאכות, וואָס ווערען בעטריבען דורכאויס אין דער היים, אויך מלאכות, ביי וועלכע דער בעל־הבית האַלט אָן נעבען זיין הויז א קליינע שאָפּ און ארבייט אין איהר אַליין מיט זיין פאמיליע אָדער מיט עטליכע „געזעלען“, ד. ה. לוין־ארבייטער, אָדער דער בעל־מלאכה האַלט א בעזונדער שאָפּ, פערזאָרגט מיט מעכאנישער קראַפט, ווי עס איז דער פאַל מיט די שעפיעלד'ער קאַטלערס. אָדער עטליכע ארבייטער קומען זיך צוזאַ־מען אין א קליינער פאבריק, וואָס זיי האַלטען אַליין אויס, אָדער דינגען זי בשותפות אָדער ארבייטען אין שכנות פאַר א בעשטימטער וועכענטליכער רענט. אין יעדען פון אָט די פעלען ארבייטען זיי אָדער דירעקט פאַר דעם הענדלער, אָדער פאַר א קליינעם בעל־הבית, אָדער פאַר א צווישענהענדלער.

א וויי‌טערע ענטוויקלונג פון דעם דאָזיגען סיסטעם איז די גרויסע פאבריק, בעזונדערס פון פאַרטיגע קליידער, וואו הונדערטע פרויען צאָהלען א געוויסע סומע פאַר די נעה־מאַשינען, די גאַז, די גאַז־געהייצטע אייזענס א. ד. ג. און דערפאַר קריגען זיי א בע־שטימטע סומע פון שטיק פאַר די קליידער, אָדער טיילען פון די קליידער, וואָס זיי נעהען. אין ענגלאַנד עקזיסטירען אונגעהייערע פאבריקען פון דעם סאָרט, און עס האָט זיך ארויסגעשטעלט פון די

אונטערזוכונגען פון דער „שוויץ־קאָמיטע“, אַז די פרויען ווערען אין אַזוינע ווערקשעפּער שוידערליך „געשוויצט“. מען ציהט אַרונטער דעם פולען פּרייז פון יעדען עטוואָס־פערדאַרבענעם בגד פון זייערע זעהר נידעריגע שטיקאַרבייט־שכירות. און ענדליך קומען מיר צו דעם קליינעם שאַפּ, וועלכער איז אָפט בעזאָרגט מיט געדונגענער מעכאַנישער קראַפט. וואו אַ בעל־הבית בעשעפטיגט פון דריי ביז צעהן לוין־אַרבייטער, פערקויפט זיינע פּראָדוקטען אַ גרעסערען פאַבריקאַנט אָדער אַ הענדלער. צווישען אַזאַ שאַפּ און אַ קליינער פאַבריק, אין וועלכער עטליכע צייט־אַרבייטער (פינף, צעהן ביז צוואַנציג) זיינען בעשעפטיגט ביי אַן אונאָבהענגיגען פאַבריקאַנט, געפינען זיך אַלע מעגליכע צווישען־שטופען. אין די טעקסטיל־מלאכות ווערט די וועבעריי אָפט בעטריבען פון דער פאַמיליע, אָדער פון אַ בעל־הבית, וועלכער בעשעפטיגט בלויז איין איינגעל אָדער עטליכע וועבער. אַזאַ בעל־הבית בעקומט דעם גאַרן פון אַ גרויסען פאַבריקאַנט, צאָהלט אַ געניטען האַנדווערקער פאַר אַריינטהאָן דעם גאַרן אין דעם וועב־שטוהל, טראַכט־צו דעם נויטיגען, אָפטמאָל גאַנץ קאָמפּליצירטען וועב־מוסטער, און נאָכדעם ווי ער האָט אויסגעוועבט דאָס טוך אָדער די סטענגעס אויף זיין אייגענעם אָדער געדונגענעם וועבשטוהל, קריגט ער בעצאָהלט פאַר דער אַרבייט לויט אַ זעהר קאָמפּליצירטער לוין־ראַטע, וואָס איז אָבגעמאַכט צווישען די בעלי־בתים און די אַרבייטער. אָט די לעצטע פאָרם, ווי מיר וועלען באַלד זעהן, איז שטאַרק פערשפּרייט ביז היינטיגען טאָג, בעזונדערס ביי די וואָל־ און זייד־מלאכות. זי עקזיסטירט נאָך אַלץ ביי דער זייט פון די גרויסע פאַבריקען, וואו עס אַרבייטען 50, 100 אָדער 5000 לוין־אַרבייטער מיט דעם בעל־הבית׳ס מאַשינעריע און קריגען בעצאָהלט צייט־שכירות, אַזוי פיעל און אַזוי פיעל פון טאָג אָדער פון וואָך.

די קליינע אינדוסטריען זיינען אָט אַזוי אַ בעזונדער וועלט פאַר זיך,* וועלכע בלייבט מערקווירדיגערווייז עקזיסטירען זייט ביי

* דאָס איז די אורזאַך, פאַרוואָס די דייטשע עקאָנאָמיסטען געפינען אַזוי פיעל שוועריגקייטען, ווען זיי ווילען אָנצייכנען די גרעניצען פון דער אייגענטליכער הויז־אינדוסטריע. איצט אידענטיפיצירען זיי די הויז־אינדוסטריע מיט דעם וואָרט „פערלאַגס־סיסטעם“, וואָס מיינט: „דאָס

זייט מיט די גרויסע פאבריקען אפילו אין די העכסט אינדוסטריעלע לענדער. אין אט דער וועלט מוזען מיר איצט אריינדרינגען צו טהאן אויף איהר א קוק. בלויז א קוק, ווייל עס וואלט גענומען גאנצע בענדער, אויב מיר וואלטען געוואלט בעשרייבען די אונענדליכע פערשיידענארטיגקייט פון איהרע בעשעפטיגונגען און ארגאניזאציאנס-פארמען, ווי אויך איהרע אונענדליך פערשיידענארטיגע פערבינדונגען, הן מיט דער אגריקולטור, הן מיט אנדערע אינדוסטריען.

מיר מוזען צוגעבען, אז די מעהרסטע קליינע מלאכות, מיט דער אויסנאהם פון די וואס זיינען פערבונדען מיט אגריקולטור, געפינען זיך אין א זעהר אונזיכערער לאגע. די פערדיענסטען זיינען זעהר נידעריג, און די בעשעפטיגונג איז אפט אונזיכער. דער ארבייטסטאג איז מיט צוויי, דריי אדער פיער שטונדען לענגער, איידער אין די גוט ארגאניזירטע פאבריקען, און אין געוויסע סעזאנען דערגרייכט ער כמעט אן אונגלויבליכע לענג. עס קומען פאר אפטע קריזיסען און זיי געדויערען יאהרען-לאנג. דער ארבייטער איז בכלל א סך מעהר אבהענגיג פון דעם הענדלער, אדער פון דעם פאבריקאנט, און דער בעל-הבית אליין איז אבהענגיג פון דעם גרויסהענדלער.ביידע קאנען לייכט פערשקלאפט ווערען ביי דעם גרויסהענדלער, אריינפאלענדיג צו איהם אין חובות. אין מאנכע קליינע אינדוסטריען, בעזונדערס ביי דער פאבריקאציע פון די אייגפאכע טעקסטילען, לעבען די ארבייטער אין שוידערליכער דחקות. אבער די וואס זאגען, אז אזא דחקות איז דער אלגעמיינער כלל, זיינען אינגאנצען אונגערעכט. יעדער איינער, וואס האט געלעבט, לאמיר זאגען, צווישען די זייגערמאכערס אין דער שווייץ און איז בעקאנט מיט זייער אינערליכען לעבען, וועט צוגעבען, אז דער צושטאנד פון אט די ארבייטער איז ניט דער ערך העכער אין יעדער הינזיכט, גייסטיג ווי מאטעריעל, איידער דער צושטאנד פון מיליאנען פאבריקהענד. אפילו אין דער צייט פון אזא קריזיס, ווי דער וואס דער

ארבייטען דירעקט אדער דורך דער הילף פון א פערמיטלער (אדער אויפקויפער) פאר דעם הענדלער אדער פאבריקאנט, וועלכער בעצאהלט דעם קליינעם מייסטער פאר זיין ארבייט, נאך איידער דער פראדוקט האט דערגרייכט דעם געברויכער (קאנסומענט)".

זייגערמאַכער פאַך האָט דורכגעלעבט אין די יאָהרען 1880—1876, איז דער צושטאַנד פון די אַרבייטער געװען בעסער, װי דער צו־שטאַנד פון די פאַבריק־הענד אין דער צייט פון אַ קריזיס אין דער װאָל־ אָדער באַװעל־אינדוסטריע; די אַרבייטער אַליין האָבען עס גוט געװאוסט.

װי נאָר אַ קריזיס ברעכט אויס אין אַ געװיסען צװייג פון די קליינע אינדוסטריען, פעהלען שוין ניט קיין שרייבערס, װאָס זעהען פאָראויס דעם אונטערגאַנג פון דעם דאָזיגען פאַך. בעת׳ן קריזיס, װאָס איך האָב בייגעװאוינט לעבענדיג צװישען די שװייצאַרישע זייגערמאַכער, אין 1877, איז די רייד, אַז דער פאַך װעט ניט קענען קומען צו זיך, ביי דער קאָנקורענץ פון די מאַשין־געמאַכטע זייגערס, געװען אַ שטענדיגע טעמא אין דער טעגליכער פרעסע. דאָסזעלבע האָט מען געזאָגט אין 1882 בנוגע דער זייד־אינדוסטריע אין ליאָן, און מען האָט עס פאַקטיש געזאָגט אומעטום, װאו נאָר עס האָט אויס־געבראָכען אַ קריזיס אין די קליינע אינדוסטריען. דאָך, ניט קוקענ־דיג אויף די פינסטערע פאָראויסזאָגונגען און אויף די נאָך פינס־טערערע אויסזיכטען פון די אַרבייטער, פערשװינדט די דאָזיגע אינדוסטריע־פאָרם פאָרט ניט. אפילו װען אַ געװיסער צװייג איהרער פערשװינדט, בלייבט נאָך אַלץ עפּעס איבער פון איהר; אייניגע טיילען בלייבען עקזיסטירען אַלס קליין־אינדוסטריען (אַ הויכער סאָרט זייגערמאַכעריי, די בעסטע סאָרטען זייד, סאַמעט פון הויכער קװאַליטעט וכדומה), אָדער עס ענטשטעהען ניי־פערבונדענע צװיי־גען אויפ׳ן אָרט פון די אַלטע, אָדער די קליינע אינדוסטריע, איינ־פיהרענדיג אַ מעכאַנישען מאָטאָר, נעהמט אָן אַ נייע פאָרם. אָט אזוי זעהען מיר, אַז די קליין־אינדוסטריע איז בעגאַבט מיט אַ װאונדערבאַרער לעבענס־פעהיגקייט. זי מאַכט דורך פערשיידענע ענדערונגען, זי פּאַסט זיך צו צו נייע בעדינגונגען, זי קעמפּפט, ניט פערלירענדיג די האָפנונג אויף בעסערע צייטען. יעדענפאַלס האָט זי ניט די שטריכען, װאָס כאַראַקטעריזירען אַן אונטערגעהענדע אינ־סטיטוציע. אין אייניגע אינדוסטריען איז די פאַבריק אָהן ספק די זיעגרייכע; אָבער עס זיינען פאַראַן אַנדערע אינדוסטריע־צװייגען, װאו די קליינע מלאכות האַלטען אָן זייערע פּאָזיציעס. אפילו אין די טעקסטיל אינדוסטריען, װאו דער פאַבריק־סיסטעם האָט אזוי פיעל פאָרצוגען — דערהויפּט װייל עס װערט אַזוי פיעל געברויכט

די ארבייט פון קינדער און פרויען — אפילו דא קאנקורירט נאך אלץ דער האנד־שטוהל מיט דעם קראפט־שטוהל.

דער איבערגאנג פון די קליינע מלאכות אין גרויס־אינדוסטריען קומט פאר, אינגאנצען גענומען, אזוי לאנגזאם, אז דאס מוז פערוואונדערען אפילו יענע, וואס זיינען איבערצייגט אין דער נויטווענדיגקייט פון אזא איבערגאנג. אדרבא, אפטמאל זעהען מיר גאר ווי עס קומט פאר א פערקעהרטע בעוועגונג — בלויז צופעליג נאטירליך, און נאר אויף א געוויסע צייט. איך קאן ניט פערגעסען די איבערראשונג, וואס איך האב איבערגעלעבט מיט א דרייסיג יאהר צוריק אין ווערוויער. די מעהרסטע וואל־שטאף־פאבריקען — אונגעהייערע געביידען, וואס האבען ארויסגעקוקט אויף די גאסען מיט מעהר ווי הונדערט פענסטער יעדערע — זיינען געשטאנען לעדיג, און בעת זייערע טייערע מאשינעריע האט געראסטעט, האט מען אויף האנד־שטוהלען, אין די היימען פון די וועבערס, געוועבט דאס טוך פאר די אייגענטימער פון דיזעלביגע פאבריקען. מיר האבען דא פאר זיך, נאטירליך, בלויז א צייטווייליגען פאקט, וואס ערקלערט זיך פאלשטענדיג דורך דעם קאנוואלסיווען כאראקטער פון דער אינדוסטריע און דורך די שווערע פערלוסטען, וואס די פאבריקאנטען האבען אויסצושטעהן, ווען זיי קאנען ניט אנטרייבען זייערע פאבריקען דאס גאנצע יאהר נאכאנאנד. — דאך אילוסטרירט אט דער פאקט די שטערונגען, וואס דער איבערגאנג פון קליין־ צו גרויס־אינדוסטריע בעגעגענט אויף זיין וועג. וואס געהערט דער זייד־אינדוסטריע, פערשפרייט זי זיך נאך אלץ אין אייראפא אין דער פארם פון א דארפס־אינדוסטריע. צו דערזעלבער צייט ענטשטעהען יעדען יאהר הונדערטער נייע קליינע מלאכות, און אויב עס איז ניטא ווער עס זאל זיי בעטרייבען אין די דערפער — ווי דער פאל איז אין ענגלאנד — ווערען זיי בעטריבען אין די סביבות פון די גרויסע שטעדט, ווי מיר האבען ניט לאנג ערפאהרען פון דער „שוויץ־סיסטעם"־אונטערזוכונג.

געוויס זיינען די מעלות פון א גרויסער פאבריק, אין פערגלייך מיט האנד־ארבייט, קלאר פון אויבענאויף אין פרט פון ארבייטס־עקאנאמיע, און בעזונדערס — ד א ס א י ז ד ע ר ה ו י פ ט־פ ו נ ק ט — דורך די בעסערע בעדינגונגען סיי פאר'ן פערקויף, סיי פאר איינקויפען די רויהע מאטעריאלען אויף א ביליגען פרייז. איז ווי

אזוי זשע קענען מיר פּאַרט ערקלערען דאָס בעשטעהן פון די קליינע מלאכות? פיעלע אורזאַכען אָבער, הגם די מעהרסטע פון זיי קאָנען ניט געשאַצט ווערען אין שילינגס און פענים, ווירקען צו גונסטען פון די קליינע מלאכות, און די אורזאכען וועט מען קענען אמבעסטען ארויסזעהן פון די פאָלגענדע אילוסטראַציעס. איך מוז אָבער זאָגען, אז אפילו א קורצע שילדערונג פון די אונצעהליגע אינדוסטריען, וועלכע ווערען בעטריבען אויף א קליינעם מאַסשטאַב אין ענגלאַנד און אויפ'ן קאָנטינענט, וואָלט ווייט ארויס פון די גרעניצען פון אָט דעם קאַפּיטעל. ווען איך האָב אָנגעפאַנגען מיט א דרייסיג יאָהר צוריק צו שטודירען דעם ענין, האָב איך, צוליעב דער ווינציגער אויפמערקזאַמקייט, וואָס די אָרטאָדאָקסישע עקאָנאָמיסטען פלעגען איהם שענקען, קיין אהנונג ניט געהאַט וואָס פאַר א פערשפּרייטע, קאָמפּליצירטע, וויכטיגע און אינטערעסאַנטע אָרגאַניזאַציע וועט פאַר מיר ערשיינען צום סוף פון א גענויערער אונטערזוכונג. דערפאַר בין איך געצוואונגען צו געבען בלויז עטליכע טיפּישע אילוסטראַציעס, און אָנצוצייכענען בלויז די הויפּט־שטריכען פון דעם געגעשטאַנד.

די קליינע אינדוסטריען אין דער פעראייניגטער ענגלישער מלוכה.

דאָ אין ענגלאַנד האָבען מיר ניט די סטאַטיסטישע דאַטען, וואָס מען קען קריגען אין פראנקרייך און דייטשלאַנד דורך די פעריאָדישע צענזוסען פון אַלע פאַבריקען און שעפּער, פון דער צאָהל ארבייטער, וואָס זיינען בעשעפטיגט אין א בעשטימטען טאָג אין יעדען אינדוסטריעלען און קאָמערציעלען אנשטאַלט. פאָלגליך שטיצען זיך עד היום אַלע בעהויפּטונגען פון די עקאָנאָמיסטען מכח דער „קאָנצענטראַציע" פון דער אינדוסטריע אין ענגלאַנד, און אַלס פועל־יוצא דערפון, מכח דעם „אונפערמיידליכען" אונטערגאַנג פון די קליינע אינדוסטריען, בלויז אויף די איינדרוקען פון די שרייבער — ניט אויף סטאַטיסטישע דאַטען. ביז'ן היינטיגען טאָג קאָנען מיר ניט געבען פאַר ענגלאַנד — ווי עס ווערט געגעבען אויף די וויטערדיגע זייטלעך פאַר פראַנקרייך און דייטשלאַנד — די פּינקטליכע ציפער פון די פאַבריקען און שעפּער, וואָס בעשעפטיגען, לאָמיר זאָגען, פון 1000 ביז 2000 מענשען, פון 500 ביז 1000, פון 50 ביז 500, וועניגער ווי 50, א. אַז. וו. ערשט זינט עס

איז איינגעפיהרט געווארען דאס „פאבריק־געזעץ“ פון 1895, הויבען מיר אן צו געפינען אין די „ראפארטען“ וואס די פאבריק־אינספעקטארען גיבען ארויס זינט 1900 (יעהרליכער ראפארט פון דעם הויפט־אינספעקטאר פון פאבריקען און שעפער פאר'ן יאהר 1898; לאנדאן 1900) די אינפארמאציאן, וואס גיט אונז א מעגליכקייט צו קריגען אן אלגעמיינעם בעגריף וועגען דער פערטיילונג פון ארבייטער אין די פאבריקען פון פערשיידענער גרויס. ווי אויך וועגען דעם אומפאנג, וואס די קליינע מלאכות האבען בעוויעזען אנצוהאלטען אין ענגלאנד ביז איצט.* מען קאן עס שוין ארויסזעהן פון דער קליינער טאבעלע פאר'ן יאהר 1897, וואס איך נעהם ארויס פון דעם נאר־וואס דערמאנטען ראפארט. די דאזיגע ציפער זיינען נאך ניט פאלשטענדיג, דערהויפט בנוגע דער צאהל פון די שעפער, דאך ענטהאלטען זיי שוין דעם גרעסטען טייל פון די ענגלישע אינדוסטריען.

1897	צאהל פאבריקען און שעפער	צאהל פועלים פוןביידע געשלעכטער	דורכשניטליכע צאהל פועלים פאר יעדען־פלאץ
טעקסטיל פאבריקען....	10,883	1,051,564	97
ניט־טעקסטיל פאבריקען	79,059	2,755,460	35
פערשיידענע שעפער....	88,814	676,776	8
סך הכל............	178,756	4,483,800	25

לאמיך בעמערקען, אז די פאבריק־אינספעקטארען בעטראכטען אלס א „שאפ“ יעדען אינדוסטריעלען אנשטאלט, וואס פערמאגט

* פאר מעהר איינצעלהייטען וועגען דעם דאזיגען ענין זעה מיינס אן ארטיקעל אין די „ניינטינטה סענטיורי“, אויגוסט 1900.

ניט קיין מעכאַנישע בעוועג־קראַפט און אַלס אַ „פאַבריק“ יעדען אַנשטאַלט, וואָס איז פערזאָרגט מיט דאַמפף־, גאַז־, וואַסער־ אָדער עלעקטרישער־קראַפט.

די דאָזיגע ציפער זיינען דעריבער ניט פאָלשטענדיג, מחמת עס זיינען גערעכענט געוואָרען נאָר אַזוינע שעפּער, וואו עס אַרבייטען פרויען און קינדער, ווי אויך אַלע בעקערייען. די אַנדערע שעפּער האָט מען נאָך ניט געהאַט אונטערזוכט בעת אָט די טאַבעלע איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען. פונדעסטוועגען איז אָבער פאַראַן אַ מיטעל אויסצוגעפינען די אונגעפעהר־צאָהל אַרבייטער, וואָס זיינען בעשעפטיגט אין די שעפּער. די צאָהל פרויען און מיידלעך וואָס זיינען געווען בעשעפטיגט אין די שעפּער אין יאָהר 1897 איז געווען 356,098, און די צאָהל מענער און אינגלעך איז געווען 320,678. אָבער אַזוי ווי די פּראָפּאָרציע פון מענער־אַרבייטער צו פרויען־אַרבייטער אין די אַלע פאַבריקען איז געווען 2,654,716 מענער צו 1,152,308 פרויען, קאָנען מיר אָננעהמען, אַז דיזעלבע פּראָפּאָרציע איז ריכטיג אויך בנוגע צו די שעפּער. דאָס וואָלט אונז געגעבען אַרום 820,000 מענער־אַרבייטער און 1,176,000 אַרבייטער פון ביידע געשלעכטער, בעשעפטיגט אין 147,000 שעפּער. צו דער זעלבער צייט וואָלט דער סך הכל פון אַלע פערזאָנען, וואָס זיינען בעשעפטיגט ביי דער אינדוסטריע (אַ חוץ אין מינען) געווען 4,983,000. אויף אַזאַ אופן קאָנען מיר זאָגען, אַז כמעט איין־פערטעל (24 פּראָצענט) פון אַלע אינדוסטריעלע פועלים אין ענגלאַנד אַרבייט אין שעפּער, וואָס בעשעפטיגען ווייניגער ווי פון 8 ביז 10 אַרבייטער יעדע. *

* דער הויפּט־אינספּעקטאָר, מר. ווהייטלעג, האָט מיר געשריבען אין 1900, אַז די שעפּער, וואָס זיינען ניט אַריין אין זיינע ראַפּאָרטען, בעטרעפען כמעט אַ העלפט פון אַלע שעפּער. זינט יענער צייט האָט מר. ווהייטלעג פאָרטגעזעצט ארויסצוגעבען זיינע אינטערעסאַנטע ראַפּאָרטען, צוגעבענדיג צו זיי ניינע גרופּען שעפּער. דאָך זיינען זיי נאָך אַלץ ניט פאָלשטענדיג בנוגע צו אָט דעם לעצטען פּונקט. אין דעם לעצטען ראַפּאָרט, ארויסגעגעבען אין 1911, זעהען מיר, אַז 147,000 שעפּער זיינען געווען רעגיסטרירט סוף 1907, און ענטפערס האָט מען געקראָגען פון 10,500 פון זיי. אַזוי ווי אָבער אין 32,000 שעפּער האָבען קיינע פרויען

מען דאַרף אויך אָנווייזען דערויף, אַז פון די 4,483,880 אַרבייטסלייט, וואָס זיינען רעגיסטרירט אין די דערמאָנ־טע טאַבעלען, זיינען 60,000 געווען קינדער, וואָס האָבען געאַרבייט בלויז האַלבע טעג, 401,000 זיינען געווען מיידלעך אונטער 18 יאָהר, 463,000 זיינען געווען אינגלעך פון דרייצעהן ביז אכטצעהן יאָהר וואָס האָבען געאַרבייט פולע טעג, ווי די דערוואַקסענע, און 1,077,115 זיינען געווען פּעררעכענט אַלס „פרויען" (איבער אכט־צעהן יאָהר). מיט אַנדערע ווערטער, הייסט עס, אַז אַ פינפטעל פון אַלע אינדוסטריעלע אַרבייטער אין ענגלאַנד בעשטעהט פון אינגלעך און מיידלעך, און מעהר ווי צוויי־פינפטלעך (41 פּראָצענט) בעשטעהען אָדער פון פרויען אָדער פון קינדער. די גאַנצע אינ־דוסטריעלע פּראָדוקציאָן פון דער פּעראייניגטער ענגלישער מלוכה, מיט איהרע אונגעהייערע עקספּאָרטען, האָט, אַלזאָ, *געגעבען אַרבייט וועניגער ווי 3 מיליאָן דערוואַקסענע מענשען* — 2,983,000 פון אַ בעפעלקערונג פון 42 מיליאָן, צו וועלכע מיר מוזען צולעגען 972,000 פּערזאָנען, וואָס אַרבייטען אין די מינען. וואָס געהעדט דער טעקסטיל־אינדוסטריע, וועלכע שאַפט כמעט אַ העלפט פון די ענגלישע עקספּאָרטען, *געפינען ביי איהר בעשעפטיגונג וועניגער ווי 300,000 דערוואַקסענע מענער*. דאָס איבע־ריגע איז די אַרבייט פון קינדער, אינגלעך, מיידלעך און פרויען.

אַן איבעררעשענדער פאַקט פאַר אונז איז דאָס, וואָס די 1,051,654 אַרבייטסלייט — מענער, פרויען און קינדער — וואָס האָבען אין 1897 געאַרבייט אין דער טעקסטיל־אינדוסטריע, זיינען פערטיילט געווען אין איבער 10,883 פאַבריקען, וואָס מאַכט אויס אַ דורכשניט פון בלויז דריי און נייניצינ פּערזאָנען אויף אַ פאַבריק אין אָט דער גאַנצער גרויסער אינדוסטריע. און דאָס, ניט קוקענדיג אויף דעם

און פּערזאָנען אונטער אכטצעהן יאָהר ניט געאַרבייט, האָט מען זייערע ענטפערס ניט פּובליקירט. דער ראַפּאָרט פון 1907 גיט דעריבער בלויז 91,249 שעפּער מיט 638,335 בעשעפטיגטע (186,064 דערוואַקסענע מענער, 282,324 דערוואַקסענע פרויען, 54,605 מענליכע און 113,728 ווייבליכע פּערזאָנען צווישען 14 און 48 יאָהר, און 863 אינגלעך און 751 מיידלעך אונטער 14 יאָהר).

פאַקט, וואָס די „קאָנצענטראַציע“ האָט אַם מעהרסטען פּראָגרעסירט אין אָט דער אינדוסטריע, און וואָס אין איהר געפינען מיר פאַבריקען, אין וועלכע עס זיינען בעשעפטיגט ביז 5,000 און 6,000 ארבייטער.

אמת, די פאַבריק-אינספּעקטאָרען בעצייכענען יעדען בעזונדערען צווייג פון א געוויסער אינדוסטריע אלס א בעזונדערען אַנשטאַלט. אזוי אז אויב א בעל-הבית אָדער א געזעלשאַפט בעזיצט א שפּינערייי, א וועב-פאַבריק און א ספּעציעלע געביידע פאַר צוגרייטען און פערענדיגען דעם פּראָדוקט, ווערען אַלע דריי בעצייכענט אלס בעזונדערע פאַבריקען. אָבער דאָס איז פּונקט וואָס מען דאַרף, כדי אונז צו געבען א גענויען בעגריף וועגען דעם גראַד קאָנצענטראַציע, וואָס קומט פאָר אין א געוויסער אינדוסטריע. חוץ דעם איז אויך בעוואוסט, אז למשל אין דער באַוועל-אינדוסטריע ארום מאַנטשעסטער געהערט אָפט דאָס שפּינען, וועבען, דאָס צוגרייטען א. אז. וו. צו פערשיידענע בעלי-בתים, וועלכע שיקען איבער איינער צום צווייטען די שטאָפען ווען זיי געפינען זיך אין פערשיידענע שטופען פון פאַבריקאַציע; בעת די פאַבריקען, וואָס פעראייניגען אַלע דריי אָדער פיער כסדר׳דיגע שטופען פון פאַבריקאַציע אונטער איין פערוואַלטונג, זיינען אַן אויסנאַהם.

אָבער א קאָלאָסאַלע ענטוויקלונג פון קליינע פאַבריקען געפינען מיר בעזונדערס אין דער אָבטיילונג פון די ניט-טעקסטילע אינדוסטריען. די 2,755,460 ארבייטסלייט, וואָס זיינען בעשעפטיגט אין די אַלע ניט-טעקסטילע אינדוסטריען, א חוץ די מינען, זיינען צושפּרייט אין 79,059 פאַבריקען, וואָס יעדע פון זיי האָט א דורכשניט פון בלויז פינף און דרייסיג ארבייטער. נאָך מעהר. די פאַבריק-אינספּעקטאָרען האָבען אויף זייערע ליסטען געהאַט 676,776 ארבייטסלייט, וואָס זיינען בעשעפטיגט אין 88,814 שעפּער (אָהן מעכאַנישער קראַפט), וואָס מאַכט אויס א דורכשניט פון בלויז 8 פּערזאָן פאַר שאַפּ. אָבער אָט די לעצטע ציפער זיינען, ווי מיר האָבען געזעהן, וועניגער איידער די אמת׳ע ציפער, דען זעכציג טויזענד שעפּער מיט א האַלבען מיליאָן ארבייטער זיינען נאָך ניט געווען רעגיסטרירט.

אזעלכע דורכשניטען ווי **דריי און נײַנציג און פינף און דרייסיג פּער פאַבריק**, און אכט

פ ע ר ש א פ, צוטיילט איבער 178,756 אינדוסטריעלע אנשטאלטען, מאכען שוין א תל פון דער לעגענדע, לויט וועלכער די גרויסע פאבריקען האבען שוין כלומרשט פערשלונגען דאס רוב קליינע. די ציפער ווייזען, אין געגענטייל, וואס פאר אן אונגעהויערע צאהל קליינע פאבריקען און שעפער לאזען זיך ניט פערשלינגען דורך די גרויסע פאבריקען, און ווי זיי פערמעהרען זיך אין פערשיידענע אינדוסטריע־צווייגען, בעזונדערס אין די ניט־לאנג אויסגעוואקסענע, זייט ביי זייט מיט דער גרויסער אינדוסטריע.

ווען מיר וואלטען פאר ענגלאנד געהאט א פאלשטענדיגע סטא־טיסטיק, וואס גיט רשימות פון אלע פאבריקען מיט דער צאהל אר־בייטסלייט, וואס זיינען בעשעפטיגט אין יעדערער, ווי מיר האבען עס פאר פראנקרייך און דייטשלאנד (זעה אונטען), וואלט מען גע־קענט לייכט אויסגעפינען די גענויע צאהל פאבריקען, וואס בעשעפ־טיגען מעהר ווי 1000, 500, 100 און 50 ארבייטער. אבער אזוינע רשימות ווערען ארויסגעגעבען נאר פאר דער מינען־אינדוסטריע. וואס איז שייך דער סטאטיסטיק, וואס די פאבריק־אינספעקטארען האבען פובליקירט, ענטהאלטען זיי ניט אזעלכע דאטען — אפשר דער־פאר, וואס די אינספעקטארען האבען ניט קיין צייט צו טאבולירען זייערע ציפער, אדער זיי האבען קיין רעכט ניט דאס צו טהאן. אזוי צי אזוי, מר. ווהייטלעגס ראפארט פאר׳ן יאהר 1897 גיט אונז די צאהל פאבריקען (טעקסטילע און ניט־טעקסטילע) און שעפער אין יעדערער פון די 119 קאונטיעס אין דער פעראייניגטער מלוכה, און פאר יעדער איינער פון די כמעט־הונדערט אונטער־אבטיילונגען פון אלע אינדוסטריען, ווי אויך די צאהל ארבייטער אין יעדער פון אט די מעהר ווי 10,000 אונטער־אבטיילונגען. אזוי ארום האב איך געהאט די מעגליכקייט אויסצורעכענען ד י ד ו ר כ ש נ י ט ע ן פון די פערזאנען, וואס זיינען בעשעפטיגט אין די פאבריקען און שעפער פאר יעדער אינדוסטריע־בראנזשע בעזונדער, אין יעדער קאונטי. חוץ דעם איז מר. ווהייטלעג געווען אזוי פריינדליך און מיר געגעבען צוויי וויכטיגע ציפער — די צאהל פאבריקען, וואס בע־שעפטיגען מעהר ווי 1000 ארבייטער און די צאהל פון אזוינע פ א ב ר י ק ע ן, וואו עס ארבייטען ווייניגער ווי צעהן פועלים.

לאמיר קודם כל נעהמען די ט ע ק ס ט י ל ע אינדוסטריען,

וועלכע שליסען איין באוועל, וואל, זייד, לייוועגט, דזשוט און פאקלע, ווי אויך מאשין־געמאכטע שפיצען און שטריק־ארבייט. פיעלע לעזער וועלען מסתמא איבערראשט ווערען ווען זיי וועלען הערען, אז אפילו אין דער באוועל־אינדוסטריע עקזיסטירען ביז׳ן היינטיגען טאג א גרויסע צאהל גאנץ קליינע פאבריקען. אפילו אין דעם וועסט־רייידינג דיסטריקט, וואס איז דער צווייטער נאך לאנקאשייר, לויט דער צאהל באוועל־פאבריקען, און וואו מיר געפינען כמעט א דריטעל פון אלע ארבייטער, וואס זיינען בעשעפטיגט ביי דער באוועל־אינדוסטריע (237,444 פערזאנען), איז דער דורכשניט אין אלע 3,210 פאבריקען פון דעם דיסטריקט, ניט מעהר ווי דריי און זיבעציג פערזאנען פער פאבריק. און אפילו אין לאנקאשייר, וואו עס געפינט זיך כמעט א העלפט פון אלע ארבייטער, וואס זיינען בעשעפטיגט ביי די טעקסטילען, זיינען די 434,609 מענער, פרויען און קינדער צושפרייט איבער 3,132 פאבריקען, וואס יעדע איינע פון זיי האט בלויז א דורכשניט פון 139 ארבייטער. ווען מיר האבען אין זינען, אז אין דער צאהל געהען אריין פאבריקען, וואס בעשעפטיגען פון 2000 ביז 6000 פערזאן, מוז מען איבערראשט ווערען פון דער צאהל קליינע פאבריקען, וואס בעשעפטיגען ווייניגער ווי 100 פערזאן און וואס האלטען אן זייער עקזיסטענץ ביי דער זייט פון די גרויסע באוועל־פאבריקען. מיר וועלען אבער גלייך זעהן, אז דאס אייגענע איז ריכטיג בנוגע אלע אינדוסטריען.

וואס נעהערט נאטטינגהאמשייר, וועלכע איז א צענטער פון די מאשין־געמאכטע שפיצען און שטריק־ארבייט, ארבייטען איהרע 18,434 ארבייטסלייט מעהרסטענס אין קליינע פאבריקען. דער דורכשניט פאר די 386 אנשטאלטען אין אט דער קאונטי איז בלויז אכט און פערציג פער פאבריק. די גרויסע אינדוסטריע, הייסט עס, האט נאך ווייט ניט פערשלונגען די קליינע.

די פערטיילונג פון די טעקסטיל־פאבריקען אין די אנדערע קאונטיעס פון ענגלאנד זיינען זאגאר נאך מעהר בעלעהרענד. מיר דערוויסען זיך, אז עס זיינען פאראן כמעט 2000 טעקסטיל־פאבריקען אין ניין־און פערציג קאונטיעס, און יעדע איינע פון אט די פאבריקען בעשעפטיגט א סך ווייניגער ווי 100 פועלים, בעת א זעהר בעדייטענדער טייל פון די פאבריקען בעשעפטיגט בלויז פון פערציג

ביז פופציג, פון צעהן ביז צוואַנציג און אפילו ווענינער ווי צעהן פערזאָן. *

דאָס האָט געקאָנט פאָראויסזעהן יעדער איינער, וואָס איז אַ ביסעל פראקטיש בעקאנט מיט אינדוסטריע. דאָס האָבען אָבער פערזעהן די טעאָרעטיקער, וואָס קענען די אינדוסטריע מעהרסטענס פון ביכער. אין יעדען לאַנד אין דער וועלט איז פאראַן אַ גרויסע צאָהל קליינע פאַבריקען זייט ביי זייט מיט די גרויסע, און זייער ערפאָלג נעהמט זיך פון דער פערשיידענאַרטיגקייט פון זייערע פראָ־דוקטען, ווי אויך פון דער לייכטקייט, מיט וועלכער זיי פאָלגען נאָך די קאפריזען פון דער מאָדע. דאָס איז בעזונדערס ריכטיג בנוגע די וואָל־צייג און די שטאָפען, וואָס ווערען געמאַכט פון וואָל און באַ־וועל געמישט. חוץ דעם וויסען גאַנץ גוט די בריטישע פאַבריקאַנטען, אַז בעת די גרויסע באַוועל־פאַבריקען זיינען געגרינדעט געוואָרען און די פאַבריקאַנטען פון די שפּין־און וועב־מאַשינען האָבען געזעהן, אַז נאָכדעם, ווי זיי האָבען שוין בעזאָרגט די גרויסע פאַבריקען קריגען זיי ניט קיין נייע בעשטעלונגען, האָבען זיי אָנגעפאַנגען פאָרצולעגען זייערע מאַשינען די קליינע וועבערס פאַר אַ קלענערען פּרייז און אויף קרעדיט. די קליינע וועבער האָבען זיך פעראייי־ניגט — צו דריי, פינף אָדער מעהר — כדי צו קויפען די מאַשי־נעריע, און דאָס איז די אורזאַך פארוואָס מיר האָבען איצט אין לאַנקאשייר אַ גאַנצען ראַיאָן, וואו אַ גרויסע צאָהל קליינע באַוועל־פאַבריקען בלייבען עקזיסטירען עד היום, און ס'איז ניטאַ קיין שום גרונד פאָראויסצוזעהן, אַז זיי וועלען ווען עס איז אונטערגעהן. צייטענווייז געהט זיי אפילו גאַנץ גוט.

---

* פון דער טאַבעלע, וואָס איך האָב צוזאמענגעשטעלט, ווייזט זיך ארויס, אַז אַלע טעקסטיל־פאַבריקען זיינען בנוגע זייער גרויס פערטיילט ווי פאָלגט: ניט ווייניגער ווי 500 פועלים — 200 פאַבריקען, 203,100 פועלים; פון 499 ביז 200 — 660 פאַבריקען, 231,000 פועלים; פון 199 ביז 100 — 2,955 פאַבריקען, 443,120 פועלים; פון 99 ביז 50 — 1,380 פאַבריקען, 103,500 פועלים; ווייניגער ווי 50 — 1,410 פאַב־ריקען 42,300 פועלים; סך הכל: 6,605 פאַבריקען, 1,022,020 פועלים. „ניינטינטה סענטיורי“, אויגוסט 1900, ז. 262.

פון דער אַנדער זייט, ווען מיר אונטערזוכען די פערשיידענע צווייגען פון דער טעקסטיל־אינדוסטריע (באַוועל, וואָל, זייד, דזשוט א. אז. וו.) זעהען מיר, אז אויב די גרויסע פאַבריקען פערנעהמען א הערשענדע פּאָזיציע ביי די ארבייטען פון שפּינען און וועבען באַוועל, וואָל און פלאַקס, ווי אויך ביי דעם שפּינען פון זייד (מיט דעם רעזולטאַט, אז דער דורכשניט פאַר אַט די בראַנזשען דער־גרייכט 150 ארבייטער פער פאַבריק פון באַוועל און 267 פאַר פלאַקס־שפּינעריי) געהערען אלע אנדערע טעקס־טיל־אינדוסטריען צו דעם געביט פון דער מיטעלמעסיגער אָדער קליינער אינדוסטריע. מיט אַנדערע ווערטער, אין דער מאַנופאַקטור פון וואָלציייג, „שאָדדי“, פאַקליע, האָר, מאַשין־געמאַכטע שפּיצען און מעכאַנישע שטריקעריי זיינען, נאַטירליך, פאַראַן גרויסע פאַבריקען; אָבער די גרעסטע צאָהל פון אַט די אַנשטאַלטען געהערען צו דעם געביט פון דער קליינער אינדוסטריע. אזוי איז דער דורכשניט פאַר די 3,274 וואָל־פאַבריקען בלויז פון צוואַנציג ביז פופציג אַרבייטער פער פאַבריק; דער דורכשניט פאַר „שאָדדי“ איז אויך פון זיבען און צוואַנציג ביז אכט און דרייסיג; און פון זיבען און דרייסיג ביז זעקס און זיבעציג פאַר די אַנדערע בראַנזשען. בלויז פאַר שטיק־אַרבייט שטייגט דער דורכשניט ביז דריי און נייניציג פערזאָן פער פאַבריק; מיר וועלען אָבער באַלד זעהן, אז אַט די קליין־אינדוסטריע בעווייזט זיך ווידער אין איהר מאַכט אין אַט דעם טעקסטיל־צווייג אונטער׳ן נאָמען ווערקשעפּער.

אַט די אַלע וויכטיגע בראַנזשען פון דער בריטישער טעקסטיל־אינדוסטריע, וואָס גיבען אַרבייט מעהר ווי 240,000 מענער און פרויען, זיינען אויף אַזאַ אופן עד היום געבליבען אויף דער שטופע פון א מיטעלמעסיגער אָדער קליינער אינדוסטריע.

ווען מיר נעהמען איצט די ניט־טעקסטילע אינדוס־טריען, געפינען מיר פון איין זייט אַן אונגעהויערע צאָהל קליינע אינדוסטריען, וועלכע זיינען אויסגעוואַקסען אַרום און א דאַנק די גרויסע; און פון דער אַנדערער זייט געפינען מיר, אז א גרויסער טייל פון די פונדאַמענטאַלע אינדוסטריען זיינען פערבליבען אויף דער שטופע פון קליינע אַנשטאַלטען. דער דורכשניט אין אַט די אַלע בראַנזשען וואָס גיבען בעשעפטיגונג דריי־פערטעל פון אַלע

אינדוסטריעלע ארבייטער אין ענגלאנד — ד. ה. 2,755460 ארביי־
טער — דערגרייכט קוים. ווי מיר האבען שוין געזעהן, פינף און
דרייסיג פערזאן פער פאבריק; און די ווערקשעפער זיינען נאך
ניט געווען איינגעשלאסען אין אט דער אבטיילונג. דאך, פאל־
שטענדיג בעגרייפען די וויכטיגקייט פון די קליינע מלאכות אין
ענגלאנד קאן מען ערשט דאן, ווען מען אונטערזוכט די איינצעל־
הייטען און מען אנאליזירט די ציפער, וואס איך האב אויסגערע־
כענט פאר יעדער בראנזשע בעזונדער. אט דאס וועלען מיר טאקע
איצט טהאן, דערמאנענדיג אפריהער דאס וואס געהערט צו דער
גרויס־אינדוסטריע, און דערנאך וועלען מיר אונטערזוכען די קליינע.

נאכגעהענדיג דער קלאסיפיקאציע, וואס די פאבריק־אינספעק־
טאר׳ען האבען אנגענומען, זעהען מיר ערשטענס, אז די גאז־פאב־
ריקען געהערען צום געביט פון היבש־גרויסע אנשטאלטען (אכט
און זיבעציג פערזאן דורכשניטליך). די גומי־פאבריקען געהערען
צו דער זעלבער קאטעגאריע (125 ארבייטער דורכשניטליך); און
צווישען די 456 גלאז־הוטעס פון ענגלאנד מוזען זיך אויך געפינען
עטליכע גרויסע אנשטאלטען, ווארים דער דורכשניט איז זיבען און
אכציג ארבייטער.

דאן קומען די מינען־ארבייט און די מעטאלורגיע, וועלכע
ווערען געוועהנליך בעטריבען אויף א גרויסען מאסשטאב; אבער
שוין אין די אייזען־גיסערייען געפינען מיר א גרויסע צאהל אנ־
שטאלטען, וואס געהערען צו דער מיטעלער און קליינער אינדוס־
טריע. אזוי האב איך אליין געזעהן אין שעפיעלד עטליכע אייזען־
גיסערייען, וואס בעשעפטיגען בלויז פון פינף ביז זעקס ארבייטער.
פאר דער אויסארבייטונג פון ריעזיגע מאשינען איז נאטירליך פאראן
א געוויסע צאהל גאר גרויסע פאבריקען ווי צום ביישפיעל, ארמ־
סטראנג׳ס, וויטוואָרטה׳ס אדער די וואס געהערען צום שטאאט אין
וואוליטש. דאך איז עס זעהר בעלעהרענד צו זעהן, ווי גאר קליינע
פאבריקלעך בליהען ביי דער זייט פון די גרויסע; זיי זיינען צאהל־
רייך גענוג צו דערדוצירען דעם דורכשניט פאר די 5,318 אנשטאלטען
פון אט דער קאטעגאריע צו זיבעציג ארבייטער פער פאבריק.

דער שיף־בוי און די פאבריקאציע פון מעטאלישע רעהרען
געהערען זעלבסטפערשטענדליך צו דער גרויסער אינדוסטריע (די
דורכשניטען זיינען 243 און 156 פערזאן פער אנשטאלט); דאס

גלייכען די צוויי מעטאַלורגישע אַנשטאַלטען וואָס געהערען צום שטאַאט, און וואָס בעשעפטיגען צוזאַמען 23,455 אַרבייטסלייט.

קומענדיג צו די כעמישע פאַבריקען, געפינען מיר ווידער אַ גרויסע אינדוסטריע אין דער פאַבריקאַציע פון אַלקאַליען (סאָדאַ, פאָטאַש א. ד. ג. — דער איב.) און שוועבעלעך (אינגאַנצען זיינען פאַראַן בלויז 25 אַנשטאַלטען); פערקעהרט אָבער, די פאַבריקאַציע פון זייף און ליכט, ווי אויך פון בעמיסטיגונג־שטאָפען און אַלע אַנדערע סאָרטען כעמישע פּראָדוקטען, וואָס נעהמען ארום נאָהענט פון 2000 פאַבריקען, געהערען כמעט אויסשליסליך צו דעם געביט פון דער קליינער אינדוסטריע. דער דורכשניט איז בלויז ניין און צוואַנציג אַרבייטער פער פאַבריק. עס איז, פערשטעהט זיך, פאַראַן אַ האַלבער טוץ גאַר גרויסע זייף־פאַבריקען — מען קען זיי צוגוט דורך זייערע גרויסע אַפּישען אויף די פּעלזען און אין די פעלדער; אָבער דער נידעריגער דורכשניט פון ניין און צוואַנציג אַרבייטער בעווייזט וויפיעל קליינע פאַבריקען עס מוזען עקזיסטירען ביי דער זייט פון די זייף־קעניגען. די 2,500 פאַבריקען, וואָס זיינען פערנומען אין דער אויסאַרבייטונג פון מעבעל, סיי פון האָלץ, סיי פון אייזען, געהערען אויך הויפּטזעכליך צו דער קליין־אינדוסטריע. די קליינע און די גאָר־קליינע פאַבריקען ווימלען ממש ביי דער זייט פון עטליכע גרויסע, שוין ניט צו רעדען וועגען די טויזענדער נאָך קלענערע שעפּער. די גרויסע מאַגאַזינען אין אונזערע שטעדט זיינען מעהרסטענטהיילס ניט מעהר ווי אויסשטעלונגען פון דעם מעבעל, וואָס ווערט געמאַכט אין זעהר קליינע פאַבריקען און שעפּער.

אין דער פאַבריקאַציע פון שפּייז־פּראָדוקטען געפינען מיר מעהרערע גרויסע פאַבריקען פון צוקער, שאָקאָלאַד און קאָנסערוון; אָבער ביי זייער זייט געפינען מיר אויך אַ זעהר גרויסע צאָהל פון קליינע אַנשטאַלטען, וואָס האָבען זיך, ווייזט אויס, ניט וואָס צו בעקלאָגען אויף דער נאָהענטקייט פון די גרויסע, וואָרים זיי בעשעפטיגען כמעט צוויי־דריטעל פון די אַרבייטער, וואָס זיינען בעשעפטיגט אין אָט דער בראַנזשע. איך רעד שוין ניט, פערשטעהט זיך, וועגען די דאָרפישע ווינט־מיהלען; מען מוז אָבער איבעראַשט ווערען פון דער אונגעהייער־דער צאָהל קליינע ביער־ברייזער (2,076 ברייזער האָבען דורכשניטליך 24 אַרבייטער אין אַ ברויז).

און די אנשטאלטען וואָס זיינען בעשעפטיגט מיט דער פאבריקאציע פון מינעראל־און סאָדא־וואסער (זיי צעהלען 3,365 און האָבען דורכ־שניטליך בלויז עלף ארבייטער פער אנשטאלט). ביי דער פאב־ריקאציע פון געדרוקטע סיטצען און קאליקאָ טרעטען מיר ווידער אמאָל אריין אין דעם געביט פון גרויסע פאבריקען; אָבער נעבען זיי געפינט מען א גאנץ נישקשה'דיגע צאָהל פון קליינע, אזוי אז דער דורכשניט פאר אָט דער גאנצער קאטעגאָריע איז 144 ארבייטער פער פאבריק. מיר געפינען אויך פערצעהן גרויסע פאב־ריקען אויף צו פארבען אין טערקיש־רויט מיט א דורכשניט פון 394 ארבייטער אין יעדערער. מיר געפינען אויך ביי זייער זייט מעהר ווי 100,000 ארבייטער בעשעפטיגט אין 2,725 קליינע אנ־שטאלטען פון אָט דער קאטעגאָריע — בלייכען, צוגרייטען, פאקען א. אז. וו. און דאָס גיט אונז נאָך אן אילוסטראציע ווי אזוי צאָהל־רייכע קליינע אינדוסטריען וואקסען אויס ארום די גרויסע.

ביי דער ארבייט פון פארטיגע קליידער, און אין דער פאב־ריקאציע פון היט, לייוועגט, שטיוועל און שיך און הענטשקעס דער־גרייכען די דורכשניטען פאר די דאָזיגע פאבריקען 80, 100 און 150 פערזאָן פער פאבריק, אָבער אויך דאָ זיינען פאראן צאָהללאָזע קליינע שעפער. מען מוז אויך בעמערקען, אז די מעהרסטע פאב־ריקען פון פארטיגע קליידער טראָגען א בעזונדערען כאראקטער. די פאבריק קויפט דאָס טוך און שניידט עס צו מיט דער הילף פון ספּעציעלע מאשינען; נעהען אָבער, נעהען עס פרויען, וואָס קומען ארבייטען אין דער פאבריק. זיי צאָהלען אזוי פיעל און אזוי פיעל פאר דער נעה־מאשין, אזוי פיעל פאר דער מאָטאָר־קראפט (אויב עס געפינט זיך אזעלכע), אזוי פיעל פאר'ן גאז, פאר'ן אייזען און אז. וו.. און זיי ארבייטען פון שטיק. זעהר אָפט ווערט אָט דער סיסטעם פערוואנדעלט אין א „שוויץ סיסטעם" אויף א גרויסען מאסשטאב. ארום די גרויסע פאבריקען גרופּירט זיך א גרויסע צאָהל קליינע שעפער.

און ענדליך געפינען מיר גרויסע פאבריקען, וואָס ארבייטען אויס שיס־פולווער און אויפרייס־שטאָפען (זיי בעשעפטיגען ווע־ניגער ווי 12,000 ארבייטער); פאבריקען פון בעצווינגענע קנעפּ און שירמען (בלויז 6,000 ארבייטער). אָבער אין דער טאבעלע פון שעפער געפינען מיר, אז טויזענדער אזוינע שעפער עקזיסטירען

אין די דאָזיגע לעצטע צוויי בראַנזשען ביי דער זייט פון עטליכע גרויסע פאַבריקען.

אַלץ צוזאַמענגענומען, שרייבט מיר מר. ווהייטלעג, אַז פאַבריקען, וואָס בעשעפטיגען מעהר ווי 1000 אַרבייטער יעדע, געפינט ער בלויז פינף און זעכציג אין דער טעקסטיל־אינדוסטריע (102,600 אַרבייטער) און בלויז 128 (355,208 אַרבייטער) אין אַלע ניט־טעקסטילע אינדוסטריען.

אין אַט דער קורצער אויסרעכנונג זיינען מיר דורכגעגאַנגען אַלץ, וואָס געהערט צו דער גרויס־אינדוסטריע. די איבעריגע געהערען כמעט אויסשליסליך צו דעם געביט פון דער קליינער, אָפטמאָל זעהר קליינער אינדוסטריע. אַזוינע זיינען אַלע פאַבריקען פון האָלצאַרבייט, וואָס האָבען דורכשניטליך בלויז פופצעהן אַרבייטער פער פאַבריק, אָבער נעהמען אַרום אַ חשבון פון איבער 100,000 אַרבייטער און איבער 6,000 בעלי־בתים. די גאַרבאַרניעס, די מאַנופאַקטור פון פערשיעדענע קליינע זאַכען פון ביין און עלפאַנטביין, און אַפילו די ציגעלניעס און טעפּער־אַרבייט, וואָס נעהמען אַרום אַ סך הכל פון 260,000 אַרבייטער און 11,200 בעלי־בתים געהערען מיט זעהר ווייניג אויסנאַהמען, צו דער קליינער אינדוסטריע.

דאָן קומען די פאַבריקען, וואָס האָבען צו טהאָן מיט דעם פּאָלירען און עמאַלירען פון מעטאַלען, און וואָס געהערען אויך הויפּטזעכליך צו דער קליינער אינדוסטריע — דער דורכשניט איז בלויז אַכט און צוואַנציג אַרבייטער פער פאַבריק. בעזונדערס איבעראַשענד איז אָבער די ענטוויקלונג פון דער קליינער און זעהר קליינער אינדוסטריע ביי דער פאַבריקאַציע פון לאַנדווירטשאַפטליכער מאַשינעריע (צוויי און דרייסיג אַרבייטער פער פאַבריק) פון פערשיעדענע סאָרטען געצייג (צוויי און צוואַנציג פערזאָן דורכשניטליך) פון נאָדלען און שפּילקעס (דריי און פערציג) פון אייזען־אַרטיקלען, סאַניטאַרע אַפּאַראַטען און פון פערשיעדענע אינסטרומענטען (פינף און צוואַנציג), אַפילו פון קעסלען (אַכט און פערציג פער פאַבריק) פון קייטען, קאַנאַטען און אַנקערס (אין פיעלע גענענדען ווערט אַט די אַרבייט ווי אויך די פערפערטיגונג פון נעגעל, געמאַכט ביי דער האַנד פון פרויען).

עס איז איבעריג צו זאגען, אז די פאבריקאציע פון מעבעל, וואס בעשעפטיגט נאהענט פון 64,000 פועלים, בעלאנגט הויפט־זעכליך — מעהר ווי דריי־פערטעל פון דער גאנצער בראנזשע — צו דער קליין־אינדוסטריע. דער דורכשניט פאר די 1,979 פאב־ריקען פון אט דער אינדוסטריע איז בלויז איין און צוואנציג אר־בייטער, און דערביי געהען נאך די שעפער ניט אריין אין חשבון. דאסזעלבע איז ריכטיג בנוגע די פאבריקען, וואס פערנעהמען זיך מיט רויכערען פיש, מיט מאשין־געמאכטע צוקער־געבעקס א. אז. וו., וועלכע בעשעפטיגען 380,030 ארבייטער אין איבער 2,700 פאב־ריקען, מיט א דורכשניט, אלזא, פון פערצעהן פועלים אין יעדערער.

ציערונג און די פאבריקאציע פון זייגערס, פאטאגראפישע אפאראטען און פון אלערליי לוקסוס־ארטיקלען, געהערען אויך צו דער קליינער, און צו דער זעהר קליינער אינדוסטריע און גיבען בעשעפטיגונג פאר 54,000 פערזאן.

אליץ, וואס האט צו טהאן מיט דרוקעריי, ליטאגראפיע, בוך־בינדעריי און שרייב־מאטעריאלען, שטעלט ווידער מיט זיך פאר א ברייט פעלד פון קליין־אינדוסטריע, וואס בליהט ביי דער זייט פון א קליינער צאהל זעהר גרויסע אנשטאלטען. מעהר ווי 120,000 זיינען בעשעפטיגט אין אט די בראנזשען אין מעהר ווי 6,000 פאבריקען (שעפער נאך ניט איינגעשלאסען).

ענדליך געפינען מיר א גרויס געביט, וואס איז פערנומען מיט דער פאבריקאציע פון זאטלען, בארשטען, קערב און א מאסע קליינע זאכען פון לעדער, פאפיער, האליץ, מעטאל און אז. וו. דער דאזיגער קלאס איז געוויס ניט אונבעדייטענד, ווארים ער נעהמט ארום איבער 4,300 בעלי בתים און כמעט 130,000 פועלים, וואס זיינען בעשעפטיגט אין א מאסע קליינע פאבריקען ביי דער זייט פון עטליכע גרויסע; דער דורכשניט אין דעם גאנצען קלאס איז בלויז פון פינף און צוואנציג ביז פינף און דרייסיג פער פאבריק.

בקיצור, אין די פערשיידענע ניט־טעקסטילע אינדוסטריען האבען די אינספעקטארען טאבולירט 32,042 **פאבריקען, וואס בעשעפטיגען דורכשניטליך ווייניגער ווי צעהן פועלים יעדערע.**

אליץ צוזאמענגענומען, געפינען מיר 270,000 ארבייטער, בע־שעפטיגט אין קליינע פאבריקען, וואס האבען ווייניגער ווי פופציג,

און זאָגאר ווי צוואַנציג ארבייטער יעדערע. דער רעזולטאַט איז, אַז די זעהר גרויסע אינדוסטריע (די פאַבריקען וואָס בעשעפטיגען מעהר ווי 1,000 ארבייטער יעדערע) און די זעהר קליינע אינדוסטריע (וועניגער ווי צעהן ארבייטער) בעשעפטיגעןביידע כמעט די זעלבע צאָהל פועלים.

פון אַט דער קורצער שילדערונג ווערט פאָלשטענדיג קלאָר די וויכטיגע ראָליע, וואָס די קליין־אינדוסטריע שפּיעלט, און איך האָב נאָך ניט גערעדט וועגען די ווערקשעפּער. די פאַבריק־אינספּעקטאָרען האָבען דערמאָנט אין זייער ערשטען ראַפּאָרט, ווי מיר האָבען געזעהן, 88,814 ווערקשעפּער, אין וועלכע 676,776 ארבייטער (356,098 פרויען) זיינען געווען בעשעפטיגט אין 1897. אָבער ווי מיר האָבען שוין געזעהן, זיינען אַט די ציפער ניט פאָלשטענדיג. די צאָהל ווערקשעפּער איז ארום 147,000, און ארום 1,200,000 פּערזאָן מוזען זיין בעשעפטיגט אין זיי (820,000 מענער און ארום 356,000 פרויען און קינדער).

עס איז קלאָר, אַז דער דאָזיגער קלאַס נעהמט ארום אַ זעהר בעדייטענדע צאָהל בעקער, קליינע סטאָליערס, שניידער, שוסטער, וואָגען־מאַכער, דאָרף־שמיעדען און אזוי ווייטער. אָבער אין דעם זעלביגען קלאַס איז אויך פאַראַן אַ גרויסע צאָהל שעפּער, וואָס געהערען צו דער אינדוסטריע אין פולען זין פון וואָרט, ד. ה. שעפּער, וועלכע פּראָדוצירען פאַר דעם גרויסען קאָמערציעלען מארק. איינינע פון אַט די שעפּער קאָנען, נאַטירליך, בעשעפטיגען פופציג פּערזאָן אָדער מעהר. אָבער די גרויסע מאַיאָריטעט בעשעפטיגט בלויז פון פינף ביז צוואַנציג ארבייטער אין אַ שאַפּ.

מיר געפינען אין אַט דעם קלאַס 1,348 קליינע אנשטאַלטען, צושפּרייט איבער די דערפער און אין די פאָרשטעדטלעך פון די גרויסע שטעדט, אין וועלכע כמעט 14,000 פּערזאָן מאַכען שפּיצען, שטריק־ארבייט, העפט־ארבייט און וועבעריי אויף האַנדשטולען; איבער 100 קליינע גאַרבאַרניעס, איבער 20,000 וואָגען־מאַכער און 746 קליינע וועלאָסיפּעדען־מאַכער. ביי דער פאַבריקאַציע פון גאָפּעל־מעסער, געצייג און קליינע געוועהר, נעגעל און שרויפען און אַפילו אנקערס און אנקער־קייטען, געפינען מיר ווידער אמאָל פיעלע טויזענדער קליינע שעפּער, וואָס בעשעפטיגען ארום 60,000

ארבייטער. דאָס אַלץ, לאָמיר געדענקען, איז ניט רעכענענדיג יענע שעפער, וואָס בעשעפטיגען ניט קיין פרויען און קינדער, און וואָס די פאַבריק־אינספעקטאָרען האָבען דערפאַר מיט זיי ניט צו טהאָן. וואָס איז שייך דער פאַבריקאַציע פון קליידער, וואָס גיט בעשעפ־טיגונג מעהר ווי 350,000 מענער און פרויען, צוטיילט איבער כמעט 45,000 שעפער, דאַרף מען בעמערקען, אַז דאָ רעדט זיך ניט וועגען די קליינע שניידער, נאָר וועגען יענער מאַסע שעפער, וואָס ווימלען אין ווהייטשעפעל און אין די פאָרשטעדטלעך פון אַלע גרויסע שטעדט, און וואו מיר געפינען פון פינף ביז פופציג מענער און פרויען, וואָס מאַכען קליידער פאַר די גרויסע און קליינע שניידער־געשעפטען. אין אַט די געשעפטען נעהמט מען ביים קונד די מאָס, און טיילמאָל שניידט מען אויך דאָ צו דעם בגד; אָבער נעהען נעהט מען עס אין די קליינע שעפער, וואָס געפינען זיך זעהר אָפט ערגעץ אין דער פּראָווינץ. אפילו טיילען פון וועש און קליידונג פאַר דער אַרמעע ווערען פערפערטיגט אין די פּראָווינ־ציעלע שעפער. וואָס געהערט אונטערוועש און שניט־סחורה, וואָס מען פערקויפט אין די גרויסע קראָמען, ווערען זיי געמאַכט אין קליינע שעפער, וועלכע מוזען זיך צעהלען אין די טויזענדער.

דאָס אייגענע איז ריכטיג בנוגע מעבעל, מאַטראַצען און קי־שענס, היט, קינסטליכע בלומען, שירמען, שטעק־שיך און אפילו ביליגע ציערונג. די גרויסע געשעפטען, אפילו די גרעסטע, האַלטען מעהרסטענטהיילס בלויז אַ רייהע סאַמפּלען. געמאַכט ווערט עס אַלץ פאַר אַ זעהר ניעדריגען פרייז פון אײן טאָג אויף דעם אַנדערען אין זעהר קליינע שעפער. מען קען, אַלזאָ, זאָגען, אַז אויב מיר זאָלען אויסשליסען פון דעם קלאַס שעפער־ארבייטער אַ 100,000 אָדער אפילו 200,000 ארבייטסלייט, וואָס ארבייטען ניט פאַר דער אינדוסטריע אין אמת׳ען זין פון וואָרט, און אויב מיר זאָלען צוגעבען פון דער אַנדער זייט די כמעט 500,000 ארבייטער, וועלכע די פאַבריק־אינספעקטאָרען האָבען נאָך ניט געהאַט טאַבולירט אין יאָהר 1897, געפינען מיר אַ בעפעלקערונג פון איבער אַ מיליאָן מענער און פרויען, וואָס געהערען אינגאַנצען צו דעם געביט פון קליין־אינדוסטריע, און מוזען דעריבער צוגע־לעגט ווערען צו יענע, וואָס ארבייטען אין די קליינע פאַבריקען. די בעל־מלאָכה׳ס, וואָס ארבייטען אַליין פאַר זיך, זיינען אין אַט

דער שילדערונג ניט אריין. מיר זעהען, הייסט עס, אז אפילו אין ענגלאנד, וואס מעג בעטראכט ווערען אלס די רעפרעזענטאנטין פון דער העכסטער ענטוויקלונג פון דער גרוים-אינדוסטריע, איז די צאהל פערזאנען, וואס זיינען בעשעפטיגט אין דער קליין-אינדוסטריע נאך אלץ אונגעהויער גרוים. די קליין-אינדוסטריע איז פונקט אזא כאראקטער-שטריך פון דער גאנצער בריטישער אינדוסטריע, ווי די עטליכע גאר גרויסע פאבריקען און אייזען-גיסערייען.

קומענדיג איצטער צו דער קליין-אינדוסטריע אין ענגלאנד, אויף וויפיעל זי איז בעקאנט פון דירעקטער בעאבאכטונג, געפינען מיר, אז די פארשטעדטלעך פון לאנדאן, גלאזגא, און אנדערע גרויסע שטעדט ווימלען מיט קליינע ווערק-שעפער, און אז עס זיינען פאראן ראיאנען, אין וועלכע די קליינע מלאכות זיינען פונקט אזוי ענטוויקעלט ווי אין דער שווייץ אדער אין דייטשלאנד. שעפיעלד איז אין דעם פונקט א גוט-בעקאנטער ביישפיעל. די שעפילדער שנייד-געצייג — איינס פון די זאכען מיט וואס ענגלאנד גלענצט — ווערען ניט געמאכט מיט מאשינעריע: זיי ווערען הויפטזעכליך געמאכט ביים האנד. אין שעפילד איז פאראן א געוויסע צאהל פירמעס, וואס פאבריצירען די שנייד-געצייג פון אנפאנג ביז'ן סוף — אנהויבענדיג פון מאכען די שטאל ביז דער פערענדיגונג פון די געצייג — און זיי בעשעפטיגען לוין-ארבייטער. און דאך, אפילו אט די פירמעס — אזוי האט מיר ערקלעהרט עדוואַרד קארפענטער, וועלכער איז געוועזן אזוי פריינדליך צו זאמלען פאר מיר ידיעות וועגען די שעפילדער מלאכות — גיבען ארוים א טייל פון זייער ארבייט די „קליינע מייסטערס“. אבער דער ווייט-גרעסטער טייל פון די שנייד-געצייג-מאכער ארבייטען אין דער היים מיט זייערע קרובים, אדער אין קליינע שעפער, וואס האבען מעכאנישע קראפט, וועלכע זיי דינגען אפ פאר עטליכע שילינג א וואך. אונגעהויערע הויפען זיינען בעדעקט מיט געביידעס, וואס זיינען צוטיילט אין מאסען קליינע שעפער. איינינע פון זיי פערנעהמען בלויז עטליכע קוואדראט-יארד, און איך האב דארט געזעהן שמידען, וואס קלאפען א גאנצען טאג אוים מעסער-קלינגען אויף א קליינער קאוואדלע, הארט נעבען דעם פלאם פון זייערע פייערס; אמאל האט

דער שמיעד איינעם אָדער צוויי ארויסהעלפער. אויף די העכערע עטאזשען זיינען צעהנדליגע שעפער פערזאָרגט מיט מעכאנישער קראפט, און אין יעדער שאפ פאבריצירען דריי, פיער אָדער פינף פועלים צוזאמען מיט א „מייסטער", אמאָל אויך מיט דער הילף פון עטליכע איינפאכע מאשינען, אלערליי מעגליכע געצייג: פיילען, זעגען, מעסער־קלינגען, ראזיר־מעסערס און אזוי ווייטער. אין אנ־דערע קליינע שעפער פערנעהמט מען זיך מיט גלאזירען און בויערען, און אין א קליינער אייזענגיסעריי, וואָס דער ארבייטער־פערזאָנאל אין איהר בעשטעהט פון פינף־זעקס פערזאָן, קלאפט מען אפילו אוים שטאָל.

בשעת איך בין געגאנגען איבער אָט די שעפער האָב איך מיר לייכט געקענט פאָרשטעלען, אז איך געפין זיך אין א רוסישען דאָרף, וואו מען מאכט שנייד־געצייג — א דאָרף, ווי פאווולאָווא אָדער ווארסמא. די שעפילדער שנייד־געצייג מלאָכה האָט אויף דעם אופן אָנגעהאלטען איהר פארצייטיגע אָרגאניזאציע; און דער פאקט איז נאָך מערקווירדיגער דערמיט, וואָס די פערדיענסטען פון די שנייד־געצייג בעל־מלאָכות זיינען געוועהנליך נידריג, אָבער אפילו ווען די פערדיענסטען פאלען ארונטער ביז ניט מעהר ווי עטליכע שילינג א וואָך, איז דעם מעסער־שמיעד פאָרט ליעבער צו מאטערען זיך ביי זיינע קליינע פערדיענסטען, איידער אָנצוקומען אין פאבריק אלס א לוין־ארבייטער. עס לעבט, הייסט עס, נאָך אלץ דער גייסט פון די אלטע ארבייטער־אָרגאניזאציעס, וועגען וועלכען מען האָט אזוי פיעל גערעדט אין די זעכציגער יאָהרען פון דעם נייצעהנטען יאָהרהונדערט.

ביז דער לעצטער צייט איז אויך לידז און איהר אומגעגענד געוועזען דער פלאץ פון א פערשפרייטער הויז־אינדוסטריע. ווען עדוואַרד ביינז האָט אין 1857 געשריבען זיין ערשטען בעריכט וועגען די יאָרקיישיירער אינדוסטריען (אין ט. ביינז'עס „יאָרקשייר אמאָל און היינט"), פלעגט מען דעם גרעסטען טייל פון וואָלצייג, וואָס איז געמאכט געוואָרען אין יענעם ראיאָן, וועבען מיט דער האנד*. צוויי מאָל א וואָך פלעגט מען דאָס האנד־געמאכטע טוך

* כמעט אַ העלפט פון די 43,000 פועלים, וואָס זיינען צו יענער צייט בעשעפטיגט געוועזן ביי דער וואָל־אינדוסטריע אין ענגלאנד, האָבען

ברענגען אין דעם טוך־פאַבריקאנטען־מאַגאזין (קלאָדהיערס האָל), און אַרום מיטאָג־צייט פלעגט עס ווערען אויספערקויפט צו די סוחרים, וואָס פלעגען עס פערפערטיגען אין זייערע פאַבריקען.

אקציאָנערע שפּינעריייען פלעגען בעטריבען ווערען פון פער־אייניגטע טוך־פאַבריקאַנטען אויף צוזאַגרייטען און שפּינען די וואָל, געוועבט האָבען עס אָבער די טוך־ארבייטער צוזאַמען מיט די מיט־גליעדער פון זייערע פאַמיליעס אויף האַנד־שטוהלען. צוועלף יאָהר שפּעטער האָט דער מעכאַנישער שטוהל אין אַ גרויסער מאָס אַרויס־געשטופּט דעם האַנד־שטוהל; אָבער די טוך־בעלי־מלאָכה׳ס, וואָס האָבען שטאַרק געוואָלט אָנהאַלטען זייער אונאַבהענגיגקייט, האָבען צוגעטראַכט אַן אייגענאַרטיגע אָרגאַניזאַציע: זיי האָבען געדונגען אַ צימער אָדער אַ טייל פון אַ צימער, און טיילמאָל אויך די מעכאַנישע שטוהלען, און האָבען געאַרבייט זעלבסטשטענדיג. דאָס איז אַ כאַראַקטעריסטישע איינריכטונג, וואָס ווערט נאָך טיילוויז אָנגעהאַלטען ביז איצט, און איז ווי צוגעפּאַסט צו אילוסטרירען די אָנשטרענגונגען פון די קליינע בעל־מלאָכה׳ס זיך צו האַלטען אויף די פיס, ניט קוקענדיג אויף דער קאָנקורענץ פון דער פאַבריק. און מען מוז זאָגען, אַז די נצחונות פון דער פאַבריק זיינען גאָר אָפט דערגרייכט געוואָרען נאָר דורך די העכסט־בעטרי־גערישע פעלשונגען פון די סחורות, און דער שלעכט־בעצאָהלטער ארבייט פון קינדער.

די פערשיידענאַרטיגקייט פון די הויז־אינדוסטריען, וואָס ווערען בעטריבען אין דעם „לייק־דיסטריקט״, איז אַ סך גרעסער, ווי מען האָט עס געקאָנט דערוואַרטען, אָבער זיי דאַרפען נאָך ערשט פאָרזיכטיג אויסגעפאָרשט ווערען. איך וועל בלויז דערמאָנען די רייפען־מאַכער, דעם קאָרב־פאַך, די האָלץ־קויהלען־ברענער, די שפּולען־מאַכער, די קליינע אייזען־שמעלצעריייען, וואָס ארבייטען מיט האָלץ־קויהלען אין בעקבאַראָו, און אַזוי ווייטער.* בכלל זיינען מיר ניט גוט בעקאַנט מיט די קליינע מלאָכות אין ענגלאַנד,

---

געוועבט אויף האַנד־שטוהלען. דאָסגלייכען אַ פינפטעל פון די 79,000 פערזאָן, וואָס זיינען געווען בעשעפטיגט אין דעם געוואַנד־פאַך.

* ע. ראָסקאָ׳ס נאָטיצען אין דעם „אינגליש אילוסטרייטעד מעגע־זין״, מאַי, 1884.

און דערפאר שטויסען מיר זיך אָן טיילמאָל אָן גאַנץ אונערוואַר־טעטע פאַקטען. ווייניג אייראָפּעאישע שרייבער איבער אינדוסט־ריעלע פראַגען וואָלטען ווירקליך זיך קענען פאָרשטעלען, אַז מיט פינף און צוואַנציג יאָהר צוריק פלעגען נעגעל געמאַכט ווערען ביים האַנד פון טויזענדער מענער, פרויען און קינדער אין דעם „שוואַרצען לאַנד" פון דרום־סטאַפאָרדשייר ווי אויך אין דערבישייר *, און אַז אַ טייל פון אָט דער אינדוסטריע עקזיסטירט נאָך איצט; אָדער אַז די בעסטע נאָדלען ווערען געמאַכט אין רעדיטש ביים האַנד. קייטען ווערען אויך געמאַכט ביים האַנד אין דאָדלי און קרעדלי, און הגם די פּרעסע פיהלט זיך פון צייט צו צייט גע־צוואונגען צו שרייבען וועגען דער טרויעריגער לאַגע פון די קייטען־מאַכער, מענער און פרויען, בלייבט דער פאַק דאָך עקזיסטירען. אין דער זעלבער צייט זיינען אין יאָהר 1890 כמעט 7,000 מענער אין וואָלסאָל, וואָלייערהעמפּטאָן און ווילענהאָל געוועזן פערנומען אין זייערע קליינע שעפער מאַכענדיג די איינפאַכסטע שלעסער. די פערשיידענע אייזען־אַרטיקלען וואָס געהען צוזאַמען מיט רימער־אַרבייט — געביסען, שפּאָרען, צאַמען א. ד. גל. — ווערען אויך צום גרעסטען טייל געמאַכט ביים האַנד אין וואָלסאָל.

די בירמינגהאַמער פלינטען און ביקס־פּאַכען, וואָס געהערען אויך צו דעם זעלבען געביט פון קליינע אינדוסטריען, זיינען גוט בעקאַנט. וואָס געהערט די פערשיידענע בראַנזשען פון קליידונג, זיינען נאָך אַלץ פאַראַן וויכטיגע געגענדען אין דער פעראייניגטער ענגלישער מלוכה, וואו אַ געוויסער סאָרט הויז־מלאָכות, וואָס זיינען פערבונדען מיט קליידונג, ווערען בעטריבען אויף אַ גרויסען מאַס־שטאַב. איך דאַרף נאָר דערמאָנען די הויז־אינדוסטריען אין איר־לאַנד, ווי אויך אייניגע פון זיי, וואָס זיינען פערבליבען אין די דיסטריקטען פון באָקינגהאַם, אָקספאָרד און בעדפאָרד.

זאָקען־אַרבייט איז אַ געוועהנליכע בעשעפטיגונג אין די דער־פער פון די קאָונטיעס נאָטינגהאַם און דערבי; און אייניגע גרויסע לאָנדאָנער פירמעס שיקען אַרויס טוך אין די דערפער פון סאַסעקס און העמפּשייר, וואו מען מאַכט דערפון קליידער. וואָלענע זאָקען־שטריקעריי איז אַ היימישע אַרבייט אין די דערפער פון לעיסטער

---

* ביוואַנ'ס „גאַיד טו אינגליש אינדאַסטריעס".

און בעזונדערס אין שאָטלאַנד; אַזױ איז אױך שטרױ־פלעכטען און מאַכען היט אין פיעלע טײלען פון לאַנד. אין נאָרטהעמפּטאָן, לעיסטער, איפּסיטש און סטעפּפאָרד איז שוסטערײ געװען ביז גאָר ניט לאַנג אַ װײט־פערשפּרײטע הױז־בעשעפטיגונג, אָדער מען האָט געאַרבײט דערבײ אין קלײנע שעפּער; אַפילו אין נאָריטש איז די שוסטערײ ביז אַ געװיסען גראַד פערבליבען אַ קלײן־אינדוסטריע, ניט קוקענדיג אױף דער קאָנקורענץ פון די פאַבריקען. מען מוז אױך דערמאָנען, אַז זינט עס זײנען אױפגעקומען, ניט לאַנג צוריק, די גרױסע שטיװעל און שיך־פאַבריקען, האָט זיך אױך בעדײטענד פערגרעסערט די צאָהל מײדלעך און פרױען, װאָס נעהמען די „אױ־בערשטע טהײלען" און העפטען אױס די שטעק־שיך אָדער בײ זיך אין דער הײם, אָדער אין „שװײץ־שעפּער"; צו דער זעלבער צײט זײנען לעצטענס ענטשטאַנען נײע קלײנע פאַבריקען, װאָס מאַכען קנאָפּלען, פּאַפּיער־שאַכטלען, א. אז. װ.

די קלײנע מלאָכות זײנען אָט אַזױ אַ װיכטיגער פאַקטאָר אין דעם אינדוסטריעלען לעבען אַפילו אין גרױס־בריטאַניען, אַבװאױל אַ סך זײערע האָבען זיך קאָנצענטרירט אין די שטעדט. װען מיר געפינען אָבער דאָ אין ענגלאַנד אַ סך װעניגער דאָרף־אינדוסטריען אײדער אױפ'ן קאָנטינענט, דאַרפען מיר ניט דענקען, אַז די אורזאַך פון זײער פערשװינדען איז נאָר די שאַרפע קאָנקורענץ פון די פאַב־ריקען. די הױפּט־אורזאַך איז געװען דער געצװאונגענער גלות פון די דערפער.

װי יעדער אײנער װײס פון טהאָראָלד ראָדזשער'ס װערק, איז דער װאוקס פון דער פאַבריק־סיסטעם אין ענגלאַנד געװען ענג צונױפגעבונדען מיט אָט דעם געצװאונגענעם גלות. גאַנצע אינ־דוסטריען, װאָס האָבען ביז יעמאָלט געבליהט, זײנען מיט אַ מאָל דערשטיקט געװאָרען דורכדעם, װאָס מען האָט מיט געװאַלט אָב־גערײניגט די מאַיאָנטקעס.* די װערקשעפּער פערמעהרען זיך, מעהר נאָך אַפילו אײדער די פאַבריקען, װאו נאָר זײ קענען געפינען בילינע אַרבײטסקראַפט; און דער ספּעציפישער שטריך פון ענג־לאַנד, איז דאָס, װאָס די בילינסטע אַרבײטסקראַפט — ד. ה. די

---

* טהאָראָלד ראָדזשערס, „די עקאָנאָמישע אױסדײטונג פון דער געשיכטע."

גרעסטע צאָהל אָרימע לייט — געפינט מען אין די גרויסע שטעדט. די אַגיטאַציע, וואָס מען האָט אויפגעהויבען (אָהן א שום פעולה) אין צוזאַמענהאַנג מיט „די וואוינונגען פון די אָרימע", די „אַר־בייטסלאָזע" און דעם „שוויץ־סיסטעם", האָט פאַלשטענדיג אויפ־געדעקט דעם דאָזיגען כאַראַקטעריסטישען שטריך פון דעם עקאָנאָ־מישען לעבען אין ענגלאַנד און שאָטלאַנד; און די מיהזאַמע פאָר־שונגען, וואָס מר. טשאַרלז בוטה האָט געמאַכט, האָבען בעוויזען, אַז איין פערטעל פון דער בעפעלקערונג פון לאָנדאָן — ד. ה. איין מיליאָן פון די 3 מיליאָן, 800 טויזענד, וואָס זיינען אריין אין די גרעניצען פון זיין אונטערזוכונג — וואָלטען גליקליך געווען, ווען די פערדיענער פון זייערע פאַמיליען וואָלטען דורכ'ן גאַנצען יאָהר רעגעלמעסיג פערדיענט ארום א פונט (פינף דאָלאַר) א וואָך. א העלפט פון זיי וואָלטען אפילו צופריעדען געווען מיט נאָך ווענינער ווי דאָס. דעם זעלבען צושטאַנד האָט מר. סיבאָהם ראַונטרי גע־פונען אין יאָרק.* מען קען קריגען אַזוי פיעל ביליגע אַרבייטס־קראַפט אין די פאָרשטעדטלעך פון אַלע גרויסע שטעדט פון גרויס־בריטאַניען, אַז די אינדוסטריען און הויזליכע מלאָכות, וואָס זיינען אויפ'ן קאָנטינענט פון אייראָפּא צושפּרייט איבער די דערפער, זאַמלען זיך דאָ אָן אין די שטעדט.

קיין גענויע ציפער בנוגע די קליינע אינדוסטריען זיינען ניט פאַראַן, אָבער אַן איינפאַכער שפּאַציר איבער די פאָרשטעדט פון לאָנדאָן וואָלט א סך געהאָלפען צו בעגרייפען די פערשיידענאַרטיג־קייט פון קליינע מלאָכות, וואָס זיינען פול אין דער הויפּט־שטאָדט, ווי אין אַלע גרויסע שטאָדטישע צענטערס. די בעווייזען, וואָס זיינען פאָרגעבראַכט געוואָרען פאַר דעם „שוויץ־סיסטעם־קאָמיטעט" האָט געצייגט אויף וויפיעל די מעבעל־און פאַרטיגע קליידער־מאַגאַ־זינען, ווי אויך די „באָנהעור־דע־דאַם"־ (דאַמען־וואוילטאָג)־באַזאַ־רען זיינען בלויז אויסשטעלונגען פון סאַמפּלען, אָדער מערק פאַר דעם פערקויף פון די פראָדוקטען פון דער קליין־אינדוסטריע. טויזענדער „שוויצער", צווישען וועלכע עס זיינען פאַראַן אייניגע וואָס האָבען אייגענע שעפּער, און אַנדערע וואָס פערטיילען בלויז די אַרבייט צווישען „אונטער־שוויצער", וועלכע פערטיילען זיי ווײ־

* „אָרימקייט: אַ שטודיע פון שטאָדט־לעבען", לאָנדאָן (מעקמיללאַן), 1901.

טער צווישען די אַרימסטע, פערזאָרגען אַט די האנדעלס־פּאַלאַצען און באַזאָרען מיט סחורה, וואָס ווערט געמאַכט אין די אַרימסטע קוואַרטאַלען, אָדער אין זעהר קליינע שעפּער. די קאָמערץ איז קאָנצענטרירט אין אַט די באַזאָרען, אָבער ניט די אינדוסטריע. די מעבעל־מאַגאַזינען און באַזאָרען שפּיעלען אויף אַזאַ אופן די זעלבע ראָליע, וואָס די פּעדראָלע שלעסער האָבען פריהער געשפּיעלט אין דער אַגריקולטור: זיי צענטראַליזירען די פּראָפּיטען — ניט די פּראָדוקציאָן.

אין דער אמת'ען איז גאָר ניטאָ וואָס צו וואונדערען זיך אויף דער פערשפּרייטקייט פון דער קליין־אינדוסטריע ביי דער זייט פון די גרויסע פאַבריקען. עס איז אַן עקאָנאָמישע נויטווענדיגקייט. די פערשלינגונג פון די קליינע ווערקשעפּער דורך די גרויסע פאַבריקען איז אַ פאַקט, וואָס האָט איבערראַשט די עקאָנאָמיסטען פון די פערציגער יאָהרען פון פאָריגען יאָהרהונדערט, בעזאָנדערס אין דער טעקסטיל־אינדוסטריע. די דאָזיגע פערשלינגונג קומט נאָך ווייטער פאָר אין פיעלע אַנדערע פאַכען און איז בעזונדערס מערקווירדיג אין אַ געוויסער צאָהל פון זעהר גרויסע אַנשטאַלטען, וואָס האָבען צו טהאָן מיט מעטאַלען און קריעגס־מאַטעריאַלען פאַר די פערשיעדענע רעגיערונגען. אָבער פּאַראַלעל דערמיט געהט אָן אַן אַנדער פּראָצעס, וואָס בעשטעהט אין דעם שטענדיגען בעשאַפען פון נייע אינדוסטריען, וועלכע הויבען געוועהנליך אָן זייער עקזיסטענץ אויף אַ קליינעם מאַסשטאַב. יעדע נייע פאַבריק רופט אַרויס אין לעבען אַ געוויסע צאָהל קליינע ווערקשעפּער, טיילווייז כדי זיי זאָלען איהר צושטעלען אייניגע זאַכען, וואָס זי האָט נויטיג, און טיילווייז כדי צו לאָזען איהרע פּראָדוקטען ווייטער בעאַרבייטען. לאָמיר ברענגען בלויז איין ביישפּיעל. די באַוועל־פאַבריקען האָבען געשאַפען אַ גרויסע נאָכפראַגע אויף רעדלעך (באַבינס) און שפּולען, און טויזענדער מענשען אין דעם „לייק־דיסטריקט" האָבען זיך גענומען צו פאַבריצירען זיי — פריהער ביים האַנד, און שפּעטער מיט דער הילף פון איינפאַכער מאַשינעריע. ערשט דאָ נאָר ניט לאַנג, נאָכדעם ווי מען האָט פערשווענדט יאָהרען אויסצוגעפינען און פערבעסערען די מאַשינעריע, האָט מען אָנגעפאַנגען צו מאַכען די שפּולען אויף אַ גרעסער'ן מאַסשטאַב אין די פאַבריקען. אָבער אַזוי ווי די מאַשינען זיינען זעהר טייער, מאַכט

מען נאָך אפילו איצט אַ גרויסע צאָהל שפּולען אין די קליינע שעפּער מיט גאָר ווינציג מאַשין־הילף; און די שפּול־פאַבריקען גופא זיינען פערהעלטניסמעסיג קליין און בענוצען זעלטען מעהר ווי פופציג פּועלים — הויפּטזעכליך קינדער. די שפּולען ווידער, וואָס האָבען אין אונרעגעלמעסיגע פאָרם, ווערען נאָך אַלץ געמאַכט ביים האַנד, אָדער טיילווייז מיט דער הילף פון קליינע מאַשינען, וואָס די אַרביי־טער אַליין קלערען אויס. אַט אַזוי וואַקסען אויס נייע אינדוסטריען וואָס פערנעהמען דעם פּלאַץ פון די אַלטע. יעדע נייע געהט פריהער דורך די שטופע פון פּראָדוצירען אויף אַ קליינעם מאַסשטאַב, איידער זי דערגרייכט די גרויסע פאַבריק־שטופע; און וואָס אַקטיווער עס איז דער ערפינדערישער גייסט פון אַ פאָלק, אַלץ מעהר פערמאָגט עס אַזוינע שפּראָצענדע אינדוסטריען. די צאָהללאָזע קליינע וועלאָ־סיפּעדען־שעפּער, וואָס זיינען לעצטענס אויסגעוואַקסען אין ענג־לאַנד, און וואָס ווערען בעזאָרגט פון די גרויסע פאַבריקען מיט פאַר־טיגע טיילען פון דעם וועלאָסיפּעד, זיינען אַ גוטער ביישפּיעל צום פּונקט. די הויזליכע און קליינע־שאָפּ־פאַבריקאַציע פון קעסטלעך פאַר שוועבעלעך, פאַר שיך, היט, צוקער־וואַרג, עסענוואַרג און אַזוי ווייטער, איז נאָך אַ בעקאַנטער ביישפּיעל.

דערצו נאָך סטימולירט די גרויסע פאַבריק דאָס געבורט פון נייע קליינע מלאכות, שאַפענדיג נייע בעדערפנישען. די ביליגקייט פון באַוועלנע און וואָלענע סחורות, פון פּאַפּיער און מעש, האָט בע־שאַפען הונדערטע נייע קליינע אינדוסטריען. אונזערע הויז־ווירט־שאַפטען זיינען פול מיט זייערע פּראָדוקטען — מעהרסטענטיילס זיינען דאָס זאַכען פון מאָדערנער ערפינדונג. און בעת די גרויסע פאַבריק ליפערט שוין איצט איינינע פון אַט די ערפינדונגען אין די מיליאָנען, זיינען זיי אָבער אַלע דורכגעגאַנגען די קליינע שאָפּ־מדרגה, איידער די נאָכפראַגע אויף זיי איז געוואָרען גענוג גרויס, אַז עס האָט אַרויסגערופען די גרויסע־פאַבריק־אָרגאַניזאַציע. וואָס מעהר מיר קענען האָבען נייע ערפינדונגען, אַלץ מעהר ווילען מיר האָבען אַזעלכע קליינע אינדוסטריען; און פערקעהרט, וואָס מעהר קליינע אינדוסטריען מיר האָבען, אַלץ מעהר ווילען מיר האָבען דעם ערפינדערישען גייסט, וואָס מען קלאָגט זיך איצטער מיט רעכט, אַז ער פעהלט אין ענגלאַנד (וו. אַרמסטראָנג צווישען פיעלע אַנדערע). מיר דאַרפען זיך דעריבער ניט וואונדערען ווען מיר זעהען אַזוי פיעל

קליינע מלאָכות אין ענגלאַנד; מיר מוזען אָבער בעדויערען, וואָס די גרעסטע צאָהל זייערע האָבען צוליעב די שלעכטע בעדינגונגען פון לאַנד־ארענדע, פערלאָזען די דערפער און אויסגעוואַנדערט אין אזוינע מאַסען אין די שטעדט צום שאָדען פון דער אגריקולטור.

אין ענגלאַנד, ווי אומעטום, זיינען די קליינע אינדוסטריען א וויכטיגער פאַקטאָר אין דעם אינדוסטריעלען לעבען פונ׳ם לאַנד; און הויפּטזעכליך דורך זיי — אין דער אונענדליכער פערשיידענ־אַרטיגקייט פון די קליינע מלאכות, וואָס בענוצען זיך מיט די האַלב־אויסגעאַרבייטע פּראָדוקטען פון די גרויסע אינדוסטריען, — ענטוויקעלט זיך דער ערפינדונגס־גייסט, און די רודימענטען פון די צוקינפטיגע גרויס־אינדוסטריען ווערען אויסגעאַרבייט. די קליינע וועלאָסיפּעדען־שעפּער, מיט די הונדערטער אויסבעסערונגען, וואָס זיי האָבען איינגעפיהרט, זיינען געווען פאַר אונז אין די אויגען די ערשטע צעלען, פון וועלכע די גרויסע אינדוסטריען פון אויטאָמאָ־בילען, און שפּעטער פון די עראָפּלאַנען, זיינען ארויסגעוואַקסען. די קליינע דאָרפישע איינגעמאַכטס־מאַכער, זיינען געווען די פאָרלויפער און די אָנפאַנגער פון די גרויסע קאָנסערווען־פאַבריקען, וואָס בעשעפטיגען איצט הונדערטער אַרבייטער, און אזוי ווייטער.

צו בעהויפּטען דעריבער אז די קליינע אינדוסטריען זיינען פער׳משפט צום אונטערגאַנג, בעת מיר זעהען ווי עס ענטשטעהען אַלע נייע יעדען טאָג, הייסט איינפאַך איבער׳חזר׳ען אַ צו־געאיילטע גענעראַליזאַציע, וואָס איז געמאַכט געוואָרען אין דעם ערשטען טייל פון 19טען י. ה. פון די וואָס האָבען געזעהן ווי אין דער באַוועל־אינ־דוסטריע איז די האַנד־אַרבייט פערשלונגען געוואָרען פון דער מאַשין־אַרבייט. דאָס איז אַ גענעראַליזאַציע, וואָס געפינט ניט, ווי מיר האָבען שוין געזעהן, און ווי מיר וועלען עס נאָך בעסער זעהן אין די ווייטערדיגע בלעטלעך, קיין בעשטעטיגונג אין דער פאָרשונג פון די אינדוסטריען, סיי קליינע, סיי גרויסע, און וואָס ווערט צושטערט דורך די צענזוסען פון די פאַבריקען און ווערקשעפּער. אָנשטאָט ארויסצואווייזען אַ טענדענץ צו פערשווינדען, ווייזען די קליינע אינדוסטריען, אדרבא, ארויס אַ נייגונג זיך ווייטער צו ענטוויקלען, זינט די מוניציפּאַלע צושטעלונג פון עלעקטרישער קראַפט — ווי מיר האָבען עס, למשל, אין מאַנטשעסטער — ערלויבט דעם אייגענ־טימער פון אַ קליינער פאַבריק צו האָבען אַ ביליגע בעוועג־קראַפט

פונקט אין פּראָפּאָרציע וויפיעל ער דאַרף האָבען אין אַ בעשטימטער צייט, און צו צאָהלען נאָר פאַר וויפיעל עס ווערט ווירקליך פערצעהרט.

קליינע מלאכות אין פראַנקרייך.

אין פראַנקרייך בעגעגענט מען די קליינע אינדוסטריען אין אַ זעהר גרויסער פערשיידענאַרטיגקייט און זיי שטעלען מיט זיך פאָר אַ זעהר וויכטיגען שטריך אין דער נאַציאָנאַלער ווירטשאַפט. עס ווערט פאַקטיש געשאַצט, אַז בעת אַ העלפט פון דער בעפעלקערונג אין פראַנקרייך לעבט פון אַגריקולטור, און אַ דריטעל פון אינדוסטריע, איז דער דאָזיגער דריט-חלק גלייך צוטיילט צווישען דער גרויסער אינדוסטריע און דער קליינער.* די לעצטע בעשעפטיגט ארום 1,650,000 אַרבייטער און איז מפרנס פון 4 ביז 5 מיליאָן נפשות. צו אַט די ציפער וואָלט מען בעדאַרפט צוגעבען אַ בעדייטענדע צאָהל פויערים, וואָס פערנעהמען זיך מיט קליינע אינדוסטריען, ניט פערלאָזענדיג דערביי די לאַנדווירטשאַפט. די נעבענ־

---

* אַט די ציפער, וואָס מען האָט אויסגעפונען בעת׳ן צענזוס פון 1866, האָבען זיך זינט יעמאָלט ווייניג געביטען, ווי מען קען עס זעהן פון דער פאָלגענדער טאַבעלע, וואָס גיט די פּראָפּאָרציאָנעלע צאָהלען פון די פערשיעדענע קאַטעגאָריעס פון דער אַקטיווער בעפעלקערונג, מענער ווי פרויען (בעלי-בתים, אַרבייטער און אַנגעשטעלטע), אין די יאָהרען 1866 און 1896:

	1866	1896
אַגריקולטור	52 פּראָצ.	47 פּראָצ.
אינדוסטריע	34 "	35 "
קאָמערץ	4 "	5 "
טראַנספּאָרט און פערשיידענעס	3 "	5 "
ליבעראַלע פּראָפעסיעס	7 "	8 "

ווי ס׳האָט בעמערקט מר. פאָנטיין, וועלכער האָט בעאַרבייט די רעזולטאַטען פון דעם לעצטען צענזוס, „האָט די צאָהל פּערזאָנען, וואָס זיינען בעשעפטיגט אין דער אייגענטליכער אינדוסטריע, הגם זי האָט זיך פערגרעסערט, פערשלונגען אַ קלענערען פּראָצענט פון דעם פערלוסט, וואָס די אַגריקולטורעלע בעפעלקערונג האָט געהאַט, איידער די אַנדערע קאַטעגאָריעס.“ (סטאַטיסטישע רעזולטאַטען פון דעם בעשעפטיגונגס-צענזוס, באַנד 4 ז. 8.)

פּערדיענסטען, וואָס אָט די פּויערים האָבען ביי דער אינדוסטריע, זיינען אַזוי וויכטיג, אַז אין אייניגע טיילען פון פראַנקרייך וואָלט די פּויערשע באַלעבאַטישקייט ניט געקענט עקזיסטירען אָהן דער הילף, וואָס די דאָרפישע אינדוסטריען ברענגען.

די קליינע פּויערים ווייסען וואָס זיי קאָנען דערוואַרטען אַזוי באַלד ווי זיי ווערען פאַבריק־הענד אין אַ שטאָדט; און כל זמן דער פּראָצענטניק האָט נאָך ניט אוועקגענומען זייער לאַנד און הייזער, און כל זמן דאָס דאָרפישע רעכט אויף די קאָמונאַלע פּיטער־פעלדער אָדער וועלדער איז נאָך ניט פערלאָרען געוואָרען, האַלטען זיי זיך אָן דער קאָמבינאַציע פון אינדוסטריע מיט אַגריקולטור. ניט האָבענדיג מעהרסטענטיילס קיין פערד צו אַקערען דאָס לאַנד, ווענדען זיי אָן אַ מעטאָדע וועלכע איז שטאַרק פערשפּרייט, אויב ניט אַלגעמיין איינגעפיהרט, צווישען קליינע פראַנצויזישע ערד־בעזיצער אפילו אין די ריין לאַנד־ווירטשאַפטליכע דיסטריקטען (איך האָב עס געזעהן אפילו אין האָטסאַוואָא). איינער פון די פּויערים, וואָס האַלט אָן אַקער־אייזען און אַ געשפּאַן פערד, אַקערט אַלע פעלדער נאָך דער רייה. צו דערזעלבער צייט געפינט מען, אַ דאַנק דעם קאָמונאַלען גייסט, וועלכען איך האָב בעשריבען אַנדערסוואו,* ווייטערדיגע שטיצע אין דעם איינפיהר פון אַ קאָמונאַלען פּאַסטוך, אַ קאָמונאַלען ווייַן־פּרעס, און פערשיידענע פאָרמען פון „הילף“ צווישען די פּויערים. און וואו עס האַלט נאָר אָן דער גייסט פון דער דאָרף־געמיינדע, האַלטען זיך אויך די קליינע אינדוסטריען; אין דער זעלבער צייט ווערט קיין מיה ניט געשפּאָרט וואָס בעסער צו קולטיווירען די קליינע שטיקלעך ערד, וואָס זיי פערמאָגען.

האַנדעלס־גערטנעריי און פּרוכט־קולטיווירונג געהען אָפט האַנד אין האַנד מיט קליינע אינדוסטריען. און וואו נאָר מען געפינט וואוילשטאַנד אויף אַ פערהעלטניסמעסיג אונפּרוכטבאַרען באָדען, איז עס כמעט שטענדיג צו פערדאַנקען די קאָמבינאַציע פון די ביידע שוועסטער־בעטריעבען.

די וואונדערבאַרסטע וועגען, ווי אַזוי די קליינע אינדוסטריען פּאַסען זיך צו צו די נייע פאָדערונגען, קענען בעמערקט ווערען אין

* „געגענזייטיגע הילף: אַ פאַקטאָר פון עוואָלוציאָן“, אין אידיש איבערזעצט פון דר. י. א. מעריסאָן, ניו יאָרק 1913.

דערזעלביגער צייט, וואָס עס קומט פאָר אַ גרינדליכער טעכנישער פּראָגרעס אין די מעטאָדען פון פּראָדוקציאָן. וועגען פראנקרייך קאָן מען אפילו זאָגען, ווי עס איז געזאָגט געוואָרען וועגען רוסלאנד, אַז ווען אַ דאָרף־אינדוסטריע שטאַרבט אָב, געפינט זיך די אורזאַך פון איהר אונטערגאַנג ניט אַזוי אין דער קאָנקורענץ פון געגנערישע פאַבריקען — אין הונדערטער פלעצער מאַכט דורך די קליינע אינ־דוסטריע אין אַזוינע פעלען אַ פאָלשטענדיגע ענדערונג, אָדער זי בייט אום איהר כאַראַקטער — ווי אין דעם אונטערגאַנג פון דער בעפעלקערונג אַלס לאַנדוויר טען. מיר זעהען כסדר, אַז נאָר דאַן, ווען די קליינע לאַנד־אַרענדאַטאָרס ווערען רואינירט אַלס לאַנדאַרבייטער, מחמת פערשיידענע אורזאַכען — צוליעב דעם פערלוסט פון די קאָמונאַלע לאָנקעס, אָדער די אוננאָרמאַל־הויכע רענטען, אָדער צוליעב דעם חורבן וואָס ווערט אין איינינע פלעצער דורך די „מאַרשאַן־דע־ביען׳ס“ (שווינדלער, וואָס רעדען איין די פויערים צו קויפען לאַנד אויף קרעדיט), אָדער דורך דעם באַנקראָט פון אַ וועלכער עס איז אַקציען־געזעלשאַפט, ביי וועלכער די פויערים האָבען אָנגעקויפט אַ סך אַקציעס* —, נאָר דאַן פערלאָזען זיי אי דאָס לאַנד, אי די דאָרף־אינדוסטריע און עמיגרירען אין די שטעדט.

ביי אַנדערע בעדינגונגען, ווען די קאָנקורענץ פון דער פאַבריק ווערט צו־שאַרף, וואַקסט שטענדיג אויס אַ נייע אינדוסטריע, — די קליינע אינדוסטריען ווייזען דערביי אַרויס אַ וואונדערליכע, ניט־דערוואַרטעטע צופּאַסונגס־פעהיגקייט —; אָדער די דאָרפישע בעלי־מלאכות נעהמען זיך גאָר פאַר אַ וועלכער עס איז פאָרם פון אינטענ־סיווער פאַרמעריי, גערטנעריי א. אַז. וו. און דערווייל וואַקסט אויס עפּעס אַ נייע מין אינדוסטריע. אין אָט דער הינזיכט איז אַ נעהנטערע אונטערזוכונג פון דער לאַגע אין פראַנקרייך זעהר שטאַרק בעלעהרענד.

עס איז קלאָר, אַז אין די מעהרסטע טעקסטיל־אינדוסטריען שטופּט דער מעכאַנישער שטוהל אַרויס דעם האַנד־שטוהל און די פאַבריק פערנעהמט אָדער האָט שוין פערנומען, דעם פּלאַץ פון דער הויזליכער אינדוסטריע. באַוועל־שטאָפען, איינפאַכע לייווענט, און

* זעה באָדריאַר׳ס: די אַגריקולטור בעפעלקערונג אין פראַנקרייך; נאָרמאַנדיע. (פראַנצ.)

מאַשין־געמאַכטע שפּיצען ווערען איצט פּראָדוצירט אַזוי ביליג מיט דער מאַשין, אַז וועבען מיט'ן האַנד ווערט גאַנץ קלאָר אַן אויס־געשפּיעלטע זאַך (אַנאַכראָניזם) ביי די איינפאַכסטע פון די דאָזיגע אַרטיקלען. פאָלגליך קען מען גאַנץ זיכער אָננעהמען, אַז הגם אין יאָהר 1876 זיינען אין פראַנקרייך געווען 328,300 האַנד־שטוהלען אַנטקעגען 121,340 מעכאַנישע שטוהלען, איז מסתמא די צאָהל פון די ערשטע בעדייטענד פערקלענערט געוואָרען אין די נעקסטע צוואַנציג יאָהר. פונדעסטוועגען איז די לאַנגזאַמקייט, מיט וועלכע די דאָזיגע ענדערונג ווערט דורכגעפיהרט, איינע פון די מערקוויר־דיגסטע שטריכען פון דער איצטיגער אינדוסטריעלער אָרגאַניזאַציע פון די טעקסטיל־אינדוסטריען אין פראַנקרייך.

די אורזאַכען פון אָט דער ווידערשטאַנדס־קראַפט מצד די האַנד־שטוהלען ווערען בעזונדערס קלאָר, ווען מען לעזט אַזעלכע ווערק ווי רעיבאָ'ס „די באַוועל" (לע קאָטאָן), וואָס איז געשריבען געוואָרען אין 1863, כמעט מיט אַ האַלבען יאָהרהונדערט צוריק —, דאָס הייסט, אין אַ צייט ווען די הויזליכע אינדוסטריען זיינען נאָך געווען גאַנץ לעבעדיג. הגם רעיבאָ איז אַליין אַ הייסער פערעהרער פון די גרויסע אינדוסטריען, האָט ער פונדעסטוועגען געטריי אָנגעצייכענט דעם מערקווירדיגען ווידערשטאַנד, וואָס האָט געהערשט אין די וועבערשע היימען לגבי די דחקות פון די פאַבריק־הענד אין די שטעדט. שוין דעמאָלט זיינען די שטעדט סט. קענטען, ליל, רובע און אַמיען געווען גרויסע צענטערס פון באַוועל־שפּינערייען און וועב־פאַבריקען. אין דער זעלבער צייט אָבער האָט מען אין די פאָרשטעדט פון סט. קענטען גופא, און אין הונדערטער דערפער און דערפלעך אַרום, געוועבט באַוועל־שטאָפען אויף האַנד־שטוהלען צו פערקויפען אין די שטעדט, וואו מען פלעגט די שטאָפען פערענדי־גען. און רעיבאָ האָט אָנגעמערקט, אַז די שוידערליכע וואוינונגען אין שטאָדט, און די אַלגעמיינע לאַגע פון די פאַבריק־הענד, זיינען געשטאַנען אין אַ מערקווירדיגען קאָנטראַסט צו דעם לפי ערכ'דיגען וואוילשטאַנד פון די דאָרפישע וועבער. כמעט יעדער איינער פון די לעצטע האָט געהאַט זיין אייגען הויז און אַ קליין פעלד, וועלכען ער האָט ניט אויפגעהערט צו בעאַרבייטען.*

* „דער באַוועל: זיין אָרגאַניזאַציע, זיינע פּראָבלעמען", (פּראַנצ.), 1863, ז. 179.

אפילו ביי אזא בראנזשע ווי די פאבריקאציע פון איינפאכען באוועל־סאמעט, וואס אין איהר האט זיך די קאנקורענץ פון דער פאבריק בעזונדערס שארף געפיהלט, איז די הויז־וועבעריי אין די יאהרען 1863, און אפילו 1878, געוועז שטארק פערשפרייט אין די דערפער ארום אמיען. הגם די פערדיענסטען פון די דארפישע וועבער זיינען בדרך כלל געוועז קליין, האבען די וועבער פונדעסטוועגען פארגעצויגען צו בלייבען ביי זייערע אייגענע הייזלעך, שטיקלעך פעלד און אייגענע בהמות. ערשט די אפטע קאמערציעלע קריזיסען, צוזאמען מיט אייניגע פון די אויבענדערמאנטע אורזאכען, וואס ווירקען שלעכט אויף דעם ארעמען פויער, האבען געצוואונגען די מעהרסטע אויפצוגעבען דעם קאמפף און זוכען בעשעפטיגונג אין די פאבריקען; א טייל פון זיי אבער האט ביי דער איצטיגער צייט זיך צוריקגעקעהרט צו דער אגריקולטור, אדער האט זיך גענומען צו האנדעלס־גערטנעריי.

נאך א וויכטיגער צענטער פון דארף־אינדוסטריע איז געוועז די אומגעגענד פון רואן, וואו ניט ווייניגער ווי 110,000 פערזאן זיינען אין יאהר 1863 געוועז בעשעפטיגט ביי וועבען באוועל־שטאפען פאר די פערענדיגונג־פאבריקען פון דער דאזיגער שטאדט. אין דעם טאל פון דעם טייך אנדעל, אין דעם דעפארטאמענט עיר, איז יעדער דארף אין יענער צייט געוועז אן אינדוסטריעלער ביהנשטאק. יעדער שטראמעל איז אויסגענוצט געווארען צו עפענען און בעטרייבען א קליין פאבריקעל. רעיבא האט בעשריבען דעם צושטאנד פון די פויערים, וואס האבען פערבונדען אגריקולטור מיט ארבייט אין דער דארף־פאבריק אלס העכסט־צופריעדענשטעלענד, בעזונדערס אין פערגלייך מיט דער לאגע פון די איינוואוינער אין די ארעמע קווארטאלען פון רואן, און ער האט אפילו דערמאנט איין פאל, אדער צוויי פעלען, וואו די דארף־פאבריק האט געהערט צו דער דארף־קהלה.

זיבעצעהן יאהר שפעטער האט באדריאר* געשילדערט דעם זעלבען ראיאן כמעט אין דיזעלבע ווערטער; און כאטש די דארפישע פאבריקען האבען זיך אין א גרויסער מאס געמוזט אונטערגעבען די גרויסע פאבריקען, דאך איז די דארפישע פראדוקציאן נאך אלץ געשאצט געווארען אין 85 מיליאן פראנק יעהרליך.

---

* „די אגראר־בעפעלקערונג אין פראנקרייך: נארמאנדיע“.

ביי היינטיגער צייט האָבען די גרויסע פאַבריקען געמוזט מאַכען נאָך א ווייטערען פאָרטשריט; אָבער מיר זעהען נאָך אַלץ פון מר. ארדוען דימאַזע'ס אויסגעצייכענטע בעשרייבונגען, — זיין ווערק וועט אין דער צוקונפט האָבען דעמזעלבען ווערטה, וואָס ארטור יאָנג'ס „רייזען" — *, אז א בעדייטענדער טייל פון די דאָרפישע וועבער איז נאָך געבליבען ביים לעבען; אין דערזעלביגער צייט הערט מען כסדר נאָך אפילו היינטיגע צייטען די בעמערקונג, אַז די דערפער, וואו וועבעריי איז פערבונדען מיט אַגריקולטור, צייכענען זיך אויס מיט זייער פערהעלטניסמעסיגען וואוילשטאַנד.

„ביז אויף היינטיגען טאָג", שרייבט מר. ארדוען דימאַזע, „איז פאַראַן אַן אינדוסטריע, וואָס גיט ארבייט א סך האַנד-שטוהלען אין די דערפער; דאָס איז די וועבעריי פון פערשיידענע שטאָפען פאַר שירמען און דאַמען-שיך". אַמיען איז דער הויפּט-צענטער פון דער דאָזיגער וועבעריי.** אין אַנדערע פּלעצער מאַכט מען קליידער פון אַמיענער סאַמעט און פון פערשיידענע שטאָפען, וואָס ווערען געוועבט אין רובע. דאָס איז א נייע אינדוסטריע; זי האָט פערנומען דעם פּלאַץ פון דער אַלטער, וועלכע האָט פון אַמיען געמאַכט א צווייטע ליאָן.

אין דעם דיסטריקט לע טהעל, דרום-צו פון באָווע, געפינט זיך „א מאַסע קליינע מלאָכות, וואָס מען קען זיך קוים פאָרשטעלען זייער וויכטיגקייט". „איך האָב געזעהן זאָגט מר. דימאַזע, קליינע פאַבריקען, וואָס מאַכען קנעפּ פון ביין, עלפאַנטביין אָדער פּערל-מוטער; פאַבריקלעך פון בערשטען, שוך-אַנטוערס, קלאַווישען פאַר פּיאַנאָס, דאָמינאָ-קלעצלעך און ווערפלען, ברילען-שיידלעך, קליינע ארטיקלען פאַר'ן שרייב-טיש, הענטלעך פאַר געצייג, מאָסען, ביליאַרד-שטעקענס — און וואָס ניט! עס איז ניטאָ קיין איינציג דאָרף, ווי קליין די בעפעלקערונג זאָל ניט זיין, וואָס זאָל ניט האָבען איהר אייגענע אינדוסטריע.*** אין דערזעלביגער צייט דאַרף מען ניט פערגעסען, אַז טויזענדער קליינע ארטיקלען פאַר'ן שרייב-טיש

* „א רייזע אין פראַנקרייך" (פראַנצ.). פּאַריז 1893—1910, 56 בענדער זיינען שוין אַרויסגעגעבען געוואָרען.

** אַרדוען דימאַזע, באַנד 17, ז. 242.

*** דאָרטען, באַנד 17, זז. 100, 101.

און פאר צייכנער ווערען אויף א גרויסען מאסשטאב פאבריצירט אין די קליינע פאבריקען פון דעמזעלבען ראיאן. איינינע פון די שעפער געפינען זיך אין פריוואט־הייזער און אין איינינע פון זיי ווערט געמאכט ארטיסטישע ארבייט; אבער די מעהרסטע פון זיי געפינען זיך אין ספעציעלע הייזער, וואו דער אייגענטימער פון שאפ דינגט די נויטיגע מעכאנישע קראפט. איהר זעהט דא „א פאנ־טאסטישע טהעטיגקייט" — דער אויסדרוק איז דימאזע'ס — די ארבייטס־צוטיילונג איז זעהר גרויס און זיי ערפינדען אומעטום נייע מאשין־געציינ.

ענדליך געפינט מען אין די דערפער פון דעם ווערמאנדואַ־דיסטריקט (דעפארטאמענט עין) א בעדייטענדע צאהל האנד־שטוהלען (מעהר ווי 3,000), אויף וועלכע פערשיידענע געמישטע שטאפען פון באוועל, וואל און זייד ווערען געוועבט.*

געווים מוז מען אנערקענען, אז בדרך כלל איז די האנד־וועבעריי כמעט פערשוואונדען אין די דערפער פון צפון־פראנקרייך, וואו באוועל־שטאפען ווערען געוועבט אויף א גרויסען מאסשטאב אין די פאבריק־שטעדט. ווי מיר האבען אבער שוין געזעהן פון די פריי־הערדיגע ביישפיעלען, זיינען אויסגעוואקסען קליינע אינדוסטריען אנשטאט דעם; און דאס איז אויך דער פאל אין פיעלע אנדערע טיילען פון פראנקרייך.

ווען מיר נעהמען דעם ראיאן, וואס געפינט זיך צווישען רואן אין צפון־מזרח, ארלעאן אין דרום־מזרח, רען אין צפון־מערב און נאנט אין דרום־מערב — ד. ה. די אלטע פראווינצען פון נארמאנ־דיע, פערש און מעין, און טיילווייז טורעין און אנזשו, ווי ארודען דימאזע האט זיי געזעהן אין 1895 — געפינען מיר דארט א רעכט ביסעל פערשיידענע קליינע אינדוסטריען סיי אין די דערפער, סיי אין די שטעדט.

אין לאוואל (דרום־מזרח־צו פון רען), וואו מען האט פריהער געוועבט שטייפע אונטערשלאג־שטאפען (קוטיל) פון פלאקס, און אין אלענסאן, וואס איז פריהער געווען א צענטער פון דער הויזליכער וועבעריי פון לייוועגט, ווי אויך פון האנד־געמאכטע שפיצען, האט ארדוען דימאזע געפונען אי די הויזליכע, אי די פאבריק־אינדוסטריע

---

* ארדוען דימאזע, באנד 19, ז. 10.

אין אַ שלעפּעדיגען צושטאַנד. באַוועל שפּיעלט די ערשטע ראָלע. מען מאַכט איצט שטייפע אונטערשלאַג־שטאָפען פון באַוועל אין די פאַבריקען און די נאָכפראַגע אויף פלאַקסענע שטאָפען איז זעהר קליין. אי ,"י הויזליכע, אי די פאַבריק־וועבעריי פון פלאַקס־שטאָפען געפינען זיך דערפאַר אין אַ שלעכטען צושטאַנד. די דאָרף־לייט האָבען אוועקגעוואָרפען דעם צווייג וועבעריי, און די גרויסע פאַבריקען, וועלכע מען האָט אויסגעבויט אין אַלענסאָן מיט דעם צוועק צו בעשאַפען דאָרט אַ פלאַקס און פאַקליע־טוך־אינדוסטריע האָבען זיך געמוזט צושליסען. בלויז איין פאַבריק, וואָס בעשעפ־טיגט 250 ארבייטער, איז פערבליבען; בעת 23,000 וועבער, וואָס האָבען געהאַט בעשעפטיגונג אין מאַן, פרעסניי און אַלענסאָן ביי פאַקליע־טוך און פיינעם ליין, האָבען געמוזט אוועקוואַרפען די דאָזיגע אינדוסטריע. די, וואָס האָבען געארבייט אין די פאַבריקען, האָבען עמיגרירט אין אַנדערע שטערט, בעת יענע וואָס האָבען נאָך ניט אינגאַנצען געהאַט איבערגעריסען מיט דער אַגריקולטור, האָבען זיך צו איהר צוריקגעקעהרט. אין דעם דאָזיגען קאַמף צווישען באַוועל אַנטקעגען פלאַקס און פאַקליע איז באַוועל ארויס דער זיעגער.

וואָס געהערט שפּיצען, ווערען זיי געמאַכט אין אַזאַ גרויסער צאָהל מיט דער מאַשין אין קאַלע, קאַדרי, סט. קענטען און טאַראַר, אַז נאָר די זעהר טייערע אַרטיסטישע שפּיצען ווערען נאָך געמאַכט אויף אַ קליינעם מאַסשטאַב אין אַלענסאָן גופא; אַלס אַ נעבענ־בעשעפטיגונג אָבער איז די שפּיצענ־מאַכעריי נאָך אַלץ פערבליבען אין דער סביבה אַרום. חוץ דעם ווערט די האַנד־וועבעריי נאָך אַלץ בעטריבען אויף אַרום 5,400 האַנד־שטוהלען אין פלער און אין פערטע מאַסע (אַ קליין שטעדטעל דרום־צו פון פלער), הגם די גאַנצע אינדוסטריע, אין די פאַבריקען, ווי אין די דערפער, געפינט זיך אין אַ קלעגליכען צושטאַנד, זינט די שפּאַנישע מערק זיינען פערלוירען געגאַנגען. שפּאַניען האָט איצט געגוג אייגענע באַוועל־שפּינערייען. צוועלף גרויסע שפּינערייען אין קאַנדע (וואו 4,000 טאָן באַוועל איז אויסגעשפּונען געוואָרען אין 1883) זיינען צוגעשלאָסען געוואָרען אין 1893. די ארבייטער זיינען געבליבען אין אַ העכסט טרויעריגען צושטאַנד.*

* ארודען דימאָזע, באַנד 2, ז. 7267.

פערקעהרט זעהען מיר, אז ביי אן אינדוסטריע, וואס בעזארגט דעם היימישען מארק — ביי דער פאבריקאציע פון לייוועגטענע טאשענטיכלעך, וואס איז אליין א גאנץ יונגע אינדוסטריע, — איז די הויז־וועבעריי אפילו איצט אין א בליהענדען צושטאנד. שאלע (אין מעין־ע־לואר, דרום־מערב פון אנזשער) איז דער צענטער פון אט דער אינדוסטריע. די שטאדט פערמאגט איין שפינעריי און איין וועב־פאבריק, אבערביידע בעשעפטיגען בעדייטענד ווייניגער הענד ווי די הויז־וועבעריי, וועלכע איז צושפרייט איבער ניט ווייניגער פון 200 דערפער אין דעם ארומיגען ראיאן.*

לויט ווי ארודען דימאזע דערצעהלט אונז, ווערען ניט אין רואן, און ניט אין די אינדוסטריעלע שטעדט פון צפון־פראנקרייך פאבריצירט אזוי פיעל לייוועגטענע טאשענטיכלעך, ווי אויף אט די האנד־שטוהלען אין אט דעם ראיאן.

אין דעם האלבען קרייז, וואס דער טייך לואר מאכט פערביי־פליסענדיג ארלעאן, געפינען מיר נאך א בליהענדען צענטער פון הויז־אינדוסטריען ביי דער אויסארבייטונג פון באוועל־שטאפען. „פון ראמאראנטען (אין לואר־ען־שער, דרום פון ארלעאן) ביז אז־זשענטאן און לע־בלאן" זאגט דערזעלביגער שרייבער, „געפינען מיר איין גרויסען ווערקשאפ, וואו מען העפט אויס טאשענטיכלעך און וואו מען נעהט אדער העפט אויס העמדער, מאנזשעטען, קעלנער און פערשיידענע סארטען דאמען־וועש. עס איז ניטא קיין איין הויז, אפילו אין דעם קלענסטען דערפעל, וואו די פרויען זיינען ניט בעשעפטיגט ביי אט דער ארבייט... און אויב די דאזיגע ארבייט איז אין די וויין־ראיאנען ניט מעהר ווי א צייט־פערטרייב, איז זי אבער דא געווארען דער הויפט איינקונפט־קוואל פון דער בעפעלקערונג.** אפילו אין ראמאראנטען גופא, וואו 400 פרויען און מיידלעך זיינען בעשעפטיגט אין איין פאבריק, געפינען זיך איבער 1,000 פרויען, וואס נעהען וועש ביי זיך אין דער היים.

---

* אין מעין־און־לואר, לא־וואנדע, קלענערע לואר, און דען־סעוור. דיזעלביגע אויפלעבונג קומט פאר אין אירלאנד, וואו דאס וועבען פון טאשענטיכלעך אויף האנדשטוהלען אקסט אויס אין דער פארם פון קליינער דארף־אינדוסטריע.

** ארדוען דימאזע, באנד 1, ז. 117 און ווייטער.

דאָס זעלבע מוז מען זאָגען וועגען אַ גרופּע אינדוסטריעלע דערפער, וואָס זיינען בעוואוינט פון טוך־מאַכער, אין דער אומגעגענד פון אַן אַנדערער נאָרמאַנדישער שטאָדט, עלבעוף. ווען באַדריאר האָט זיי בעזוכט אין די יאָהרען 1878—1880, איז ער איבערראשט געוואָרען פון די גאַנץ בעשטימטע נוצען, וואָס אַ קאָמבינאַציע פון אַגריקולטור מיט אינדוסטריע ברענגט מיט זיך מיט. ריינע הייזער, ריינע קליידער, און אַן אַלגעמיינער איינדרוק פון וואוילשטאַנד — דאָס איז געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר אָט די דערפער.

צום גליק איז וועבעריי ניט די איינציגע קליינע אינדוסטריע פון אָט דעם ראַיאָן און פון ברעטאַן. אין געגענטהייל, צעהנדליגע אַנדערע קליינע אינדוסטריען בעלעבען די דערפער און שטעדטלעך. אין פּוזשער (אין איל־עווילען, צפון מזרח פון ריימס) זעהט מען ווי די פאַבריק האָט בייגעטראָגען צו דער ענטוויקלונג פון פערשיידענע קליינע און הויזליכע אינדוסטריען. אין 1830 איז די דאָזיגע שטאָדט געווען אַ גרויסער צענטער פאַר דער פאַבריקאַציע פון די אַזוי גערופענע שאָסאָן־דע־טרעס (געשטריקטע זאָקען). די קאָנקורענץ פון די טורמעס האָט געטויט די דאָזיגע פּרימיטיווע אינדוסטריע; איהר אָרט האָט אָבער גלייך פערנומען די פאַבריקאַציע פון ווייכע פילצענע זאָקען (שאָסאָן־דע־פּעוטר). אָט די לעצטע אינדוסטריע איז אויך אונטערגעגאַנגען, און דאַן איז איינגעפיהרט געוואָרען די פאַבריקאַציע פון שטיוועל און שיך, וועלכע האָט פון איהר זייט מיטגעבראַכט די ענטשטעהונג פון די שטיוועל און שיך־פאַבריקען, וועלכע געפינען זיך איצט אין פּוזשער ביז 33, וואו 8,000 אַרבייטער* זיינען בעשעפטיגט (די יעהרליכע פּראָדוקציאָן איז אַרום 5 מיליאָן פּאָר). אָבער די קליינע אינדוסטריען האָבען אין דער זעלביגער צייט אָנגענומען אַ נייע ווענדונג. טויזענדער פרויען זיינען איצט פערנומען ביי זיך אין דער היים, נעהענדיג די „אויבערשטע טיילען“ און אויסהעפטענדיג פּוץ־שיך. נאָך מעהר, אַ גאַנצע רייה קלענערע ווערקשעפּער זיינען ענטשטאַנען אין דער אומגעגענד צו פאַפּיריצירען פּאַפּיערענע קעסטלעך, האַלצערנע קנאַפּלען און אַזוי ווייטער, ווי אויך פילע גרויסע

* צוועלף טויזענד אין 1906.

און קליינע גארבארניעס, און מר. ארדועו דימאזע בעמערקט דער־בײ, אז מען מוז איבערראשט ווערען געפינענדיג אין אַט די דער־פער, א דאנק די דאָזיגע אינדוסטריען, א בלי ספק העכערע מדרגה פון וואוילשטאנד — א זאך וואָס מען האָט גאָרניט געקענט פאָר־אויסזעהן אין דעם צענטער פון דעם דאָזיגען ריין־אַגריקולטורעלען ראיאָן. *

אין ברעטאַן, אין דער סביבה פון קעמפערלע, איז איבער די דערפער פערשפרייט א גרויסע צאָהל שעפער, וואו מען פאבריצירט די פילצענע היט וואָס די פויערים טראָגען; און א לאנדווירטשאַפט, וואָס פערבעסערט אַלץ מעהר איהרע מעטאָדען, געהט האנד אין האנד מיט אַט דער אינדוסטריע. וואוילשטאנד איז א כאראקטער־שטריך פון די דאָזיגע דערפער.** אין הענעבאָן (אויפ'ן דרום־ברעג פון ברעטאָן) זיינען 1,400 ארבייטער בעשעפטיגט אין א זעהר גרויסער פאבריק ביי דער פאבריקאציע פון בלעכענע קעסטעלעך פאר קאָנסערוועו; יעדען יאָהר ווערען פון צוויי און צוואנציג ביז דריי און צוואנציג טאָן אייזען פערוואנדעלט אין שטאָל, און דער־נאָך אין קעסטלעך, וועלכע ווערען אוועקגעשיקט קיין פאריז, באָרדאָ, נאַנט און אזוי ווייטער. אָבער די פאבריק האָט אין אַט דעם ריין־אגריקולטורעלען ראיאָן בעשאפען „א גאנצע וועלט מיט קליינע ווערקשעפער“: קליינע בלעך־וואַרג שעפער, גארבארניעס, טעפע־רייען און אזוי ווייטער; און די אָבפאלען ווערען איבערגעארבייט אין קליינע פאבריקלעך אויף מיסטען.

אגריקולטור געהט אויף דעם אופן דאָ האנד אין האנד מיט אינדוסטריע, אָבער ווי וויכטיג עס איז ניט איבערצורייסען די דאָזיגע פערבינדונג, קען מען אפשר אם בעסטען זעהן אין לודעאק, א קליין שטעדטעל אין צענטער פון ברעטאַניען (דעפארטאמענט קאָט־די־נאָר). פריהער זיינען די דערפער אין דער געגענד געווען אינדוסטריעלע, און אַלע געהעפטען זיינען געווען בעוואוינט מיט וועבער, וואָס פלעגען פאבריצירען די גוט־בעקאנטע ברעטאַניער לייוונט. איצטער, אז די דאָזיגע אינדוסטריע איז שטארק גע־פאלען, האָבען די וועבער זיך צוריקגעקעהרט צום באָדען. פון אן

---

* ארדועו דימאזע באנד 5, ז. 270.

** אַרדועו דימאַזע, באַנד 5, ז. 215.

אינדוסטריעלער שטאַרט איז לוהעאַק געוואָרען אַ לאַנדווירטשאַפט־ליכע מארק־שטאָדט.* ; און דאָס אינטערעסאַנטע דערביי איז, וואָס אָט די בעפעלקערונגען ערשאַבערען נייע שטיקער לאַנד פאַר דער אַגריקולטור און פערוואַנדלען די פריהער גאַנץ אונפּרוכטבאַרע לאַנד־שטיקער אין רייכע קאָרן־פעלדער. אין דער זעלביגער צייט ווערט איצט אַנגעפיהרט האַנדעלס־גערטנעריי אויפ'ן צפון־ברעג פון ברעטאַן, ארום דאָל, אויף ערד, וואָס מען האָט אָנגעהויבען אָב־שלאָגען ביים ים אין צוועלפטען יאָהרהונדערט, אין אַ זעהר גרויסען ערך פאַר'ן עקספּאָרט קיין ענגלאַנד.

בכלל, לעזענדיג מ. אַרדוען דימאַזע'ס קליינע בענדער, ווערט מען איבעראַשט בעמערקענדיג, ווי די הויז־אינדוסטריען געהען האַנד אין האַנד מיט פערשיידענערליי קליינע לאַנדווירטשאַפטליכע אינדוסטריען : גערטנעריי, עופות־ווירטשאַפט, פאַבריקאַציע פון פרוכט־קאָנסערווען און אַזוי ווייטער — און אויך ווי לייכט עס ווערען איינגעפיהרט אַלערליי אַסאָציאַציעס פאַר'ן פערקויף און עקספּאָרט. מאַן, ווי בעקאַנט, איז אַ גרויסער עקספּאָרט־צענטער, וואָס שיקט גאַנז און פערשיידענע אַנדערע עופות נאָך ענגלאַנד.

אַ טייל נאָרמאַנדיע (דהינו, די דעפּאַרטמענטען עיר און אָרן) איז אָנגעפּיקעוועט מיט קליינע ווערק־שעפּער, וואו מען פאַבריצירט אין די דערפער אַלערליי מעש־און אייזענוואַרג. געוויס איז די הויז־פאַבריקאַציע פון שפּילקעס כמעט אונטערגעגאַנגען, און וואָס געהערט נאָדלען, איז בלויז דאָס פּאָלירען, אין אַ זעהר פּרימיטיווער פאָרם, פערבליבען אין די דערפער. אָבער אַלערליי אייזענוואַרג, נעגעל און שלעסלעך א. ד. גל., ווערען פאַבריצירט אויף אַלערליי אופנים אין די דערפער בעזונדערס אַרום לעגל. קאָרסעטען נעהט מען אויך אין קליינע שעפּער און פּיעלע דערפער, ניט קוקענדיג אויף דער קאָנקורענץ פון דער געפענגניש־אַרבייט.**

מענשעבערע (צו מערב פון פלער) איז אַן אמת'ער צענטער פאַר פערשיידענע סאָרטען קליינע אייזערנע, פערלמוטערנע און האָרן־

---

* אַרדוען דימאַזע, ב. 5, זז. 266—259.

** איך האָב געגעבען געוויסע אויסקונפטען וועגען פראַנצויזישער געפענגניש־אַרבייט אין מיין בוך : „אין רוסישע און פראַנצויזישע געפענגנישען", לאָנדאָן, 1888.

ארטיקלען. די פויערים פאבריצירען אלערליי אייזענוואַרג און שלעסער אין דער צייט, וואָס זיי קאָנען אבשפּאָרען פון דער לאַנד־ארבייט. די דאָזיגע בעשיידענע פויערים־סקולפּטאָרען פּראָדוצירען אמת׳ע קונסטווערק פון האָרן, פּערלמוטער און אייזען, און אייניגע פון זיי זיינען אפילו שטאַרק בעוואונדערט געוואָרען אויף דער אויסשטעלונג פון 1889. ווייטער צו דרום צו ווערט די ארבייט פון פּאָלירען מארמאָר־זאַכען בעטריבען אין פיעלע שעפער, וואָס זיינען צושפּרייט אַרום סאָלעם און גרופּירט אַרום איין צענטראַלער אנשטאַלט, אין וועלכער די מאַרמאָר־שטיקער ווערען גראָב פּאָרמירט מיט דער הילף פון דאַמף־מאַשינען און ווערען פערענדיגט אין די קליינע דאָרף־שעפער. אין סאבלע געניסען די ארבייטער פון דער דאָזיגער בראַנזשע, וועלכע פערמאָגען אייגענע הייזער און גאָר־טענס, אן אמת׳ען וואוילשטאַנד, ווי עס האָט בעזונדערס בעמערקט אונזער רייזענדער. *

אין די וואַלד־ראַיאָנען פון פערש און מעין, געפינען מיר אלערליי האָלץ־אינדוסטריען, וועלכע קענען אויפגעהאלטען ווערען, ווי עס ווייזט אויס, נאָר א דאַנק דעם קהל׳שען בעזיץ פון די וועלדער. נעבען דעם פּערסעין וואַלד איז פאַראַן א קליין שטעד־טעל פּרעסנעי, וואָס איז אינגאַנצען בעזעצט פון האָלץ־ארבייטער.

„עס איז ניטאָ קיין איין הויז“, שרייבט ארדוען דימאַזע, „אין וועלכען מען זאָל ניט פּאַבריצירען קיין האָלץ־זאַכען. עטליכע יאָהר צוריק איז ניט געווען פיעל פערשיידענאַרטיגקייט אין זייערע פּראָ־דוקטען; מען האָט געמאַכט בלויז לעפעל, זאַלץ־מעסטלעך, פּאַס־טובער־קעסטלעך, וואָגען, פערשיידענע האָלצערנע שטיקלעך פאַר וועבער, פּלייטען און האָבאָען (אַזוינע פייפלעך), האָלצערנע מאָסען, לייקעס און האָלצערנע שיסלען. אָבער פּאַריז האָט געפאָדערט טויזענדער ארטיקלען, וואָס בעשטעהען פון האָלץ מיט אייזען צוזאַמען: מייז־פּאַנגער, קליידער־הענגער, איינגעמאַכטס־לעפעל, בעזימער... און איצט האָט כמעט יעדעס הויז א שאַפּ, אין וועלכען עס איז פאַראַן אָדער א דרעקסעל־באַנק, אָדער אייניגע מאַשין־געצייג פאַר האַקען האָלץ צו מאַכען שטאַכעטען־ארבייט, און אַזוי ווייטער... א גאַנץ נייע אינדוסטריע איז געבוירען געוואָרען, און

---

* אַרדוען דימאַזע, באַנד 2, ז. 51.

די העכסט צאצקעדיגע ארטיקלען ווערען איצטער פאבריצירט. א דאנק דער דאזיגער אינדוסטריע פיהלט זיך די בעפעלקערונג גליקליך. די פערדיענסטען זיינען ניט הויך, אבער יעדער ארבייטער פערמאגט זיך זיין הויז און גארטען, און טיילמאל א שטיקעל פעלד".*

אין נעיפשאטעל מאכט מען האלצערנע שיך, און די בעפעלקערונג, ווי מען דערצעהלט אונז, זעהט אויס צו זיין זעהר צופריעדען. ביי יעדען הויז איז פאראן א גארטען און מען זעהט דארט ניט דעם ארמוטה פון די גרויסע שטעדט. אין זשיפיל און אומגעגענד מאכט מען אנדערע סארטען האלצווארג: צאפען, פערשיידענע קעסטלעך, ווי אויך האלצערנע שיך, און אין דעם וואלד פון וויבריי זיינען אויפגעבויט געווארען צוויי ווערקשעפער, וואס גיבען ארויס שירמען־הענטלעך אין די מיליאנען פאר גאנץ פראנקרייך. אזוי ווי איינער פון די דאזיגע שעפער איז געגרינדעט געווארען פון אן ארבייטער א סקולפטאר, האט ער ערפונדען און איינגעפיהרט אין זיין שאפ די העכסט גייסטרייכע מאשין־געציייג. ארום 150 מענשען ארבייטען אין דער פאבריק; עס איז אבער קלאר, אז א האלב טוץ קלענערע שעפער, צושפרייט אין די דערפער, וואלטען געווען פונקט אזוי בעפרידיגענד.

איבערגעהענדיג איצט צו נאך אן אנדער ראיאן — ניעוור, אין דעם צענטער פון פראנקרייך און האט־מארן אין מזרח — געפינען מיר, אז ביידע ראיאנען זיינען גרויסע צענטערס פון פערשיידענע קליינע אינדוסטריען, וואס אייניגע פון זיי ווערען אויפגעהאלטען פון ארבייטער־אסאציאציעס, און אנדערע זיינען ענטשטאנען אין דעם שאטען פון די פאבריקען. די קליינע אייזען־שעפער, מיט וועלכע דאס לאנד איז פריהער בעדעקט געווען, זיינען ניט פערשוואונדען; זיי האבען געענדערט זייער פארם; און איצט איז דאס לאנד בעדעקט מיט קליינע ווערקשעפער, וואו מען מאכט לאנדווירטשאפטליכע מאשינעריע, בעמישע פראדוקטען און טעפ. „מען דארף געהן אזוי וויט ווי געריני און פורשאמבא, כדי צו געפינען די גרויס־אינדוסטריע".** צו דערזעלבער צייט בליהען

* דארטען גופא, באנד 1, זז. 305, 306.
** דימאזע, ב. 1, ז. 52.

פיעלע קליינע ווערק־שעפער, וואס פאבריצירען א געוויסען סארט אייזענוואארג, ביי דער זייט פון די גרויסע אינדוסטריעלע צענטרען, און טאקע א דאנק זייער נאהענטקייט.

טעפעריי שאפט די מזל־ברכה אין דעם טאל פון דעם טייך לואר, ארום נעווער. אין דער שטאדט ווערט געמאכט קונסט־ארבייט פון א הויכער קוואליטעט, בעת אין די דערפער פאבריצירט מען איינפאכע טעפעריי, וועלכע ווערט עקספארטירט דורך הענדלער, וואס פערקויפען עס ארומרייזענדיג אויף זייערע שיפלעך. אין זשיען איז לעצטענס געגרינדעט געווארען א גרויסע פאבריק פון פארצעלייענע קנעפ (געמאכט פון צומאלענעם פעלדשפאטה און צעמענטירט מיט מילך) און זי בעשעפטיגט 1,500 ארבייטער, וואס ארבייטען אוים פון 3,500 ביז 4,500 פונט קנעפ יעדען טאג. און, ווי געוועהנליך, ווערט א טייל פון דער ארבייט געמאכט אין די דערפער. אומעטום אין די דערפער, אויף א שטרעקע פון פיעלע מיילען, ביי די ברעגען פון דער לואר, נעהען אן אלטע לייט, פרויען און קינדער די קנעפ צו קארדאנקעס. נאטירליך ווערט אט דער סארט ארבייט זעהר שלעכט בעצאהלט; אבער מען טהוט עס דערפאר, ווייל אין דער אומגעגענד איז ניטא קיין אנדער אינדוסטריע, אויף וועלכע די פויערים זאלען קענען אבגעבען זייער פרייע צייט.

אין דעם זעלבען האט־מארן ראיאן, בעזונדערס אין דער געגענד ארום נאזשאן, געפינען מיר שנייד־געצייג־ארבייט אלס א נעבען־בעשעפטיגונג ביי דער אגריקולטור. דאס לאנד־אייגענטום איז זעהר שטארק צוטיילט אין יענעם טייל פראנקרייך, און פיעלע פויערים פערמאגען בלויז פון צוויי ביז דריי אקער לאנד פער פאמיליע, אדער אפילו נאך ווייניגער. אלס רעזולטאט דערפון זיינען ארום 5,000 מענשען און דרייסיג דערפער ארום נאזשאן פערנומען ביי שנייד־געצייג ארבייט, הויפטזעכליך פון דעם בעסטען סארט (ארטיסטישע מעסער ווערען טיילמאל פערקויפט פאר ניט ווייניגער ווי 20 פונט סט. א שטיק), בעת די פראסטערע סארטען ווערען פאבריצירט אין דער אומגעגענד פון טיער און פיוי־דע־דאם (אווערן). די נאזשאנער אינדוסטריע האט זיך ענטוויקעלט פון זיך אליין, אהן שום הילף פון דרויסען, און ווייזט ארוים אין איהר

טעכנישען טייל א בעדייטענדען פארטשריט.* אין טיער, וואו עס ווערען געמאכט די ביליגסטע סארטען שנייד־געצייג, האט א רייה אומשטענדען, ווי: די ארבייטס־צוטיילונג, די ביליגע רענטען פאר קליינע שעפער, וואס זיינען בעזארגט מיט בעוועג־קראפט פון דעם טייך דיוראל, אדער פון קליינע גאז־מאטארען, די הילף פון פער־שיידענע סארטען ספעציעל ערפונדענע מאשין־געצייג, און די עק־זיסטירענדע קאמבינאציע פון מאשין־ארבייט מיט האנד־ארבייט — דאס אלעס האט גורם געווען אזא פאלקאמענהייט פון דעם טעכ־נישען טייל פון דער אינדוסטריע, אז עס איז א גרויסער ספק, צי דער פאבריק־סיסטעם וואלט נאך ווייטער געקענט עקאנאמיזירען די ארבייט.** אויף א שטח פון צוועלף מייל ארום טיער אין יעדער ריכטונג זיינען אלע טייכלעך בעדעקט מיט קליינע ווערק־שעפער, וואו עס ארבייטען פויערים, וועלכע הערען דערביי ניט אויף צו קולטיווירען זייערע פעלדער.

קארב־מאכעריי איז אויך א וויכטיגע הויז־אינדוסטריע אין איינִיגע טיילען פון פראנקרייך, דהינו אין עין אין האט־מארן. אין אט דעם לעצטען דעפארטאמענט, אין דער שטאדט ווילעין, איז יעדער איינער א קארב־מאכער, „און אלע קארב־מאכער בעלאנגען צו א קאאפעראטיווער געזעלשאפט", ווי עס בעמערקט דערביי ארדוען דימאזע.*** „עס זיינען ניטא קיין בעלי־בתים; אלץ, וואס ווערט פראדוצירט, ווערט איין מאל אין 2 וואכען אוועקגעפיהרט אין די קאאפעראטיווע קראמען, וואו עס ווערט פערקויפט פאר דער געזעלשאפט. ארום 150 פאמיליעס בעלאנגען צו איהר, און יעדע פאמיליע פערמאגט א הויז און איינִיגע וויינגערטנער". אין פעי־ביא, וואס איז אויך אין האט־מארן, בעלאנגען 1,500 קארב־מאכער צו אן אסאציאציע; אין טיעראש אבער, וואו עטליכע טויזענד מענשען זיינען פערנומען ביי דער זעלבער מלאכה, איז קיין אסא־

---

* פראפ. איסאיעוו און די רוסישע „מעמוארען פון דער קאמיסיע פון די קליינע אינדוסטריען" (טרודי קוסטארנאי קאמיסיאי), באנד 5.

** מעסער ווערען פערקויפט צום פרייז פון 6 שילינג 4 פענס ביז 8 שילינג פער גראס, און ראזירמעסער צו 3 שילינג 3 פענס פער גראס — „פאר'ן עקספארט".

*** ארדוען דימאזע, ב. 1, ז. 213 און די פאלגענדע זייטען.

ציאציע ניט געגרינדעט געוואָרען און די פערדיענסטען זיינען דערי־בער אויסערגעוועהנליך נידעריג.

נאָך א זעהר וויכטיגער צענטער פון קליין־אינדוסטריע איז די פראנצויזישע יורא, אָדער דער פראנצויזישער טייל פון די יורא־בערג, וואו די זייגער־מאכעריי האָט, ווי בעקאנט, דערגרייכט א הויכע מדרגה פון ענטוויקלונג. ווען איך האָב בעזוכט די דאָזיגע דערפער צווישען דער שווייצערישער גרעניץ און בעזאנסאָן, אין יאָהר 1878, בין איך איבעררראשט געוואָרען פון דער הויכער שטופע פון א פערהעלטניסמעסיגען וואוילשטאנד, וואָס איך האָב דאָרט בעמערקט, הגם איך בין געוועזן גוט בעקאנט מיט די שווייצערישע דערפער אין וואל־דע־סען אימיער. עס איז זעהר וואהרשיינליך, אז די מאשין־געמאכטע זייגערס האָבען געבראכט מיט זיך א קריזיס אין דער פראנצויזישער זייגער־מאכעריי פונקט ווי אין דער שווייץ. עס איז אָבער בעקאנט, אז וועניגסטענס א טייל פון די שווייצערישע זייגער־מאכער האָבען ביטער געקעמפפט אנטקעגען דער נויטווענדיגקייט צו געהן אין די פאבריקען; און בעת אין זשענעווע זיינען ענטשטאנען זייגער־פאבריקען, האָבען פיעלע זייגער־מאכער זיך גענומען פאר פערשיידענע אנדערע מלאכות, וועלכע ווערען נאָך אלץ בעטריבען אלס הויזליכע אָדער קליינע־אינדוסטריען. איך דארף נאָך בלויז צוגעבען, אז פיעלע זייגער־מאכער אין דער פראנצויזישער יורא זיינען אין דערזעלביגער צייט געווען די אייגענטימער פון זייערע הייזער און גערטנער, זעהר אָפט אויך פון שטיקלעך פעלד, און בעזונדערס פון קהל'שע לאָנקעס, און אז די קהל'שע פרוכט־שפייכלער און די מילכינגסען פאר דעם געמיינשאפטליכען פערקויף פון פוטער און קעז זיינען שטארק פערשפרייט אין יענעם טייל פון פראנקרייך.

אויף וויפיעל איך האָב געקענט אויסגעפינען, האָט די ענטוויקלונג פון דער מאשין־געמאכטער זייגער־אינדוסטריע ניט פערניכטעט די קליינע אינדוסטריען פון די יורא־בערג. די זייגער־מאכער האָבען זיך גענומען פאר נייע בראנזשען און האָבען, ווי אין דער שווייץ, בעשאפען פערשיידענע נייע אינדוסטריען. פון ארדוען דימאזע'ס רייזען קען מען יעדענפאלס קריגען א בעגריף פון דעם איצטיגען צושטאנד פונ'ם דרום־טייל פון דעם דאָזיגען ראיאָן.

אין די אומגעגענדען פון נאַנטואַ און קליוז ווערען זייד־שטאָפען געוועבט כמעט אין אַלע דערפער וואו די פויערים גיבען דערויף אָב זייער פרייע צייט נאָך דעם ווי זיי זיינען פערטיג מיט דער ערד־אַרבייט; אין דער זעלביגער צייט זיינען פיעלע קליינע ווערקשעפער (די מעהרסטע בעזיצען וועניגער ווי 20 שטוהלען, איינער האָט 100 שטוהלען) צושפּריים איבער די קליינע דערפער, ביי די טייכלעך וואָס פליסען פון די בערג. צעהנדליגע קליינע זעגפאַבריקען זייגען אויך אויסגעבויט געוואָרען ביי׳ן טייכעל מערלאָ צו פאַבריצירען אַלערליי קליינע שעהנע האָלץ־זאַכען. אין אוואָננאַ, אַ קליין שטעדטעל אויפ׳ן טייך עז, האָבען מיר אַ גרויסען צענטער פון דער קאַמען־פאַבריקאַציע, אַן אינדוסטריע, וואָס איז איבער 200 יאָהר אַלט, און וואָס האָט, אַ דאַנק דער ערפינדונג פון צעלולאָיד, אָנגענומען אַ נייע ענטוויקלונגס־פאָרם זינט דער לעצטער מלחמה. ניט וועניגער ווי 100 אָדער 200 „בעלי־בתים" בעשעפטיגען פון צוויי ביז פופצעהן פועלים יעדערער, בעת איבער 1,200 פערזאָן אַרבייטען ביי זיך אין דער היים און מאַכען קאַמען פון אירלענדישען האָרן אָדער פראַנצויזישען צעלולאָיד. פריהער פלעגט מען אין די קליינע שעפער דינגען מעכאַנישע קראַפט, אָבער די לעצטע צייט האָט מען איינגעפיהרט עלעקטריציטעט, וואָס מען בעקומט פון אַ וואַסערפאַל, און די עלעקטרישע קראַפט ווערט איצט פערטיילט אין די הייזער, צו טרייבען קליינע מאָטאָרען פון איין פערטעל ביז 12 פערד־קראַפט. און עס איז מערקווירדיג צו זעהן, אַז אַזוי שנעל, ווי די עלעקטריציטעט האָט בעשאַפען די מעגליכקייט זיך אומצוקעהרען צו הויז־אַרבייט, האָבען 300 אַרבייטער גלייך פערלאָזען די קליינע ווערקשעפער און זיך גענומען אַרבייטען אין דער היים. די מעהרסטע פון אָט די אַרבייטער האָבען זייערע אייגענע הייזלעך און גערטנער, און זיי ווייזען אַרויס אַ זעהר אינטערעסאַנטען געפיהל פאַר אַסאָציאַציעס. זיי האָבען אויך אויסגעבויט פיער שעפער צו מאַכען טאָוועלנע קעסטלעך, און די פראָדוקטען פון די דאָזיגע שעפער ווערט געשאַצט אויף 2 מיליאָן פראַנק יעדען יאָהר. *

אין סט. קלאָד, וואָס איז אַ גרויסער צענטער פון האָלצערנע

---

* אַרדואין דימאַזע, באַנד 8, ז. 40.

ליולקעס, (מען פערקויפט זיי אין גרויסע מאסען אין לאנדאן, גע־צייכענט מיט ענגלישע „טרייד־מארקען“ און די פראנצויזען, וואס בעזוכען לאנדאן, קויפען זיי גערן פאר „סואווענירען“ פון „יענער זייט קאנאל“), בליהען איינע נעבען די אנדערע גרויסע און קליינע ווערק־שעפער, וואס קריגען זייער טרייב־קראפט פון דעם טייכעל טאקאן. איבער 4,000 מענער און פרויען זיינען בעשעפטיגט ביי אט דער מלאכה, און ארום איהם זיינען ענטשטאנען עטליכע נעבען־מלאכות (בורשטינענע און הארן מונדשטיקלעך, שיידלעך א. אז. וו.). א חוץ דעם זיינען צאהללאזע קליינע שעפער, אויף די ברעגען פון צוויי טייכען, בעשעפטיגט ביי דער פאבריקאציע פון אלערליי האלצערנע ארטיקלען: קעסטלעך פאר שוועבעלעך, האלצערנע קרעלען, ברילען־שיידלעך, קליינע זאכען פון הארן, און אזוי ווייטער, ניט צו רעדען וועגען א גאנץ גרויסער פאבריק (200 ארבייטער), וואו מעטרישע מאסען ווערען פאבריצירט פאר דער גאנצער וועלט. אין דער זעלביגער צייט זיינען טויזענדער מענשען אין סט. קלאר, אין די ארומיגע דערפער און אין די קלענסטע בערג־הויפלעך פערנומען ביים שניידען דימאנטען (אן אינדוסטריע, וואס איז בלויז פופצעהן יאהר אלט אין דעם ראיאן), בעת אנדערע טויזענדער זיינען בעשעפטיגט ביים שניידען פערשיידענע אנדערע וועניגער ווערטהפולע שטיינער. דאס אלץ ווערט געטאן אין גאנץ קליינע שעפער, וואס זיינען בעזארגט מיט וואסער־קראפט.*

דאס אייז־האקען פון איינציגע אזערעס, און קלייבען דעמב־קארע פאר די גארבארניעס פערענדיגט דאס בילד פון אט די ארבייטזאמע דערפער, וואו אינדוסטריע און אגריקולטור געהען צוזאמען, און וואו די מאדערנע מאשינעריע און איינריכטונגען דיענען אזוי גוט די קליינע ווערקשעפער.

פון דער אנדער זייט האט זיך אין בעזאנסאן, וואס איז געווען א גרויסער צענטער פון זייגער־מאכעריי אין יאהר 1878, ווען איך האב די שטאדט בעזוכט, „אין אלגעמיין גאר ניט געענדערט אין די געוואוינהייטען פון דעם ארבייטער־קלאס“, ווי מר. דימאזע

---

* אינטערעסאנטע איינצעלהייטען וועגען די קליינע אינדוסטריען פון אט דעם ראיאן קאן מען געפינען אין ש. גיועיס ארטיקלען אין „פאזיש ליבר“, 1902, נומערען 66 און 71.

האָט געשריבען אין 1901. די זייגער־מאַכער האָבען נאָך אַלץ גע־ארבייט ביי זיך אין דער היים אָדער אין קליינע ווערקשעפּער.* דער גאַנצער חילוק איז געווען, וואָס מען האָט שוין מעהר ניט פאַבריצירט דעם גאַנצען זייגער. פיעלע וויכטיגע טיילען — די רעדער א. אז. וו. — האָט מען אימפּאָרטירט פון דער שווייץ, אָדער פון אַנדערע שטערט אין פראַנקרייך גופא. און ווי עס איז שטענדיג דער פאַל, זיינען אין דער אומגעגענד ענטשטאַנען פיעלע קליינע נעבען־שעפּער, וואָס האָבען געמאַכט די זייגער־דעקלעך, די ווייזערס, און אַזוי ווייטער.

דאָסזעלבע מוז מען זאָגען וועגען מאַנטבעליאַר — נאָך אַ וויכטיגער צענטער פון דער זייגער־אינדוסטריע. נעבען די פאַב־ריקען, וואו עס ווערען געמאַכט דורך מאַשינעריע אַלע טיילען פון דעם זייגער־מעכאַניזם, געפינען זיך אַ סך שעפּער, וואו געניטע ארבייטער מאַכען איינצעלנע טיילען פון דעם זייגער; און די דאָזיגע אינדוסטריע האָט שוין געבוירען אַ נייע בראַנזשע — די פאַבריקאַציע פון פערשיידענע געצייג פאַר אָט די ווערקשעפּער, ווי אויך פאַר פערשיידענע אַנדערע מלאָכות.

אין אַנדערע טיילען פון דעם זעלביגען ראַיאָן, ווי למשל העריקור, זיינען פערשיידענע קליינע אינדוסטריען אויסגעוואַקסען ביי דער זייט פון די גרויסע אייזען־פאַבריקען. די שטאָדט שפּרייט זיך אויס אין די דערפער, וואו די בעפעלקערונג מאַכט קאַווע־מיהלכ־לעך, געווירצען־מיהלכלעך, מאַשינען צו מאָלען די קערנער אויף פוטער פאַר בהמות, ווי אויך זאָטלען, קליינע אייזען־ארבייט, אָדער אַפילו זייגערס. אַזוי ווי אין אַנדערע ערטער האָט די גרויסע פאַבריק מאָנאָפּאָליזירט די פאַבריקאַציע פון די פערשיידענע קליינע טיילען פון דעם זייגער, האָבען די קליינע ווערקשעפּער אָנגעפאַנגען אויסצוארבייטען די קליינע טיילען פון די וועלאָסיפּעדען און שפּע־טער פון די אויטאָמאָבילען. קורץ, מיר האָבען דאָ אַ גאַנצע וועלט אינדוסטריען, וואָס זיינען אויסגעוואַקסען די לעצטע צייט און אויך אַ וועלט ערפינדונגען, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרען צו פעראיינ־פאַכען די האַנד־ארבייט.

ענדליך, דורכלאָזענדיג אַ מאַסע קליינע מלאָכות, וועל איך

---

* אַרדוען דימאָזע, ב. 23, זז. 105, 106.

בלויז דערמאָנען די הוט־מאַכער פון לואַר, די שרייב־געצייג פון אַרדעש, די פאַבריקאַציע פון אייזנוואַרג אין דוב, די הענטשקע־מאַכער פון איזער, די בעזים־און בארשטען־מאַכער פון אואַז (גע־שאַצט אויף 800,000 פונט סט. פער יאָהר) און די הויזליכע מאַשין־שטריקעריי אין די אומגעגענדען פון טרואַיע. איך מוז אָבער זאָגען נאָך עטליכע ווערטער וועגען צוויי וויכטיגע צענטערס פון דער קליין־אינדוסטריע: דעם ליאָנער ראַיאָן און פּאַריז.

דער ראַיאָן, פון וועלכען ליאָן איז דער צענטער,* שליסט היינטיגע צייט איין די דעפּאַרטמענטען רהאָן, לואַר, דראָם, סאָאָן־ע־לואַר, ען, דעם דרום־טייל פון דעם יורא־דעפּאַרטאַמענט, און דעם מערב־טייל פון סאַוואָא, אַזוי ווייט ווי אַנעסי; בעת דער זייד־וואָרם ווערט געהאָדעוועט אַזוי ווייט ווי די אַלפּען, די סעווען־בערג און די אומגעגענדען פון מאַקאָן. אָט דער ראַיאָן ענטהאַלט אַ חוץ די פרוכטבאַרע פליינען אויך גרויסע בערגיגע שטרעקען, וואָס זיינען בדרך כלל אויך זעהר פרוכטבאַר, אָבער בעדעקט מיט שנעע אַ טייל ווינטער, און די דאָרפישע בעפעלקערונג איז דערפאַר געצוואונגען זיך צו פערנעהמען מיט עפּעס אַן אינדוסטריעלער בעשעפטיגונג אַלס צוגאָב צו דער ערד־אַרבייט; זיי געפינען אַזאַ בעשעפטיגונג אין וועבען זייד און אין פערשיידענע קליינע אינ־דוסטריען. בכלל קען מען זאָגען, אַז דער ליאָנער ראַיאָן טראָגט דעם כאַראַקטער פון אַ בעזונדערען צענטער פון דער פראַנצויזישער ציוויליזאַציאָן און קונסט, און אַז אַ מערקווירדיגער גייסט פון פאָר־שונג, ענטדעקונג און ערפינדונג האָט זיך דאָרט ענטוויקעלט אין אַלע ריכטונגען — סיי אין דער וויסענשאַפט, סיי אין דער אינ־דוסטריע.

די קרוא רוס געגענד אין ליאָן, דער הויפּט־קוואַרטאַל פון די זייד־וועבער, איז דער צענטער פון אָט דער אינדוסטריע, און אין יאָהר 1895 האָט דער דאָזיגער גאַנצער באַרג, וואָס איז געדיכט בעדעקט מיט הייזער פינף, זעקס, אַכט און צעהן שטאָק די הויך, געהילכט מיט דעם גערויש פון די וועב־שטוהלען, וואָס לויפען געשווינד אין יעדער אָבטיילונג פון דער דאָזיגער גרויסער מענשען־

* פאַר ווייטערע אייגצעלהייטען זעה אָנהאַנג ר,

מאַסע. לעצטענס האָט מען פאַר אָט דער הויז־אינדוסטריע איינ־געפיהרט עלעקטריציטעט, וואָס בעזאָרגט די שטוהלען מיט בעוועג־קראַפט.

אין דער שטאָדט וויען, דרום צו פון ליאָן, פערשווינדט די האַנד־וועבעריי. „שאָדדי" איז איצט דער הויפּט־פּראָדוקט, און פון די 120 „פאַבריקען", וואָס האָבען עקזיסטירט מיט 30 יאָהר צוריק זיינען איצט בלויז פערבליבען אכט און צוואַנציג פירמעס. אַלטע וואָלענע שמאַטעס, אַלטע טעפּיכער, און דער גאַנצער שטויב פון דעם קעמען און שפּינען אין די וואָל־און באַוועל־פאַבריקען פון צפון־פראַנקרייך ווערען דאָ, מיט אַ קליינער צוגאָב פון באַוועל, פערוואַנדעלט אין טוך, וואָס געהט פון וויען זיך פונאַנדער אין אַלע גרויסע שטעדט פון פראַנקרייך — 20,000 יארד „שאָדדי" יעדען טאָג — צו בעזאָרגען די פאַבריקען פון פאַרטיגע קליידער. עס איז קלאָר, אַז האַנד־וועבעריי האָט גאָרניט צו טהאָן ביי אַזאַ אינדוסטריע און פון די 4,000 האַנד־שטוהלען, וואָס זיינען געווען אין גאַנג אין יאָהר 1870, האָבען אין 1890 געאַרבייט בלויז 1,300. גרויסע פאַבריקען, וואָס בעשעפטיגען אַ סך הכל פון 1,800 אַרביי־טער, האָבען פערנומען דעם פּלאַץ פון די האַנד־וועבער און „שאָדדי" האָט פערנומען דעם פּלאַץ פון טוך. אין דער זעלביגער צייט פאַב־ריצירט מען אויך אַלערליי סאָרטען פלאַנעל, פּילץ־היט, פערד־האָר־געוועבען און אַזוי ווייטער. אָבער בעת די גרויסע פאַבריק האָט אויף אַזאַ אופן איינגענומען די שטאָדט וויען, זיינען איהרע פאָר־שטעדט און די נאָהענטסטע אומגעגענדען געוואָרען דער צענטער פון אַ בליהענדען גאָרטען־און פרוכט־ווירטשאַפט, וואָס זיינען שוין דערמאָנט געוואָרען אין קאַפּיטעל 4.

די ברעגען פון דעם רהאָן, צווישען אַמפּואי און קאָנדריעו, זיינען איינע פון די רייכסטע געגענדען אין פראַנקרייך, צוליעב די קוסטאַרניקעס, פּלאַנצען־הייזער, האַנדעלס־גערטנעריי, פרוכט־קול־טור, וויין־קולטור און די קעז־פּראָדוקטען פון ציגען־מילך. די הויז־אינדוסטריען געהען דאָרט האַנד אין האַנד מיט אַן אינטע־ליגענטער בעאַרבייטונג פון דעם באָדען. קאָנדריעו, למשל, איז אַ בעריהמטער צענטער פון העפט־אַרבייט, וואָס ווערט טיילווייז געמאַכט מיט דער האַנד, ווי פאַרצייטענס, און טיילווייז מיט דער מאַשין.

אין דער מערב־זייט פון ליאָן, אין אַרברעל, זיינען ענטשטאַנען

זייד־און סאמעט־פאבריקען; אָבער אַ גרויסער טייל פון דער בע־פעלקערונג וועבט נאָך אַלץ ביי זיך אין די הייזער; און נאָך ווייטער צו מערב צו געפינט זיך פאַניסיער, וואָס איז אַ צענטער פון אַ גאַנצער רייהע דערפער, אין וועלכע לייוועגט און זייד ווערען געוועבט אַלס אַ הויז־אינדוסטריע. ניט אַט די אַלע ארבייטער בעזיצען אייגענע הייזער, אָבער וועניגסטענס די, וואָס פערמאָגען אָדער דינגען אָב אַ קליין שטיקעל לאַנד אָדער גאָרטען, אָדער האַל־טען אַ פּאָר קיה, זיינען, לויט ווי מען זאָגט, אין אַ גוטען צושטאַנד, און בדרך כלל בעאַרביימען אָט די וועבער אויסגעצייכענט דאָס לאַנד.

דער וויכטיגסטער אינדוסטריעלער צענטער פון אָט דעם טייל פון ליאָנער ראיאָן איז געווים טאַראַר. בעת רעיבאָ האָט געשריבען זיין שוין־דערמאָנט ווערק „באוועל“, איז טאַראַר געווען דער צענטער פון דער מוסלין־מאַנופאַקטור, און זי האָט פערנומען אין דער דאָ־זיגער אינדוסטריע דעם זעלביגען פּלאַץ וואָס לידז האָט פריהער פערנומען אין דער וואָל־צייג אינדוסטריע אין ענגלאַנד. די שפּינערייען און די גרויסע פערענדיגונגס־פאַבריקען זיינען געווען אין טאַראַר, אָבער דאָס וועבען און דאָס אויסהעפטען פון די מוסלין־שטאָפען זיינען בעטריבען געוואָרען אין די אַרומיגע דערפער, בעזונדערס אין די בערגיגע געגענדען פון באָזשאָלע און פאָרע. יעדען פויער׳ס הויז, יעדע פאַרם און הויפעל זיינען דאמאָלסט געווען קליינע ווערקשעפער, און מען האָט געקענט זעהן, שרייבט רעיבאָ, ווי אַ יונג פון צוואַנציג יאָהר העפט אויס אַ פיינעם סאָרט מוסלין, נאָכדעם ווי ער האָט אויסגעריינינגט די פאַרם־שטאַלען, און די איידעלע אַרבייט האָט גאָר ניט געליטען פון דער קאָמבינאַציע פון אַזוינע צוויי פערשיידענע בעשעפטיגונגען. אין געגענטייל, די איידעלע אַרבייט און די אויסערגעוועהנליכע פערשיידענאַרטיגקייט פון די מוסטערען זיינען געווען אַ כאַראַקטעריסטישער שטריך פון די טאַראַרישע מוסלין־שטאָפען, ווי אויך אַן אורזאַך פון זייער ערפאָלג. אַלע האָבען איינגעשטימט אין דער מיינונג, אַז בעת די אַגריקולטור האָט געפונען אַ שטיצע אין דער אינדוסטריע, האָט די לאַנדווירטשאַפטליכע בעפעלקערונג געלעבט אין אַ פערהעלט־ניסמעסיגען וואוילשטאַנד.

ביי איצטיגער צייט איז אין דער אינדוסטריע פאָרגעקומען אַ

גרינדליכע ענדערונג, דאָך אַרבײַטען איצט אױך ניט װעניגער װי 60,000 פּערזאָן, װאָס שטעלען מיט זיך פאָר אַ בעפעלקערונג פון 250,000 נפשות אין די בערגיגע געגענדען פון אַראַר און װעבען אַלערלײ סאָרטען מוסלין פאַר אַלע טײלען פון דער װעלט און פערדיענען אױף דעם אופן 480,000 פונט סט. יעדען יאָהר.

ניט קוקענדיג אױף איהרע אײגענע פאַבריקען פון זײד־און דעקען, בלײַבט אַמפּלפּיו נאָך אַלץ אײנער פון די לאָקאַלע צענטרען פון די דאָזיגע מוסלין־שטאָפען; און ניט װײט פון דאָרט געפינט זיך טהיזי, װאָס איז אַ צענטער פון פערשײדענע סאָרטען אונטערשלאַק־שטאָפען, פלאַנעל, „פּערואַנער סערזש“, „אָקספאָרד“ און אַנדערע געמישטע װאָל־און־באַװעל שטאָפען, װאָס װערען געװעבט פון די פּױערים אין די בערג. ניט װעניגער װי 3,000 האַנד־שטולען זײַנען אױף אַזאַ אופן פערשפּרײט איבער צװײ און צװאַנציג דערפער, און פערשײדענע שטאָפען אין װערטה פון אַרום 600,000 פונט סט. װערען אױסגעװעבט פון די דאָרפישע װעבער יעדען יאָהר אין אַט דער געגענד אַלײן; אין דער זעלביגער צײַט געהען 15,000 קראַפט־שטוהלען אין טהיזי און אין דער גרױסער שטאָדט ראָאַן, און אין אַט די בײדע שטעדט װערען געװעבט פערשײדענע באַװעל־שטאָפען (אונטערשלאַק, פלאַנעל, פאַרטוך־צײג) און זײדענע דעקען אין די מיליאָנען יאַרדען.

אין קור זײַנען 1,600 אַרבײטער בעשעפטיגט בײַ מאַכען „דעקען“, דערהױפּט דעם ביליגסטען סאָרט (אפילו אַזױנע, װאָס װערען פערקױפט צו צװײ שילינג און אפילו צו 10 פּעניס אַ שטיק פאַר'ן עקספּאָרט אין בראַזיליע). אַלע מעגליכע שמאַטעס און אָבפאַלען פון אַלערלײ פאַבריקען (דזשוט, באַװעל, פלאַקס, פּאַקליע, װאָל און זײד) װערען געברױכט פאַר דער דאָזיגער אינדוסטריע, װאו די פאַבריק איז נאַטירליך פאָלקאָם זיעגרײך. אָבער אפילו אין ראָאַן, װאו די פאַבריקאַציע פון באַװעל־שטאָפען האָט דערגרײכט אַ הױכע מדרגה פון פאָלקאָמענהײט, און װאו עס אַרבײטען 9,000 קראַפט־שטוהלען, װאָס פּראָדוצירען יעדען יאָהר 30 מיליאָן יאַרד, — אפילו אין ראָאַן, זײַנען צו אונזער גרױסער פערװאונדערונג די הױז־אינדוסטריען נאָך ניט טױט, נאָר זײ ליפערען יעדען יאָהר די אַנשטענדיגע סומע פון מעהר װי 10 מיליאָן יאַרד פערשײדענע שטאָפען. אין דער זעלביגער צײַט האָט די שעהן־שטרי־

קערייַ אין דער אומגעגענד פון דער דאָזיגער גרויסער שטאָדט גע־קראָגען פאַר די לעצטע דרייסיג יאָהר אַ נייעם ענטוויקלונגס־שטוים. אין יאָהר 1864 זיינען דערבייַ געווען בעשעפטיגט בלויז 2,000 פרויען, אָבער מר. ארדוען דימאָזע האָט זייער צאָהל געשאצט ביז 20,000; און ניט אויפגעבענדיג זייער דאָרף־ארבייט געפינען אָט די פרויען צייט אויסצושטריקען מיט דער הילף פון קליינע שטריק־מאַשינען אַלערלייַ וואָלענע פאַנטאַזיע־ארטיקלען, וואָס זייער יעהר־ליכער בעטרעף דערגרייכט ביז 360,000 פונט סט.*

מען דאַרף פונדעסטוועגען ניט דענקען, אַז די טעקסטילען און אַנדערע פערוואַנדטע מלאכות זיינען די איינציגע קליינע אינ־דוסטריען פון אָט דער געגענד. צעהנדליגע פערשיידענע דאָרפישע אינדוסטריען עקזיסטירען נאָך אַ חוץ זיי, און די ארבייטס־מעטאָדען ווערען כמעט אין זיי אַלע כסדר פערבעסערט. אַזוי, למשל, ווען די דאָרפישע פאַבריקאַציע פון איינפאַכע שטולען האָט אויפגע־העדט צו זיין פּראָפיטאַבעל, האָט מען אין די דערפער אָנגעפאַנגען צו פאַבריצירען לוקסוס־ארטיקלען און מאָדע־שטולען. עהנליכע ענדערונגען געפינט מען אומעטום.

מעהר איינצעלהייטען וועגען אָט דעם אויסערגעוועהנליך־אינטערעסאַנטען ראַיאָן וועט מען געפינען אין דעם אַנהאַנג, דאָ אָבער מוז געמאַכט ווערען נאָך איין בעמערקונג. ניט קוקענדיג אויף די גרויסע אינדוסטריען און קויהל־מינען, וואָס געפינען זיך דאָרט, האַלט אָט דער טייל פון פראַנקרייך אינגאַנצען אָן זיין דאָרפישען אויסזעהן, און איז איצט איינער פון די בעסט־קולטי־ווירטע געגענדען אין לאַנד. וואָס עס פערדיענט די גרעסטע בע־וואונדערונג, איז ניט אַזויפיעל די ענטוויקלונג פון די גרויסע אינ־דוסטריען, וועלכע זיינען, נאָך אַלעמען, דאָ און אומעטום אין אַ גרויסען ערך אינטערנאַציאָנאַל אין זייער ענטשטעהונג — ווי די שעפערישע און ערפינדערישע קרעפטען און צופאַסונגס־פעהיגקייטען, וואָס די גרויסע מאַסע פון דער דאָזיגער אינדוסטריעלער בעפעלקערונג צייגט ארוים. אויף יעדען שריט אין פעלד, אין גאָרטען, אין סאָד, אין דער מילך־ווירטשאַפט, אין די אינדוסט־ריעלע בעטריעבען, אין די הונדערטע קליינע ערפינדונגען אין אָט

---

* ארדוען דימאָזע, באַנד 8, ז. 266.

די בעטריעבען, — אומעטום זעהט מען דעם שעפערישען גייסט פון די לייט. אין די ראַיאָנען קען מען אַם בעסטען פערשטעהן פארוואָס פראַנקרייך, רעכענענדיג די מאַסע פון איהר בעפעלקערונג, ווערט בעטראַכט אַלס דאָס רייכסטע לאַנד אין אייראָפּאַ.*

דער הויפּט־צענטער פון די קליינע מלאָכות אין פראַנקרייך, איז פונדעסטוועגען פּאַריז. דאָרט געפינען מיר ביי דער זייט פון די גרויסע פאַבריקען די גרעסטע פערשיידענאַרטיגקייט פון קליינע מלאָכות, וואָס פאַבריצירען כל המינים סחורות, סיי פאַר דעם היימישען מאַרק, סיי פאַר'ן עקספּאָרט. די קליינע מלאָכות איבער־שטייגען אויף אַזוי פיעל די פאַבריקען אין פּאַריז, אַז די דורכ־שניטליכע צאָהל פון אַרבייטער אין די 98,000 פאַבריקען און שעפּער אין פּאַריז איז ווייניגער ווי זעקס, בעת די צאָהל פּער־זאָנען, וואָס זיינען בעשעפטיגט אין שעפּער, וואו עס אַרבייטען ווייניגער ווי פינף פּועלים, איז כמעט צוויי מאָל אַזוי גרויס, ווי די צאָהל פּערזאָנען, וואָס זיינען בעשעפטיגט אין די גרעסערע אַנשטאַלטען.** פּאַריז איז באמת אַ גרויסער ביהנשטאָק, וואו הונדערטער טויזענדער מענער און פרויען פאַבריצירען אין קליינע שעפּער אַלערליי מעגליכע סאָרטען סחורות, וועלכע פאָדערען קענסט־שאַפט, געשמאַק און ערפינדונג. אָט די קליינע ווערקשעפּער, וועלכע מען לויבט אַזוי פיעל פאַר זייער אַרטיסטישען אָבענדיגען אַ זאַך און פאַר דער שנעלקייט פון דער אַרבייט, מוזען נויטווענ־דיגערווייז סטימולירען די גייסטיגע קרעפטען פון די פּראָדוצירער; און מיר קענען גאָר זיכער צוגעבען, אַז אויב די פּאַריזער אַרבייטער

---

* איניגע ווייטערע דעטאַלען וועגען דעם ליאָנער ראַיאָן און סט. עטיען ווערען געגעבען אין אַנהאַנג ר.

** אין 1873 האָבען פון דער גאַנצער בעפעלקערונג פון 1,851,800, וואָס האָבען בעוואוינט פּאַריז, 816,040 געלעבט פון אינדוסטריע, און פון זיי זיינען בלויז 293,691 געווען פערבונדען מיט די פאַבריקען (גרויס אינדוסטריע), בעת 522,349 האָבען געלעבט פון די קליינע מלאָכות (קליין אינדוסטריע). מאַקסים די קאַן „פּאַריז און זיינע אָר־גאַנען“, ב. 6. עס איז אינטערעסאַנט צו בעמערקען, אַז די לעצטע צייט האָבען זיך די קליינע שעפּער, וואו ס'ווערט געמאַכט די פיינסטע מעטאַל און האָלץ־אַרבייט א. אַז. וו. אָנגעפאַנגען צו פערשפּרייטען אַרום פּאַריז,

ווערען אַלגעמיין בעטראַכט אַלס מעהר ענטוויקעלט, און דאָס זיינען זיי טאַקע, איידער די אַרבייטער פון יעדער אַנדער אייראָפּעאישער הויפּטשטאָדט, נעהמט זיך דאָס אין אַ גרויסער מאָס פון דעם כאַראַקטער פון דער אַרבייט, ביי וועלכער זיי זיינען בעשעפטיגט. דאָס איז אַן אַרבייט, וואָס פאָדערט אַרטיסטישען געשמאַק, קענטשאַפט, און בעזונדערס ערפינדערישקייט; וואו מען מוז שטענדיג זיין אויף דער וואַך, כדי צוצוטראַכטען נייע מוסטערן, און כסדר צו פערגרעסערען און פערפאָלקאָמענען די טעכנישע מעטאָדען פון דער פּראָדוקציאָן. עס שיינט אויך צו זיין גאַנץ מעגליך, אַז אויב מיר געפינען אַ הויך־ענטוויקעלטע אַרבייטער־בעפעלקערונג אין וויען און אין וואַרשוי, הענגט דאָס אויך אָב אין אַ גרויסער מאָס פון דער זעהר בעדייטענדער ענטוויקלונג פון עהנליכע קליינע אינדוסטריען, וועלכע סטימולירען די ערפינדערישקייט און טראָגען אַזויפיעל ביי צו דער ענטוויקלונג פון דעם אַרבייטער'ס אינטעליגענץ.

די „גאַלעריע דער אַרבייט" אין די פּאַריזער אויסשטעלונגען שטעלט מיט זיך שטענדיג פאָר אַ זעהר מערקווירדיג בילד. מען קען דאָרט אָבשאַצען אי די פערשיידענאַרטיגקייט פון די קליינע אינדוסטריען, וואָס ווערען בעטריבען אין די פראַנצויזישע שטעדט, אי די געשיקטקייט און ערפינדונגס־פעהיגקייטען פון די אַרבייטער. און עס ענטשטעהט נויטיגערוויז די פראַגע: מוז אָט די גאַנצע געשיקטקייט, אָט די גאַנצע אינטעליגענץ אַוועקגעראַמט ווערען דורך דער פאַבריק, אַנשטאָט צו ווערען, אונטער אַ בעסערער אָרגאַניזאַציע פון דער פּראָדוקציאָן, אַ נייער פרוכטבאַרער קוואַל פון פּראָגרעס? מוז אָט די גאַנצע אונאָבהענגיגקייט און ערפינדערישקייט פון דעם אַרבייטער פערשווינדען צוליעב דער אַלץ־אויסגלייכענדער פאַבריק? און אויב דאָס מוז אַזוי זיין, וואָלט אַזאַ אומבייט געווען אַ פּראָגרעס, ווי עס זיינען גרייט אָנצונעהמען אַזוי פיעל עקאָנאָמיסטען, וועלכע האָבען בלויז געשטודירט ציפער אָבער ניט קיין מענשליכע וועזענס?

יעדענפאַלס איז עס גאַנץ זיכער, אַז אויב אפילו די גרויסע פאַבריקען וואָלטען געקענט פערשלינגען די פראַנצויזישע קליינע מלאכות — וואָס שיינט צו זיין זעהר צווייפעלהאַפט — וואָלטען זיי עס אָבער ניט געקענט דורכפיהרען אַזוי שנעל. די פּאַריזער קליין־אינדוסטריע קעמפפט שווער פאַר איהר דערהאַלטונג, און זי

ווייזט ארויס איהר לעבענס־פעהיגקייט דורך די צאָהללאָזע מאַשין־געצייג, וואָס די ארבייטער האַלטען אין איין ערפינדען, כדי צו פער־בעסערען און ביליגער מאַכען דעם פּראָדוקט.

די צאָהל מאָטאָרען, וואָס זיינען אויסגעשטעלט געוואָרען אין דער „גאַלעריע דער אַרבייט" אויף די לעצטע אויסשטעלונגען, איז אַ בעוויז, אַז איינס פון די וויכטיגסטע פּראָבלעמען פון טאָג, איז אַ ביליגער מאָטאָר פאַר דער קליין־אינדוסטריע. מאָטאָרען, וואָס וועגען בלויז פינף און פערציג פונט, שוין צוזאַמען מיט'ן קעסעל, זיינען אויסגעשטעלט געוואָרען אין יאָהר 1889, צו פערענטפערען אָט די פאָדערונג. קליינע צוויי פערד־קראַפט מאַשינען, פאַבריצירט פון די יורא־אינזשענירען (געוועזענע זייגערמאַכער) אין זייער־ע קליינע שעפּער, איז אין יענער צייט געווען נאָך אַ פערזוך צו לעזען דעם פּראָבלעם — שוין ניט צו רעדען וועגען די וואַסער־, גאַז־ און עלעקטרישע־מאָטאָרען.* די אונטערנעהמונג איבערצוגעבען דאַמף־קראַפט צו 230 קליינע שעפּער, פון דער „סאָציעטע דע ס'אימעיבל אינדוסטריעל" איז געווען נאָך אַ פערזוך אין דערזעלביגער ריכטונג. און די אַלע־גרעסערע אָנשטרענגונגען פון די פראַנצויזישע אינזשע־נערען אויסצוגעפינען די בעסטע מיטלען איבערצופיהרען און פונ־אַנדערצוטיילען מעכאַנישע קראַפט מיט דער הילף פון צונויפגע־דריקטער לופט, „טעלע־דינאַמישע קאַבעלען", און עלעקטריציטעט, בעווייזען די בעמיהונגען פון דער קליינער אינדוסטריע אָנצוהאַל־טען איהר פּאָזיציע אַנטקעגען דער קאָנקורענץ פון די פאַבריקען. (זעה אַנהאַנג ש.)

אָט אַזעלכע זיינען די קליינע אינדוסטריען אין פראַנקרייך, ווי זיי זיינען בעשריבען געוואָרען פון בעאָבאַכטער, וועלכע האָבען זיי געזעהן אויפ'ן אָרט. עס איז פונדעסטוועגען העכסט אינטערעסאַנט

* יעדער איינער ווייס וואָס פאַר אַ גרויסער פּאָרטשריט עס איז זינט דאַן געמאַכט געוואָרען אַ דאַנק די מאָטאָרען, וואָס ווערען בענוצט אין די אויטאָמאָבילען און אַעראָפּלאַנען, און וואָס מען עררייכט איצט דורך דער איבערפיהרונג פון עלעקטרישער קראַפט. אָבער איך לאָז איבער אָט די שורות, ווי זיי זיינען דאַן געשריבען געוואָרען, אַלס אַן עדות צו בעוויי־זען, ווי אַזוי די בעוועגונג פון דער לופט האָט זיך אָנגעפאַנגען, און וואָס פאַר אַ ראָלע די פראַנצויזישע קליין־אינדוסטריע האָט דערביי געשפּיעלט.

צו האבען פינקטליכע סטאטיסטישע דאטען מכח דער פערשפרייטונג פון די קליינע אינדוסטריען, ווי אויך צו וויסען וואס פאר א בעדייטונג זיי האבען אין פערגלייך מיט דער גרויס־אינדוסטריע. צום גליק איז אין 1896 געמאכט געווארען אן אלגעמיינער צענזוס בנוגע די פראנצויזישע אינדוסטריען. די רעזולטאטען זיינען פאלשטענדיג פערעפענטליכט געווארען אונטער'ן נאמען: „סטאטיסטישע רעזולטאטען פון דעם צענזוס פון די אינדוסטריען און פראפעסיאנען", און מיר געפינען אין דעם דיקען באנד פון אט דעם גרויסען ווערק אן אויסגעצייכענטע רעזומע פון די הויפט־רעזולטאטען פון דעם צענזוס, געשריבען פון מר. לוסיען מארש. איך גיב א רעזומע פון אט די רעזולטאטען אין דעם אנהאנג, ווארים זאנסט, רעדענדיג וועגען דער פערשפרייטונג פון קליינע און גרויסע אינדוסטריען אין פראנקרייך, וואלט איך געוועזן געצוואונגען איבערצו'חזר'ן זעהר א סך פון דעם, וואס איך האב שוין געזאגט אין דעמזעלביגען קאפיטעל, בעת איך האב גערעדט וועגען ענגלאנד. עס איז פאראן אזוי פיעל געמיינזאמעס צווישעןביידע לענדער בנוגע דער פערטיילונג פון קליינע און גרויסע פאבריקען פון פערשיידענע אינדוסטריע־צווייגען, אז דאס וואלט בלויז געוועזן א לאנגווייליגע ווידערהאלונג. דערפאר גיב איך דא בלויז די הויפט־פונקטען און שיק אב דעם לעזער צו דעם אנהאנג ת.

די אלגעמיינע פערטיילונג פון דער ארבייטער־בעפעלקערונג אין גרויסע, מיטעלע און קליינע פאבריקען איז אין דעם יאהר 1896 געוועזן ווי פאלגט: קודם כל קומט די גרויסע אבטיילונג פון אונאבהענגיגע בעלי־מלאכות, וואס האבען געארבייט גאנץ אליין, ווי אויך ארבייטס־מענער און ארבייטס־פרויען, וואס האבען ניט געהאט קיין בעשטענדיגע בעשעפטיגונג אין דעם טאג פון דעם צענזוס. א טייל פון אט דער גרויסער אבטיילונג געהערט צו אגריקולטור; אבער נאכדעם ווי די אגריקולטור־אנשטאלטען זיינען ארונטערגערעכענט געווארען, האט מר. מארש בעקומען די צאהל 483,000 אנשטאלטען, וואס געהערען צו אט דער קאטעגאריע פון אינדוסטריע, און 1,047,000 פערזאן פון ביידע געשלעכטער, וואס ארבייטען אין די דאזיגע אנשטאלטען, אדער וואס זיינען צייטווייליג פערבונדען מיט א וועלכער עס איז אינדוסטריעלער אנשטאלט. צו דער דאזיגער צאהל מוזען מיר נאך צוגעבען 37,705

אינדוסטריעלע אַנשטאַלטען, וואו עס ווערען ניט בעשעפטיגט קיין געדונגענע פּועלים, נאָר דער בעל הבית פון דער אַנשטאַלט אַרבייט מיט דער הילף פון די מיטגליעדער פון זיין פאַמיליע. מיר האָבען אויף אַזאַ אופן אין אָט די צוויי אָבטיילונגען אַרום 520,700 אַנשטאַל־טען און 1,084,700 אַרבייטסלייט, וועלכע איך בעצייכען אין דער פאָלגענדער טאַבעלע מיט דעם נאָמען: „ניט קיין געדונגענע פּועלים". די טאַבעלע קומט אויס ווי פאָלגט:

	צאָהל אַנשטאַלטען	צאָהל פּועלים און אָנגעשטעלטע
ניט קיין געדונגענע פּועלים	520,700	1,084,700
פון 1 ביז 10 אַרבייטער	539,449	1,134,700
פון 11 ביז 50 אַרבייטער	28,626	585,000
פון 51 ביז 100 אַרבייטער	3,865	268,000
פון 101 ביז 500 אַרבייטער	3,145	616,000
פון 501 ביז 1000 אַרבייטער	295	195,000
מעהר ווי 1000 אַרבייטער	149	313,000
	575,529	3,111,700
סך הכל (צוזאַמען מיט דער ערשטער אָבטיילונג)	1,096,229	4,196,400

די דאָזיגע ציפער רעדען פאַר זיך אַליין, און ווייזען וואָס פאַר אַן אונגעהייערע בעדייטונג די קליינע אינדוסטריען האָבען אין פראַנקרייך. מעהר איינצעלהייטען, וואָס ווייזען די פונאַנדער־טיילונג פון דער גרויסער, מיטעלער און קליינער אינדוסטריע לויט די פערשיידענע בראַנזשען, וועט מען געפינען אין דעם אָנהאַנג. דאָרט וועט אויך דער לעזער זיך איבערצייגען, וואָס פאַר אַ מערק־ווירדיגע עהנליכקייט עס איז אין אָט דער הינזיכט פאַראַן צווישען דער אינדוסטריע אין פראַנקרייך און דער אינדוסטריע אין דער פעראייניגטער ענגלישער מלוכה. אין דעם נעקסטען קאַפּיטעל וועט מען זעהן פון אַן עהנליכען צענזוס, אַז דייטשלאַנד געפינט זיך אין אַבסאָלוט דערזעלביגער לאַגע.

עס וואָלט געווען זעהר אינטערעסאנט צו פערגלייכען די איצטיגע פונאנדערטיילונג פון די אינדוסטריען אין פראנקרייך מיט דער פריהערדיגער. אָבער מר. לוסיען מארש דערצעהלט אונז, אז „קיין שום סטאַטיסטיק פון פריהער איידער דעם יאָהר 1896 גיט אונז ניט קיין ידיעה מכח דער דאָזיגער פונאנדערטיילונג“. דאָך האָט מר. מאַרש בעאַרבייט אַן אונטערזוכונג, וואָס איז געמאַכט געוואָרען צווישען 1840 און 1845, און וועלכע ער אַליין האלט פאַר „זעהר פאַלשטענדיג בנוגע די וויכטיגערע אַנשטאַלטען, וואָס האָבען בעשעפטיגט מעהר ווי 50 אַרבייטער“, און ער האָט געפונען, אַז אַזוינע אַנשטאַלטען זיינען אין 1840 געווען 3,300; אין 1896 האָבען זיי שוין דערגרייכט די צאָהל 7,400 און זיי האָבען אַרומגענומען מעהר ווי פינף און פופציג פראָצענט פון אַלע אַרבייטער, וואָס זיינען געווען בעשעפטיגט אין אינדוסטריע. וואָס איז שייך די אַנשטאַלטען, וועלכע האָבען בעשעפטיגט מעהר פון 500 פערזאָן, און וואָס האָבען אויסגעמאַכט 133 אין יאָהר 1840 (זעקס פראָצענט פון אַלע אַרבייטער) האָבען זיי אין 1896 דערגרייכט די צאָהל 4,444, און 16 פראָצענט פון אַלע אַרבייטער זיינען בעשעפטיגט געווען אין זיי.

דער שלוס, וואָס מען דאַרף ציהען פון אָט די פאַקטען, ווערט אַזוי אויסגעדריקט פון מר. מאַרש: בסך הכל איז פאַר די לעצטע פופציג יאָהר פאָרגעקומען צווישען די גרויסע אַנשטאַלטען אַ בעדייטענדע קאָנצענטראַציע פון די פאַבריקען; אָבער די נאָר־וואָס דערמאָנטע רעזולטאַטען, וואָס שטיצען זיך אויך אויף דער סטאַטיסטיק פון די פאַטענטען, ערלויבען אונז צו אַנערקענען, אַז **די דאָזיגע קאָנצענטראַציע שטערט ניט דער עקזיסטענץ פון אַ מאַסע קליינע אונטערנעהמונגען, וואָס זייער דורכשניטליכע מאָס פערגרעסערט זיך לאַנגזאַם.**“ דאָס אייגענע האָבען מיר אויך פאַקטיש נאָר וואָס געזעהן פון אונזער קורצער שילדערונג בנוגע צו ענגלאַנד, און וויבאַלד אַז דאָס זיינען די פאַקטען, קענען מיר זיך פשוט פרעגען, צי איז דאָס וואָרט „קאָנצענטראַציע“ דער ריכטיגער אויסדרוק? אין דער אמת'ן זעהען מיר בלויז, אַז אין **איינינגע אינדוסטריע־צווייגען** ענשטעהט אַ געוויסע צאָהל גרויסע אַנשטאַלטען, און בעזונדערס מיטעלמעסיגע פאַבריקען. אָבער דאָס שטערט ניט אין דאָס מינדסטע, אַז זעהר

גרויסע צאָהלען קליינע פאַבריקען זאָלען בלייבען עקזיסטירען ענט־וועדער אין אַנדערע צווייגען אדער אויך אין דיזעלביגע צווייגען, וואו די גרויסע פאַבריקען זיינען ערשיענען (טעקסטילען, מעטאַל־אַרבייטען), אָדער ביי אַזוינע בראַנזשען, וואָס זיינען פערבונדען מיט די הויפּט־צווייגען פון דער אינדוסטריע, און וואָס זיינען ענט־שטאַנען אַ דאַנק אָט די הויפּט־צווייגען, אַ שטייגער ווי די קליידונג־אינדוסטריע איז ענטשטאַנען אַ דאַנק דער טעקסטיל־אינדוסטריע.

דאָס איז דער איינציגער שלום, וואָס אַן ערנסטער אַנאַליז ערלויבט אונז צו ציהען פון די פאַקטען, וועלכע דער צענזוס פון 1896 און די שפּעטערדיגע בעאָבאַכטונגען האָבען אַרויסגעבראַכט. וואָס איז שייך די גרויסע אויספיהרען מכח דער „קאָנצענטראַציע“ וואָס געוויסע עקאָנאָמיסטען מאַכען, זיינען דאָס בלויז ה י פּ אָ ט ע ז ע ן, וואָס זיינען נאַטירליך ניצליך כדי צו סטימולירען ווייטערדיגע פאָרשונגען, אָבער זיי ווערען גאַנץ שעדליך, ווען זיי ווערען פאָרגע־שטעלט אַלס ע ק אָ נ אָ מ י ש ע ג ע ז ע צ ע ן, בעת אין דער ווירקליכקייט ווערען זיי דורך די בעווייזען פון פאָרזיכטיג־בעאָב־אַכטעטע פאַקטען לחלוטין ניט בעשטעטיגט.

קאפיטעל VII

קליינע אינדוסטריען און אינדוסטריעלע דערפער.

(פארטגעזעצט.)

קליינע מלאכות אין דייטשלאנד: דיסקוסיאנען איבער דעם געגענשטאנד און די שלוסען, צו וועלכע מען איז געקומען. — רעזולטאטען פון דעם צענזוס, וואס איז געמאכט געווארען אין 1882, 1895 און 1907. — קליינע מלאכות אין רוסלאנד. — שלוסען.

די פערשיידענע אינדוסטריען, וואס האלטען נאך אלץ אן דעם כאראקטער פון קליינע און הויז-מלאכות אין דייטשלאנד, זיינען געווען א געגענשטאנד פאר פיעלע גרינדליכע אויספארשונגען, דערהויפט דורך א. מ. טון און פראפ. איסאיעוו פאר דער רוסישער קאמיסיע פון קליינע אינדוסטריען, ווי אויך דורך עמאנועל האנס זאקס, פאול וואיגט און זעהר פיעלע אנדערע. ביי דער איצטיגער צייט האט שוין אט דער געגענשטאנד א רייכע ליטעראטור, און אזוינע איינדרוקספאלע און געדאנקענרייכע בילדער זיינען געמאלען געווארען פון לעבען בנוגע די פערשיידענע ראיאנען און אינדוסטריען, אז מיר האט זיך זעהר געוואלט געבען א רעזומע פון די אלע לעבענס-טרייע שילדערונגען. אזוי ווי אבער אין אזא רעזומע וואלט איך געמוזט ווידערהאלען א סך פון דאס וואס איז שוין געזאגט געווארען אין דעם פריהערדיגען קאפיטעל, רעכען איך אז עס וועט מסתמא דעם אלגעמיינעם לעזער מעהר אינטערעסירען געוואהר צו ווערען עפעס וועגען די שלוסען, וואס מען קען ציהען פון די ווערק פון די דייטשע פארשער,* ווי אויך צו וויסען די שלוסען, וואס מען קען ציהען פון די דריי אינדוסטריע-צענזוסען, וועלכע זיינען

---

* די בעמערקונגען פון פראפ. איסאיעוו — א גרינדליכער פארשער פון דער קליין-אינדוסטריע אין רוסלאנד, דייטשלאנד און פראנקרייך — (זעה „ארבייטען פון דער קאמיסיע פאר דער אויספארשונג פון די קליינע מלאכות אין רוסלאנד" (אין רוסיש), סט. פעטערבורג, 1887-1879, באנד 1) זיינען פאר מיר געווען א וויכטיגער אנווייזער ווען איך האב צוגעגרייט די ערשטע אויסגאבען פון אט דעם בוך. זינט יענער צייט האבען צוויי צענזוסען פון 1895 און 1907 געבראכט אזא וויכטיגען

געמאַכט געוואָרען אין דייטשלאַנד אין די יאָהרען 1882, 1895 און 1907. אַט דאָס וועל איך איצטער נעהמען טהאָן.

ליידער האָט די דיסקוסיאָן איבער אַט דעם וויכטיגען געגענשטאַנד אָפט אָנגענומען אין דייטשלאַנד אַ ליידענשאַפטליכען און אפילו אַ פּערזענליכען כאַראַקטער.* פון איין זייט האָבען די אולטראַ־קאָנסערוואַטיווע עלעמענטען פון דייטשלאַנד זיך געסטאַרעט, און ביז אַ געוויסער מאָס איז זיי אויך געלונגען, אויסצונוצען די קליינע מלאכות און הויז־אינדוסטריען אַלס אַ וואָפען צו פועל'ן אַ צוריקקעהר צו „די אַלטע גוטע צייטען". זיי האָבען אפילו דורכגעפיהרט אַ געזעץ, וואָס האָט געהאַט פאַר זיין צוועק צוצוג־ייטען אַ נייעם איינפיהר פון אַלטפרענקישע, געשלאָסענע און פּאַטריאַרכאַלע קאָרפּאָראַציעס, וועלכע זאָלען קענען שטעהן אונטער דער נאָהענטער אויפזיכט און אפּוטרופּסות פון דעם שטאַאַט; און זיי האָבען געזעהן אין אַזאַ געזעץ אַ כלי־זין אַנטקעגען דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע. פון דער אַנדערער זייט קומען די סאָציאַלדעמאָקראַטען, וועלכע זיינען מיט רעכט געגען אַזעלכע מאָסרעגלען, אָבער זיינען אַליין גענייגט אויפצופאַסען עקאָנאָמישע פראַגען צו־אַבסטראַקט, און אַטאַקירען ביטער אַלעמען, וועלכע חזר'ן נאָך ניט איבער די סטערעאָטיפּישע פראַזען מכח דעם, אַז „די קליינע מלאכות האַלטען ביים אונטערגאַנג", און אַז „וואָס גיכער זיי וועלען פערשווינדען אַלץ בעסער", מחמת זייער פּלאַץ וועט פערנעהמען די קאַפּיטאַליסטישע צענטראַליזאַציע, וואָס וועט, לויט דעם סאָציאַלדעמאָקראַטישען אני־מאמין, „גיך דערגרייכען איהר אייגענעם אונטערגאַנג". אין דער דאָזיגער שנאה צו די קליינע אינדוסטריען זיינען זיי נאַטירליך איינשטימיג מיט די עקאָנאָמיסטען פון דער אָרטאָדאָקסישער שולע, וועמען זיי בעקעמפפען כמעט אויף אַלע אַנדערע פּונקטען.**

מאַטעריאַל, אַז עס איז איצט פאַראַן אַ גרויסע צאָהל דייטשע ווערק, וואָס זיינען געקומען צו דיזעלבע שלוסען. איך וועל זיי דערמאָנען שפּעטער.

* זעה ק. ביוכער'ס הקדמה צו די „אונטערזוכונגען איבער די לאַגע דעם האַנדווערקס אין דייטשלאַנד", באַנד 4.

** דער יסוד פון אַט דעם „אני־מאמין" געפינט זיך אין איינעם פון די שלוס־קאַפּיטלען פון קאַרל מאַרקס' „קאַפּיטאַל" (דאָס פאַר־לעצטע

ביי אזוינע אומשטענדען איז קלאָר, אַז די פּאָלעמיק מכח די קליינע מלאכות און די הויז־אינדוסטריען מוז זיין אַ העכסט אונ־

קאַפּיטעל), אין וועלכען דער פּערפאָסער רעדט וועגען דער קאָנצענטראַציע פון קאַפּיטאַל און זעהט דערין „דעם פאַטאַליזם פון אַ נאַטור־געזעץ“. אין די פערציגער יאָהרען איז אָט די אידעע פון דער „קאָנצענטראַציע פון קאַפּיטאַל“, וואָס איז ענטשטאַנען אַ דאַנק די פּאַסירונגען אין די טעקסטיל־אינדוסטריען, כסדר איבערגע'חזר'ט געוואָרען; אין די שריפ־טען פון אַלע פראַנצויזישע סאָציאַליסטען, בעזונדערס ביי קאָנסידעראַן, ווי אויך אין די שריפטען פון זייערע דייטשע נאָכפאָלגער, און זיי האָבען בענוצט די דאָזיגע אידעע אַלס אַן אַרגומענט פאַר דער נויטווענדיגקייט פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. מאַרקס איז אָבער געווען צופיעל דענ־קער, אַז ער זאָל ניט קענען בעמערקען די שפּעטערדיגע ענטוויקלונגען פון דעם אינדוסטריע־לעבען, וועלכע מען האָט ניט פאָראויסגעזעהן אין 1848. ווען ער וואָלט איצטער געלעבט, וואָלט ער זיכער נ י ט פערמאַכט די אויגען פאַר דעם ריעזיגען וואוקס פון דער צאָהל קליינע קאַפּיטאַליסטען און מיטעלמעסיגע פערמעגענס, וואָס ווערען בעשאַפען אויף טויזענדערליי אופנים אונטער דעם שאָטען פון די מאָדערנע „מיליאָנערען“. ער וואָלט אויך וואַהרשיינליך בעמערקט ווי אויסערגעוועהנליך לאַנגזאַם די צושטע־רונג פון די קליינע אינדוסטריען געהט פאָר. די דאָזיגע לאַנגזאַמקייט האָט מען ניט געקענט פאָראויסזעהן פופציג אָדער פערציג יאָהר צוריק, מחמת קיינער האָט דאַמאָלסט ניט געקענט פאָראויסזעהן ניט די פערלויכ־טערונגען, וואָס זיינען איינגעפיהרט געוואָרען פאַר דעם טראַנספּאָרט פון סחורות, ניט די וואַקסענדע פערשיידענאַרטיגקייט פון דער נאָכפראַגע, און ניט די וואָלוועלע מיטלען, וואָס זיינען איצט אין געברויך צוצושטע־לען מעכאַנישע בעוועג־קראַפט אין קליינע קוואַנטיטעטען. אַלס אַ דענקער וואָלט ער געשטודירט אָט די פאַקטען, און ער וואָלט העכסט וואַהרשיינליך געמילדערט די אַבסאָלוטקייט פון זיינע פריהערדיגע פאָרמולעס, ווי ער האָט עס פאַקטיש אַמאָל געטהאָן בנוגע צו דער דאָרף־געמיינדע אין רוס־לאַנד. עס וואָלט זעהר ווינשענסווערטה געווען אַז זיינע נאָכפאָלגער זאָלען זיך ווייניגער פערלאָזען אויף אַבסטראַקטע פאָרמולעס — מעגען זיי זיך זיין גאַנץ בעקוועם אַלס שלאָג־ווערטער אין פּאָליטישע קאַמפּפען — און בעמיהען זיך נאָכצוטהאָן זייער לעהרער אין זיין אַנאַליז פון ק אָ נ־ק ר ע ט ע עקאָנאָמישע ערשיינונגען.

פּרוכטבאַרע. עס איז אָבער דאָך אָנגענעהם צו זעהן, אַז עס איז אָבגעטהאַן געוואָרען אַ גאַנצע מאַסע העכסט־געוויסענהאַפטע אַרבייט אויסצופאָרשען די קליינע מלאכות אין דייטשלאַנד; און אינאיינעם מיט אַזוינע שריפטען, פון וועלכע מען קען גאָרנישט אַרויסטראָגען אחוץ די מעשה, אַז די אַרבייטער ביי די קליינע מלאכות זיינען אין אַ טרויעריגער לאַגע, און לחלוטין גאָרנישט וואָס זאָל דערקלערען, פאַר וואָס די דאָזיגע אַרבייטער ווילען בעסער בלייבען אין זייער לאַגע איידער צו ווערען פאַבריק־הענד — געפינט מען אויך געגוג זעהר אויספיהרליכע שריפטען (ווי די מאָנאָגראַ־פיעס פון טהון, עמ. ה. זאַקס, פּאַול וואָיגט וועגען די בערלינער טישלער, א. אז. וו.), אין וועלכע מען קען זעהן דאָס גאַנצע לעבען פון די דאָזיגע קלאַסען אַרבייטער, די שווערינקייטען מיט וועלכע זיי קומט אויס זיך צו ראַנגלען, די טעכנישע בעדינגונגען פון דעם פאַך, און מען קען געפינען אַלע עלעמענטען פאַר אַ זעלבסטשטענדיגען אורטייל איבער דעם ענין.

עס איז קלאָר, אַז אַ געוויסע צאָהל קליינע מלאכות זיינען שוין איצטער פער׳משפּט צו פערשווינדען; עס זיינען אָבער פאַראַן אַנדערע, וואָס זיינען בעגאַבט מיט אַ גרויסער לעבענספעהיגקייט, און האָבען אַלע אויסזיכטען פּאַרטצווזעצען זייער עקזיסטענץ און זיך ווייטער ענטוויקלען נאָך פיעלע און פיעלע יאָהרען. אין דער פאַבריקאַציע פון אַזוינע טעקסטילען, וואָס ווערען געוועבט אין מיליאָנען יאַרדען, און וואָס קענען אַמבעסטען פּראָדוצירט ווערען מיט דער הילף פון אַ קאָמפּליצירטער מאַשינעריע, איז די קאָנקור־רענץ פון דעם האַנד־שטוהל אַנטקעגען דעם וועב־שטוהל ניט מעהר ווי אַן איבערבלייב, וואָס קען זיך נאָך האַלטען אַ ווייל׳ע דורך געוויסע לאָקאַלע אומשטענדען, אָבער סוף כל סוף מוז עס אָב־שטאַרבען.

דאָס אייגענע איז ריכטיג בנוגע פיעלע בראַנזשען פון דער אייזען־אינדוסטריע, דער פאַבריקאַציע פון אייזענוואַרג, מעפּעריי א. אז. וו. אָבער ווען נאָר עס פאָדערט זיך אַריינצולעגען אין דער אַרבייט געשמאַק און ערפינדערישקייט, וואו נאָר מען מוז כסדר איינפיהרען נייע מוסטערען, וואָס פאָדערען אַ בעשטענדיגע בעניי־אונג פון מאַשינעריע און אינסטרומענטען, כדי צופריעדענצושטעלען די נאָכפראַגע, ווי אין דעם פאַל פון אַלע מאָדע־טעקסטילען, ווען

זיי ווערען אפילו פאבריצירט פאר דעם געברויך פון מיליאנען; וואו נאר עס קומט פאר א גרויסע פערשיידענארטיגקייט פון ארטיקלען און עס מוזען נאכאנאנד ערפונדען ווערען נייע, דהינו אין דער שפיעלצייג־אינדוסטריע, אין דער אינסטרומענטען־פאבריקאציע, אין זייגער־מאכעריי, וועלאסיפעדען־ארבייט און אזוי ווייטער; און ענדליך, וואו נאר דאס ארטיסטישע געפיהל פון דעם איינצעלנעם ארבייטער העלפט מאכען דעם בעסטען טייל פון דעם ארטיקעל, ווי למשל אין הונדערטער צווייגען פון קליינע לוקסוס־זאכען — דארט איז פאראן א ברייט פעלד פאר די קליינע מלאכות, די דארפישע ווערקשעפער, הויז־אינדוסטריען א. ד. ג. מעהר פרישע לופט, מעהר אידעען, מעהר אלגעמיינע בעגריפען, מעהר קאאפעראציע וואלט די דאזיגע אינדוסטריען אודאי ניט געשאדט. אבער וואו נאר דער גייסט פון איניציאטיווע איז אויף איין אופן אדער אן אנדערען דערוועקט געווארען, זעהען מיר אז די קליינע אינדוסטריען נעהמען אן א נייע ענטוויקלונגס־פארם אין דייטשלאנד, פונקט ווי מיר האבען עס נאר־וואס געזעהן בנוגע צו פראנקרייך.

די לאגע פון די ארבייטער כמעט אין אלע קליינע אינדוסטריען אין דייטשלאנד ווערט איינשטימיג געשילדערט אלס א העכסט־קלעגליכע, און די פיעלע אנהענגער פון צענטראליזאציע, וואס מיר געפינען אין דייטשלאנד, אונטער־שטרייכען שטענדיג אט דעם עלענד כדי פאראויסצוזאגען און צו פאדערען די פערשווינדונג פון „די דאזיגע מיטעלאלטערליכע איבערבלייבען", און זייער פלאץ זאל פערנומען ווערען פון דער „קאפיטאליסטישער קאנצענטראציע" פון דעם ארבייטער'ס טובה וועגען. דער אמת איז אבער, אז ווען מיר פערגלייכען די עלענדע לאגע פון די ארבייטער ביי די קליינע מלאכות מיט דער לאגע פון די לוין־ארבייטער אין די פאבריקען, אין דעמזעלביגען ראיאן און אין דעמזעלביגען פאך, זעהען מיר אז צווישען די פאבריק־ארבייטער הערשט פונקט דערזעלביגער עלענד. זיי לעבען אויף ניין ביז עלף שילינג א וואך שכירות, אין די שמוציגע קווארטאלען פון שטאדט אנשטאט אויפ'ן לאנד. זיי ארבייטען עלף שטונדען א טאג, און מוזען אויך אויסשטעהן די עקסטרא ליידען, וואס פאלען אויף זיי אין דער צייט פון די אפטע קריזיסען. ערשט ווען די פאבריק־ארבייטער זיינען אויסגעשטאנען אלערליי

ליידען אין זייערע קאַמפּפען אַנטקעגען די בעלי־בתים, געלינגט מעהר אָדער ווענינער אייניגע פון זיי, דאָ און דאָרט, ארויסצורייסען פון זייערע בעלי־בתים אַנשטענדיגע שכירות (אַ „ליווינג ווייג'ז") — און דאָס אויך נאָר ביי געוויסע אינדוסטריען.

עס וואָלט פשוט געווען אַן אומזין צו בעגריסען אָט די אַלע ליידען, מחמת מען זעהט אין זיי די ווירקונג פון אַ „נאַטור־געזעץ" און אַ נויטיגע פאָרשטופּע צו דער נויטיגער קאָנצענטראַציע פון דער אינדוסטריע. וויעדער, בעהויפּטען, אַז די פעראָרמונג פון אַלע ארבייטער און די צושטערונג פון אַלע דאָרף־אינדוסטריען זיינען אַ נויטיגע פאָרשטופּע צו אַ העכערער פאָרם פון אינדוסטריעלער אָרגאַניזאַציע, וואָלט געהייסען ניט נאָר בעהויפּטען אַ סך מעהר וויפיעל דער איצטיגער אונפאָלקאָמענער צושטאַנד פון עקאָנאָמישען וויסען גיט אונז אַ רעכט דערצו, נאָר עס וואָלט אויך געהייסען לחלוטין ניט בעגרייפען דעם זין סיי פון נאַטירליכע, סיי פון עקאָנאָמישע געזעצען. פערקעהרט, יעדער איינער וואָס האָט שטודירט דעם וואוקס פון די גרויסע אינדוסטריען אַלס אַ פראַגע פאַר זיך, וועט אָהן צווייפעל איינשטימען מיט טהאָראָלד ראָדזשערס, וועלכער האָט געהאַלטען, אַז די צרות וואָס מען האָט אָנגעטהאָן די אַרבייטער־קלאַסען פאַר דעם דאָזיגען צוועק, זיינען בשום אופן ניט געווען נויטיג, און זיינען בלויז געטהאָן געוואָרען כדי צו דיענען די צייטווייליגע אינטערעסען פון די ווענינע — אויף קיין פאַל ניט די אינטערעסען פון פאָלק.*

נאָכמעהר, יעדער איינער ווייס וויפיעל קינדער און מיידלעך עס ווערען בעשעפטיגט אפילו אין די העכסט־איינטרעגליכע פאַבריקען, — אפילו אין ענגלאַנד, וואָס פערנעהמט דעם ערשטען פּלאַץ אין דער אינדוסטריעלער ענטוויקלונג. אייניגע ציפער, וואָס האָבען אַ שייכות צו דעם ענין, זיינען געגעבען געוואָרען אין דעם פאָריגען קאַפּיטעל. און דער דאָזיגער פאַקט איז ניט קיין צופאַל, וואָס קען לייכט בעזייטיגט ווערען, ווי עס בעמיהט זיך איהם פאָרצושטעלען מאָרים בלאָך — אַ גרויסער אָנהענגער, נאַטירליך, פון דעם פאַבריק־

* „דהי עקאָנאָמיק אינטערפּרעטיישאָן אָוו היסטאָרי".

סיסטעם.* די נידעריגע שכירות, וואָס מען צאָהלט קינדער און יונגע מענשען, איז איצט איינער פון די נויטיגע עלעמענטען אין דער ביליגקייט פון די פאַבריק־פּראָדוצירטע טעקסטילען, און במילא אַ וויכטיגער עלעמענט אין דער קאָנקורענץ פון דער פאַבריק מיט די קליינע אינדוסטריען. איך האָב אחוץ דעם שוין דערמאָנט, רעדענדיג וועגען פראַנקרייך, וואָס פאַר אַ ווירקונגען די „קאָנצענטרירטע" אינדוסטריען האָבען אויף דעם דאָרפישען לעבען; און אין טוהן’ס ארבייט, ווי אויך אין די ארבייטען פון פיעלע אַנדערע קען מען געפינען גענוג שוידערליכע ביישפּיעלען בנוגע די פאָלגען פון דעם וואָס עס קלייבען זיך אָן אַזוי פיעל מיידלעך אין די פאַבריקען. אידעאַליזירען די מאָדערנע פאַבריק, כדי צו דערנידעריגען די אַזוי גערופענע „מיטעלאַלטערליכע" פאָרמען פון דער קליין־אינדוסטריע, איז פאָלגליך — מילד גערעדט — פונקט אַזוי אונגערעכט, ווי צו אידעאַליזירען די קליינע אינדוסטריען און זיך בעמיהען צוריקצוברענגען די מענשהייט צו דעם פאַר־זיך’דיגען שפּינען און וועבען ביי יעדען פויער אין דער היים.

איין הערשענדער פאַקט שטעלט זיך ארויס אין אַלע אונטערזוכונגען, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרען וועגען דער לאַגע פון די קליינע אינדוסטריען. מיר געפינען איהם אין דייטשלאַנד, אַזוי גוט ווי אין פראַנקרייך אָדער אין רוסלאַנד, און ער איז ווי פאָלגט: די אומשטענדען, וואָס ווירקען, אין אַן אונגעהייער גרויסער צאָהל אינדוסטריען, צו גונסטען פון די פאַבריקען און געגען דער קליין־אינדוסטריע ,זיינען ניט אַ העכערע טעכנישע אָרגאַניזאַציע און ניט אַ גרעסערע עקאָנאָמיע פון ארבייטס־קראַפט, נאָר עס איז די גינסטיגערע בעדינגונגען, וואָס די גרויסע פירמעס האָבען, פאַר דעם פערקויף פון זייערע פּראָדוקטען און דעם איינקויף פון די רויהע מאַטעריאַלען.

וואו נאָר אָט די שוועריגקייט איז בעזייטיגט געוואָרען, ענטוועדער דורך אַסאָציאַציעס, אָדער מחמת עס איז געפונען געוואָרען אַ מאַרק פאַר דעם פערקויף פון די פּראָדוקטען, האָט דאָס אַלעמאָל געבראַכט ערשטענס דערצו, וואָס די לאַגע פון די ארבייטער אָדער

* „דער פּראָגרעס פון דער עקאָנאָמישער וויסענשאַפט זינט אַדאַם סמיטה" (פראַנצ.), פּאַריז 1890, ב. 1, זז. 461,460.

בעלי־מלאָכות איז פערבעסערט געוואָרען, און צווייטענס, האָט די טעכנישע זייט פון די דאָזיגע אינדוסטריען שנעל אָנגעהויבען צו פּראָגרעסירען. נייע פּראָצעסען זיינען איינגעפיהרט געוואָרען צו פערבעסערען די פּראָדוקטען אָדער צו פערשנעלערען זייער פּראָ־דוקציאָן; נייע מאשין־געצייג זיינען ערפונדען געוואָרען, אָדער מען האָט אָנגעווענדעט נייע מאָטאָרען; אָדער מען האָט רעאָרגאַניזירט די גאַנצע אינדוסטריע, כדי צו פערקלענערען די הוצאות פון דער פּראָדוקציאָן.

פערקעהרט, וויעדער, וואו נאָר די הילפלאָזע, ניט־פעראייניגטע ארבייטער און בעלי־מלאָכות בלייבען נאָך אַלץ ליעגען אין די הענד פון די אַנגראָ־איינקויפער, וועלכע האָבען שטענדיג — זינט אדאַם סמיטה'ס צייטען — אַן „אָפּענעם אָדער געהיימען" אָבמאַך צווישען זיך, ארונטערצודריקען די פּרייזען כמעט ביז אַ הונגער־לאַגע — און דאָס איז דער פאַל ביי אַן אונגעהייערער צאָהל קליינע און דאָרף־אינדוסטריען — דאָרט איז זייער לאַגע אַזוי שלעכט, אַז נאָר דאָס שטרעבען פון די ארבייטער צו אַ געוויסער פערהעלטניסמעסיגער אונאָבהענגיגקייט, און זייער וויסען, וואָס עס דערוואַרט זיי אין פאַבריק, האַלט זיי אָב זיך אָנצושליסען אַן די רייהען פון די פאַבריק־הענד. וויסענדיג אַז אין די מעהרסטע פעלען וועט מיט דעם אָנקומען פון דער פאַבריק פאַר די מעהרסטע מענער גאָר ניט זיין קיין ארבייט, נאָר עס וועט אויסקומען צו שיקען די קינדער און די מיידלעך אין פאַבריק, טהוען זיי אַלץ וואָס זיי קענען ניט צו דערלאָזען עס זאָל זיך איבערהויפּט עפענען אַ פאַבריק אין דאָרף.

וואָס איז שייך פעראייניגונגען אין די דערפער, קאָאָפּעראַציעס און דערגלייכען, דאַרף מען קיינמאָל ניט פערגעסען ווי אייפערדיג די רעגיערונגען פון דייטשלאַנד, פראַנקרייך, רוסלאַנד און עסטרייך האָבען ביז איצט געשטער'ט די ארבייטער, און בעזונדערס די דאָרף־ארביימער, אריינצוטרעטען אין וועלכע עס איז פערבינדונגען פאַר עקאָנאָמישע צוועקען. אין פראַנקרייך זיינען די פּויערים־סינדיקאַ־טען ערלויבט געוואָרען ערשט זינט דעם געזעץ פון 1884. האַלטען דעם פּויער אויף דער נידעריגסטער מדרגה דורך שטייערען, לייב־אייגענשאַפט און דערגלייכען, איז שטענדיג געווען, און איז נאָך איצטער, די פּאָליטיק פון די מעהרסטע אייראָפּעאישע שטאַאַטען. אין דייטשלאַנד האָט מען ערשט אין יאָהר 1876 בעוויליגט אַ געוויסע

פערגרעסערונג פון די פעראיינס־רעכט, און אפילו איצט ווערט אַן איינפאַכע קאָאָפּעראַציע פאַר דעם פערקויף פון די אַרבייטער׳ס פּראָדוקטען באַלד פער׳מסר׳ט אַלס אַ „פּאָליטישע געזעלשאַפט“ און אַלס אַזעלכע ווערט זי אונטערוואָרפען די געוועהנליכע בעגרענצונ־גען, ווי די אויסשליסונג פון פרויען, א. ד. ג.* אַ מערקווירדיגען ביישפּיעל פון דער דאָזיגער פּאָליטיק בנוגע צו אַ דאָרף־געזעלשאַפט האָט געבראַכט פּראָפ. איסאַיעוו, וועלכער דערמאָנט אויך די שטרענגע מיטלען, וואָס די אַנגראָ־איינקויפער האָבען אָנגענומען, כדי ניט צו דערלאָזען די אַרבייטער אַריינצוגעהן אין דירעקטע בעציהונגען מיט אויסלענדישע איינקויפער.

ווען מען אונטער־זוכט מיט מעהר איידער אַן אויבערפלעכליכער אויפמערקזאַמקייט דאָס לעבען פון די קליינע אינדוסטריען און זייער קאַמף פאַר עקזיסטענץ, זעהט מען, אַז ווען זיי געהען אונטער, געהען זיי אונטער ניט צוליעב דעם „וויל עס איז עקאָנאָמישער צו געברויכען איין מאָטאָר פון אַ הונדערט פערד־קראַפט, אַנשטאָט הונדערט קליינע מאָטאָרען“. די דאָזיגע אונבעקוועמליכקייט פער־געסט מען קיינמאָל ניט צו דערמאָנען, אָבוואויל אין שעפיעלד, אין פּאַריז און אין פיעלע אַנדערע פּלעצער גיט מען זיך לייכט אַן עצה געגען דעם דערמיט, וואָס מען דינגט ווערקשעפער מיט מעכאַנישער קראַפט, וועלכע ווערט געליפערט פון אַ צענטראַלער מאַשין, און נאָך מעהר דורך דער פערטיילונג פון עלעקטרישער בעוועג־קראַפט, ווי עס האָט ריכטיג בעמערקט פּראָפ. וו. אַנווין. ניט דערפאַר געהען זיי אונטער, וויל אין דער פאַבריק־פּראָדוקציאָן קען מען בעקומען אַ גרעסערע עקאָנאָמיע — אין אַ סך מעהר פעלען ווי מען שטעלט זיך געוועהנליך פאַר איז דער פאַקט אַקוראַט פערקעהרט —, נאָר דערפאַר, וואָס דער קאַפּיטאַליסט, וועלכער עפענט אויף אַ פאַבריק, הענגט ניט אָב פון די גרויסע און קליינע הענדלער אין רויהע מאַטעריאַלען; און דערהויפּט, וויל ער בעפרייט זיך פון די קליינע איינקויפער פון זיינע פּראָדוקטען און קען האַנדלען דירעקט מיט דעם אַנגראָ־איינקויפער און מיט דעם עקספּאָרטירער; אָדער ער

* לעז די דיסקוסיאָנען אין רייכסטאַג, אין יאַנואַר 1909, וועגען די פּוילישע סינדיקאַטען, און די אָנווענדונג אויף זיי פון דעם „שפּראַכען־פּאַראַגראַף“.

קאָנצענטרירט די פערשיידענע שטופען פון דער פאַבריקאַציע פון א געוויסען פּראָדוקט אין איין פירמע. העכסט בעלעהרענד אין אָט דער הינזיכט זיינען די זייטלעך, וואָס שולצע־גאַווערניץ האָט געוויד־מעט דער אָרגאַניזירונג פון דער באַוועל־אינדוסטריע אין ענגלאַנד, און די שוועריגקייטען וואָס די דייטשע אייגענטימער פון באַוועל־שפּינערייען האָבען געהאַט אויסצושטעהן, כל זמן זיי זיינען געווען אָבהענגיג מיט דעם רויהען מאַטעריאַל פון ליווערפּול. און דאָס, וואָס כאַראַקטעריזירט די באַוועל־אינדוסטריע, גילט אויך פאַר אַלע אַנדערע אינדוסטריען.

ווען די שעפּיעלדער מעסער־שמיעדען, וועלכע אַרבייטען איצטער אין זייערע קליינע ווערקשעפּער אין איינער פון די אויבענ־דערמאָנטע געביידען, וואָס זיינען בעזאָרגט מיט מעכאַנישער קראַפט, וואָלטען זיך אינקאָרפּאָרירט אין איין גרויסער פאַבריק, וואָלט די הויפּט־מעלה דערפון ניט געווען אַן עקאָנאָמיזירונג אין די פּראָדוקציאָנס־אויסגאַבען אין פערגלייך מיט דער קוואַליטעט פון דעם פּראָדוקט; אין דעם פאַל פון אַן אַקציאָנערען־געזעלשאַפט וואָלטען זיך די קאָסטען נאָך אפשר פערגרעסערט. און דאָך וואָל־טען די פּראָפיטען (אויך די שכירות) וואַהרשיינליך געווען גרעסער איידער די איצטיגע געזאַמט־איינגאַהמע פון די אַרבייטער, צוליעב די פערקלענערטע קאָסטען ביים קויפען אייזען און קויהלען, און די בעסערע געלעגענהייטען ביים פערקויפען די פּראָדוקטען. די גרויסע פירמע וואָלט אַלזאָ געצויגען איהר נוצען ניט פון די פאַקטאָרען, וואָס ווערען אַרויפגעצוואונגען בעת מעשה דורך די טעכנישע נויטען פון דער אינדוסטריע, נאָר פון אַזוינע פאַקטאָרען, וואָס וואָלטען געקענט בעזייטיגט ווערען דורך א קאָאָפּעראַטיווער אָרגאַ־ניזאַציע. די אַלע בעהויפּטונגען זיינען עלעמענטאַרע בעגריפען ביי פּראַקטישע מענשען.

עס איז קוים נויטיג צוצוגעבען, אַז דער פאַבריק־אייגענטימער האָט נאָך א פאָרצוג, וואָס ער קען פערקויפען אפילו די ערגסטע פּראָדוקטען, אויב ער האָט נאָר גרויסע קוואַנטיטעטען צו פערקוי־פען. יעדער איינער, וואָס איז נאָר בעקאַנט מיט קאָמערץ, ווייס וואָס פאַר א גרויסער טייל פון דעם וועלט־האַנדעל בעשטעהט פון „שאָדדי“, „פאַטראַק“, „רויטע־אינדיאַנער־דעקען“ א. ד. ג. אַרטיק־לען, וואָס ווערען געשיקט אין ווייטע לענדער. גאַנצע שטעדט —

האָבען מיר נאָר־וואָס געזעהן — פּראָדוצירען נישט מעהר ווי „שאַדדי“.

אין אַלגעמיין קען מען עס אָננעהמען פאַר איינעם פון די גרונד־פאַקטען פון דעם עקאָנאָמישען לעבען פון אייראָפּאַ, אַז דער אונטערגאַנג פון אַ סך קליינע מלאכות, האַנדוועריקריי און הויז־אינדוסטריען האָט זיך גענומען דערפון, וואָס זיי האָבען ניט געקענט אָרגאַניזירען דעם פערקויף פון זייערע פּראָדוקטען, — ניט פון דער פּראָדוקציאָן גופא. די אייגענע זאַך ווידערהאָלט זיך אויף יעדען בלאַט פון דער עקאָנאָמישער געשיכטע. די אונפעהיגקייט צו אָרגאַניזירען דעם פערקויף, אַזוי אַז מען זאָל ניט דאַרפען פערשקלאַפט ווערען צום סוחר, איז געווען דער הויפּט־שטריך פון די מיטעלאַלטערליכע שטעדט, וועלכע זיינען ביסלעכווייז אַרונטערגעפאַלען אונטער דעם עקאָנאָמישען און פּאָליטישען יאָך פון די גילדע־הענדלער פּשוט דערפאַר, וואָס זיי זיינען ניט געווען ביכולת אָנצופיהרען דעם פערקויף פון זייערע פּראָדוקטען דורך דער געמיינדע אַלס גאַנצעס, אָדער צו אָרגאַניזירען אין די אינטערעסען פון דער געמיינדע דעם פערקויף פון אַ נייעם פּראָדוקט. ווען די מערק פאַר אַזוינע סחורות זיינען געוואָרען אַזיע פון איין זייט און די נייע וועלט פון דער אַנדער זייט, האָט עס שוין געמוזט אונגליקליכערווייז אַזוי פּאַסירען; זינט די קאָמערץ האָט אויפגעהערט צו זיין קאָמונאַל און איז געוואָרען אינדיווידועל, זיינען די שטעדט געוואָרען אַ קרבן פון די ארומרייסערייען פון די וויכטיגסטע הענדלער־פאַמיליען.

ווען מיר זעהען אין דער איצטיגער צייט, אַז די קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפטען הויבען אָן צו זיין ערפאָלגרייך אין זייערע פּראָדוקטיווע ווערקשעפער, בעת מיט פופציג יאָהר צוריק פלעגען זיי אָהן אויסנאַהם דורכפאַלען אַלס פּראָדוצירער, מעגען מיר קומען צום שלום, אַז די סיבה פון זייערע פריהערדיגע דורכפאַלען איז ניט געלעגען אין זייער אונפעהיגקייט ריכטיג און עקאָנאָמיש צו אָרגאַניזירען די פּראָדוקציאָן, נאָר אין זייער אונפעהיגקייט אַלס פערקויפער און עקספּאָרטירער פון די פּראָדוקטען, וואָס זיי האָבען פאַבריצירט. פערקעהרט, זייערע איצטיגע ערפאָלגען ווערען פאָלשטענדיג ערקלערט דורך די פערטיילונגס־געזעלשאַפטען, וואָס

זיינען פערשפּרייט אומעטום װי אַ נעץ און שטעהען זיי צו דיענסט. דער פערקויף איז פעראיינפאַכט געװאָרען, און די פּראָדוקציאָן איז מעגליך געװאָרען דורך דעם, װאָס מען האָט אַפּריהער אָרגאַניזירט דעם מאַרק.

דאָס זיינען עטליכע שלוסען, װאָס מען קען ציהען שטודירענדיג די קליינע אינדוסטריען אין דייטשלאַנד און אַנדערשװאו. און מען קען מיט זיכערהייט זאָגען בנוגע צו דייטשלאַנד, אַז אויב מען װעט דאָרט ניט אָננעהמען קיין מיטלען צו פערטרייבען די פּויערים פון דער ערד אין דעמזעלבען מאַסשטאַב, װי עס איז געטהאָן געװאָרען אין ענגלאַנד; אויב, אין געגענטייל, די צאָהל פון די קליינע לאַנד־האַלטער װעט זיך פערמעהרען, װעלען זיי זיכער זיך נעהמען פאַר פערשיידענע קליינע מלאכות אַלס צוגאָב צו דער לאַנדװירטשאַפט, װי זיי האָבען עס געטהאָן און טהוען עס נאָך איצטער אין פראַנק־רייך. יעדער שריט, װאָס װעט נאָר געמאַכט װערען, סיי כדי צו דערװעקען אַ גייסטיג לעבען אין די דערפער, סיי כדי צו פערזיכערען די פּויערים׳ס אָדער דעם דאָרף׳ס רעכט אויפ׳ן לאַנד, װעט על פּי נויט ביטראָגען צו דעם װאַקסען פון די קליינע אינדוסטריען אין די דערפער.

אין דעם דאָזיגען ליכט איז עס שטאַרק אינטערעסאַנט צו זעהן די ציפער בנוגע דער פערטיילונג פון די דייטשע אינדוסטריען אין קליין־, מיטעלמעסיג־ און גרויס־אינדוסטריע, װי זיי װערען געגעבען אין דריי אינדוסטריעלע צענזוסען, װאָס זיינען געמאַכט געװאָרען אין דעם משך פון די לעצטע דרייסיג יאָהר. אָבער פאַר אַט די ציפער שיק איך אָב דעם לעזער צום אַנהאַנג.*

קליינע מלאכות אין אַנדערע לענדער.

אויב עס װאָלט װערטה געװען אויסצושפּרייטען אונזער פאָר־שונג אויך אויף אַנדערע לענדער, װאָלטען מיר אין דער שװייץ געפונען אַ ברייט פעלד פאַר העכסט־אינטערעסאַנטע בעאָבאַכטונגען. דאָרט װאָלטען מיר געזעהן דיזעלבע לעבענספעהיגקייט אין פער־שיידענע סאָרטען קליינע מלאכות, און מיר װאָלטען געקענט אָנװייזען װאָס עס איז געטהאָן געװאָרען אין די פערשיידענע קאַנטאָנען

---

* זעה אַנהאַנג אא.

אויפצוהאלטען די קליינע מלאכות דורך דרייערליי מאסרעגלען: די אויסברייטונג פון קאאפעראציע, די ברייטע אויסשפרייטונג פון טעכנישער בילדונג אין די שולען, און די איינפיהרונג פון נייע בראנזשען פון האלב־ארטיסטישער פראדוקציאן אין פערשיידענע טיילען פון לאנד; און דאס צושטעלען ביליגע בעוועג־קראפט אין די הייעזור דורך הידראולישער אדער עלעקטרישער קראפט־פערטיילונג, וועלכע מען קריגט פון די וואסער־פאלען. א בעזונדער בוך פון דעם גרעסטען אינטערעס און ווערטה וואלט געקענט אנגעשריבען ווערען וועגען דעם דאזיגען ענין, בעזונדערס וועגען דעם אימפולס, וואס פיעלע קליינע מלאכות, נייע אזוי גוט ווי אלטע, קריגען דורך דעם ביליגען צושטעלען פון בעוועג־קראפט. אזא בוך וואלט אויך געווען זעהר אינטערעסאנט דערמיט, וואס עס וואלט געוויזען, ביז וואס פאר א גראד עס האט זיך לעצטענס פערשפרייט אין דער שווייץ יענע צונויפמישונג פון אגריקולטור מיט אינדוסטריע, וואס איך האב בעשריבען אין דער ערשטער אויסגאבע פון אט דעם בוך אלס „די פאבריק אין מיטען פעלד“. דאס ציהט איצט די אויפמערקזאמקייט אפילו פון דעם צופעליגען רייזענדער.*

בעלגיען וואלט געווען פונקט אזוי אינטערעסאנט. בעלגיען איז געוויס א לאנד פון צענטראליזירטער אינדוסטריע, און א לאנד, וואו די פראדוקטיוויטעט פון דעם ארבייטער שטעהט אויף א הויכער מדרגה, אזוי אז די דורכשניטליכע יעהרליכע פראדוקטיוויטעט פון יערען אינדוסטריעלען ארבייטער — מענער, פרויען און קינדער — דערגרייכט דעם הויכען ציפער פון 250 פונט סטערלינג פער קאפ. קויהלען־מינען, וואו עס ארבייטען איבער טויזענד ארבייטער זיינען פאראן א סך, און עס איז דא א היבשע צאהל טעקסטיל־פאבריקען, וואו עס זיינען בעשעפטיגט פון 300 ביז 700 ארבייטער. און דאך, איב מיר זאלען אויסשליסען פון דער בעלגישער אינדוסטריעלער ארבייטער־בעפעלקערונג, וואס האט אין 1896 געצעהלט 823,920 פעריזאן (צוזאמען מיט די אנגעשטעלטע, רייזענדער, אויפזעהער א. אז. וו. — 1,102,240) די 116,300 ארבייטער, וואס זיינען בעשעפטיגט אין די קויהלען־מינען, און ארום 165,000 בעלי־מלאכות, וואס ארבייטען אליין אדער מיט דער הילף פון זייערע פאמיליען, —

---

* זעה אנהאנג בב.

וועלען מיר געפינען, אז פון די איבערגעבליבענע 565,200 ארבייטער ארבייט כמעט א העלפט — ד. ה. 270,200 פערזאָן — אין אנשטאַל־טען, וואו עס זיינען בעשעפטיגט ווניגער ווי 50 פערזאָן דורכשניט־ליך, און פון אָט די לעצטע זיינען 95,000 בעשעפטיגט אין 54,500 ווערקשעפּער, וועלכע האָבען אויף אזא אופן א דורכשניט פון ווניגער ווי דריי ארבייטער פער שאַפּ.* מיר קענען אויף אזא אופן זאָגען, אז — ווען מיר נעהמען ארויס די מינען־גרעבער פון חשבון — מעהר ווי א זעקסטעל פון אַלע אינדוסטריעלע אַרבייטער אין בעלגיען איז בעשעפטיגט אין קליינע ווערקשעפּער, וואָס האָבען חוץ דעם מייסטער ווניגער ווי דריי אַרבייטער אין דורכשניט, און אז פיער צעהנטעל פון אַלע ארבייטסלייט זיינען בעשעפטיגט אין פאַבריקען און ווערקשעפּער, וואָס האָבען אין דורכשניט ווניגער ווי דרייצעהן אַרבייטער יעדער.**

נאָך מערקווירדיגער איז דאָס, וואָס די צאָהל פון די קליינע ווערקשעפּער, אין וועלכע דער מייסטער בעשעפטיגט פון איינעם ביז

* אָט איז די פערטיילונג פון אַלע אַרבייטער אין אַלע אינדוסטריען לויט דעם „סטאַטיסטישען יאָהרבוך" פאַר'ן יאָהר 1909: בעלי־מלאכות וואָס אַרבייטען אליין אָדער מיט דער הילף פון זייערע פאַמיליען: 165,000 אַנשטאַלטען; זעהר קליינע אינדוסטריע, פון 1 ביז 4 פועלים, 54,000 אַנשטאַלטען, 95,000 פועלים; קליינ־אינדוסטריע, פון 1 ביז 49 אַרבייטער פער פאַבריק: 14,800 אַנשטאַלטען, 177,000 אַרבייטער; מיטעלמעסיגע און גרויס־אינדוסטריע, פון 50 ביז 499 ארבייטער פער פאַבריק: 1,500 אַנשטאַלטען, 250,000 פועלים; זעהר גרויסע אינדוסט־ריע, איבער 500 אַרבייטסלייט פער פאַבריק: 200 אַנשטאַלטען, 110,000 פועלים. סך הכל: 236,000 אַרבייטגעבער, גרויסע און קליינע; אָדער 71,000 אַרבייטגעבער פון 7,000,000 איינוואוינער, אויב מיר זאָלען ניט רעכענען די אונאָבהענגיגע בעלי מלאכות.

** ווען וועלען מיר אין ענגלאַנד האָבען אַזאַ פאָלשטענדיגען צענזוס ווי אין פראַנקרייך, דייטשלאַנד און בעלגיען? ד. ה. אַזאַ צענזוס, אין וועלכען די אַרבייטער און די בעלי־בתים וועלען געררעכענט ווערען בעזונ־דער — אַנשטאַט אַריינצוואַרפען אין איין קופּע דעם אייגענטימער פון פאַבריק, די דירעקטאָרען, די אינזשענירען און די אַרבייטער, — ווי אויך אַזאַ צענזוס, וואו עס וועט געגעבען ווערען די פערטיילונג פון די אַרבייטער לויט די פאַבריקען פון פערשיידענער גרויס.

פיער געזעלען, דערגרייכט די בעדייטענדע ציפער פון 1,867 (2,293 אין יאהר 1880) אין די טעקסטיל־אינדוס־ריען, ניט קוקענדיג אויף דער הויכער צענטראליזאציע פון א געוויסען טייל פון אט די אינדוסטריען.* וואס איז שייך די מאשינעריע־פאבריקען און די אייזענווארג־פאבען, זיינען די קליינע ווערקשעפער, וואו דער מייסטער ארבייט מיט צוויי ביז פיער ארויסהעלפער אדער געזעלען, זעהר צאהלרייך (איבער 13,300), שוין גאר ניט צו רעדען וועגען דעם ביקסען־פאך. וואס איז גאר די ריכטיגע קליין־אינדוסטריע, און וועגען דער מעבעל־אינדוסטריע, וואס האט זיך לעצטענס שטארק ענטוויקעלט. א הויך־קאנצענ־טרירטע אינדוסטריע, און א הויכע פראדוקטיוויטעט ווי אויך א בעדייטענדער עקספארט־האנדעל, וואס דאס אלץ זאגט עדות אויף א הויכער ענטוויקלונג פון דעם לאנד, געהען אט אזוי האנד אין האנד מיט א הויכער ענטוויקלונג פון די הויז־מלאכות און פון די קליינע אינדוסטריען בכלל.

עס איז קוים נויטיג צו זאגען, אז אין עסטרייך, אונגארן, אי־טאליען און אפילו אין די פעראייניגטע שטאטען פערנעהמען די קליינע מלאכות אן אנגעזעהענע פאזיציע און שפיעלען דארט אין לעצטען סך הכל פון דער אינדוסטריעלער טהעטיגקייט אפילו נאך א פיעל גרעסערע ראליע, איידער אין פראנקרייך, בעלגיען אדער דייטשלאנד.

בעזונדערס אבער אין רוסלאנד קענען מיר ריכטיג אבשאצען די וויכטיגקייט פון די דארפישע אינדוסטריען, און וואס פאר׳ע שרעקליכע ליידען עס וואלט אהן שום נוצען פערשאפט דער בעפעל־קערונג, ווען דער שטאאט זאל איצט אננעהמען די פאליטיק, וואס איניגע לאנדאייגענטימער און פאבריקאנטען פערטיידיגען — ד. ה. אויב דער שטאאט זאל אויסאיבען זיין שרעקליכע מאכט צו גונסטען

* טעקסטיל־אינדוסטריען: בעלי־מלאכות, וואס ארבייטען אליין אדער מיט דער הילף פון זייערע פאמיליען: 1,437; פון 1 ביז 4 ארבייטער, 430 אנשטאלטען, 949 ארבייטסלייט; פון 5 ביז 49 ארבייטער, 774 אנשטאלטען, 14,051 ארבייטער; איבער 50, 379 אנשטאלטען, 66,103 ארבייטער.

פון א פּאָופּעריזאַציע פון די פּויערים און אַ קינסטליכע פערניכטונג פון די דאָרפּישע מלאכות, כדי צו שאַפען אַ צענטראַליזירטע גרויס־אינדוסטריע.*

די גרינדליכסטע אויספאָרשונגען װעגען דעם איצטיגען צו־שטאַנד, װאוקס און טעכנישער ענטװיקלונג פון די דאָרפּישע אינ־דוסטריען, װי אויך װעגען די שװעריגקייטען, מיט װעלכע זיי קומט אויס זיך צו ראַנגלען, זיינען געמאַכט געװאָרען אין רוסלאַנד. עס איז געמאַכט געװאָרען אַ אונטערזוכונג פון הויז־צו־הויז, װאָס באַפּט אַרום כמעט אַ מיליאָן פּויערישע הייזער, און די רעזולטאַטען פון דער דאָזיגער אונטערזוכונג שטעלען שוין מיט זיך פאָר 450 בענדער, װאָס די פערשיידענע „זעמסטװעס" (פּראָװינץ־ראַטען) האָבען אַרויסגעגעבען. חוץ דעם געפינען מיר אין די פופצעהן בענדער, װאָס די „קאָמיסיע פון קליינע מלאָכות" האָט אַרויסגע־געבען, און נאָך מעהר אין די אויסגאַבען פון דעם „מאָסקװער סטאַטיסטישען קאָמיטעט", װי אויך אין די אויסגאַבען פון פיעלע פּראָװינץ־קאָמיטעטען, פולע, גרינדליכע ליסטען, װאָס גיבען אָן דעם נאָמען פון יעדען אַרבייטער. די גרויס און דעם צושטאַנד פון זיינע פעלדער, זיין לעבעדיגער אינװענטאַר, דעם װערטה פון זיין אַגריקול־טורעלער און אינדוסטריעלער פּראָדוקציאָן, זיינע פערדיענסטען פון ביידע קװעלען, און זיין יעהרליכען בודזשעט. פון דער אַנדער זייט זיינען הונדערטער בעזונדערע מלאָכות בעשריבען געװאָרען אין בעזונדערע מאָנאָגראַפיעס פון דעם טעכנישען, עקאָנאָמישען און סאַניטאַרען שטאַנדפּונקט.

די רעזולטאַטען, װאָס האָבען זיך בעקומען פון אָט די אונטער־זוכונגען, זיינען באמת גרויסאַרטיג. דען עס װייזט זיך אַרויס, אַז פון די 80 אָדער 90 מיליאָן איינװאױנער אין אייראָפּעאישען רוס־לאַנד זיינען ניט װעניגער װי 7½ מיליאָן מענשען געװען בעשעפ־טיגט ביי די הויז־אינדוסטריען, און זייער פּראָדוקציאָן דערגרייכט אָפּילו לויט דער נידעריגסטער אָבשאַצונג, מעהר װי 150 מיליאָן

* זינט 1907 האָט די רוסישע רעגיערונג אָנגעהויבען איינצופיהרען די דאָזיגע פּאָליטיק און געװאָרען, אין די אינטערעסען פון די לאַנד־אייגענטימער און די בעשיצטע אינדוסטריען, פערניכטען די דאָרפּישע „אָבשטשינעס".

פונט סט. און העכסט וואהרשיינליך גאנצע 200 מיליאָן פונט סט. (2 ביליאָן רובל) יעדען יאָהר.* עס האָט אויף אזא'ן אופן איבער־געשטיגען דעם סך הכל פון דער גרויס־אינדוסטריעלער פּראָדוק־ציאָן. וואָס איז שייך דער פערהעלטניסמעסיגער וויכטיגקייט פון אָט דיביידע פאָר די ארבייטענדע מאַסען, איז גענוג צו זאָגען, אז אפילו אין מאָסקווער גובערניע, וואָס איז דער וויכטיגסטער אינדוסטריע־ראַיאָן פון רוסלאנד (די דאָרטיגע פאבריקען שטעלען צו איבער איין פינפטעל פון דעם ווערטה פון דער גאנצער אינדוס־טריעלער פּראָדוקציאָן), איז די געמיינזאַמע הכנסה, וואָס די בעפעל־קערונג בעקומט פון די הויז־אינדוסטריען, דריי מאָל אזוי גרויס ווי די געמיינזאַמע שכירות, וואָס די ארבייטער פערדיענען אין די פאבריקען.

דער מערקווירדיגסטער שטריך פון די רוסישע הויז־אינדוס־טריען איז דאָס, וואָס דער פלוצלונגדיגער אויפשוואונג פון די פאב־ריקען אין רוסלאנד האָט ניט אָנגעריהרט די הויז־אינדוסטריען. אדרבא, דער דאָזיגער אויפשוואונג האָט זיי געגעבען א נייעם שטויס פאָר וויטערער אויסשפּרייטונג. זיי זיינען געוואקסען און זיך ענטוויקעלט גראָד אין יענע ראַיאָנען, וואו די פאבריקען זיינען געוואקסען אם שנעלסטען.

נאָך א העכסט בעדייטונגספולער שטריך איז דער פאָלגענ־דער: הגם פון די פריהעסטע צייטען אָן זיינען די אונפרוכטבאַרע גובערניעס פון צענטראַל־רוסלאנד געוועזן דער פּלאַץ פון אַלערליי קליינע מלאכות, ענטוויקלען זיך די לעצטע צייט מעהרערע מאָ־דערנע הויז־אינדוסטריען דוקא אין יענע פּראָווינצען, וועלכע האָבען

---

* עס ווייזט זיך אַרויס פון דער הויז־צו־הויז־אונטערזוכונג, וועלכע האָט ארומגענומען 855,000 ארבייטער, אַז דער יעהרליכער ווערטה פון די פּראָדוקטען, וואָס זיי פלעגען אויסארבייטען, דערגרייכט 21,087,000 פונט סט. (רעכענענדיג דעם רובעל אין 24 פענים) ד. ה. אַ דורכשניט פון 25 פונט סט. פער אַרבייטער. אַ דורכשניט פון 20 פונט סט. פאר אַ האלבען מיליאָן מענשען וואָלט שוין געגעבען 150 מיליאָן פונט סט. פאַר זייער געמיינזאמער פּראָדוקציאָן, אָבער די בעסטע אויטאָ־ריטעטען האַלטען, אַז אָט די ציפער זיינען נידעריגער איידער די ווירק־ליכקייט.

דעם בעסטען באָדען און קלימאַט. אַט אזוי איז סטאווראָפּאָלער גובערניע אין צפון־קאווקאז, וואו די פּויערים האָבען נענוג פּרוכט־באַרען באָדען, פלוצלונג געוואָרען אַן אָרט פון אַ שטאַרק פערשפּרייטער אינדוסטריע פון זייד־וועבעריי, וועלכע ווערט בעטריבען אין די הייזער פון די פּויערים. די דאָזיגע אינדוסטריע בעזאָרגט איצט רוסלאנד מיט ביליגע זייד־צייג, וועלכע האָט פּאָלשטענדיג ארויסגעשטופּט פון מאַרק די איינפאַכע זייד־שטאָפען, וואָס מען האָט פריהער אימפּאָרטירט פון פראנקרייך. נאָך אַ ביישפּיעל צום פּונקט איז די קליין־אינדוסטריעלע פאַבריקאַציע פון לאַנדווירט־שאַפטליכער מאַשינעריע, וועלכע איז פלוצלונג אויסגעוואַקסען אין אָרענבורג און ביים שווארצען ים.

די פעהיגקייט פון די רוסישע הויז־אינדוסטריעלע ארבייטער צו בילדען קאָאָפּעראטיווע אָרגאַניזאַציעס פערדיענט מעהר ווי אַ פערבייגעהענדע בעמערקונג. וואָס איז שייך דער ביליגקייט פון די פּראָדוקטען, וואָס ווערען פאַבריצירט אין די דערפער, און וועלכע איז ווירקליך ערשטוינענד, קען מען עס ניט אינגאַנצען דערקלערען דורך די אויסערגעוועהנליך לאַנגע ארבייטס־שטונדען און הונגער־פערדיענסטען. דען לאַנגע שטונדען און זעהר נידעריגע שכירות זיינען כאַראַקטעריסטיש אויך פאַר די רוסישע פאַבריקען. די ביליגקייט פון די פּראָדוקטען העננט אויך אָב פון דעם אומ־שטאַנד, וואָס דער פּויער, וועלכער בעקומט זיין שפּייז פון דער ערד, אָבער ליידט שטענדיג פון אַ דוחק אין מזומן געלד, פער־קויפט די פּראָדוקטען פון זיין אינדוסטריעלער ארבייט פאַר וועלכען פּרייז עס מאַכט זיך. דערפאַר זיינען אַלע פאַבריצירטע אַרטיקלען, וואָס די רוסישע פּויערים בענוצען, אַ חוץ געדרוקטע באַוועל־שטאָפען, פּראָדוצירט פון דאָרפישע פאַבריקאַנטען. אָבער אויך אַ סך לוקסוס־ארטיקלען ווערען געמאַכט אין די דערפער, בעזונדערס ארום מאָסקווע, פון פּויערים, וואָס הערען ניט אויף צו בעאַרבייטען זייערע שטיקלעך ערד. די צילינדער־היט, וועלכע ווערען פער־קויפט אין די בעסטע מאָסקווער געשעפטען און טראָגען דעם שטעמ־פּל „נאָוואָטע פּאַריזיען" (פּאַריזער נייאיגקייטען), ווערען געמאַכט פון מאָסקווער פּויערים; דאַסגלייכען דאָס „וויענער" מעבעל אין די העסטע „וויענער" געשעפטען, אַפילו ווען דאָס דאָזיגע מעבעל גערט פאַר דעם געברויך פון די פּאַלאַצען. און דאָס וואונדערליכסטע דערביי

איז ניט די געשיקטקייט פון די פויערים — לאנדווירטשאפטליכע ארבייט שטערט ניט צו ערווערבען אינדוסטריעלע געשיקטקייט — נאר די שנעלקייט, מיט וועלכע די פאבריקאציע פון פיינע זאכען האט זיך פערשפרייט אין אזוינע דערפער, וואס האבען פריהער פאבריצירט בלויז די גרעבסטע ארטיקלען. *

וואס געהערט די געגענזייטיגע בעציהונגען צווישען אגריקולטור און אינדוסטריע, מוז מען קומען צום שלום, לייענענדיג די דאקו־מענטען, וואס די רוסישע סטאטיסטיקער האבען אנגעזאמעלט, אז ניט נאר ברענגען די הויז־אינדוסטריען ניט קיין שאדען דער אגרי־קולטור, נאר זיי זיינען, אדרבא, דאס בעסטע מיטעל זי צו פער־בעסערען; איבערהויפט נאך דערפאר, וואס דער רוסישער פויער האט געליכע מאנאטען יעדען יאהר גאר ניט וואס צו טהאן אויף די פעלדער. עס זיינען פאראן ראיאנען, וואו מען האט אינגאנצען אויפ־געגעבען די אגריקולטור און זיך גענומען פאר אינדוסטריע; אבער דאס זיינען אזוינע ראיאנען, וואו די אגריקולטור איז אונמעגליך גע־ווארען צוליעב די זעהר קליינע שטיקלעך ערד, וואס מען האט גע־שאנקען די בעפרייטע לייבאייגענע (קריעפאסטניקעס); וואס אויף די דאזיגע חלקים ערד זיינען ניט געווען קיין גוטע לאנקעס, אדער זיי האבען געפעהלט גאר אינגאנצען, ווי אויך מחמת דער אלגעמיי־נער פערארמונג פון די פויערים, וואס איז געקומען פון די זעהר הויכע שטייערען און די זעהר הויכע אויסלייזונגס־שטייערען פאר'ן לאנד. וואו אבער די איינגעטיילטע שטיקלעך ערד זיינען אביסעל גרעסער, און די פויערים ווערען ניט אזוי בעריסען דורך די שטייערן, הערען זיי ניט אויף צו בעארבייטען דאס לאנד, און די פעלדער ווערען געהאלטען אין א בעסערער אָרדנונג. חוץ דעם איז די דורכ־שניטליכע צאהל פון לעבעדיגען אינווענטאר גרעסער דארט, וואו די אגריקולטור ווערט בעטריבען אין פערבינדונג מיט די הויז־מלאכות. אפילו די פויערים, וואס האבען צו־קליינע שטיקלעך ערד, קעהרען זיך איין צו צודינגען נאך לאנד, אויב זיי פערדיענען אביסעל געלד פון זייער אינדוסטריעלער ארבייט. וואס איז שייך דעם פער־

* איניגע פון די פראדוקטען פון דער רוסישער דארף־אינדוסטריע זיינען די לעצטע צייט אריינגעפיהרט געווארען דא אין ענגלאנד און געפינען א גוטען אבזאץ.

העלטניסמעסיגען וואוילשטאנד, איז כמעט ניט נויטיג צוצולעגען, אז ער איז שטענדיג העכער אין יענע דערפער, וועלכע פעראייניגען ביידע מינים ארבייט. אלס א דייטליכען ביישפּיעל קען מען דער־מאַנען די צוויי אייזען־ארבייט דערפער, וואָרסמאַ און פּאַוולאָוואַ, פון וועלכע איינער איז דורכאויס אינדוסטריעל, בעת אין דעם צווייטען הערען די איינוואוינער ניט אויף צו בעאַרבייטען דעם באָדען.*

מען וואָלט נאָך א סך מעהר געדאַרפט רעדען וועגען די דאָר־פּישע אינדוסטריען אין רוסלאַנד, בעזונדערס כדי צו בעווייזען, ווי לייכט די פּויערים פעראייניגען זיך, אויב די דחקות שטערט נאָר ניט דערצו, איינצוקויפען נייע מאַשינעריע, אָדער אויסצומיידען דעם צווישענהענדלער ווען זיי דאַרפען איינקויפען רויהען מאַטעריאַל. נאָך אזוינע ביישפּיעלען וואָלט מען געקענט ברענגען פון בעלגיען און בעזונדערס פון דער שווייץ, אָבער דאָס אויבענדערמאָנטע וועט זיין גענוג, צו געבען אן אַלגעמיינעם בעגריף פון דער וויכטיגקייט, די לעבענס־כחות און דער פערבעסערונגס־פעהיגקייט פון די דאָר־פּישע אינדוסטריען.

שלוסען.

די פאַקטען, וואָס מיר האָבען דאָ אינקורצען פאָרגעבראַכט, בעווייזען ביז צו א געוויסען גראַד די נוצען, וואָס מען וואָלט געקענט בעקומען פון א פעראייניגונג צווישען אַגריקולטור און אינ־דוסטריע, ווען די אינדוסטריע וואָלט געקענט קומען אין דאָרף ניט אין דער איצטיגער פאָרם פון א קאַפּיטאַליסטישער פאַבריק, נאָר אין דער פאָרם פון א געזעלשאַפטליך־אָרגאַניזירטער אינדוסטריעלער פּראָדוקציאָן, מיט דער פאָלשטענדיגער הילף פון מאַשינעריע און טעכנישען וויסען. דער קענטיגסטער שטריך פון די קליינע מלאכות איז פאַקטיש דאָס, וואָס מען געפינט א פערהעלטניסמעסיגען וואויל־שטאַנד נאָר דאָרט, וואו זיי זיינען פעראייניגט מיט דער אַגריקול־

---

* פּרוגאַווין אין דעם „וויעסטניק פּראָמיסלענאָסטי“, יוני 1884. זעה אויך דאָס אויסגעצייכענטע ווערק פון וו. וו. (וואָראָנצאָוו) „די שיק־זאַלען פון דעם קאַפּיטאַליזם אין רוסלאַנד“, 1882 (רוסיש).

טור, וואו די ארבייטער זיינען געבליבען ביי דער ערד און הערען ניט אויף זי צו בעארבייטען. אפילו צווישען די וועבער אין פראנק־רייך אדער אין מאסקווע, וועלכע דארפען זיך רעכענען מיט דער קאנקורענץ פון דער פאבריק, הערשט א לפי־ערך'דיגער וואוילשטאנד כל זמן די וועבער זיינען ניט געצוואונגען צו פערלאזען דעם באדען. פערקעהרט, אזוי שנעל ווי די הויכע שטייערען אדער די פעראַרמונג אין דער צייט פון א קריזיס צווינגט דעם הויז־ארבייטער אבצוגעבען זיין לעצט שטיקעל ערד דעם פראצענטניק, שלייכט די דחקות אריין אין דעם ארבייטער'ס הויז. דער אויסשוויצער ווערט אלמעכטיג, עס ווערען איינגעפיהרט שרעקליך לאנגע ארבייטס־שטונדען, און דער גאנצער פאך געהט אפטמאל צוגרונד.

אזוינע פאקטען, ווי אויך די אויסגעשפראכענע טענדענץ פון די פאבריקען איבערצוואנדערען אין די דערפער, וועלכע ווערט די צייטען אלץ קענטיגער, און האט זיך לעצטענס אויסגעדריקט אין דער „גארטען־שטעדט" בעוועגונג, האבען זעהר פיעל צו זאגען. עס וואלט, נאטירליך, געווען א גרויסער טעות צו מיינען, אז די אינדוסטריע מוז זיך אומקעהרען צו דער שטופע פון האנדווערק, כדי צו ווערען פעראייניגט מיט דער אגריקולטור. ווען נאר מען קען דורך דער מאשין איינשפארען מענשליכע ארבייט, איז די מאשין וויל־קאמען און מען וועט זי איינפיהרען; און עס איז קוים פאראן איין־איינציגער אינדוסטריע־צווייג, אין וועלכען די מאשין־ארבייט וואלט ניט געקענט איינגעפיהרט ווערען מיט גרויסע נוצען, וועניגסטענס אין געוויסע שטאדיען פון דער פאבריקאציע. אין דעם היינטיגען כאאטישען צושטאנד פון דער אינדוסטריע קענען נעגעל און ביליגע מעסערלעך געמאכט ווערען ביים האנד, און איינפאכע באוועל־שטאפען קענען געוועבט ווערען אויף האנד־שטוהלען. אבער אזא משונה'דיגע לאגע קען ניט לאנג אנהאלטען. די מאשין וועט ארויס־שטופען די האנד־ארבייט אין דער פאבריקאציע פון איינפאכע ארטיקלען. אין דערזעלבער צייט אבער וועט די האנד־ארבייט אויסשפרייטען איהר געביט אויף דער ארטיסטישער פערענדיגונג פון פיעלע געגענשטאנדען, וואס ווערען איצט אינגאנצען געמאכט אין דער פאבריק; און די האנד־ארבייט וועט שטענדיג פערבלייבען א וויכטיגער פאקטאר אין דעם וואוקס פון טויזענדער יונגע און נייע אינדוסטריען.

אָבער עס שטעלט זיך די פראַגע: פאַרוואָס זאָלען די באַוועל־, וואָל־ און זייד־שטאָפען, וואָס ווערען איצט געוועבט אין די דערפער ביים האַנד, ניט געוועבט ווערען מיט מאַשינעריע אין דיזעלביגע דערפער, ניט אויפהערענדיג טאַקע צו זיין פערבונדען מיט ערד־ארבייט? פאַרוואָס זאָלען הונדערטער הויז־אינדוסטריען, וואָס ווערען איצט אינגאַנצען בעטריבען ביים האַנד, ניט נעהמען זיך פאַר די ארבייט־שפּאָרענדע מאַשינען, ווי מען טהוט דאָס שוין אין דעם שטריקעריי־פאַך און אין פיעלע אַנדערע? עס איז ניטאָ קיין שום גרונד פאַרוואָס דער קליינער מאָטאָר זאָל ניט ווערען מעהר אַלגעמיין געברויכט ווי איצטער, וואו עס פאָדערט זיך ניט צו האָבען קיין פאַבריק; און עס איז ניטאָ קיין שום גרונד, פאַרוואָס דער דאָרף זאָל ניט האָבען אַן אייגען פאַבריקעל, וואו די פאַבריק־ארבייט איז ניצליכבער, ווי מיר זעהען עס שוין אָפטמאָל אין געוויסע דערפער אין פראַנקרייך.

נאָך מעהר. עס איז ניטאָ קיין גרונד פאַרוואָס די פאַבריק מיט איהר בעוועג־קראַפט און מאַשינעריע זאָל ניט געהערען צו דער געמיינדע, ווי עס איז שוין דער פאַל בנוגע דער בעוועג־קראַפט אין די פריהער־דערמאָנטע ווערקשעפּער און קליינע פאַבריקען אין דעם פראַנצויזישען טייל פון די יוראַ־בערג. עס איז קלאָר אַז איצט, אונטער דעם קאַפּיטאַליסטישען סיסטעם, איז די פאַבריק אַ קללה פאַר'ן דאָרף, מחמת זי קומט אַהין עקספּלואַטירען די ארבייט פון די קינדער און מאַכען פאַר אביונים די מענליכע איינוואוינער פון דאָרף. און עס איז גאַנץ נאַטירליך, אַז די ארבייטער זאָלען זיך שטעלען מיט אַלע כחות אַנטקעגען דעם, אויב עס איז זיי נאָר געלונגען אָנצורהאַלטען זייערע אַלטע פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס (ווי אין שעפּיעלד, אָדער סאָלינגען) אָדער אויב זיי זיינען נאָך ניט ארונטערגעקומען צו דער לעצטער שטופע פון דער ביטערער נויט (ווי אין דער יוראַ). אָבער אונטער אַ מעהר ראַציאָנאַלער געזעלשאַפטליכער אָרגאַניזאַציע וואָלט די פאַבריק ניט בעגעגענען אַזוינע שטערונגען: זי וואָלט זיין אַ גליק פאַר'ן דאָרף. און עס זיינען פאַראַן אונצווייפעלהאַפטע בעווייזען, אַז אין איניגע דאָרפישע געמיינדען ווערען שוין געמאַכט געוויסע טריט אין דער דאָזיגער ריכטונג.

די מאָראַלע און פיזישע נוצען, וואָס דער מענש וואָלט בעקור־

מען, ווען ער טיילט איין זיין ארבייט צווישען דעם ווערקשאפ און דעם פעלד, זיינען קלאר פון אויבענאויף. אבער די צרה איז, זאגט מען אונז, מיט דער נויטווענדיגער צענטראליזאציע פון די מאדערנע אינדוסטריען. אין דער אינדוסטריע ,ווי אין דער פאליטיק — די צענטראליזאציע האט אזוי פיעל אנהענגער! אבער דער אידעאל פון די צענטראליזאטארען נויטיגט זיך שטארק אין א רעוויזיע אויף אט דיביידע געביטען. עס איז אמת, אז אנאליזירענדיג די מאדערנע אינדוסטריען געפינען מיר אויס, אז פאר איינינע פון זיי איז די מיטארבייטשאפט פון הונדערטער, אדער אפילו פון טויזענדער ארבייטער צוזאמען, ווירקליך נויטווענדיג. די גרויסע אייזען־גיסערייען און מינען־אונערנעהמונגען געהערען גאנץ בעשטימט צו דער דאזיגער קאטעגאריע; אקעאנען־שיפען קענען ניט געבויט ווערען אין דארפישע פאבריקען. אבער א סך פון אונזערע גרויסע פאבריקען זיינען נישט מעהר, ווי א זאמלונג פון עטליכע בעזונדערע אינדוסטריען אונטער איין פערוואלטונג; אנדערע ווידער זיינען בלויז אנהויפונגען פון הונדערטער עקזעמפלארען פון דערזעלביגער מאשין; אט אזוי זיינען די מעהרסטע פון אונזערע גיגאנטישע שפין־ און וועב־אנשטאלטען.

אזוי ווי די פאבריקאציע איז א שטרענג פריוואטע אונטערנעהמונג, געפינען די אייגענטימער אז עס איז ניצליכער פאר זיי צו האבען אלע בראנזשען פון א בעשטימטער אינדוסטריע אונטער זייער אייגענער פערוואלטונג; אויף דעם אופן נעהמען זיי צוזאמען די פראפיטען פון די כסדר׳דיגע אויסארבייטונג־שטופען פון דעם רויהען מאטעריאל. און ווען איינינע טויזענד קראפט־שטוהלען זיינען פעראייניגט אין איין פאבריק, געפינט דער אייגענטימער זיין פארצוג דעריין, וואס ער קען האבען א קאנטראל איבער דעם מארק. אבער פון א ט ע כ נ י ש ע ן שטאנדפונקט זיינען די מעלות פון אזא אנזאמלונג גאנץ נישטיג און אפט גאר צווייפעלהאפטיג. אפילו אזא צענטראליזירטע אינדוסטריע, ווי די באוועל־אינדוסטריע, הויבט גאר ניט אן צו ליידען דערפון, וואס די פראדוקציאן פון איין סארט ארטיקלען ווערט צוטיילט אין איהרע פערשיידענע שטופען צווישען עטליכע בעזונדערע פאבריקען: מיר זעהען עס אין מאנטשעסטער און אין די ארומיגע שטעדט. וואס איז שייך די קליינע מלאכות, פיהלט זיך ניט קיין שום אונבעקוועמליכקייט אפילו פון דער נאך

גרעסערער צוטיילונג צווישען די ווערקשעפער אין דער זייגער־אינדוסטריע, און ביי פיעלע אנדערע.

מיר הערען אפט, אז איין פערד־קראפט קאסט אזוי פיעל אין א קליינער מאשין, און אזוי פיעל וועניגער אין א מאשין, וואס איז צעהן מאל אזוי שטארק; אז א פונט באוועל־גארן קאסט א סך וועניגער, ווען די פאבריק פערדאפעלט די צאהל פון איהרע שפינדלען. אבער לויט דער מיינונג פון די בעסטע אויטאריטעטען צווישען אינזשעניערען, ווי צ. ב. ש. פראפ. וו. אונווין, פערענטפערט די הידראולישע און ספעציעל די עלעקטרישע קראפט־פערטיילונג פון איין צענטראלער סטאנציע דעם ערשטען טייל פון דעם ארגומענט. *

וואס געהערט דעם צווייטען טייל, זיינען אזעלכע מיני חשבונות נאר גוט פאר יענע אינדוסטריען, וואס גרייטען צו די האלב פאבריצירטע פראדוקטען פאר ווייטערדיגע בעארבייטונגען. די אונצעהליגע סארטען ארטיקלען, וויעדער, וועלכע בעקומען זייער ווערטה פון דעם וואס עס ווערט אין זיי אריינגעטאן געלערנטע האנד־ארבייט, קענען אמבעסטען פאבריצירט ווערען אין די קלענערע פאבריקען, וואו עס ארבייטען עטליכע הונדערט אדער גאר עטליכע צעהנדליג ארבייטער. אט דערפאר איז די „קאנצענטראציע“, וועגען וועלכער מען רעדט אזוי פיעל, אפטמאל נישט מעהר ווי א פעראייניגונג פון קאפיטאליסטען מיט דעם צוועק צו בעהערשען דעם מארק, ניט כדי ביליגער צו מאכען די טעכנישע פראצעסען.

---

* איך קען צולעגען פון מיין אייגענער ערפאהרונג, אז דאס איז אויך די מיינונג פון פיעלע מאנטשעסטער פאבריקאנטען: „איך שפאר איין א סך דורך דעם, וואס איך בענוץ אין מיין פאבריק מוניציפאלע עלעקטרישע קראפט, אנשטאט דער דאמפף מאשין“ — האט מיר געזאגט איינער פון די געאכטסטע מיטגליעדער פון דער מאנטשעסטער שטאדט־געמיינדע. „איך צאהל פאר דער בעוועג־קראפט לויט דער צאהל מענשען, וואס איך בעשעפטיג, — אין געוויסע צייטען צוויי הונדערט, און אן אנדערשמאל בלויז פופציג. איך דארף ניט קויפען קיין קויהלען און האלטען עס אין לאגער א גאנץ יאהר פאראויס; איך האב איינגעשפארט דעם פלאץ, וואס די דאמפף־מאשין האט פערנומען; און חוץ דעם שאקעלט ניט אזוי און עס איז ניט צו־הויס אין דעם צימער פון אויבען, ווי עס איז פריהער געוועזן פון דער דאמפף־מאשין.“

אפילו אונטער די היינטיגע בעדינגונגען גיבען די גאר גרויסע פאבריקען א סך אונבעקוועמליכקייטען, מחמת זיי קענען ניט אזוי שנעל איבערמאכען זייער מאשינעריע, לויט די שטענדיג נייע פאדערונגען פון די געברויכער. און וויפיעל באנקראטען פון גרויסע פירמעס — זיי זיינען צו גוט בעקאנט, אז איך זאל דארפען דערמאנען זייערע נעמען — זיינען געקומען פון אט דער אורזאך בעת׳ן קריזיס פון 1886—1890! וואס געהערט די נייע אינדוסטריעצווייגען, וועלכע איך האב דערמאנט אין אנפאנג פון דעם פריהערדיגען קאפיטעל, מוזען זיי דאך שטענדיג אנהויבען פון א קליינעם מאסשטאב; און זיי קענען בליהען אין די קליינע שטעדטלעך פונקט אזוי גוט, ווי אין די גרויסע שטעדט, אויב אט די קליינע פלעצער זיינען נאר בעזארגט מיט אנשטאלטען, וואס סטימולירען דעם ארטיסטישען געשמאק און דעם גייסט פון ערפינדונג. דער פארטשריט, וואס איז די לעצטע צייט געמאכט געווארען אין דער שפיעלצייג־אינדוסטריע, ווי אויך די הויכע פאלקאמענהייט, וואס מען האט דערגרייכט אין דער פאבריקאציע פון מאטעמאטישע און אפטישע אינסטרומענטען, פון מעבעל, פון קליינע לוקסוס־ארטיקלען, פון טעפעריי און אזוי ווייטער, קענען דיענען פאר ביישפיעלען צום פונקט. קונסט און וויסענשאפט זיינען ניט מעהר די מאנאפאל פון די גרויסע שטעדט, און דער ווייטערדיגער פארטשריט וועט זיי נאך מעהר פערשפרייטען איבער׳ן לאנד.

די געאגראפישע פערטיילונג פון די אינדוסטריען אין א געוויסען לאנד העננט נאטירליך אב אין א גרויסער מאס פון א גאנצער זאמלונג פון נאטירליכע בעדינגונגען; עס איז קלאר, אז עס זיינען פאראן פלעצער, וועלכע זיינען בעסער צוגעפאסט פאר דער ענטוויקלונג פון געוויסע אינדוסטריען. די ברעגעס פון די טייכען קלייד און טיין זיינען געווים די פאסיגסטע פלעצער פאר שיפ־בוי־הויפען, און אזוינע הויפען מוזען ווערען ארומגערינגעלט פון פערשיידענע ווערקשעפער און פאבריקען. די אינדוסטריען וועלען אלע מאל געפינען געוויסע נוצען פון גרופירען זיך ביז א געוויסען ערך צוזאמען, לויט די נאטירליכע כאראקטער־שטריכען פון בעזונדערע געגענדען. מיר מוזען אבער אנערקענען, אז איצטער זיינען זיי גארניט גרופירט לויט די דאזיגע נאטירליכע שטריכען. היסטארישע אורזאכען — דערהויפט רעליגיעזע מלחמות און נאציא־

נאַלע צאַנקערייען — האָבען אַ סך געהאַט צו טהאָן מיט זייער וואוקס און זייער היינטיגער פערטיילונג. נאָך אַ גרעסערע אורזאַך איז דאָס, וואָס די בעלי בתים האָבען זיך געלאָזט פיהרען פון אויס־רעכענונגען בנוגע די בעקוועמליכקייטען פון פערקויף און עקספּאָרט — ד. ה. פון אַזוינע אויסרעכענונגען, וועלכע פערלירען שוין זייער וויכטיגקייט זינט די טראַנספּאָרט־מיטלען זיינען פערגרעסערט גע־וואָרען, און וועלען עס נאָך מעהר פערלירען, ווען די פּראָדוצירער וועלען פּראָדוצירען פאַר זיך אַליין און ניט פאַר קונדען, וואָס געפינען זיך ערגעץ ווייט אַוועק.

פאַרוואָס דאַרף לאָנדאָן, אין אַ ראַציאָנאַל־אָרגאַניזירטער גע־זעלשאַפט, פערבלייבען אַ גרויסער צענטער פון דעם איינגעמאַכטס־און קאָנסערווען־פאַך, און פאַבריצירען שירעמס כמעט פאַר דער גאַנצער פעראייניגטער ענגלישער מלוכה? פאַרוואָס זאָלען די אונ־צעהליגע קליין־אינדוסטריען פון ווהייטשעפּעל פערבלייבען וואו זיי זיינען, אַנשטאָט צו פערשפּרייטען זיך איבער'ן גאַנצען לאַנד? ס'איז ניטאָ קיין שום גרונד, פאַרוואָס די מאַנטלען, וואָס די ענגלישע דאַמען טראָגען, זאָלען געמאַכט ווערען אין בערלין און אין ווהייט־שעפּעל, אַנשטאָט אין דעוואָנשיר אָדער דערבישיר. פאַרוואָס זאָל פּאַריז ראַפינירען צוקער כמעט פאַר גאַנץ פראַנקרייך? פאַרוואָס זאָל אַ העלפט פון די שיך און שטיוועל, וואָס די פעראייניגטע שטאַאַטען פערברויכען, פאַבריצירט ווערען אין די 1,500 ווערק־שעפּער פון מאַסאַטשוזעטס? עס איז אַבסאָלוט ניטאָ קיין שום גרונד פאַרוואָס אָט די און נאָך אַזוינע זאָנדערבאַרקייטען זאָלען בלייבען ווייטער עקזיסטירען. די אינדוסטריען מוזען פערשפּרייט ווערען איבער דער גאַנצער וועלט; און נאָך דער פערשפּרייטונג פון די אינדוסטריען צווישען די ציוויליזירטע פעלקער וועט על פּי נויט מוזען קומען אַ ווייטערע פערשפּרייטונג פון פאַבריקען איבער די טעריטאָריעס פון יעדער נאַציאָן.

אין דעם משך פון אָט דער עוואָלוציע וועלען די נאַטירליכע פּראָדוקטען פון יעדען ראַיאָן, ווי אויך זיינע געאָגראַפישע בעדינ־גונגען, געוויס זיין איינער פון די פאַקטאָרען, וואָס וועלען בע־שטימען דעם כאַראַקטער פון די אינדוסטריען, וועלכע וועלען זיך ענטוויקלען אין יענעם ראַיאָן. ווען מיר זעהען אָבער, אַז די שווייץ איז געוואָרען אַ גרויסע עקספּאָרטירערין פון דאַמפּף־מאַשינען,

אייזענבאהן־מאשינען און דאמפף־שיפען, אבוואויל זי האט ניט קיין אייזען־רודעס, און קיין קויהלען צו פאבריצירען שטאהל, און אפילו ניט קיין ים־האפען אויף צו אימפארטירען זיי; ווען מיר זעהען, אז בעלגיען איז געלונגען צו ענטוויקלען א גרויסען עקספארט פון וויינטרויבען, און אז מאנטשעסטער האט בעוויזען צו ווערען א ים־האפען, — פערשטעהען מיר, אז אין דער געאגראפישער פער־טיילונג פון די אינדוסטריען, זיינען די צוויי פאקטארען, די לאקאלע פראדוקטען און א גינסטיגע לאגע ביים ים, נאך ניט די הערשענדע פאקטארען. מיר הויבען אן צו פערשטעהן, אז אלץ צוזאמענ־גענומען שפיעלט דא דער אינטעלעקטועלער פאקטאר — דער ערפינדונגס־גייסט, די פעהיגקייט זיך צוצופאסען, פאליטישע פרייהייט א. אז. וו. — א גרעסערע ראליע איידער אלע איבעריגע.

אז פאר אלע אינדוסטריען איז עס א גרויסע מעלה, ווען זיי ווערען בעטריבען אין א נאהענטער בעריהרונג מיט פיעלערליי אנדערע אינדוסטריען, האט דער לעזער שוין געזעהן פון די פריהער־דיגע צאהלרייכע ביישפיעלען. יעדע אינדוסטריע נויטיגט זיך אין א טעכנישער סביבה. דאס אייגענע איז אבער אויך ריכטיג בנוגע צו דער אגריקולטור.

די אגריקולטור קען זיך ניט ענטוויקלען אהן דער הילף פון מאשינעריע, און דאס בענוצען זיך מיט פאלקאמענער מאשינעריע קען ניט ווערען אלגעמיין אהן אן אינדוסטריעלער סביבה: דער געברויך פון לאנדווירטשאפטליכער מאשינעריע איז אונמעגליך אהן מעכאנישע ווערק־שעפער, וואס זיינען לייכט צוגענגליך פאר דעם ערד־ארבייטער. דער דארף־שמיעד איז ניט גענוג. אויב די ארבייט פון א דרעש־מאשין מוז אבגעשטעלט ווערען אויף א וואך אדער מעהר, ווייל איינער פון די ראד־ציינער איז קאליע געווארען, און אויב מען מוז שיקען נאך א נייעם ראד א ספעציעלען שליח אין דער נעקסטער פראווינץ — דאן איז דער געברויך פון דרעש־מאשינען אן אונמעגליכקייט. אבער פונקט אזא זאך האב איך אין מיין קינדהייט טאקע אליין געזעהן אין צענטראל־רוסלאנד; און דא גאר ניט לאנג האב איך געפונען דעמזעלבען פאקט דערמאנט אין אן ענגלישער אויטא־ביאגראפיע פון דער ערשטער העלפט פון דעם ניינצעהנטען יאהרהונדערט. חוץ דעם מוזען די ערדארבייטער פון דעם גאנצען צפונ׳דיגען טייל פון דעם מעסיגען ערד־פאס

האָבען עפּעס אַן אינדוסטריעלע בעשעפטיגונג אין משך פון די לאַנגע װינטער־חדשים. אַט דאָס האָט טאַקע גורם געװען די גרױסע ענטװיקלונג פון די דאָרפּישע אינדוסטריען, פון װעלכע מיר האָבען נאָר װאָס געזעהן אַזױנע אינטערעסאַנטע בײשפּיעלען. אָבער מען פיהלט דיזעלבע בעדערפניש אױך אונטער דעם מילדען קלימאַט פון די קאַנאַל־אינזלען, ניט קוקענדיג דערױף, װאָס דאָרט איז שטאַרק פערשפּרײט די גערטנערײ אונטער גלאָז (אָראַנזשערײען). „מיר נױטיגען זיך אין אַזױנע אינדוסטריען. װאָלט איהר אונז געקענט עפּעס אָנװײזען?“ האָט מיר געשריבען אײנער פון מײנע קאָרעס־פּאָנדענטען אין גערנסעי.

אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלץ. די אַגריקולטור נױטיגט זיך אַזױ שטאַרק אין דער הילף פון די, װאָס װאױנען אין די שטעדט, אַז יעדען זומער פערלאָזען טױזענדער זײערע שמוציגע שטאָדטישע הינטערגעסלעך און געהען אין דאָרף אױף׳ן שניט־סעזאָן. די לאָנ־דאָנער עלענדע לאָזען זיך אװעק אין די טױזענדער קײן קענט און סוסעקס אַלס הײ־שנײדער און האָפּען־זאַמלער, און עס איז אױס־גערעכענט געװאָרען אַז קענט אַלײן נױטיגט זיך אין נאָך 80,000 מענער און פרױען אַלס האָפּען־שנײדער. גאַנצע דערפער אין פראַנקרײך צוזאַמען מיט זײערע הױז־אינדוסטריען װערען זומער־צײט פערלאָזען און די פױערים װאַנדערען אַװעק אין די פרוכט־באַרערע געגענדען פון לאַנד. הונדערטער טױזענדער מענשען װערען יעדען זומער איבערגעשיקט אין די פּרעריעס פון מאַניטאָבא און דאַקאָטאַ. יעדען זומער פערשפּרײטען זיך טױזענדער פּאָליאַ־קען איבער די פּלײנען פון מעקלענבורג, װעסטפאַליען און אַפילו פראַנקרײך. און אין דוסלאַנד קומט יעדען יאָהר פאָר אַן אױס־װאַנדערונג פון עטליכע מיליאָן מענשען, װעלכע לאָזען זיך אַװעק פון צפון צו די דרום־פּרעריעס אַרײנצוזאַמלען די גרעטעגישען. פיעלע פּעטערבורגער פאַבריקאַנטען פערקלענערען זײער פּראָדוק־ציאָן אין זומער, מחמת די אַרבײטער קעהרען זיך דאַן אום אין זײערע הײמישע דערפער צו בעאַרבײטען זײערע שטיקלעך ערד.

די אַגריקולטור קען ניט בעטריבען װערען זומער־צײט אָהן נײע הענד. אָבער נאָך מעהר נױטיגט זי זיך אין צײטװײליגער הילף, אױף צו פערבעסערען דעם באָדען, כדי צו פערצעהנ־פאַכען זײנע פּראָדוקטיװע כחות. מיט דער הילף פון דאַמפּף־

אַקערן, דרענאַזש און בעמיסטיגונג, וואָלט מען געקענט מאַכען פון די שווערע ליימען אין צפון־מערב פון לאַנדאָן אַ מעהר פרוכט־באַרען באָדען, איידער דער באָדען פון די אַמעריקאַנער פּרעריעס. כּדי צו ווערען פרוכטבאַר, נויטיגען זיך די דאָזיגע ליימען בלויז אין פּשוט׳ער, ניט־געלערנטער מענשליכער ארבייט, אַזוינע ארבייט ווי עס איז נויטיג צו גראָבען די ערד, אויסצולעגען די דרענאַזש־רעהרען, צומאָלען די פאָספאָריטען א. ד. ג. די פאַבריק־ארבייטער וואָלטען מיט צופריעדענהייט געטהאָן אַזא ארבייט, ווען זי וואָלט געהעריג אָרגאַניזירט געווען אין אַ פרייער געמיינדע צום נוצען פון דער גאַנצער געזעלשאַפט. דער באָדען פאָדערט אַזא מין הילף, און ביי אַ געהעריגער אָרגאַניזאַציע פון ארבייט וואָלט ער זי אויך געקראָגען, אפילו ווען עס וואָלט צוליעב דעם צוועק נויטיג געווען אָבצושטעלען זומער־צייט אַ סך פאַבריקען. עס פערשטעהט זיך, אַז די היינטיגע פאַבריקען־אייגענטימער וואָלטען גע׳טענה׳ט, אַז זיי וועלען רואינירט ווערען, אויב זיי זאָלען דאַרפען אָבשטעלען זייערע פאַבריקען אויף עטליכע מאָנאַטען יעדען יאָהר. וואָרים דאָס קאַפּיטאַל, וואָס ליעגט אין אַ פאַבריק, איז מחויב צו שעפּען גאָלד יעדען טאָג און יעדע שעה אויב נאָר מעגליך. אָבער דאָס איז דעם קאַפּיטאַליסט׳ס קוק אויף דער זאַך, ניט דער געזעלשאַפט׳ס קוק.

וואָס איז שייך די ארבייטער, וועלכע דאַרפען זיין די אמת׳ע פערוואַלטער פון די אינדוסטריען, וועלען זיי בעטראַכטען אַז עס איז געזינטער נ י ט צו טהאָן אַ גאַנצען קיילעכדיגען יאָהר איין און די זעלביגע ארבייט. זיי וועלען וואַרפען די ארבייט פאַר׳ן זומער, סיידען, פערשטעהט זיך, זיי וועלען אויסגעפינען עפּעס אַ מיטעל ווי אַזוי אָנצוהאַלטען די פאַבריק אין פולען גאַנג, אָבבייטענדיג איינע די אַנדערע גרופּענווייז.

די פערשפּרייטונג פון די אינדוסטריען איבער׳ן לאַנד — אַזוי אַז עס זאָל ברייינגען די פאַבריק צווישען די פעלדער, אַז די אַגרי־קולטור זאָל קענען שעפּען אַלע נוצען, וואָס זי געפינט אַלעמאָל, ווען זי איז פערבונדען מיט דער אינדוסטריע (זעה די מזרח־שטאַאַטען פון אַמעריקאַ), און עס זאָל שאַפען אַ פערבינדונג צווישען לאַנדווירטשאַפטליכער און אינדוסטריעלער ארבייט — דאָס איז געוויס דער נעקסטער שריט, וואָס דאַרף געמאַכט ווערען,

אזוי שנעל ווי עס וועט מעגליך ווערען צו רעאָרגאַניזירען אונזערע איצטיגע אומשטענדען. ער ווערט שוין איצטער געמאַכט דאָ און דאָרט, ווי מיר האָבען עס געזעהן אויף די פריהערדיגע זייטלעך. די נויט אליין צו פּראָדוצירען פאַר'ן גע־ברויך פון די פּראָדוצירער גופא צווינגט אונז צו מאַכען דעם שריט; די נויטיגקייט פאַר יעדען געזונדען מאַן און פרוי צו פערברייגען א טייל פון זייער לעבען טהוענדיג האַנד־אַרבייט אויף דער פרייער לופט, צווינגט ארויף דעם שריט; און נאָך נויטיגער וועט ער ווערען, ווען די גרויסע סאָציאַלע בעווע־גונגען, וועלכע זיינען שוין איצטער געוואָרען אונפערמיידליך, וועלען צורודערען דעם היינטיגען אינטערנאַציאָנאַלען האנדעל, און צווינגען יעדען פאָלק צו נעהמען זיך פאַר זיינע אייגענע קוועלען, כדי צו דער־האַלטען זיין עקזיסטענץ. די מענשהייט בכלל, אזוי גוט ווי יעדער יחיד בפרט, וועט געווינען דורך דער ענדערונג, און די ענדערונג וועט קומען.

אָבער אזא ענדערונג שליסט אויך איין א גרינדליכע ענדערונג אין אונזער היינטיגען סיסטעם פון ערציהונג. עס פאָדערט זיך, אז די געזעלשאַפט זאָל בעשטעהן פון מענער און פרויען, וואָס יעדער פון זיי קען ארבייטען מיט די הענד אזוי גוט ווי מיט'ן קאָפּ, און ניט נאָר ביי איין זאַך אליין. אָט די „פעראייניגונג פון כחות" און „אינטעגראַלע ערציהונג" וועל איך איצט זיך נעהמען אנאַליזירען.

קאַפּיטעל VIII

גייסטיגע אַרבייט און האַנד־אַרבייט

די צושיידונג צווישען וויסענשאַפט און האַנדווערק. — טעכנישע ערציהונג. — אַ פאָלשטענדיגע ערציהונג. — דער מאָסקווער סיסטעם: אָנגעווענדט אין שיקאַגאָ, באָסטאָן, אַבערדין. — קאָנקרעטער אונטערריכט. — די איצטיגע צייט־פערשווענדונג. — וויסענשאַפט און טעכניק. — די נוצען, וואָס די וויסענשאפט קען ציהען פון דער פערבינדונג פון גייסטיגער אַרבייט און האַנד־ארבייט.

אין די אַלטע צייטען האָבען די וויסענשאפטס־מענער, און ספּעציעל יענע, וואָס האָבען אממעהרסטען אויפגעטהאָן פאַר דער ענטוויקלונג פון דער נאַטור־וויסענשאפט, ניט ממאס געווען די האַנד־אַרבייט און דאָס האַנד־ווערק. גאַלילעאָ האָט זיינע טעלעסקאָפּען געמאַכט מיט די אייגענע הענד. ניוטאָן האָט יונגערהייט זיך אויסגעלערנט ווי אַרומצוגעהן מיט געצייג. ער האָט געאיבט זיין יונגען גייסט, אויסקלערענדיג העכסט טיעפזיניגע מאַשינען; און ווען ער האָט אָנגעפאַנגען זיינע אָפּטישע אונטערזוכונגען, איז ער געווען אימשטאַנד אַליין צו שלייפען די גלעזער פאַר זיינע אינסטרומענטען און אַליין צו מאַכען דעם בעריהמטען טעלעסקאָפּ, וועלכער איז פאַר זיין צייט געווען אַ פיין שטיקעל קונסט־אַרבייט. לייבניץ האָט ליעב געהאַט צו ערפינדען מאַשינען; ווינדמיהלען און וועגען, וואָס זאָלען פאָהרען אָהן פערד, האָבען פערנומען זיין געדאַנק פּונקט אַזויפיעל, ווי די מאַטעמאַטישע און פילאָזאָפישע חקירות. ליננעאוס איז געוואָרען אַ באָטאַניקער, העלפענדיג זיין פאָטער, וועלכער איז געווען אַ פּראַקטישער גערטנער, אין זיין טעגליכער אַרבייט. קורץ, ביי אונזערע גרויסע זשעניען איז דאָס האַנדוועדק ניט געווען קיין שטער צו אַבסטראַקטע פאָרשונגען — נאָר אדרבא, עס האָט זיי נאָך געהאָלפען. פון דער אַנדער זייט, וויעדער, אויב די אַרבייטער אין די אַמאָליגע צייטען האָבען געהאַט ווינציג געלעגענהייטען צו דערגעהן וויסענשאַפט, האָבען וועניגסטענס אַ סך זייערע געהאַט אַ מעגליכקייט צו שאַרפען דעם מוח

בײ די פערשײדענע אַרבײטען גופא, װאָס פלעגען געמאַכט װערען אין די דאַמאָלסדיגע נאָך ניט ספּעציאַליזירטע װערקשעפּער; און מאַנכע פון זײ האָבען גענאָסען פון דעם פערטרויטען פערקעהר מיט װיסענשאַפטס־מענער. װאַטט און רעננײע זײנען געװען בעפרײנדעט מיט פּראָפעסאָר ראָבינסאָן; ברינדלעי, דער װעג־מאַכער, טראָץ דעם װאָס ער האָט פערדיענט נישט מעהר װי פערצעהן פּענס אַ טאָג, האָט פערקעהרט מיט געבילדעטע מענשען, און אויף דעם אופן ענטװיקעלט זײנע מערקװירדיגע אינזשענערישע פעהיגקײטען; דער זוהן פון אַ װאוילהאָבענדער פאַמיליע האָט געקענט זיך „אַרומדרעהען" אין אַ שטעלמאַכער׳ס שאַפּ, און אַט אַזױ װערען שפּעטער אַ סמיטאָן אָדער אַ סטעפענסאָן.

מיר האָבען דאָס אַלץ איבערגעמאַכט. אונטער דעם אויסרייד פון אַרבײטס־צוטײלונג האָבען מיר דעם קאָפּ־אַרבײטער שאַרף אָבגעזונדערט פון דעם האַנד־אַרבײטער. די אַרבײטער־מאַסען קריגען ניט מעהרער װיסענשאַפטליכע בילדונג אײדער זײערע זײדעס האָבען געקראָגען; אָבער זײ האָט מען בערויבט אפילו פון דער ערציהונג, װאָס דער קלײנער שאַפּ האָט געגעבען, און זײערע אינגלעך און מײדלעך פערטרײבט מען אין אַ מינע אָדער אַ פאַבריק פון דרײצעהן יאָהר אָן, און זײ פערגעסען דאָרט באַלד דאָס ביסעל, װאָס זײ האָבען זיך געקענט אויסלערנען אין שול. װאָס געהערט די מענער פון װיסענשאַפט — זײ פעראַכטען די האַנד־אַרבײט. װיפיעל פון זײ װאָלטען געקענט מאַכען אַ טעלעסקאָפּ אָדער אפילו אַן אײנפאַכען אינסטרומענט! די מעהרסטע פון זײ זײנען אפילו ניט אימשטאַנד צו מאַכען אַ צײכנונג פון אַ װיסענשאַפטליכען אינסטרומענט. און װען זײ גיבען דעם אינסטרומענטען־מאַכער אַן אונבעשטימטען בעגריף פון דעם אַפּאַראַט, װאָס זײ װילען האָבען, לאָזען זײ איהם אַלײן די גאַנצע זאַך ערפינדען. נאָך מעהר, זײ האָבען דערהויבען די פעראַכטונג פון האַנד־אַרבײט צו דער הויך פון אַ טעאָריע. „דער װיסענשאַפטסמאַן, זאָגען זײ, דאַרף ענטדעקען די נאַטור־געזעצען; דער אינזשינער דאַרף זײ אָנװענדען; און דער אַרבײטער מוז אויסאַרבײטען אין שטאָהל אָדער האָלץ, אין אײזען אָדער שטײן, די מוסטערן, װאָס דער אינזשענער האָט געצײכענט: ער מוז אַרבײטען מיט מאַשינען, װאָס מען האָט פאַר איהם ערפונדען, ניט װאָס ער האָט אַלײן ערפונדען. עס מאַכט

ניט אויס אויב ער פערשטעהט זיי ניט, און קען זיי ניט אויס־בעסערן: דער וויסענשאַפטסמאַן און דער וויסענשאַפטליכער אינ־זשענער וועלען שוין אַכטונג געבען אויף דעם פּראָגרעס פון דער וויסענשאַפט און דער אינדוסטריע".

מען קען איינווענדען אַנטקעגען דעם, אַז פונדעסטוועגען איז דאָ אַ קלאַס מענשען, וואָס געהערען ניט צו קיינע פון די דערמאָנטע דריי איינטיילונגען. עס זיינען פאַראַן אַזעלכע, וואָס זיינען אין דער יוגענד געווען האַנד־אַרבייטער, און מאַנכע פון זיי זיינען געבליבען האַנד־אַרבייטער, נאָר צו פערדאַנקען געוויסע גליקליכע אומשטענדען איז זיי געלונגען צו בעקומען וויסענשאַפטליכע קענ־טעניש, און האָבען אויף דעם אופן פעראייניגט וויסענשאַפט מיט האַנדווערק. גאַנץ געוויס זיינען דאָ אַזעלכע מענשען; גליקליכער־ווייז געפינט זיך נאָך אַ גרופּע מענשען, וועלכע זיינען נצול געוואָרען פון דער פּיעל־געדיהמטער ספּעציאַליזאַציע פון אַרבייט, און זיי טאַקע האָט די אינדוסטריע צו פערדאַנקען איהרע וויכטיגסטע נייע ערפינדונגען. אָבער זיי זיינען, ווענגיגסטענס אין דער אַלטער אייראָפּא, די אויסנאַהמען; זיי זיינען די אונגעוועהנליכע — די קאָזאַקען וואָס האָבען דורכגעבראָכען די רייהען און דורכגעשטאָכען די שייד־ווענט, וואָס זיינען מיט אַזאַ בעזאָרגטקייט אויפגעבויט געוואָרען צווישען די קלאַסען. און זיי זיינען אַזוי ווייניג אין פער־גלייך מיט די שטענדיג־וואַקסענדע פאָדערונגען פון דער אינ־דוסטריע — און אויך מיט די פאָדערונגען פון דער וויסענשאַפט, ווי איך מיין עס צו בעווייזען — אַז מיר הערען ווי די גאַנצע וועלט בעקלאָגט זיך, וואָס עס איז אַזאַ דוחק פונקט אין אַזעלכע מענשען.

וואָס דען, אין דער אמת'ן, איז די בעדייטונג פון דעם געשריי נאָך טעכנישער בילדונג, וואָס איז אויפגעהויבען געוואָרען אין איין־און־דערזעלביגער צייט אין ענגלאַנד, אין פראַנקרייך, אין דייטש־לאַנד, אין די פעראייניגטע שטאַאַטען און אין רוסלאַנד, אויב עס דריקט ניט אויס אַן אַלגעמיינע אונצופריעדענהייט מיט דער היינ־טיגער איינטיילונג אין וויסענשאַפטסלייט, וויסענשאַפטליכע אינ־זשענערען און אַרבייטער? הערט זיך־צו צו די וואָס קענען די אינדוסטריע, וועט איהר בעגרייפען, אַז דער תמצית פון זייערע

קלאַגען איז אָט דאָס: דער ארבייטער, וואָס זיין מלאָכה איז ספּעציאַליזירט געוואָרען דורך די צוטיילונג פון דער ארבייט, האָט פערלאָרען דעם גייסטיגען אינטערעס אין זיין ארבייט, און דאָס איז ספּעציעל דער פאַל אין די גרויסע אינדוסטריען: ער האָט פערלאָרען זיינע ערפינדערישע פעהיגקייטען. פריהער האָט ער זעהר פיעל ערפונדען. האנד־ארבייטער — ניט וויסענשאַפטס־מענער און ניט געבילדעטע אינזשענערען — האָבען ערפונדען אָדער פערפאָלקאָמט די טרייב־ווערק און די גאַנצע מאַסע מאַשינעריע, וועלכע האָט רעוואָלוציאָנירט די אינדוסטריע אין די לעצטע הונ־דערט יאָהר. אָבער זינט די גרויסע פאַבריק האָט אָנגעהויבען קיניגען, האָט דער ארבייטער, א דערשלאָגענער פון דער מאָנאָטאָנער ארבייט, אויפגעהערט צו ערפינדען. וואָס קען א וועבער ערפינדען, וועלכער פּאַסט נאָר אויף פיער שטוהלען, ניט וויסענדיג קיין זאַך, ניט וועגען זייערע קאָמפּליצירטע בעוועגונגען, ניט ווי אזוי די מאַשינען זיינען געוואָרען דאָס, וואָס זיי זיינען? וואָס קען א מענש ערפינדען, וועלכער איז פער׳משפּט דעם גאַנצען לעבען צוזאַמצובינדען מיט דער גרעסטער שנעלקייט די עקען פון צוויי פעדים, און מעהר איידער מאַכען א קניפּעל הויבט ער ניט אָן צו וויסען?

„אין אָנפאַנג פון דער מאָדערנער אינדוסטריע האָבען דריי דורות ארבייטער געמאַכט ערפינדונגען; איצטער האָבען זיי אויפ־געהערט. וואָס געהערט די ערפינדונגען פון די אינזשענערען, וועלכע זיינען ספּעציעל געבילדעטע אויסצוקלערען מאַשינען, איז אָדער עס פעהלט זיי זשעניע, אָדער זיי זיינען ניט פּראַקטיש גענוג. יענע „קליינינקייטען, וואָס זיינען כמעט גאָרנישט“, וועגען וועלכע סער פרעדעריק בראַמוועל האָט אמאָל גערעדט אין באַטה, פעהלען אין זייערע ערפינדונגען — די קליינינקייטען, וועלכע מען קען לערנען נאָר אין שאָפּ, און וועלכע האָבען געגעבען די מעגליכקייט א מורדאָק און די סאָהאָ ארבייטער צו מאַכען א פּאַקטישע מאַשין נאָך וואַטט׳ס פּלענער. נאָר דער וואָס קען די מאַשין — ניט בלויז נאָך איהרע צייכענונגען און מאָדעלען, נאָר ווי זי פּלאַטערט און פּאַכט — נאָר דער וואָס דענקט וועגען איהר אונבעוואוסטזיניג, בעת ער שטעהט נעבען איהר, קען איהר ווירקליך אויסבעסערן. סמיטאָן און ניוקאָמען זיינען אוודאי געוועזען אויסגעצייכענטע אינ־זשענערען, אָבער ביי זייערע מאַשינען האָט א אינגעל געדאַרפט

שטעהן און עפּענען דעם דאַמף־דעקעל יעדעס מאָל וואָס די קאָלבע האָט אַ קלאַפּ געטאָן; און איינער פון אָט די אינגלעך איז דאָס געווען, וואָס האָט זיך איינגעקעהרט אַמאָל אַזוי צו צוטשעפּען דאָס דעקעל צו די אַנדערע טיילען פון דער מאַשין, אַז עס זאָל זיך עפּענען אַליין אויטאָמאַטיש, בעת ער איז אַוועקגעלאָפען זיך שפּיעלען מיט אַנדערע אינגלעך. אין די מאָדערנע מאַשינעריען אָבער איז קיין פּלאַץ ניטאָ פאַר אַזוינע סאָרטען נאַאיווע אויס־בעסערונגען. פאַר ווייטערע ערפינדונגען איז געוואָרען נויטיג צו האָבען אַ וויסענשאַפטליכע בילדונג אויף אַ ברייטען מאַסשטאַב, און אַזאַ בילדונג גיט מען ניט די אַרבייטער. אַזוי אַז עס איז קיין אַנדער אויסוועג ניטאָ, סיידען די וויסענשאַפטליכע ערציהונג און האַנדווערק זאָלען ווערען פעראייניגט — סיידען עס זאָל איינגע־פיהרט ווערען אַן אינטעגראַציע פון וויסען, אַנשטאָט די היינטיגע צוטיילונגען.“

אָט דאָס איז דער אמת'ער אינהאַלט פון דער היינטיגער בעוועגונג צו גונסטען פון אַ טעכנישער ערציהונג. אָבער אַנשטאָט צו ברייגען אָט די אפשר־נאָך־אונבעוואוסטזיניגע מאָטיווען פון דער היינטיגער אונצופריעדענהייט צו דעם עפענטליכען בעוואוסט־זיין; אַנשטאָט ברייטער צו מאַכען די אַנשויאונגען פון די אונצו־פריעדענע און דיסקוטירען דאָס פּראָבלעם אין זיין גאַנצען אומפאַנג, דערהויבען זיך די וואָרט־פיהרער פון דער בעוועגונג דאָס רוב ניט העכער פאַר דעם שמאָלען קרעמער־שטאַנדפּונקט. איייניגע לאָזען זיך אַריין אין ביליג־פּאַטריאָטישע רייד וועגען אויסראָטען יעדע אויסלענדישע קאָנקורענץ. אַנדערע, ווידער, זעהען אין דער גאַנ־צער טעכנישער ערציהונג נישט מעהר ווי אַ מיטעל אויסצובעסערן די מענשליכע מאַשין אין דער פאַבריק און אַרויפצוגעהמען עטליכע אַרבייטער אין דעם העכערן קלאַס פון די שטודירטע אינזשענערען.

אַזאַ אידעאַל מעג אפשר זיי צופריעדען שטעלען, ער קען אָבער ניט צופריעדען שטעלען די, וועלכע האָבען אין אויג די פעראייניגטע אינטערעסען פון וויסענשאַפט און אינדוסטריע, און קוקען אויף ביידען ווי אויף אַ מיטעל צו דערהויבען די מענשהייט אויף אַ העכערער שטופע. מיר בעהויפּטען, אַז יעדער מענש אָהן אונטער־שייד פון געבורט דאַרף, אין די אינטערעסען אי פון דער וויסענ־שאַפט, אי פון דער אינדוסטריע, אי פון דער געזעלשאַפט בכלל,

קריגען אזא ערציהונג, וואָס זאָל איהם אָדער איהר געבען די מעג-
ליכקייט צו פעראייניגען א גרינדליכען שטודיום פון וויסענשאַפט
מיט א גרינדליכער קענטשאַפט פון האַנדווערק. מיר אַנערקענען
פאָלשטענדיג די נויטיגקייט פון ספּעציאַליזירען זיך אין קענטעניש,
מיר בעהויפּטען אָבער, אז דאָס ספּעציאַליזירען זיך דאַרף קומען
נאָך דער אַלגעמיינער בילדונג, און די דאָזיגע אַלגעמיינע בילדונג
מוז געגעבען ווערען צוגלייך אי אין וויסענשאַפט, אי אין האַנד-
ווערק. אנטקעגען דער צוטיילונג פון דער געזעלשאַפט אויף קאָפּ-
אַרבייטער און האַנד-אַרבייטער, שטעלען מיר אוועק די פעראייניגונג
פון די ביידע סאָרטען טהעטיגקייט; און אַנשטאָט די „טעכנישע
ערציהונג“, וועלכע בעטייט די אויפהאַלטונג פון דער היינטיגער
צוטיילונג אויף קאָפּ-אַרבייט און האַנד-אַרבייט, שטעלען מיר זיך
איין פאַר דער „עדיקאַסיאָן אינטעגראַל“ אָדער פאָלשטענדיגע ער-
ציהונג, וואָס בעטייט דאָס פערשווינדען פון דער דאָזיגער שעדליכער
צוטיילונג.

קלאָר גערעדט, די ציעלען פון דער שוהל, וואָס איז געבויט
אויף דעם סיסטעם, דאַרפען זיין די פאָלגענדע: זי דאַרף געבען
אזא ערציהונג, אַז יעדער אינגעל אָדער יעדע מיידעל, פערלאָזענדיג
די שוהל אין עלטער פון אכצעהן אָדער צוואַנציג יאָהר, זאָל האָבען
א גרינדליכע קענטעניש פון וויסענשאַפט — אזא קענטעניש, וואָס
זאָל זיי געבען די מעגליכקייט צו אַרבייטען מיט נוצען אין דער
וויסענשאַפט — און אין דערזעלביגער צייט דאַרף זי זיי געבען אַן
אַלגעמיינע קענטעניש פון דאָס, וואָס מאַכט אוים די גרונדלאַגען
פון טעכנישער ערציהונג, און אזא געניטקייט אין א וועלכער עס
איז ספּעציעלער מלאָכה, אַז יעדערער פון זיי זאָל זיין אימשטאַנד
צו פערנעהמען זיין פּלאַץ אין דער גרויסער וועלט צו שאַפען רייכ-
טימער דורך דער אַרבייט פון זיינע הענד.* איך וויים, פיעלע
וועלען דענקען, אַז אזא ציעל איז צו גרויס אָדער גאָר אונמעגליך צו

* סעעבאהם ראונטרי און מר. ברונאָ לאַסקער, אין זייער אונטער-
זוכונג וועגען די אורזאַכען פון ארבייטסלאָזיגקייט אין יאָרק, וואָס איז
געבויט נים אויף השערות פון עקאָנאָמיסטען, נאָר אויף אַ גענויער
אונטערזוכונג פון די ווירקליכע פאקטען אין יעדען אינדיווידועלען פאַל
(„אונעמפּלאָימענט: אַ סאָשיעל סטאָדי, לאָנדאָן, 1911), זיינען געקומען

דערגרייכען; איך האָף אָבער, אז אויב זיי וועלען האָבען די געדולד צו לייענען די ווייטערדיגע זייטען, וועלען זיי איינזעהן, אז מיר פערלאַנגען קיין זאַך נישט, וואָס קען ניט לייכט דערגרייכט ווערען. אין פאַקט, מען האָט עס שוין דערגרייכט; און דאָס וואָס האָט געקענט געטאָן ווערען אויף אַ קליינעם מאַסשטאַב, וואָלט געקענט געטאָן ווערען אויף אַ ברייטען מאַסשטאַב, ווען ניט די עקאָנאָמישע און סאָציאַלע אורזאַכען, וואָס דערלאָזען ניט דורכפיהרען קיין ערנסטע רעפאָרם אין אונזער צרה׳דיג־אָרגאַניזירטער געזעלשאַפט.

דער עקספּערימענט איז געמאַכט געוואָרען אין מאָסקווע צוואַנציג יאָהר בסדר מיט פיעלע הונדערטער אינגלעך; און לויט די צייגנישען פון די העכסט קאָמפּעטענטע ריכטער אויף די אויסשטעלונגען פון בריסעל, פילאַדעלפיע, וויען און פאַריז, איז דער עקספּערימענט געווען אַן ערפאָלג. די מאָסקווער שוהל האָט אָנגענומען אינגלעך ניט עלטער ווי פופצעהן יאָהר,* און האָט געפאָדערט פון זיי נישט מעהר ווי אַ נישקשה׳דיגע ידיעה אין געאָמעטריע און אַלגעבראַ, מיט דער געוועהנליכער קענטעניש פון זייער מוטער־שפּראַך; אינגערע שילער זיינען אויפגענומען געוואָרען אין די פאָרברייטונגס־קלאַסען. די שול איז איינגעטיילט געוואָרען אין צוויי סעקציעס: די מעכאַנישע און די כעמישע סעקציע; נאָר אַזוי ווי איך פערזענליך בין בעסער בעקאַנט מיט דער ערשטער, און אַזוי ווי די ערשטע איז אויך די וויכטיגערע אין איהר שייכות צום שלום, אַז די הויפּט־אורזאַך פון ארבייטסלאָזיגקייט איז, וואָס די קינדער, וועלכע האָבען זיך ניט אויסגעלערנט קיין אַרבייט, נאָכדעם ווי זיי זיינען ארויס פון שוהל, ווערען צייטונג־פערקויפער, אָדער שיקאינגלעך אין קראָמען, און דערגלייכען, און דאָ ווערען זיי געסטאָקט. ווען זיי ווערען 18 אָדער 20 יאָהר אַלט, מוזען זיי דאָס אַוועקווארפען, ווייל דער לוין, וואָס זיי קריגען, איז אַ לוין פאר א אינגעל, ניט פאר אַ דערוואַקסענעם — און זיי קענען ניט קיין שום מלאָכה!

* לוידער מוז איך שוין זאָגען „האָט אָנגענומען“ אָנשטאָט „נעהמט אָן“. מיט דער רעאַקציע וואָס האָט זיך אָנגעפאנגען נאָך 1881, אונטער דער הערשאַפט פון אלעקסאנדער דעם דריטען, איז די שוהל „רעפאָרמירט“ געוואָרען; דאָס הייסט, דער גאַנצער גייסט און דער סיסטעם פון דער שוהל איז פערניכטעט געוואָרען.

צו דער פראגע, וואָס מיר בעהאנדלען דאָ, וועל איך דעריבער בע־שרענקען מיינע בעמערקונגען אויף דער ערציהונג, וואָס איז געגעבען געוואָרען אין דער דאָזיגער מעכאַנישער סעקציע.

נאָכדעם ווי די שילער זיינען אָבגעווען פינף אָדער זעקס יאָהר אין דער שוהל, זיינען זיי ארויסגעגאנגען מיט גרינדליכע קענטע־נישען אין העכערער מאטעמאטיק, פיזיק, מעכאניק און די פער־וואנדטע וויסענשאפטען — אזוי באמת גרינדליך איז געווען זייער וויסען, אז עס האָט זיך געקענט פערגלייכען מיט דעם וויסען, וואָס די שילער האָבען בעקומען אין די בעסטע מאטעמאטישע פאַקול־טעטען פון די בעריהמטעסטע אייראָפּעאישע אוניווערזיטעטען. ווען איך בין אליין געווען אַ סטודענט אין דער מאַטעמאַטישער פאַקול־טעט פון פּעטערבורגער אוניווערזיטעט, האָב איך געהאַט די געלע־גענהייט צו פערגלייכען די קענטעניסען פון די סטודענטען פון דער מאָסקווער טעכנישער שוהל מיט אונזערע אייגענע קענטעניסען. איך האָב געזעהן די קורסען פון העכערער געאָמעטריע, וואָס אייניגע פון זיי האָבען צונויפגעשטעלט פאַר דעם געברויך פון זייערע חברים; איך האָב בעוואונדערט ווי לייכט זיי האָבען אָנגעווענדעט די אינטעגראל רעכענונג אויף דינאמישע פּראָבלעמען, און איך בין געקומען צום שלוס, אז אין דער צייט וואָס מיר, אוניווערזיטעט־סטודענטען, האָבען געהאַט מעהר קענטעניסען פון אַן אַלגעמיינעם כאראקטער (צ. ב. ש. אין דער מאַטעמאַטישער אַסטראָנאָמיע), זיינען זיי, די סטודענטען פון דער טעכנישער שוהל, געווען ווייט מעהר פאַרטגעשריטען אין העכערער געאָמעטריע, און ספּעציעל אין די אָנווענדונגען פון העכערער מאַטעמאַטיק אויף די פערוויי־קעלטע פראגען פון דינאַמיק און די טעאָריען פון היטץ און עלאַסטי־ציטעט. בעת אָבער מיר, די סטודענטען פון אוניווערזיטעט, האָבען קוים געוואוסט וואָס צו טהאָן מיט אונזערע הענט, האָבען די סטודענטען פון דער טעכנישער שוהל פאַבריצירט מ י ט ד י א י י־ג ע נ ע ה ע נ ד, אָהן דער הילף פון פאַך־ארבייטער, שעהנע דאמף־מאַשינען, פון דעם שווערען קעסעל ביז דעם לעצטען קלענ־סטען שרייפעל, לאַנדווירטשאַפטליכע מאַשינעריע און וויסענשאַפט־ליכע אַפּאַראַטען — אַלץ צום פערקויפען — און זיי האָבען גע־קריגען די העכסטע פּריזען פאַר זייערע ארבייטען אויף אינטער־נאַציאָנאַלע אויסשטעלונגען. זיי זיינען געווען וויסענשאַפטליך־

געבילדעטע בעלי מלאָכות — האַנדװערקער מיט אַ אוניװערזיטעט־בילדונג — הויך געשעצט אפילו בײ די רוסישע פאַבריקאַנטען, װעלכע האַלטען אַזוי װעניג פון װיסענשאַפט.

די מעטאָדען, דורך װעלכע אַט די װאונדערבאַרע רעזולטאַטען זײנען דערגרײכט געװאָרען, זײנען געװען די פאָלגענדע: אין דער װיסענשאַפט האָט מען פון לערנען אױף אױסװעניג גאָרנישט גע־האַלטען; פערקעהרט, זעלבסטשטענדיגע פאָרשונג האָט מען גע־שטיצט מיט אַלע מיטלען. די למודים פון װיסענשאַפט זײנען גע־גאַנגען האַנד אין האַנד מיט זײערע פּראַקטישע אָנװענדונגען, און אַלץ װאָס מען האָט אױסגעלערנט אין קלאַס, האָט מען אָנגעװענדעט אין װערקשטאַט. מען האָט געשענקט גרױס אױפמערקזאַמקײט אױף די העכסטע אַבסטראַקציעס פון געאָמעטריע אַלס אַ מיטעל צו ענטװיקלען די פאָרשטעלונגס־קראַפט און די טיפערע פאָרשונג.

װאָס געהערט דעם אונטערריכט אין האַנדװערק, זײנען די מעטאָדען געװען גאַנץ פערשײדען פון די מעטאָדען, װעלכע זײנען געװען אַ דורכפאַל אין קאָרנעל אוניװערזיטעט, און זײנען פאַקטיש געװען פערשײדען פון אַלע אַנדערע, װאָס זײנען געברױכט געװאָרען אין די מעהרסטע טעכנישע שולען. מען האָט ניט געשיקט דעם שילער אין אַ װערקשטאַט, ער זאָל זיך אױסלערנען אַ געװיסע ספּע־ציעלע האַנדװערק און פערדיענען אױף זײן לעבען אַזױ שנעל װי מעגליך; נאָר מען האָט איהם געלערנט די טעכנישע אַרבײט אױפ׳ן זעלביגען סיסטעמאַטישען אופן, װי מען לערנט לאַבאָראַטאָריום־אַרבײט אין די אוניװערזיטעטען, לױט דעם פּלאַן, װאָס דער גרינדער פון דער שוהל, העדר דעלאַװאָס, האָט אױסגעאַרבײט, און װעלכער װערט איצט געברױכט אין שיקאַגאָ און באָסטאָן. עס פערשטעהט זיך, אַז צײכנען איז בעטראַכט געװאָרען אַלס דער ערשטער טריט אין טעכנישער בילדונג. דאַן האָט מען דעם שילער צוערשט אַרײנגענומען אין דעם סטאָליער׳ס װערקשאַפּ, אָדער בעסער געזאָגט לאַבאָראַטאָריום, און מען האָט איהם דאָרט גרינדליך געלערנט אױפ־צומאַכען אַלערלײ סאָרטען סטאָליער־און טשעסלער־אַרבײט. זײ האָבען ניט געלערנט דעם שילער מאַכען עפּעס אַן אונבעדײטענדע שטיקעל אַרבײט פון הױז־בעפּוצונג, װי זײ טהוען אין דעם ס ל אָ י ד־סיסטעם — די שװעדישע מעטאָדע, װאָס װערט ספּעציעל געלערנט אין דער נאַאַס־שוהל — נאָר זײ האָבען איהם געלערנט, צום אַלעם

ערשטען, מאכען זעהר פינקטליך א הילצערנעם קוב, א קאנטינגע פיגור, א צילינדער (אויסגעארבייט מיט א הובעל), און דערנאך — אלע פונדאמענטאלע פארמען פון טשעסלער־ארבייט. מיט איין ווארט, ער האט געמוזט שטודירען, אזוי צו זאגען, די פילאזאפיע פון טשעסלעריי דורך האנד־ארבייט. מען האט ניט געשפארט קיין מיה צו ברייגנען דעם שילער ביז א געוויסער פאלקאמענהייט אין אט דעם צווייג — דעם ווירקליכען פונדאמענט פון אלע מלאכות.

שפעטער האט מען דעם שילער אריבערגעפיהרט אין דעם דרעקסלער'ס ווערקשטאט, וואו מען האט איהם געלערנט אויסאר־בייטען אין האלץ די מוסטערן, וועלכע ער וועט דארפען אין די אנדערע ווערקשטאטען אויסארבייטען אין מעטאל. נאכדעם איז ער אנגעקומען אין די אייזענגיסעריי, וואו מען האט איהם געלערנט אויסגיסען די מאשין־טיילען, וואס ער האט פריהער געמאכט פון האלץ; און ערשט נאכדעם ווי ער איז דורכגעגאנגען די ערשטע דריי שטופען, האט מען איהם צוגעלאזען צו די ווערקשטאטען פון דעם שמיעד און דעם שלאסער. אט דאס איז געווען דער סיסטעם פון דער מאסקוועהר טעכנישער שוהל, פון וועלכען די ענגלישע לעזער קענען געפינען אן אויספיהרליכע בעשרייבונג אין א ווערק פון טש. ה. האם.* וואס איז שייך דער פארטרעפליכקייט פון די מעכאנישע ארבייטען, וואס די שילער האבען געמאכט, קען איך אמבעסטען אבשיקען דעם לעזער צו די ראפארטען פון די פרייז־ריכטער אויף די פריהער־דערמאנטע אויסשטעלונגען.

אין אמעריקא איז דער אייגענער סיסטעם, אין זיין טעכנישען טייל איינגעפיהרט געווארען צוערשט אין דער „שיקאגא מאנואל טריינינג סקול", און שפעטער אין דער „באסטאן טעכניקאל סקול" — ווי איך הער איז זי די בעסטע פון דעם סארט שוהלען — און

* „מאנואל טריינינג: דהי סאלושאן אוו סאשיעל ענד אינדוסט־ריעל פראבלעמס", פון טש. ה. האם, לאנדאן, 1886. איך קען צולעגען, אז נאך אזוינע רעזולטאטען האט מען דערגרייכט אין דער קראסנאאופימ־סקער רעאלשולע, אין ארענבורגער גוברעניע, דערהויפט בנוגע אגריקולטור און לאנדווירטשאפטליכע מאשינעריע. די ערפאלגען פון דער שוהל זיינען אבער אזוי אינטערעסאנט, אז זיי פערדיענען מעהר איידער א קורצע אנדייטונג.

ענדליך, אין טאַסקאַדזשי, אין דער אויסגעצייכענטער שוהל פאַר יונגע נעגערס. דאָ אין ענגלאַנד, אָדער ריכטיגער אין שאָטלאַנד, האָב איך געפונען אַז דער סיסטעם ווערט אָנגעווענדעט מיט גרויס ערפאָלג, די לעצטע עטליכע יאָהר, אונטער דער פיהרערשאַפט פון דר. אַגילוויע אין „גאָרדאָן׳ס קאָללעדזש״, אין אַבערדין. דאָס איז דער מאָסקווער אָדער שיקאַגאָער סיסטעם אויף אַ בעשרענקטען מאַסשטאַב. די שילער קריגען אַ גאַנץ גרינדליכע וויסענשאַפטליכע ערציהונג, און אין דערזעלבער צייט לערנט מען זיי אויך ארבייטען אין די ווערקשעפּער, אָבער ניט איין ספּעציעלע מלאכה, ווי מען טהוט עס ליידער צו־אָפט אין אַנדערע שוהלען. זיי געהען דורך דעם סטאָליער׳ס ווערקשאָפּ, די מעטאַל־גיסעריי און דעם שלאָסער׳ס ווערקשאָפּ; און אין יעדען איינעם פון אָט די שעפּער לערנען זיי די גרונד־עלעמענטען פון די דאָזיגע דריי מלאכות גענוג גוט צו בעזאָרגען די שוהל גופא מיט פיעלע ניצליכע זאַכען. אויסערדעם, אויף ווי ווייט איך האָב געקענט אויסגעפינען פון דאָס וואָס איך האָב געזעהן אין די קלאַסען פון געאָגראַפיע און פיזיק, ווי אויך אין דעם כעמישען לאַבאָראַטאָריום, איז דער סיסטעם „דורך די הענד אין קאָפּ״, און אומגעקעהרט, דאָרטען אין פולען גאַנג, און די שוהל האָט דעם בעסטען ערפאָלג. די אינגלעך ארבייטען מיט די פיזיקאַלישע אינסטרומענטען, און זיי שטודירען געאָגראַפיע, מיט די אינסטרומענטען אין די הענד, אין פעלד אַזוי גוט ווי אין קלאַס־צימער. עטליכע זייערע ערד־מעסטונגען האָבען מיר, אַן אַלטען געאָגראַף, דערפרעהט דאָס האַרץ.*

די מאָסקווער טעכנישע שוהל איז גאַנץ זיכער ניט געוועזען קיין אידעאַלע שוהל.** זי האָט לגמרי פערנאַכלעסיגט די הומאַניטערע

---

* עס איז קלאָר, אַז די אינדוסטריעלע אָבטיילונג פון „גאָרדאָן׳ס קאָללעדזש״ איז ניט בלויז אַ קאָפּיע פון אַ וועלכער עס איז אויסלענדישער שוהל; אין געגענטייל, ביי מיר קומט אויס, אַז ווען אַבערדין האָט געמאַכט אַזאַ גלענצענדען שריט צו פעראייניגען וויסענשאַפט מיט האַנד־ווערק, איז דאָס געוועזען אַ נאַטירליכער פועל יוצא פון דאָס, וואָס עס האָט זיך פּראַקטיצירט לאַנג צוריק אויף אַ קלענערן מאַסשטאַב אין די אַבערדין טאָג־שוהלען.

** וואָס עס איז איצט געוואָרען פון דער שוהל, ווייס איך ניט. אין

למודים אין דער ערציהונג פון די יונגע לייט. מיר מוזען אָבער אַנערקענען, אַז דער מאָסקווער עקספּערימענט — ניט צו רעדען פון הונדערטע אַנדערע טיילווייזע עקספּערימענטען — האָט פאָל־שטענדיג בעוויזען די מעגליכקייט צו פעראייניגען אַ וויסענשאַפט־ליכע בילדונג פון אַ זעהר הויכען גראַד מיט דער בילדונג, וואָס איז נויטיג צו ווערען אַן אויסגעצייכענטער בעל מלאָכה. ער האָט בעוויזען נאָך מעהר, אַז דער בעסטער מיטעל ווי צו מאַכען ווירקליך־גוטע בעלי מלאָכות, איז צו געהן דירעקט צום פּונקט און אומ־פּאַסען די ערציהונגס־פראַגע פון אַלע זייטען, אַנשטאָט צו פּרובירען געבען אַ ביסעל ספּעציעלע קענטעניש אין עפּעס אַ געוויסער האַנד־ווערק, איינאיינעם מיט עטליכע ברעקלעך ידיעות אין אַ געוויסען צווייג פון אַ וועלכער עס איז וויסענשאַפט. און די שוהל האָט אויך בעוויזען וואָס מען קען דערגרייכען אָהן אַ צו־גרויסען דרוק, ווען מען האַלט שטענדיג אין זין די ריכטיגע עקאָנאָמיע פון דעם שילער'ס צייט, און ווען די טעאָריע געהט האַנד אין האַנד מיט דער פּראַקסיס. ווען מען בעטראַכט עס אין אָט דעם ליכט, קומט אויס, אַז די מאָסקווער רעזולטאַטען זיינען גאָר ניט געווען אַזוי אויסערגעוועהנליך, און אַז מען מעג דערוואַרטען נאָך בעסערע רעזולטאַטען, ווען מען זאָל אַנווענדען דיזעלביגע פּרינציפּען פון די פריהעסטע ערציהונגס־יאָהרען אָן.

צייט־פערשווענדונג איז דער הויפּט־שטריך פון אונזער היינ־טיגער ערציהונג. ניט נאָר לערנט מען אונז אַ מאַסע פוסטע זאַכען, נאָר די ניט־פוסטע זאַכען לערנט מען אויך אַזוי, אַז מען מוז פער־שווענדען אויף דעם אַזויפיעל צייט ווי מעגליך. אונזערע היינטיגע מעטאָדען פון אונטעררייכט שטאַמען פון אַ צייט, ווען די השלמות, וואָס האָבען זיך געפאָדערט פון אַ געבילדעטען מענשען, זיינען געווען זעהר בעשרענקט; און מען האַלט זיך ביי די מעטאָדען, ניט קוקענדיג אויף דעם אונגעהייערען וואוקס פון וויסען, וואָס מען

די ערשטע יאָהרען פון אַלעקסאַנדער דעם דריטען'ס ממשלה איז פון איהר געוואָרען אַ תל, ווי פון אַ סך אַנדערע גוטע אינסטיטוציעס, וואָס זיינען ענטשטאַנען אין אָנהויב פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטען'ס הער־שאַפט. דער סיסטעם אָבער איז ניט פערלאָרען געגאַנגען. ער איז אַרי־בערגעטראָגען געוואָרען אין אַמעריקאַ.

מוז איבערגעבען דעם שילער, זינט די וויסענשאַפט האָט אַזויפיעל ברייטער געמאַכט איהרע אמאָליגע גרעניצען. דערפון נעהמט זיך דאָס איבער־שטאָפּעניש אין די שוהלען, און דעריבער איז איצט אַזוי דרינגענד נויטיג צו רעווידירען דורך־און־דורך אַי די געגענ־שטאַנדען, אַי די מעטאָדען פון אונטערריכט, אין איינקלאַנג מיט די נייע פאָדערונגען און לויט די ביישפּיעלען, וואָס בעזונדערע שוהלען און בעזונדערע לעהרער האָבען שוין געגעבען דאָ און דאָרט.

עס איז קלאָר, אַז מען דאַרף ניט פערשווענדען אַזוי נוצלאָז די קינדהייט־יאָהרען, ווי דאָס ווערט געטאָן איצטער. די דייטשע לעהרער האָבען בעוויזען, ווי אפילו די קינדערשע שפּיעלען קענען בענוצט ווערען איבערצוגעבען די קינדערשע מוחות געוויסע קאָנ־קרעטע קענטעניש פון געאָמעטריע און מאַטעמאַטיק. די קינדער, וואָס האָבען געמאַכט די קוואַדראַטען פון דעם פּיטאַגאָראַס־טעאָרעם פון שטיקלעך קאָלירטע דעקעל־פּאַפּיער, וועלען ניט קוקען אויף דעם דאָזיגען טעאָרעם, ווען ער וועט קומען אין געאָמעטריע, איינפאַך ווי אויף אַ מיטעל, וואָס די לעהרער האָבען אויסגעקלערט זיי צו דערגעהן די יאָהרען; און אַ פּשיטא שוין, ווען מען ווייזט זיי שפּיעלענדיג אָנצווענדען דעם טעאָרעם ווי די סטאָליערס טהוען עס. פּערוויקעלטע אויפגאַבען אין אַריפמעטיק, וועלכע האָבען אונז אַזויפיעל געפּלאַגט אין די אינגעלשע יאָהרען, ווערען לייכט געלעזט פון אַכט־ניין יאָהריגע קינדער, ווען מען גיט עס זיי אין דער פאָרם פון אינטערעסאַנטע רעטענישען. און אויב דער ק י נ ד ע ר ג אָ ר־ ט ע ן — די דייטשע לעהרער מאַכען פון איהם אָפט אַ קאַזאַרמע, וואו דעם קינד'ס יעדע בעוועגונג ווערט רעגולירט אין פאָראויס — איז אָפט געוואָרען פאַר די קינדער אַ קליינינקע טורמע, איז אָבער די אידעע, וואָס האָט געהערשט בעת זיין גרינדונג, פונדעסטוועגען אַ ריכטיגע. עס איז אַ פאַקט, אַז עס איז כמעט אונמעגליך זיך פאָרצושטעלען, ווען מען האָט עס ניט פּרובירט, וויפיעל גרינדליכע בעגריפען פון דער נאַטור, וועלכע געוועהנהייטען צו קלאַסיפיצירען און וואָס פאַר אַ לוסט צו נאַטור־וויסענשאַפט מען קען איינוואָרצלען אין די קינדערשע קעפּלעך. ווען עס וואָלט געווען אַלגעמיין־אָנ־גענומען אין דער ערציהונג צו געבען אַ רייה קאָנצענטרישע קורסען (למודים וואָס פיהרען צו איין פונקט), וואָס זיינען צוגעפּאַסט צו די פערשיידענע שטופען פון דעם מענשען'ס ענטוויקלונג, וואָלט

מען געקענט לערנען מיט קינדער, וואס זיינען נאך קיין צעהן אדער צוועלף יאהר ניט אלט, די ערשטע סעריען פון אלע וויסענשאפטען א חוץ סאציאלאגיע, און זיי איבערגעבען אן אלגעמיינע אידעע פון דער וועלט, פון דער ערד און איהרע איינוואוינער, און די הויפט פיזישע, כעמישע, זאאלאגישע און באטאנישע ערשיינונגען; איבער־לאזענדיג די ערקלעהרונג פון די געזעצען פון די דאזיגע ער־שיינונגען פאר דער נעקסטער סעריע טיעפערע און מעהר ספעציא־ליזירטע שטודיען.

פון דער אנדער זייט ווייסען מיר אלע, ווי קינדער האבען ליעב אליין צו מאכען פאר זיך שפיעלצייג, און ווי גערן זיי טהוען נאך די דערוואקסענע, ווען זיי זעהען זיי ארבייטענדיג אין ווערק־שאפ אדער אויפ'ן הויף. די עלטערן אבער פאראליזירען נארישער־הייט די דאזיגע ליידענשאפט, אדער זיי ווייסען ניט ווי דאס אויס־צונוצען. דאס רוב פון זיי פעראכטען די האנד־ארבייט און שיקען בעסער זייערע קינדער לערנען רוימישע געשיכטע אדער פראנקלין'ס לעהרען וועגען געלד־שפארען, איידער לאזען זיי זיך נעהמען פאר עפעס אן ארבייט, וואס פאסט „נאר פאר די נידעריגע קלאסען“. זיי טהוען אט אזוי אלץ וואל זיי קענען, אז דאס לערנען זאל דעם קינד אנקומען שפעטער וואס שווערער.

דערנאך קומען די שוהל־יאהרען, און די צייט ווערט ווידער פערשוועדעט אין אן אונגלויבליכער מאס. נעהמט צ. ב. ש. מאטע־מאטיק, וואס יעדער איינער דארף קענען, ווייל עס איז דער פונ־דאמענט פון יעדער וויטערדיגער בילדונג, אבער זעהר ווענינ לערנען עס ווירקליך אין אונזערע שוהלען. אין געאמעטריע ווערט די צייט פערשוועדעט נארישערהייט, געברויכענדיג א מעטאדע וואס בעשטעהט בלויז פון אויסלערנען זיך געאמעטריע אויף אויס־ווענינ. אין די מעהרסטע פעלען לייענט דער אינגעל איבער עט־ליכע מאל די בעווייזען פון א טעארעמע ביז עס בלייבט ביי איהם אין זכרון דער סדר פון די ארגומענטען. דעריבער זיינען 9 אינגלעך פון צעהן, ווען מען בעט זיי בעווייזען אן עלעמענטארע טעארעמע צוויי יאהר שפעטער ווי זיי זיינען ארויס פון שוהל, ניט אימשטאנד דאס צו טהאן, סיידען זיי האבען געמאכט מאטעמאטיק פאר זייער ספעציאליטעט. זיי פערגעסען וועלכע הילפס־ליניען צו ציהען, און מען האט זיי קיינמאל ניט געלערנט אליין אויסצוגעפינען די בע־

ווייזען. עס איז קיין וואונדער ניט, וואָס עס קומט זיי אָן שפּעטער אַזוי שווער אַנצו־ווענדען געאָמעטריע אויף דער פיזיק, וואָס זייער פּאָרטשריט געהט אָן לאַנגזאַם ביז צום פערצווייפלען, און וואָס אַזוי ווייניג פון זיי בעהערשען די העכערע מאַטעמאַטיק.

עס איז אָבער פאַראַן אַן אַנדער מעטאָדע, וועלכע לאָזט דעם שילער פּראָגרעסירען בכלל אַ סך שנעלער, און דער וואָס האָט איינמאָל זיך אויסגעלערנט געאָמעטריע לויט דער מעטאָדע, ווייסט עס קענען זיין גאַנצען לעבען לאַנג. נאָך דעם סיסטעם נאָך ווערט יעדע טעאָרעמע אוועקגעשטעלט אַלס אויפגאַבע; דער ענטפער ווערט קיינמאָל ניט געגעבען אַפריהער, נאָר מען פיהרט אַרויף דעם שילער ער זאָל איהם אַליין אויסגעפינען. אַזוי, אויב מען האָט זיי געלערנט מאַכען די ערשטע איבונגען מיט דער ליניע און מיט דעם צירקעל, וועט זיך ניט געפינען איין איינגעל אָדער מיידעל פון צוואַנציג אָדער מעהר, וואָס וועט ניט קענען געפינען אַ וועג צו צייכענען אַ ווינקעל, וועלכער איז גלייך צו אַ געוויסען געגעבענעם ווינקעל, און צו בעווייזען, אַז זיי זיינען ביידע גלייך, נאָכדעם ווי דער לעהרער האָט זיי געגעבען אַ פּאָר אָנדייטונגען. און ווען מען גיט זיי די ווייטערדיגע אויפגאַבען אין אַ סיסטעמאַטישען סדר (עס זיינען פאַראַן אויסגעצייכענטע טעקסט־ביכער פאַר דעם צוועק), און אויב דער לעהרער טרייבט ניט די שילער זיי זאָלען געהן שנע־לער ווי זיי קענען געהן אין אָנהויב, דאַן געהען זיי פאָרווערטס פון איין אויפגאַבע צו דער נעקסטער מיט אַ וואונדערליכער שנעלקייט; דען עס איז נאָר שווער צו מאַכען, אַז דער שילער זאָל געפינען דעם ענטפער אויף דער ערשטער אויפגאַבע און אויף דעם אופן געווינען דעם צוטרויען אין זיין אייגענעם כח צו דענקען.

דערצו מוז יעדע אַבסטראַקטע געאָמעטרישע וואַרהייט איינ־געפּרעגט ווערען אין קאָפּ אויך אין איהר קאָנקרעטער פאָרם. אַזוי באַלד ווי די שילער האָבען געלעזט אייניגע פּראָבלעמען אויפ'ן פּאַפּיער, מוזען זיי מאַכען אויך אין שפּיעל־הויף מיט אַ פּאָר שטעקלעך און אַ שנירעל, און זיי מוזען אַנווענדען זייער קענטניש ביים וואַרשטאַט. נאָר דאַמאָלסט וועלען די געאָמעטרישע ליניען בעקומען אַ קאָנקרעטע בעדייטונג אין די קינדערשע קעפּ; נאָר דאַמאָלסט וועלען זיי איינזעהן, אַז דער לעהרער שפּיעלט זיי ניט אָב קיין שפּיצעל, ווען ער פערלאַנגט פון זיי זיי זאָלען געפינען

דעם ענטפּער אויף די פּראָבלעמען מיט'ן ליניע און צירקעל אָהן דער הילף פון דעם גראַד־בויגען; נאָר דאַמאַלסט וועלען זיי קענען געאָמעטריע.

„דורך די אויגען און די הענד צום מוח" — דאָס איז דער אמת'ער פּרינציפּ פון צייט־עקאָנאָמיע אין לערנען. איך געדענק, אקוראַט ווי דאָס וואָלט נעכטען געווען, ווי די געאָמעטריע האָט פּלוצלונג פאַר מיר בעקומען אַ נייע בעדייטונג, און ווי אַזוי אָט די נייע בעדייטונג האָט מיר לייכטער געמאַכט אַלע ווייטערע שטודיען. דאָס איז געשעהן בעת מיר האָבען געבויט אין שוהל אַ מאָנטגאָלפיער באַלאָן און איך האָב בעמערקט, אַז יעדערער פון די ווינקלען ביי די שפּיצען פון די צוואַנציג פּאַפּיער־פּאַסען, פון וועלכע מיר האָבען געזאָלט מאַכען דעם באַלאָן, מוז פערדעקען ווענינער ווי אַ פינפטען טייל פון אַ רעכטען ווינקעל. ווייטער געדענק איך, ווי די סינוסען און די טאַנגענטען האָבען אויפגעהערט צו זיין בלויז קאַבאַליסטישע צייכענס, וויבאַלד זיי האָבען אונז געגעבען די מעגליכקייט אויסצורעכענען די לענג פון אַ שטאַק און דעם פּראָפיל פון אַ פעסטונג; און ווי אַזוי די געאָמעטריע פון רוים איז אונז געוואָרען דייטליך, ווי נאָר מיר האָבען אָנגעהויבען בויען אויף אַ קליינעם מאַסשטאַב אַ פעסטונג־וואַנט מיט די שיס־פענסטער און שויץ־ביינק — אַ בעשעפטיגונג, וועלכע איז אונז, פערשטעהט זיך, גלייך פערבאָטען געוואָרען, ווייל מיר האָבען איינגעשמירט די קליידער. „איהר קוקט דאָך אויס ווי ערד־גראָבער", האָבען אונז פאַרגעוואָרפען אונזערע קלוגע ערציהער, בעת מיר האָבען גראַד שטאָלצירט דערמיט, וואָס מיר זיינען ערד־גראָבער, און וואָס מיר האָבען ענטדעקט דעם ווערטה פון געאָמעטריע.

צווינגענדיג אונזערע קינדער צו לערנען די ווירקליכע זאכען פון בלויז־געשריבענע פאָרשטעלונגען פון זאכען, אָנשטאָט וואָס זיי זאָלען אַליין מאַכען די דאָזיגע זאכען, צווינגען מיר זיי צו פער־שווענדען די טייערסטע צייט; מיר מאַטערן אומזיסט זייערע מוחות; מיר געוועהנען זיי צו די ערגסטע מעטאָדען פון לערנען; מיר טויטען זייער זעלבסטשטענדיגען געדאַנק אין אָנאַפאַנג שפּראָ־צען, און נאָר זעהר זעלטען געלינגט אונז זיי איבערצוגעבען אַ ווירקליכע קענטעניש פון דאָס וואָס מיר לערנען זיי. אויבער־פלעכליכקייט, נאָכזאָגען ווי אַ פּאַפּוגיי, אַ קנעכטישער און פוילער

גייסט — דאָס זיינען די רעזולטאַטען פון אונזער ערציהונגס־מעטאָדע. מיר לערנען ניט אונזערע קינדער זיי זאָלען קענען לערנען.

אפילו די ערשטע התחלות פון וויסענשאַפט לערנט מען זיי לויט אַט דעם שעדליכען סיסטעם. אין די מעהרסטע שולען לערנט מען אפילו אַריפמעטיק אויף אַט דעם אַבסטראַקטען אופן, און מען שטאָפט אָן זייערע אָרימע, קליינע קעפּלעך מיט בלויזע כללים. עס ווערט ניט איינגעפּרעגט אין קאָפּ די אידעע פון אַ מאָס־איינהייט, וועלכע מיר מאַכען און קענען ענדערן ווען מיר ווילען אין אונזערע אויסמעסטונגען (איין שוועבעלע, אַ קעסטעל שוועבעלעך, אַ טוצען קעסטלעך אָדער אַ גראָס; דער מעטער, דער צענטימעטער, דער קילאָמעטער אַ. אַז. וו.); און דעריבער ווען די קינדער קומען צו דעצימאַל־טיילען, פערלירען זיי זיך און קענען עס ניט פערשטעהן. אַנשטאָט אָנצונעהמען דעם דעצימאַל־סיסטעם, וועלכער איז דער סיסטעם פון אונזער צעהלען, מאַטערן זיי די קינדער דאָ אין ענגלאַנד, אין די פעראייניגטע שטאַאַטען און אין רוסלאַנד נאָך אַלץ מיט אַ סיסטעם פון וואָגען און מאָסען, וואָס מען האָט שוין לאַנג געדאַרפט אַוועקוואַרפען. די שילער פערלירען דערביי פולע צוויי יאָהר, און ווען זיי קומען שפּעטער צו מעכאַניק און פיזיק, פערברייינגען די שוהל־אינגלעך און שוהל־מיידלעך דעם גרעסטען טייל צייט אין ענדלאָזע חשבונות, וועלכע פערמאַטערן זיי נאָר און פּליטען איין אין זיי אַ פיינדשאַפט צו דער עקזאַקטער וויסענשאַפט. אָבער אפילו דאָרט וואו עס זיינען שוין איינגעפיהרט געוואָרען די דעצימאַל־מאָסען, ווערט אַ סך צייט פערלאָרען אין שוהל צוליעב דעם, וואָס די לעהרער זיינען ניט צוגעוועהנט צו דעם געדאַנק, אַז יעדע מאָס איז נאָר אַן אונגעפעהר־זאַך (approximate), און אַז עס איז אַן אונזין צו רעכענען מיט דער גענויקייט פון איין גראַם אָדער מעטער, ווען דאָס מעסטען גופא גיט ניט די עלעמענטען פון אַזאַ גענויקייט. בעת אָבער אין פראַנקרייך, וואו דער דעצימאַל־סיסטעם פון מאָסען און פון געלד איז אַ זאַך פון טעגליכען לעבען, זיינען אפילו אַזוינע אַרבייטער, וועלכע האָבען געקריגען די איינפאַכסטע עלעמענטאַרע בילדונג, גאַנץ היימיש מיט די דעצימאַל־צאָהלען. ווען זיי דאַרפען בעצייכענען פינף און צוואַנציג צענטים, אָדער פינף און צוואַנציג צענטימעטער, שרייבען זיי: 0,25, בעת דאָס רוב פון מיינע לעזער

געדענקען נאָך אודאי, ווי אַט דער אייגענער נול אין אָנהויב פון אַ רייה ציפער פלעגט זיי צוטומלען דעם קאָפּ אין זייערע קינדער־יאָהרען. מיר טהוען אַלעס מעגליכע, כדי צו מאַכען אַלגעבראַ אונפערשטענדליך, און אונזערע קינדער פערשווענדען אַ יאָהר צייט איידער זיי לערנען זיך אויס וואָס עס איז איבערהויפּט גאָר ניט קיין אַלגעבראַ, נאָר בלויז אַ סיסטעם פון פערקירצונגען, וואָס מען קען זיך אויסלערנען פערבייגעהענדיג, ווען מען לערנט עס צוזאַמען מיט אַריפמעטיק. *

די צייט־פערשווענדונג, לערנענדיג פיזיק, איז פּשוט אַ געוואַלד. בעת יונגעלייט פערשטעהען גאַנץ לייכט די פּרינציפּען פון כעמיע און די פאָרמולען, אַזוי באַלד ווי זיי מאַכען אַליין די

* פאַר אַזוינע לעזער, וואָס זיינען ווירקליך פּראינטערעסירט אין קינדער־ערציהונג, רעקאָמענדירט הערר לעריי, דער פראנצויזישער איבערזעצער פון אַט דעם בוך, אַ רייה אויסגעצייכענטע קליינע ביכלעך, וואָס „זיינען געשאַפען געוואָרען, ווי ער שרייבט, אין דעם ריכטיגען גייסט פון די געדאַנקען, וואָס זיינען ארויסגעזאָגט געוואָרען אין אַט דעם קאַפּיטעל. זייער הויפּט־פּרינציפּ איז, אַז כדי ער זאָל זיין אמת ערציהעריש, מוז יעדער אונטערריכט זיין אָביעקטיוו, דערהויפּט ביי דער התחלה, און אַז אויב מען פיהרט אַריין סיסטעמאַטישע אבסטראקציעס אין לערנען אָהן אַן אָביעקטיווער (קאָנקרעטער) פאָרברייטונג, איז עס שעדליך". הערר לעריי מיינט דאָ די רייה איינפיהר־ביכלעך, וואָס די פראנצויזישע פערלעגער האַשעטט האָבען ארויסגעגעבען: איינפיהר אין מאַטעמאַטיק, פון ס. א. לייזאַן, צו וועלכען עס קומט נאָך איינס, דער מאַטעמאַטישער אַריינפיהר, אַ שפּיעל מיט קליינע קובען, וועלכער איז זעהר זינרייך און גיט אין אַ קאָנקרעטער פאָרם די בעווייזען פון אַריפמעטיק, פון מעטרישען סיסטעם, פון אַלגעבראַ און געאָמעטריע. איינפיהר אין אַסטראָנאָמיע פון ס. פלאַמאַריאָן; איינפיהר אין כעמיע פון זשארזש דאַריזען; איינפיהר אין דער מעכאַניק פון ש. עד. גיללאָם, און איינפיהר אין זאָאָלאָגיע פון ע. ברוקער. די פערפאַסער פון די דאָזיגע ווערק — עס וואָלט ניט געווען רעכט ניט צו דערמאָנען עס — האָבען געהאַט פאָרגענגער אין זשאַן מאַס'עס בוך „דעם זיידען'ס אַריפמעטיק" און רענע לעבלאַן'ס אויסגעצייכענטער האַנדבוך „די פיזישע וויסענשאַפטען פאַר אָנפאַנג־שוהלען", וועגען וועלכען לעריי

ערשטע עקספּערימענטען מיט עטליכע גלעזער און רעהרלעך, גע־פינען זיי די גרעסטע שוועריגקייט צו בעגרייפען דעם מעכאַנישען אַריינפיהר אין פיזיק, טיילוויוז ווייל זיי קענען ניט קיין געאָ־מעטריע, און דערהויפּט ווייל מען בעווייזט זיי בלויז טייערע מאַשינען אָנשטאָט וואָס מען זאָל זיי העלפען אַליין מאַכען איינ־פאַכע אַפּאַראַטען צו אילוסטרירען די ערשיינונגען, וועלכע זיי שטודירען.

אָנשטאָט צו לערנען די געזעצען פון קראַפט מיט דער הילף פון איינפאַכע אינסטרומענטען, וועלכע אַ אינגעל פון פופצעהן יאָהר קען לייכט מאַכען, לערנט מען זיי די געזעצען דורך איינפאַכע צייכענונגען אויף אַ ריין־אַבסטראַקטען אופן. אָנשטאָט אַליין צו מאַכען אַן אַטוואוד־מאַשין מיט אַ שטעקעל פון אַ בעזים און אַן אַלטען רעדעל פון אַ זייגער, אָדער אָנשטאָט צו בעשטעטיגען די געזעצען פון פאַלענדע קערפּער מיט אַ שטעקען, וואָס גליטשט זיך אויף אַן איינגעבויגענער שטריק, ווייזט מען זיי אַ קאָמפּליצירטען אַפּאַראַט, און דאָס רוב ווייס דער לעהרער אַליין ניט ווי זיי צו דערקלערען די פּרינציפּען פון דעם אַפּאַראַט, און דערציילט זיי פּרטים, וואָס זיינען גאָר ניט שייך צום ענין. און אַזוי געהט עס פון אָנהויב ביז'ן סוף, מיט בלויז ווייניגע עהרענהאַפטע אויס־נאַהמען. *

זאָגט, פון זיין אייגענער ערפאַהרונג מיט שילער פון עלף ביז דרייצעהן יאָהר אַלט, אַז „עס גיט אַפילו די שטומפּזיניגסטע קינדער אַ געפיהל אָדער זאָגאַר אַ ליידענשאַפט פאַר פיזישע עקספּערימענטען."

* נעהמט צ. ב. ש. די בעשרייבונג פון אַטוואוד'ס מאַשין אין וועלכען עס איז קורס פון עלעמענטאַרע פיזיק. איהר וועט געפינען, אַז עס ווערט אָבגעגעבען זעהר פיעל אויפמערקזאַמקייט צו די רעדער, אויף וועלכע עס דאַרף ליעגען די אַקס פון שטריק־רעדעל; די לעדיגע קעסטלעך, די פּלאַטען און רינגען, דער זייגער און די אַנדערע ביי־זאַכען ווערען דערמאָנט איידער עס איז נאָך איין וואָרט געזאָגט געוואָרען וועגען דער הויפּט־אידעע פון דער מאַשין — אָבצושוואַכען די בעווע־גונג פון אַ פאַלענדען קערפּער, מאַכענדיג אַז אַ קליינער פאַלענדער קער־פּער זאָל בעוועגען אַ רוהיג־ליעגענדען שווערען קערפּער, אין וועלכען פאַל די גראַוויטעט וועט ווירקען אויף איהם אין צוויי געגענגעזעצטע

אויב צייט־פערשווענדונג איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אונזערע מעטאָדען צו לערנען וויסענשאַפט, איז עס פונקט אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר די מעטאָדען, וואָס מען געברויכט צו לערנען אַ האַנדווערק. מיר ווייסען, ווי עס געהען אַוועק יאָהרען אין גאָר נישט, בעת אַ אינגעל דיענט זיין לערן־צייט אין אַ ווערקשאַפּ; אָבער ביז אַ גרויסען גראַד קען מען דעמזעלביגען פּאַרוואורף מאַכען די טעכנישע שוהלען, וועלכע זוכען גלייך אויסצולערנען דעם שילער אַ געוויסע ספּעציעלע האַנדווערק, אַנשטאָט אַנצואווענדען די ברייטע און זיכערע מעטאָדען פון אַ סיסטעמאַטישען אונטערריכט. פּונקט ווי אין וויסענשאַפט זיינען פאַראַן געוויסע געדאַנקען און מעטאָדען, וועלכע קומען ווי אַן הקדמה צו דעם שטודיום פון אַלע

ריכטונגען. דאָס איז געווען דעם ערפינדער'ס געדאַנק; און ווען דאָס ווערט קלאָר געמאַכט, זעהען די שילער גלייך איין, אַז אויפהענגען צוויי גלייך־געוויכטיגע קערפּערס איבער אַ שטריק־רעדעל און מאַכען זיי זאָלען זיך בעוועגען צולעגענדיג אַ קליין געוויכט צו איינעם פון זיי, איז איינער פון די מיטלען (און אַ גוטער מיטעל) אָבצושוואַכען די בעוועגונג בעת'ן פאַלען. זיי זעהען איין, אַז די רייבונג פון שטריק־רעדעל מוז רעדוצירט ווערען ביז צו אַ מינימום, ענטוועדער געברויכענדיג די צוויי פּאָר רעדלעך, וועלכע פערשאַפען אַזויפיעל שוועריגקייט די שרייבער פון די טעקסט־ביכער, אָדער דורך אַ וועלכען עס איז אַנדער מיטעל; אויך אַז דער זייגער איז בלויז אַ לוקסוס־זאַך, און די „פּלאַטען און רינגען" זיינען בלויז נעבען־זאַכען: קורץ, אַז אַטוואוד'ס אידעע קען פערווירקליכט ווערען מיט אַ רעדעל פון אַ זייגער, פעסט געמאַכט ווי אַ שטריק־רעדעל צו אַ וואַנט אָדער צו דעם אויבען פון אַ בעזים־שטעקען, וואָס שטעהט פעסט אין דער הויך. אויף דעם אופן וועלען די שילער פערשטעהן די א י ד ע ע פון דער מאַשין און וואָס דער ערפינדער האָט בעצוועקט, און זיי וועלען זיך צוגעוועהנען אָבצוטיילען די הויפּט־אידעע פון די נעבען־זאַכען; בעת אין דעם אַנדער פאַל קוקען זיי נאָר און וואונדערן זיך אויף די קונצען, וואָס דער לעהרער מאַכט מיט אַ קאָמפּליצירטער מאַשין, און די עטליכע, וואָס פערשטעהען עס אמענדע, פערברענגען אויף דעם אַזויפיעל צייט. אין דער ווירקליכקייט דאַרפען אַלע אַפּאַראַטען, וואָס ווערען געברויכט צו אילוסטרירען די פונדאַמענטאַלע געזעצען פון פיזיק, געמאַכט ווערען פון די קינדער אליין.

וויסענשאפטען, אַזוי זיינען אויך פאַראַן געוויסע פונדאַמענטאַלע געדאַנקען און מעטאָדען, וואָס גרייטען־צו צו דעם ספעציעלען למוד פון אַ וואָסער־עס־איז האַנדווערק.

רעלאָ האָט בעוויזען אין זיין פראַכטפולען בוך „די טעאָרעטישע קינעמאַטיק“, אַז עס איז פאַראַן, אַזוי צו זאָגען, אַ פילאָסאָפיע פון אַלערליי מעגליכע מאַשינעריען. יעדע מאַשין, ווי קאָמפליצירט זי זאָל ניט זיין, קען אַרונטערגעפיהרט ווערען ביז צו עטליכע עלעמענטען — פלאַטען, צילינדרען, דיסקען, קאָנוסען א. אַז. וו., ווי אויך צו עטליכע געצייג: דלאָטען, זעגען, וואַלען, האַמערס א. אַז, וו. און ווי קאָמפליצירט עס זאָלען ניט זיין איהרע בעוועגונגען, קען מען זיי פונאַנדערוואַרפען אויף עטליכע מאָדיפיקאַציעס פון בעוועגונג, אַ שטייגער ווי די אומוואַנדלונג פון קרייז־בעוועגונג אין גראַד־ליניגער בעוועגונג און דערגלייכען, מיט איינִיגע צווישענדיגע פאָרמען. אַזוי קען אויך יעדעם האַנדווערק פונאַנדערגעוואָרפען ווערען אויף אַ צאָהל עלעמענטען. אין יעדער מלאָכה מוז מען וויסען ווי צו מאַכען אַ פלאַטע מיט פאַראַלעלע אויבערפלעכען, אַ צילינדער, אַ דיסק, אַ פיער־עק און אַ רונדע לאָך; ווי אַרומצוגעהן מיט אַ בעגרעניצטער צאָהל געצייג, אַזוי ווי אַלע געצייג זיינען בלויז מאָדיפיקאַציעס פון וועניגער ווי אַ טוצען טיפען; און אויך, ווי צו אומוואַנדלען איין סאָרט בעוועגונג אין אַנאַנדער סאָרט. דאָס איז דער פונדאַמענט פון אַלע מעכאַנישע האַנדווערקען; אַזוי, אַז וויסען ווי צו מאַכען די דאָזיגע ערשטע עלעמענטען פון האָלץ, ווי אַרומצוגעהן מיט די הויפט־געצייג ביי האָלץ־אַרבייט און ווי צו אומוואַנדלען פערשיידענע סאָרטען בעוועגונג, האָט געדאַרפט בעטראַכט ווערען אַלס דער אייגענטליכער יסוד, אויף וועלכען צו בויען דאָס שפּעטיגערע לערנען פון אַלע מעגליכע מעכאַנישע האַנדווערקען. דער שילער, וואָס האָט זיך אויסגעלערנט אָט די טעכניק, וועט שוין אַ גוטע העלפט פון אַלע מעגליכע מלאָכות.

אויסער דעם, קיינער קען ניט זיין קיין גוטער אַרבייטער אין דער וויסענשאַפט, סיידען ער בעזיצט גוטע מעטאָדען פון וויסענשאַפטליכער פאָרשונג; סיידען ער האָט זיך אויסגעלערנט צו בעאָבאַכטען, צו בעשרייבען פינקטליך, צו ענטדעקען געגענזייטיגע בעציהונגען צווישען פאַקטען, וואָס האָבען אין פלוג קיין פערבינ־

דונג ניט צווישען זיך, צו מאכען אינדוקטיווע היפּאָטעזען און בעשטעטיגען זייער ריכטיגקייט, צו דענקען לויט די געזעצען פון אורזאַך און ווירקונג, און אזוי ווייטער. און קיינער קען ניט זיין קיין גוטער האַנד־ארבייטער, סיידען ער האָט זיך איינגעוועהנט אין די גוטע מעטאָדען פון האַנדווערק בכלל. ער מוז געוועהנט ווערען צו בעגרייפען דעם געגענשטאַנד פון זיינע געדאַנקען אין א קאָנקרעטער פאָרם, צו קענען איהם אָנצייכענען אָדער מאַכען א מוסטער פון איהם, צו האַסען שלעכט־געהאַלטענע געצייג און שלעכטע ארבייטס־מעטאָדען, צו געבען יעדער זאַך א פיינע פּער־ענדונג, צו עמפּינדען א קינסטלערישען גענוס פון דער אויפפאַסונג פון גראַציעזע פאָרמען און פארבען־קאָמבינאַציעס, און פּער־קעהרט — אַן אונצופריעדענהייט פון אַלץ, וואָס איז העסליך. זאָל עס זיין האַנדווערק, וויסענשאַפט אָדער קונסט, דער הויפּט־צוועק פון דער שוהל איז ניט צו מאכען א ספּעציאַליסט פון אַן אָנאָפּנגער, נאָר צו לערנען איהם די עלעמענטען פון וויסען און די גוטע מעטאָדען פון ארבייט, און מעהר פון אַלץ, צו געבען איהם אזא אַלגעמיינע בעגייסטערונג, וועלכע וועט איהם שפּעטער פיהרען אריינצולעגען אין יעדער זאַך וואָס ער טהוט אַן אויפריכטיגען גלוסטען נאָך ווארהייט; ליעב צו האָבען אַלץ וואָס איז שעהן, אי וואָס געהערט דער פאָרם, אי דעם אינהאַלט; צו פיהלען די נויט־ווענדיגקייט צו זיין א ניצליכער אינדיווידום צווישען אַנדערע מענשליכע אינדיווידוען, און אויף דעם אופן פיהלען, אז זיין הארץ קלאַפּט אין איינקלאַנג מיט דער איבעריגער מענשהייט.

וואָס געהערט דער לאַנגווייליגקייט פון דער ארבייט, וועלכע וואָלט פאָרגעקומען, ווען דער שילער זאָל נאָכאַנאַנד מאכען נאָר צילינדערען און דיסקען, און קיינמאָל ניט קיין גאַנצע מאַשינען אָדער אַנדערע ניצליכע זאכען, זיינען פאַראַן טויזענדער מיטלען ווי אויסצומיידען אזא אינטערעס־לאָזיגקייט, און איינער פון די מיטלען, דער וואָס איז אָנגעווענדעט געוואָרען אין מאָסקווע, איז ווערטה מען זאָל איהם בעטראַכטען. דער מיטעל איז געווען, ניט געבען דעם שילער טהאָן ארבייט בלויז פאַר איבונג, נאָר מאכען געברויך פון יעדער זאַך וואָס ער מאַכט, גלייך פון זיינע ערשטע טריט אָן. געדענקט איהר, ווי איהר זייט קינדווייז געווען איבער־גליקליך, ווען אייער ארבייט איז געקומען צוניץ, זאָל זיין אפילו

נאָר ווי אַ טייל פון עפּעס אַ ניצליכער זאַך? אַט אַזוי האָבען זיי געטאָן אין מאָסקווע. יעדע ברעט, וואָס די שילער האָבען אַרומגעהובעלט, איז בענוצט געוואָרען אַלס אַ טייל פון עפּעס אַ מאַשין אין איינעם פון די אַנדערע שעפּער. ווען אַ שילער איז אָנגעקומען אין שלאָסאַרניע און מען האָט איהם אַוועקגעשטעלט מאַכען אַ פיער־עקיגען אייזען־בלאָק מיט פּאַראַלעלע און פּערפּענדיקולאַרע פלעכען, האָט דער בלאָק געהאַט פאַר איהם אַן אינטערעס, וויל נאָכדעם ווי ער האָט איהם געענדיגט, האָט אויספּרובירט זיינע ווינקלען און פלעכען, און פּעררעכט די פעהלערען, האָט מען דאָס שטיק אייזען ניט אַוועקגעוואָרפען אונטער׳ן אַרבייטס־באַנק — מען האָט עס געגעבען אַ מעהר־פאָרגעשריטענעם שילער, וועלכער האָט צוגעמאַכט אַ הענטעל צו דעם, האָט עס אינגאַנצען אָבגעפאַרבט און אַוועקגעשיקט אין מאַגאַזין פון דער שוהל אַלס אַ פּאַפּיער־דריקער. דאָס סיסטעמאַטישע לערנען האָט אויף דעם אופן בעקומען די נויטיגע צוציהונג.*

עס איז קלאָר, אַז די שנעלקייט פון דער אַרבייט איז אַ העכסט וויכטיגער פאַקטאָר אין דער פּראָדוקציאָן. מען קען דעריבער פרעגען, צי מען קען בעקומען, אונטער דעם אויבענבעשריבענעם סיסטעם, אָט די נויטיגע אַרבייט־שנעלקייט. עס זיינען אָבער פאַראַן צווייערליי סאָרטען שנעלקייט. עס איז פאַראַן די שנעלקייט וואָס איך האָב געזעהן אין אַ נאָטינגהעם שפּיצענפאַבריק: דערוואַקסענע מענער האָבען, מיט ציטערנדע הענד און טרייסלענדע קעפּ, אין אַ פיעבערהאַפטער איילעניש צונויפגעבונדען די עקען פון צוויי פעדים פון די געבליבענע באַוועל־גאַרן אויף די

---

* דער פערקויף פון די זאַכען, וואָס די שילער האָבען אויסגעאַרבייט, איז ניט געווען אונבעדייטענד, דערהויפּט ווען זיי האָבען געגרייכט די העכערע קלאַסען און האָבען געמאַכט דאַמף־מאַשינען. דעריבער איז די מאָסקווער שוהל, בעת איך האָב זי געקענט, געווען איינע פון די ביליגסטע שוהלען אויף דער וועלט. דאָס געצאָהלט פאַר׳ן לערנען און בעקעסטיגונג איז געווען זעהר קליין. שטעלט זיך אָבער פאָר, ווען אַזאַ שוהל איז פערבונדען מיט אַ פאַרם־שוהל, וועלכע פּראָדוצירט שפּייזאַרטיקלען און טוישט עס אוים אויף קאָסט־פּרייז! וואָס וואָלט דאַן געקאָסט די ערציהונג?

שפּולען; מען האָט קוים געקענט נאָכפאָלגען זייערע בעוועגונגען. אָבער דער פאַקט גופא, וואָס עס פאָדערט זיך אַזאַ סאָרט שנעלע אַרבייט, איז די פערדאַמונג פון דעם פאַבריק־סיסטעם. וויפיעל איז געבליבען פונ'ם עצם מענשען אין די דאָזיגע ציטערענדע קער־פּערס? וואָס וועט זיין דער סוף פון זיי? פאַר וואָס זאָל מען אָט אַזוי פערשווענדען די מענשליכע קראַפט, ווען זי וואָלט געקענט ארויסגעבען צעהן מאָל אַזוי פיעל ווי עס בעטרעפען אָט די משונה־דיגע רעשטלעך גאָרן? אָט דער סאָרט שנעלקייט פאָדערט זיך נאָר דערפאַר, וואָס די פאַבריק־שקלאַפען זיינען אַזוי ביליג: איז לאָמיר האָפען, אַז קיין שוהל וועט קיינמאָל ניט שטרעבען נאָך אַזאַ סאָרט שנעלקייט אין דער אַרבייט.

עס איז אָבער אויך פאַראַן די צייט־שפּאָרענדע שנעלקייט פון דעם גוט־געלערנטען אַרבייטער, און אָט די שנעלקייט קען מען אודאי אמבעסטען דערגרייכען דורך דעם סאָרט ערציהונג, וואָס מיר פערטיידיגען דאָ. ווי איינפאַך אַ געוויסע שטיקעל אַרבייט זאָל ניט זיין, מאַכט עס דער געבילדעטער אַרבייטער בעסער און שנעלער איידער דער ניט־געבילדעטער. בעטראַכט, צום ביישפּיעל, ווי אַ גוטער אַרבייטער נעהמט זיך שניידען עפּעס — לאָמיר זאָגען, אַ שטיק טאָוועל־פּאַפּיער — און פערגלייכט זיין ריהר און קעהר מיט דעם ריהר און קעהר פון אַ ניט ריכטיג־געלערנטען אַרבייטער. דער לעצטער טהוט אַ כאַפּ דאָס טאָוועל־פּאַפּיער, נעהמט דאָס געצייג ווי ער געפינט עס, צייכענט אַ ליניע ווי עס מאַכט זיך, און הויבט אָן שניידען. אין מיטען דער אַרבייט איז ער שוין מיעד, און ווען ער האָט געענדיגט, איז זיין אַרבייט גאָרנישט ניט ווערטה. דער ערשטער אָבער וועט אפריהער ארומקוקען דאָס געצייג, און וועט עס אַ ביסעל צוריכטען אויב עס איז נויטיג; די ליניע וועט ער אָנצייכענען גענוי אויפ'ן האָר, ער וועט זעהן, אַז דאָס פּאַפּיער און די ווירע זאָלען זיך ניט ארומרוקען, דאָס געצייג וועט ער האַל־טען ריכטיג ווי מען דאַרף, שניידען וועט ער גאַנץ לייכט, און וועט אייך געבען אַ גוט שטיקעל אַרבייט.

אָט דאָס איז די אמת'ע צייט־שפּאָרענדע שנעלקייט און די פּאַסענדסטע אויף צו עקאָנאָמיזירען די מענשליכע אַרבייט; און דער בעסטער מיטעל זי צו דערגרייכען איז — אַ בילדונג פון דעם העכסטען סאָרט. די גרויסע מייסטערס האָבען געמאָלען מיט אַ

וואונדערליכער שנעלקייט; זייער שנעלע אַרבייט איז אָבער געווען אַ רעזולטאַט פון אַ גרויסער ענטוויקלונג פון אינטעליגענץ און פאָרשטעלונגס־קראַפט, פון אַ שאַרפען געפיהל פאַר שעהנקייט און אַ פיינעם חוש פאַר פאַרבען. אָט דאָס איז טאַקע דער סאָרט שנעלע אַרבייט אין וועלכער די מענשהייט נויטיגט זיך.

געדאַרפט האָט מען פיעל מעהר רעדען וועגען די פליכטען פון דער שוהל, נאָר איך וויל זיך זאָגען נאָך עטליכע ווערטער וועגען דעם, ווי ווינשענסווערטה עס איז צו האָבען דעם סאָרט ערציהונג, וואָס איז געשילדערט געוואָרען אין די פאָריגע בלעטער. געוויס בין איך ניט פערנאַרט צו מיינען, אַז עס וועט איינגעפיהרט ווערען אַ פאָלשטענדיגע רעפאָרם אין דער ערציהונג, אָדער אין אַ וועלכען עס איז פון די פרטים, וואָס זיינען אָנגעצייכענט געוואָרען אין די פאָריגע קאַפּיטלען, כל זמן די ציוויליזירטע פעלקער פערבלייבען אונטער דעם היינטיגען ענג־עגאָיסטישען סיסטעם פון פּראָדוקציאָן און פערברויך. אַלץ וואָס מיר קענען דערוואַרטען, אַזוי לאַנג ווי די היינטיגע צושטענדען האַלטען אָן, איז ערטערווייז איניגע מיקראָסקאָפּישע רעפאָרם־פּראָבעס אויף אַ קליינעם מאַסשטאַב — פּראָבעס, וועלכע וועלען אונבעדינגט אַרויסווייזען פיעל נידעריגערע רעזולטאַטען ווי מען דערוואַרט פון זיי, מחמת עס איז אונמעגליך צו מאַכען רעפאָרמען אויף אַ קליינעם מאָסשטאַב, ווען עס געפינט זיך אַזאַ אינטימע פערבינדונג צווישען די פיעלפאַכיגע פונקציעס פון אַ ציוויליזירטען פאָלק. אָבער די ענערגיע פון דעם קאָנסטרוקטיווען גייסט פון דער געזעלשאַפט העננט הויפּטזעכליך אָב פון דער טיעפקייט, מיט וועלכער זי פאַסט אום *וואָס* עס דאַרף געטאָן ווערען און *ווי אַזוי* דאָס דאַרף געטאָן ווערען; און די נויטווענדיגקייט איבערצומאַכען די ערציהונג איז איינע פון יענע נויטווענדיגקייטען, וועלכע זיינען העכסט בעגרייפליך פאַר אַלעמען, און דעריבער איז זי די ריכטיגע זאַך, וואָס קען בעגייסטערן די געזעלשאַפט מיט יענע אידעאַלען, אָהן וועלכע שטילשטאַנד און זאָגאַר פערוויסטונג איז אונפערמיידליך.

איז לאָמיר אָננעהמען, אַז אַ געמיינדע — אַ שטאָדט אָדער אַ לאַנד, וואָס האָט ווענינגסטענס עטליכע מיליאָן איינוואוינער — גיט די אויבען־געשילדערטע ערציהונג אַלע איהרע קינדער, אָהן

אונטערשייד פון געבורט (און מיר זיינען גענוג רייך צו ער־לויבען זיך דעם לוקסוס פון אזא ערציהונג), און פערלאנגט ניט דערפאר פון די קינדער קיין אנדער זאך אויסער דאס, וואס זיי וועלען צוריקגעבען, ווען זיי וועלען ווערען פראדוצירער פון רייכ־טום. לאמיר זיך פארשטעלען, אז אזא ערציהונג ווערט געגעבען, און לאמיר אנאליזירען די וואהרשיינליכע פאלגען, וואס וועלען ארויסקומען דערפון.

איך וועל זיך ניט אבשטעלען אויף דער פערמעהרונג פון רייכטום, וואס וואלט פארגעקומען, ווען מען האט אזא יונגע ארמעע פון געבילדעטע און גוט־געלערנטע פראדוצירער; איך וועל זיך אויך ניט אבשטעלען אויף די געזעלשאפטליכע נוצען, וואס וואלטען זיך בעקומען פון דעם, וואס עס וואלט אויסגעמעקט ווערען דער היינטיגער אונטערשייד צווישען די קאפ־ארבייטער און האנד־אר־בייטער, און וואס עס וואלט ממילא געפיהרט צו דער אינטערעסען־געמיינשאפט און הארמאניע, וועלכע פעהלען אזוי שטארק אין אונזערע צייטען פון סאציאלע קאמפען. איך וועל ניט רעדען וועגען דער פולקייט פון לעבען, וואס עס וואלט געגעבען יעדען איינצעלנעם מענשען, ווען ער וואלט געווען אימשטאנד צו מאכען געברויך אי פון זיינע גייסטיגע, אי פון זיינע קערפערליכע קרעפטען; און אויך ניט וועגען די נוצען, וואס מען וואלט געהאט פון דעם, וואס מען וואלט דערהויבען די האנד־ארבייט צו דעם עהרען־פלאץ, וועלכען זי דארף פערנעהמען אין דער געזעלשאפט, אנשטאט וואס זי איז איצטער א צייכען פון נידעריגקייט. און איך וועל זיך אויך ניט אבשטעלען אויף דעם, וואס עס וואלט פערשווינדען דער איצטיגער עלענד און די אונמענשליכקייט מיט אלע זייערע פאלגען — זינד, פערברעכען, טורמעס, מסירות א. ד. ג. קורץ, איך וועל איצט ניט בעריהרען די גרויסע סאציאלע פראגע, וועגען וועלכער עס איז שוין אזויפיעל געשריבען געווארען און עס איז נאך אלץ אזויפיעל געבליבען צו שרייבען. איך האב דא בדעה נאר אנצו־צייגען די נוצען, וואס די וויסענשאפט גופא וואלט געצויגען פון דער דאזיגער ענדערונג.

איינציגע וועלען, פערשטעהט זיך, זאגען, אז אויב מען זאל דערנידעריגען די וויסענשאפטס־מענער צו דער שטופע פון האנד־ארבייטער, וועט עס הייסען דער אונטערגאנג פון וויסענשאפט און

זשעניע. אָבער די, וואָס ווע̇לען זיך רעכענען מיט די פאָלגענדע בעטראַכטונגען, וועלען וואַהרשיינליך צוגעבען, אַז דער רעזולטאַט דאַרף זיין אַקוראַט פערקעהרט; ד. ה. עס דאַרף ווערען אַזאַ אויפ־לעבען פון וויסענשאַפט און קונסט, און אַזאַ פאָרטשריט אין דער אינדוסטריע, ווי מיר קענען עס קוים פאָראויסזעהן, בוויענדיג אויף דאָס, וואָס מיר ווייסען וועגען די צייטען פון דער רענעסאַנס. עס איז געוואָרען אַ געוועהנליכע זאַך צו רעדען מיט אַזאַ פעסטקייט וועגען דעם פּראָגרעס פון דער וויסענשאַפט אין 19טען יאָהרהונ־דערט; און קלאָר איז עס, אַז אין פערגלייך מיט די פריהערדיגע יאָהרהונדערטען, האָט אונזער יאָהרהונדערט אַ סך, מיט וואָס צו שטאָלצירען. אָבער ווען מיר נעהמען אין בעטראַכט, אַז די מעהרסטע פּראָבלעמען, וואָס אונזער יאָהרהונדערט האָט געלייזט, זיינען שוין אָנגעצייגט געוואָרען, און זייער לייזונג איז שוין פאָר־אויסגעזעהן געוואָרען, אַ הונדערט יאָהר פריהער, מוזען מיר צו־געבען, אַז דער פּראָגרעס איז ניט געווען אַזוי שנעל, ווי מען האָט געמעגט דערוואַרטען, און אַז עפּעס האָט איהם געשטערט.

די מעכאַנישע טעאָריע פון היץ איז גאַנץ גוט פאָראויסגעזעהן געוואָרען אין 18טען י. ה. פון רומפאָרד און הומפרי דאַווי, און אפילו אין רוסלאַנד איז זי שוין פערטיידיגט געוואָרען פון לאָמאָנ־סאָוו.* און דאָך איז אַוועקגעגאַנגען מעהר ווי אַ האַלבער יאָהר־הונדערט איידער די טעאָריע האָט זיך ווידער בעוויזען אין דער וויסענשאַפט. לאַמאַרק, און אפילו ליננעאוס, זשאָפרוא סאַן ט'עלער, עראַזמוס דאַרווין און איינ̇יגע אַנדערע, האָבען גאַנץ גוט געוואוסט וועגען דער פערענדערליכקייט פון די מינים; זיי האָבען געעפענט דעם וועג אויפצובויען די ביאָלאָגיע אויף די פּרינציפּען פון וואַריאַציע; אָבער אָט דאָ אויך איז פערשוועגדעט געוואָרען אַ האַלבער יאָהרהונדערט, איידער די פערענדערליכקייט פון די מינים איז ווידער אַרויסגעקומען פאַר'ן ליכט. מיר אַלע געדענקען, ווי דאַרווין'ס אידעען זיינען אָנגעפיהרט געוואָרען, און ווי זיי זיינען אַרויפגעצוואונגען געוואָרען אויף דער אויפמערקזאַמקייט פון די אוניווערזיטעט־פּראָפעסאָרען הויפּטזעכליך דורך מענשען,

* אין אַ מעמואַר וועגען די אַרקטישע געגענדען, וועלכער איז פאַר זיך אַליין גאַנץ מערקווירדיג.

וועלכע זיינען אַליין ניט געווען קיין פּראָפעסיאָנעלע וויסענשאַפטסלייט; און אין דאַרווין'ס הענד איז די טעאָריע פון עוואָלוציע גאַנץ זיכער פערשמעלערט געוואָרען, צוליב דער צו־גרויסער בעדייטונג, וואָס איז צוגעשריבען געוואָרען בלויז צו איין פאַקטאָר פון ענטוויקלונג.*

שוין פיעל יאָהרען אז די אַסטראָנאָמיע נויטיגט זיך אין אַ גענויער רעוויזיע פון דער קאַנט־לאַפּלאַס היפּאָטעזע; אָבער דערוויל איז נאָך קיין נייע טעאָריע ניט ארויסגעקומען, וועלכע זאָל מוזען ווערען אַלגעמיין אָנגענומען. די געאָלאָגיע האָט זיכער געמאַכט אַ וואונדערבאַרען פּאָרטשריט, איבערבויענדיג די פּאַלעאָנטאָלאָגישע געשיכטע, אָבער די דינאַמישע געאָלאָגיע פּראָגרעסירט אַזוי לאַנגזאַם, ביז צום פערצווייפלען; און יעדער ווייטערער פּאָרטשריט אין דער גרויסער פראַגע בנוגע די געזעצען פון דער פערטיילונג פון די לעבענדע אָרגאַניזמען איבער דער אויבערפלעך פון דער ערד, ווערט געשטערט דורך דעם, וואָס מיר ווייסען ניט גענוג וועגען דער אויסשפּרייטונג פון דער פערגלעטשערונג אין פערלויף פון דער קוואַטערנער עפּאָכע.**

* זעה וועגען דעם ענין דעם פּערפאַסער'ס ווערק „די געגענזייטיגע הילף", וואָס איז ערשיענען אין אידיש פאָריגען יאָהר פון דיזעלביגע ארויסגעבער. (דער איבערזעצער.)

** דער פּאָרטשריט אין דער פראגע וועגען דער אייז־פּעריאָדע, וואָס איז דאָ ניט לאנג געווען אַזוי פּאָפּולער, איז אָבגעגאַנגען ערשטוינענד לאַנגזאַם. ווענעץ אין יאָהר 1821 און עזמאַרק אין יאָהר 1823 האָבען שוין דערקלערט די אונרעגעלמעסיגע ערשיינונגען דורך דער פּערגלעטשערונג פון אייראָפּאַ. אַגאַססיטץ איז אַרויסגעקומען מיט זיין אידעע וועגען דער פּערגלעטשערונג פון די אַלפּען, די יורא־בערג און שאָטלאנד, אַרום דעם יאָהר 1840; און פינף יאָהר שפּעטער האָט גייאָ פּערעפענטליכט זיינע מאַפּען וועגען די מאַרשרוטען פון די אַלפּען־פעלזענשטיינער. עס זיינען אָבער אַוועקגעגאַנגען צוויי און פערציג יאָהר נאָך דעם ווי ווענעץ האָט געשריבען, איידער איין פּראָמינענטער געאָלאָג (לייעל) האָט שרעקעדיג געוואַגט אָנצונעהמען זיין טעאָריע אפילו ביי געוויסע גרעניצען — דער אינטערעסאַנטעסטער פאקט איז, וואָס גייאָ'ס מאַפּען, פון וועלכע מען

קורץ, אין יעדען צווייג פון וויסענשאפט פיהלט זיך א דרינ־גענדע נויט צו רעווידירען די אנגענומענע טעאריען, ווי אויך צו שאפען נייע, ברייטע גענעראליזאציעס. און אויב די דאזיגע רעוויזיע פאדערט וויפיעל־ניט־איז יענע זשעניע־בעגייסטערונג, וועלכע האט בעוועגט א גאלילעא און א ניוטאן — די ערשיינונג פון אזא בעגייסטערונג העננט אב פון אלגעמיינע אורזאכען פון דער מענשליכער ענטוויקלונג — פאדערט זי אויך א פערמעהרונג אין דער צאהל פון וויסענשאפטליכע ארבייטער. ווען די פאקטען, וואס ווידערשפרעכען די אנגענומענע טעאריען, פערמעהרען זיך אין צאהל, מוזען די טעאריען רעווידירט ווערען (מיר האבען עס געזעהן אין דארווין'ס פאל), און עס פאדערן זיך טויזענדער איינ־פאכע אינטעליגענטע וויסענשאפט־ארבייטער אנצוקלייבען די נויטיגע פאקטען.

אונגעהויער־גרויסע געביטען פון דער ערד בלייבען נאך אלץ ניט־אויסגעפא־שט. דאס שטודיום וועגען דער געאגראפישער פער־

האט גארניט געהאלטען אין יאהר 1845, זיינען נאך דעם יאהר 1863 שוין אנערקענט געווארען אלס זיכער פעסטגעשטעלט. אפילו איצטער, שוין מעהר ווי א האלב יאהרהונדערט נאך אגאסיטץ'ס ערשטען ווערק, זיינען זיינע אנשויאונגען נאך אלץ ניט אדער איבגאנצען אבגעשלאגען, אדער אלגעמיין־אנגענומען. אזוי אויך בנוגע פארבעס' אנשויאונגען וועגען דער פלאסטיציטעט פון אייז. אגב אורחא לאמיך בעמערקען, אז די גאנצע פאלעמיק וועגען דער קלעפעדיגקייט פון אייז שטעלט פאר א זאנדערבארען בײשפיעל, ווי אזוי די אנטייל־נעהמער אין דער דאזיגער פאלעמיק האבען איגנארירט די פאקטען, די וויסענשאפטליכע בעציהונגען און די עקספערימענטאלע מעטאדען, וועלכע זיינען געווען גאנץ גוט בעקאנט די בוי־אינזשענערען. ווען די דאזיגע פאקטען, בעציהונגען און מעטאדען וואלטען גענומען געווארען אין בעטראכט, וואלט די פאלעמיק ניט געקאכט זיך אזויפיעל יאהרען אהן רעזולטאטען. נאך אזוינע בײשפיעלען, וואס בעווייזען, ווי אזוי די וויסענשאפט ליידט פון דעם, וואס עס פעהלט די בעקאנטשאפט מיט די פאקטען און מעטאדען פון די עקספערימענטירונגען, וועלכע זיינען גוט בעקאנט פאר אינ־זשענערען, פלאריסטען, פיה־ציכטער א. ד. ג., וואלט מען געקענט ברייגנען אין די מאסען.

טיילונג פון די בעלי חיים און פלאַנצען בעגעגענט שטערונגען אויף יעדען שריט. רייזענדער קרייצען דורך גאַנצע קאָנטינענטען און ווייסען ניט צומאָל ווי צו בעשטימען די געאָגראַפישע ברייט־גראַדען, אָדער ווי אָרומצוגעהן מיט אַ באַראָמעטער. די פיזיאָ־לאָגיע סיי פון פלאַנצען, סיי פון בעלי חיים, די פסיכאָ־פיזיאָלאָגיע און די פסיכאָלאָגישע אייגענשאַפטען פון מענשען און טהיערען, זיינען אַלץ צווייגען פון וויסען, וועלכע נויטיגען זיך אין מעהר פאַקטען פון דעם איינפאַכסטען סאָרט. די געשיכטע פערבלייבט נאָך אַלץ אַ „פאַבעל קאָנוועני" (אַ פראָסטע מעשה), הויפּטזעכליך ווייל עס פעהלען איהר פרישע אידעען, אָבער אויך דערפאַר, ווייל עס פעהלען וויסענשאַפטליך־דענקענדע אַרבייטער. וואָס זאָלען פון דאָס ניי צונויפשטעלען דאָס לעבען פון די פערגאַנגענע יאָהר־הונדערטען, ווי טהאָראָלד ראָדזשערס אָדער אַגוסטין טהיעררי האָבען עס געטאָן פאַר בעשטימטע עפּאָכען.

קורץ, עס איז ניטאָ קיין איינציגע וויסענשאַפט, וועלכע זאָל ניט ליידען אין איהר ענטוויקלונג פון דעם דוחק אין מענער און פרויען, וועלכע בעזיצען אַ פילאָזאָפישען בעגריף פון'ם אוניווערזום, וועלכע זיינען גרייט אָבצוגעבען זייערע אונטערזוכונגס־קרעפטען אויף אַ בעשטימטען געביט, ווי בעגרעניצט דער געביט זאָל ניט זיין, און וועלכע האָבען גענוג פרייע צייט זיך אָבצוגעבען מיט וויסענשאַפטליכע טהעטיגקייטען. אין אַ געמיינשאַפט ווי די, וועגען וועלכער מיר האָבען גערעדט, וואָלטען טויזענדער אַרבייטער געווען גרייט צו ענטפערען יעדען אויפרוף פאַר אונטערזוכונגען. דאַרווין האָט פערבראַכט כמעט דרייסיג יאָהר אויף צו קלייבען און אַנאַלי־זירען די פאַקטען, כדי אויסצואַרבייטען די טעאָריע וועגען דער ענטשטעהונג פון די מינים. ווען ער וואָלט געלעבט אין אַזאַ געזעל־שאַפט ווי מיר נעהמען אָן, וואָלט ער איינפאַך אַפּעלירט צו פריי־וויליגע, זיי זאָלען זאַמלען פאַקטען און מאַכען טיילווייזע אונטער־זוכונגען, און טויזענדער פאָרשער וואָלטען זיך אָבגערופען אויף זיין אויפרוף. צעהנדליגע געזעלשאַפטען וואָלטען ענטשטאַנען צו דעבאַ־טירען און לייזען יעדען פון די טיילען פון די פּראָבלעמען, וואָס געהען אריין אין דער טעאָריע, און אין צעהן יאָהר וואָלט די טעאָריע בעשטעטיגט געוואָרען; אַלע פאַקטאָרען פון עוואָלוציע, וועלכע הוי־

בען ערשט איצטער אן צו בעקומען די נויטיגע אויפמערקזאמקייט, וואלטען שוין געהאט זיך ארויסגעוויזען אין זייער גאנצען ליכט. דער גראד פון וויסענשאפטליכען פארטשריט וואלט געווען צעהן מאל אזוי גרויס; און אויב דער יחיד וואלט דאן ניט געהאט דעמזעלביגען אנשפרוך אויף דער דאנקבארקייט פון די קומענדע דורות, ווי ער האט איצטער, וואלט אבער די אונבעקאנטע מאסע געטהאן די ארבייט מיט מעהר געשווינדקייט און מיט גרעסערע אויסזיכטען אויף ווייטערע פארטשריטען, איידער דער יחיד וואלט עס געקענט טהאן אין משך פון זיין גאנצען לעבען. מר. מאררייס ווערטערבוך איז א ביישפיעל פון אט דעם סארט ארבייט — די ארבייט פון דער צוקונפט.

עס איז אבער פאראן נאך א כאראקטער־שטריך פון דער מאדערנער וויסענשאפט, וועלכער רעדט נאך שטארקער צו גונסטען פון דער ענדערונג, וואס מיר פערטיידיגען דא. בעת די אינדוסטריע, דערהויפט צום סוף 18טען י. ה. און אנהויב דעם 19טען, האט געמאכט אזויפיעל ערפינדונגען, אז עס האט איבערגעענדערט דעם גאנצען אויסזעהן פון דער ערד, האט די וויסענשאפט פערלארען איהרע ערפינדערישע קרעפטען. די וויסענשאפטס־מענער מאכען מעהר ניט קיין ערפינדונגען, יעדענפאלס זעהר ווענינ. איז עס ניט ווירקליך אויפפאלענד, אז די דאמף־מאשין — אפילו ניט צומאל איהרע הויפט־פרינציפען — דער לאקאמאטיוו, די דאמף־שיף, דער טעלעפאן, דער פאנאגראף, די וועב־מאשין, די שפיצען־מאשין, דער לייכט־טורעם, דער מאקאדעמיזירטער וועג, די פאטאגראפיע אין שווארץ און אין פארבען, און טויזענדער אנדערע וועניגער וויכטיגע זאכען, זיינען נ י ט ערפונדען געווארען פון פראפעסיאנעלע וויסענשאפטס־מענער, אבוואויל קיין איינציגער פון זיי וואלט זיך ניט אבגעזאגט צו פעראייניגען זיין נאמען מיט יעדער איינער פון די דערמאנטע ערפינדונגען? מענשען, וועלכע האבען קוים בעקומען וויפיעל־ניט־איז בילדונג אין א שוהל, וועלכע האבען בלויז צונויפגעקליבען די ברעקלעך וויסען פון די טישען פון די רייכע, און האבען זייערע עקספערימענטען געמאכט מיט די פרימיטיווסטע מיטלען — דעם אדוואקאט'ס שרייבער סמיטאן, דער אינסטרומענטען־מאכער וואטט, דער וואגאנען־אבשטעלער סטעפענסאן, דער יובעליר־לעהרלינג פולטאן, דער מאשין־מאכער רענניע, דער מויערער טעל־

פאָרד, און הונדערטע אַנדערע, וואָס זייערע נעמען בלייבען אפילו אונבעקאַנט, זיינען געווען, ווי מר. סמיילס האָט ריכטיג געזאָגט, „די אמת׳ע שעפער פון דער מאָדערנער ציוויליזאַציע"; בעת די פּראָפעסיאָנעלע וויסענשאַפּטס-מענער, וועלכע בעזיצען אַלע מיטלען צו ערווערבען וויסען און מאַכען עקספּערימענטען, האָבען גאַנץ ווינ־ציג ערפונדען פון דער אונגעהויערער מאַסע געצייג, מאַשינען, טרייב-ווערק, וועלכע האָבען געצייגט דער מענשהייט ווי צו בענוצען און אָנפיהרען די נאַטור-קרעפטען.* דער פאַקט איז אויפפאַלענד, אָבער די ערקלערונג איז גאַנץ איינפאַך: די דאָזיגע מענשען — די וואַטטס און די סטעפענסאָנס — האָבען עטוואָס געקענט, וואָס די געלעהרטע קענען ניט: זיי האָבען געקענט געברויכען זייערע הענד. זייער אומגעבונג האָט ארויסגערופען זייערע ערפינדערישע קרעפ־טען; זיי האָבען געקענט די מאַשינען, האָבען געקענט זייערע הויפּט־פּרינציפּען און זייער ארבייט; זיי האָבען געאָטעמט די לופט פון ווערקשאָפּ און פון בוי-הויף.

מיר ווייסען וואָס די וויסענשאַפטסמענער וועלען ענטפערען אויף אָט דעם פאָרוואורף. זיי וועלען זאָגען: „מיר ענטדעקען די נאַטור-געזעצען, לאָזען די אַנדערע זיי אָנווענדען; עס איז אַן איינ־פאַכע צוטיילונג פון דער ארבייט". אָבער אַזאַ ענטפער וואָלט לגמרי געווען ניט-אמת. דער גאַנג פון פּראָגרעס איז אַקוראַט פער־קעהרט; דען אין הונדערט פעלען אַנטקעגען איינעם קומט די מעכאַ־נישע ערפינדונג אפריהער פאַר דער ענטדעקונג פון דעם וויסענ־שאַפטליכען געזעץ. די דינאַמישע טעאָריע פון היץ איז ניט געקומען פריהער פאַר דער דאַמפ-מאַשין — זי איז געקומען נ אָ ך איהר.

ווען טויזענדער מאַשינען האָבען שוין פערוואַנדעלט היץ אין בעוועגונג פאַר די אויגען פון הונדערטער פּראָפעסאָרען, און האָבען

---

* די בעמיע איז אין אַ גרויסען ערד אַ יוצא מן הכלל. איז עס ניט דערפאַר, ווייל דער בעמיקער איז ביז אַ געוויסען גראַד אויך אַ האַנד־אַרבייטער? אויסער דעם זעהען מיר זינט די לעצטע 10 יאָהר אַ בע־שטימטע אויפלעבונג אין וויסענשאַפטליכער ערפינדליכקייט, דערהויפּט אין דער פיזיק — ד. ה. אין אַזאַ צווייג, וואו דער טעכניקער און דער וויסענשאַפטס-מאַן בעגעגענען זיך אַזוי אָפט.

עס געטאן א האלבען יאהרהונדערט אדער מעהר נאכאנאנד; ווען טויזענדער צוגען זיינען אבגעשטעלט געווארען דורך מעכטיגע רעדער־אבשטעלער, און האבען ארויסגעלאזען פון זיך היץ און פערשפרייט גארבען מיט פונקען אויף די רעלסען, אנקומענדיג צו די סטאנציעס; ווען איבער דער גאנצער ציוויליזירטער וועלט האבען שווערע האמערס און דורכבויערער היים אנגעבערענט די שטיקער אייזען, וועלכע זיי האבען געהאמערט און דורכגעבויערט — דאן, ערשט דאן האט סעגין, דער עלטערער, אין פראנקרייך, און א דאקטאר, ראבערט מייער, אין דייטשלאנד געוואגט ארויסצושטעלען די מעכאנישע טעאריע פון היץ מיט אלע איהרע קאנסעקווענצען. און אפילו דאן האבען די מענער פון דער וויסענשאפט איגנארירט סעגין'ס ארבייט און געטריבען מייער'ן כמעט ביז צום וואהנזין, זיך האלטענדיג הארטנעקיג־פעסט פאר זייער מיסטעריעזען „פלואידום קאלאריקום“ (היץ־פליסיגקייט). נאך ערגער: זשול'ס ערשטע ארבייט, וואס האט בעשטימט דעם מעכאנישען עקוויוואלענט פון היץ, האבען זיי אנגערופען „אונוויסענשאפטליך“.

ווען טויזענדער מענשען האבען א צייט נאכאנאנד געהאט בעוויזען די אונמעגליכקייט אויסצונוצען די גאנצע היץ, וואס ווערט ארויסגעגעבען פון א בעשטימטען סכום הייץ־מאטעריאל, איז דאן ערשט געקומען דער צווייטער געזעץ פון קלאוזיוס. ווען איבער דער גאנצער וועלט האט די אינדוסטריע שוין געהאט פערוואנדעלט בעוועגונג אין היץ, קלאנג, ליכט און עלעקטריציטעט, און יעדען איינעם פון זיי אין יעדען אנדערען, איז ערשט דערנאך געקומען גראווע'ס טעאריע וועגען דער „קאררעלאציאן פון די פיזישע קרעפטען“; און גראווע'ס ארבייט האט געהאט דעמזעלביגען שיקזאל ביי דער „ראיאל סאסייעטי“, ווי זשול'ס. זי האט זיך אבגעזאגט צו פערעפענטליכען זיין מאנאגראף ביז דעם יאהר 1856.

ניט די טעאריע פון עלעקטריציטעט האט אונז געגעבען דעם טעלעגראף. אלץ וואס מיר האבען געוואוסט וועגען עלעקטריציטעט, ווען דער טעלעגראף איז ערפונדען געווארען, איז בעשטאנען פון עטליכע מעהר אדער וועניגער שלעכט־צוזאמענגעשטעלטע פאקטען אין אונזערע ביכער. די טעאריע פון עלעקטריציטעט איז נאך עד היום ניט פארטיג; זי ווארט נאך אלץ אויף איהר ניוטאן, טראץ די גלענצענדע פראבעס פון די לעצטע יאהרען. אפילו דאס עמפי־

רישע וויסען וועגען די געזעצען פון די עלעקטרישע שטראמען איז נאך „געלעגען אין די וויקעלעך", בעת עטליכע געוואגטע מענשען האבען געלעגט א קאבעל אויפ'ן גרונד פון אטלאנטישען אקעאן, ניט האלטענדיג די ווארנונגען פון די אויטאריזירטע וויסענשאפטס-מענער.

דער נאמען „אנגעווענדעטע וויסענשאפט" איז גאר ניט קיין ריכטיגער נאמען, דען אנשטאט וואס די ערפינדונג זאל זיין אן אנווענדונג פון וויסענשאפט, האט אין די גרויסע מעהרהייט פעלען די ערפינדונג גאר פערקעהרט געשאפען א נייעם צווייג פון וויסענשאפט. די אמעריקאנער בריקען זיינען ניט געוועזן קיין אנווענדונג פון דער עלאסטיציטעט-טעאריע; זיי זיינען געקומען פריהער איידער די טעאריע, און אלץ וואס מיר קענען זאגען צו גונסטען פון דער וויסענשאפט איז, אז אין אט דעם ספעציעלען צווייג האבען די טעאריע און די פראקסיס זיך ענטוויקעלט פאראלעל, העלפענדיג איינע די אנדערע. ניט די טעאריע פון עקספלאזיוועז האט געפיהרט צו דער ענטדעקונג פון שיס-פולווער; שיס-פולווער איז שוין געוועזן אין געברויך הונדערטער יאהרען, איידער די ווירקונג פון די גאזען אין א ביקס איז אונטערווארפען געווארען אונטער א וויסענשאפט-ליכען אנאליז. און אזוי ווייטער. מען וואלט לייכט געקענט פער-פיעלפאכען די ביישפיעלען, דערמאנענדיג די גרויסע פראצעסען פון דער מעטאללורגיע: די מעטאלען-צונויפזאצען און די אייגענ-שאפטען, וואס זיי בעקומען פון צולעגען זעהר קליינע סומען מעטא-לען אדער מעטאלאידען; די נייעסטע אויפלעבונג אין דער עלעקט-רישער בעלייכטונג; יא, אפילו די וועטער-פאראויסזאגונגען, וועלכע האבען ווירקליך פערדיענט דעם פארוואורף אז זיי זיינען „אונ-וויסענשאפטליך", בעת דער אויסגעצייכענטער בעאבאכטער פון פאלענדע שטערען, מאטהיע דע לא דראם, און דער אלטער מאטראז, פיטצראי, האבען אנגעפאנגען זיי צו געבען דאס ערשטע מאל — אט דאס אלץ האט מען דא געקענט ברענגען אלס ביישפיעלען צום פונקט.

עס פערשטעהט זיך, מיר האבען א צאהל פעלען, וואו די ענט-דעקונג אדער די ערפינדונג איז געוועזן נישט מעהר ווי אן אנווענ-דונג פון א וויסענשאפטליכען געזעץ. (פעלען, ווי די ענטדעקונג פון דעם פלאנעט נעפטון); אין די גרעסטע מעהרהייט אבער איז די

ענטדעקונג אדער די ערפינדונג אין אנפאנג נימי ווימענשאפטליך. זי געהערט פיעל מעהר צו דעם געביט פון קונסט — די קונסט קומט פאר דער וויסענשאפט, ווי העלמהאלץ האט אזוי גוט בעוויזען אין איינער פון זיינע פאפולערע לעקציעס — און ערשט נאכדעם אז די ערפינדונג איז שוין געמאכט געווארען, קומט די וויסענשאפט און דערקלערט עס. עס איז זעלבסטפערשטענדליך, אז יעדע ערפינדונג בענוצט זיך מיט די פריהער־געזאמעלטע קענטעניש און די ארטען פון דענקען; אבער דאס רוב מאכט זי א טריט ווייטער איידער דאס, וואס איז שוין בעוואוסט; זי טהוט א שפרונג אין דאס אונבעקאנטע, און עפענט אט אזוי אויף א גאנץ־נייע רייה פאקטען פאר אונטער־זוכונגען. אט דער כאראקטער פון ערפינדונגען, ד. ה. צו מאכען א טריט אין פאראוים פון דעם פריהערדיגען וויסען, אנשטאט בלויז אנצואווענדען א געזעץ, שטעלט זיי, אין פרט פון די גייסטיגע פראצעסען, וואס שטעקען דעריין, אין איין רייה מיט ענטדעקונגען; און דעריבער זיינען די לייט, וועלכע זיינען לאנגזאם אין ערפינדונ־גען, אויך לאנגזאם אין ענטדעקונגען.

אין די מעהרסטע פעלען פאנגט אן דער ערפינדער, ווי ער זאל ניט זיין אנגערעגט פון דעם אלגעמיינעם צושטאנד פון דער וויסענ־שאפט אין א בעשטימטען מאמענט, מיט זעהר ווייניג פעסטגע־שטעלטע פאקטען, מיט וועלכע ער זאל זיך קענען בענוצען. די וויסענשאפטליכע פאקטען, וואס זיינען גענומען געווארען אין בעטראכט ביי דער ערפינדונג פון דער דאמף־מאשין, אדער דעם טעלעגראף, אדער דעם פאנאגראף, זיינען געווען זעהר עלעמענטארע. מיר קענען דעריבער בעהויפטען, אז וויפיעל מיר ווייסען איצטער איז שוין גענוג צו לייזען יעדען איינעם פון די גרויסע פראבלעמען, וועלכע שטעהען אויפ'ן טאגעס־ארדנונג — מאטארען אהן דעם געברויך פון דאמף, די פארראטה־זאמלונג פון ענערגיע, די איבער־טראגונג פון קראפט, אדער די פליה־מאשין. ווען אט די פראבלעמען זיינען נאך ניט געלייזט, איז דאס נאר דערפאר, ווייל עס פעהלט דער ערפינדערישער גייסט; ווייל אזוי ווייניג געבילדעטע מענשען בעזיצען דעם דאזיגען גייסט, און ווייל די וויסענשאפט איז היינטיגע צייטען אבגעריסען פון דער אינדוסטריע.* פון איין זייט האבען

* איך לאז איבער בכיון אט די שורות, ווי זיי זיינען געווען אין

מיר מענשען, וועלכע זיינען בעגאבט מיט ערפינדונגס־פעהיגקייטען, אבער האבען נישט, ניט די נויטיגע וויסענשאפטליכע קענטענישען, ניט די מיטלען צו מאכען לאנגע עקספערימענטען יאהרען נאכא־נאנד; פון דער אנדער זייט ווידער, האבען מיר מענשען, וואס בעזיצען קענטענישען און האבען די מעגליכקייט צו עקספערימענטירען, אבער עס פעהלט זיי דער ערפינדערישער גייסט, א דאנק זייער ערציהונג, די צו־אבסטראקטע, צו־סכאלאסטישע, צופיעל פון־בוך־געשעפטע, ווי אויך דער אומגעבונג, אין וועלכער זיי לעבען — שוין ניט צו רעדען וועגען דעם איינפלוס פון דעם פאטענט־סיסטעם פאר ערפינדונגען, וועלכער צוטיילט און צושפרייט די אנשטרענגונגען פון די ערפינדער, אנשטאט וואס עס זאל זיי צונויפבינדען.* דער געניאלער שוואונג, וואס האט כאראקטעריזירט די ארבייטער ביים אנהויב פון דער מאדערנער אינדוסטריע, פעהלט ביי אונזערע פראפעסיאנעלע וויסענשאפטס־מענער. און זיי וועלען איהם ניט בעקומען, אזוי לאנג ווי זיי וועלען בלייבען פרעמד פון דער וועלט אינמיטען פון זייערע פערשטויבטע ביכער־פאליצעס; אזוי לאנג ווי זיי וועלען ניט זיין אליין קיין ארבייטער צווישען אנדערע ארבייטער, ביים פייער פון שמעלץ־אויווען, ביי דער מאשין אין פאבריק, ביי דער דרעה־באנק אין שלאסער־ווערקשטאט; מאטראזען צווישען מאטראזען אויפ'ן ים, פישער אין פישער־שיפעל, בוימען־שניידער אין וואלד, ערד־אקערער אויפ'ן פעלד.

אונזערע לעהרער פון קונסט — ראסקין און זיין שוהל —

דער ערשטער אויסגאבע. די דאזיגע אלע געוואונשטע זאכען זיינען שוין איצט אויפגעטאנענע פאקטען.

* דיזעלבע בעמערקונג דארף מען אויך מאכען בנוגע די סאציאלאגען, און נאך מעהר בנוגע די עקאנאמיסטען. וואס טהוען די מעהרסטע פון זיי, די סאציאליסטען אויך, אחוץ וואס זיי שטודירען הויפטזעכליך די ביכער, וואס זיינען פריהער געשריבען געווארען, און די סיסטעמען פון פאליטישער עקאנאמיע? אנשטאט דעם האבען זיי געדארפט שטודירען די פאקטען פון דעם עקאנאמישען לעבען פון די פעלקער און די טויזענדער פראבעס, וואס ווערען געמאכט אומעטום אין איוראפא און אמעריקא, צו געבען דער אגריקולטור און דער אינדוסטריע נייע פארמען פון ארגאניזאציע און נייע מעטאדען.

האבען אונז אפט געזאגט די לעצטע צייט, אז מיר זאלען ניט דער־ווארטען קיין ווידעראויפלעבונג פון קונסט, כל זמן דאס האנדווערק בלייבט ביי זיין איצטיגען צושטאנד. זיי האבען בעוויזען ווי די גריכישע און מיטעלאלטערליכע קונסט זיינען געוועזן טעכטער פון האנדווערק, ווי זיי האבען איינע די אנדערע געגענזייטיג דערנעהרט. דאס איינענע איז ריכטיג בנוגע האנדווערק און וויסענשאפט; זייער צוטיילונג איז אן אונטערגאנג פארביידען. וואס געהערט די גרויסע בעגייסטערונגען, וועלכע זיינען לידער אזויפיעל פערנאכ־לעסיגט געווארען די לעצטע צייט אין די מעהרסטע ויכוחים וועגען קונסט — און וועלכע פעהלען פונקט אזוי גוט אין דער וויסענשאפט — קען מען דערווארטען זיי זאלען זיך צוריקקעהרען נאר דאן, ווען די מענשהייט וועט צוברעכען איהרע היינטיגע קייטען און מאכען א נייעם אנהויב אין די העכערע פרינציפען פון סאלידאריטעט, אבשאעפנדיג דעם היינטיגען צווישפאלט צווישען מאראל און פילאזאפיע.

עס איז, פערשטעהט זיך, קלאר, אז ניט אלע מענער און פרויען קענען אויף א גלייכען אופן געניסען די טהעטיגקייטען פון וויסענ־שאפטליכער ארבייט. די נייגונגען זיינען אזוי פערשיידען, אז אייניגע געפינען מעהר פערגעניגען אין וויסענשאפט, אנדערע אין קונסט, און נאך אנדערע אין וועלכע עס איז פון די אונצעהליגע צווייגען פון רייכטום־פראדוקציאן. אבער וואס פאר׳ע בעשעפ־טיגונגען יעדער איינער זאל זיך ניט אויסקלייבען, וועט יעדער איינער מעהר נוצען ברענגען אין זיין אייגענעם צווייג, אויב ער וועט בעזיצען ערנסטע וויסענשאפטליכע קענטעניששען. און ווער ער זאל ניט זיין — וויסענשאפטסמאן אדער קינסטלער, פיזיקער אדער כירורג, כעמיקער אדער סאציאלאג, היסטאריקער אדער פאעט — וועט ער אלעמאל געווינען, אויב ער וועט פערברענגען א טייל פון זיין לעבען אין ווערקשאפ אדער אויף׳ן פארם (איך זאל זאגען: אין ווערקשאפ און אויף׳ן פארם); אויב ער וועט קומען אין בעריהרונג מיט דער מענשהייט אין איהר טעגליכער ארבייט, און וועט האבען די צופריעדענשטעלונג, וואס ער וועט וויסען, אז ער אליין מחוט זיין פליכט אלס א ניט־פריווילעגירטער שאפער פון רייכטום.

וויפיעל בעסער וואלט דער היסטאריקער און דער סאציאלאג פערשטאנען די מענשהייט, ווען זיי וואלטען זי געקענט ניט נאר פון

ביכער, ניט נאר פון עטליכע פארשטעהער איהרע, נאר אלס א גאנצע, אין איהר טעגליכען לעבען, טעגליכער ארבייט און טעגליכע געשעפ־טען! וויפיעל מעהר וואלט די דאקטאריע זיך פערלאזען אויף דער היגיעניע און וויפיעל ווענינער אויף רעצעפטען, ווען די יונגע דאקטוירים וואלטען אליין געפלעגט די קראנקע, און די קראנקען־פלעגער וואלטען בעקומען די בילדונג פון היינטיגע דאקטוירים! און וויפיעל וואלט דער פאעט געוואונען אין זיין געפיהל פאר דער שעהנקייט פון דער נאטור, וויפיעל בעסער וואלט ער געקענט די מענשליכע הארץ, ווען ער וואלט דערבליקט די אויפגעהענדע זון צווישען די אקערער פון באדען, אליין שטעהענדיג ביים אקער; ווען ער וואלט געקעמפפט אנטקעגען שטורם צוזאמען מיט די מאט־ראזען אויפ'ן דעק פון שיף; ווען ער וואלט געוואוסט די פאעזיע פון ארבייט און רוה, פון ליידען און פריידען, פון קאמף און זיעג! „גרייפט נור הינאיין אינ'ס פאללע מענשענלעבען!" האט געטהע געזאגט; „איין יעדער לעבט'ס — ניכט פיעלען איזט'ס בעקאננט".
אבער ווי ווענינ פאעטען פאלגען זיין ראטה!

די אזוי־גערופענע „טיילונג פון ארבייט" איז אויסגעוואקסען אונטער א סיסטעם, וועלכע האט פער'משפט די מאסען צו הארע־ווען דעם גאנצען טאג און דעם גאנצען לעבען לאנג ביי דעמזעלביגען דערעסענדען סארט ארבייט. ווען מיר בערעכענען אבער ווי קליין די צאהל איז פון די ווירקליכע שאפער פון רייכטום אין אונזער היינטיגער געזעלשאפט, און וויפיעל זייער ארבייט געהט לאיבוד, מוזען מיר איינזעהן, אז פראנקלין איז גערעכט געווען, ווען ער האט געזאגט, אז ארבייטען פינף שטונדען א טאג וואלט אין אלגעמיין גענוג געווען צו בעזארגען יעדען מיטגליעד פון א ציוויליזירטער געזעלשאפט מיט אלע בעקוועמליכקייטען, וואס איצט האבען עס נאר די ווענינע.

מיר האבען אבער געמאכט אביסעל פארטשריט זינט פראנק־לינ'ס צייטען, און א טייל פון דעם פארטשריט אין דעם ביז אהער זעהר צוריקגעשטאנענעם צווייג פון פראדוקציאן — די אגריקולטור — איז אנגעצייגט געווארען אין די פריהערדיגע זייטלעך. אפילו אין דעם צווייג קען די פראדוקטיוויטעט פון דער ארבייט אונגעהייער פיעל פערגרעסערט ווערען, און די ארבייט גופא קען געמאכט

ווערען לייכט און אנגענעהם. ווען יעדער איינער וואָלט גענומען זיין חלק אין דער פּראָדוקציאָן, און ווען די פּראָדוקציאָן וואָלט פערגעזעלשאַפטליכט געוואָרען — ווי די פּאָליטישע עקאָנאָמיע, ווען זי וואָלט בעצוועקט די צופריעדענשטעלונג פון אַלעמענס שטענדיג־וואַקסענדע נויטען, וואָלט אונז געראַטהען טהאָן — דאַן וואָלט מעהר ווי אַ העלפט פון דעם אַרבייטס־טאָג געקענט בלייבען פאַר יעדען איינעם צו בעשעפטיגען זיך מיט קונסט, וויסענשאַפט, אָדער עפּעס אַ ליעבלינג־אַרבייט, וואָס ער קען זיך אויסקלייבען. און זיין אַרבייט אויף די דאָזיגע געביטען וואָלט אויף אַזויפיעל מעהר געווען ניצליך, ווען ער וואָלט דעם אַנדער האַלבען טאָג פערבראַכט אין פּראָדוקטיווער אַרבייט — ווען קונסט און וויסענשאַפט וואָלטען בעטריבען געוואָרען אויס ריינער נייגונג, און ניט פאַר געשעפטליכע צוועקען. מעהר נאָך, אַ געמיינשאַפט, וואָס איז אָרגאַניזירט לויט דעם פּרינציפּ אַז אַלע זיינען אַרבייטער, וואָלט געווען גענוג רייך צו קאָנען בעשליסען, אַז יעדער מאַן און פרוי, גרייכענדיג אַ געוויסען עלטער — לאָמיר זאָגען, פערציג יאָהר אָדער מעהר — דאַרף בעפרייט ווערען פון דער מאָראַלער פליכט צו נעהמען אַ דירעקטען אַנטייל אין דער לייסטונג פון האַנד־אַרבייט. כדי ער אָדער זי זאָל קענען איינגאַנצען זיך אָבגעבען מיט וואָס־נאָר זיי ווילען אויפ'ן געביט פון קונסט אָדער וויסענשאַפט אָדער וועלכער עס איז בעשעפטיגונג. פרייע בעשעפטיגונג אין נייע צווייגען פון קונסט און וויסען, פרייעס שאַפען און פרייע ענטוויקלונג, וואָלטען אויף אַזאַ אופן געווען פאָלשטענדיג גאַראַנטירט. אַזאַ געמיינשאַפט וואָלט ניט געוואוסט פון עלענד אינמיטען פון רייכטום. זי וואָלט ניט געוואוסט פון דער צווייאיגקייט פון געוויסען, וואָס דרינגט דורך אונזער לעבען און דערשטיקט יעדע נאָבעלע בעשטרעבונג. זי וואָלט פריי געריכטעט איהר שוואונג צו די העכסטע ספערען פון פּראָגרעס, וואָס דער מענש קען נאָר דערגרייכען.

קאפיטעל IX

שלום

די לעזער, וועלכע האבען געהאט די געדולד נאכצופאלגען די פאקטען, וואס זיינען צונויפגעקליבען געווארען אין אט דעם בוך, און בעזונדערס יענע לעזער, וואס האבען אויפמערקזאם זיי דורכגעטראכט, וועלען וואהרשיינליך זיך פיהלען איבערצייגט אין דער אונגעהייערער מאכט איבער די פראדוקטיווע נאטור־קרעפטען, וואס דער מענש האט ערווארבען אין דעם לעצטען האלבען יאהרהונדערט. פערגלייכענדיג די פארטשריטען, וואס זיינען דא אנגעצייגט געווארען, מיט דעם היינטיגען צושטאנד פון דער פראדוקציאן, וועלען אונזערע לעזער, האף איך, זיך אליין שטעלען די פראגע, וועלכע וועט באלד ווערען, לאמיר האפען, די הויפט־טעמא פון א וויסענשאפטליכער פאליטישער עקאנאמיע, און דאס איז — זיינען די מיטלען, וועלכע ווערען איצט אנגעווענדעט, אונטער דעם היינטיגען סיסטעם פון א פעסטער צוטיילונג פון פונקציעס און פון פראדוקציאן פאר פראפיטען, ווירקליך *עקאנאמיש*? צי פיהרען זיי ווירקליך צו אן עקאנאמיע אין דער אויסגאבע פון מענשליכע קרעפטען? צי זיינען זיי ניט בלויז פערשווענדערישע ירושות פון א פערגאנגענהייט, וועלכע איז געוועזן פערזונקען אין פינסטערניש, אונוויסענהייט און אונטערדריקונג, און האט קיינמאל ניט גענומען אין בעטראכט דעם עקאנאמישען און געזעלשאפטליכען ווערטה פון א מענשען?

אויפ׳ן געביט פון אגריקולטור קען מען עס אננעהמען ווי א בעוויזענע זאך, אז ווען מען זאל אפילו נאר א קליינעם טייל פון דער צייט, וואס ווערט איצט אבגעגעבען אין יעדען פאלק אדער לאנד צו קולטיווירען די פעלדער, פערווענדען אויף גוט־דורכגעטראכטע און געזעלשאפטליך־דורכגעפיהרטע בעשטענדיגע פערבעסערונגען פון באדען, וואלט די ארבייט־צייט, וואס וואלט זיך שפעטער געפאדערט ארויסצוקריגען די יעהרליכע ברויט־שפייז פאר א דורכשניט־פאמיליע פון פינף מענשען, פערנומען ווייניגער ווי צוויי וואכען יעדען יאהר. און די ארבייט, וואס וואלט זיך געפאדערט פאר דעם צוועק, וואלט ניט געווען די שווערע פראצע פון

דעם אמאָליגען שקלאַף, נאָר אזא ארבייט, וואָס וואָלט גוט געווען פאַר די פיזישע כחות פון יעדען געזונדען מאַן און יעדער געזונדער פרוי אין לאַנד.

עס איז בעוויזען געוואָרען, אז פאָלגענדיג די מעטאָדען פון אינטענסיווער האנדעלס־גערטנעריי — טיילווייז אונטער גלאָז — קען מען ארויסקריגען אזויפיעל גרינסען און פרוכט, אז מענשען וואָלטען געקענט זיך פערזאָרגען מיט רייכע געמיזען־שפייז און פרוכט די והותר, ווען זיי גיבען נאָר אָב דערצו די שטונדען, וואָס יעדער איינער איז גערן אָבצוגעבען אויף עפּעס אן ארבייט אין פרייען לופט, נאָכדעם ווי ער האָט פערבראַכט דעם גרעסטען טייל פון טאָג אין פאַבריק, אין דער מינע, אָדער אין שטודיר־צימער. בתנאי, פערשטעהט זיך, אז די פּראָדוקציאָן פון די דאָזיגע שפייז־ארטיקלען זאָל ניט זיין די ארבייט פון אן אָבגעזונדערטען יחיד, נאָר די פּלאַנמעסיגע און פעראייניגטע טהעטיגקייט פון מענשליכע גרופּען.

עס איז אויך בעוויזען געוואָרען — און ווער עס וויל דאָס אליין בעשטעטיגען, קען עס לייכט טהאָן, אויסרעכענענדיג די ווירקליכע אויסגאַבען פאַר ארבייט, וואָס זיינען לעצטענס געמאַכט געוואָרען ביים בויען ארבייטער־הייזער אי דורך פּריוואַטע פערזאָנען, אי דורך די שטאָדט־פערוואַלטונגען —* אז ביי א ריכטיגער ארבייט־פעראייניגונג וואָלט פון צוואַנציג ביז פיער און צוואַנציג מאָנאַט ארבייט פון איין מענשען געווען גענוג צו זיכערען אויף אימער א וואוינונג אָדער א הויז פאַר א פאַמיליע פון פינף, מיט

---

* די ציפער קענען צ. ב. ש. אויסגערעכענט ווערען פון די דאַטען וואָס געפינען זיך אין דעם „9טען יעהרליכען רעפּאָרט פון דעם אַרבייטס־קאָמיסאַר פאַר די פעראייניגטע שטאַטען, פאַר'ן יאָהר 1893: בוי און קרעדיט אַסאָציאַציעס". דאָ אין ענגלאַנד רעכענט זיך די קאָסטען פון אַן אַרבייטער'ס הייזעל אַרום 200 פונט סט. וואָס עס שטעלט מיט זיך פאָר פון 7 ביז 8 הונדערט אַרבייטס־טעג. מיר מוזען אָבער ניט פערגעסען וויפיעל פון אָט דער סומע איז אַן אָבצאָהל, וואָס די קאַפּיטאַליסטען און די לאַנד־אייגענטימער לעגען ארויף אויף יעדער זאַך וואָס ווערט געברויכט צו בויען דאָס הייזעל: די ציגעל און קאַכלעס, די וואַפּנע, דאָס האָלץ, דאָס אייזען א. אַז. וו.

אַלע בעקוועמליכקייטען, וואָס די מאָדערנע היגיעניע און דער מאָדערנער געשמאַק קען פערלאַנגען.

און עס איז בעוויזען געוואָרען דורך פאַקטישע עקספּערימענטען, אַז אַנוועגדענדיג די מעטאָדען פון ערציהונג, וועלכע זיינען שוין לאַנג פערטיידיגט געוואָרען און טיילווייז היע און דאָ אַנגעווענדעט געוואָרען, איז עס זעהר לייכט צו איבערגעבען דורכשניטליך־פערשטענדיגע קינדער, איידער זיי ווערען פערצעהן אָדער פופצעהן יאָהר אַלט, א ברייטע און אַלגעמיינע אויפפאַסונג פון דער נאַטור, ווי אויך פון מענשליכע געזעלשאַפטען. אז מען קאָן אָנפילען זייערע מוחות מיט געזונטע מעטאָדען פון וויסענשאַפטליכער פאָרשונג און טעכנישער אַרבייט, און בעגייסטערען זייערע הערצער מיט א טיעפען געפיהל פון מענשליכער סאָלידאַריטעט און גערעכטיגקייט. און אַז עס איז זעהר לייכט איבערצוגעבען זיי אין די נעקסטע פיער אָדער פינף יאָהר א לאָגישע, וויסענשאַפטליכע קענטעניש פון די נאַטור־געזעצען, ווי אויך א לאָגישע און אין דערזעלביגער צייט פּראַקטישע קענטעניש פון די טעכנישע מעטאָדען ווי צו בעפריעדיגען דעם מענשענ׳ס מאַטעריעלע נויטען. ווייט ניט נידעריגער פאר די „ספּעציאַליזירטע“ יונגע לייט, וואָס אונזערע אוניווערזיטעטען פאַבריצירען, נאָר אדרבא העכער שטעהט דער פאַלשטענדיגער מענש, וואָס איז ערצויגען געוואָרען צו געברויכען אי דעם קאָפּ, אי די הענד — העכער אין אַלע הינזיכטען און בעזונדערס אַלס איניציאַטאָר און ערפינדער אין דער וויסענשאַפט, ווי אין דער טעכניק.

דאָס אַלץ איז בעוויזען געוואָרען. דאָס איז אַן ערוועربונג פון אונזער צייט — אַן ערווערבונג, וועלכע איז געוואונען געוואָרען טראָץ די שטרויכלונגען אָהן א שיעור, וואָס זיינען אַלעמאָל געלעגט געוואָרען אויפ׳ן וועג פון יעדען איניציאַטיווען גייסט. דאָס איז געוואונען געוואָרען דורך די אומבעקאַנטע בעאַרבייטער פון דער ערד, פון וועמעס הענד די רעגיערונגען, לאַנד־אייגענטימער און צווישענהענדלער כאַפּען אַרויס די פּרוכט פון זייער אַרבייט נאָך איידער אפילו זי איז צייטיג; דורך אומבעקאַנטע לעהרער, וועלכע צו־אָפּט פאַלען אוועק צובראָכענע אונטער דעם דרוק פון קירך, שטאַאַט, האַנדעלס־קאָנקורענץ, גייסטיגער אומריהרעוודיגקייט און פּאָראורטיילען.

נון, אַלזאָ, אין אַנגעזיכט פון אַט די אַלע עראָבערונגען — ווי זעהען אויס די זאַכען אין דער ווירקליכקייט?

ניין צעהנטעל פון דער גאַנצער בעפעלקערונג פון די לענדער, וואָס עקספּאָרטירען תבואה, ווי רוסלאַנד, אַ העלפט פון דער בעפעלקערונג אין לענדער ווי פראַנקרייך, וועלכע לעבען אויף אייגענע געוואַקסענע שפּייז, בעאַרבייטען דאָס לאַנד מעהרסטענ־טיילס אויפ׳ן זעלביגען אופן, ווי די שקלאַווען אין אַלטערטום האָבען געאַרבייט — בלויז אַרויסצוקריגען אַ מאָגערע געראַטעניש פון דעם באָדען, און מיט מאַשינעריע, וועלכע זיי קענען ניט פער־בעסערען, ווייל די שטייערן, די רענטען און די פּראָצענטען האַלטען זיי שטענדיג אַזוי נאָהענט ווי מעגליך אויפ׳ן ברעג פון הונגער. איצטער, אין צוואַנציגסטען יאָהרהונדערט, אַקערען נאָך גאַנצע בעפעלקערונגען די ערד מיט דיזעלביגע אַקערס ווי זייערע מיטעל־אַלטערליכע אורעלטערען; לעבען אין דערזעלביגער אונזיכערקייט וואָס דער מאָרגענדיגער טאָג וועט זיי ברענגען, און זיינען פּונקט אַזוי אָבגעשניטען פון בילדונג, ווי זייערע אורעלטערען זיינען געוועזען; און ווען זיי מאָהנען זייער חלק ברויט, מוזען זיי מאַרשי־רען מיט ווייב און קינד אַנטקעגען די ביקסען־שפּיזען פון זייערע אייגענע זיהן, ווי זייערע אורעלטערען האָבען מאַרשירט הונדער־טער יאָהרען צוריק.

אין די אינדוסטריעל־ענטוויקעלטע לענדער וואָלט זיין גענוג די אַרבייט פון אַ פּאָר מאָנאַט, אָדער אפילו נאָך וועניגער, צו פּראָדוצירען פאַר אַ פאַמיליע גוטע און פערשיידענע נאָהרונג פון געוויקסען און פליישיגס. אָבער די פאָרשונגען, וואָס ענגעל (אין בערלין) און זיינע פיעלע נאָכפאָלגער האָבען געמאַכט, דערצעהלען אונז, אַז אַן אַרבייטער־פאַמיליע מוז אויסגעבען אַ פולע העלפט פון איהרע יעהרליכע פערדיענסטען — ד. ה. זי מוז אָבגעבען זעקס מאָנאַט אַרבייט און אָפטמאָל נאָך מעהר — כדי צו בעזאָרגען זיך מיט שפּייז. און וואָסערע שפּייז! איז ניט ברויט מיט אַ פּאָר טראָפּען פעטס די הויפּט־שפּייז פון מעהר ווי אַ העלפט ענגלישע קינדער?

איין מאָנאַט אַרבייט אין יאָהר וואָלט געווען גאַנץ גענוג צו פערשאַפען דעם אַרבייטער מיט אַ געזונטער וואוינונג. ער מוז אָבער אויסגעבען פון פינף און צוואַנציג ביז פערציג פּראָצענט פון

זיינע יעהרליכע פערדיענסטען — ד. ה. פון דריי ביז פינף מאנאט פון זיין ארבייטס־צייט דורכ'ן יאהר — כדי צו האבען א וואוינונג, וועלכע איז דאס רוב אן אומגעזונטע און פיעל צו קליין. און אפילו אט די וואוינונג איז קיינמאל ניט זיין אייגענע, אבוואויל ער קען זיין זיכער, אז ווען ער וועט אלט ווערען פינף און פערציג יאהר, וועט מען איהם אבזאגען פון פאבריק, ווארים די ארבייט, וואס ער פלעגט טהאן, וועט ביי יענער צייט אויפגעטהאן ווערען פון א מאשין און א קינד.

מיר אלע וויסען, אז דאס קינד דארף וועניגסטענס בעקאנט געמאכט ווערען מיט די נאטור־קרעפטען, וועלכע עס וועט ווען עס איז דארפען בענוצען; אז עס דארף ווערען צוגעגרייט צו קענען מיטגעהן אין זיין לעבען מיט דעם שטענדיגען פארטשריט פון דער וויסענשאפט און טעכניק; אז עס מוז שטודירען וויסענשאפט און זיך אויסלערנען א פאך. יעדער איינער וועט צוגעבען וועניגסטענס אזויפיעל; אבער וואס טהוען מיר? צו צעהן אדער שוין צו ניין יאהר שיקען מיר דאס קינד שטופען א קויהלען־וועגעלע אין א מינע, אדער צונויפצוקניפען, מיט דער געשווינדקייט פון אן אבע־זאנקע, די צוויי עקען פון דעם פאדים, וואס האט זיך צעריסען אין דער שפין־מאשין. צו דרייצעהן יאהר טרייבען מיר שוין דאס מיידעל — נאך גאר א קינד — צו ארבייטען ווי א „פרוי" ביים וועבשטוהל, אדער צו פארען זיך אין דער פערגיפטעטער, איבער־געהיצטער לופט פון א באוועל־פאבריק, אדער גאר פער'סם'ט צו ווערען אין דעם גיהנום פון א סטאפארדשייר טעפעריי. וואס געהערט די קינדער, וועלכע האבען שוין דאס פערהעלטניסמעסיג־זעלטענעם גליק צו קריגען עפעס מעהר בילדונג, פערשטומפען מיר זיי די מוחות דורך נוצלאזע לאנגע שטונדען; מיר בערויבען זיי בעוואוסטזיניג פון יעדער מעגליכקייט אליין צו ווערען פראדוצי־רער; און אונטער אן ערציהונגס־סיסטעם, וואס זיין מאטיוו איז „פראפיטען", און זיין מיטעל איז „ספעציאליזאציע", פערמאטע־רען מיר איינפאך צום טויט די פרויען־לעהרער, וועלכע נעהמען זייערע ערציהונגס־פליכטען אין ערנסט. וואס פאר א מבול פון נוצלאזע ליידען פערפלייצען יעדען אזוי גערופענעם ציוויליזירטען לאנד אין דער וועלט!

ווען מיר קוקען צוריק אויף די פערגאנגענע צייטען און זעהען

דאָרטען דיזעלביגע ליידען, קענען מיר זאָגען, אַז דעמאָלט זיינען זיי אפשר געווען אונפערמיידליך, מחמת דער אונוויסענהייט, וואָס האָט דאַן געהערשט. אָבער אונז האָט דער מענשען־גייסט, וואָס איז אָנגערעגט פון דער מאָדערנער רענעסאַנס, שוין אָנגעוויזען דעם וועג צו נייע מעגליכקייטען.

טויזענדער יאָהרען נאָכאַנאַנד איז אַרויסקריגען נאַהרונג פון דער ערד געווען די לאַסט, די קללה כמעט, פון דער מענשהייט. אָבער מעהר דאַרף עס אַזוי שוין ניט זיין. ווען איהר מאַכט אַליין דעם באָדען, און טיילוויז אויך די טעמפעראַטור און די פייכטקייט, וואָס יעדער מין געוויקס פאָדערט, וועט איהר זעהן, אַז מאַכען וואַקסען די יעהרליכע שפייז פאַר אַ פאַמיליע, אונטער ראַציאָנאַלע בעדינגונגען פון קולטיווירונג, פאָדערט אַזוי וועניג אַרבייט, אַז עס קען כמעט אָבגעטאָן ווערען בלויז ווי אַ צייט־פערטרייב נאָך די אַנדערע בעשעפטיגונגען. ווען איהר וועט זיך אומקעהרען צום באָדען און איהר וועט קאָאָפערירען מיט אייערע נאַכבאַרען, אָנשטאָט אויפצושטעלען הויכע פאַרקענס זיך צו בעהאַלטען פון זייערע בליקען; ווען איהר וועט אויסנוצען וואָס די עקספערימענטען האָבען אונז שוין געלערנט, און וועט רופען צו הילף די וויסענשאַפט און די טעכנישע ערפינדונגען, וועלכע זאָגען זיך קיינמאָל ניט אָב ווען מען רופט זיי — זעהט נאָר וואָס זיי האָבען אויפגעטהאָן פאַר דער קריעג־פיהרונג — וועט איהר איבעראַשט ווערען פון דער לייכטקייט, מיט וועלכער איהר קענט אַרויסבעקומען רייכע און פערשיידענאַרטיגע שפייזען פון דעם באָדען. איהר וועט בעוואונדערען וואָס פאַר אַ מאַסע געזונדען וויסען אייערע קינדער וועלען בעקומען נעבען אייך, ווי שנעל זייער פערשטאַנד וועט וואַקסען, און מיט וואָס פאַר אַ לייכטקייט זיי וועלען בעגרייפען די געזעצען פון דער בעלעבטער און אונבעלעבטער נאַטור.

שטעלט אויף די פאַבריק און דעם ווערקשאַפ ביי די טויערען פון אייערע פעלדער און גאָרטענס, און אַרבייט אין זיי. ניט די גרויסע אַנשטאַלטען, פערשטעהט זיך, אין וועלכע מען דאַרף בעאַרבייטען ריעזיגע מאַסען מאַטעריאַל, און וואָס זייער ריכטיגער אָרט איז אין געוויסע פלעצער, וואו די נאַטור צייגט אָן אַז זיי דאַרפען זיין, זאָנדערן די צאָהללאָזע פערשיידענע ווערקשעפער און פאַבריקען, וועלכע פאָדערען זיך צו בעפריעדיגען די אונענדליך

פערשיידענע געשמאַקען צווישען ציוויליזירטע מענשען. ניט אזוינע פאַבריקען וואו קינדער פערלירען יעדען אויסזעהן פון קינדער, אין דער אַטמאָספערע פון אַן אינדוסטריעלען גיהנום, נאָר די לופטיגע, היגיענישע, און ממילא עקאָנאָמישע, פאַבריקען, אין וועלכע אַ מענשליך לעבען האָט מעהר בעטרעף איידער די מאַשינעריע און די עקסטרא פּראָפיטען, ווי מיר געפינען שוין אייניגעביישפּיעלען פון אזעלכע דאָ און דאָרט; פאַבריקען און ווערקשעפּער, אין וועלכע פרויען און קינדער וועלען ניט געטריבען ווערען פון הונגער, זאָנדערן זיי וועלען צוגעצויגען ווערען דורך דעם פערלאַנג צו געפינען אַ טהעטיגקייט, וואָס פּאַסט זיך צו זייער געשמאַק, און וואו זיי וועלען זיך קענען אויסקלייבען, געשטיצט פון דעם מאָטאָר און דער מאַשין, יענעם צווייג פון טהעטיגקייט, וואָס שטימט אַמבעסטען מיט זייערע נייגונגען.

זאָלען די דאָזיגע פאַבריקען און ווערקשעפּער אויפגעבויט ווערען ניט פאַר פּראָפיטען צו מאַכען, פערקויפענדיג „שאָדדי“, אָדער נוצלאָזע און שעדליכע זאַכען פאַר די פערשקלאַפטע אַפּרי־קאַנער, זאָנדערן צו בעפריעדיגען די ניט־בעפריעדיגטע בעדערפע־נישען פון מיליאָנען אייראָפּעער. און ווידער אַמאָל וועט איהר ערשטוינט ווערען זעהענדיג, ווי לייכט, און אין וואָס פאַר אַ קור־צער צייט, אייערע בעדערפענישען פון קליידער און טויזענדער לוקסוס־ארטיקלען קענען בעפריעדיגט ווערען, ווען די פּראָדוקציאָן ווערט בעטריבען צו בעפריעדיגען ווירקליכע נויטען, אַנשטאָט צופריעדען צו שטעלען די אַקציאָנערען דורך הויכע פּראָפיטען, אָדער אַנצושטאָפּען מיט גאָלד די קעשענעס פון די ספּעקולאַנטען און שווינדעל־דירעקטאָרען. אין אַ קורצע צייט וועט איהר זיך אַליין פעראינטערעסירען מיט דער ארבייט, און איהר וועט האָבען די געלעגענהייט צו בעוואונדערען דעם הייסען וואונש, וואָס אייערע קינדער וועלען ארויסצייגען צו בעקענען זיך מיט דער נאַטור און איהרע קרעפטען, זייערע נייגעריגע פראַגען וועגען די קרעפטען פון דער מאַשינעריע, און זייער שנעל־ענטוויקעלטען ערפינדעריי־שען גייסט.

אָט דאָס איז די צוקונפט — וועלכע איז שוין מעגליך, שוין אויספיהרבאַר; אָט דאָס איז די געגענוואַרט — וועלכע איז שוין פער׳משפּט און האַלט ביים פערשווינדען. וואָס עס שטערט אונז

צו ווייזען דעם רוקען אַט דער געגענוואַרט און צו מאַרשירען אַנט־קעגען דער דאָזיגער צוקונפט, אָדער וועניגסטענס שטעלען די ערשטע טריט צו איהר־צו, איז ניט דער „באַנקראָט פון דער וויסענשאַפט“, נאָר פריהער פאַר אַלץ אונזער גראָבע גייציגקייט — די גייציגקייט פון דעם מאַן, וואָס האָט געה׳רג׳עט די הוהן, וואָס האָט געלעגט די גאָלדענע אייער — און דאַן די פוילקייט פון אונ־זער מוח — די גייסטיגע פייגהייט, וואָס איז אַזוי זאָרגפול געפלעגט געוואָרען אין דער פערגאַנגענהייט.

הונדערטע יאָהרען נאָכאַנאַנד האָט די וויסענשאַפט און דער אַזוי־גערופענער פּראַקטישער שכל געזאָגט צום מענשען: „עס איז גוט צו זיין רייך, צו קענען וועניגסטענס בעפריעדיגען דיינע מאַטעריעלע בעדערפעגנישען; אָבער דער איינציגער מיטעל ווי צו קענען זיין רייך איז, דו זאָלסט אַזוי ערציהען דיין גייסט און דיינע פעהיגקייטען, אַז דו זאָלסט האָבען בכח צו צווינגען אַנדערע מענ־שען — שקלאַווען, לייבאייגענע אָדער לוין־אַרבייטער — זיי זאָלען שאַפען די דאָזיגע רייכטימער פאַר דיר. דו האָסט ניט קיין ברירה. אָדער דו מוזט שטעהן אין די רייהען פון די פויערים און האַנד־אַרבייטער, וועלכע זיינען איצט, קיין אונטערשייד ניט, וואָס די עקאָנאָמיסטען און מאָראַליסטען מעגען זיי צוזאָגען פאַר דער צוקונפט, פעראורטיילט פעריאָדיש צו הונגערען נאָך יעדען שלעכ־טען גערעטעניש אָדער אין דער צייט פון זייערע סטרייקען, און דערשאָסען צו ווערען פון זייערע אייגענע זיהן אין דעם זעלביגען מאָמענט, וואָס זיי פערלירען די געדולד. אָדער דו מוזט אויסביל־דען דיינע פעהיגקייטען צו ווערען אַ מיליטערישער קאָמאַנדיר פון די מאַסען, אָדער אַ ראָד אין דער רעגיערונגס־מאַשינעריע פון דעם שטאַאַט, אָדער אַ פערוואַלטער איבער מענשען אין האַנדעל און אינדוסטריע“. הונדערטער יאָהרען לאַנג איז ניט געווען קיין אויסוואַהל, און מענשען האָבען געפאָלגט אַט דעם ראַטה, ניט געפינענדיג אין איהם קיין גליק, ניט פאַר זיך און זייערע קינדער, און ניט פאַר די, וועמען זיי האָבען פּרעטענדירט צו בעשיצען פון ערגערע אומגליקען.

אָבער דאָס מאָדערנע וויסען קען אָנבאָטען דענקענדע מענ־שען אַן אַנדער אויסוועג. עס זאָגט זיי, אַז כדי רייך צו זיין, דאַרפען זיי ניט אָבנעהמען דאָס ברויט פון יענעמ׳ס מויל; אַז

אַ מעהר ראַציאָנאַלער אויסוועג וואָלט געווען — אַ געזעלשאַפט, וואו די מענשען, אַרבייטענדיג מיט די אייגענע הענד און מיט'ן קאָפּ, מיט דער הילף פון דער מאַשינעריע, וואָס איז שוין ערפונדען געוואָרען און וואָס וועט ערפונדען ווערען, זאָלען אַליין בעשאַפען אַלע מעגליכע רייכטימער. די טעכניק און די וויסענשאַפט וועלען הינטערשטעליג ניט בלייבען, ווען די פּראָדוקציאָן זאָל נאָר אָננעהמען אַזאַ ריכטונג. געפיהרט פון בעאָבאַכטונג, אַנאַליז און עקספּערימענט, וועלען זיי ענטפּערען אויף אַלע מעגליכע פאָדערונגען. זיי וועלען אַרונטערזעצען די צייט, וואָס איז נויטיג צו שאַפען רייכטום וויפיעל מען פערלאַנגט, אַזוי אַז יעדער איינער זאָל האָבען אַזויפיעל פרייע צייט וויפיעל יעדערער בעגעהרט. אודאי קענען זיי ניט גאַראַנטירען קיין גליק, ווייל גליק הענגט אָב פונקט אַזוי פיעל, אָדער אפילו נאָך מעהר, פון דעם מענשען אַליין, ווי פון זיינע אומשטענדען. זיי גאַראַנטירען אָבער וועניגסטענס דאָס גליק, וואָס מען קען געפינען אין דעם פאָלשטענדיגען און פערשיידענאַרטיגען געברויך פון דעם מענשען'ס פערשיידענע כחות; אין דער אַרבייט, וואָס מוז ניט זיין איבעראַרבייט; אין דעם בעוואוסטזיין, אַז מען זוכט ניט צו בויען דאָס אייגענע גליק אויף דעם אַנדערען'ס עלענד.

אָט דאָס זיינען די האָריזאָנטען, וואָס די פאָריגע אונטערזוכונג עפענט אויף פאַר דעם מענשען, וועלכער האָט ניט קיין פאָראורטיילען.

אנהאנג

א. — ענגלישער קאפיטאל אין אויסלאנד.

די וויכטיגע פראגע בנוגע דער סומע פון ענגלישען קאפיטאל, וואס איז אריינגעלעגט געווארען אין די קאלאניען און אין אנדערע לענדער, האט ערשט די לעצטע צייט בעקומען די געהעריגע אויפמערקזאמקייט. אונגעפעהר אין די לעצטע צעהן יאהר האט מען בעקענט געפינען אין „די ראפארטען פון דעם קאמיסאר פאר אינלענדישע הכנסות" אן אהנונג פון דער הכנסה, וואס קומט אריין פון דעם ענגלישען קאפיטאל, וועלכער איז אריינגעלעגט געווארען אין אויסלענדישע הלואות צו רעגירונגען, שטאדט־פערוואלטונגען און אין אייזענבאהן־געזעלשאפטען; די דאזיגע אנגאבען זיינען אבער ניט געווען קיין פאלשטענדיגע. מר. דזשארדזש פייש האט דעריבער געמאכט א פרוב, אין 1909 און 1911, פעסטצושטעלען גענויער די דאזיגע ציפער, אין צוויי פארטראגען, וואס ער האט געהאלטען פאר דער „סטאטיסטישער געזעלשאפט".*

מר. פייש האט בעגרינדעט זיינע פארשונגען אויף דעם איינקונפט־שטייער, און האט ממלא געווען די דאזיגע פאקטען מיט ספעציעלע פארשונגען וועגען אריינגעלעגטע פריוואטע קאפיטאלען, וועלכע ציינען זיך ניט ארויס אין די אנגאבען פון דעם איינקונפט־שטייער. ער איז נאך ניט דערגאנגען ביז צום סוף פון זיינע אונטערזוכונגען, אבער ער שאצט, אז אלץ צוזאמען גרייכט די יעהרליכע הכנסה, וואס ענגלאנד קריגט פון אויסלאנד פון פערשיידענע קוועלען, ביז 300 מיליאן פונט סט. יעדען יאהר.

ב. — פראנצויזישע אימפארטען.

אן ערך א צעהנטער טייל פון די תבואות, וואס ווערען פערצעהרט אין פראנקרייך, ווערט נאך אלץ אימפארטירט; אבער די

* „גרויס־בריטאניען'ס אריינגעלעגטער קאפיטאל אין אנדערע לענדער" (זשורנאל פון דער סטאטיסטישער געזעלשאפט, סעפ. 1909, באנד 72, ז. 475־495), נאך וועלכען עס איז פארגעקומען א העכסט־אינטערעסאנטע דיסקוסיע; און „גרויס־בריטאניען'ס אריינגעלעגטע קאפיטאלען אין אינדיע, קאלאניאלע און פרעמדע לענדער", אין זעלביגען זשורנאל, יאנואר 1911, ב. 74, ז. 167־200.

לעצטע צייט, ווי מען וועט קענען זעהן פון א וויכטערדיגען קאַפּיטעל, איז געמאכט געוואָרען אזא שנעלער פּאָרטשריט אין דער אַגרי־קולטור, אז פראנקרייך וועט אפילו אָהן אלזשיר באלד האָבען אַן איבערפלוס פון תבואות. וויין ווערט אימפּאָרטירט, אָבער כמעט דערזעלביגער סכום ווערט עקספּאָרטירט. קאַפע און אויל־זוימען בלייבען די איינציגע שפּייז־אַרטיקלען וואָס האָבען א דויערהאַפטע בעדייטונג פאר'ן אימפּאָרט. נאָך קויהלען און קאָוק (געבּרענטע קויהלען) מוז פראנקרייך נאָך אלץ אָנקומען צו בעלגיען, ענגלאנד און דייטשלאנד; עס איז אָבער הויפּטזעכליך די שלעכטע אָרגאַ־ניזאציע פון דער קויהלען־גרעבעריי, וואָס שטעהט אין וועג דער פערזאָרגונג מיט היימישע פּראָדוקטען. די אנדערע וויכטיגע אימ־פּאָרט־אַרטיקלען זיינען: רויהע באַוועל (פון 12,440,000 פונט סט. ביז 18,040,000 פונט סט. אין די יאָהרען 1903-1910), רויהע וואָל (פון 15,160,000 פונט סט. ביז 23,200,000 פ. סט.), און רויהע זייד (פון 10,680,000 פ. סט. ביז 17,640,000 פ. סט.), ווי אויך פעל און פעלץ, אויל זוימען און מאַשינעריע (ארום צעהן מיליאָן פונט סט.). די עקספּאָרטען פון פאַבריצירטע סחורות זיינען געווען 80 מיליאָן פונט סט. אין יאָהר 1890 און אין די שפּעטיגערע יאָהרען פון 119 ביז 137 מיליאָן פונט סט. עקספּאָרטען פון טעקסטילען, א חוץ גאַרן און לייוואנד, 29,800,000 פ. סט. אין 1890 און 34,440,000 פ. סט. אין די יאָהרען 1910—1908; בעת די אימפּאָרטען פון אלע טעקסטילען זיינען אומבעדייטענד (פון 5 ביז 7 מיליאָן פ. סט.).

ג. — דער וואוקס פון דער אינדוסטריע אין רוסלאנד.

דעם וואוקס פון דער אינדוסטריע אין רוסלאנד קען מען אַם־בעסטען זעהן פון די פאָלגענדע ציפער: —

	1880-81	1893-94	1910
	צענטנער	צענטנער	צענטנער
רויה־אייזען —	8,810,000	25,450,000	61,867,000
אייזען — —	5,770,000	9,700,000	61,540,700
שטאָהל — —	6,030,000	9,610,000	
באהן־רעלסען	3,960,000	4,400,000	10,408,300
קויהלען — —	64,770,000	160,000,000	530,570,000

(אימפּאָרטען פון קויהלען פון 80 מיליאָן ביז הונדערט מיליאָן.)

	1880-81 צענטנער	1893-94 צענטנער	1910 צענטנער
נאַפט — — —	6,900,000	108,700,000	189,267,000
צוקער — —	5,030,000	11,470,000	28,732,000
רויהע באוועל — (היימישע)	293,000	1,225,000	3,736,000
באוועל, גרויע און גאַרן	23,640,000	42,045,000	86,950,000
געדרוקטע באוועל	6,160,000	7,720,000	37,680,000

	1900	1908
אלע באוועלם —	56,156,000 פונט סט.	94,233,000 פונט סט.
אלע וואָלענם —	19,064,000 " "	25,388,000 " "
לייוואנד — —	7,076,600 " "	9,969,000 " "
זייד — — —	3,335,000 " "	3,969,000 " "

דער גייעסטער וואוקס פון די קויהלען און אייזען-אינדוסטריען אין דרום-רוסלאנד (מיט דער הילף פון בעלגישען קאפיטאל) איז זעהר גוט בעוויזען געוואָרען אויף דער טורין אויסשטעלונג אין יאָהר 1911. פון וועניגער ווי הונדערט טויזענד טאָן אין יאָהר 1860, איז די פּראָדוקציאָן פון קויהלען און אַנטראַציט געשטיגען ביז 16,840,460 מעטרישע טאָנען אין 1910. די פּראָדוקציאָן פון אייזען-ערץ איז געשטיגען פון 377,000 טאָן אין 1890 ביז 3,760,000 טאָן אין 1909. די פּראָדוקציאָן פון רויה-אייזען, וועלכע האָט בעטראָפען בלויז 29,270 טאָן אין1882, האָט געגרייכט 2,067,000 טאָן אין 1910, און די סומע פיינער אייזען און שטאָהל און זייערע פּראָדוקטען איז געשטיגען פון 27,830 טאָן אין 1882 ביז 1,641,960 טאָן אין 1910. קורץ, דרום-רוסלאנד ווערט אַן עקספּאָרט-צענטער פאר דער אייזען-אינדוסטריע. (פּ. פּאלצינסקי, אין רוסישען מינען-זשורנאל, 1911, נומערן 8 און 12).

ד. — די אייזען-אינדוסטריע אין דייטשלאַנד.

די פאָלגענדע טאַבעלען וועלען געבען עפּעס אַ בעגריף וועגען דעם וואוקס פון די מינען-און מעטאל-אינדוסטריע אין דייטשלאַנד. די פּראָדוקציאָן פון מינעראַלען אין דער דייטשער אימפּעריע

אין מעטרישע טאָנען (וואָס זיינען עפּעס קלענער ווי אַן ענגלישער טאָן) איז געווען: —

	1883	1893	1910
	טאָן	טאָן	טאָן
קויהלען — — — — —	55,943,000	76,773,000	152,881,500
ליגניט (ברוינע קויהלען)	14,481,000	22,103,000	69,104,900
אייזען־ערץ — — —	8,616,000	12,404,000	28,709,700
צינק־ ערץ — — — — —	678,000	729,000	718,300
מינעראַל זאַלצען (דערהויפּט פּאָטאַש) —	1,526,000	2,379,000	9,735,700

זינט 1894 האָט די אייזען־אינדוסטריע זיך מורא'דיג ענטוויקעלט. די פּראָדוקציאָן פון שמעלץ־אייזען האָט געגרייכט 12,644,900 מעטרישע טאָנען אין יאָהר 1909 (14,793,600 אין יאָהר 1910), האַלב און גאַנץ פערענדיגטע אייזען און שטאָהל האָט געגרייכט 14,186,900 טאָן; די עקספּאָרטען פון רויה־אייזען, וואָס זיינען געווען געשאַצט אין 1 מיליאָן מיט 195 טויזענד פונט סט. אין יאָהר 1903, זיינען אין 7 יאָהר פערדאָפּעלט געוואָרען און האָבען בעטראָפען צוויי מיליאָן מיט אַ פערטעל פונט סט. אין יאָהר 1910.

ה. — מאַשינעריע אין דייטשלאַנד.

דעם שנעלען פאָרטשריט אין דער פאַבריקאַציע פון מאַשינעריע אין דייטשלאַנד קען מען אַמבעסטען זעהן פון דעם וואוקס פון די דייטשע עקספּאָרטען אין דער פאָלגענדער טאַבעלע: —

	1890	1895	1907
	פונט סט.	פונט. סט.	פונט. סט.
מאַשינען און טיילען פון מאַשינען	2,450,000	3,215,000	17,482,500
נעה־מאַשינען און טיילען פון זיי	315,000	430,000	1,202,500
לאָקאָמאָטיווען און לאָקאָמאָבילען	280,000	420,000	1,820,000

דריי יאָהר שפּעטער האָט שוין דער ערשטער פון אָט די אַרטיקלען געגרייכט 25 מיליאָן פונט סט. און דער עקספּאָרט פון וועלאָסיפּעדען, אויטאָמאָבילען און אויטאָ־וועגען, און טיילען פון זיי, איז געווען געשאַצט אין 2 מיליאָן 904 טויזענד פונט סט.

יעדער איינער ווייס, אַז דייטשע נעה־מאַשינען, געשטעלען פון אויטאָ־וועגען און אַ היבשע צאָהל געצייג האָבען אַן אַבזאַץ אפילו

דאָ אין ענגלאַנד, און אז די דייטשע געציינ ווערען איינפאַך רעקאָמענדירט אין ענגלישע ביכער.

ז. — די באַוועל־אינדוסטריע אין דייטשלאַנד.

דר. ג. שולצע־געווערניץ אין זיין אויסגעצייכענטען ווערק „די בוימוואָל אינדוסטריע אין ענגלאַנד אונד אויף דעם קאָנטינענט" (ענגלישע איבערזעצונג פון אָסקאר ס. האָלל, לאָנדאָן, 1895) האָט אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דעם פאַקט, אז דייטשלאַנד האָט גאַנץ זיכער נאָך ניט דערגרייכט אין איהר באַוועל־אינדוסטריע די הויכע טעכנישע מאָס פון ענטוויקלונג, וואָס ענגלאַנד האָט דערגרייכט; אָבער ער האָט אויך בעוויזען וואָס פאר א פאָרטשריט עס איז פערווירקליכט געוואָרען. די קאָסטען פון יעדען יארד איינפאַכע באַוועל־צייג זיינען טראָץ דעם נידעריגען לוין און די לאַנגע שטונדען נאָך אַלץ גרעסער אין דייטשלאַנד איידער אין ענגלאַנד, ווי מען קען עס זעהן פון די פאָלגענדע טאַבעלען. נעהמענדיג א געוויסע קוואַליטע פון איינפאַכען באַוועל־צייג פארביידע לענדער, האָט ער געגעבען (ז. 151, דייטשער אויסגאַבע) די פאָלגענדע פערגלייכענדע ציפער: —

ארבייטס־שטונדען: — ענגלאַנד, 9 שטונדען, דייטשלאַנד, 12.

דורכשניט וואָכען־לוין פון די ארבייטער: — ענגלאַנד, 16 שילינג 3 פענס; דייטשלאַנד, 11 שילינג 8 פענס.

וויפיעל יארד אַן ארבייטער וועבט אוים א וואָך: — ענגלאַנד, 706 יארד; דייטשלאַנד, 466 יארד.

קאָסטען פער יארד באַוועל־צייג: — ענגלאַנד 0.275 פענס; דייטשלאַנד, 0.303 פענס.

ער בעמערקט אָבער אויך, אז אין אַלע סאָרטען געדרוקטע באַוועל־צייג, וואו מאָדע, פארבען און ערפינדונג שפּיעלען א גרעסערע ראָליע, איז דער יתרון אינגאַנצען אויף דער זייט פון די קלענערע דייטשע פאַבריקען.

אין די שפּינערייען פערבלייבען פערקעהרט די פאָרטיילען נאָך אַלץ אינגאַנצען אויף דער זייט פון ענגלאַנד. די צאָהל ארבייטער פאר יעדע טויזענד שפּינדלען איז אין פערשיידענע לענדער ווי פאָלגט: —

באמביי — 25 ארבייטער פער טויזענד שפינדלען.
איטאליע — 13 ארבייטער פער טויזענד שפינדלען.
עלזאס — 9½ ארבייטער פער טויזענד שפינדלען.
מיהלהויזען — 7½ ארבייטער פער טויזענד שפינדלען.
דייטשלאנד, 1861 — 20 ארבייטער פער טויזענד שפינדלען.
דייטשלאנד, 1882 — פון 8 ביז 9 ארבייטער.
ענגלאנד, 1837 — 7 ארבייטער פער טויזענד שפינדלען.
ענגלאנד, 1887 — 3 ארבייטער פער טויזענד שפינדלען.

היבשע פערבעסערונגען זיינען שוין פארגעקומען אין די 10 יאהר פון 1884 ביז 1894. „אינדיע ציינט אונז זינט 1884 אן אויסערגעוועהנליכע ענטוויקלונג — בעמערקט שולצע-געווערניץ — און עס איז קיין צווייפעל ניט, אז דייטשלאנד האט אויך פערקלע־נערט די צאהל ארבייטער פער 1000 שפינדלען זינט דער לעצטער אנקעטע". „פון א רייכען מאטעריאל, וואס ליעגט פאר מיר, — האט ער געשריבען, — נעהם איך ארויס די פאלגענדע אנגאבען, וועלכע בעציהען זיך אבער אויף די גרעסטע און טעכניש-בעסטע שפינערייען: —

די שווייץ — — — — — — — —	6.2 ארבייטער
מיהלהויזען — — — — — — —	5.8 "
באדען און ווירטעמבערג — — —	6.2 "
בייערן — — — — — — — —	6.8 "
זאקסען (נייע, גלענצענדע שפינערייען) — — — —	7.2 "
וואגעזען, פראנקרייך (אלטע שפינערייען — —	8.9 "
רוסלאנד — — — — — — — —	16.6 "

די דורכשניט צאהל גארן אין די אלע שפינערייען זיינען גע־וועזען צווישען צוואנציגער און דרייסיגער."

עס איז קלאר, אז עס איז פארגעקומען א גרויסער פארטשריט זינט שולצע-געווערניץ האט געשריבען די דאזיגע שורות. אין איהרע עקספארטען פון באוועל-גארן און באוועל-צייג האט דייטש־לאנד געמאכט זעהר שנעלע שפרייזען. אין 1903 האט זי עקספאר־טירט פאר א מיליאן מיט 625 טויזענד פונט סט. באוועל-גארן און פאר 15 מיליאן מיט 80 טויזענד פונט סט. באוועל-צייג. פאר 1910

זיינען די ציפער, וואָס דאָס „סטאַטיסטישע יאָהרבוך“ פון 1911 גיט אָן, שוין געווען צוויי מיליאָן מיט 740 טויזענד פאַר די ערשטע, און 18 מיליאָן מיט 255 טויזענד פאַר די לעצטע.

ז. — מינען און טעקסטיל-אינדוסטריען אין עסטרייך.

כדי צו געבען אַ בעגריף וועגען דער ענטוויקלונג פון די אינדוסטריען אין עסטרייך-אונגארן, איז גענוג צו דערמאָנען דעם וואוקס פון איהר מינען-אינדוסטריע און דעם איצטיגען צושטאַנד פון איהרע טעקסטיל-אינדוסטריען.

דער ווערטה פון די אויסגעגראָבענע קויהלען און אייזען-ערץ אין עסטרייך קומט אויס ווי פאָלגט: —

	1880	1890	1910
	פונט. סט.	פונט סט.	פונט סט.
קויהלען — — — — — —	1,611,000	25,337,000	57,975,000
ברוינע קויהלען — — —	1,281,300	23,033,000	56,715,000
רויהע אייזען — — —	1,749,000	22,759,000	49,367,000

די עקספּאָרטען פון קויהלען באַלאַנסירען איצטער פאָלשטענדיג די אימפּאָרטען.

וואָס געהערט די טעקסטיל-אינדוסטריען, האָבען די אימפּאָרטען פון רויהען באַוועל אין עסטרייך-אונגארן געגרייכט אין יאָהר 1907 דעם בכבוד'ען ווערטה פון 12,053,400 פונט סט. די אימפּאָרטען פון רויהען וואָל און וואָל-גארן האָט בעטראָפען 6,055,600 פונט סט. און פון זייד 1,572,000 פונט סט., בעת עקספּאָרטירט איז געוואָרען פאַר 3,156,200 פונט סט.

לויט דעם צענזוס פון 1902 (אין „סטאַטיסטישעס יאָהרבוך“ פאַר 1911) זיינען שוין אין עסטרייך-אונגארן געווען 1,408,855 אינדוסטריעלע אַנשטאַלטען, וואָס האָבען בעשעפטיגט 4,049,320 ארבייטער און האָבען געהאַט מאַשינעריע וואָס האָט פאַרגעשטעלט 1,787,900 פערד-קראַפט. די טעקסטיל-פאַבען אַליין האָבען געהאַט אין זייער דיענסט 257,500 פערד-קראַפט (אַנטקעגען 113,280 אין יאָהר 1890).

די קליין-אינדוסטריע, ווי עס זעהט אויס, האָט געהערשט, דען כמעט אַ העלפט פון אַלע ארבייטער (2,066,120) זיינען בעשעפטיגט אין 901,202 אַנשטאַלטען, וועלכע האָבען געהאַט פון איינעם

ביז צוואנציג ארבייטער; בעת 443,235 ארבייטער זיינען געווען בעשעפטיגט אין 10,661 אנשטאלטען (פון 21 ביז 100 ארבייטער אין יעדערער). דאך האט די גרויס־אינדוסטריע שוין זיך בעוויזען אין איינינע בראנזשען — עס זיינען געווען 3,021 אנשטאלטען, וועלכע האבען בעשעפטיגט מעהר ווי 100 ארבייטער אין יעדערער און האבען ארומגענומען א סך הכל פון 1,053,790 ארבייטער. פון אט דער צאהל האבען 105 אנשטאלטען בעשעפטיגט אפילו מעהר איידער 1000 פערזאן יעדערע (115 אנשטאלטען, 179,876 ארבייטער אין יאהר 1910).

אין אונגארן ענטוויקעלט זיך די אינדוסטריע אויך שנעל; זי האט בעשעפטיגט 1,127,130 מענשען אין 1902 (34,160 אין די טעקסטילען און 74 טויזענד אין מינען־ארבייט). אין 1910 האבען די עקספארטען פון אלע טעקסטילען (צייג און גארן) פון אונגארן געגרייכט די סומע 7,040,500 פונט סט.

ח. — באוועל־מאנופאקטור אין אינדיע.

די מיינונגען, וואס זיינען ארויסגעזאגט געווארען אין טעקסט מכח דער אינדוסטריעלער ענטוויקלונג פון אינדיע, ווערען בעשטעטיגט דורך א מאסע בעווייזען. איינער פון די בעווייזען, וואס קומט פון אן אויטאריזירטען קוואל, פערדיענט ספעציעלע אויפמערקזאמקייט. אין אן ארטיקעל איבער דעם פארטשריט פון דער אינדישער באוועל־מאנופאקטור האט דער „טעקסטיל רעקארדער" (15טער אקטאבער, 1888) געשריבען: —

„קיינער וואס האט צו טהאן מיט דער באוועל־אינדוסטריע קען ניט זיין אונבעקאנט מיט דעם שנעלען פארטשריט פון דער באוועל־מאנופאקטור אין אינדיע. אלערליי סארטען סטאטיסטיקעס זיינען אונלענגסט פארגעבראכט געווארען פאר'ן עולם; עס זעהט אבער ניט אויס, מען זאל קלאר פערשטעהן, אז אט די פערגרעסערטע פראדוקציאן פון באוועל־סחורות מוז ערנסט ארונטערזעצען די נאכפראגע אויף די לאנקאשייר פאבריקען, און אז עס איז גאר ניט אונוואהרשיינליך, אז אינדיע וועט גאר אין גיכען זיין ניט קיין בעסערער קונד ווי די פעראייניגטע שטאאטען זיינען איצטער."

עס איז כמעט ניט נויטיג צוצולעגען אום וועלכען פרייז די אינדישע פאבריקאנטען בעקומען בילינע באוועל־צייג. דער ראפארט

פון דער באָמביי פאַבריק־קאָמיסיע, וואָס איז פאָרגעבראַכט געוואָ־רען פאַר'ן פּאַרלאַמענט, אין אויגוסט 1888, האָט ענטהאַלטען מאַקו.ען פון אַזוינע שווידערליכע גרויזאַמקייטען און גייציגקייטען, אַז די, וועלכע האָבען שוין פערגעסען די אויפדעקונגען פון דער אונטערזוכונג, וואָס איז געמאַכט געוואָרען דאָ אין ענגלאַנד, אין די יאָהרען 1840—42, וואָלטען זיך עס קוים געקענט פאָרשטעלען. די פאַבריק־מאַשינען ארבייטען רעגעלמעסיג פון 5 אין דער פריה ביז 7, 8 אָדער 9 ביינאַכט, און די ארבייטער שטעהען ביי דער ארבייט 12, 13 און 14 שטונדען נאָכאַנאַנד, בלויז אָבבייטענדיג איינער דעם אַנ־דערען צום עסען. ווען עס איז דאָ פיעל צו טהאָן, טרעפט, אַז דיזעלבע ארבייטער שטעהען ביי די מאַשינען און די פּרעסען ביי־טאָג און ביינאַכט, קריגענדיג נאָר אַ האַלבע שטונדע אָברוה אין אָוועגד. אין איינינע פאַבריקען עסען די ארבייטער זייערע מאָהל־צייטען ביי די מאַשינען און זיינען אַזוי אויסגעמאַטערט נאָך 8 אָדער 10 טעג פון ניט־אונטערבראָכענער ארבייט, אַז זיי בעדיענען די מאַשינען מעכאַניש, האַלב שלאָפענדיג.

„עס איז אַ טרויעריגע געשיכטע פון גרויסער נויט אויף איין זייט און גרויזאַמע גייציגקייט אויף דער אַנדער זייט", אַזוי ענדיגט דער אָפיציעלער ראַפּאָרט. עס וואָלט אָבער זיין אַ גרויסער טעות צו שליסען דערפון, אַז די אינדישע פאַבריקאַנטען קענען קאָנקורירען מיט די ענגלישע, כל זמן זיי האַלטען אָן די שרעקליכע עקספּלואַ־טאַציע פון מענשליכער ארבייט, וואָס מיר זעהען איצטער. 40 יאָהר צוריק האָבען די בריטישע פאַבריקאַנטען פאָרגעשטעלט לחלוטין דאָס אייגענע בילד פון גרויזאַמער גייציגקייט. די צייט וועט אָבער קומען, ווען די אינדישע ארבייטער וועלען איינצווימען די גייציגקייט פון די קאַפּיטאַליסטען, און די פאַבריקאַנטען פון באָמביי וועלען ערשט ניט זיין אין אַן ערגערער לאַגע בנוגע זייער קאָנקורענץ מיט די בריטישע פאַבריקאַנטען.

די ציפער בנוגע דעם לעצטען וואוקס פון די טעקסטיל־אינ־דוסטריען אין אינדיע, וואָס זיינען געגעבען געוואָרען אין טעקסט, בעשטעטיגען אינגאַנצען די פאָראויסזעהונגען, וואָס זיינען אויס־געדריקט געוואָרען פינף און צוואַנציג יאָהר צוריק. וואָס געהערט די לאַגע פון די ארבייטער אין די אינדישע באָוועל־פאַבריקען, איז זי נאָך אַלץ שווידערהאַפטיג.

ט. — די באוועל־אינדוסטריע אין די פעראייניגטע שטאאטען

עטליכע יאהר צוריק האט די באוועל־אינדוסטריע אין די פעראייניגטע שטאאטען געצויגען די אויפמערקזאמקייט פון די מאנטשעסטער באוועל־פאבריקאנטען, און מיר האבען איצטער צוויי זעהר אינטערעסאנטע ווערק, געשריבען פון מענשען, וועלכע זיינען ספעציעל אהין געפאהרען, כדי צו שטודירען דעם שנעלען פארטשריט, וואס איז דארט געמאכט געווארען אין שפינען און וועבען.*

אט די צוויי אונטערזוכונגען בעשטעטיגען פאלשטענדיג אלץ, וואס איז געזאגט געווארען אין טעקסט וועגען דעם שנעלען פארטשריט, וואס איז געמאכט געווארען אין דער אמעריקאנער אינדוסטריע בכלל און אין דער ענטוויקלונג פון זעהר פיינע וועב־מאשינען בפרט. מר. העלם, אין זיין פאררעדע צו מר. יאנג'ס בוך, זאגט: „די רעזולטאטען פון אט דער פארשונג קענען מיט רעכט אנגערופען ווערען אן ענטפלעקונג פאר לאנקאשייר. אמת, איניגע דא האבען שוין געהאט געוואוסט, אז עס איז פאראן זעהר גרויסע חלוקים צווישען די מעטאדען און ארגאניזאציע פון אמעריקאנער און ענגלישע באוועל־פאבריקען. אבער ערשט אין די לעצטע דריי, פיער יאהר איז צווישען אונזערע ענטשטאנען א פערדאכט, אז אונזערע קאנקורענטען אין די פעראייניגטע שטאאטען מארשירען שנעלער פאר אונז אויפ'ן וועג פון עקאנאמיע אין דער פראדוקציאן.“

דער וויכטיגסטער חלוק צווישען די בריטישע און אמעריקאנער מעטאדען איז לויט מר. העלם'ס מיינונג בעשטאנען „אין דעם וויית־פערשפרייטען געברויך פון דעם אויטאמאטישען וועב־שטוהל“. מר. יאנג'ס אונטערזוכונגען וועגען דעם פונקט לאזט ניט איבער קיין ספק, אז דער געברויך פון אט דעם וועב־שטוהל „רעדוצירט

---

* ט. מ. יאנג „דהי אמעריקאן קאטאן אינדוסטריע“, איינלייטונג פון עלידזשאה העלם, סעקרעטער פון מאנטשעסטער האנדעלס קאמער, לאנדאן, 1902; און ט. וו. אוטלעי „קאטאן ספינינג ענד מאנופעקטשורינג אין דהי יונייטעד סטייטס“, א ראפארט פון א טור איבער די אמעריקאנער באוועל־מאנופאקטור צענטערס, געמאכט אין 1903 און 1904. שריפטען פון דער מאנטשעסטער אוניווערזיטעט, עקאנאמישע סעריע נומער 2, מאנטשעסטער, 1905.

גאַנץ היבשלעך די קאָסטען פון פּראָדוקציאָן און אין דערזועלביגער צייט פּערגרעסערט עס די פּערדיענסטען פון דעם וועבער, ווייל עס ערלויבט איהם אויפצופּאַסען אויף מעהר שטוהלען" (זייטע 15). אין אַלעמען לערנען מיר פון מר. העלעם'ס בעמערקונג, אַז עס זיינען איצט פאַראַן 85 טויזענד אויטאָמאַטישע וועב־שטוהלען ביי דער אַרבייט אין די פּעראייניגטע שטאַאַטען, און אַז „די נאָכפראַגע אויף וועבער איז גרעסער ווי פריהער" (ז. 16). אין אַ רהאָוד איילאַנד־פאַבריק פאָדערן 743 געוועהנליכע וועבשטוהלען אַ הונדערט וועבער, בעת צוויי טויזענד נאָרטהראָפּ (אָדער דרייפער)־וועבשטוהלען קענען אויפגעפאַסט ווערען בלויז פון 134 וועבער, וואָס עס מיינט אַ דורכשניט פון 15 וועבשטוהלען אויף יעדען וועבער. אין בורלינגטאָן, ווערמאָנט, זיינען פון 16 ביז 20 נאָרטראָפּ וועבשטוהלען אויפגעפאַסט געוואָרען פון יעדען וועבער, און די שטוהלען פערשפּרייטען זיך איבערהויפט זעהר שנעל. אָבער די פערבעסערונגען זיינען איינגעפיהרט געוואָרען ניט נאָר אין די וועבשטוהלען אליין. מר. יאַנג דערצעהלט אונז, אַז „די שפּין־ראַהמען, וואָס ענטהאַלטען 112 שפינדלען אין יעדער זייט, זיינען אויפגעפאַסט געוואָרען פון מיידלעך, וועלכע האָבען געטריבען פון 4 ביז 10 זייטען יעדערע, לויט איהר געשיקטקייט. דער דורכשניט פאַר גוטע שפּינערקעס איז אַרום 8 זייטען (896 שפינדלען)". (ז. 10).

אין אַ ניו בעדפאָרד פיין־שפּינעריי האָבען די רינג־שפּינער אויפגעפאַסט צוועלף־הונדערט שפינדלען יעדערער (ז. 16). עס איז אויך וויכטיג צו בעמערקען, ווי שנעל די באַוועל אינדוסטריע האָט זיך די לעצטע צייט ענטוויקעלט אין די פעראייניגטע שטאַאַטען. דער צענזוס פון יאָהר 1900 האָט אָנגעגעבען אַ סך הכל פון 19,008,350 שפינדלען. אָבער אין יאָהר 1909 געפינען מיר שוין 28,178,860 שפינדלען פאַר באַוועל אַליין (34½ מיליאָן שפינדלען אַריינרעכענענדיג זייד, וואָל און וואוסטעד). און, וואָס איז נאָך וויכטיגער, דער גרעסטער טייל פון דעם וואוקס איז אויסגעפאַלען אויף די דרום־שטאַאַטען, וואו די מאַשינעריע איז אויך מעהר פאַלקאָמען, אי פאַר שפּינען, אי פאַר וועבען, און וואו די מעהרסטע אַרבייטען ווערען געטאָן פון ווייסע.

אין אַ סאָוטה־קאַראָליינאַ פאַבריק פון געדרוקטע צייג, וואָס האָט טויזענד דרייפער וועבשטוהלען, איז געוועזן ביי שמאָלע שטוה־

לען דער דורכשניט 15½ שטוהלען אויף יעדען וועבער (ט. וו. אוטט־לעי אין פריהער־דערמאַנטען בוך, ז. 4, 50 א. וו.).

וואָס געהערט די אַמעריקאַנער קאָנקורענץ אויף די בינעזישע מערק, גיט אַן מר. העלם גאַנץ אימפּאָזאַנטע ציפער.

י. — מר. דזשיפּען'ס און מר. פלוקס'עס ציפער בנוגע דער ענגלישער פּאָזיציע אין אינטערנאַציאָנאַלען האַנדעל.

איינינע בעמערקונגען מכח די דאָזיגע ציפער קענען זיין וויפיעל־ניט־איז ניצליך.

ווען די בריטישע און אירלאַנדישע עקספּאָרטען זיינען מיט אַמאָל ארונטערגעפאַלען אין די יאָהרען 1882—86, און די אַנשרעקער האָבען זיך בענוצט מיט די שלעכטע צייטען אויפצוהויבען דעם קיינמאָל־ניט־פערגעסענעם קריעגס־געשריי נאָך אַ שוץ־טאַריף, אַנווייזענדיג דערביי ספּעציעל אויף דעם שאָדען, וואָס די „דייטשע קאָנקורענץ" מאַכט דעם בריטישען האַנדעל, האָט מר. דזשיפּען אַנאַליזירט די ציפער פון דעם אינטערנאַציאָנאַלען האַנדעל אין זיינע „פינאַנץ־עססיים" און אין אַ בעריכט, וואָס ער האָט געלעזען פאַר דער קאָמיסיע פון דעם „באָארד אָוו טרייד". מר. א. וו. פלוקס האָט ווידער אַנאַליזירט דיזעלביגע ציפער, צופיהרענדיג זיי ביז אַ שפּעטיגערער פעריאָדע. ער האָט בעשטעטיגט מר. דזשיפּען'ס שלוסען און האָט זיך געסטאַרעט צו בעווייזען, אַז די בעריהמטע „דייטשע קאָנקורענץ" איז אַ שווינדעל.

מר. דזשיפּען'ס שלוסען, וועלכע מר. א. וו. פלוקס האָט ציטירט („דהי קאָמערשיעל סופּרימעסי אָוו גרייט בריטיין", אין „עקאָנאָמיקאל דזשורנאַל", 1894, ב. 4, ז. 457), זיינען געווען ווי פאָלגט: —

„אינגאַנצען גענומען קען מען גאָר ניט זאָגען, אַז די ציפער צייגען אָן אויף אַ גרויסען און געוואַלטיגען פאָרטשריט אין די דייטשע עקספּאָרטען אין פערגלייך מיט די עקספּאָרטען פון דער פעראייניגטער ענגלישער מלוכה. עס איז פאַראַן אַ גרעסערער פאָרטשריט אין געוויסע ריכטונגען, אָבער נעהמענדיג אַלץ צוזאַמען, בעמערקט זיך ניט קיין גרויסער ניט־פּראָפּאָרציאָנעלער פאָרט־

שרייט, און אויף פיעלע וויכטיגע מערק פון דער פעראייניגטער מלוכה הויבט דייטשלאַנד כמעט זיך גאַר ניט אָן צו בעוויזען.״

אין אַט דער געלאַסענער פאָרם, בנוגע גאָר צו דער דייטשער קאָנקורענץ אַליין — און רעכענענדיג זיך מיט דעם פאַקט, אַז די ציפער נעהמען ניט אין בעטראַכט וועלכע סאָרטען סחרות מאַכען אויס דעם געגעבענעם ווערטה פון די עקספּאָרטען, און אין וועלכע צאָהלען — קען מר. דזשיפּפען׳ס פעסט־שטעלונג אָנגענומען ווערען. אָבער דאָס איז גאָר.

ווען מיר נעהמען אָבער מר. דזשיפּפען׳ס ציפער, ווי זיי ווערען פאָרגעבראַכט אין אויספיהרליכע טאַבעלען (אויף די זייטען 67—461 פון דעם אָקאַרשט־דערמאַנטען אַרטיקעל), צונויפגעשטעלט מיט גרויס מיה, כדי צו בעווייזען, אַז דייטשלאַנד׳ס חלק אין די אימ־פּאָרטען פון אייניגע אייראָפּעאישע לענדער, ווי רוסלאַנד, איטאַליע, סערביען א. אַז. וו. איז געפאַלען, בעווייזענדיג דערביי אויף דעם חלק פון דער ענגלישער מלוכה — איז אַלץ וואָס מען קען אַרויס־טראַגען פון די דאָזיגע ציפער איז, אַז עס זיינען פאַראַן אַנדערע לענדער אויסער דייטשלאַנד, דהינו די פעראייניגטע שטאַאַטען און בעלגיען, וועלכע קאָנקורירען זעהר טיכטיג מיט ענגלאַנד, פראַנקרייך און דייטשלאַנד צוזאַמען פון די סומע פאַבריצירטע סחורה, וואָס רוסלאַנד, איטאַליע, סערביע און אַנדערע פיהרען אַריין פון אויסלאַנד.

אין דערזעלביגער צייט האָבען די דאָזיגע ציפער קיין בעגריף ניט געגעבען פון דעם פאַקט, אַז וואו מען פלעגט פריהער צושטעלען פאַבריצירטע מעטאַלענע אַרטיקלען, דאָרט אימפּאָרטירען זיי איצ־טער קויהלען און רויהע מעטאַלען פאַר דער היימישער פאַבריקאַציע פון דיזעלביגע אַרטיקלען; אָדער וואו מען פלעגט אימפּאָרטירען געפאַרבטע און געדרוקטע באַוועל־צייג, פאָדערען זיי איצט ניט מעהר ווי גאַרן. דער גאַנצער ענין איז אָהן א שיעור מעהר קאָמפּ־ליצירט איידער עס ווייזט זיך אַרויס אין מר. דזשיפּפען׳ס חשבונות; און ווי ווערטהפול זיינע ציפער האָבען זיך געמענגט זיין אויף צו בערוהיגען די איבערטריבענע אַנגסטען, האָבען זיי אָבער ניט ענט־האַלטען קיין שום ענטפער אויף די פיעלע עקאָנאָמישע פראַגען, וואָס זיינען פערוויקעלט אין די זאַכען, וועלכע ער בעהאַנדעלט.

די אויספיהרען, צו וועלכע איך בין געקומען אין דער ערשטער

אויסגאַבע פון אַט דעם בוך, האָבען געקראָגען נאָך אַ ווייטערע בעשטעטיגונג אין דער שפּעטערער עקאָנאָמישער ענטוויקלונג פון אַלע פעלקער אין דערזעלביגער ריכטונג. דער רעזולטאַט איז, אַז ניט רעכענענדיג די אויסערגעוועהנליכע עקספּאָרטען פון די יאָהרען 1910 און 1911 (וועלכע איך וואַג צו דערקלערען דורך דעם אַלגע־מיינעם פּאַראויסזעהן, אַז עס קלייבט זיך אויסצוברעכען אַ גרויסע אייראָפּעאישע מלחמה), זיינען די עקספּאָרטען פון ענגלאַנד, אַחוץ זייערע געוועהנליכע פּעריאָדישע שוואַנקונגען, געבליבען דיזעלביגע ווי זיי זיינען געווען, לפי ערך צו דער פערגרעסערטער בעפעלקערונג, און פיעלע פון זיי ברענגען וועניגער פּראָפיט; בעת די עקספּאָרטען פון אַלע אַנדערע לענדער האָבען זיך פערמעהרט אין אַ פיעל־גרעסערען ערך.

כ. — האַנדעלס־גערטנעריי אין בעלגיען.

אין יאָהר 1885 האָבען די פלעכען, וואָס זיינען אָבגעגעבען געוואָרען פאַר האַנדעלס־גערטנעריי אין בעלגיען, געגרייכט 99,600 אַקער. אין יאָהר 1894 האָט אַ בעלגישער פּראָפעסאָר פון אַגריקולטור, וועלכער האָט מיר געפעליגסט צוגעשטעלט נאָטיצען וועגען דעם ענין, געשריבען: —

„דער שטח איז אַ היבש ביסעל פערגרעסערט געוואָרען, און איך מיין, אַז מען קען איהם רעכענען אַרום 112 טויזענד אַקער (45 טויזענד העקטאַר) אויב ניט מעהר“. און ווייטער: „די רענטען אין די סביבות פון די גרויסע שטעדט, ווי אַנטווערפּען, ליעזש, גענט און ברוסעל, גרייכען אַזוי פיעל ווי פינף פונט 16 שילינג און 8 פונט סט. פּער אַקער; די קאָסטען פון איינשטאַלירען איז פון 13 ביז 25 פונט סט. פּער אַקער; די יעהרליכע אויסגאַבען אויף מיסט, וואָס איז די הויפּט הוצאה, גרייכט פון 8 ביז 16 פונט סט. פּער אַקער דאָס ערשטע יאָהר, און דערנאָך פון 5 ביז 8 פונט סט. יעדען יאָהר.“ די גאָרטענס האָבען אַ דורכשניטס־גרויס פון 2½ אַקער און אין יעדען גאָרטען ווערען געברויכט פון צוויי ביז פיער הונדערט קאַס־טענס. וועגען די בעלגישע האַנדעלס־גערטנער מוז מען מאַכען די־זעלבע בעמערקונג ווי מיר האָבען געמאַכט וועגען די פראַנצויזישע „מאַרעשערס“. זיי אַרבייטען שרעקליך שווער, ווייל זיי מוזען

צאָהלען משונה׳דיג־הויכע רענטען און זיי זוכען דעריבער אָבצו־שפּאָרען אביסעל געלד צו קענען ווי עס איז קויפען א שטיקעל לאַנד און לויז ווערען פון דעם בלוט־זויגער, וועלכער עסט אויף אַזויפיעל פון זייערע פּערדיענסטען. אויסער דעם מוזען זיי אַלע יאָהר קויפען אַלץ מעהרער קאַסטענס, כדי צו קענען בעקומען זייערע פּראָדוקטען וואָס פריהער און קריגען בעסערע פּרייזען: ארבייטען זיי ווי די שקלאַפען. מען מוז אָבער געדענקען, אז כדי צו בעקומען דיזעלבינע סומע פּראָדוקטען אין גרינס־הייזער אונטער גלאָז, פּאָדערט זיך אין דזשערסיע צו בעארבייטען אַן אַקער לאַנד נישט מעהר ווי דריי מענשען, וואָס ארבייטען 55 שטונדען א וואָך.

איך מוז אָבער אָבשיקען מיינע לעזער צו דעם אויסגעצייכענ־טען ווערק פון מיין פריינד ב. סעעבאָהם ראונטרי, „לאַנד ענד לייבאָר: לעסאָנס פראָם בעלגיום“, לאָנדאָן, 1910 — א גרויסער באַנד פון מעהר ווי 600 זייטען, דער רעזולטאַט פון א פיעל־יאָהריגען און ארבייטזאַמען שטודיום. דאָס בוך איז פול מיט ציפער און פּערזענליכע בעאָבאַכטונגען, און מען קען עס לעזען מיט נוצען בנוגע אַלע פראַגען, וואָס זיינען שייך צום עקאָנאָמישען לעבען פון בעלגיען.

ל. — די קאַנאַל־אינזלען — די סציללי־אינזלען.

דער פּאָרטרעפליכער צושטאַנד פון אגריקולטור אין דזשערסיע און גערנסעי איז אָפט דערמאָנט געוואָרען אין דער לאַנדווירטשאַפט־ליכער און אַלגעמיינער ליטעראַטור דאָ אין ענגלאַנד, און דעריבער וועל איך בלויז אָנצייגען אויף די ווערק פון וו. ע. ביר (דזשורנאַל אָוו דהי אגריקולטשוראַל סאָסייעטי, 1888; „קוואָרטערלי רעוויו“, 1888; „בריטיש פּארמער“, א. אַז. וו.); און אויף דער פּאָלשטענ־דיגער ארבייט פון ד. ה. אַנסטעט און ר. ג. לאַטהאַם, „דהי טשאַנעל איילאַנדס“, דריטע אויפלאַגע, דורכגעזעהן פון ע. טולמין ניקאָללע, לאָנדאָן, 1893.

פיעלע ענגלישע שרייבער — פּערשטעהט זיך, ניט די אָקאָרשט־אָנגערופענע — זיינען גענייגט צו דערקלערען די ערפאָלגען, וואָס בעקומען זיך אין דזשוירסיע, דורך דעם וואונדערבאַרען קלימאַט פון די אינזלען און די פרוכטבאַרקייט פון דעם באָדען. וואָס געהערט

דעם קלימאט, איז עס געװיס ריכטיג, אז די יעהרליכע פערציײכע־נונג פון זונענשײן איז גרעסער אין דזשוירסיע אײדער װי עס איז אין ענגלאנד. עס גרייכט פון 1,842 שטונדען א יאהר (1890) ביז 2,300 (1893), און שטײגט אט אזױ אריבער די העכסטע סומע זונענשײן, װאס איז פערצײכענט געװארען אין װעלכען עס איז פלאץ אין ענגלאנד, אויף 168 ביז 336 שטונדען (אויסנעהמליך־הויכען מאקסימום פון יאהר 1894) א יאהר; מאי און אויגוסט שײנען צו זײן די גינסטיגסטע מאנאטען.* לאמיר אבער ציטירען פון דעם אקארשט־דערמאנטען װערק פון אנסטעד און לאטהאם:—

עס איז גאר קײן ספק ניט, אז אין אט די אלע אינזלען, און דערהויפט אין גערנסעי, פעהלט זונען־היץ און דירעקטע טהעטיגקײט פון די זונען־שטראהלען אום זומער, און דאס מוז האבען א װירקונג; אויך הערשט דארטען א מערקווירדיג קאלטער, טרוקענער מזרח־װינד שפעט אין פריהלינג, װאס האלט אב די געוויקסען" (ז. 407). יעדער אײנער װאס האט פערבראכט אפילו נישט מעהר װי צװײ־דרײ װאכען אין דזשערסיע, שפעט אין פריהלינג, מוז װיסען פון ערפאהרונג, װי ריכטיג די בעמערקונג איז. אויסער דעם זײנען פאראן די גוט־בעקאנטע גערנסיער טומאטעס, און „צוליעב די רעגענס און פײכטקײט לײדען די בוימער פון מעלטוי און בראנד, װי אויך פון פערשײדענע בלאט־לײז". דיזעלבינע פערפאסערס בעמערקען, אז דער נעקטארין־בוים גערײהט ניט אין דזשערסיע אויף דער פרײער לופט, „מחמת עס פעהלט הערבסט־היץ"; אז „די נאסע הערבסטען און קאלטע זומערען זײנען ניט גוט פאר די אפריקאזען", א. אז. װ.

אויב דזשערסיע־קארטאפעל זײנען דורכשניטליך צײטיג דרײ װאכען פריהער אײדער אין קארנוואל, דערקלערט זיך דער פאקט אינגאנצען דורך די שטענדיגע פערבעסערונגען, װאס װערען געמאכט אין דזשערסיע, כדי צו בעקומען װיפיעל ניט איז קארטאפעל אײניגע טעג פריהער. סײ דורכדעם װאס מען נעהמט זיך די מיה זײ ספעציעל צו פלאנצען אזױ שנעל װי מעגליך און בעשיצען זײ פון קאלטע װינ־טען, אדער דורכדעם װאס מען קלײבט אויס קלײנע שטיקלעך

* „טען יירס אוו סאנשײן אין די בריטיש איילז", 1890—1881.

לאַנד, וועלכע זיינען בעשיצט פון דער נאַטור אָדער פערקעהרט, גינסטיגער אָפען. אזוי ווי דער חלוק אין פרייז צווישען די פריהעסטע און שפּעטע קאַרטאָפּעל איז אונגעהייער גרויס, ווערען געמאַכט די גרעסטע אָנשטרענגונגען צו בעקומען א פריהע גערעטניש.

דעם ארונטערפאַל אין די פרייזען פער טאָן קען מען זעהן אמ־בעסטען פון די פאָלגענדע פרייזען אין יאָהר 1910 : —

סוף וואָכען פון	סומען עקספּאָרטירט טאָן	פּרייזען פונט,	שילינג,	פּענס
אַפּריל 2—30טען	210	30	11	0
מאַי 7טען	600	18	12	8
" 14טען	1,250	15	12	0
" 21טען	2,000	13	0	0
" 28טען	5,500	10	3	8
יוני 4טען	7,825	8	13	4
" 11טען	9,200	6	5	8
" 18טען	13,000	4	17	6
" 25טען	9,650	4	8	10
יולי 2טען	6,600	3	13	8
" 9טען	1,900	2	18	6
" 16טען	145	3	9	4
" 23טען	10	3	18	0
סך הכל	57,890	381,373 פונט סטערלינג.		

די סומען פריהע קאַרטאָפּעל, וואָס זיינען עקספּאָרטירט געוואָ־רען, אין די יאָהרען פון 1901 ביז 1910, האָבען געגרייכט פון 47,530 טאָן ביז 77,800 טאָן און האָבען בעטראָפען פון 323,289 פונט סט. ביז 475,889 פונט סט.

וואָס געהערט דער פרוכטבארקייט פון באָדען, איז עס נאָך אַן ערגערער ארגומענט, דען עס איז ניט פאַראַן א שטח אין דער פער־איינינגטער מלוכה פון דערזעלביגער גרויס, וואָס זאָל דאַרפען אַזוי־פיעל בעמיסטיגט ווערען מיט קינסטליכער מיסט, ווי דער שטח פון דזשערסיע און גערנסעי. אין 17טען י. ה., ווי מען קען זעהן פון

דער ערשטער אויסגאַבע פון פאַללע'ס ד ז ש ע ר ס י ע, געדרוקט אין יאָהר 1694, „האָט דער אינזעל ניט פּראָדוצירט די סומע שפּייז, וואָס איז געווען נויטיג פאַר דעם געברויך פון די איינוואוינער, און זיי מוזען בעזאָרגט ווערען פון ענגלאַנד אין צייטען פון פריעדען, אָדער פון דאַנציג אין פּוילען". אין דעם ביכעל „די קרעכצען פון די איינוואוינער פון דזשערסיע", געדרוקט אין לאָנדאָן, אין 1709, געפינען מיר דיזעלביגע קלאָג. קוויל, וועלכער האָט געשריבען אין יאָהר 1812 און האָט ציטירט די צוויי אָקאָרשט־דערמאָנטע ווערק, לעגט צו פון זיין זייט די ווערטער: „די סומע, וואָס מען האָט היינטיגען טאָג אריינגענומען, איז גאָר ניט גענוג פאַר זייער חיונה, שוין אַחוץ דעם גאַרניזאָן" („דזשענעראַל וויו אָוו דהי אַגריקולטיור ענד דהי פּרעזענט סטייט אָוו דהי איילאַנדס אָן דהי קאָוסט אָוו נאָרמאַנדיע", לאָנדאָן, 1815, ז. 11). און ער האָט נאָך צוגעלעגט: „נעהמענדיג אַלץ אין בעטראַכט, מוזען מיר דערצעהלען דעם אמת; די היגע תבואות זיינען פערדאָרבען, אין אייניגע פּלעצער, גאָר מיאוס פערדאָרבען". און ווען מיר זוכען נאָך די מאָדערנע שרייבער, אַנסטעד, לאַטהאַם און ניקאָללע, געפינען מיר אויס, אַז דער באָדען איז בשום אופן ניט קיין רייכער. ער בעשטעהט פון צוברעקעלטען גראַניט און לאָזט זיך לייכט בעאַרבייטען, אָבער „ער האָט ניט קיינע אָרגאַנישע שטאָפען, אויסער די וואָס דער מענש האָט אין איהם אריינגעטהאָן".

דאָס איז גאַנץ זיכער די מיינונג, צו וועלכער יעדער איינער קען קומען, ווען ער בעזוכט נאָר גרינדליך דעם אינזעל און קוקט זיך צו אויפמערקזאָם צו זיין באָדען — שוין ניט צו רעדען וועגען די קוועגוויען, וואו עס איז אין קוויל'ס צייט געווען אַ „אַראַבישער מדבר" פון זאַמד און בערגלעך, וועלכע האָבען בעדעקט אַרום 70 אַקער (ז. 24), מיט עפּעס אַ בעסערען, אָבער אַלץ אַ גאַנץ אָרעמען באָדען, צו צפון און מערב־צו. די פרוכטבאַרקייט פון באָדען איז אינגאַנצען געמאַכט געוואָרען ערשטענס, דורך די ים־גראָזען, אויף וועלכע די איינוואוינער האָבען אויפגעהאַלטען קאָמונאַלע רעכט; שפּעטער דורך גרויסע לאָדונגען פון מיסט, אַחוץ די מיסט פון דער היבשער צאָהל פיה, וואָס ווערט געהאַלטען אויפ'ן אינזעל; און ענדליך דורך אַ פאָרטרעפליך־גוטער בעאַרבייטונג פון באָדען.

פיעל מעהר ווי די זונען־שיין און דער גוטער באָדען האָבען די

פערהעלטניסען פון לאַנד־בעזיץ און די נידעריגע שטייערען בייגעטראָגען צו דער מערקווירדיגער ענטוויקלונג פון דער אַגריקולטור אין דזשערסיע. קודם כל, די מענשען פון די אינזלען זעהען ווייניג־וואָס אָן דעם שטייערן־קלייבער. בעת די ענגלישע צאָהלען אין שטייערן אַ דורכשניט פון 50 שילינג פער קאָפּ פון דער בעפעלקערונג; בעת דער פראַנצויזישער פויער איז איבערלאָדען מיט אַלערליי סאָרטען שטייערן, און דער מיילענדער פויער מוז אָבגעבען פולע 30 פּראָצענט פון זיין איינקונפט — בעטרעפען אַלע שטייערן, וואָס זיי צאָהלען אין די קאַנאַל־אינזלען, נישט מעהר ווי 10 שילינג פער קאָפּ אין די שטאָדט־געמיינדען און נאָך פיעל ווייניגער אין די לאַנד־געמיינדען. אינדירעקטע שטייערן האָבען זיי גאָר ניט, אחוץ צוויי שילינג זעקס פענס פאַר יעדען גאַלאָן אימפּאָרטירטען ספּיריטוס און 9 פענס פאַר יעדען גאַלאָן אימפּאָרטירטען וויין.

וואָס געהערט די פערהעלטעניש פון לאַנד־בעזיץ, זיינען די איינוואויינער גליקליכערווייז נצול געוואָרען פון דער ווירקונג פון רוימישען געזעץ, און לעבען נאָך אַלץ אונטער דעם „קוטומיע דע נאָרמאַנדיע“ (דעם אַלטען נאָרמאַנישען געמיינרעכט). דעריבער געהערט טאַקע מעהר ווי אַ העלפט פון דער טעריטאָריע צו די, וועלכע בעאַרבייטען אַליין דעם באָדען; עס איז ניטאָ קיין „לענדלאָרד“, וואָס קוקט אויף די גערעטעגישען און העכערט די רענטען איידער דער פאַרמער האָט נאָך גענאָסען די פּרוכט פון זיינע פערבעסערונגען; עס איז קיינער ניטאָ וואָס זאָל מאָהנען געצאָהלט פאַר יעדען וואָגען ים־גראָז אָדער זאַמד, וואָס מען פיהרט אויף די פעלדער: יעדער איינער נעהמט וויפיעל ער וויל, בתנאי אויב ער שניידט די גראָז אין אַ געוויסער צייט פון יאָהר און גראָבט די זאַמד אויף אַ מרחק פון זעכציג יאַרד פון דעם הויך־וואַסער־פּונקט. די וואָס ווילען קויפען לאַנד צום בעאַרבייטען, קענען עס טהאָן ניט ווערענדיג דערביי פערשקלאַפט צום פּראָצענטניק. נישט מעהר ווי אַ פערטעל פון דער שטענדיגער רענטע, וואָס דער קויפער נעהמט זיך אָן צו צאָהלען, ווערט קאַפּיטאַליזירט און מוז גלייך איינגעצאָהלט ווערען (אָפטמאָל אפילו נאָך ווייניגער). דאָס איבעריגע בלייבט אַ שטענדיגע רענטע אין ווייץ, וועלכע ווערט געשאַצט אין דזשערסיע פון 50 ביז 54 סו־דע־פראַנס פער קאַבאָט. ארויפלעגען אָן ארעסט אויף אייגענטום פאַר אַ חוב איז פערבונדען מיט אַזוי

פיעל שוועריגקייטען, אַז עס ווערט זעלטען־וועז געטאָן (קוויל'ס דזשענעראַל וויו, ז. 41 ביז 46). דער פּראָצעס פון לאַנד־פערקויף איז אַן איינפאַכער אָבמאַך פון ביידע צדדים אויף אַ שבועה, און קאָסט כמעט גאָר ניט. די געזעצען פון ירושה זיינען אַזעלכע, וואָס האַלטען אויף די היים, ניט קוקענדיג צי דער פאָטער איז געבליבען אַ גרויסער בעל חוב (דאָרט, ז. 41־35).

נאָכדעם ווי זיי ציינען, ווי קליין די פאַרמס זיינען אויף די דאָזינע אינזלען (פון 20 ביז 5 אַקער, און זעהר פיעלע נאָך קלענערע: עס איז פאַראַן „ווייניגער ווי 100 פאַרמס אויף יעדען אינזעל, וואָס זיינען גרעסער ווי 25 אַקער, און פון די זיינען פאַראַן אַרום אַ האַלב דוצען אין דזשערסיע, וואָס זיינען גרעסער ווי 50 אַקער") בעמערקען אַנסטעד, לאַטהאַם און ניקאָללע: —

„אין קיין אָרט געפינען מיר ניט אַזאַ גליקליך און צופריעדען לאַנד ווי אויף די קאַנאַל־אינזלען..." „דער סיסטעם פון לאַנד־בעזיץ האָט אויך ניט ווייניג בייגעטראָגען צו זייער וואוילשטאַנד..." „דער קויפער ווערט דער אַבסאָלוטער אייגענטימער פון דער פאַרם און מען קען איהם ניט ריהרען פון אָרט, כל זמן ער צאָהלט די צינזען פון די רענטען (אין ווייץ). מען קען איהם ניט צווינגען, ווי אין דעם פאַל פון אַ היפּאָטעק (אַ מאָרטגיידזש) אָבצוצאָהלען דעם גרונד־קאַפּיטאַל. די מעלות פון אַזאַ סיסטעם זיינען צו־קלאָר, מען זאָל עס דאַרפען ווייטער אַרומרעדען". („דהי טשאַננעל איילאַנדס, 3טע אויפלאַגע, דורכגעזעהן פון ע. טולמין ניקאָללע, ז. 401; זעה אויך ז. 443.)

דאָס פאָלגענדע וועט נאָך בעסער בעווייזען, ווי דער קולטיווירבאַרער שטח ווערט אויסגענוצט אין דזשערסיע („דהי איוונינג פּאָסט ראַיאַל אַלמאַנאַק"): —

תבואות

	1894 אַקער	1911 אַקער
ווייץ	1,709	656
גערשטען	113	152
האָבער און קאָרן	499	1,213
באָב און אַרבעס	16	34

	1894	1911
גרינסען		
קאַרטאָפּעל	7,007	8,911
ריבען און שטעק־ריבען	111	61
מאַנגאָלד	232	137
אַנדערע גרינסען	447	176
קלעווער און געזעעטע גראָז		
פאַר היי	2,842	2,720
ניט פאַר היי	2,208	1,731
פיטערפעלדער און לאָנקעס		
פאַר היי	1,117	944
ניט פאַר היי	3,057	2,522
לעדיג לאַנד	——	53
פרוכט		
קליין־פרוכט	——	99
סעדער און קליין פרוכט	——	1,151
אַנדערע פלאַנצונגען	——	240
סך הכל	21,252	20,733
לעבעדיגער אינווענטאַר		
פערד, וואָס ווערען געברוכט נאָר פאַר ערד־בעאַרבייטונג	2,252	2.188
" וואָס זיינען נאָך ניט געוועהנט צו דער אַרבייט	83	69
קליאַטשעס אויסשליסליך פאַר צוכט	16	——
סך הכל פערד	2,351	2,257
קיה, וואָס מעלקען זיך, אָדער וואָס דאַרפען זיך קעלבען	6,709	6,710
אַנדערע בהמות: פון צוויי יאָהר און עלטער	864	
פון 1 יאָהר ביז 2 יאָהר	2,252	5,321
ווענינער ווי 1 יאָהר	2,549	
סך הכל בהמות	12,374	12,031
שעפסען	332	186
חזירים	6,021	4,639

עקספּאָרטען

	1887	1888	1889
אָקסען — — — — — — — — — — — —	102	100	92
קיה און טעליצעס — — — — — — — — — —	1,395	1,639	1,629

עקספּאָרטירטע קאַרטאָפעל: —

דורכשניט	טאָן	פונט סטערלינג
1887—1890 — — — —	54,502	308,713
1891—1894 — — — —	62,885	413,609
1901—1905 — — — —	66,731	455,773
1906 — — — —	51,932	308,299
1907 — — — —	77,800	377,259
1908 — — — —	53,100	356,305
1909 — — — —	62,690	332,404
1910 — — — —	57,890	381,373

דער עקספּאָרט־בעטרעף פער אַקער איז געווען פערשיידען: פון 27 פונט סטערלינג, 6 שילינג אין 1893, ביז 66 פונט סט. 1 שילינג אין 1894 און אפילו ביז 95 פונט סט. 18 ש. אין 1904.

וואָס געהערט דער קולטיווירונג אין גרינס־הייזער, האָט מיינער אַ פריינד, וועלכער האָט געאַרבייט אַלס גערטנער אין דזשערסיע, געזאַמעלט פאַר מיר פערשיידענע אויסקונפטען בנוגע דער פּראָדוקטיוויטעט פון דער קולטיווירונג אונטער גלאָז. פון אַט די ידיעות קען מען נעהמען די פאָלגענדע אַלס אַ פאַלשמענדיג ריכטיגע אילוסטראַציע, צו די וואָס זיינען געגעבען געוואָרען אין טעקסט: —

מר. ב.'ס גרינס־הויז איז 300 פוס לאַנג און 18 פוס ברייט, וואָס מאַכט אויס 5,400 קוואַדראַט פוס, און פון די בילדען 900 קוואַדראַט פוס דעם מיטען־גאַנג. דער קולטיווירבארער שטח איז אַלזאָ 4,500 קוואַדראַט פוס. עס זיינען ניטאָ קיין ציגעלנע ווענט, נאָר ציגעלזיילען און ברעטער ווערען געברויכט אַלס פאָרענט־ווענט. עס איז פאַראַן אַ סיסטעם פון וואַרעמען דורך הייס וואַסער, עס ווערט אָבער געברויכט נאָר צופעליג, אָבצוהאַלטען די ווינטער־פרעסט — די גערטעטנישען זיינען פריהע קאַרטאָפעל (וועלכע פאָדערען ניט קיין בעהייצונג) און דערנאָך קומען טאָמאַטאָס. אַט די לעצטע זיינען מר. ב.'ס ספּעציאַליטעט. שנעל־גערטעטנישען פון רעטיכלעך און

ד. ה. ווערען געפלאַנצט. די קאָסטען פון דעם גרינס־הויז, אָהן דעם היץ־אַפּאַראַט, זיינען 10 שילינג אַ פוס, וואָס עס מאַכט אויס 150 פונט סט. פאַר אַן ⅛ אַקער אונטער גלאָז, אָדער עפּעס ווייניגער ווי 7 פענס פאַר יעדען גלאָז־בעדעקטען קוואַדראַט פוס.

די גערטעניישען זיינען: קאַרטאָפעל, פיער קאַבאָטס פער פערטש (אַ פערטש איז איין הונדערט זעכציגטעל אַקער) — ד. ה. ¾ טאָן פריהע קאַרטאָפעל פון דעם גרינהויז; די טאָמאַטאָס אין מר. ב.׳ס קולטיווירונג גיבען אויסערגעוועהנליכע רעזולטאַטען. ער פערזעצט נאָר 1000 פלאַנצען — ער גיט זיי, הייסט עס, מעהר רוים ווי געוועהנליך — און ער קולטיווירט אַ גערונצעלטען סאָרט, וועלכער גיט זעהר שווערע גערטעניישען, אָבער ברענגט ניט אַריין דיזעלבע פרייזען, וואָס די גלאַטע סאָרטען ברענגען. אין 1896 האָט ער אַרויסגעקראָגען 4 טאָן טאָמאַטאָס, און אַזוי וואָלט אויך געוועזען אין 1897 — יעדע פלאַנץ גיט אַ דורכשניט פון 20 פונט פרוכט, בעת די געוועהנליכע גערטעניש איז פון 8 ביז 12 פונט פער פלאַנץ.

די גאַנצע סומע איז אַלזאָ געוועזען 4¾ טאָן גרינסען, צו וועלכע מען מוז נאָך צולעגען די שנעל־גערטענישען — וואָס עס קומט אויס 85 טויזענט פונט פער אַקער (איבער 90 טויזענד פונט מיט די שנעל־גערטענישען). איך לאָז ווידער אויס די געלד־הכנסה און וויל נאָר דערמאָנען, אַז די הוצאות אויף בעהייצונג און בעמיסטיגונג האָבען בעטראָפען אַן ערך פון 10 פונט סט. אַ יאָהר, און אַז דער דזשערסיע־דורכשניט איז דריי מענשען, וואָס אַרבייטען 55 שטונדען אַ וואָך יעדערער (10 שטונדען אַ טאָג), פאַר יעדען גלאָז־בעדעקטען אַקער.

ד י ס צ י ל י א י נ ז ל ע ן. — אָט די אינזלען גיבען אויך אַ פּראַכטפאָלע אילוסטראַציע פון דאָס וואָס מען קען בעקומען, פון באָדען דורך אינטענסיווער קולטיווירונג. ווען טרייבען שיפען און פערדינגען זיך אַלס פילאָטען (שיף־דורכפיהרער) איז געוואָרען אַ שוואַכער קוואַל צו ציהען פון דעם חיונה, האָבען די סצילליאָנער זיך גענומען פאַר קולטיווירען קאַרטאָפעל. אַ סך יאָהרען, דערצעהלט אונז מר. דזש. ג. אורען („סצילי ענד דהי סצילאָניאָנס“, פלימאוטה, 1907), איז עס געוועזען אַ זעהר איינקינפטיגע אינדוסטריע. דאָס גערטעניש פלעגט זיין פאַרטיג ווייניגסטענס אַ מאָנאַט פריהער איידער אין וועלכען עס איז אַנדער פלאַץ אויפ׳ן הויפט־לאַנד. אַרום

א טויזענד טאָן קארטאָפעל פלעגט עקספּאָרטירט ווערען יעדען יאָהר. „אין איהרע בליהענדע צייטען פלעגט דאָס קארטאָפעל-זאמלען אין סציליִ זיין די גרויסע פאסירונג פון יאָהר. מחנות גרעבער פלעגען אריבערגעבראכט ווערען פון ,הויפּט-לאַנד", און די פרייזען פלעגען אָפטמאָל דערגרייכען אזויפיעל ווי 28 פונט סט. א טאָן פאר די פריהעסטע קארטאָפעל. ביסלעכווייז אָבער איז דער קארטאָפעל-עקספּאָרט ארונטערגעפאלען ביז צו וועניגער ווי א העלפט פון דאָס, וואָס ער איז פריהער געווען. דאן האָבען די איינוואוינער פון די אינזלען זיך גענומען צו פישעריי, און שפּעטער האָבען זיי אָנגעפאנגען צו פלאנצען בלומען. אזוי ווי קיין פראָסט און שנעע זיינען אויף די אינזלען כמעט ניטאָ, האָט אָט די נייע אינדוסטריע געהאט א גאנץ גוטען ערפאָלג. דער אקער-פעהיגער שטח פון די אינזלען איז ארום 4,000 אקער, וועלכע זיינען צוטיילט אין קליינע פארמס, וועני-גער ווי 15 ביז 20 אקער יעדערע, און די פארמס ווערען איבערגע-געבען, לויט די אָרטיגע מנהגים, פון פאָטער צום זוהן.

ערשט ניט לאנג האָבען זיי אָנגעהויבען פלאנצען ווילדע נאר-ציסען, צו וועלכע זיי האָבען באלד צוגעלעגט אויך דאפאָדילען (א הונדערט סאָרטען) און ליליען, דערהויפּט די ארום-ליליען פאר קירכען-דעקאָראציעס. אָט די אלע בלומען וואקסען אויף שמאָלע פאסען, וואָס זיינען בעשיצט פון די ווינטען דורך קליינע ראנד-בוימלעך. בעוועגליכע גלאז-הייזער ווערען בענוצט צו בעשיצען א געוויסע צייט די בלומען, און אויף דעם אופן האָבען די גערטנער איינינגע גערעטענישען כסדר, פון גלייך נאָך ווייהנאכט, ביז אפּריל אָדער מאי.

די בלומען ווערען אוועקגעשיפט אין פענזאנס און פון דאָרטען ווערען זיי געפיהרט פער אייזענבאהן אין ספּעציעלע וואגאָנעס. אין רעכטען סעזאָן ווערען ארויסגעפיהרט פון 30 ביז 40 טאָן אין איין טאָג. די גאנצע סומע עקספּאָרטען, וואָס האָבען בעטראָפען 100 טאָן אין יאָהר 1887, האָבען איצטער געגרייכט 1,000 טאָן אין יאָהר 1907.

מ. — בעוועסערטע לאָנקעס אין איטאַליע.

אין דעם „זשורנאל דע ל'אגריקילטיר" (2טען פעברואר 1889) ווערט דערצעהלט ווי פאלגט וועגען די „מארטשיטעס" פון מילאן :—

„אויף א טייל פון אָט די לאָנקעס לויפט וואסער שטענדיג, אויף

אַנדערע לאָזט מען דאָס וואַסער לויפען צעהן שטונדען יעדע וואָך. דער ערשטער גיט זעקס גערעטעגישען יעדען יאָהר; פון פעבר. אָן בעקומט מען פון 80 ביז 100 טאָן גראָז, וואָס עס איז גלייך צו 20 ביז 25 טאָן טרוקענע היי, פון יעדען העקטאַר (פון 8 ביז 10 טאָן פער אַקער). נידעריגער אַרונטער איז דאָס רעגעלמעסיגע גערעטעניש 13 טאָן טרוקענע היי פער אַקער. ווען מען נעהמט 80 אַקער אין אַ דורכשניטליכען צושטאַנד, וועלען זיי געבען 56 טאָן גרינע גראָז פער העקטאַר — דאָס איז 14 טאָן טרוקענע היי, אָדער די שפּייז פון דריי מילך־קיהה אויף אַ העקטאַר (2½ אַקער). די רענטע פאַר אַזוינע לאַנקעס איז פון 8 פונט סט. ביז 9 פונט 12 שילינג פער אַקער".

פאַר קוקורוזע זיינען די נוצען פון בעוועסערונג פּונקט אַזוי קלאָר. אויף בעוועסערטען לאַנד בעקומט מען גערעטענישען פון 78 ביז 89 בושל פער אַקער, אַנטקעגען 56 ביז 67 בושל אויף ניט בעוועסערטען לאַנד, אויך אין איטאַליע, און 28 ביז 33 בושל אין פראַנקרייך (גאַראָלאַ, „די תבואות", פראַנצ.).

נ. — געפּלאַנצטער ווייץ. דער ראָטהאַמסטעד אַרויסרוף.

סער אַ. קאַטטאַן האַט געהאַלטען אַ פאָרטראַג אין יאָהר 1893 איבער אַגריקולטור פאַר דער „באַלון סאָסייעטי", אין וועלכען ער האָט זעהר וואַרעם פערטיידיגט די מעטאָדע פון קולטיווירען טיעף און פלאַנצען די ווייץ־זריעה ווייט אָבגעזונדערט. שפּעטער האָט ער דעם פאָרטראַג אָבגעדרוקט אין אַ בראָשור („לעקטשור אָן אַגריקולטיור", 2טע אויסגאַבע, מיט אַן אַנהאַנג, דאָרקינג, 1893). ער האָט בעקומען פון זיין בעסטען סאָרט ווייץ אַ דורכשניט פון „55 זאַנגען פער פלאַנץ, מיט 3 אונצען קערנער פון גוטער קוואַליטעט — אפשר 63 פונט פער בושל" (ז. 10). דאָס פערגלייכט זיך צו 90 בושל פער אַקער — ד. ה. ער האָט בעקומען כמעט דעם זעלביגען רעזולטאַט ווי אין די טאַמבליין און קאַפּעללע אַגריקולטור־סטאַנציעס פון גראַנדאָ און פּ. דעספּרע, פון וועמעס אַרבייט סער אַ. קאַטטאַן האָט ווי עס שיינט ניט געוואוסט. אמת, סער קאַטטאַנ'ס עקספּערימענטען זיינען ניט אָנגעפיהרט געוואָרען, אָדער ריכטיגער געזאָגט זיינען ניט בערעכטיגט געוואָרען אויף אַ גרינדליך־וויסענשאַפטליכען

אופן. אבער דעריבער איז עס טאקע נאך מעהר נויטיג געווען ענט־ווערער צו ווידערלעגען, אדער צו בעשטעטיגען זיינע בעהויפּטונגען דורך גענוי־אנגעפיהרטע עקספּערימענטען אין א וועלכער עס איז עקספּערימענטאלער אגריקולטור־סטאנציע. ליידער זיינען, אויף ווי ווייט איך ווייס, קיינע עקספּערימענטען פון אזא סארט ניט געמאכט געווארען, און די מעגליכקייט אזוי איינטרעגליך צו פערגרעסערען דאס ווייץ־גערעטעניש דורך די מיטלען, וואס סער א. קאטטאן האט אנגעוויזען, דארף נאך ערשט אויספּרובירט ווערען אין א וויסענ־שאפטליכען גייסט.

ס. — איבערגעפלאנצטער ווייץ.

עס וועט אפשר ניט זיין איבעריג צו זאגען עטליכע ווערטער וועגען אט דער מעטאדע, וועלכע ציהט איצט די אויפמערקזאמקייט פון די עקספּערימענטאלע סטאנציעס.

אין יאפּאן ווערט דער רייז אלע מאל בעהאנדעלט אויף אזא אופן. עס ווערט בעהאנדעלט ווי אונזערע גערטנער בעהאנדלען דעם סאלאט און קרויט — ד. ה. פריהער לאזט מען דעם רייז שלאגען ווארצלען, דאן זעעט מען עס אין ספּעציעל ווארעמע ווינקלען, גוט בעגאסען מיט וואסער און בעשיצט פון די פויגלען דורך אנגעצויגענע שנירלעך איבער'ן באדען. 35 ביז 55 טעג שפּע־טער ווערען אט די יונגע פלאנצען, וועלכע זיינען איצט שוין פאל־שטענדיג ענטוויקעלט און האבען דיקען געץ־ווערק פון ווארצלען, איבערגעפלאנצט אויף'ן פרייען פעלד. אויף דעם אופן בעקומען די יאפּאנער פון 20 ביז 32 בושעל ריינע רייז פון אן אקער אין די ארימע פּראווינצען, 40 בושעל אין די בעסערע, און פון 60 ביז 67 בושעל אין די בעסטע. דער דורכשניט אין די 6 שטאאטען פון נארד אמעריקא, וואס קולטיווירען רייז, איז אין דערזעלביגער צייט נישט מעהר ווי 9½ בושעל.*

* דר. מ. פעסקא, „בייטרעגע צו קענטניס דער יאפּאנעזישען לאנד־ווירטשאפט", 2טער טייל, ז. 33 (בערלין, 1893). די עקאנאמיע אין זריעה איז אויך א גאנץ היבשע. בעת אין איטאליע געהט אוועק 250 קילאגראם זריעה אויף א העקטאר, אין סאוטה קאראליינא 160 קילאגראם, געברויכען די יאפּאנעזער בלויז 60 קילאגראם פאר דעמזעלביגען שטח. (זעמלער, „טראפּישע אגריקולטור, באנד 3, ז. 20-28.)

אין כינא ווערט דאַס איבערפלאַנצען אויך אַלגעמיין גע־ברויכט, און די אידעע איז פערשפרייט געוואָרען אין פראַנקרייך דורך אייזשען סימאָן און דעם אונלענגסט פערשטאָרבענעם טובאָ, אז איבערגעפלאַנצטער ווייץ קען ווערען אַ מעכטיגער מיטעל צו פער־גרעסערען די גערעטענישען אין מערב־אייראָפּאַ.* אויף ווי ווייט איך ווייס איז די אידעע ניט געשטעלט געוואָרען צו אַ פּראַקטישער פּראָבע; ווען מען געדענקט אָבער די מערקווירדיגע רעזול־טאַטען, וואָס די האַנדעלס־גערטנער בעקומען דורך האַללעט'ס מעטאָדע, איבערפלאַנצענדיג איינמאָל אָדער אפילו צוויי מאָל, און ווי שנעל די אַרבייט פון פלאַנצען ווערט געטהאָן פון די האַנדעלס־גערט־נער אין דזשערסיע, מוז מען מודה זיין, אַז איבערפלאַנצען ווייץ איז אַ נייער וועג, וועלכער פערדיענט מען זאָל איהם זעהר גוט בעטראַכ־טען. קיין עקספּערימענטען זיינען נאָך ניט געמאַכט געוואָרען אין דער ריכטונג, אָבער פּראָפ. גראַנדאָ, ביי וועמען איך האָב געפרעגט אַ מיינונג וועגען דעם ענין, האָט מיר געשריבען, אַז ער גלויבט, אַז די מעטאָדע מוז האָבען אַ גרויסע צוקונפט. די פּראַקטישע האַנ־דעלס־גערטנער (די פּאַריזשער „מאַרעשערס") וועמעס מיינונג איך האָב געפרעגט, זעהען ניט, פערשטעהט זיך, קיין אויסערגעוועהנליכע זאַך אין דער דאָזיגער אידעע.

מיט פלאַנצען, וואָס יעדערע גיט ארוים 1000 קערנער — אין דעם קאַפּעללער עקספּערימענט האָבען זיי ארויסגעגעבען אַ דורכ־שניט פון 600 קערנער — וואָלט מען געקענט בעקומען די יעהרליכע ווייץ־שפּייז פון אַן איינצעלנעם מענשען (5.65 בושעל אָדער 2565 פונט), אַן ערך פון 5 ביז 5½ מיליאָן קערנער, אויף אַ שטח פון 250 קוואַדראַט יאַרד; און דאָס איבערפלאַנצען וואָלט פערנומען ביי אַן ערפאַהרענעם אַרבייטער נישט מעהר ווי פון 10 ביז 12 שטונדען אַרבייט. מיט אַ ריכטיג מאַשין־געצייג וואָלט די אַרבייט וואַהרשיינליך געקענט נאָך פיעל פערקלענערט ווערען. אין יאַפּאַן פערפלאַנצען צוויי מענער און צוויי פרויען דריי־פערטעל אַמער מיט רייז אין איין טאָג (ראַננאַ, „די בעוועסערונגען" (פראַנצ.) באַנד 3,

---

* אייזשען סימאָן „לאַ סיטע שינואַז" (דאָס ווערט איז איבבער־זעצט אין ענגליש); טובאָ, „לאַ רעפּאַרטיסיאָן מעטריק דעז אימפּאָ", 2 בענדער, פּאַריז, 1880.

1890,) ז. 67 און ווייטער). דאָס מיינט (פּעסקא, „יאַפּאַנעזישע לאַנדווירטשאַפט", ז. 33) פון 33 ביז 66 טויזענד פלאַנצען, אָדער לאָמיר זאָגען, אַ מינימום פון 8,250 פלאַנצען אַ טאָג פאַר איין פּערזאָן. די דזשערסיע גערטנער פלאַנצען פון 600 (די אונערפאַהרענע) ביז 1000 פלאַנצען (די ערפאַהרענע) פער שטונדע.

ע. — גרינס־אימפּאָרטען אין דער פעראייניגטער מלוכה.

אז דאָס לאַנד דאָ אין ענגלאַנד ווערט ניט גענוג אויסגענוצט פאַר האַנדעלס־גערטנעריי, און אז דער גרעסטער טייל פון די גרינסען, וואָס ווערען אימפּאָרטירט פון אויסלאַנד, וואָלט מען געקענט מאַכען וואַקסען דאָ אין לאַנד, איז שוין געזאָגט און איבערגעזאָגט געוואָרען וויפיעל מאָל פאַר די לעצטע פינף און צוואַנציג יאָהר.

עס איז זיכער, אז די לעצטע צייט זיינען געמאַכט געוואָרען גאַנץ היבשע פערבעסערונגען — דער שטח פון האַנדעלס־גערטנעריי, און ספּעציעל דער שטח אונטער גלאָז פאַר דער קולטיווירונג פון פּרוכט און גרינסען, איז לעצטענס זעהר פיעל פערגרעסערט געוואָרען. אַנשטאָט די 38,957 אַקער, וואָס זיינען געווען אָבגעגעבען פאַר האַנדעלס־גערטנעריי אין גרויס־בריטאַניען אין דעם יאָהר 1875, זיינען אין יאָהר 1894 געווען 88,210 אַקער. אַ חוץ די גרינס־גערטעניישען אויף פאַרמס („די גאַרדנער'ס כראָניקל", 20טען 20טען אַפּריל, 1895, ז. 483). דער צו־וואוקס איז אָבער אַ קליינינג־קייט אין פערגלייך מיט דיזעלביגע צו־וואוקסען אין פראַנקרייך, בעלגיען און די פער. שטאַאטען. אין פראַנקרייך איז דער שטח פון האַנדעלס־גערטנעריי געשאַצט געווען אין 1892 פון מר. באַלטע, אויף אַ מיליאָן מיט 75 טויזענד אַקער — פּיער מאָל מעהר לויט דעם ערך פון קולטיווירבאַרען שטח איידער דאָ אין ענגלאַנד; און דאָס מערקווירדיגסטע דערביי איז, וואָס גרויסע שטיקער לאַנד, וועלכע זיינען פריהער בעטראַכט געוואָרען אַלס ניט־קולטיווירבאַר, זיינען געוואונען געוואָרען פאַר דעם צוועק פון האַנדעלס־גערטנעריי, ווי אויך פאַר פּרוכט־קולטור.

ווי די זאַך שטעהט איצטער זעהען מיר, אז זעהר גרויסע צאָהלען פון די איינפאַכסטע גרינסען, וועלכע וואָלטען אַלע געקענט וואַקסען דאָ אין לאַנד, ווערען אימפּאָרטירט. סאַלאַטען ווערען אימפּאָרטירט — ניט נאָר פון די אָזאָרען אָדער פון דרום־פראַנק־

רייך, נאָר ביז יוני ווערען זיי אימפּאָרטירט פון פראַנקרייך, וואו זיי וואַקסען מעהרסטענטהיילס, ניט אויפ'ן פרייען פעלד, נאָר אין קאַסטענס. פריהע אוגערקעס, וואָס וואַקסען אויך אין קאַסטענס, ווערען גרעסטענטהיילס אימפּאָרטירט פון האָללאַנד, און פערקויפען זיך אַזוי ביליג, אַז פיעלע ענגלישע גערטנער האָבען זיי אויפגעהערט צו קולטיווירען.* אפילו בוראַקעס און קרויט צום זייערן ווערען אימפּאָרטירט פון האָלאַנד און ברעטאַן (און פון דער אומגעגענד פון סען מאַלאָ, וואו איך האָב זיי געזעהן וואַקסען אויף אַ זאַמדיגען באָדען, אויף וועלכען קיין זאַך קען ניט וואַקסען אָהן שווערער בעמיסטיגונג מיט גואַנאָ, אלס אַ צווייטע גערעטעניש נאָך קאַרטאָפעל); און בעת פריהער פלעגען ציבעלעס וואַקסען מעהרסטענטיילס דאָ אין לאַנד, זעהען מיר, אַז אין יאָהר 1894 זיינען מעהר ווי 5¼ מיליאָן בושל ציבעלעס, אין דעם ווערטה פון ¾ מיליאָן פונט סטערלינג, אימפּאָרטירט געוואָרען פון בעלגיען (הויפּטזעכליך), דייטשלאַנד, האָללאַנד) פראַנקרייך א. אז. וו.

ווייטער, אַז פריהע קאַרטאָפעל זאָלען אימפּאָרטירט ווערען פון די אַזאָרען און דרום-פראַנקרייך איז גאַנץ נאַטירליך. עס איז שוין אָבער גאָר ניט נאַטירליך, אַז מעהר ווי 50 טויזענד טאָן קאַרטאָפעל (58,060 טאָן, אין ווערטה 521,141 פונט סט. דורכשניטליך אין די יאָהרען 1891-94) זאָלען אימפּאָרטירט ווערען פון די קאַנאַל-אינזלען; דען עס זיינען פאַראַן הונדערטער, אויב ניט טויזענדער אַקער אין סאַוטה דעוואָן, און העכסט וואהרשיינליך אויך אין אַנדערע טיילען פון דעם דרום-ברעג, וואו מען וואָלט געקענט קולטיווירען פריהע קאַרטאָפעל פונקט אַזוי גוט. אָבער נאָך אַ חוץ די 90 טויזענד טאָן פריהע קאַרטאָפעל (וואָס בעטרעפען מעהר ווי 700,000 פונט סט.) וואָס ווערען אימפּאָרטירט דאָ אין לאַנד, ווערען אויך אימפּאָרטירט אונגעהייערע סומען שפּעטע קאַרטאָפעל פון האָללאַנד, דייטשלאַנד און בעלגיען; אַזוי אַז דער סך הכל פון די אריינגעפיהרטע קאַרטאָפעל גרייכט פון 200,000 ביז 450,000 טאָן יעדען יאָהר. נאָך מעהר, ענגלאַנד אימפּאָרטירט יעדען יאָהר

---

* „דהי גאַרדנער'ס כראָניקל", 20טען אַפּריל, 1895, ז. 483. ווי איך הער פון אַ דייטשען גערטנער נעבען בערלין, קומט דיזעלביגע זאַך פאָר אין דייטשלאַנד.

אַלערליי סאָרטען גרינסען פאַר אַ סומע פון וועניגסטענס 4 מיליאָן פונט סט. און אַלערליי פּרוכטען (ניט רעכענענדיג די, וואָס קענען ניט וואקסען אין ענגלאַנד) פאַר 5 מיליאָן פונט סט. — בעת טויזענדער אַקער ערד פּוסטעוועז, און די בעפעלקערונג פון לאַנד ווערען געטריבען אין די שטעדט זוכען אַרבייט, וועלכע זיי געפינען ניט.

פ. — פּרוכט־קולטיווירונג אין בעלגיען.

ווי מען קען זעהן פון דעם „אננואר סטאַטיסטיק דע לאַ בעלזשיק“, ווערען אָבגעגעבען אין בעלגיען, אין דער צייט פון לעצטען צענזוס, פון אַ קולטיווירטען שטח פון 6,443,500 אַקער, די פאָלגענדע שטרעקען פאַר פּרוכט־קולטיווירונג, האַנדעלס־גערטנעריי און קולטיווירונג אונטער גלאָז: פאַר סעדער 117,600 אַקער, האַנדעל־גאַרטענס 103,460 אַקער, וויינגערטנער 173 אַקער (איצטער שוין מעהרער), אויף פלאַנצען בוימער — אויפצוהאַלטען די וועלדער, ווי אויך פאַר גאַרטענס און סעדער — 7,475 אַקער, פאַר קארטאָפעל 456,000 אַקער. פאָלגליך קען בעלגיען עקספּאָרטירען יעדען יאָהר פאַר אַ פערטעל מיליאָן פונט סט. מעהר גרינסען און במעט אַ האַלבען מיליאָן פונט סט. מעהר פּרוכטען, איידער זי אימפּאָרטירט. וואָס געהערט די וויינגערטנער, איז דאָס לאַנד פון די געמיינדען האַעילאַרט און אָווערישע, נעבען ברוסעל, במעט אינגאַנצען בעדעקט מיט גלאָז, און די עקספּאָרטען פון היימיש־געוואַקסענע וויינטרויבען האָבען געגרייכט אין יאָהר 1910 6,800 טאָן, אַ חוץ 34,000 אַנדערע היימיש־געוואַקסענע פּרוכטען. אויסער דעם זיינען במעט 3,000 אַקער אין דער אומגעגענד פון גענט בעדעקט מיט האָרטיקולטורעלע אַנשטאַלטען, וועלכע עקספּאָרטירען פּאַלמען, אַזעיליען, רהאָדאָדענדראָנס, און לאָרבער־בוימער איבער דער גאַנצער וועלט, אפילו אין איטאַליע און אַרגענטיניע.

פ. — קולטיווירונג אונטער גלאָז אין האָלאַנד.

האָללאַנד האָט אין איהר רייה איינגעפיהרט גערטנעריי אין געוואַרעמטע הייזער אויף אַ גרויסען מאַסשטאַב. אָט איז אַ בריעף, וואָס איך האָב בעקומען אין זומער פון דעם יאָהר 1909 פון אַ פריינד: —

„אַט איז אַן אַנזיכט־קאַרט, וואָס זש. (אַ פּראָפעסאָר פון באָטאַניק אין בעלגיען) האָט געבראַכט פון האָללאַנד, און וועלכע ער בעט מיך איך זאָל עס אייך איבערשיקען. (די קאַרט שטעלט פאָר אַן אונגעהויערן פּלאַץ, וואָס איז בעדעקט מיט קאַסטענס און גלאָז־ליכט.) עהנליכע אַנשטאַלטען בעדעקען פיעלע קוואַדראַט־קילאָמעטערס צווישען ראָטערדאַם און דעם ים, צו צפון פון העיוו. אין דער צייט, וואָס זש. איז דאָרט געווען, (דעם 10טען יוני) האָבען זיי שוין געהאַט עקספּאָרטירט אין אויסלאַנד גאַנץ צייטיגע אוגער־קעס און קאַוואָנעס אַזוי די גרויס ווי אַ קאָפּ, אין גאַנץ היבשע צאָהלען. די קולטיווירונג ווערט בעטריבען אין אַ גרויסער מאָס אָהן בעהייצונג. די גערטנער זעען אויך רעטיכלעך, מעהרען, סאַ־לאַט אונטער דערזעלביגער גלאָז. די פערשיידענע פּראָדוקטען קומען כסדר איינע נאָך די אַנדערע. זיי קולטיווירען אויך גרויסע צאָהלען פּאַזעמקעס אין קאַסטענס.

„די גלעזערנע קאַסטענס קענען אריבערגעפיהרט ווערען ווי מען וויל, אַזוי אַז מען קען האַלטען אונטער גלאָז טעג און וואָכען נאָכאַנאַנד די פּלאַנצען, וואָס ווערען פערזעעט אין וועלכען עס איז טייל פון גאָרטען. זש. איז ענטציקט פון די קענטעענישען פון די גערטנער, אָנשטאָט דער געוועהנליכער רוטין, ווענדען זיי אָן דעם לעצטען פאָרטשריט פון דער וויסענשאַפט. מען האָט איהם געזאָגט, אַז דאָס גלאָז ווערט זעלטען־ווען צובראָכען; זיי האָבען זיך אויסגעלערנט די קונסט אַרומצוגעהן אַרום די גלעזערנע קאַסטענס מיט געניטקייט און גרויס געשיקטקייט.

„ אַ חוץ די קאַסטענס, וואָס זיינען פאָרגעשטעלט אויף דער פאָטאָגראַפיע, האָט דער ראַיאָן, וואָס צווישען ראָטערדאַם און דעם ים, וועלכער הייסט וועסטלאַנד, אונצעהליגע גלאָז־הייזער, וואָס זיי קולטיווירען מיט בעהייצונג אָדער אָהן בעהייצונג, וויינטרויבען, פערסיקעס, צפונ'דיגע קאַרשען, האַריקאָט־בעבלעך, טאָמאַטאָס און אַנדערע פרוכטען און גרינסען. די דאָזיגע קולטיווירונגען האָבען געגרייכט אַ זעהר הויכע שטופע פון פאָלקאָמענהייט. די גערטנער נעהמען זיך די גרעסטע מיה אָבצו־ווענדען די פערשיידענע פּלאַנצען־קראַנקהייטען. זיי קולטיווירען אויך די געוועהנליכע פרוכטען — עפּעל, בארען, אַגרעסען, פּאָזעמקעס א. אַז. וו. — און גרינסען אויפ'ן פרייען פעלד. אַזוי ווי וועסטלאַנד איז זעהר פיעל אויס־

געזעצט צו שטאַרקע ווינטען, האָבען זיי געבויט צאָהלרייכע ווענט, וועלכע ברעכען איבער דעם ווינט און דיענען אין דערזועלביגער צייט אַלס פּלעצער וואו צו קולטיווירען פרוכטען.

„דער גאַנצער ראַיאָן פיהלט דעם גינסטיגען איינפלוס פון דער אגריקולטור־שוהל פון נאַאַלדוויק, וועלכע געפינט זיך כמעט אין מיטעלפּונקט פון דעם וועסטלאַנד."

צ. — די פּרייזען, וואָס מען קריגט אין לאָנדאָן פאַר דעזערט־טרויבען, קולטיווירטע אונטער גלאָז.

„דהי פרוט ענד מאַרקעט גאַרדענער" גיט יעדע וואָך די פּרייזען, וואָס ווערען געצאָהלט פאַר האָרטיקולטורעלע און אינטענסיווע גאָרטען־פּראָדוקטען, ווי אויך פאַר בלומען, אויף דעם גרויסען מאַרק אין קאָווענט גאַרדען. די פּרייזען וואָס מען בעקומט פאַר דעזערט־טרויבען — קאָלמאַר און האַמבורג — זיינען זעהר אינטערעסאַנט. איך האָב גענומען די צוויי יאָהר, 1907 און 1908, וועלכע זיינען געוועזען פערשיידען איידער געוועהנליכע יאָהרען, דערמיט וואָס די ווינטערס זיינען געוועזען נעבעלדיג און די גאָרטען־פּראָדוקטען זיינען דעריבער געוועזען טייער פיר ... שפּעטליך.

די ערשטע טעג אין יאַנואַר האָבען די קאָלמאַר טרויבען, וואָס זיינען געקומען פון די בעלגישע וואַרעם־הייזער, זיך נאָך פערקויפט מיט פערהעלטניסמעסיג נידעריגע פּרייזען — פון 6 ביז 10 פּענס אַ פונט. ביסלעכווייז זיינען די פּרייזען געשטיגען אין יאַנואַר און פעברואַר; די האַמבורג טרויבען זיינען געוועזען שפּעט יענעם יאָהר, און דעריבער האָבען די קאָלמאַרס זיך געצאָהלט אין מיטען מערץ און שפּעטער אין אַפּריל פון 1 שילינג 6 פּענס ביז 2 שילינג 6 פּענס.

די ענגלישע טרויבען, וואָס זיינען געקומען פון וואָרטהינג און אנדערע פּלעצער, זיינען זיכער בעסער פאַר די, וואָס קומען פון בעלגיען אָדער די קאַנאַל־אינזלען. סוף אַפּריל, 1907, און אָנהויב מאַי זיינען זיי פערקויפט געוואָרען מיט 2 און 4 שילינג דעם פונט. די בעסטע און גרעסטע טרויבען פאַר די מיטאָגען קריגען, ווי עס זעהט אויס, פאַנטאַסטישע פּרייזען.

ענדליך אָבער האָבען די האַמבורג־טרויבען, וועלכע זיינען געוועזען פערשפּעטיגט, אין די יאָהרען 1907 און 1908, אָנגעהויבען אָנצוקומען פון בעלגיען, די קאַנאַל־אינזלען און ענגלאַנד, און די

פרייזען זיינען מיט אַמאָל געפאַלען. אַרום סוף מאַי האָבען די בעלגישע „האַמבורגס" איינגעבראַכט ניט מעהר ווי פון 10 פענס ביז אַ שילינג און 4 פענס דעם פונט, און די פרייזען האָבען נאָך געהאַל־טען אין פאַלען. אין יוני און יולי האָבען די גערטנער געקענט בעקומען נישט מעהר ווי פון 5 ביז 7 פענס, און אין די מאָנאַטען סעפּטעמבער, אָקטאָבער און נאָוועמבער, 1908, האָבען די בעסטע גערנסער טרויבען זיך געפּרייזט 6 פענס אַ פונט. זעהר שעהנע טרויבען האָבען איינגעבראַכט בלויז 4 פענס אַ פונט.

ערשט די ערשטע טעג אין נאָוועמבער זיינען די פרייזען געשטיגען ביז 10 פענס און 1 שילינג 1 פעני. אָבער שוין אין דער אנדער העלפט דעצעמבער האָט דאָס נייע גערעטעניש פון קאַלמאַר־טרויבען אָנגעפאַנגען אָנצוקומען פון בעלגיען, און די פרייזען זיינען געפאַלען ביז 9 פענס און אפילו ביז 6 פענס אַ פונד אַרום קריסטמאַס־צייט.

מיר זעהען, אַלזאָ, אַז ניט קוקענדיג אויף דער גרויסער נאָכ־פראַגע נאָך די בעסטע וואַרעם־הויז טרויבען, מיט גרויסע קערנער און פריש געשניטען, ווערען אַזוינע טרויבען פערקויפט אין הערבסט כמעט צו דיזעלבע פרייזען ווי די טרויבען וואָס וואַקסען אונטער דער שעהנער זון פון די דרום־לענדער.

וואָס געהערט די סומען וויינטרויבען, וועלכע ווערען אימפּאָר־טירט קיין ענגלאַנד, זיינען די ציפער אויף העכסט בעלעהרענד. דער דורכשניט פאַר די דריי יאָהר 1905—1907 איז געווען 81 מיליאָן מיט 700 טויזענד פונט, וואָס האָבען בעטראָפען 2,224,500 פונט סטערלינג.

ק. — דער געברויך פון עלעקטריציטעט אין דער אַגריקולטור.

אין די ערשטע אויפלאַגען פון אָט דעם בוך האָב איך ניט געוואַגט צו רעדען וועגען די פערבעסערונגען, וואָס מען וואָלט געקענט בעקומען אין דער אַגריקולטור דורך דער הילף פון עלעקטרי־ציטעט, אָדער בעוואַסערענדיג דעם באָדען מיט צוריכטונגען פון געוויסע ניצליכע מיקראָבען. איך האָב פאַרגעצויגען צו דערמאָנען בלויז די פעסטגעשטעלטע פאַקטען פון אינטענסיווער קולטור; איצטער אָבער איז שוין געוואָרען אונמעגליך ניט צו דערמאָנען אַלץ וואָס איז געטהאָן געוואָרען אין אָט די ביידע ריכטונגען.

מעהר װי 30 יאהר צוריק האב איך דערמאנט אין „נייטיור", װי א רוסישער לאנד־בעזיצער האט בעקומען פערגרעסערטע גערע־טענישען, דורכדעם װאס ער האט אנגעצויגען אויף א געװיסער הויך איבער דעם עקספערימענטאלען פעלד, אייניגע טעלעגראף־דראטען, דורך װעלכע עס איז דורכגעגאנגען אן עלעקטרישער שטראם. עטליכע יאהר צוריק, אין 1908, האט סער אליװער לאדזש געגעבען אין „דעילי כראניקל" פון 15טען יולי די רעזולטאטען פון ענגליכע עקספערי־מענטען, װאס זיינען געמאכט געװארען אויף א פארם נעבען װוועשאם פון די הערען ניומאן און באמפארד, מיט דער הילף פון סער אליװער לאדזש'עס זוהן, מר. לייאנעל לאדזש.

רייהען דינע דראטען זיינען אנגעצויגען געװארען איבער אן עקספערימענטאלען פעלד, צעהן יארד װייט איינע פון די אנדערע. די דראטען זיינען געװען אנגעבונדען אן טעלעגראף־שטאנגען, װאס זיינען געװען גענוג הויך דורכצולאזען אנגעלאדענע װאגענס מיט תבואה. נעבען דעם פעלד איז בעארבייט געװארען נאך א פעלד אהן עלעקטרישע דראטען, כדי צו זעהן, װאס פאר גערעטענישען מען װעט בעקומען אהן דער הילף פון עלעקטריציטעט.

די שטאנגען, 5 יארד די הויך, זיינען אװעקגעשטעלט געװארען װייט איינע פון די אנדערע, און די דראטען זיינען געהאנגען גאנץ לויז. צוליעב דער גרויסער שפאנונג (טענשאן) פון די שטראמען, װאס האבען געדארפט דורכגעהן די דראטען, זיינען די אינסולאטא־רען אויף די שטאנגען געװען זעהר שטארקע. די שטראמען זיינען געװען עלעקטרא־פאזיטיװ און פון א הויכען פאטענציאל — ארום 100,000 װאלטס. דער ארויספלוס פון עלעקטריציטעט אונטער די אומשטענדען איז געװען אזוי גרויס, אז מען האט עס געקענט זעהן אין דער פינסטער. מען האט עס אויך געקענט פיהלען אויף די האר און אויפ'ן געזיכט, װען מען איז דורכגעגאנגען אונטער די דראטען.

פון דעסטװעגען איז דער פערברויך פון עלעקטרישער קראפט געװען קליין, שרייבט סער אליװער לאדזש; װייל װען דער פאטענ־ציאל איז געװען הויך, איז אבער דער סכום פערברויכטע ענערגיע דאך געװען זעהר קליין. עס איז בעקאנט, פאקטיש, אז דאס איז אויך דער פאל מיט די אויסברוכען פון דער אטמאספערישער עלעק־טריציטעט, װעלכע זיינען אזוי שרעקליך מחמת זייער גרויסער שפאנונג, זיי שטעלען אבער ניט פאר קיין גרויסען פערלוסט פון

ענערגיע. אַן אויל־מאָטאָר פון צוויי פערד־קראַפט איז דעריבער געווען גאַנץ גענוג צו שאַפען די עלעקטריציטעט אין די דראָטען.

די רעזולטאַטען זיינען געווען זעהר צופריעדענשטעלענד. דאָס ווייץ־גערעטעניש אין דעם עלעקטריזירטען פעלד איז אין די יאָה־רען 1906—1907 געווען גרעסער אויף 29 ביז 40 פּראָצענט און איז אויך געווען פון אַ בעסערער קוואַליטע איידער אויף דעם ניט־עלעקטריזירטען פעלד. דאָס שטרוי איז אויך געווען פון 4 ביז 8 צאָל לענגער.

דאָס גערעטעניש פון פּאַזעמקעס איז דורך עלעקטריציטעט פערגרעסערט געוואָרען אויף 35 פּראָצענט, בוראַקעס זיינען פער־גרעסערט געוואָרען אויף 25 פּראָצענט.

וואָס געהערט דער אַנשטעקונג מיט ניצליכע מיקראָבען, בע־וועסערענדיג דעם באָדען מיט צוריכטונגען פון ניטריפיצירענדע באַקטעריען, זיינען עקספּערימענטען געמאַכט געוואָרען אויף אַ גרויסען מאַסשטאַב אין פּרייסען, אויף געוויסע טאָרף־בלאָטעס. די דייטשע אַגריקולטור־צייטונגען דערצעהלען, אַז די דאָזיגע עקס־פּערימענטען האָבען געגעבען העכסט צופריעדענשטעלענדע רעזול־טאַטען.

מען האָט אויך בעקומען אין דייטשלאַנד העכסט אינטערע־סאַנטע רעזולטאַטען פון וואַרעמען דעם באָדען מיט אַ געמיש פון לופט און הייסען דאַמף, וואָס איז דורכגעלאָזט געוואָרען דורך געוועהנליכע אָבפּיהר־רעהרען. אַ געזעלשאַפט האָט זיך אָרגאַניזירט צו פּראָפּאַגאַנדירען דעם סיסטעם, און די פאָטאָגראַפיעס פון די רעזולטאַטען, וואָס די געזעלשאַפט האָט אָבגעדרוקט אין אַ בראָשור „גאַרטענקולטור, באָדענבעהייצונג, קליימאַטפערבעסערונג“ (בערלין, 1906), איבערצייגען ווי עס זעהט אויס, אַז געוויסע גרינסען וואַקסען ביז אַ געוויסען ערך בעסער אויף אַ באָדען, וואָס ווערט אויף דעם אופן געוואָרעמט.

ר. — קליינע מלאכות אין דעם ליאָנער ראַיאָן.

די נאַכבאַרשאַפטען אַרום סט. עטיען זיינען אַ גרויסער צענטער פאַר אַלערליי אינדוסטריען, און די קליינע מלאָכות פערנעהמען צווישען זיי נאָך אַלץ אַ וויכטיגען פּלאַץ. אייזען־גיסערייען און קויהלען־מינען, רויכענדע קוימענס, רוישיגע פאַבריקען, וועגען פער־

שװאַרצט פון קױהלען, און פעלדער װינציג־װאָס בעװאַקסען, גיבען דעם געגענד דאָס גוט־בעקאַנטע אױסזעהן פון א „שװאַרצען לאַנד". אין מאַנכע שטעדט, װי צ. ב. ש. סט. שאַינאַן, קען מען געפינען פּיעלע גרויסע פאַבריקען, אין װעלכע טויזענדער פרויען ארבייטען ביי פאַזעמענטיור־ארטיקלען. אָבער נעבען דער גרויס־אינדוסטריע שטעהען אויך די קליינע מלאכות אויף א הויכער שטופע. ער־שטענס האָבען מיר די פאַבריקאַציע פון זייד־לענטעס, ביי װעלכער עס זיינען געװען בעשעפטיגט נים װעניגער װי 50 טויזענד מענער און פרויען אין דעם יאָהר 1885. בלויז 3 אָדער 4 טויזענד װעב־שטוהלען זיינען געשטאַנען אין די פאַבריקען, בעת די איבעריגע — פון 12 ביז 14 הונדערט שטוהלען — האָבען געהערט צו די אר־בייטער אליין, אי אין סט. עטיען, אי אין דער ארומיגער געגענד.* בדרך כלל, ארביימען די פרויען און מיידלעך ביים שפּינען אָדער שפּולען די זייד, בעת דער פאָטער מיט די זיהן װעבען די לענטעס. איך האָב געזעהן אָט די קליינע װערקשעפּער אין די פאָרשטעדטלעך פון סט. עטיען, װאו קאָמפּליצירטע זייד־לענטעס (מיט איינגע־װעבטע אדרעסען פון דער פירמע), װי אויך לענטעס מיט א הויך־ארטיסטישער פערענדונג, זיינען געװעבט געװאָרען אויף דריי אָדער פיער װעבשטוהלען, בעת אין דעם נעקסטען צימער האָט די װייב צוגעגרייט דעם מיטאָג און אויפגעפּאַסט די הויז־ארבייט.

---

* פאַר די פאָלגענדע אויסקונפטען בין איך פערפליכטעט דעם העררן װ. עיװוערט, דעם פּרעזידענט פון האַנדעלסקאַמער פון סט. עטיען, װעלכער האָט מיר געשיקט, בעת איך בין געזעסען אין דער קלערװאָ טורמע, אין אַפּריל, 1885, א זעהר װערטפולע בעשרייבונג פון די פער־שיידענע אינדוסטריען פון דעם ראַיאָן, אַלס ענטפער אויף א בריעף, װאָס איך האָב איהם געשריעבען. איך בענוץ די געלעגענהייט צו בעדאַנקען דעם הערר עיװוערט פאַר זיין פריינדליכקייט. איצטער האָבען די דאָזיגע מיטטהיילונגען בלויז א היסטאָרישען װערטה; עס איז אָבער אַזאַ איב־טערעסאַנט בלאַט פון דער געשיכטע פון די קליינע אינדוסטריען, אַז איך לאָז עס דאָ איבער, װי עס איז געװען געדרוקט אין דער ערשטער אויסגאַבע — איבערהויפּט אַזוי װי עס איז העכסט אינטערעסאַנט דאָס צו פערגלייכען מיט דעם יעצטיגען צושטאַנד פון די זעלבע אינדוסטריען, װי עס איז צו זעהן פון טעקסט.

עס איז געווען אַ צייט, ווען דער פערדיענסט אין דעם דאָזיגען פאַך איז געווען הויך (אַריבער 10 פראַנק אַ טאָג), און הערר עיוּוערט האָט מיר געשריבען, אַז אַ העלפט פון די הייזער אין אומגעגענד פון סט. עטיען זיינען געבויט געוואָרען פון די פּאָזאַמענטירער אַליין. אָבער אין 1884 האָט אויסגעבראָכען אַ קריזיס און דער פאַך איז געשטאַנען זעהר שלעכט. עס זיינען ניט געקומען קיין בעשטעלונגען, און די וועבער האָבען געמוזט לעבען אויף צופעליגע פערדיענסטען. אַלץ וואָס זיי האָבען געהאַט אָבגעשפּאָרט, איז באַלד אוועקגעגאַנגען. „ווי פיעל וועבער — האָט עיוּוערט געשריבען — האָבען געמוזט פערקויפען פאַר עטליכע הונדערט פראַנק דעם וועבשטוהל, פאַר וועלכען זיי האָבען געהאַט בעצאָהלט עטליכע טויזענד פראַנק“. וואָס פאַר אַ ווירקונג דער קריזיס האָט געהאַט אויף דעם פאַך, קען איך ניט זאָגען, אַזוי ווי איך האָב ניט קיין לעצטע נאַכריכטען וועגען אָט דעם ראַיאָן. העכסט וואַהרשיינליך האָבען פיעלע פון די לענטעס־וועבער זיך אַריבערגעקליבען אין סט. עטיען, וואו אַרטיסטישע וועבעריי ווערט נאָך בעטריבען, בעת די ביליגסטע סאָרטען לענטעס מוזען ווערען געמאַכט אין די פאַבריקען.

די וואָפען־אינדוסטריע בעשעפטיגט פון 5 ביז 6 טויזענד אַרבייטער, אַ העלפט פון זיי זיינען אין סט. עטיען און די איבעריגע אין דער אומגעגענד. די גאַנצע אַרבייט ווערט געטהאָן אין קליינע ווערקשטעטער, אַ חוץ אין דער גרויסער וואָפען־פאַבריק פון דער רעגירונג, וועלכע קען אָפטמאָל בעשעפטיגען פון 10 ביז 15 טויזענד מענשען, און אָפטמאָל בלויז עטליכע טויזענד מענשען.

נאָך אַ וויכטיגע מלאכה אין דעמזעלביגען ראַיאָן איז די פאַבריקאַציע פון מעטאַל־אַרטיקלען, וועלכע ווערט אינגאַנצען אָנגעפיהרט אין קליינע ווערקשטעטער, אין די נאַכבאַרשאַפטען פון סט. עטיען, לע שאַמבאָן, פירמיני, ריעוו דע זשיער און סט. באַננע לע שאַטאָ. אַרבייט איז פאַראַן רעגעלמעסיג, די פערדיענסטען אָבער זיינען בדרך כלל קליינע. און דאָך האַלטען זיך די פויערים ביי די דאָזיגע מלאָכות, אַזוי ווי זיי קענען ניט אויסקומען אָהן אַ וועלכער עס איז אינדוסטריעלער בעשעפטיגונג אַ געוויסען טייל פון יאָהר.

די יעהרליכע פּראָדוקציאָן פון זיידען־שטאָפען אין פראַנקרייך האָט אין יאָהר 1881 געגרייכט ניט וועניגער ווי 7½ מיליאָן מיט

58 טויזענד קילאָגראַמען (אין 1872 איז פּראָדוצירט געוואָרען 5,134,000 קילאָגראַמען); און דער גרעסטער טייל פון די 5 ביז 6 מיליאָן קילאָגראַמען רויהע זייד, וואָס איז פאַבריצירט געוואָרען אין ליאָנער ראַיאָן, איז אויסגעאַרבייט געוואָרען ביים האַנד.* צוואַנציג יאָהר פריהער, — ד. ה. אַרום 1865 — זיינען נאָר געווען פון 6 ביז 8 טויזענד קראַפט-שטוהלען, און ווען מיר נעהמען אריין אין חשבון אַז די בליהענדע פּעריאָדע פון דער ליאָנער זייד־אינ־דוסטריע, אַרום 1876, אַז דעם קריזיס, וואָס זי האָט דורכגעמאַכט אין 1880־86, מוזען מיר זיך נאָר וואונדערן ווי לאַנגזאַם די אומ־וואַנדלונג פון דער אינדוסטריע קומט פאָר. דאָס איז אויך די מיינונג פון דעם פּרעזידענט פון דער ליאָנער האַנדעלס־קאַמער, וועלכער האָט מיר געשריבען, אַז דער געביט פון דעם מעכאַנישען שטוהל ווערט גרעסער מיט יעדען יאָהר, „אריינגעהמענדיג נייע סאָרטען שטאָפען, וועלכע מען האָט פריהער געהאַלטען, אַז דער מעכאַנישער שטוהל וועט זיי ניט קענען אויסאַרבייטען". אָבער — לעגט ער צו — די אומוואַנדלונג פון קליינע ווערקשעפּער אין פאַבריקען געהט נאָך אַלץ אַן אַזוי לאַנגזאַם, אַז די סומע פון אַלע מעכאַנישע שטוהלען גרייכט בלויז צוואַנציג ביז 25 טויזענד פון אַ סך הכל פון הונדערט טויזענד ביז הונדערט און צעהן טוי־זענד". (זינט יענער צייט האָט די צאָהל אודאי זיך אַ סך פער־גרעסערט.)

די הויפּט־שטריכען פון דער ליאָנער זייד־אינדוסטריע זיינען די פאָלגענדע: —

די פאַרבערייטענדע אַרבייט—שפּולען, אַנציהען די לענג־פעדים א. אַז. וו. — ווערט דאָס רוב געטאָן אין קליינע ווערקשעפּער, דערהויפּט אין ליאָן, און בלויז אין עטליכע אַזוינע שעפּער אין די דערפער. פאַרבען און אָבענדיגען ווערט, פערשטעהט זיך, בעזאָרגט אין גרויסע פאַבריקען, און ספּעציעל אין דער פאַרבערייי, וואָס

* איך נעהם די ציפער פון אַן אויספיהרליכען בריעף, וואָס דער פרעזידענט פון דער ליאָנער האַנדעלסקאַמער האָט מיר געשריבען אין קלערוואָ, אין יאָהר 1885, אַלס ענטפער אויף מיינע פראַגען וועגען דעם ענין. איך בענוץ זיך מיט אַט דער געלעגענהייט צו בעדאַנקען איהם בעסטענס פאַר זיינע העכסט־אינטערעסאַנטע מיטטיילונגען.

בעשעפטיגט פון 4 ביז 5 טויזענד מענשען, האָבען די ליאָנער פאַבּ־ריקאַנטען זיך ערוואָרבען זייער העכסטע רעפּוטאַציע. ניט נאָר זיידענס ווערט דאָרט געפּארבּט, נאָר אויך באַוועל און וואָל־צייג, און ניט נאָר פאַר פראַנקרייך, נאָר ביז אַ געוויסען גראַד אויך פאַר לאָנדאָן, מאַנטשעסטער, וויען און אפילו פאַר מאָסקווע. אין אַט דער בראַנזשע ווערען אויך בענוצט די בעסטע מאַשינען.*

די וועבעריי ווערט געמאַכט, ווי מיר האָבען אָקאָרשט געזעהן, אויף 20 ביז 25 טויזענד מעכאַנישע שטוהלען און אויף 75 ביז 90 טויזענד האַנד־שטוהלען, וועלכע געפינען זיך טיילוויז אין ליאָן (פון 15 ביז 18 טויזענד האַנד־שטוהלען אין יאָהר 1885) און הויפּט־זעכליך אין די דערפער. די ווערקשטעפּער וואו מען האָט פריהער געקענט געפינען עטליכע געזעלען, וואָס האָבען געאַרבייט ביי איין מייסטער, פערשווינדען ביסלעכוויז, און דאָס רוב האָבען די שטעפּער איצט בלויז צוויי־דריי האַנד־שטוהלען, ביי וועלכע דער פאָטער, די מוטער און די קינדער אַרבייטען צוזאַמען. אין יעדען הויז, אין יעדען עטאַזש פון דער קרוא־רוסס, קען מען נאָך עד היום געפינען אַזוינע קליינע ווערקשטעפּער. דער פאַבּריקאַנט גיט די אַלגעמיינע אָנווייזונגען וועלכען שטאָף ער וויל האָבען געוועבט, זיינע צייכנער גיבען דעם מוסטער, אָבער דער האַנדווערקער מוז אַליין אויסגע־פינען ווי צו וועבען מיט די פערשיידענפאַרביגע פעדים דעם מוס־טער, וואָס איז אָנגעצייכענט אויפ׳ן פּאַפּיער. אויף דעם אופן שאַפט ער נאָכאַנאַנד עפּעס נייעס, און פיעלע פערבעסערונגען און ענטדעקונגען זיינען געמאַכט געוואָרען פון אַרבייטער, וואָס אפילו זייערע נעמען בלייבען אונבעקאַנט.**

די ליאָנער וועבער האָבען עד היום אויפגעהאַלטען זייער רע־פּוטאַציע אַלס די בעסטע אין זייער פאַך פון העכערע אַרטיסטישע אַרבייט פון זייד־שטאָפען. די פיינסטע,ווירקליך קינסטלערישע

* „די ליאָנער פאַבּריקאַציע פון זיידענס. איהר פערגאַנגענהייט און איהר געגענוואַרט". (פראַנצ.) אָבדרוק פון ליאָנער האַנדעלסקאַמער, 1873. (געדרוקט אין פערבינדונג מיט דער וויענער אויסשטעלונג.)

** מאַריוס מאָראָן „די אַרבייטער אָרגאַניזאַציע פון ליאָנער פאַבּ־ריקאַציעס" (פראַנצ.) אַ פּאָרטראַג געהאַלטען פאַר דער „פראַנצויזישער געזעלשאַפט צו הויבען די וויסענשאַפטען", אין יאָהר 1873.

בראַקאַט, אַטלעס און סאַמעט ווערען געוועבען אין די קלענסטע ווערקשעפּער, וואו עס ווערט געהאַלטען איינער אָדער צוויי וועב־שטוהלען. ליידער איז די ניט־בעשטענדיגע נאַכפראַגע אויף אַזוינע ערשטער־קלאַס ארבייט אָפטמאָל די אורזאַך פון זייער עלענדער לאַגע. אַמאָליגע צייטען ווען די בעשטעלונגען אויף די בעסערע זיידענס זיינען געוואָרען וויניג, האָבען די ליאָנער וועבער זיך גענומען פאַבריציר֗ען די פּראָסטערע סאָרטען: פולאַר, קרעפּ, טול, אויף וועלכע ליאָן האָט געהאַט די מאָנאָפּאָל אין גאַנץ אייראָפּאַ. איצטער אָבער ווערען די פּראָסטערע סאָרטען פאַבריצירט אין די מיליאָנען, פון איין זייט אין די פאַבריקען פון ליאָן, זאַקסען, רוס־לאַנד און גרויס־בריטאַניען, און פון דער אַנדער זייט דורך די פּויערים אין די אַרומיגע דעפּאַרטאַמענטען פון פראַנקרייך, ווי אויך אין די שווייצערישע דערפער פון באַזעלער און ציריכער קאַנטאָנען, און אין די דערפער פון די רהיין־פּראָווינצען, פון איטאַליע און רוסלאַנד.

די אויסוואַנדערונג פון דער פראַנצויזישער זייד־אינדוסטריע פון די שטעדט אין די דערפער האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ לאַנגע צייט צוריק — ארום דעם יאָהר 1817 — בעזונדערס אָבער האָט די דאָזיגע בעוועגונג זיך שטאַרק ענטוויקעלט אין די 60יגער יאָהרען. ארום דעם יאָהר 1872 זיינען כמעט 90 טויזענד וועבשטוהלען געווען פערשפּרייט ניט נאָר אין דעם רהאָן דעפּאַרטאַמענט, נאָר אויך אין די דעפּאַרטאַמענטען פון עין, איזער, לואַר, סאַאָן־ע־לואַר און אפילו אין דראָם, אַרדעש און סאַוואָיאַ. אַמאָל פלעגען די סוחרים שטעלען די וועבשטוהלען, דאָס רוב אָבער פלעגען די ארבייטער זיי אַליין קויפען, און ספּעציעל האָבען אויף זיי געאַרבייט די פרויען און די מיידלעך אין די שטונדען, וואָס זיי זיינען געווען פריי פון פעלד־אַרבייט. אָבער שוין זינט דעם יאָהר 1835 האָט די עמיגראַציע פון דער זייד־אינדוסטריע פון שטאָדט אין די דערפער זיך אָנגעהויבען אין דער פאָרם פון גרויסע פאַבריקען, וואָס פלעגען אויפגעבויט ווערען אין די דערפער. און אַזוינע פאַבריקען פער־שפּרייטען זיך נאָך אַלץ אויפ'ן לאַנד, אָנמאַכענדיג שרעקליכע חורבנות צווישען די דאָרפישע בעפעלקערונגען.

ווען אַ נייע פאַבריק ווערט אויפגעבויט אין אַ דאָרף, ציהט זי גלייך צו די מיידלעך, און טיילווייז אויך די בחורים פון די

ארומיגע דערפער. די מיידלעך און די בחורים זיינען אַלעמאָל צופריעדען ווען זיי קענען מאַכען אַן אונאָבהענגיג לעבען, וואָס בעפרייט זיי פון דער אויפזיכט פון דער פאַמיליע. פאָלגליך איז דער לוין פון די פאַבריק־מיידלעך זעהר אַ נידעריגער. אין דער זעלבינער צייט איז דער מהלך פון דאָרף ביז דער פאַבריק מעהר־סטענטיילס גרויס, די מיידלעך קענען ניט געהן אהיים יעדען טאָג, דערהויפט נאָך מחמת די אַרבייטס־שטונדען זיינען געוועהנליך לאַנגע. אזוי פערבלייבען זיי די גאַנצע וואָך אין פאַבריק, אין אַזוינע קאַזאַרמעס, און געהען אהיים בלויז שבת פאַרנאַכט; מאָנ־טאַג פריה פאָהרט אַ וואָגען ארום איבער די דערפער און ברייננגט זיי צוריק אין פאַבריק. קאַזאַרמע־לעבען — שוין ניט צו רעדען וועגען די מאָראַלישע פאָלגען — ווירקט אַזוי, אַז באַלד הערען זיי אויף צו טויגען פאַר אַרבייט אויף די פעלדער. און ווען זיי וואַקסען אויס, זעהען זיי, אַז אויף דעם נידעריגען לוין, וואָס די פאַבריק צאָהלט, קענען זיי ניט לעבען, און אומקעהרען זיך צום פויערשען לעבען קענען זיי שוין אויך ניט מעהר. מען קען לייכט זעהן וואָס פאַר אַ חורבן די פאַבריק מאַכט אויף דעם אופן אין די דערפער, און ווי אונבעשטענדיג די עקזיסטענץ פון דער פאַבריק איז, וועלכע האַלט זיך אויף די נידעריגע שכירות, וואָס זי צאָהלט די דאָרף־מיידלעך. זי צערשטערט דעם פויער'ס היים, זי מאַכט דאָס לעבען פון די שטאָדטישע אַרבייטער נאָך אונזיכערער דורך דער קאָנ־קורענץ וואָס זי מאַכט איהם, און דער פאַך גופא איז אין אַ שטענ־דיגען צושטאַנד פון אונזיכערקייט.

אייניגע אויסקונפטען וועגען דעם איצטיגען צושטאַנד פון די קליינע אינדוסטריען פון דעם ראַיאָן קען מען געפינען אין טעקסט; ליידער אָבער האָבען מיר ניט קיין מאָדערנע בעשרייבונג פון דעם אינדוסטריעלען לעבען פון ליאָנער ראַיאָן, וועלכע מען זאָל קענען פערגלייכען מיט דער אויבען־געבראַכטער בעשרייבונג.

ש. — די קליינע אינדוסטריען אין פאַריז.

עס איז אונמעגליך אויסצורעכענען דאָ אַלע פערשיידענאַרטיגע קליין־אינדוסטריען, וואָס ווערען בעטריבען אין פאַריז; און אַזאַ אויפצעהלונג וואָלט קיינמאָל ניט געוועזען פאָלשטענדיג, וואָרים יעדען

יאָהר קומען־צו נייע אינדוסטריען. איך װעל דעריבער דערמאָנען בלויז איינינע פון די וויכטיגסטע אינדוסטריען.

א גרויסער טייל איז, פערשטעהט זיך, פערבונדען מיט דאַמען־קליידונג. די „קאָנפעקסיאָן"־אינדוסטריע — ד. ה. די אַרבייט ביי פערשיידענע טיילען פון דאַמען־קליידונג — בעשעפטיגט ניט װעניגער ווי 22 טויזענד אַרבייטער אין פּאַריז, און זייער פּראָדוקציאָן גרייכט די סומע פון 3 מיליאָן פונט סט. יעדען יאָהר; די קליידער־אינדוסטריע בעשעפטיגט 15 טויזענד פרויען און די יעהרליכע פּראָדוקציאָן ווערט געשאַצט אין 2 מיליאָן מיט 400 טויזענד פונט סט. וועש, שוהוואַרג, האַנדשוה א. ד. ג. זיינען וויכטיגע צווייגען פון די קליינע מלאָכות און די פּאַריזער הויזליכע־אינדוסטריען, און זיינען אַלע צווייגען, אין וועלכע די פּאַריזער אַרבייטער שטעהען העכער פאַר אַנדערע. קאָרב־מאַכעריי איז נאָך א וויכטיגער אַרטיקעל, און נאָר די שענסטע סאָרטען ווערען געמאַכט אין פּאַריז, די איינפאַכסטע סאָרטען ווערען געמאַכט אין די צענטערס, וואָס זיינען דערמאָנט אין טעקסט (האָט־מארן, איין א. אז. וו.). בערשטלעך ווערען אויך געמאַכט אין קליינע שעפּער; דער פאַך ווערט געשאַצט אין 800,000 פונט סט. פאַר פּאַריז און דעם דערבייאיגען דעפּאַרטמענט פון אואַז.

פאַר מעבעל זיינען פאַראַן אין פּאַריז אַזוי פיעל ווי 4,340 װערקשעפּער, אין וועלכע דריי אָדער פיער פועלים אַרבייטען דורכשניטליך אין א שאפּ. אין זייגערמאַכער־פאַך געפינען מיר 2 טויזענד שעפּער מיט בלויז 6 טויזענד אַרבייטער, און זייער פּראָדוקציאָן, וואָס בעטרעפט אַרום 1 מיליאָן פונט סט., פערנעהמט כמעט א דריטעל פון דער גאַנצער אויהרען־פּראָדוקציאָן פון פראַנקרייך. די „מאַראָקינעריע" גיט די זעהר הויכע ציפער פון א האַלבען מיליאָן פונט סט., אָבוואויל זי בעשעפטיגט בלויז איין טויזענד אַרבייטער, צושפּרייט אין 280 װערקשעפּער — אָט די הויכע ציפער אַליין צייגט אָן אויף דעם גרויסען קינסטלערישען ווערטה פון די פּאַריזער מאָדנע לעדער־אַרטיקלען. די יובעליר־אַרבייט פון טייערע און אַלערליי סאָרטען ביליגע אַרטיקלען איז אויך איינע פון די ספּעציאַליטעטען פון די פּאַריזער קליינע אינדוסטריען; נאָך א גוט־בעקאַנטע ספּעציאַליטעט איז די פאַבריקאַציע פון קינסטליכע בלומען. ענדליך מוזען מיר אויך דערמאָנען די וועגען און זאַטלעריי־

פּאַכען, וועלכע ווערען בעטריבען אין די קליינע שטעדטלעך אַרום פּאַריז; די פאַבריקאַציע פון פיינע שטרוי־היט; גלאַז־שלייפעריי, גלאַז־און פּאָרצעליי־מאַלעריי, ווי אויך צאָהלרייכע שעפּער פון מאָדנע קנעפּ, פּערלמוטער־ציערונג און קליינע אַרטיקלען פון האָרן און ביין.

ת. — די רעזולטאַטען פון דעם צענזוס פון די פראַנצויזישע אינדוסטריען אין 1896.

ווען מיר בעטראַכטען די רעזולטאַטען פון דעם צענזוס פונ'ם יאָהר 1896, וואָס זיינען געדרוקט געוואָרען אין 1901, אין פערטען באנד פון „רעזולטאַט סטאַטיסטיק די ר'עצענזמאַן דע ז'אינדוסטריע דע פּראָפעסיאָן“, וועלכער האָט אַן אויסגעצייכענטע רעזומע, געשריבען פון לוסיען מאַרש, געפינען מיר, אַז דער אַלגעמיינער איינדרוק וועגען דער וויכטיגקייט פון די קליינע אינדוסטריען אין פראַנקרייך, וואָס איז איבערגעגעבען געוואָרען אין טעקסט, ווערט פאָלשטענדיג בעשטעטיגט פון די ציפער־דאַטען פון דעם צענזוס.

ערשט זינט 1896, זאָגט הערר מאַרש אין אַ פאָרטראַג וואָס ער האָט געהאַלטען פאַר דער סטאַטיסטישער געזעלשאַפט פון פאַריז, איז מעגליך געוואָרען צו האָבען אַ גענויע קלאַסיפיקאַציע פון די ווערקשעפער און פאַבריקען לויט דער צאָהל פועלים וואָס אַרבייטען אין זיי; און ער גיט אונז אין זיין פאָרטראַג, אין אַ סעריע זעהר גוט־בעאַרבייטע טאַבעלען, אַ העכסט בעלעהרענד בילד פון דעם איצטיגען צושטאַנד פון דער אינדוסטריע אין פראַנקרייך.

בנוגע די אינדוסטריען אין ריכטיגען זין — איינשליסענדיג די אינדוסטריען, וואָס ווערען בעטריבען פון שטאַאַט און די מוניציפּאַלע פערוואַלטונגען, אָבער אויסשליסענדיג דעם טראַנספּאָרט־פאַך — קענען די רעזולטאַטען פון צענזוס רעזומירט ווערען ווי פאָלגט: —

ערשטענס האָבען מיר אַ וויכטיגע אָבטיילונג פון בעלי בתים, וואָס אַרבייטען אַליין, אונאַבהענגיגע בעלי מלאָכות, און אַרבייטער „אָהן אַ בעשטענדיגער בעשעפטיגונג“, וועלכע ענטהאַלט 1,530,000 פּערזאָן. די אָבטיילונג האָט אַ זעהר געמישטען כאַראַקטער, דען מיר געפינען דאָ, אין דער אַגריקולטור, דעם קליינעם פאַרמער, וואָס אַרבייט פאַר זיך, און דעם טאָג־אַרבייטער וואָס אַרבייט פון

טאָג פּאָר צופעליגע פּאַרמערס; אין דער אינדוסטריע — דעם בעל־הבית פון אַ קלײנער שאַפּ, װאָס ארבײט פאַר זיך, דעם ארבײטער, װאָס אין טאָג פון צענזוס האָט ניט געהאַט קײן רעגעלמעסיגע בעשעפטיגונג, די שנײדערקע, װעלכע ארבײט אמאָל בײ זיך אין דער הײם, און אַ מאָל אין אַ שאַפּ, א. אז. װ. אינדירעקט געפינט נאָר אױס הערר מארש, אז אָט די אָבטײלונג ענטהאַלט אין איהר אינדוסטריעלען טײל כמעט 483,000 בעלי מלאָכות און אונאָבהענגיגע מענער און פרױען ארבײטער, און ארום 1 מיליאָן מיט 47 טױזענד מענער און פרױען, װעלכע זײנען צײטװײליג פערבונדען מיט אַ װעלכען עס איז אינדוסטריעלען אנשטאַלט.

דאָן זײנען פאַראַן 37,705 אינדוסטריעלע אנשטאַלטען, אין װעלכע די בעלי בתים בעשעפטיגען ניט קײן געדונגענע ארבײטער, נאָר עס העלפען זײ אין דער ארבײט מיטגליעדער פון זײערע אײגענע פאַמיליען. אזױ האָבען מיר װעניגסטענס 520,000 װערקשעפּער, װאָס געהערן צו דער גאַנץ־קלײנער אינדוסטריע.

דערנאָך קומען 575,530 װערקשעפּער און פאַבריקען, װעלכע גיבען בעשעפטיגונג מעהר װי דרײ מיליאָן מענשען. זײ מאַכען אױס דעם גרעסטען טײל פון דער פראַנצױזישער אינדוסטריע, און זײערע אײנטײלונגען אין קלײן־ מיטעל־און גרױס־אינדוסטריע אינטערעסירען אונז אין אָט דעם מאָמענט.

דער אױפפאַלענדסטער פונקט איז די אונגעהײערע צאָהל אנשטאַלטען, װאָס האָבען נאָר פון אײנעם ביז צעהן ארבײטער. עס זײנען טאַבולירט געװאָרען ניט װעניגער װי 539,449 אזױנע װערקשעפּער און פאַבריקען, װעלכע מאַכען אױס 94% פון אַלע אינדוסטריעלע אנשטאַלטען אין פראַנקרײך; און מיר געפינען אין זײ מעהר װי אַ דריטעל פון אַלע מענער און פרױען־ארבײטער, װאָס זײנען בעשעפטיגט בײ אינדוסטריע — נעמליך, 1,134,700 פּערזאָן. נעקסט קומט אַ קלאַס, װאָס איז נאָך אַלץ זעהר צאָהלרײך, (28,626 אנשטאַלטען און 550,000 פּועלים), װאו מיר געפינען נאָר פון 11 ביז 50 ארבײטער פּער אנשטאַלט. כמעט צװײ־דריטעל פון אָט די קלײנע פאַבריקען (17,342 אנשטאַלטען, 240,000 ארבײטער) זײנען אזױ קלײן, אז זײ בעשעפטיגען װעניגער װי 20 פּערזאָן אין יעדער פאַבריק. זײ געהערן נאָך, הײסט עס, צו דער קלײן־אינדוסטריע.

דערנאָך קומט מיט א מאָל א פאַל־אַרונטער אין די ציפער. עס זיינען פאַראַן בלויז 3,865 פאַבריקען, וואָס האָבען פון 21 ביז 100 ארבייטער. אָט דער קלאַס מיט דעם פריהערדיגען ענטהאַלטען צוזאַמען 5½ פּראָצענט פון אַלע אינדוסטריעלע אַנשטאַלטען און 27½ פּראָצענט פון די ארבייטער.

דער קלאַס פאַבריקען, וואָס בעשעפטיגען פון 101 ביז 500 ארבייטער, ענטהאַלט 3,145 אַנשטאַלטען (616,000 ארבייטער און אַנדער אַנגעשטעלטע). דער קלאַס אָבער וואָס בעשעפטיגט פון 501 ביז 1,000 ארבייטער פער פאַבריק, האָט בלויז 295 אַנ־שטאַלטען און א סך הכל פון בלויז 195,000 פּועלים. ביידע צו־זאַמען ענטהאַלטען זיי וועניגער ווי 1 פּראָצענט פון אַלע אַנשטאַל־טען (6 פּער 1000) און 26% פון אַלע ארבייטער.

קומענדיג צום סוף, איז די צאָהל פאַבריקען, וואָס האָבען מעהר ווי 1,000 ארבייטער און אַנגעשטעלטע יעדע, זעהר קליין — בלויז 149. 108 פון די האָבען פון 1001 ביז 2000 ארבייטער, 21 האָבען פון 2001 ביז 5,000, און נאָר 10 האָבען מעהר ווי 5,000 ארבייטער. אָט די 149 זעהר גרויסע פאַבריקען גיבען בעשעפ־טיגונג בלויז 313,000 פּערזאָן פון מעהר ווי 3 מיליאָן — דאָס איז בלויז 10% פון אַלע אינדוסטריעלע ארבייטער.

עס קומט אַלזאָ אויס, אַז מעהר ווי 99% פון אַלע אינדוסט־ריעלע אַנשטאַלטען אין פראַנקרייך — ד. ה. 571,940 פון 575,529 — האָבען וועניגער ווי הונדערט ארבייטער אין יעדערען. זיי גיבען בעשעפטיגונג פאַר צוויי מיליאָן מענשען און שטעלען פאָר אַן אַרמעע פון 571,940 בעלי בתים. נאָך מעהר: די אונגעהייערע מאַיאָריטעט פון דער דאָזיגער צאָהל (568,075 בעלי בתים) געהערען צו דער קאַטעגאָריע פון די, וואָס בעשעפטיגען וועניגער ווי 50 ארבייטער יעדערער. און איך רעכען נאָך ניט אין זייער צאָהל 520,000 בעלי בתים און בעלי מלאָכות, וואָס ארבייטען אַליין אָדער מיט דער הילף פון א מיטגליעד פון דער פאַמיליע.

עס איז קלאָר, אַז אין פראַנקרייך, ווי אַנדערשוואו, שטעלען די קליינע מלאכות פאָר א זעהר וויכטיגען פאַקטאָר פון אינדוסט־ריעלען לעבען. די עקאָנאָמיסטען האָבען זיך אַביסעל צוגעאיילט בעזינגענדיג זייער טויט. און נאָך קלערער ווערט אָט דער שלוס, ווען מען אַנאַליזירט די פערשיידענע אינדוסטריען בעזונדער, זיך

בענוצענדיג מיט די טאבעלען, וואס ווערען געגעבען אין די „רעזול־טאט סטאטיסטיק". א זעהר וויכטיגער פאקט צייגט זיך ארוים פון אזא אנאליז, און דאס איז — אז עס זיינען פאראן בלויז דריי אינדוסטריע־צווייגען, ביי וועלכע מען קען רעדען פון א שטארקער קאנצענטראציע: די מינען, מעטאלורגיע און די שטאאטליכע אינ־דוסטריען, צו וועלכע מען קען צולעגען די טעקסטילען און אייזענ־ארבייטען; מען מוז אבער שטענדיג געדענקען, אז אין די לעצטע 2 צווייגען געפינען זיך נאך אלץ אונגעהייערע צאהלען קליינע פאב־ריקען, וואס בליהען זייט ביי זייט מיט די גרויסע פאבריקען.

אין אלע אנדערע צווייגען זיינען די קליינע מלאכות די הער־שענדע אויף אזויפיעל, אז **מעהר ווי 95 פראצענט פון די ארבייטגעבער בעשעפטיגען ווע־ניגער ווי 50 ארבייטער יעדערער**. אין די בוי־שטיינער מלאכות, אין אלע צווייגען פון שפייז־פערפערטיגונג, אין דעם ביכער־פאך, קליידונג, לעדער, האלץ, מעטאל־ארטיקלען, און אפילו די ציגעלניעס, פארצעליי און גלאז־הוטען, קען מען קוים געפינען איינע אדער צוויי פאבריקען פון יעדער הונדערט, וואס בעשעפטיגט מעהר ווי 50 ארבייטער.

די דריי אינדוסטריען, וואס מאכען אן אויסנאהם צו דעם כלל, זיינען, ווי מיר האבען געזאגט, די מעטאלורגיע, די גרויסע שטאאט־ווערקשאפטען און די מינען. אין דער מעטאלורגיע האבען צוויי דריטעל פון די פאבריקען מעהר ווי 50 ארבייטער אין יעדע־רער, און דא געפינען מיר א צוואנציג גרויסע פאבריקען, וואס יעדערע בעשעפטיגט מעהר ווי א טויזענד מענשען. די שטאאטליכע ווערקשאפטען, וועלכע שליסען איין די גרויסע שיפ־בויעריי הויפען, געהערען צו דער קאטעגאריע. זיי האבען 34 אנשטאלטען, וואס בעשעפטיגען מעהר ווי 500 מענשען אין יעדערער, און 14, וואס בעשעפטיגען מעהר ווי 1000. און ענדליך, אין די מינען — מען וואלט עס קוים געקענט גלויבען — מעהר ווי א העלפט פון אלע אנשטאלטען בעשעפטיגען ווייניגער ווי 50 ארבייטער יעדערער; בלויז 15% האבען מעהר ווי 500 ארבייטער; 41 מינען ארבייטען מיט מעהר ווי א טויזענד מענשען אין יעדערער, און 6 זייערע בעשעפטיגען אפילו מעהר ווי 5,000 מינענארבייטער.

נאר אין אט די דריי צווייגען געפינט מען א רעכט־שטארקע

„קאָנצענטראַציע“; און דאָך עקזיסטירט נאָך אַלץ די קליין־אינדוס־טריע, ווי מיר האָבען עס שוין געזעהן אין ענגלאַנד, ביי דער זייט פון דער גרויס־אינדוסטריע אפילו אין דער מינען־אַרבייט, און נאָך מעהר אין אַלע בראַנזשען פון דער מעטאַלורגיע.

וואָס געהערט די טעקסטיל־אינדוסטריען, האָבען זיי פונקט דעמזעלביגען כאַראַקטער ווי אין ענגלאַנד. מיר געפינען דאָ אַ געוויסע צאָהל זעהר גרויסע אַנשטאַלטען (40 אַזוינע, וואָס יעדערע האָט מהר ווי 1,000 אַרבייטער), און מיר זעהען אַ ספּעציעל גרויסע ענטוויקלונג אין די מיטעל־גרויסע פאַבריקען (1,300 פאַבריקען האָ־בען פון 100 ביז 500 אַרבייטער). פון דער אַנדער זייט אָבער איז די קליין־אינדוסטריע אויך זעהר צאָהלרייך.*

גאַנץ דאָס אייגענע קען מען אויך זעהן אין דער פאַבריקאַציע פון אַלע מעטאַל־אַרטיקלען (אייזען שטאָהל און מעש). דאָ אויך געפינען מיר ביי דער זייט פון עטליכע גרויסע פאַבריקען (17 פאַב־ריקען וואָס בעשעפטיגען מעהר ווי 1000 אַרבייטער און אַנגע־שטעלטע, 5 וואָס בעשעפטיגען מעהר ווי 2,000 און 1 וואָס בעשעפ־טיגט מעהר ווי 5,000), און פון אַ גרויסער צאָהל מיטעל־גרויסע (440, וואָס בעשעפטיגען יעדערע פון 100 ביז 500 מענשען), מעהר ווי 100,000 בעלי מלאכות, וואָס אַרבייטען גאַנץ אַליין אָדער מיט דער הילף פון זייערע פאַמיליען, און 72,600 פּלעצער, וואָס האָבען נאָר פון 3 ביז 4 אַרבייטער.

אין פאַבריקען פון גומעלאַסטיק און אין פּאַפּיר־פאַבריקען זיינען די מיטעל־גרויסע נאָך אַלץ שטאַרק פערטראָטען, 13 פּראָצענט פון אַלע אַנשטאַלטען האָבען מעהר ווי 50 אַרבייטער יעדערע, אָבער די איבעריגע געהערען צו דער קליין־אינדוסטריע. דאָס אייגענע איז אויך ביי די כעמישע פאַבריקען. אין אָט דער בראַנזשע זיינען פאַראַן אַ צעהן פאַבריקען, וואָס בעשעפטיגען יעדערע מעהר ווי 500

* זיי זיינען פערטיילט ווי פאָלגט: אַרבייטער וואָס אַרבייטען גאַנץ אַליין 124,544; מיט זייערע פאַמיליען אָבער אָהן בעצאָהלטע אַרבייטער 8,000; ווענינגער ווי 10 אַרבייטער, 34,433 פאַבריקען; פון 10 ביז 100 אַרבייטער, 4,665 פאַבריקען; פון 101 ביז 200 אַרבייטער, 746 פאַברי־קען; פון 201 ביז 500 אַרבייטער, 554; פון 501 ביז 1,000, 123; פון 1,001 ביז 2,000 38; מעהר ווי 2,000, 2 פאַבריקען.

מענשען, און 100 וואָס בעשעפטיגען פון 100 ביז 500 ארבייטער; די איבעריגע אָבער זיינען א טויזענד קליינע פאַבריקען, וואָס בעשעפטיגען פון 10 ביז 50 מענשען, און 3,800 גאָר קליינע (וועניגער ווי 10 ארבייטער).

אין אַלע אנדערע צווייגען הערשט די קליינע אָדער גאָר קליינע אינדוסטריע. אזוי אז אין דער פאַבריקאציע פון שפּייז-ארטיקלען זיינען פאראן בלויז 8 פאַבריקען, וואָס בעשעפטיגען מעהר ווי 500 מענשען יעדערע, און 92 טויזענד פאַבריקען, וואָס האָבען ווייניגער ווי 10 ארבייטער אין יעדערער. אין דער דרוקעריי אינדוסטריע איז די אונגעהייערע מאַיאָריטעט זעהר קליינע אנשטאַלטען, וואָס בעשעפטיגען פון 5 ביז 10, אָדער פון 10 ביז 50 ארבייטער.

וואָס איז שייך דער פאַבריקאציע פון קליידער, געהערט עס אינגאנצען צו דער קליין-אינדוסטריע. נאָר 50 פאַבריקען בעשעפטיגען מעהר ווי 200 ארבייטער יעדערע, די איבעריגע אָבער שטעלען פאָר 630,000 אונאבהענגיגע בעלי מלאכות, מענער און פרויען; 9,500 ווערקשעפּער וואו די פאַמיליע העלפט אין דער ארבייט, און 132,000 שעפּער און פאַבריקען, וואָס בעשעפטיגען ווייניגער ווי 10 ארבייטער יעדערע.*

די פערשיידענע צווייגען, וואָס האָבען צו טהאָן מיט שטרוי, פעדערן, האָר, לעדער, האַנדשוה, געהערען ווידער צו די קליינע און גאָר קליינע אינדוסטריען: 125,000 בעלי מלאכות און 43,000 קליינע אנשטאַלטען, וואָס בעשעפטיגען פון 3 ביז 4 פּערזאָן אין יעדערען.

זאָל איך רעדען וועגען די פאַבריקען, וואָס ארבייטען האַלב-

---

* אין אַן אויסגעצייכענטען מאָנאָגראַף, וואָס בעהאַנדעלט אָט דעם צווייג („די ענטוויקלונג פון דער פאַבריק און די הויז-אַרבייט אין דער קליידער-אינדוסטריע" (פראַנצ.) פון פּראָפ. אַלבערט אַפטאַליאָן, פּאַריז 1906) גיט דער פּערפאַסער העכסט ווערטהפולע דאַטען וועגען די ריכטיגע געביטען פון דער הויזליכער אַרבייט און. דער פאַבריק, און בעווייזט ווי אַזוי, וואָרום און אין וועלכע געביטען די הויזליכע אַרבייט קאָנקורירט ערפאָלגרייך מיט דער פאַבריק.

זאכען, מעבעל, בערשטלעך א. ד. ג.? אמת, עס זיינען פאראן אין אט די בראנזשען צוויי גרויסע פאבריקען, וואס בעשעפטיגען כמעט 2,000 מענשען; עס זיינען אבער אויך פאראן 214,260 אונאבהענגיגע בעלי מלאכות און 105,400 קליינע פאבריקלעך און שעפער, וואס בעשעפטיגען ווייניגער ווי 10 מענשען יעדערע.

עס איז איבעריג צו זאגען, אז יובעליר־ארבייט, בריליאנטען־שלייפעריי און שטיין־שניידעריי פאר מויערן געהערען אינגאנצען צו דער קליין־אינדוסטריע, ניט מעהר ווי 10 אדער 12 פאבריקען בעשעפטיגען מעהר איידער 100 מענשען יעדערע. נאר ביי טעפעריי און ציעגעל־מאכען געפינען מיר ביי דער זייט פון די זעהר קליינע פאבריקען (8,930 אזוינע) און די קליינע (1,277 וואס בעשעפטיגען פון 10 ביז 50 ארבייטער), 334 מיטעל־גרויסע פאבריקען (פון 50 ביז 200 ארבייטער), 93 פון דער גרויס־אינדוסטריע (וואס בעשעפטיגען פון 201 ביז 1,000) און 7 פון די גאר גרויסע פאבריקען, וואס בעשעפטיגען מעהר ווי 1,000 ארבייטער אין יעדערער.*

* די אינדוסטריעלע אנשטאלטען, וואס האבען מעהר ווי א טויזענד ארבייטער יעדערער, זיינען פערטיילט ווי פאלגט: מינען, 41; טעקסטי־לען, 40 (123 האבען פון 500 ביז 1,000 ארבייטער); אינדוסטריען פון שטאאט און געמיינדען, 14; מעטאלורגיע, 17; מעטאל־ארבייט — אייזען, שטאהל און מעש — 17; שטיין־האקערייען, 2; שפייז־פראדוקטען, 3; כעמישע אינדוסטריען, 2; גומעלאסטיק, פאפיער, טאוועל־פאפיער, 0 (9 האבען פון 500 ביז 1,000); ביכער, שרייב־מאשינען (פאליגראפיע), 0 (22 האבען פון 500 ביז 1,000); פערפערטי־גונג פון שטאפען, קליידער, 2 (9 האבען פון 500 ביז 1,000); לעדער, פעל, 2; האלץ־ארבייט, מעבעל, בערשטלעך א. ד. ג., 1; טייערע מעטאלען און ציערונג, 0; בריליאנטען־שלייפעריי, 0; שטיין־שניידעריי פאר געביידען, 0; ערד־גראבען און געביידען, 1; ציעגעל־מאכען און טעפעריי, 7; צוגרייטונג און פערטיילונג פון שפייזען, 0; סך הכל, 149 פון 575,53־ אנשטאלטען. צו די ציפער קענען מיר צולעגען 6 גרויסע אנשטאלטען אין דעם טראנספארט־פאך און 5 אין די פערשיידענע האנדעלס־צווייגען. מיר קענען אויך בעמערקען, אז דורך פערשיידענע אויסרעכ־נונגען קומט הערר מארש צום שלוס, אז 19 פראצענט פון די ארבייטער אין דער אינדוסטריע, און 44 פראצענט אין האנדעל זייבען אנגעשטעלטע, ד. ה. קלערקס, פערוואלטער א. אז. וו.

ת. — די קליינע אינדוסטריען אין דייטשלאנד.

אזוי ווי די ליטעראטור וועגען די קליינע אינדוסטריען אין דייטשלאנד איז זעהר גרויס, קען מען געפינען די הויפט ווערק וועגען דעם ענין, פאלשטענדיג אדער רעצענזירט, אין שמאלער'ס „יאהר־ביכער" און אין קאנראד'ס „זאמלונג נאציאנאל־עקאנאמישער און סטאטיסטישער אבהאנדלונגען". פאר אן אלגעמיינער איבערזיכט איבער דעם געגענשטאנד און רייכע ביבליאגראפישע אנצייגונגען זייגען העכסט ווערטהפול שאנבערג'ס „פאלק־ווירטשאפטסלעהרע", באנד 2, וועלכער ענטהאלט אויסגעצייכענטע בעמערקונגען וועגען דעם ריכטיגען געביט פון די קליינע אינדוסטריען (ז. 401 און ווייטער), ווי אויך דער פריהער־דערמאנטער ווערק פון ק. ביכער, „אונטערזוכונגען איבער די לאגע דעם האנדווערקס אין דייטשלאנד". דאס ווערק פון א. שווארץ „די בעטריעבספארמען דער מאדערנען גראססאינדוסטריע" (אין „צייטשריפט פיר שטאאטסוויסענשאפט", ב. 15, ז. 535) איז אינטערעסאנט צוליעב זיין אנאליז פון די מעלות, וואס די גרויס־ און קליין־אינדוסטריע האבען יעדע בעזונדער. דער פערפאסער פארמולירט די פאלגענדע 3 פאקטארען צוגונסטען פון דער גרויס־אינדוסטריע: 1) עקאנאמיע אין די קאסטען פון בעוועג־קראפט; 2) טיילונג פון דער ארבייט און איהר הארמאנישע ארגאניזאציע; און 3) די פארצוגען וואס זי גיט ביים פערקויף פון די פראדוקטען. דער ערשטער פון אט די דריי פאקטארען ווערט מיט יעדען יאהר אלץ מעהר און מעהר בעזייטיגט דורך דעם פארטשריט, וואס ווערט געמאכט אין איבערשיקען בעוועג־קראפט; דער צווייטער געפינט זיך פונקט אזוי גוט אויך אין דער קליין־אינדוסטריע, און פונקט אין דערזעלביגער מאס ווי אין דער גרויס־אינדוסטריע (זייגער־מאכער, שפיעלצייג־מאכער א. אז. וו.); בלייבט נאר דער דריטער פאקטאר אין פולער קראפט; אבער, ווי עס איז שוין דערמאנט געווארען אין טעקסט, איז ער א געזעלשאפטליכער פאקטאר, וועלכער הענגט איננאנצען אב פון דער ענטוויקלונג־שטופע פון דעם גייסט פון אסאציאציע צווישען די פראדוצירער.

אזוי ווי עס איז געמאכט געווארען אן אינדוסטריעלער צענזוס מיט אלע פרטים אין יאהר 1907, אלס צוגאב צו די צענזוסען פון די יאהרען 1882 און 1905, זייגען ארויסגעבראכט געווארען העכסט וויכ־

טיגע און גאַנץ צופערלעסיגע דאַטען, וואָס בעווייזען די וויכטיגקייט און דעם ווידערשטאַנד פון די קליינע אינדוסטריען; און אַ סעריע פון העכסט אינטערעסאַנטע מאָנאָגראַפיעס, וואָס בעהאַנדלען דעם געגענשטאַנד, זיינען פערעפענטליכט געוואָרען. איך וועל דאָ אָנרופען איינינע, וועלכע מען קען לעזען מיט נוצען. דר. פר. צאַהן, „ווירטשאַפטליכע ענטוויקלונג, אונטער בעזונדערער בעריקזיכטיגונג דער פאָלקסצעהלונג 1905, זאָוויע דער בערופס און בעטריעבס צעהלונג 1907“; „זאַנדעראַבדרוק אויס דער אַנאַלען דעם דייטשען רייכס“, מינכען 1910 און 1911; דר. יאָזעף גרונצעל, „סיסטעם דער אינדוסטריע־פאָליטיק“, לייפציג, 1905; און „דער זיעג דעם אינדוסטריאַליזמוס“, לייפציג, 1911; וו. זאָמבאַרט „פערלאַגססיסטעם (האַוזאינדוסטריע)“ אין קאָנראַד׳ס „האַנדווערטערבוך דער שטאַאַטס־וויסענשאַפטען“, 3טע אויפלאַגע, באַנד 8; ר. וואַן דער באָרגהט, „בערוף, געזעלשאַפטליכע גליעדערונג און בעטריעב אים דייטשען רייכע“ אין פאָרטרעגע דער געהע־שטיפטונג, באַנד 2, 1910; און היינריך קאָך, „די דייטשע הויזאינדוסטריע“, (מ. גלאַדבאַך, 1905). מעהרערע אַנדערע ווערק ווערען דערמאָנט פון די פערפאַסער.

אין אַט די אַלע ווערק וועט דער לעזער געפינען אַ ווייטערע בעשטעטיגונג פון די געדאַנקען וועגען די קליינע אינדוסטריען, וואָס זיינען אויסגעדריקט געוואָרען אין די קאַפיטלען 6 און 7. ווען איך האָב ענטוויקעלט די דאָזיגע געדאַנקען אין דער ערשטער אויסגאַבע פון אַט דעם בוך, האָט מען איינגעווענדעט געגען מיר, אַז הגם קיינער לייקענט ניט אָב די עקזיסטענץ פון אַ גרויסער צאָהל קליינע אינדוסטריען, און ווען אפילו זייער גרויסע פערשפרייטונג אין אַזאַ הויך־אינדוסטריעל ענטוויקעלטען לאַנד ווי ענגלאַנד איז געווען אונבעקאַנט פאַר די עקאָנאָמיסטען, פונדעסטוועגען איבערצייגט אַט דער פאַקט גאָרנישט. די דאָזיגע אינדוסטריען זיינען נישט מעהר ווי אַן איבערבלייב, און ווען מיר וואָלטען געהאַט דאַטען וועגען די פערשיידענע קלאַסען אינדוסטריע א י ן פ ע ר ש י י ד ע נ ע פ ע ר י אָ ד ע ן, וואָלטען מיר ערשט געזעהן ווי שנעל די קליינע אינדוסטריען פערשווינדען.

נו, איצטער האָבען מיר אַזוינע דאַטען פאַר דייטשלאַנד, פאַר אַ פעריאָדע פון 25 יאָהר, אין די דריי צענזוסען פון 1882, 1895 און

1907; און וואס איז נאך וויכטיגער, אט די 25 יאהר געהערען צו א מאמענט אין דעם לעבען פון דייטשלאנד, ווען א מעכטיגע אינדוס־טריע האט זיך ענטוויקעלט אויף א גרויסען מאסשטאב מיט זעהר א גרויסער שנעלקייט. אט דא האט מען דאס אויסשטארבען פון די קליינע אינדוסטריען, זייער „פערשלונגען ווערען" פון די גרויסע געשעפטען און די אנגענומענע „קאנצענטראציע פון קאפיטאל" געדארפט קענען זעהן פאלשטענדיג. אבער די ציפער־רעזולטאטען, ווי זיי ווייזען זיך ארויס פון די דריי צענזוסען, און ווי זיי זיינען אויפגעקלערט געווארען פון די, וואס האבען זיי שטודירט, צייגען אן אקוראט דעם היפוך. די לאגע פון די קליינע אינדוסטריען אין דעם לעבען פון אן אינדוסטריעלען לאנד איז אקוראט אזוי, ווי מען האט עס געקענט פאראויסזעהן 25 יאהר צוריק, און זעהר אפט ווערט זי בעשריבען פונקט מיט דיזעלביגע ווערטער, וואס איך האב געברויכט.

דאס דייטשע „סטאטיסטישעס יאהרבוך" גיט אונז די פערטיי־לונג פון די ארבייטער אין די פערשיידענע אינדוסטריען פון דער דייטשער אימפעריע אין די יאהרען 1882 און 1895. לאזענדיג אן א זייט אלע בעטריעבען, וואס געהערען צום פאך און וואס זיינען פערנומען מיט'ן פערקויף פון אלקאהאלישע געטרענק (955,680 אנ־שטאלטען, 2,165,638 ארבייטער), ווי אויך 42,321 אנשטאלטען וואס געהערען צו דער הארטיקולטור, פישערייי און עופות־האלטען (103,128 ארבייטער אין יאהר 1895) זיינען געווען אין אלע אינדוס־טריען, אריינרעכענענדיג די מינען, 1,237,000 בעלי מלאכות, וואס האבען געארבייט פאר זיך, און אריבער 900,000 אנשטאלטען, אין וועלכע 6,730,500 מענשען זיינען געווען בעשעפטיגט. זייער פערטיי־לונג אין אנשטאלטען פון פערשיידענער גרויס איז געווען ווי פאלגט:

1895	אנשטאלטען	ארבייטער	דורכשניט פער אנשטאלט
פון 1 ביז 5 ארבייטער — — — —	752,572	1,954,125	2.6
פון 6 ביז 50 ארבייטער — — — —	139,459	1,902,049	13
אריבער 50 ארבייטער — — — —	17,941	2,907,329	162
סך הכל — — — — — —	909,972	6,763,503	7.5

בעלי מלאכות וואס ארבייטען אליין	1,237,000	1,237,000	
(צוזאמען) — — —	(2,146,972)	(8,000,503)	(4)

צוועלף יאהר שפעטער זיינען די אינדוסטריען, ווי עס ווייזט דער נעקסטער צענזוס, וואס איז געמאכט געווארען אין יאהר 1907, געווען פערטיילט ווי פאלגט: —

1907	אנשטאלטען	ארבייטער	דורכשניט פער אנשטאלט
פון 1 ביז 5 ארבייטער — — — —	875,518	2,205,539	2.5
פון 6 ביז 10 ארבייטער — — — —	96,849	717,282	7
פון 11 ביז 50 ארבייטער — — —	90,225	1,996,906	22
פון 51 ביז 100 ארבייט. — — —	15,783	1,103,949	70
פון 101 ביז 500 ארב. — — —	11,827	2,295,401	194
איבער 500 ארבייטער — — — —	1,423	1,538,577	1,081
סך הכל — — — — — —	1,091,625	9,858,120	9
בעלי מלאכות וואס ארבייטען אליין	994,743	994,743	
(צוזאמען) — — —	(2,086,368)	(10,852,863)	(5)

כדי צו קענען פערגלייכען דעם צושטאנד אין די דריי פעריאָדען, גיב איך דא (אין רונדע ציפער) די צאהל אנשטאלטען, וואס בעקומט זיך פון די דריי צענזוסען: —

	1882	1895	1907
פון 1 ביז 5 ארבייטער — — — —	746,000	753,000	875,000
פון 6 ביז 50 ארבייטער — — —	85,000	139,000	187,000
איבער 50 ארבייטער — — — —	9,000	18,000	30,000
סך הכל — — — — — —	830,000	910,000	1,092,000
בעלי מלאכות וואס ארבייטען אליין	1,430,000	1,237,000	995,000
(צוזאמען) — — —	(2,270,000)	(2,147,000)	(2,086,000)

וואָס עס צייגט זיך אַרויס גאַנץ קלאָר פון דעם לעצטען צענזוס, איז דער שנעלער אַרונטערפאַל אין דער צאָהל בעלי מלאכות, וואָס אַרבייטען אַליין, דאָס רוב אָהן דער הילף פון מאַשינעריע. אַזאַ אינ־דיווידועלער אופן פון פּראָדוקציאָן ביים האַנד, גנעהט נאַטירליך אונ־טער. אַ סך זעלבסטשטענדיגע בעלי מלאכות אפילו בענוצען איצטער אַ וועלכען עס איז סאָרט בעוועג־קראַפט, און נעהמען צו איינעם אָדער צוויי נעדונגענע העלפער. אָבער דאָס צייגט ניט אין דעם מינדסטען, אַז די קליינע אינדוסטריען, וואָס ווערען בעטריבען מיט דער הילף פון מאַשינעריע, זאָלען ווערען ווייניגער. דער צענזוס פון 1907 בעווייזט גראָד דעם געגענטייל, און אַלע די, וואָס האָבען איהם שטודירט, מוזען דאָס אָנערקענען.

פון אַן אויסגעשפּראָכענעם אונטערגאַנג פון די קליינע אָנ־שטאַלטען, אין וועלכע 5 אָדער ווייניגער מענשען זיינען בעשעפטיגט, איז, פערשטעהט זיך, ניטאָ קיין סימן", שרייבט דר. צאָהן אין זיין אויבענדערמאָנטען ווערק. פון די 14 מיט דריי צעהנטעל מיליאָן מענשען, וואָס לעבען פון אינדוסטריע, געהערען גאַנצע 5 מיליאָן מיט פיער צעהנטעל צו דער קליין־אינדוסטריע.

אָנשטאָט ווערען ווייניגער, האָט די קאַטעגאָריע זיך אַ היבש ביסעל פערגרעסערט זינט 1895 (פון 732,572 אָנשטאַלטען מיט 1,954,125 אַרבייטער אין יאָהר 1895, ביז 875,518 אָנשטאַלטען און 2,205,539 אַרבייטער אין יאָהר 1907). אויסער דעם ווערט פער־מעהרט ניט נאָר די זעהר קליינע אינדוסטריע, נאָר די קליינע האָט זיך אויך פערמעהרט נאָך אפילו מעהר ווי די זעהר קליינע, דהיינו— אויף 47,615 אָנשטאַלטען און 812,139 אַרבייטער.

וואָס געהערט דער זעהר גרויסער אינדוסטריע, בעווייזט אַ גענויער אַנאַליז פון דאָס, וואָס די דייטשע סטאַטיסטיקער בעשריי־בען אַלס „ריעזענבעטריעבע", אַז זיי בעלאַנגען הויפּטזעכליך צו די אינדוסטריען, וואָס אַרבייטען פאַר'ן שטאַאַט, אָדער צו די וואָס זיינען געשאַפען געוואָרען אַלס פאָלגע פון שטאַאַט־געשאָנקענע מאָנאָפּאָליען. אַזוי צ. ב. ש., בעשעפטיגט די קרופּפּ אַקציען־געזעלשאַפט 69,500 מענשען אין זייערע 9 פערשיידענע אָנשטאַלטען, און יעדער איינער וויים, אַז די קרופּפּ־פאַבריקען זיינען אין דער ווירקליכקייט אַן אַנשטאַלט וואָס העננט אָב פון'ם שטאַאַט.

די מיינונגען פון די אויבענדערמאָנטע דייטשע פּראָפעסער

וועגען די פאַקטען, וואָס האָבען זיך אַרויסגעוויזען דורך די אינדוס־טריעלע צענזוסען, זיינען זעהר אינטערעסאַנט.

רעדענדיג וועגען די קליינע אינדוסטריען אין דייטשלאַנד, שרייבט וו. זאָמבאַרט, אין דעם אַרטיקעל „פערלאַגססיסטעם (הויז־אינדוסטריע)“, אין קאָנראַד׳ס „האַנדווערטערבוך“: „עס קומט אויס פון דעם צענזוס פון 1907, אַז די פערלוסטען אין די קליינע אינדוסטריען זיינען כמעט אויסשליסליך בעשרענקט אויף אַזוינע הויזליכע אינדוסטריען, וועלכע ווערען געוועהנליך בעשריבען אַלס די אַלטע, בעת די געווינסען געהערען צו די מאָדערנע הויזליכע אינדוסטריען“. די סטאַטיסטישע דאַטען בעשטעטיגען אויף דעם אופן, אַז „ביי דער איצטיגער צייט קומט פאָר אַ פרישע אויפלע־בונג אין די הויזליכע אינדוסטריען; אָנשטאָט יענע וואָס שטאַרבען אָב, וואַקסען אויס כמעט דיזעלביגע צאָהל“ נייע (ז. 242). פּראָ־פעסאָר זאָמבאַרט צייגט אָן, אַז דיזעלביגע זאַך קומט פאָר אין דער שווייץ און בעציהט זיך אויף איניגע נייע ווערק וועגען דעם ענין.*

דר. זש. גרונצעל קומט צו אַ עהנליכען שלום: „די ערפאַהרונג פון לעבען בעווייזט, אַז די הויז־אינדוסטריען זיינען ניט אַ פאָרם פון אינדוסטריעלער אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט שוין אָבגעלעבט איהר צייט“ — שרייבט ער אין זיין פריהער־דערמאָנטען ווערק. „אין געגענטייל, עס ווייזט זיך אַרויס, אַז זי פערמאָגט אַ גרויסע לעבענס־קראַפט אין געוויסע צווייגען. זי פערשפּרייט זיך אין אַלע צווייגען, וואו די האַנד־אַרבייט האָט אַ פאָרצוג איבער דער אַרבייט פון דער מאַשין“ (ז. 46). זי האַלט זיך אויך אויף, וואו דער ווערטה פון דער אַרבייט שטייגט זעהר פיעל אַריבער דעם ווערטה פון דעם רויהען מאַטעריאַל; און ענדליך, אין אַלע צווייגען, וואָס גיבען זיך אָב מיט אַרטיקלען, וועלכע בייטען זיך שנעל מיט יעדען סעזאָן און די קאַפּריזען פון דער מאָדע. און ער בעווייזט (ז. ז. 46 און 149), ווי די הויז־אינדוסטריען האָבען זיך פערמעהרט אין דייטש־

* „די הויז־אינדוסטריע אין דער שווייץ: אויסצוג אויס דער ערגעבניסען דער עידגענאָססישען בעטריעבסצאָהלונג פאָן אויגוסט 9, 1905; ע. ריזער, „ל|אינדוסטריע האָרלאָזשער“, צוריך, 1909; זש. בעק, „די שווייצערישע הויז־אינדוסטריע, איהרע סאָציאַלע אונד ווירטהשאַפט־ליכע לאַגע“, גריטלי פעראיין, 1909.

לאנד פון יאהר 1882 ביז 1895, און ווי זיי זיינען ווייט פערשפרייט אין עסטרייך, פראנקרייך, דער שווייץ, איטאליע, בעלגיען און ענג־לאנד.

די שלוסען, צו וועלכע דר. וואן דער בארגהט קומט, זיינען כמעט דיזעלביגע. „עס איז אמת — זאגט ער — אז די צאהל בעלי־מלאכות, וואס ארבייטען אליין, האט זיך פערקלענערט אין די מעהרסטע אינדוסטריען; אבער זיי שטעלען נאך אלץ פאר צוויי פינפטעל פון אלע אינדוסטריעלע אנשטאלטען, און אין געוויסע אינדוסטריען אפילו מעהר ווי א העלפט. אין דערזעלביגער צייט האבען די קליינע אנשטאלטען (וואס בעשעפטיגען פון איינעם ביז פינף ארבייטער) זיך פערגרעסערט אין צאהל און זיי צעהלען כמעט א העלפט פון אלע אינדוסטריעלע אנשטאלטען, און אין איינציגע גרופען אפילו נאך מעהר ווי א העלפט."

וואס געהערט קאך'ס ארבייט „די דייטשע הויז־אינדוסטריע", פערדיענט עס ספעציעל דערמאנט צו ווערען צוליב דער דיסקוסיע, וואס עס ענטהאלט מכח די מיטלען, וועלכע ווערען פערטיידיגט פון איין זייט אויסצוראטען די הויז־אינדוסטריע, און פון דער אנדער זייט, צו פערבעסערן די לאגע פון די ארבייטער און די אינדוסטריען גופא דורך קאאפעראציע, קרעדיט, שאפ־אינספעקציע און דערגלייכען.

א1. — די הויז־אינדוסטריען אין דער שווייץ.

מיר האבען העכסט אינטערעסאנטע מאנאגראפיעס, וואס בעהאנדלען בעזונדערע צווייגען פון די קליין־אינדוסטריען אין דער שווייץ, אבער מיר האבען נאך ניט אזוינע אומפאסענדע סטאטיס־טישע דאטען, ווי די וואס זיינען דערמאנט געווארען אין טעקסט, רעדענדיג וועגען דייטשלאנד און פראנקרייך. ערשט אין יאהר 1901 איז געמאכט געווארען די ערשטע פראבע צו בעקומען די גענויע צאהל ארבייטער, וואס זיינען בעשעפטיגט אין די פאכען, וועלכע די שווייצערישע סטאטיסטיקער בעשרייבען אלס „הויז־אינ־דוסטריע", אדער „דער הויז־אינדוסטריעלע אנהאנג דער פאבריק־אינדוסטריע". ביז דאמאלסט זיינען די צאהלען געווען „אן אב־סאלוט אונבעקאנטער סכום". פאר פיעלע מענשען איז עס דעריבער געווען א נייע ענטפלעקונג, ווען אן ערשטער אלגעמיינער אבשאץ,

וואָס די פאַבריק־אינספעקטאָרען האָבען געמאַכט, האָט געגעבען די ציפער 52,291 אַרבייטער אין אַט דער קאַטעגאָריע, לגבי 243,200 מענשען, וואָס זיינען געווען בעשעפטיגט אין אַלע פאַבריקען, גרויסע און קליינע, פון דיזעלביגע בראַנזשען. עטליכע יאָהר שפּעטער איז שולער, אין „צייטונג פיר שווייצערישע סטאַטיסטיק", 1904 (איבער־געדרוקט זינט דאַן אין אַ בעזונדער באַנד) געקומען צו דער ציפער 131,299 מענשען, וואָס זיינען בעשעפטיגט אין די הויז־אינדוסטריען. אַט די ציפער, הגם זי איז פיעל נעהענטער צו דער ווירקליכקייט ווי די פריהערדיגע, איז דאָך נאָך אַלץ נידעריגער איידער די ווירק־ליכע ציפער. ענדליך האָט אַן אָפיציעלער צענזוס פון די אינ־דוסטריען, וואָס איז געמאַכט געוואָרען אין יאָהר 1905, געגעבען די ציפער 92,162 מענשען, בעשעפטיגט אין די הויז־אינדוסטריען אין 70,873 אַנשטאַלטען, אין די פאָלגענדע צווייגען — טעקסטילען, זייגערס און ציערונג־זאַכען, שטרוי־פלעכטעריי, קליידונג, האָלץ־שניצעריי און טאַבאַק. זיי שטעלען אויף דעם אופן מיט זיך פאַר מעהר ווי אַ פערטעל (28½ פּראָצענט) פון די 317,027 פועלים, וואָס זיינען בעשעפטיגט אין דער שווייץ אין אַט די בראַנזשען, און 15 מיט זיבען־צעהנטלעך פּראָצענט פון אַלע אינדוסטריעלע פועלים, וועלכע האָבען געצעהלט 585,574 אין יאָהר 1905.

פון אַט די אַקאָרשט־דערמאָנטע 92,162 אַרבייטער, וואָס זיינען רעגיסטרירט אין די הויזליכע מלאָכות, געהערן כמעט ¾ (66,061 אין 49,168 אַנשטאַלטען) צו דער טעקסטיל־אינדוסטריע, דערהויפּט ביי שטריקעריי און זייד; דאַן קומט דער זייגערמאַכער־פאַך (12,871 פּערזאָן אין 9,186 אַנשטאַלטען), שטרוי־פלעכטעריי און קליידונג. אָבער אַט די ציפער זיינען נאָך אַלץ ניט פאָלשטענדיג. ניט נאָר זיינען אייניגע קלענערע צווייגען פון די הויזליכע מלאָכות ארויס־געלאָזט געוואָרען פון דעם צענזוס, נאָר עס זיינען אויך ניט גערע־כענט געוואָרען די קינדער אונטער 14 יאָהר, וואָס אַרבייטען אין די הויזליכע מלאָכות און ווערען געשאַצט אַרום 32,300. אויסער דעם. אַזוי ווי דער צענזוס איז געמאַכט געוואָרען אום זומער, אין סעזאָן פון „אַנגעפאָהרענע פרעמדע", איז אַ היבשע צאָהל, וואָס איז בעשעפטיגט אין פערשיידענע הויזליכע מלאָכות אום ווינטער, ניט אריינגעגאַנגען אין צענזוס.

מען מוז אויך בעמערקען, אַז דער שווייצערישער צענזוס

רעכענט אונטער'ן נאָמען „היים־ארבייט" נאָר אזוינע „אָבהענגיגע פון די אינדוסטריעלע ארבייטגעבער", וועלכע שטעלען ניט פאַר קיין בעזונדערע פאַבריקען, וואָס שטעהען אונטער דער אויפזיכט פונ'ם ארבייטגעבער; אזוי אז די ווערקשעפער און קליינע פאַבריקלעך, וואָס פערקויפען זייערע פּראָדוקטען דירעקט צו די געברויכער, אָדער די וואָס ווערען דירעקט פערוואַלטעט פון קליינע בעלי־בתים, ווערען ניט אריינגערעכענט אין דער קאַטעגאָריע. ווען מען נעהמט אָט דאָס אַלץ אין בעטראַכט, מוזען מיר איינשטימען מיט דעם שלום, אז „די הויז־מלאָכות זיינען פיעל מעהר פערשפּרייט אין דער שווייץ איידער אין וועלכען־עס־איז לאַנד פון אייראָפּאַ" (א חוץ רוסלאַנד), וואָס מיר געפינען אין אַ גרויסען נייען ווערק — „די ווירטשאַפטליכען אונד זאָציאַלען פערהעלטניססע אין דער שווייצערישען היימארבייט", ציריך, 1910־11, ז. 27 — וואָס איז געדרוקט געוואָרען אין פערבינדונג מיט דער אויסשטעלונג פון די שווייצערישע הויז־אינדוסטריען, און רעדיזשירט געוואָרען פון הערין זשאַק לאָרענץ.

אַ בעדייטענדער שטריך, וואָס צייגט זיך ארויס פון אָט דעם לעצטען ווערק, איז דאָס, וואָס מעהר ווי אַ העלפט פון די ארבייטער, וואָס זיינען בעשעפטיגט אין די הויז־מלאָכות, האָבען אַנדערע הכנסות אחוץ פון די דאָזיגע מלאָכות. זעהר פיעל זייערע בעטרייבען אַגריקולטור, אזוי אז מען פלעגט זאָגען, אז אין דער שווייץ איז די הויז־מלאָכות־פראַגע פונקט אזויפיעל אַ פּ ו י ע ר י ם ־ פ ר אַ ג ע, ווי אַן ארבייטער־פראַגע.

עס איז אונמעגליך דאָ צו רעזומירען די אינטערעסאַנטע דאַטען, וואָס געפינען זיך אין די ערשטע פיער אָבשניטען, וועלכע הערר לאָרענץ האָט פערעפענטליכט, און וועלכע בעהאַנדלען די באַוועל, זייד און לייווענט־אינדוסטריען, מיט זייערע קעמפען געגען דער מאַשין, זייערע מפּלות אין איינציגע בראַנזשען און זייער כח צו בלייבען ביי דאָס זייעריגע אין אַנדערע בראַנזשען, און אזוי ווייטער. איך מוז דעריבער אָבשיקען דעם לעזער דירעקט צו אָט דעם זעהר לעהררייכען ווערק.

דער סוף.

ווערט אַ מיטגליעד אין דער

קראַפּאָטקין ליטעראַטור געזעלשאַפט!

די קראַפּאָטקין ליטעראַטור־געזעלשאַפט האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע צו שאַפען אַ וויסענשאַפטליכע סאָציאַל־פּאָליטישע ליטעראַטור אין אידיש. זי טראָגט קראַפּאָטקין'ס נאָמען און אַנער־קענונג פון זיין גרויסער פערזענליכקייט אַלס לעהרער און קעמפפער פאַר פרייהייט. אויסער זיינע ווערק וועט די געזעלשאַפט ארויס־געבען די בעריהמטע ווערק פון די סאָציאַליסטישע און אַנארכיס־טישע קלאַסיקער, ווי אויך פון די מאָדערנע וויסענשאַפטליכע שרייבער.

די געזעלשאַפט האָט אָנגענומען די פאָלגענדע סטאַטוטען:

1. דער צוועק פון דער געזעלשאַפט איז ארויסצוגעבען סאָ־ציאַל־וויסענשאַפטליכע ווערק אין אידיש.

2. יעדער איינער, וואָס סימפּאַטיזירט מיט דער אויפגאַבע פון דער געזעלשאַפט און צאָהלט איין 1 דאָלאַר אַ יאָהר, קען אויפ־גענומען ווערען אַלס מיטגליעד.

3. יעדער מיטגליעד בעקומט צוגעשיקט פריי אַלע ביכער, וואָס די געזעלשאַפט גיט ארויס דורכ'ן יאָהר.

4. איין מאָל אַ יאָהר קומט פאָר אַ גענעראַל־פערזאַמלונג פון די מיטגליעדער, אויף וועלכע עס ווערט אָבגעגעבען אַ יעהר־ליכער בעריכט פון דער טהעטיגקייט פון דער געזעלשאַפט און עס ווערען געוועהלט די נויטיגע פערוואַלטער.

אַלס פּרעמיום פאַר נייע מיטגליעדער גיט די געזעלשאַפט איהרע פריהערדיגע אויסגאַבען פאַר העלפט פּרייז.

אַלע געלדער זאָלען געשיקט ווערען צו אונזער טרעזשורער:

DR. J. A. MARYSON,

250 East Broadway, New York.

די קראָפּאָטקין ליטעראַטור געזעלשאַפט

האָט ביז איצט ארויסגעגעבען די פאָלגענדע ווערק פון פּעטער קראָפּאָטקין:

מעמוארען פון א רעוואָלוציאָנער

איבערגעזעצט פון ג. דייוויד, אונטער דער רעדאַקציאָן פון דר. י. א. מעריסאָן.

יובילעאום אויסגאַבע

מיט א פאָררעדע פון געאָרג בראַנדעס.

דאָס בוך איז אַן אויטאָביאָגראַפיע פון פּעטער קראָפּאָטקין און ענטהאַלט געטרייע און העכסט אינטערעסאַנטע בילדער פון דער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג אין רוסלאַנד, דער שווייץ, פראַנקרייך און ענגלאַנד, פון די 70יגער יאָהרען פון פאָריגען י. ה. ביז דער לעצטער צייט.

526 זייטען פון גרויסען פאָרמאַט, דע לוקס אויסגאַבע, האַלב לעדער און סילק, עקסטרא פּאַפּיער, פּרייז $1.50 נעט. פּאָרטאָ פריי.

געגענזייטיגע הילף
ביי חיות און מענשען

מיט א ספּעציעלער פאָררעדע פון פּערפאַסער צו דער אידישער אויסגאַבע.

איבערזעצט פון דר. י. א. מעריסאָן.

448 זייטען, שעהן געבונדען אין עקסטרא קלאָטה, פּרייז $1.00, פּאָרטאָ פריי.

פעלדער, פאַבריקען און ווערקשעפער

איבערזעצט פון דער לעצטער פערגרעסערטער ענגלישער אויסגאַבע פון דר. י. א. מעריסאָן.

410 זייטען, שעהן געבונדען אין עקסטרא קלאָטה, פּרייז $1.00, פּאָרטאָ פריי.

בוכהענדלער קענען בעקומען אַלע אונזערע אויסגאַבען דורך אונזער איינציגען הויפּט־אגענט:

מייזעל'ס פערלאַג

424 Grand Street, New York.